STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13616

VAYSE NEKHT UN SHVARTSE TEG

Mark Meir Dvorzetsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד"ר מ. דוואָרזשעצקי

ווייסע נעכט
און
שווארצע טעג

(יידן־לאַגערן אין עסטאָניע)

די שיטה פון די דעפּאָרטאַציעס און די שיטה פון די קאַצעטן,
די עמידה פון די קאַצעטלער, אונטערערד, דאָס אַנטלויפן אין די וועלדער

פאַרלאַג י. ל. פרץ ישראל

1970 — תשל"א

Dr M. Dworzecki

The Jewish Camps in Estonia

ד״ר מ דוואָרזשעצקי

ווייסע נעכט און שוואַרצע טעג

(יידן־לאַגערן אין עסטאָניע)

©

נדפס בישראל
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

Printed in Israel, 1970
Publishing-House I. L. Peretz, 31 Allenby str., Tel-Aviv, Israel

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 32062

צום זכרון

פון מיין פאָטער דוב־בער נפטר געוואָרן אין ווילנער געטאָ.

פון מיין מוטער צביה (געבוירן ראָמאַנאָוו) אַרויסגעפירט אויפן וועג פון ניט־צוריקקומען אין ליקווידאַציע־טאָג פון ווילנער געטאָ.

פון מיין פרוי מרים (געבוירן קויפמאַן) און פון מיין שוועסטער שפרה, דערמאָרדעט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קלאָגע.

פון מיין שוועסטער ליזע ליפשיץ, איר מאַן זאב און טעכטערל מאַדיע, אומגעקומען אין די שחיטות פון ווייסרוסלאַנד.

פון מיין שוועסטער סימע גינזבורג, נפטר געוואָרן אין תל־אביב.

פון מיינע פעטערס און מומעס: יעקב דוואָרזשעצקי, פרוי העלענאַ, אליהו, וויטע; מכלה באָרישאַנסקי (דוואָרזשעצקי), מאַן דוב־הירש, קינדער: שמריהו, גוטע, חוה; הדסה ראַבינאָוויטש (דוואָרזשעצקי), מאַן נחום, קינדער: נחום, ליבע, אריה, סימע; רחל לעווין (ראָמאַנאָוו); לאה זאַלצבערג (ראָמאַנאָוו), מאַן משה און זון אליהו; חיה דיסטילירער (ראָמאַנאָוו), מאַן ראובן, טעכטער שפרה און צפורה — אומגעקומען דורך די נאַציס.

משפחה: שרה רבקה אַבראַמאָוויסקי, שמריהו, כיענע, יענטע, נחום, חנה־געלע אַבראַמאָוויסקי; שלום, גנייע, נחום אַבראַמאָוויסקי; דב, יעקב, רחל נחמה אַבראַמאָוויסקי — אומגעקומען דורך די נאַציס.

פעטער איזידאָר דוואָרזשעצקי, נפטר געוואָרן אין ישראל; טאַנטע סאָניע ליבערמאַן (דוואָרזשעצקי), נפטר געוואָרן אין רומעניע; פעטער זאב ליבערמאַן, נפטר געוואָרן אין ישראל; קוזינע סימע בן־חור (אַבראַמאָוויסקי), נפטר געוואָרן אין ישראל; טאַנטע סימע לוריע (דוואָרזשעצקי) און פעטער ד״ר פנחס ראָמאַנאָוו — נפטר געוואָרן אין אַמעריקע.

שוואָגער צבי גפן, נפטר געוואָרן אין גלות סיביר; שוואָגער טוביה גפן, נפטר געוואָרן אין ווילנע.

און פון אַלע חברים צום ליידן און געראַנגל אין געטאָ, קאַצעטן און וועלדער.

ב ו ך ־ ק אָ מ י ט ע ט :

די דיכטער א. סוצקעווער און א. ברוידעס; ד. יוטאַן, ד״ר מ. פייגענבערג, א. סווירסקי, א. שעפּטעל (תל־אביב), ס. סקורקאָוויטש (ירושלים); ר. בוניאַק (חיפה); א. אַראָנסאָן, י. בורגין, ג. גאָרדאָנאָוויטש, ל. קוריסקי, י. ראַדזועלי, ח. שאַ־ליט (קולטור־קאָמיסיע פון קלוב „ווילנע״ אין ת״א).

עקזעקוטיוו: נ. באַזיליאַן (פאָרזיצער), א. אָרבאַך, מ. נאַדעל.

ד"ר מ. דוואָרזשעצקי

בעתן עדות־זאָגן וועגן ווילנער געטאָ און עסטאָנישע לאַגערן אויפן אייכמאַן־פּראָצעס
אין ירושלים, אין יאָר 1961

אינהאַלט

אַריינפיר 13

מקורות 18

פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן 18 ; אַרכיוו־מאַטעריאַלן 26

די פאַרניכטונג פון עסטאָנישן יידנטום 32

דעפּאָרטאַציעס 42

דעפּאָרטאַציע פון טערעזיענשטאַט 44 ; דעפּאָרטאַציע פון רייך 48 ; באַמערקונגען 50

דער לאַגער יאַגעלאַ 52

באַמערקונגען 57

פאַרשיקונגען קיין עסטאָניע צוליב די נויטן פון דייטשן מיליטער און פון דער דייטשער קריגס־אינדוסטריע

הימלער־באַפעל (21 יוני 1943) 59 ; וויאַלאַן 62 ; די קאָנצענטראַציע־לאַגערן ווייוואַראַ און קאָוונע 63

די דעפּאָרטאַציעס אין די עסטאָנישע לאַגערן

I ווילנער געטאָ 65 ; די „סטאַביליזאַציע־תקופה” אין געטאָ 65 ; אַקציע „קאָוונע־פּאָ
גאַר” 67 ; די פּראָבלעמען פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע 69 ; דער ערשטער
טראַנספּאָרט קיין עסטאָניע 71 ; דער אויפשטאַנד פון די אַרויסגעפירטע 72 ; די שיטה
פון דעפּאָרטאַציע ווערט געענדערט 74 ; די צווייטע דעפּאָרטאַציע 76 ; די דריטע
דעפּאָרטאַציע 79 ; דער טאָג פון יחיאל שיינבוים 80 ; אַרויסגעפירט אַן ערך 7.000
מאַן 81 ; די בלאָקן אויסערן געטאָ 82 ; אפּנאַרערײ־שיטה 82 ; גענס דערמאָרדעט 83 ;
די פּערטע דעפּאָרטאַציע 84 ; דער אָפיציעלער באַריכט וועגן דער געטאָ־ליקווידאַציע
80 ; II די דעפּאָרטאַציע פון קאָוונער געטאָ 85 ; די תקופה פון דער בהדרגהדיקער
ליקווידאַציע 85 ; די עסטאָנישע אַקציע 87 ; פּאַרטיזאַנער גייען אין די וועלדער 88 ;
III די דעפּאָרטאַציע פון לאַטוויע 89 ; IV די דעפּאָרטאַציע פון ביסטריצע 90 ;
V בריוו פון די דעפּאָרטירטע 90 ; אין וועלכע באַדינגונגען זענען געפירט געוואָרן
די פאַרכאַפּטע 91 ; די וואָס זענען געלאָפן בשעת די טראַנספּאָרטן 93 ; באַמערקונ
גען 95

דער ערשטער טאָג אין לאַגער 108

באַמערקונגען 111

דער מצב אויף די פראָנטן און די עסטאָנישע לאַגערן 113

די לאַגערן אין עסטאָניע און די קאַצעטן־וועלט 118

ווייוואַראַ (ווייוואַראַ־סאַקי) און די ביי־לאַגערן 120
באַמערקונגען 123
די לאַגערפירערס און די ס.ס.־לייט אין די עסטאָנישע לאַגערן 124
רשימה פון די ס.ס.־לייט 127 ; באַמערקונגען 128
דער סיסטעם פון טעראָר אין די עסטאָנישע לאַגערן 132
פייניקונגען, איזדיעקעווען זיך „באַשטראָפונגען" 132 ; סעלעקציעס, אַקציעס 142
באַמערקונגען 148
דער גורל פון די קינדער 154
לאַגערן ווו ס'זענען געווען „קינדער־קאָנצענטראַציעס" 158 ; קינדער־אַקציעס 157 ;
באַמערקונגען 159
די לעבנס־באַדינגונגען אין די לאַגערן 161
לאַגערן צווישן וועלדער און זומפן 161 ; די באַראַקן און די געביידעס 161 ; טאָג־
טעגלעכע לעבנס־באַדינגונגען 165 ; מלבושים 166 ; שיך 167 ; נומערירונג 168
דאָס ראַזירן 168 ; דאָס אַרויסגיין צו דער אַרבעט 169 ; דער צוריקקער פון דער
אַרבעט 169 ; לופט־אָנגריפן 170 ; צפון־שיין, „ווייסע נעכט" 170 ; באַמערקונגען 171
דאָס צופּאַסן זיך צו די לאַגער־באַדינגונגען 174
פּראָבלעמען פון צופּאַסן זיך צו די נויט־באַדינגונגען 174 ; פּאַקטאָרן, וואָס האָבן
געשטערט דאָס צופּאַסן זיך 180 ; די וועגן ווי אַזוי איבערצולעבן 182 ; באַמערקונ־
גען 185
באַשפּייזונג 187
באַמערקונגען 191
קראַנקייטן, שטערבלעכקייט און קאַמף פאַרן געזונט 194
די פאַרשפּרייטסטע קראַנקייטן 194 ; רעוויר, דאָקטוירים אין לאַגער און „שטרעקע־
דאָקטוירים" 196 ; דער ס.ס. דאָקטאָר — אַ רוצח ; דער קאַצעטלער־דאָקטאָר טראָגט
הילף 197 ; די יידישע דאָקטוירים אין די לאַגערן 199 ; באַמערקונגען 206
די אַרבעט אין די עסטאָנישע לאַגערן 211
באַמערקונגען 522
די סאָציאָלאָגישע פאַרענדערונגען אין די לאַגערן 230
פיזיש־ביאָלאָגישע צעטיילונג אויף אַרבעטס־פעיקע און אַרבעטס־אומפעיקע 231 ;
די וואָס אַרבעטן אין לאַגער און די וואָס אַרבעטן אויסערן לאַגער 232 ; צעטיילונג
לויט דער איניציאַטיוו־פעיקייט 237 ; צעטיילונג לויט דער גרייטקייט צו ריזיקירן
237 ; צעטיילונג לויט די אַרבעטס־שעהן 238 ; צעטיילונג לויטן מהות פון דער
אַרבעט 237 ; צעטיילונג לויט די אָפּשטאַם־לענדער 299 ; צעטיילונג לויט דער גע
רעדטער שפּראַך 240 ; צעטיילונג לויט מאָראַלישע און עטישע ווערטן 241 ; צעטיי־
לונג לויטן פּרינציפּ : קעגנזייטיקע הילף אָדער איינזאַמקייט 242 ; באַמערקונגען 243
אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס אין די לאַגערן 244
באַמערקונגען 249
דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין די לאַגערן 252
באַמערקונגען 258

קאָנטאַקטן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג 260
קאָנטאַקטן מיט די עסטאָניער 260 ; קאָנטאַקטן מיט די האָלענדער 264 ; סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע 266 ; דייטשן 271
באַמערקונגען 271
געהיימע קאָנטאַקטן צווישן די לאַגערן 275
באַמערקונגען 278
גייסטיקער ווידערשטאַנד פון די קאַצעטלער 280
זעלבסטהילף און מסירת־נפש 280 ; גורל־פאַרבינדונג 294 ;
באַמערקונגען 297
דאָס קולטור־לעבן אין די לאַגערן 301
די לאַגער־לידער 309 ; דאָסטאָגבוך און די רשימות פון ה. קרוק 323
באַמערקונגען 326
דאָס רעליגיעזע לעבן אין די לאַגערן
באַמערקונגען 338
די אונטערערד און די אַנטלויפענישן 341
די נאַצי־מיטלען, בכדי צו פאַרמיידן אַן אונטערערדישע באַוועגונג 34 ; אַלגעמיינע ליניעס פון דער אונטערערד 344 ; אַנטלויפענישן און ווידערשטאַנד־אַקטן 346 ;
באַמערקונגען 387 ; רשימה פון געראַטעוועטע 387
די ליקווידאַציע פון די לעצטע לאַגערן 377
די מאַסן־שחיטה אין לאַגעדי 389 ; די מאַסן־שחיטה אין קלאָגע 390
באַמערקונגען 387
די עוואַקואַציע קיין שטוטהאָף און דער גורל פון די אַרויסגעפירטע 389
באַמערקונגען 399
רשימה פון די עדות 394
נאַצי־פאַרברעכער (דייטשן און עסטאָניער) 399
כראָנאָלאָגיע 408
ביבליאָגראַפיע 414
זוכצעטל פון נעמען 421
ערטער 431
ענינים 435

רשימה פון בילדער

זייט 1 זאָנדערקאָמאַנדאָ א־1, עסטאָנישער סעקטאָר.

זייט 2 בריוו (42.7.15) וועגן אַריבערפירן דאָס געלט פון די עסטאָנישע יידן קיין בערלין.

זייט 3 די „ספּעציעלע רייזעס" פון די דייטשע באַנען, סעפּטעמבער 1942.

זייט 4 פאַרניכטונגס־פעלד קאַלעווי־ליוואַ.
אַ „טאָטענמעלדונג" אין די עסטאָנישע לאַגערן.

זייט 5 רשימה פון די אַרעסטירטע אין טאַלינער טורמע (1942.12.17).

זייט 6 נאָטן צום ליד „משה האַלט זיך" פון ווילנער געטאָ.
נאָטן צום ליד „לאָמיר שווייגן", וואָס איז געזונגען געוואָרן אין די עסטאָנישע לאַגערן.

זייט 7 הימלער־באַפעל (16 יוני 1942) וועגן אויפשטעלן די לאַגערן אין עסטאָניע און לאַטוויע.

זייט 8 אָנווייזונגען פון ד"ר ק. וויאַלאָן וועגן אויפשטעלן די לאַגערן אין עסטאָניע און לאַטוויע.

זייט 9 נאַצישע פאַרברעכער אין די עסטאָנישע לאַגערן: האַנס אַאומייער; ד"ר פראַנץ באָטמאַן; קורט שנאַבעל; עריך שאַרפעטער („דער קירקעניק").

זייט 10 יידישע פּערזענלעכקייטן צווישן די קאַצעטלער פון עסטאָניע: ז. ה. קאַלמאַנאָוויטש; ה. קרוק; ה. גליק; ד"ר י. דימענטמאַן; ד"ר מ. גירשאָוויטש; ש. בליאַכער.

זייט 11 רשימה פון קלאָגער קאַצעטלער, וואָס האָבן געאַרבעט אויסערן לאַגער.

זייט 12 רשימה פון קלאָגער קאַצעטלער, וואָס האָבן געאַרבעט אינערהאַלב דעם לאַגער.

זייט 13 פונקציעס פון די קאַצעטלער, וואָס האָבן געאַרבעט אינערהאַלב דעם קלאָגער לאַגער.

זייט 14 אַ זייט פון ה. קרוקס קלאָגער טאָגבוך (1944.7.14).

זייט 15 דער שילד ביים אַריינגאַנג אינעם לאַגער קלאָגע; „קלאָגע די מעטראָפּאָליע פון די יידן־לאַגערן אין עסטאָניע" (פון ה. קרוקס טאָגבוך, ערשטע זייט); פּערזענלעכע קאַרטע פון אַ קאַצעטלער, וואָס איז אומגעקומען אין קלאָגע.

זייט 16 די מאַסן־שחיטה אין קלאָגע; דער מאָנומענט אין קלאָגע צום אָנדענק פון די קרבנות.

דער פאַרלאַג און מחבר דאַנקן דעם „יד ושם" פאַרן דערלויבן צו באַנוצן זיך מיט די בילדער.

אויפקלערונגען

אייניקע אָרטשאַפטן דערשיינען אין בוך אונטער פאַרשידענע נעמען, היות זיי זענען אין דער מלחמה־צייט אַריבער פון איין מאַכט צו דער אַנדערער און זייערע נעמען זענען פאַרענדערט געוואָרן. מיר ברענגען דאָ די אָרטשאַפטן:

אויגוסטאָווע־אַווגוסטאָווע־יאגוסטאָווע
אָלשאַן־אָלשאַני
בעדזאַן־בעדזאַני
בראָמבערג־בידגאָשטש
גאַטשין־קראַסנאָגוואַרדייסק
וועזנבערג־ראקווערע
גדאַנסק־דאַנציג
דאָרפּאַט־טאַרטו
ווילנא־ווילנע־ווילניוס
זאַפּישקיס־סאַפּיזישאָק
זשעזשמער־זעזשמאַריאַי
טאַלין־רעוואַל
טערעזיענשטאַט־טערעזין
גאַצווייל'ער — שטרוטהאָף
סווענציאַני־סווענציאַן (שווענציאַני־שווענציאַן)
סאַל־סאָלי
סלאָבאָדקע־ווילי־אַמפּאָלי
פּסקאָוו־פּלעסקאַו
קאָה'נע קאַונאַס־קאָוען
קאָשידאַר־קיישידאָריס
שאַוול־שאַוולי־שאַוליאַי

נעמען פון די עסטאָנישע לאַגערן לויט פאַרשידענע אויסשפּראַכן ביי די יידישע קאַצעטלער:

אַאוואַראַ־אַאוואַרע־אויוואַרע
(בכדי אונטערצושטרייכן דעם „אוי!”)
גאַלדפילץ־גאָלדפיעלדס
הונגעבורג־הונגענבורג־הונגערבורג
(בכדי אונטערצושטרייכן דעם „הונגער”)
וויוויקאָן־וויוויקאָני־וויוויקאָניע
ווײַוואַראַ־ווייוואַראַ־ווײַוואַרע־ווייוואַרע
(בכדי אונטערצושטרייכן דעם „וויי”)
יעוויע־יאָווי
נאַרוואַ־נאַרווע
קאָטלאַ־קאָטהלאַ־קאָטלע־קאָכטלע
(אָפט במקום דעם נאָענט־שטייענדיקן לאַגער ערעדאַ)
ערעדאַ־ערעדע
קונדאַ־קונדע־פּאָרט־קונדע
קורעמע־קוראָמיי
קיוויאָלי־קיוויאָלאַ־קיוויאָלע
קלאָגאַ־קלאָאָגאַ־קלאָגע
(בכדי אונטערצושטרייכן דעם „קלאָג”)

די נעמען פון די עדות זענען באַצייכנט אויף די זייטן 395—398 לויטן א"ב. ס'זענען דאָ אייניקע עדות, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייערע עדות־דערקלערונגען אייניקע מאָל. דאָס ווערט באַצייכנט מיטן צוגאָב (א), (ב), (ג). אויב אַזאַ צוגאָב דערשיינט נישט ביים עדות, וואָס האָט אייניקע מאָל עדות געזאָגט, הייסט עס, אַז ס'רעדט זיך נאָר וועגן זיין ערשטן עדות־זאָגן. ביי יעדן עדות ווערט אָנגעגעבן די זייט פון עדות־זאָגן (למשל: אָרבאַך, 2). שטייט נישט אַזאַ פאַרצייכעניש, הייסט עס, אַז דער פאַקט דערשיינט אייניקע מאָל אין דעם עדות־זאָגן.

גראַדן פון די ס.ס.־לייט

היות עס ווערן אָפט דערמאָנט אינעם בוך די נעמען פון די ס.ס.־לייט און ס׳ווערן דערביַי פאַרצייכנט זייערע גראַדן אין דער ס.ס.־היעראַרכיע, ברענגען מיר דאָ די גראַדן־רשימה פון ס.ס. (פאַרגליכט מיט די פאַראַלעלע גראַדן אין אַרמייען):

ס.ס.־מאַן, שטורמאַן	זעלנער
ראָטנפירער	עלטערער זעלנער
אונטערשאַרפירער	סערזשאַנט
שאַרפירער	ערשטער סערזשאַנט
אָבערשאַרפירער	עלטערער סערזשאַנט
האַופּטשאַרפירער	ערשטער עלטערער סערזשאַנט
אונטערשטורמפירער	ייִנג. לויטענאַנט
אָבערשטורמפירער	לויטענאַנט
האַופּטשטורמפירער	קאַפּיטאַן
שטורמבאַנפירער	מאַיאָר
אָבערשטורמבאַנפירער	לויטענאַנט קאָלאָנעל
שטאַנדאַרטענפירער	קאָלאָנעל
אָבערפירער, בריגאַדעפירער	גענעראַל־מאַיאָר
גרופּנפירער, אָבערגרופּנפירער, אָבערסטגרופּנפירער	גענעראַל
רייכספירער	פערזענלעכער טיטל פון הימלערן

אַרייַנפיר

עסטאָניע אין דער נאַצי־תקופה איז געווען אַ לאַנד פון פאַרשקלאַפונג, טעראָר, קאָנצענטראַציע־לאַגערן און מאַסן־שחיטות; אין די עסטאָנישע תפיסות זענען אומגעקומען צענדליקער טויזנטער עסטאָניער, דערמאָרדעטע דורך דער דייטשער מאַכט און אירע עסטאָנישע קאָלאַבאָראַנטן; אין די געפאַנגען־לאַגערן זענען אומגעקומען צענדליקער טויזנטער סאָוויעטישע זעלנער; פאַראַן אַ סברא, אַז די צאָל אומגעקומענע סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע דערגרייכט ביז 75.000 מאַן.

די יידישע טראַגעדיע אין עסטאָניע האָט אין די טעג פון נאַצי־רעזשים געהאַט דריי תקופות:

א) די תקופה פון דער אויסמאָרדונג פון קליינעם יידישן ישוב אין עסטאָניע (חדשים: יולי—דעצמבער 1941).

ב) די תקופה פון יידישע דעפּאָרטאַציעס קיין עסטאָניע פון טערעזיענשטאָט און פון דריטן רייך (בערלין און פראַנקפורט־אַם־מיין), סעפּטעמבער 1942. דאָס זענען געווען דעפּאָרטאַציעס מיט הויפּט־ציל: פאַרניכטונג (90%).

ג) די תקופה פון דעפּאָרטאַציעס מיטן ציל פון אַרבעט לטובת דער דייטשער קריגס־אינדוסטריע און לטובת דעם דייטשן מיליטער. אַן ערך 20.000 יידן פון געטאָ־ווילנע זענען געבראַכט געוואָרן קיין עסטאָניע, אין 4 כוואַליעס פון דעפּאָרטאַציעס: 1) 6 אויגוסט 1943, 2) 24 אויגוסט 1943, 3) 1—3 סעפּטעמבער 1943 און 4) 23—26 סעפּטעמבער 1943 (ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ). דעם 26סטן אָקטאָבער 1943 זענען דעפּאָרטירט געוואָרן 2.800 יידן פון קאָוונער געטאָ. יאַנואַר 1944 זענען עטלעכע הונדערט יידן אַהערצו געבראַכט געוואָרן פון לאַטוויע. ס׳איז אונדז אויך באַקאַנט וועגן 500 יידישע פרויען פון טראַנסילוואַניע (ביס־טריצע), וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן אין יוני 1944 דורך אוישוויץ און ריגע אין די קאַצעטן פון עסטאָניע.

עסטאָניע האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אין דער צייט פון דער נאַצי־אָקו־פּאַציע (1941—1944) אַ טייל פון „אָסטלאַנד", ד״ה פון די שטחים אין צפון־מזרח אייראָפּע, וועלכע דער נאַצי־רייך האָט אָקופּירט ביים ראַטנפאַרבאַנד, און נעמלעך: ביעלאָרוסיע און די דריי באַלטישע מדינות (ליטע, לאַטוויע און עס־טאָניע).

עסטאָניע, די צפונדיקסטע פון די דריי באַלטישע לענדער, און וועמענס מזרח־גרענעץ געפינט זיך ניט ווייט פון לענינגראַד, איז געווען אַן אַרענע, אויף וועלכער ס׳האָבן זיך אָפגעשפילט אין דער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן: עסטאָניע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איינעם פון די הויפט־וועגן דורך וועלכע ס׳האָבן מאַרשירט די דייטשע אַרמייען מיט דער כוונה איינצונעמען לענינגראַד (די צווייטע וויכטיקע שטאָט אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָך דער הויפטשטאָט מאָסקווע, און די גרעסטע פאָרט־שטאָט אויפן באַלטישן ים). עסטאָניע איז געווען אין די אויגן פון די היטלעריסטן אַ קאָרידאָר צו דער אויסגעבענקטער באַהערשונג פון לענינגראַד. די באַזעצטע עסטאָניע האָט אויך געדאַרפט ווערן דער יסוד פאַרן איינשטעלן און באַזירן דעם נאַצי־רעזשים אין אַלע צפון־געביטן, הן די אָקופירטע און הן די וואָס וועלן נאָך אָקופירט ווערן דורך נאַצי־דייטשלאַנד.

אין עסטאָניע איז אין דער נאַצי־תקופה אויפגעשטעלט געוואָרן דורך נאַציאָנאַליסטישע און פראָהיטלערישע כוחות אַ מכלומרשטע „עסטאָנישע רעגירונג״, וואָס האָט קאָלאַבאָרירט מיט דער דייטשער אָקופאַציע־מאַכט, איז געשטאַנען צו איר רשות און אויסגעפירט אירע אַלע פאַראָרדענונגען. די דאָזיקע פראָהיטלערישע כוחות האָבן שוין אין די ערשטע טעג פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה מיטגעהאָלפן אָפשוואַכן די סאָוויעטישע כוחות אויף די שטחים פון עסטאָניע; די דאָזיקע כוחות האָבן שפעטער אויפגעשטעלט די עסטאָנישע פראָנאַצישע פאָליציי און דעם עסטאָנישן „ס.ס.־לעגיאָן״.

עסטאָניע איז אין דער נאַצי־תקופה געווען אַ מין לובלין־מיידאַנעק פון צפון־אייראָפע. דער סכום פון די הרוגים אין עסטאָניע אין די טעג פון נאַצי־רעזשים ווערט געשאַצט אויף 150.000 מאַן (יידן, עסטאָניער „פיינטלעכע צום נאַצי־רעזשים״, סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע).

אין אונדזער אַרבעט האָבן מיר זיך געשטעלט אַלס ציל אויסצופאָרשן דעם גורל פון די יידן, וואָס האָבן געלעבט, געליטן און אומגעקומען אין עסטאָניע בשעת דער נאַצי־תקופה; און בעיקר וועלן מיר זיך אָפשטעלן אויפן גורל פון די יידן, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן אין די עסטאָנישע קאַצעטן. מיר וועלן זיך מוזן גלייכצייטיק אָפשטעלן אויף געשעענישן, פאַרבונדענע מיט דער מלחמה פון דריטן רייך מיטן ראַטנפאַרבאַנד („באַרבאַראָסאַ״), אויף דעם ענין „איינזאַצגרופן״ בכלל און איינזאַצגרופע א׳, וואָס האָט דורכגעפירט די אויסראָטונג פון יידנטום אין אָסטלאַנד; מיר וועלן דערמאָנען איינע פון די קאָמאַנדעס פון איינזאַצגרופע א׳ און נעמלעך — די זאָנדערקאָמאַנדע א־1, וועלכע האָט אויסגעמאָרדעט דאָס עסטאָנישע יידנטום. די אַלע דערמאָנטע ענינים וועלן אונדז געבן צו פאַרשטיין ווי

אַזוי עסטאָניע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלוטיק לאַנד, און ווי אַזוי און צוליב וואָס זענען עס פאָרגעקומען די דעפּאָרטאַציעס קיין עסטאָניע.

מיר וועלן לערנען צו דערקענען די „שיטה פון די דעפּאָרטאַציעס" קיין עס־טאָניע אין פאַרגלייך מיט דער דעפּאָרטאַציעס־שיטה אין גאַנץ נאַצי־איי־ראָפּע; מיר וועלן אויך לערנען צו דערקענען די שיטה, לויט וועלכער ס'זענען אָרגאַניזירט געוואָרן די קאַצעטן פון עסטאָניע אין פאַרגלייך מיט דער „קאַצעטן־שיטה" אין גאַנץ נאַצי־אייראָפּע. מיר וועלן לערנען דאָס ענלעכע און דאָס באַ־זונדערע אין די אויבנדערמאָנטע שיטות.

מיר וועלן פּרוּוון פאַרשן די סיבות פון די דאָזיקע שינויים און מעטאַמאָר־פאָזעס אין דער שיטה פון די דעפּאָרטאַציעס און פון די קאַצעטן; פאַרוואָס זענען די אויסזידלונגען פון ווילנע, ביז אַפּריל 1943, געווען צום טויט. פאַרוואָס די דעפּאָרטאַציעס קיין עסטאָניע, זינט אויגוסט 1943, זענען געווען „אויף אַרבעט", ד"ה נישט צום באַלדיקן טויט?

מיר וועלן אויך פאַרשן, פאַרוואָס האָט די ליקווידאַציע פון די עסטאָנישע לאַגערן געהאַט אַ פאַרשידנאַרטיקן פאַרלויף? פאַרוואָס זענען די מייסטע לאַגערן פון עסטאָניע ליקווידירט געוואָרן דורך עוואַקואַציע אין אַנדערע לאַגערן און די לעצטע צוויי לאַגערן (לאַגעדי און קלאָגע) — דורך טאָטאַלער פאַרניכטונג?

מיר וועלן אויך פאַרשן די רעאַקציע פון די אַרויסגעפירטע — צום עצם־פאַקט פון דעפּאָרטאַציע.

דער אויפשטאַנד, וואָס איז אויסגעבראָכן בשעת דער ערשטער דעפּאָר־טאַציע פון ווילנער געטאָ (דעם 6טן אויגוסט 1943), איז געווען אַן אויפ־שטאַנד, באַגלייט מיט אַ סך פאַרוווּנדעטע און הרוגים. אַט דער דאָזיקער רע־וואָלט האָט אויפגעצוווּנגען די דייטשע מאַכט זי זאָל אַרויסשיקן קיין עסטאָניע יידישע בריגאַדירן, וועלכע זאָלן זיך צוריקקערן און דערציילן די געטאָ־מענטשן, אַז „אין עסטאָניע לעבט מען און מען אַרבעט, און דאָרט איז נישט קיין פאַרניכ־טונגס־לאַגער"; די דייטשע מאַכט האָט פאַרשטאַנען, אַז אָן די לעבעדיקע עדות, אַז אין עסטאָניע אַרבעט מען און מען ווערט נישט אויסגעשאָכטן — וואָלטן פאָרגעקומען אויפשטאַנדן ביי יעדן טראַנספּאָרט קיין עסטאָניע. מיר וועלן אויך פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז די אַרויספירונגען אין עסטאָניע האָבן אַרויסגערופן אין געטאָ־ווילנע דעם שטראָם פון פאַרלאָזן דאָס געטאָ און גיין אין וואַלד; מיר וועלן אויך פאַרצייכענען דעם פּרווו אַרויסצוגיין פון געטאָ־קאָוונע אין די אויגוס־טאָווער וועלדער, גלייך נאָך דער דעפּאָרטאַציע פון געטאָ־קאָוונע קיין עסטאָניע (אָקטאָבער 1943). מיר וועלן אויך פאַרצייכענען די אָפּטע אַנטלויפעונישן פון די באַנען, וואָס האָבן געפירט די טראַנספּאָרטן יידישע העפטלינגע קיין עסטאָניע.

ביז היינט צו טאָג זענען פֿאַראַן זייער ווייניק פּרוּוון פֿון אַ פֿאָרשונג וועגן די „יידישע לאַגערן" אין עסטאָניע; עס עקזיסטירן נאָך פֿראַגמענטאַרישע באַשרייבונגען, און דאָס אויך נאָר פֿון איינצלנע לאַגערן.

עסטאָניע איז געווען דאָס „וייטע לאַנד" אין די טעג פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה און ידיעות פֿון דאָרט זענען כמעט נישט דערגאַנגען צו דער גרויסער וועלט.

מיר וועלן פּרוּוון צו פֿאָרשן און דערגרונטעווען: ווי איז געווען די האַלטונג פֿון יידישן העפֿטלינג אין די עסטאָנישע קאַצעטן? מיר וועלן זיך אָפּשטעלן באַנוצן מיטן באַגריף „עמידה", ד"ה די האַלטונג פֿון קאַצעטלער — וואָס איז אַ קעגנשטעלן זיך די כוונות פֿון די נאַציס; אַ האַלטונג פֿון גייסטיקן נישט־אונטערגעבן זיך און נישט בייגן זיך. „להקהל ולעמוד על נפשם", טייטשט יהואָש (אסתר, ח, יא), „זיך איינצוזאַמלען און זיך שטעלן פֿאַר זייער לעבן"; „לעמוד במלחמה" (יחזקאל יג, ה) טייטשט יהואָש „באַשטיין אין דער מלחמה": „ולא יכלו עוד לעמוד בפני אויביהם" (שופטים ב, יג), טייטש יהואָש „און זיי האָבן מער נישט געקענט באַשטיין פֿאַר זייערע פֿיינט". מיר וועלן דעריבער לערנען, וועלכע זענען געווען די מעשים פֿון „באַשטיין ד.ה. פֿון ביישטיין, פֿון ווידערשטעלן זיך? צי איז געווען אַן אונטערערדישע באַוועגונג אין די לאַגערן? צי זענען געווען אינדיווידועלע, ספּאָנטאַנע רעזיסטאַנץ־אַקטן, אָדער אָרגאַניזירטע און פּלאַנירטע קאָלעקטיווע רעזיסטאַנץ־מעשים? צי זענען פֿאָרגעקומען אַנטלויפֿונגען אין די וועלדער: אינדיווידועלע? קאָלעקטיווע? ווען? ביי וועלכע באַדינגונגען? וואָס איז געווען דער סוף פֿון די דאָזיקע אַנטלויפֿענישן? וואָס זענען געווען די אויסדרוקן פֿון מאָראַלישן נישט־אונטערגעבן זיך?

די „העפֿטלינגע" אין עסטאָניע זענען געווען אָפּשטאַמיקע פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער; צווישן זיי זענען געווען אַ סך עסטאָניער (מיר פֿלעגן זיי רופֿן „עסטאָנצעס"); יידן (לכתחילה יידן עסטאָנישע בירגער, און שפּעטער יידן פֿון פֿאַרשידענע לענדער: טשעכיע, דייטשלאַנד, ליטע, לאַטוויע, אונגאַרן), סאָוויעטישע קריגס־געפֿאַנגענע, האָלענדער; געווען אויך קלאַנגען וועגן פֿאַרשיקטע פֿון פֿראַנקרייך.

טראָץ דעם מאַנגל פֿונעם מאַטעריאַל, וואָס געפֿינט זיך היינט צו טאָג אין די הענט פֿון אַ פֿאָרשער פֿון יענער תקופֿה, וועלן מיר פּרוּוון אויך אויפֿקלערן דעם ענין פֿון די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן די פֿאַרפֿאָלגטע פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער אין די טעג פֿון נאַצי־רעזשים אין עסטאָניע.

ס'וועט אונדז קלאָר ווערן, אַז צווישן די אָפּשטאַמיקע פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער זענען געווען פֿאַרשידענע שייכות מיט אַ פֿאַרשידענעם צוגאַנג. אַזוי, למשל, טרעטן אַ סך צווישן די עסטאָניער אַריין אין די רייען פֿון די קאָלאַבאָראַנטן,

באַטייליקן זיך אין דער פאַרניכטונג פון עסטאָנישן יידנטום און פון די יידן, וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פון אויסלאַנד קיין עסטאָניע; אַ סך עסטאָניער האָבן זיך אייגנהעגטיק באַטייליקט אין דעם אויסמאָרדן זייערע אייגענע ברידער — עסטאָניער, וואָס האָבן זיך נישט אידענטיפיצירט מיטן נאַצי־רעזשים און זענען נאָר פאַרדעכטיקט געוואָרן, אַז זיי זענען עלול צו ווערן קעגנער פון נאַצי־רע־זשים; אין דער זעלבער צייט זענען אויך געווען אַנדערע עסטאָניער, וואָס האָבן געהאָלפן די קאַצעטלער, אויף ווי ווייט זיי האָבן געקענט, און טראָץ דער מורא פאַרן נאַצי־טעראָר.

ס'וועט אונדז קלאָר ווערן, אַז אַנדערש איז געווען דער צוגאַנג צו די העפט־לינגען מצד דעם ביסל „אוניפאָרמירטע" האָלענדער, וואָס האָבן געטראָגן די ס.ס.־בגדים — און לגמרי אַנדערש איז געווען דער צוגאַנג פון די האָלענדער „ציווי־לע אַרבעטער", וועלכע זענען מיט צוואַנג אַרויסגעפירט געוואָרן אויף אַרבעט קיין עסטאָניע.

ס'וועט אונדז אויך קלאָר ווערן, אַז מיטן לויף פון דער צייט האָבן זיך אויס־פאָרמירט פאַרשידענע שיכטן צווישן די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע: שיכטן וועלכע האָבן נישט קאָלאַבאָרירט מיט די נאַציס, און שיכטן פון וועלכע ס'זענען אַרויס פאַרשידענע קאָלאַבאָראַנטן (מיר האָבן זיי גערופן „פערעקולשטשיקעס" ד"ה „די, וועלכע האָבן זיך איבערגעקייקלט"; אַנדערע האָבן זיי אַפילו גערופן „וולאַסאָווצעס", ווייל דער נאָמען „וולאַסאָוויעץ" איז אין יענע צייטן געווען אַ באַ־צייכענונג פאַר אַ בוגד אין סאָוויעטישן קאַמף קעגן נאַצי־דייטשלאַנד).

אין די עסטאָנישע וועלדער זענען געווען הן סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער און הן עסטאָנישע, פּראָסאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער. טראָץ דעם מאַנגל פון מאַטעריאַל, וועלן מיר אויך באַטראַכטן דאָס פּראָבלעם פון די באַציִונגען צווישן די קאַצעט־לער און די פּאַרטיזאַנער; צי זענען געווען זוכענישן פון קאָנטאַקטן? צי זענען געווען דערשיינונגען פון קעגנזייטיקער הילף?

אין דער באַשרייבונג פון די אַלע פּראָבלעמען און דערשיינונגען אין די עסטאָ־נישע לאַגערן, וועלן מיר זיך באַמיִען צו זוכן, ווי ווייט מעגלעך, דאָס ענלעכע כּלפּי אַלע לאַגערן פון נאַצי־דייטשלאַנד — און דאָס באַזונדערע, וואָס איז געווען כאַראַק־טעריסטיש נאָר פאַר די עסטאָנישע קאַצעטן.

*

אונדזער אַרבעט ווילן מיר זען ווי אַ צושטייער צו דער פאָרשונג, הן פון דער אָרגאַניזירטער אומְמענטשלעכקייט אין עסטאָניע, און הן צו דער פאָרשונג פון דעם נאָן־קאָנפאָרמיזם, און פון די ווידערשטאַנד־כּוחות אין אַלע זייערע פאָרמען, וואָס זענען טראָץ די מאוימדיקע לאַגער־באַדינגונגען, אַנטשטאַנען צווישן די יידישע קאַצעטלער אין עסטאָניע.

מקורות

אונדזער אַרבעט באַזירן מיר אויף:

א) מאַטעריאַלן, וועלכע זענען שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זכרונות־ביכער פון געוו. קאַצעטלער, און פּראָטאָקאָלן פון משפטים קעגן קריגס־פאַרברע־כער אד"גל.

ב) אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וואָס זענען נאָך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

א

פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן

צווישן די פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַנוצט, וועלן מיר דאָ דערמאָנען:

1) אויטענטישע נאַצישע דאָקומענטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה; צווישן זיי:

דאָקומענטן פון דער דייטשער ווערמאַכט (בעיקר בנוגע די פּלענער פון דער מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד, ד"ה די אַקציע „באַרבאַראָסאַ").

ס.ס.־דאָקומענטן בנוגע די לאַגערן.

באַריכטן פון די איינזאַצגרופּן בכלל און פון דער איינזאַצגרופּע א' בפרט.

באַפעלן און אָנווייזונגען אין דעם ענין אָסטלאַנד בכלל און עסטאָניע בפרט, אָנהייבנדיק פון די צענטראַלע אינסטאַנצן אין בערלין און ענדיקנדיק מיט די עסטאָנישע לאַנד־ און שטאָט־אינסטאַנצן.

די גרעסטע מערהייט פון די דאָזיקע מקורות איז געשריבן אין דייטש; גע־וויסע מקורות, וואָס זענען געשריבן עסטאָניש זענען צו אונדז דערגאַנגען אָדער אין רוסישער איבערזעצונג, אָדער גלייכצייטיק אין דייטשער און אין רוסישער אי־בערזעצונג; און מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו קאָנפראָנטירן די טעקסטן.

2) באַריכטן פון די אויספאָרשונגען, פּראָצעסן און אורטיילן בנוגע די דייטשע קריגס־פאַרברעכער און זייערע עסטאָנישע קאָלאַבאָראַטאָרן:

געריכטס־מאַטעריאַלן פון די נירנבערגער פּראָצעסן (אין פראַנצויזיש, ענגליש, רוסיש און דייטש), אין וועלכע ס׳ווערן דערמאָנט די פאַרברעכנס פון די פאַרשטייער פון די פּאָליציייִשע, מיליטערישע און ציווילע דייטשע מאַכט־אינ־סטאַנצן אין עסטלאַנד; מיר וועלן ספּעציעל באַצייכענען דעם פּראָצעס נר. 9 קעגן די „איינזאַצגרופּן" (וואָס איין אָפּטיילונג פון זיי, די זאָנדערקאָמאַנדאָ א־1, האָט אויפגעהאַלטן דעם טעראָר־רעזשים אין עסטאָניע).

געריכטס־מאַטעריאַלן וועגן די קריגס־פאַרברעכנס, וועלכע זענען אויסגעפירט געוואָרן אין עסטאָניע; די מאַטעריאַלן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין עסטאָניע, נאָך אין יאָר 1944, ד״ה אייניקע חדשים נאָך דער באַפרייונג פון עסטאָניע:

א) באַריכט פון דער רעגירונגס־קאָמיסיע פון דער עסטאָנישער סאָוויעטישער רעפּובליק צו פאַרשן די דייטשע קריגס־פאַרברעכנס, וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן אין עסטאָניע (באַריכט וועגן דעם טעראָר־רעזשים אין עסטאָניע און וועגן דער שחיטה אין קלאָגע; פאַרעפנטלעכט אין רוסיש 1944.10.12).

ב) באַריכט פון אַ ספּעציעלער עסטאָנישער רעגירונגס־קאָמיסיע בנוגע דעם טעראָר־רעזשים אין עסטאָניע און בנוגע דער שחיטה אין קלאָגע (פאַרעפנטלעכט, דעם 1944.11.12 אין דער עסטאָניש־רוסישער צייטונג „סאָוויעטסקאַיאַ עסטאָניאַ", נר. 103, 1944).

ג) סטענאָגראַמעס פון דעם פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין טאַלין קעגן די קריגס־פאַרברעכער (און אין דעם — אויך די סטענאָגראַמע פון נ. אַנאַליקס עדות־זאָגן, דעם 1944.11.1).

די אויבנדערמאָנטע מאַטעריאַלן געפינען זיך אין „יד ושם", ירושלים; זייער באַצייכענונג: 5־1־04/16.

געריכטס־מאַטעריאַלן (אויספאַרשונג, באַשולדיקונגס־אַקט, פּראָטאָקאָל פון פּראָצעס, פּסק־דין), וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן בשעת די צוויי פּראָצעסן קעגן די עסטאָנישע קריגס־פאַרברעכער: א) איין פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין טאַלין, פון 6טן ביזן 11טן מערץ 1961, קעגן אייַן ערווין מערע (מאַרטסאָן), ראַלף גערעטס, זשאַן וויאיק; ב) דער צווייטער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין טאַלין, פון 16טן ביזן 20סטן יאַנואַר 1962, קעגן יאָהאַן יוריסטע, קאַרל לינגאַס, ערווין וויקס. די מאַטעריאַלן זענען צו אונדז דערגאַנגען בעיקר אין רוסיש, טיילווייז אויך אין ענגליש, אין דער פאָרעם פון פאַרשידענע פּובליקאַציעס, און נעמלעך:

א) דער מאַטעריאַל פון דער אויספאַרשונג פון די באַשולדיקטע און פון די עדות, וואָס איז דערשינען אין טאַלין, רוסיש, אין בוך־פאָרם א. נ. „מאַסקי סאָרוואַני" („די מאַסקעס זענען אַרונטערגעריסן געוואָרן"), 1961.

ב) די מערסטע טייל פון אויבנדערמאָנטן מאַטעריאַל דערשיינט אין אַ מער

פינקטלעכער פאָרעם, באַזירנדיק זיך אויף ציטאַטן פון די דערקלערונגען פון די באַשולדיקטע און עדות — אין אַ רוסיש העפט „רעזומע פון דער באַשולדיקונג״, טאַלין 1961.

ג) רשימה פון די לאַגערן און תפיסות אין עסטאָניע, רוסיש, מיט וועלכער ס׳האָט זיך באַנוצט דער פּראָקוראָר אויפן טאַלינער פּראָצעס פון יאָר 1961 („יד ושם״, 2-15-04).

ד) די צייטונגען „סאָוויעטסקאַיאַ עסטאָניאַ״ (סאָוויעטישע עסטאָניע) און „מאָלאָדיאָזש עסטאָניאי״ (עסטאָנישע יוגנט), וועלכע דערשיינען אין דער רוסישער שפּראַך אין עסטאָניע, און אין וועלכע ס׳זענען פאַרעפנטלעכט די באַריכטן פון טאַלינער פּראָצעס (1961).

ה) דאָס בוך „12.000״ פון ק. לעמיק און א. מאַרטינסאָן (טאַלין, רוסיש, 1962), אין וועלכן ס׳געפינען זיך באַריכטן און רעפּאָרטאַזשן פון טאַלינער פּראָצעס (1961).

ו) דאָס בוך „סלוגי סוואַסטיקי״ („די משרתים פון האַקנקרייץ״) פון א. מאַר־טינסאָן (רוסיש, טאַלין, 1962), אין וועלכן ס׳געפינט זיך אַן אָפּהאַנדלונג פון דעם טאַלינער פּראָצעס (1962).

ז) דאָס בוך "People, be Watchfull" („פאָלק זייט וואַכזאַם״) פון ר. קרו־אוט (ענגליש, טאַלין, 1962), אין וועלכן ס׳געפינען זיך באַריכטן און רעפּאָרטאַזשן פון דעם טאַלינער פּראָצעס (1961).

ח) צאָלרייכע אויסשניטן פון דייטשע צייטונגען בנוגע דעם פּראָצעס קעגן דייטשע קריגס־פאַרברעכער, וועלכע האָבן אויסגעפירט זייערע פאַרברעכנס הן אין עסטאָניע און הן אין דייטשלאַנד. דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן אויגוסט 1965, אין העכינגען, (מערב־דייטשלאַנד). צווישן די באַשולדיקטע איז געווען אויך העלמוט שנאַבעל, וואָס האָט אויסגעפירט די פונקציעס פון אַ לאַגערפירער אין אַ ריי עסטאָנישע לאַגערן, און נאָך זייער ליקווידאַציע איז ער געוואָרן לאַגער־פירער אין די לאַגערן פון דרום־ווירטעמבערג; אין איינעם פון יענע לאַגערן, דאַוט־מערגען, זענען אומגעקומען 1771 קאַצעטלער, וועלכע זענען דאָס רוב געבראַכט געוואָרן פון עסטאָניע דורך שטוטהאָף.

3) פאַרשידענע ביכער (פראַנצויזיש, ענגליש, רוסיש, דייטש, ליטוויש), אין וועלכע עס ווערן געבראַכט ידיעות וועגן אָסטלאַנד בכלל און וועגן עסטאָניע בפרט, אין דער נאַצי־תקופה (זע די רשימה אין דער ביבליאָגראַפישער אָפּטיילונג פון בוך).

4) טאָגביכער: אַ רייכער מאַטעריאַל וועגן דער תקופה פון די דעפּאָרטאַציעס קיין עסטאָניע געפינט זיך אין די טאָגביכער, געשריבענע אין געטאָ־ווילנע און געטאָ־שאַוול; דאָרט געפינען זיך קאַפּיטלען, געשריבענע אין די סאַמע טעג פון די דעפּאָרטאַציעס.

דאָס טאָגבוך פון ז. ה. קאַלמאַנאָוויטש, דעם באַקאַנטן יידישן שרייבער, פּאַרזיצער פון יידישן פּען־קלוב און פון ייוו״אָ אין ווילנע. דאָס טאָגבוך איז געשריבן קאַפּיטלען יידיש און קאַפּיטלען עברית, און איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך ייוו״אָ אין אַמעריקע, אין יידיש און אין ענגליש. אין דעם טאָגבוך ווערט געשילדערט די אַטמאָספער פון געטאָ־ווילנע בשעת די אַרויספירונגען קיין עסטאָניע; דאָס ווידערשטעלן זיך בשעת דער ערשטער דעפּאָרטאַציע; די באַ־רויִקנדיקע צוזאָגן פון די דייטשן, ווי אויך די ערשטע ידיעות, וואָס זענען דער־גאַנגען פון די עסטאָנישע לאַגערן.

טאָגבוך פון ד״ר א. ירושלמי וועגן דעם לעבן אין געטאָ־שאַוול. ד״ר ירושלמי, לערער און שרייבער, האָט געשריבן זיין טאָגבוך, בעיקר אין עברית און טיילווייז אין יידיש, אין שאַוולער געטאָ פון 1941 ביז ענדע מערץ 1944; ס׳איז אים געלונגען אויפצוהיטן דעם טעקסט, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן דורך „יד ושם״, ירושלים, 1958. אין דעם דאָזיקן טאָגבוך ווערט דערציילט וועגן בריוו, וואָס די דעפּאָרטירטע פון ווילנע האָבן אַרויסגעוואָרפן פון די וואָ־גאָנען, ווען דער טראַנספּאָרט קיין עסטאָניע איז פאַרבייגעפאָרן שאַוול; ס׳ווערן דאָרט געבראַכט אייניקע טעקסטן פון די בריוו; ס׳ווערן אויך געבראַכט פאַרשיי־דענע ידיעות, וואָס זענען דערגאַנגען קיין שאַוול וועגן די לאַגערן אין עסטאָניע; ס׳ווערט דאָרט אויך דערציילט וועגן אַ טראַנספּאָרט פון יידישע קאַצעטלער פון עסטאָניע, וואָס איז דורכגעפאָרן שאַוול (פעברואַר 1944) אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג (אוישוויץ?).

טאָגביכער געשריבענע אין די עסטאָנישע לאַגערן קלאָגע און לאַגעדי דורכן שרייבער הערמאַן קרוק. דאָס טאָגבוך פון קלאָגע איז געשריבן אין יידיש, זינט סעפּטעמבער 1943, און עס איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין לאַגעדי ביזן 18טן סעפּטעמבער 1944, אייניקע שעה פאַר זיין דערמאָרדעט ווערן אין דער מאַסן־שחיטה פון לאַגעדי. מערערע קאַפּיטלען פון די דאָזיקע טאָגביכער זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג, אין „מורשת״, צווייטער יאָרגאַנג, נר. 2. אין זיי — באַשרייבונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן אין קלאָגע און לאַגעדי, און אַ באַשרייבונג פון דער געשפּאַנטער אַטמאָספער אין דערוואַרטונג פון אומבאַקאַנטן גורל מיטן אָנהייב פון דער סאָוויעטישער אָפענסיווע און מיט דער ליקווידאַציע פון די עסטאָנישע לאַגערן.

5) זכרונות־ביכער וועגן געטאָ־ווילנע (מאַטעריאַלן וועגן די אַרויספירונגען קיין עסטאָניע); דאָס זענען זכרונות־ביכער וועגן דער תקופה פון געטאָ און לאַגערן, געשריבענע שוין נאָך דער מלחמה. די ביכער זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אייראָפּע, ישראל און אַמעריקע; אין יידיש, עברית, פראַנצויזיש און פויליש:

א) מענדל באַלבעריששקי, „שטאַרקער פון אייזן״ (איבערלעבונגען פון דער היטלער־תקופה), „המנורה״, תל־אביב, 640 זייטן. צום סוף פון צווייטן טייל ווערט דערציילט וועגן די דעפּאָרטאַציעס קיין עסטאָניע (אָנהייבנדיק פון זייט 466). דער דריטער טייל איז אין גאַנצן געווידמעט דעם לעבן אין קלאָגע און שפּעטער אין לאַגעדי, אַ קאַפּיטל פון דעם בוך, געווידמעט די ליקווידאַציע־טעג פון געטאָ־ווילנע און די דעפּאָרטאַציעס קיין עסטאָניע, איז דערשינען אין פּויליש אינעם יאָר 1946.

ביכער פון ד״ר מ. דוואַרזשעצקי וועגן ווילנער געטאָ און לאַגערן:

ב) יידיש: „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום״. פּאַריז־ניו־יאָרק, 1948, 516 זייטן.

ג) עברית: „ירושלים דליטא במרי ובשואה״. תל־אביב, צוויי אויפלאַגעס: 1) 1950, 2) 1952. 432 זייטן.

ד) פראַנצויזיש: Ghetto à l'Est (Ed. R. Marin) פּאַריז, 1950, 304 זייטן.

ה) פראַנצויזיש: La Victoire du Ghetto (Ed. France-Empire) פּאַריז, 320 זייטן.

ו) עברית: „בין הבתרים״, ירושלים, 1956, 144 זייטן.

ז) יידיש: „הירשקע גליק, דער מחבר פון פּאַרטיזאַנער־הימן „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״, פּאַריז, 1966, 96 זייטן.

אין די ביכער וועגן געטאָ־ווילנע (יידיש, עברית, פראַנצויזיש) ווערן גע־בראַכט קאַפּיטלען וועגן די דעפּאָרטאַציע־טעג קיין עסטאָניע; אינעם בוך „בין הבתרים״ ווערן געבראַכט עסייען און זכרונות וועגן די לאַגערן אין עסטאָניע. אינעם בוך וועגן הירשקע גליק ווערט געבראַכט אַ קאַפּיטל וועגן ה. גליק אין די עסטאָנישע לאַגערן.

ח) חיים לזר: „חורבן ומרד״, תל אביב, 1950, 416 זייטן. אַ בוך וועגן געטאָ־ווילנע, און אין אים קאַפּיטלען וועגן די דעפּאָרטאַציעס קיין עסטאָניע.

אברהם סוצקעווער: „ווילנער געטאָ״,

ט) יידיש: מאָסקווע (1946), פּאַריז (1946), בוענאָס־איירעס (1947).

י) עברית: תל אביב (1947).

יא) פראַנצויזיש: פּאַריז (1949).

אין די ביכער — אַ קאַפּיטל וועגן די דעפּאָרטאַציעס קיין עסטאָניע.

יב) ד״ר משה פייגנבערג און משה ווייסבערג: „ווילנע אונטערן נאַצי־יאָך״. אַ העפטל פון 46 זייטן. יידיש אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע. דערשינען 1946 אין לאַנדסבערג־אַם־לעך. אין העפט אַ קאַפּיטל וועגן די דעפּאָרטאַציעס קיין עסטאָניע.

יג) שמערקע קאַטשערגינסקי: „חורבן ווילנע". יידיש, ניו־יאָרק, ציקאָ, 1947, 342 זייטן. אַ בוך וועגן געטאָ־ווילנע, אין אים — אַ קאַפּיטל וועגן די דעפּאָרטאַציעס קיין עסטאָניע.

יד) ש. קאַטשערגינסקי: „לידער פון געטאָס און לאַגערן". יידיש, ניו־יאָרק, ציקאָ, 1948, 436 זייטן. אינעם בוך אויך אייניקע לידער געשריבענע אין דער תקופה פון די דעפּאָרטאַציעס פון געטאָ־ווילנע אין די עסטאָנישע לאַגערן, ווי אויך אייניקע לידער פאַרפאַסטע אין די עסטאָנישע קאַצעטן.

טו) רוזשקע (רוז'קה קורצ'אַק), „להבות באפר", מרחביה, 1946 (צווייטע אויפלאַגע, 1965, 404 זייטן). אַ בוך וועגן ווילנער געטאָ און די פּאַרטיזאַנער. אינעם בוך אַ קאַפּיטל וועגן די דעפּאָרטאַציעס קיין עסטאָניע.

ווען די דאָזיקע אַרבעט איז שוין געווען אויסגעזעצט זענען דערשינען נייע ביכער און אַרבעטן פון ווילנער געראַטעוועטע:

טז) ברוך מערין: „פון ראַקעוו ביז קלאָגע", יידיש, ניו־יאָרק, פאַרבאַנד „נוסח ווילנע", 192 זייטן. די זייטן 129—167 זענען געווידמעט בילדער פון לעבן אין קלאָגע.

יז) יצחק קאָוואַלסקי: „די אונטערערדישע פּרעסע אין געטאָ", ענגליש, ניו־יאָרק, פאַרלאַג Central Guide Publishers, 1969, 416 זייטן. אייניקע זייטן געווידמעט די איבערזידלונגען קיין עסטאָניע.

יח) ד"ר מ. דבורז'צקי: „מחנות היהודים באסטוניה" (1942—1944). „ידושם", ירושלים, 1970, 450 זייטן. דאָס בוך איז אַ פאָרשונג וועגן אַלע יידן־לאַגערן אין עסטאָניע און שטעלט מיט זיך פאָר דעם עברית־נוסח פונעם בוך אין יידיש.

יט) ד"ר מ. דבורז'צקי: „השמדת יהודי אסטוניה"; ילקוט „מורשת", נר. 12, 1969. די אַרבעט איז געווידמעט דער אויסמאָרדונג פון עסטאָנישן יידנטום, 1941.

כ) ד"ר מ. דבורז'שצקי: „המשטר באסטוניה הנאצית". ילקוט „מורשת", נר. 12, זומער 1970. ס'איז אַ פאָרשונג וועגן נאַצי־רעזשים אין עסטאָניע (1941—1944).

6) אַרטיקלען וועגן די דעפּאָרטאַציעס פון ווילנער געטאָ און וועגן דעם לעבן אין די עסטאָנישע לאַגערן:

א) רבקה דאַווידסאָן־סעגאַלאָוויטש: „פּרויעך אין געטאָס און לאַגערן". פאַרעפנטלעכט אין יזכור־בוך „לעבן און אומקום אין אָלשאַן", יידיש, ז"ז 254—261, אין דער יידיש־אָפּטיילונג. אינעם אַרטיקל אַ באַשרייבונג פון אַרויספיר פון ווילנער געטאָ אין די עסטאָנישע לאַגערן און דאָס לעבן אין די לאַגערן גופא (בעיקר: ערעדאָ, קיוויאָלי).

ב) ד"ר מ. דוואָרזשעצקי: אַרטיקלען וועגן אויסזידלונגען פון ווילנער געטאָ און

וועגן לעבן אין די עסטאָנישע לאַגערן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די יאָרן 1945—1948, אין די צייטשריפטן און צייטונגען: „אונזער וואָרט״ (פּאַריז), „אונדזער וועג״ (מינכען), „בדרך״ (רוים), „איבערגאַנג״ (מינכען), „גאָלדענע קייט״ (תל־אביב), „יידישע צייטונג״ (לאַנדסבערג), „לאַנדסבערגער לאַגער־צייטונג״ (לאַנדסבערג), „פּאַריזער שריפטן״ (פּאַריז).

ג) ברוך מערין: „במדבר״, פערנוואַלד, יאַנ. 1946.1; מערץ, 1946.7.

ד) לייב שפּעטל: „אונזער וואָרט״, לאָדזש, וואַרשע, אַפּריל, 1946.3.

ה) עטיאַ רודניצקי־טייטלמאַן: „פון קימעלישאַק איבער טויט־לאַגערן״. יידיש. אין פּנקס: „ספר זכרון לאזור שוונציאַן״, תל־אביב 1965. זייטן 1642—1648.

7) ביכער וועגן קאָוונער געטאָ און וועגן דער אַרויספירונג אין די עסטאָנישע לאַגערן:

א) בראון צ. ולוין ד.: „תולדותיה של מחתרת״, ירושלים, 1962, עמ. 440. עברית, „יד ושם״, אַ בוך וועגן דער אונטערערדישער באַוועגונג אין קאָוונער געטאָ. אַ קאַפּיטל איז געווידמעט דעם אַרויסגאַנג פון קאָוונער יידישע פּאַרטיזאַנער אין די אויגוסטאָווער וועלדער נאָך דער דעפּאָרטאַציע קיין עסטאָניע.

ב) גאַר יוסף: „אומקום פון דער יידישער קאָוונע״. מינכען 1948. יידיש, 165 זייטן. אַ קאַפּיטל געווידמעט דער דעפּאָרטאַציע קיין עסטאָניע.

ג) גרפונקל ל.: „קובנה היהודית בחורבנה״. ירושלים, „יד ושם״, 1949; עברית, 330 זייטן. אינעם בוך אַ קאַפּיטל וועגן דער דעפּאָרטאַציע קיין עסטאָניע.

ד) געלבורט ש.: „דאָס געטאָ אין פלאַמען״. 1948, מינכען, יידיש. אַ בוך וועגן קאָוונער געטאָ. אינעם בוך אַ קאַפּיטל וועגן די אַרויספירונגען קיין עסטאָניע.

8) אַרטיקלען וועגן קאָוונער געטאָ, וועגן דער דעפּאָרטאַציע קיין עסטאָניע און וועגן די לאַגערן אין עסטאָניע.

א) גרינהויז ש.: „די יידן אין עסטלאַנד״, „יידישע ענציקלאָפּעדיע״, באַנד 6, 1963, ניו־יאָרק, יידיש, זייטן 395—404. אינעם אַרטיקל ווערט באַשריבן דאָס עסטאָנישע יידנטום, זיין ליקווידאַציע, די אַרויספירונגען קיין עסטאָניע און די דאָרטיקע יידישע לאַגערן.

ב) ד״ר ש. דאָלניצקי: „אַ טאָג הינטער שטעכיקע דראָטן״. אַרטיקל וועגן דער דעפּאָרטאַציע פון קאָוונער געטאָ קיין עסטאָניע. זאַמלבוך „ליטע״, ניו־יאָרק, 1961, 1736—1942.

ג) יצחק ניעמענטשיק: „מגילת עסטלאַנד״, זכרונות פון אַ קאָוונער ייד, וואָס איז פאַרשלעפּט געוואָרן קיין עסטלאַנד. אַן אַרטיקל אין יידיש, געדרוקט אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע, וועגן דעם לעבן אין די עסטאָנישע לאַגערן קורעמע,

ווייוואַראַ, נאַרוואַ, גאָלדפּילץ, קיוויאָלי. דערשינען 1946, אין דער צייטונג פון דער שארית הפליטה אין דייטשלאַנד „לאַנדסבערגער צייטונג" אין 4 המשכים.

ד) יצחק ניעמענטשיק: „פון עסטלאַנד **דורך שטוטהאָף קיין בוכנוואַלד (עטאַפּן פון פּיין, פאַרניכטונג און אונטערגאַנג)"; אַ המשך פון די אויבנדערמאָנטע אַרטיקלען, פאַרעפנטלעכט אין יידיש, אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע, אין דער „יידישער צייטונג" (שינוי־שם פון דער „לאַנדסבערגער צייטונג", דעצעמבער 20, 1946; 8).**

ה) אהרן שוסטער: „**מיינע איבערלעבונגען אין אָלשאַן און אין דייטשע אויסראָטונגס־לאַגערן, אַרטיקל פאַרעפנטלעכט אין דעם זאַמלבוך „לעבן און אומקום פון אָלשאַן", ת"א, 1965, יידיש, 241—254. אין אַרטיקל ווערט באַשריבן די דעפּאָרטאַציע פון קאָוונער געטאָ קיין עסטאָניע און דאָס לעבן אין די עסטאָנישע לאַגערן: אַאוואַרע, קיוויאָלי און קלאָגע.**

9) וועגן דער דעפּאָרטאַציע פון טערעזיענשטאָט קיין עסטאָניע.

א) אין בוך „טערעזיענשטאַט" פון אַדלער ווערן געבראַכט אייניקע ידיעות וועגן דער דאָזיקער דעפּאָרטאַציע (עמ. 49, 50, 157, 274).

ב) אינעם דאָזיקן בוך ווערט אויך דערמאָנט וועגן אַ גבית־עדות פון אַ געראָטעוועטער פרוי פון דאָזיקן טראַנספּאָרט, פרוי מאָרגענשטערן.

10) וועגן דער דעפּאָרטאַציע פון בערלין קיין עסטאָניע.

אין רייטלינגערס בוך „ענדלעזונג" ווערן געבראַכט אייניקע ידיעות וועגן דער דאָזיקער דעפּאָרטאַציע (צווייטע דייטשע אויסגאַבע, 99, 104).

11) וועגן דעם לעבן פון די סאָוויעטישע קריגסגעפאַנגענע אין לאַגערן בשכנות מיט די יידישע קאַצעטן.

א. ה. ביעלאָוו: „**דריי יאָר אין די טויט־לאַגערן", טולאַ, 1961 (רוסיש).**

דער מחבר פונעם בוך, אַ סאָוויעטישער זעלנער, וואָס האָט אין יאָר 1941 געקעמפט אויפן עסטאָנישן פראָנט, דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען במשך פון דריי יאָר אין די עסטאָנישע לאַגערן פאַר סאָוויעטישע קריגסגעפאַנגענע: קוראַסאַאַרע, וויליאַנדי, ווייוואַראַ, וויזענבערג, קאָכטלאַ־יאַרווע, און וועגן זיין אָנטייל אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, וואָס איז דאָרטן אַנטשטאַנען. אינעם בוך ווערט נישט דערמאָנט וועגן קיין שום קאָנטאַקטן צווישן די סאָוויעטישע לאַגערן פון קריגסגעפאַנגענע מיט די יידישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַ גאָר נאָענטער שכנות; אָבער אינעם בוך ווערט דערציילט פאַרבייגייענדיק וועגן אייניקע יידישע קריגסגעפאַנגענע, וואָס זיי איז געלונגען אויסצובאַהאַלטן פון די דייטשן זייער יידישע אידענטיטעט און דערמיט זענען זיי זוכה געווען לעבן צו בלייבן אַלס קריגסגעפאַנגענע. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער מסירת־נפש אין קאַמף קעגן די נאַציס.

דער דאָזיקער אויבנדערמאָנטער פאַרעפנטלעכטער מאַטעריאַל גיט נאָך אונדז נישט קיין פולקאָם בילד וועגן דער שיטה מיט וועלכער די נאַציס האָבן זיך באַנוצט בשעת די דעפּאָרטאַציעס, וועגן דער „שיטה פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן״ אין עסטאָניע, און וועגן דער יידישער עמידה אין די לאַגערן. דערצו האָבן מיר זיך געמוזט באַנוצן מיט צאָלרייכע מאַטעריאַלן, וועלכע זענען ביז היינט צו טאָג נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

ב

אַרכיוו־מאַטעריאַלן

דאָס זענען די עדות־זאָגונגען פון די געוועזענע יידישע קאַצעטלער פון עסטאָניע; זיי זענען אָפּגעגעבן געוואָרן אין פאַרשיידענע לענדער: אין ווילנע גלייך נאָך דער באַפרייונג, אין די די־פּי־לאַגערן פון דייטשלאַנד, אין ישראל, פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און אַנדערע לענדער אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן (פון דעצעמבער 1944 — ביז דעצעמבער 1969). אין יידיש, עברית, פּויליש, רוסיש, ענגליש, דייטש.

דער מאַטעריאַל פון די גבית־עדות איז פאַרשידנאַרטיק.

I. די ערשטע פיר עדות־זאָגונגען שטאַמען נאָך פון יאָר 1944, ווען ווילנע איז שוין געווען באַפרייט, און דאָס מערב־אייראָפּעאישע יידנטום איז נאָך געווען אונטערן נאַצי־רעזשים. דאָס זענען געווען די ערשטע דערציילונגען אין יידיש וועגן די גרוילן אין די עסטאָנישע לאַגערן בכלל און וועגן דער מאויימדיקער שחיטה אין קלאָגע.

II. דאַן קומען 18 גביות־עדות צונויפגענומענע גלייך נאָך דער באַפרייונג אין דייטשלאַנד (פון 1946.6.6 ביז 1948.7.19). אין יענע יאָרן, ווען די שארית הפליטה איז געווען קאָנצענטרירט אין דעם אָקופּירטן דייטשלאַנד, האָט זיך ביי זיי אויפגעוועקט דער רצון איבערצולאָזן זכרונות וועלכע זאָלן דאָקומענטירן זייער לעבן און ליידן אין די געטאָס און קאַצעטן. דעריבער איז געשאַפן געוואָרן אין מינכען אַ צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע פון דער שארית הפליטה; צו איר זענען געווען אָנגעשלאָסן לאָקאַלע היסטאָרישע קאָמיסיעס אין די שטעט און שטעטלעך, ווו די געראַטעוועטע זענען געווען קאָנצענטרירט. ס׳ליגן פאַר אונדז 18 עדות־זאָגונגען פון די געראַטעוועטע פון די עסטאָנישע לאַגערן. און וואָס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן דורך די דאָזיקע היסטאָרישע קאָמיסיעס (מיר באַצייכענען זיי בקיצור „ה. ק.״); מינכען (2), העסען־פראַנקפורט (1) שטוטגאַרט

(1), לאַנדסבערג (3), לינץ (3), רעגענסבורג (1), היידענהיים (1), פּאַקינג (1), וואַלד־שטאַט (1), וואַלפראַטסהאַוסען (1), וואַסעראַלפינגען (3).

די מעלה פון די דאָזיקע גביות־עדות איז זייער ערשטיקייט און אויטענטישקייט; זייער חסרון איז די קורצקייט און מאַנגל פון פּילזייטיקייט. בדרך כלל האָבן די עדות דערציילט בעיקר נאָר וועגן די דעפּאָרטאַציעס און אַקציעס אין די לאַגערן.

אויך די, וואָס האָבן געזאַמלט די גביות־עדות האָבן זיך נאָך נישט אָריענטירט אין די געשעענישן מחוץ פון זייער געטאָ און לאַגער, און אָפט האָבן זיי נישט געוווסט וועגן וואָס צו פרעגן דעם געראַטעוועטן.

III. 11 גביות־עדות זענען אָפּגעגעבן געוואָרן דורך די געראַטעוועטע פּאַר נאָ־טאַרן אין זייערע נייע וווינערטער: פּאַראייניקטע שטאַטן (3), קאַנאַדע, (5), קובאַ (8), לאָנדאָן (1), מינכען (1). די גביות־עדות, צוזאַמענגעשטעלטע דורך ווינער ליברערי אין לאָנדאָן צייכענען זיך אויס מיט פּינקטלעכקייט. זיי זענען אָבער באַגרענעצט בעיקר צום לאַגער קלאָגע און צו איינעם פון די מערדער, אַרטור ראַטענבערג.

IV. 8 גביות־עדות זענען פאַשריבן אין ישראל, אין פּאַרלויף פון די יאָרן 1957—1969; זיי זענען פאַרנאָטירט דורך אויספרעגערס, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט קוואַליפיצירט אינע סעניק. ביי די דאָזיקע גביות־עדות איז פאַר־צייכנט תל־אביב (ווייל דאָ זענען זיי פאַרשריבן געוואָרן); אָבער די עדות אַליין וווינען אין פאַרשידענע שטעט פון ישראל, אין דערפער, מושבות און קיבוצים. די דאָזיקע עדות־זאָגונגען זענען נוגע אַלע לאַגערן אין עסטאָניע.

V. 36 גביות־עדות וועגן טאָגטעגלעכן לעבן, באַציִונגען מיט דער אַרומיקער סביבה, יידישער עמידה אין די לאַגערן, אונטערערד, דאָס לויפן אין די וועלדער — זענען דורך מיר אויפגענומען געוואָרן אויפן טייפּרעקאָרדער. דער מחבר פון דער אַרבעט, לייענענדיק מערערע עדות־זאָגונגען, האָט באַמערקט, אַז אויב דאָרט איז זייער אַ סך און גענוי דערציילט געוואָרן וועגן די מערדערייען פון די ס. ס.־לייט, וועגן די סעלעקציעס און וועגן דעם אַרויספירן צום טויט — ווערט דאָרט אָבער לגמרי נישט גענוגנדיק דערציילט וועגן טאָג־טעגלעכן לעבן אין די לאַגערן, וועגן סאָלידאַריטעט־דערשיינונגען, וועגן דער קולטור־אַרבעט, וועגן אונטערערד און וועגן די אַנטלויפונגען. בכדי אויפצוקלערן גענוי די דאָזיקע פּראָבלעמען, זענען דער מערסטער טייל עדות אויסגעפרעגט געוואָרן פון דאָס ניי, נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין זייער עדות־זאָגן ווען עס איז אָפּגעגעבן. דאָס פאַרשרייבן אויפן טייפּרע־קאָרדער די עדות־זאָגונגען וועגן דער אונטערערדישער אַרבעט איז על פּי רוב פאָרגעקומען ביי דער אָנוועזנהייט פון אייניקע קאַצעטלער, בכדי דער עדות זאָל וויסן, אַז ער שטייט אונטער דער קאָנטראָל פון זיינע חברים פון אונטערערד, און

אויסמיידן איינזייטיקע און סוביעקטיווע באַשרייבונגען. אָפט זענען ביי דעם ביי־געווען די פאָרשטייער פון „יד ושם״ (ה׳ רילסקי אָדער אָ׳ אַלפּעראָוויטש), בכדי די עדות זאָלן זיין איבערצייגט, אַז זייערע ווערטער ווערן פאַראייביקט, און וועלן איבערבלייבן אין יידישן נאַציאָנאַלן אינסטיטוט פאַר דער פאָרשונג פון די חורבן־ און גבורה־יאָרן „יד ושם״. די אָפּשריפטן פון די הקלטות זענען געגעבן געוואָרן די עדות צום דורכלייענען, און זענען דורך זיי אונטערגעשריבן געוואָרן.

VI. 8 גביות־עדות זענען אויפגענומען געוואָרן אויפן טייפּרעקאָרדער דעם 19טן סעפּטעמבער 1964, אין „בית לוחמי הגיטאות״, בעת דעם צוזאַמענקום צום 20סטן יאָרטאָג נאָך דער שחיטה אין קלאָגע. עס האָבן זיך באַטייליקט מיט דערציי־לונגען וועגן לעבן אין קלאָגע און וועגן די קאָנטאַקטן מיט אַנדערע לאַגערן 7 לע־בנגעבליבענע פון קלאָגע ווי אויך דער מחבר פון בוך. די דאָזיקע עדות־זאָגונגען זענען שפּעטער געגעבן געוואָרן די דערציילער צום באַשטעטיקן און אונטערשרייבן.

VII. 14 גביות־עדות זענען געגעבן געוואָרן אין דער פאָרעם פון שריפטלעכע תשובות אויף אַ פרעגבויגן.

סך־הכל: די אַלע 174 עדות־זאָגונגען זענען געשריבן געוואָרן במשך פון 26 יאָר (1944—1969). צווישן זיי — 138 זענען אויפגענומען געוואָרן אין ישראל (80 — דורך „יד ושם״ א.א. דאָקומענטאַציע־אינסטיטוציעס; 26 הקלטות געמאַכטע דורכן מחבר פון בוך; 8 הקלטות — דורך בילה״ג; 14 תשובות אויף פרעגבויגנס צוגעשיקטע דורכן מחבר); 30 עדות־זאָגונגען זענען פאַרשריבן געוואָרן אין אייראָ־פּע בעיקר דורך די היסטאָרישע קאָמיסיעס פון דער שארית הפליטה אין דייטש־לאַנד און עסטרייך, ווי אויך אין אַמעריקע (בעיקר צונויפגעזאַמלטע דורך דער ווינער ליבּרערי). צווישן די אייראָפּעישע עדות־זאָגונגען איז צו פאַרצייכענען 4 פון ווילנע, 4 פון ריגע, 1 פון פּראָג, 1 פון לאָנדאָן. צווישן די אַמעריקאַנער איז צו פאַרצייכענען — 2 פון די פאַראייניקטע שטאַטן, 5 פון קאַנאַדע, 1 פון קובאַ.

די שפּראַך פון די עדות־זאָגונגען: יידיש — 59; עברית — 29; ענגליש — 4; רוסיש — 4; פּויליש — 59; דייטש — 19.

די עדות־זאָגונגען געפינען זיך אין די אַרכיוון פון „יד ושם״, און טיילווייז אויך אין „בית לוחמי הגיטאות״ און „מורשת״.

אַחוץ די גביות־עדות האָט דער מחבר זיך באַנוצט מיט אַ גרעסערן אַר־כיוון־מאַטעריאַל, וואָס שטאַמט פון עסטאָניע; פאַטאָס און מיקראָפילמען, וואָס געפינען זיך אין די אַרכיוון פון „יד ושם״ אין ירושלים און אין „בית לוחמי הגי־טאות״ אַ דאַנק דער איידלקייט פון ה׳ מאַרטין מאַרטינסאָן פון עסטאָניע, מחבר פון בוך „12.000״ וועגן די נאַצישע פאַרברעכנס אין עסטאָניע. אויך זענען געווען פאַר די אויגן פון מחבר פאַטאָקאָפּיעס און מאַטעריאַלן, וואָס מיין פריינד פון געטאָ־ווילנע, און געוו. קאַצעטלער פון קלאָגע, הלל זיידל, האָט פערזענלעך באַ־

קומען פון ה׳ מאַרטינסאָן (לויט ה. זיידלס דערלויבעניש זענען פון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל געמאַכט געוואָרן פאָטאָקאָפּיעס פאַר „יד ושם" און פאַרן „בית לוחמי הגיטאות").

אין דעם דאָזיקן אויבנדערמאָנטן אַרכיוו־מאַטעריאַל געפינען זיך:

אַ קאַרטאָטעקע פון 2.400 קלאָגער לאַגערניקעס (פון זומער 1944). אין יע־דער קאַרטע: פאַמיליע און נאָמען פון לאַגערניק; געבורטס־דאַטע (מען דאַרף זיך דערצו באַציען גאַנץ קריטיש, ווייל צוליב די תנאים פון יענע צייטן האָבן די יונגע געדאַרפט זיך מאַכן עלטער, און די אַלטע פאַרשרייבן זיך אַלס ייִנגע־רע); פאַך (אויך דערצו דאַרף מען זיך באַציען קריטיש, ווייל די קאַצעט־לער האָבן זיך תמיד צוגעשריבן אַ פאַך, וואָס איז געווען דער בעסטער לויט די לאַגער־באַדינגונגען); די אַרבעטס־איינהייט פון קאַצעטלער; אין געוויסע פאַלן נאָטיצן וועגן זיין קראַנקייט אָדער וועגן זיין אַריבערגעפירט ווערן אין אַן אַנדערן לאַגער.

רשימות מיט נומערן פון די קאַצעטלער, וואָס האָבן געאַרבעט אין פאַר־שידענע אַרבעטס־איינהייטן, אָפּטמאָל אויך — נאָמענטלעכע רשימות; אַדמיניס־טראַטיווע דאָקומענטן, ווי למשל באַפרייונגען פון דער אַרבעט צוליב קראַנקייט, פערזענלעכע דאָקומענטן, וואָס זענען געפונען געוואָרן ביי די הרוגים פון קלאָגע (מעטריקעס, גימנאַזיע־אַטעסטאַטן, כתובות אד״גל); פאָטאָקאָפּיעס פון אָפיציעלע עסטאָנישע דאָקומענטן פון דער נאַצי־תקופה, צווישן זיי רשימות פון די ייִדישע אַרעסטירטע אין טאַלין, רשימות פון אַרעסטירטע, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון טאַלין קיין שטוטהאָף (מערץ 1944), מאָרד־באַפעלן, אַרויסגעגעבענע דורך די פּאָליציי־אַנשטאַלטן אין נאַצי־עסטאָניע אין די יאָרן 1942, 1943; באַפעלן וועגן קאָנפיסקירן דאָס ייִדישע פאַרמעגן פון עסטאָניע און וועגן אַריבערפירן עס קיין דייטשלאַנד. די אַלע באַפעלן שטאַמען פון דער קאָמענדאַנטור פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי און ס.ד. אין טאַלין; זאָנדערקאָמאַנדאָ א־1; פּאָליטישע אָפּטיילונג ביי דער פּאָליציי פון טאַלין; רייכסמיניסטעריום פאַר די אָקופּירטע געביטן אין מזרח; גע־ביטסקאָמיסאַריאַטן אין רעוואַל, נאַרווע, פּיאַרנו, פּלעסקאַו (פּסקאָוו), דאָרפּאַט, ווי־זענבערג אאַז״וו. מיקראָפילמען פון הערמאַן קרוקס טאָגבוך, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין קלאָגע און לאַגעדי. מיקראָפילמען פון אייניקע גביות־עדות פון קאַ־צעטלער פון עסטאָנישע לאַגערן, פאַרשריבן דורך ה. קרוק אין קלאָגע.

די פאַרשידענע מעטאָדן לויט וועלכע די עדות־־זאָגונגען זענען אויפ־גענומען געוואָרן (פאַרשריבענע דורך די דאָקומענטאַציע־צענטערן, אויפגע־נומענע אויפן טייפּרעקאָרדער סיי אין „בית לוחמי הגיטאות" און סיי דורכן מחבר אין תל־אביב: שריפטלעכע תשובות אויף פראַגעבויגנס און דער אַרכיוו־מאַטעריאַל) — דערגענצן איינע די אַנדערע און דערמעגלעכן אונדז זיך צו

שאַפן אַ פּילזייטיק בילד וועגן דעם סיסטעם לויט וועלכן ס׳זענען פאָרגעקומען די דעפּאָרטאַציעס, וועגן דעם טעראָר, שווערע אַרבעטס־באַדינגונגען, ביי אַ שטענדיקער אונטערדערנערונג, ווי אויך וועגן דער גייסטיקער עמידה פון די יידישע קאַצעטלער.

*

דער מחבר אַליין האָט דורכגעמאַכט געטאָ־ווילנע און פאַרשיקט געוואָרן (דעם 3טן סעפּטעמבער 1943) אין די עסטאָנישע קאַצעטן. ער האָט דורכגעמאַכט די פאָלגנדיקע עסטאָנישע לאַגערן: 1) וויוואַראַ (צענטראַל־לאַגער); 2) וויוויקאָני; 3) ווידער וויוואַראַ; 4) יעווויע; 5) קורעמע; 6) גאָלדפילץ; 7) לאַגעדי; פון לאַגעדי איז ער פאַרשיקט געוואָרן קיין טאַלין, און פון דאָרט דורכן באַלטישן ים צום קאַצעט שטוטהאָף; פון דאָרטן קיין דאַוטמערגען־שעמבערג (פיליאַלע פון נאַצווייַלער שטרוטהאָף); און פון דאָרט איז ער געפירט געוואָרן מיט אַן עוואַקואַציע־מאַרש צו די טיראָלער בערג; אויפן וועג איז ער מיט אַ גרופּע יידן אנטלאָפן אין די וועלדער פון סאַלגאַו. ער איז באַפרייט געוואָרן, אַפּריל 1945, דורכן פראַנצויזישן מיליטער, וואָס האָט איינגענומען יענעם געביט.

דער מחבר איז דעריבער אַן עד־ראיה פון דער „שיטה פון די דעפּאָרטאַציעס״ קיין עסטאָניע, פון דער „קאַצעטן־שיטה״ אין עסטאָניע, פון טאָג־טעגלעכן לעבן און ליידן אין די עסטאָנישע קאַצעטן; ער איז אויך אַן עדות פון גייסטיקן ווידערשטאַנד פון די קאַצעטלער, און פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין די לאַגערן, וואָס פלעגט אַנטשטיין, פונאַנדערפאַלן זיך (ביים צעשיקן די קאַצעטלער איבער פאַרשידענע לאַגערן), און ווידער אַנטשטיין אין די נייע לאַגערן.

דער דאָזיקער „פּערזענלעכער עקספּערימענט״ האָט אים אפשר געגעבן דעם שטויס צו שרייבן די דאָזיקע אַרבעט, אָבער דווקא צוליב דעם, האָט ער זיך באַנוצט מיט מאַקסימאַלער פאָרזיכטיקייט, בכדי צו באַשרייבן די געשעענישן, נישט לויט זיין אייגענעם זכרון, נאָר אויפן סמך פון וואָס מערערע עדות־זאָגונגען בנוגע די געשעענישן. דער מחבר האָט זיך באַמיט אָנצוגעבן ביי יעדן פאַקט די נעמען פון די עדות, ער האָט זיך אויך באַמיט שטענדיק צו קאָנפראָנטירן די עדות־זאָגונגען איינע מיט דער אַנדערער, ווי אויך מיט די דאָקומענטן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן יענער תקופה אין עסטלאַנד, און אויך מיט די נאָך נישט פאַרעפנטלעכטע אַרכיוו־מאַטעריאַלן. און דאָס אַלץ מיטן צוועק צו דערנענטערן זיך ווי וויים מעגלעך צום היסטאָרישן אמת.

דער מחבר דאַנקט „יד ושם״ אין ירושלים, פאַרן פאַרעפנטלעכן דעם העברע־

אישן טעקסט פון בוך און פאַרן דערמעגלעכן אים זיך צו באַנוצן מיט די דאָקומענטן און גביות־עדות פון די „יד ושם"־אַרכיוון.

אַ דאַנק דעם „בית לוחמי הגיטאות" און „מורשת", ווי אויך דעם יידישן דאָ־קומענטאַציע־צענטער אין פּאַריז, דעם תקופה־פאָרשער ש. של. שטיינבערג, פאַרן דערלויבן אים זיך צו באַנוצן מיט דאָקומענטן, וואָס זענען געווען אין זייער באַזיץ.

אַ באַזונדער יישר־כוח מיין פריינד, נאָך פון די געטאָ־יאָרן, הלל זיידעל, וואָס האָט מיר דערמעגלעכט דורכצושטודירן די מערערע פאָטאָקאָפּיעס פון די קלאָגער דאָקומענטן (וואָס ער האָט באַקומען בעת זיין באַזוך אין עסטאָניע).

אַ דאַנק מיין פרוי חסיה, טאָכטער צביה און זון דוב פאַר זייער מיטהילף ביים קאָרעגירן די גביות־עדות און ביכער, ביי די מאַגנעטאָפאָן־הקלטות און ביים צו־גרייטן די זוכצעטלען פון נעמען, ערטער און ענינים.

דער אָריגינאַל־טעקסט פונעם בוך איז דורך מיר צוגעשטעלט געוואָרן דער פּאַריזער סאָרבאָנע, אינעם יאָר 1967, אַלס וויסנשאַפטלעכע טעזע, פאַר וועלכער זי האָט דעם מחבר צוגעטיילט דעם טיטל ד"ר פאַר געשיכטע. כ'דאַנק דערמיט די פּראָפעסאָרן פון דער זשורי־קאָמיסיע ביי דער סאָרבאָנע: זשאַן דראָז, דעזואַל און הענרי מישעל פאַר זייערע נוצלעכע באַמערקונגען לגבי דעם פראַנצויזישן טעקסט בנוגע דער פאָרשונג פון דעם „קאַצעטן־סיסטעם" און רעזיסטאַנס, ווי אויך דעם פּראָפ. הענרי ברוך פאַר אָפטע מיינונגס־אויסטוישן מיט אים בנוגע דער גייסטיקער עמידה פון די קאַצעטלער.

דער מחבר דאַנקט דעם פּראָפ. אַריה טאַרטאַקאָווער, ד"ר י. קערמיש און ד"ר י. ראָבינסאָן פאַר זייער טירחה דורכצולייענען דעם טעקסט אין עברית און פאַר זייערע זייער ווערטפולע באַמערקונגען.

דער מחבר דאַנקט אַלע חברים פון די לאַגערן, וואָס האָבן געווידמעט אַ סך טירחה און צייט, בכדי צו געבן וואָס מערער דאָקומענטאַציע, הן אין דער פאָרעם פון זייערע גביות־עדות און הן אין דער פאָרעם פון מאַגנעטאָפאָן־הקלטות און פון אויספירלעכע תשובות אויף די פרעגבויגנס.

דער מחבר דאַנקט דעם פריינד יהודה קערש פאַרן איבערקוקן דעם טעקסט אין יידיש. און דעם פּרץ־פאַרלאַג, פאַר זיינע פריינדלעכסטע באַמיִונגען אַרויס־צוגעבן דאָס בוך אין זיין שיינער פאָרעם. און לסוף אַ האַרציקן דאַנק די פריינד פון בוך־קאָמיטעט פאַר זייער אינטערעס און רצון צו דערמעגלעכן דאָס דערשיי־נען פון בוך אין יידיש.

אַלעמען, יעדן איינעם באַזונדער, און אַלעמען צוזאַמען, מיינע האַרציקסטע דאַנקען.

די פֿאַרניכטונג פֿון עסטאָנישן יידנטום (1941)

אין עסטאָניע האָבן געלעבט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה אַן ערך 4.500 יידן; אין יאָר 1936 האָבן די עסטאָנישע יידן (4.434) מיט זיך פֿאַרגעשטעלט 0.4% פֿון דער עסטאָנישער באַפֿעלקערונג (1.126.413). אין עסטאָניע זענען געווען צוויי קאָנטיקערע מינדערהייטן: רוסן — 8.2%; דייטשן — 1.4%.

דער יידישער ישוב [1] אין עסטאָניע האָט זיך פֿאַרמערט אין נייצנטן יאָרהונדערט און איז באַשטאַנען פֿון דריי עיקרדיקע שיכטן:

1) יידן פֿון קורלאַנד מיט אַ קאָנטיקער באַלטיש־דייטשער השפּעה.

2) אָפּשטאַמיקע פֿון די „ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן"; ד"ה אָפּשטאַמיקע פֿון די יידישע קינדער, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן אין דער תקופֿה פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטן און אָוועקגעפֿירט געוואָרן קיין רוסלאַנד אויף 25 יאָר מיליטער־דינסט; ווי אויך בעלי־מלאכות. זיי אַלע זענען געשטאַנען אונטערן איינפֿלוס פֿון דער רוסישער קולטור.

3) אימיגראַנטן, וואָס זענען אָנגעקומען קיין עסטאָניע פֿון ליטע, אין אָנהויב פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווי אויך נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע פֿון 1917. זיי זענען געווען מענטשן פֿון זעלבשטענדיקער יידישער קולטור, גערעדט יידיש און עברית.

דער רוב עסטאָנישע יידן האָט געלעבט אין צוויי גרויסע שטעט: אין טאַלין — 2.203 יידן (אַ העלפֿט פֿון עסטאָנישן יידנטום); אין דאָרפּאַט — 920; אין נאָך 5 שטעט זענען געווען יידישע קאָנטיקערע ישובים: וואַלגאַ — 262; פּיאַרנו — 248; נאַרוואַ — 168; פֿעלין (ווילִיאַנדי) — 181; וועזענבערג (ראַקווערע) — 100; די איבעריקע יידן זענען געווען צעשאָטן, ווו צענדליקער, ווו איינצלנע, אין אַן ערך דרייסיק קליינע ישובים.[2]

אַ דריטל עסטאָנישע יידן זענען געווען סוחרים; אַ דריטל בעלי מלאכות און אַרבעטער; אַ 20% — אָנגעשטעלטע; און בערך 10% פֿרייע פּראָפֿעסיעס.[3]

דער קליינער עסטאָנישער יידישער ישוב האָט גערעדט פֿינף שפּראַכן (יידיש, עברית, רוסיש, עסטאָניש, דייטש) נישט געהאַט קיין אייגענע יידישע טאָג־פּרעסע, און פֿלעגט געניסן פֿון די יידישע טאָג־צייטונגען אין ליטע און לאַטוויע. אין עסטאָניע זענען געווען 3 יידישן פֿאָלקסשולן און 2 יידישע מיטלשולן (מיט פֿאַ־

ראַלעלע קלאַסן פון יידיש און עברית). ביים פילאָזאָפישן פאַקולטעט פון דאָרפּאַטער אוניווערסיטעט, האָט זייט 1934 עקזיסטירט אַ קאַטעדרע פאַר יידישע וויסנשאַפטן. בראש פון איר איז געשטאַנען ד״ר ל. גולקאָוויטש, געוו. פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפישן פאַקולטעט ביים לייפּציקער אוניווערסיטעט.

אין די דרייסיקער יאָרן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין עסטאָניע די פאַשיסטישע און עקסטרעם־נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן. זייער מערהייט האָט געהערט צו „וואַפּס״ („ליגע פון פרייהייטס־קעמפער״, ד״ה די ליגע פון די, וואָס האָבן אין 1917—1920 געקעמפט פאַר דער עסטאָנישער זעלבשטענדיקייט). מיטן אויפשטייג פון דער נאַצי־פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, און שפּעטער מיט היטלערס איבערנעמען די מאַכט אין דריטן רייך, זענען די דאָזיקע עלעמענטן אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך נאַצי־דייטשלאַנד, און דאָס האָט גורם געווען צום אויפשטייג פון דער פּראָנאַצישער פּראָפּאַגאַנדע אין עסטאָניע און צום אויפשטייג פון אַנטיסעמיטיזם.[4]

עסטאָניע אין דער נאַצי־תקופה

עסטאָניע איז אָקופּירט געוואָרן דורכן דריטן רייך במשך פון די חדשים יולי—סעפּטעמבער 1941. עסטאָניע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אין דער נאַצי־תקופה דעם „לאַנדסקאָמיסאַריאַט עסטלאַנד״, וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט די לאַנדקאָמיסאַריאַטן פון ביעלאָרוסיע, ליטע און לאַטוויע — אַ באַשטאַנדטייל פון „רייכסקאָמיסאַריאַט אָסטלאַנד״.

בראש פון „לאַנדסקאָמיסאַריאַט עסטלאַנד״ איז געשטאַנען דער גענעראַלקאָמיסאַר קאַרל ליצמאַן (טאַלין); ער איז געווען אונטערגעאָרדנט דעם רייכסקאָמיסאַר פון אָסטלאַנד היינריך לאָהזע (ריגע).

די רייכסקאָמיסאַריאַטן „אָסטלאַנד״ און „אוקראַינע״ זענען געווען אונטערגעאָרדנט אַלפרעד ראָזענבערגן, דעם שעף פון מיניסטעריום פאַר די באַזעצטע געביטן אין די מזרח־לענדער („אָסטמיניסטעריום״).

בכדי צו געניסן פון אַ מיטאַרבעט מצד די עסטאָנישע מאַסן האָבן די רעגירונגס־אינסטאַנצן פון רייך אויפגעשטעלט אַ מין עסטאָנישע זעלבסט־פאַרוואַלטונג און איר געגעבן אַ באַפאַרבונג פון מכלומרשער נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט. בראש פון דער דאָזיקער קאָלאַבאָראַטאָרישער עסטאָנישער רעגירונג איז געשטאַנען היאַלמאַר מאַע (היינט בירגער פון עסטרייך און וווינט אין גראַץ); יעדער מיטגליד אין דער דאָזיקער קאָלאַבאָראַטאָרישער רעגירונג האָט זיך אָנגערופן „לאַנדסדירעקטאָר״. די דאָזיקע רעגירונג האָט געמוזט אויספירן אַלע נאַצישע פאַראָרדענונגען, פאַרניכטן (מיט דער הילף פון דער פּאָליציי) צענדליקער טויזנטער עסטאָניער (פאַרדעכטיקטע אין אָפּאָזיציע צום נאַצי־רעזשים), שיקן

צענדליקער טויזנטער עסטאָניער אויף צוואַנגס־אַרבעט אין דייטשלאַנד, און אויפ־שטעלן א „פּרייוויליקן״ עסטאָנישן ס. ס.־לעגיאָן.

וויפל יידן זענען אומגעקומען אין עסטאָניע?

אין עסטאָניע זענען געווען, ווי געזאָגט, פאַרן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, אַן ערך 4.500 יידן. אַ סך פון זיי זענען אַנטלאָפן פון עסטאָניע בשעת דעם סאָוויעטישן צוריקטריט. מען איז משער, אַז נאָכן אָקופּירן דורך די דייטשן עסטאָניע, איז אין איר געבליבן אַן ערך 2.000 יידן; און יש אומרים, אַז נישט מער פון 1.000 מאַן.[5] זיי זענען אַלע געכאַפּט און פאַרניכטעט געוואָרן דורך דער זאָנ־דערקאָמאַנדאָ א־1, ביי דער מיטהילף פון די עסטאָנישע קאַלאַבאָראַטאָרן, במשך פון די זומער־ און ווינטער־חדשים פון 1941. די פאַרניכטונג האָט זיך אָנגעהויבן גלייכצייטיק מיט דער אָקופּאַציע פון עסטאָניע; לכתחילה אין די געביטן פון טאַרטו (דאָרפּאַט), וועלכע זענען שוין איינגענומען געוואָרן יולי 1941; און דאַן אין די איבעריקע געביטן (אין טאַלין, זינט דעם 3־טן סעפּטעמבער 1941).

גלייכצייטיק מיט די פאַרויסמאַרשירנדיקע דייטשע אַרמייען, בעתן אָנפאַל פון דייטשן רייך אויפן ראַטנפאַרבאַנד (22 יוני 1941, „באַרבאַראָסאַ״), זענען אַריין אין די אָקופּירטע שטחים די „איינזאַצגרופּן״, וואָס זייער ציל איז געווען צו פאַר־ניכטן אַלע עלעמענטן, וואָס קענען רעזיסטירן קעגן דייטשן רייך בכלל, יידן און פּאָליטרוקן בפרט. עס זענען געווען 4 „איינזאַצגרופּן״: א׳, ב׳, צ׳, ד׳. די צפונ־דיקע איינזאַצגרופּע איז געווען א׳; בראש פון איר איז געשטאַנען ס. ס. בריגאַ־דעפירער פראַנץ שטאַלעקער. דער שטח פון דער מאָרד־טעטיקייט פון דער איינ־זאַצגרופּע א׳ איז געווען דאָס באַלטישע געביט (ליטע, לאַטוויע, עסטאָניע און געוויסע מזרחדיקערע שטחים אין ראַטנפאַרבאַנד גופא); די איינזאַצגרופּע א׳ איז באַשטאַנען פון: 1) זאָנדערקאָמאַנדאָ א־1 (שטח פון טעטיקייט — עסטאָניע; צענטראַלע פונקטן: טאַלין, נאַרווא, דאָרפּאַט־טאַרטו, פּיאַרנו, ווי אויך איינצלנע פונקטן מחוץ עסטאָניע: פּסקאָוו, לוגאַ, קראַסנאָיע סעלאָ); 2) זאָנדערקאָמאַנדאָ ב־1 (צפון־מערב שטחים פון ראַטנפאַרבאַנד); 3) איינזאַצקאָמאַנדאָ 2 (מאָרד־שטחים: לאַטוויע און שאַוול); 4) איינזאַצקאָמאַנדאָ 3 (ליטע: קאָוונע, ווילנע, ווי אויך באַראַנאָוויטש און מינסק).[6]

די זאָנדערקאָמאַנדאָ א־1 ווערט אָפּט באַצייכנט אין די נאַצישע דאָקומענטן מיטן נאָמען KdS Estland.[7] בראש פון איר איז געשטאַנען ס. ס.־שטאַנדאַרטנ־פירער ד״ר מאַרטין זאַנדבערגער. די זאָנדערקאָמאַנדאָ א־1 איז אַרויס פון באַד שאַדענבערג, דעם צווייטן טאָג פון דער מלחמה, דעם 23־טן יוני 1941, און אַריינגעדרונגען קיין עסטאָניע צוזאַמען מיט דער דייטשער אַכצנטער אַרמיי.[7] אַ פּאָר פונקטן אין צפון־עסטאָניע, ווי אויך גאַטשין (קראַסנאָגוואַרדייסק) זענען

איבערגעגעבן געוואָרן דער איינהייט Ek1 (לכתחילה 1c), אונטער דער אָנפירונג פון ס. ס.־אָבערשטורמפירער ד״ר איסעלהאָרסט.[7]

פראַנץ שטאַלעקער האָט זיך נוהג געווען איבערצושיקן גענויע באַריכטן קיין בערלין; פון די דאָזיקע באַריכטן (פון דער איינזאַצגרופּע א׳), לערנען מיר פּאָלגנדיקע פּרטים וועגן דער פאַרניכטונג פון עסטאָנישן יידנטום:[8] לכתחילה זענען פאַרפליכטעט געוואָרן אַלע יידן (פון זעקס יאָר אָן) צו טראָגן געלע לאַטעס; ס׳איז קאָנפיסקירט געוואָרן דער יידישער רכוש; ס׳איז פאַרבאָטן געוואָרן יעטוועדער האַנדל, ווי אויך דאָס באַנוצן זיך מיט טראָטואַרן, מיט קאָמוניקאַציע־מיטלען, טעאַטער, קינאָ און רעסטאָראַנען. נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן; אַ סך מענער זענען פאַרניכטעט געוואָרן דורך די עסטאָנישע קאָלאַבאָראַטאָרישע גרופּן פון אַ״ג „זעלבשוץ״ („אָמאַקייטסע״),[9] לכתחילה איז די פאַרניכטונג פאָרגעקומען אין די שטעטלעך און דאַן אין די צענטראַלע שטעט. וואָס שייך די יידישע פרויען, איז אַ טייל פון זיי קאָנצענטרירט געוואָרן אינעם טאַלינער געביט, און זיי האָבן געאַרבעט ביי טאָרף; אַ טייל פרויען פון טאַרטו איז אַרעסטירט געוואָרן אין דער „סינאַגאָגע״ פון טאַרטו און אין אַרומיקע הייזער. די אַרבעטספעיִקע פרויען זענען באַשעפטיקט געוואָרן ביי טאָרף־ און ערד־אַרבעט און געווען קאָנצענטרירט אין די אַרומיקע תּפיסות.

פון די עדות־זאָגונגען בשעת די פּראָצעסן אין טאַלין קעגן די נאַצי־פאַרברעכער ווי אויך פון אייניקע נאַצי־דאָקומענטן, האָבן מיר פאָלגנדיקע ידיעות וועגן גורל פון די עסטאָנישע יידן אין די פונקטן ווו זיי זענען קאָנצענטרירט געוואָרן:

לאַגער כאַרקו (ביי טאַלין): דאָרט זענען קאָנצענטרירט געוואָרן בערך 1000 עסטאָנישע יידן; זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן דורכן פאַרטרעטער פון ד״ר זאַנדבערגער — ס. ס.־האַופּטשטורמפירער גאַרסטענס.[7]

סעפּטעמבער 1941 זענען לויט גאַרסטענס פאַראָרדענונג דערשאָסן געוואָרן 500 יידן פון לאַגער כאַרקו. דעם מאָרד האָבן אויסגעפירט עסטאָניער, מיטגלידער פון דער אַ״ג „זעלבשוץ״. זיי זענען אונטערליגן די פאַראָרדענונגען פון דער אָפּטיילונג IV פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ א־1.[7]

טאַרטו: אַ טייל פון די עסטאָנישע יידן (מענער, פרויען און קינדער) זענען קאָנצענטרירט געוואָרן אין לאַגער טאַרטו ביי דער תּפיסה טאַרטו,[10] (וואָס האָט געדינט בעיקר אַלס אַרעסט־צענטער פאַר „פאַרדעכטיקטע״ עסטאָניער). די עדות אין די עסטאָנישע פּראָצעסן האָבן דערציילט, אַז די יידן זענען פון טאַרטו אַרויסגעפירט געוואָרן צום דערשיסן אין די אַנטי־טאַנקן־גרובנס ביי דעם שטעטל לעמאַטיס;[10] די קליינע קינדער פלעגט מען פירן צום טויט צוזאַמען מיט זייערע עלטערן.[10]

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריקצוג פון די דייטשע אַרמייען, האָבן די דייטשע רעגירונגס־אַנשטאַלטן אָנגעהויבן דורכצופירן אַן אַקציע פון פאַרטו־שירן און פאַרמאַסקירן די סימנים פון די דייטשע מערדערייען און פון די מאַסן־שחיטות. אַ ספּעציעלע קאָמאַנדאָ האָט דורכגעפירט דאָס פאַרברענען די קער־פּערס פון 12.000 דערמאָרדעטע (אַרויסגעפירטע צום טויט פון טאַרטו) און צעשיטן זייער אַש; העפטלינגע זענען געווען געצוווּנגען דאָס אַדורכצופירן; עס זענען דאָ עדות, אַז אַ טייל פון די געצוווּנגענע מתים־ברענער זענען געווען יידישע קאַצעטלער.[11]

טאַלין: אַ געוויסע צאָל עסטאָנישע יידן איז געבראַכט געוואָרן אין לאַגער טאַלין, ביי דער תפיסה טאַלין, צווישן זיי אויך יידישע קינדער.[12] פון טאַלין פלעגט מען אָפּט פירן צום דערשיסן אין קאָבערנעעמע; לויט אייניקע עדות איז אָנצונעמען אַז קאָבערנעעמע געפינט זיך ביי קאַלעווי־ליוואַ, דאָרט ווו ס'זענען אויסגעהרגעט געוואָרן די יידן פון טערעזיענשטאָט און פון רייך.[12] לויט באַ־ריכטן פון טאַלינער געביט זענען דאָרט ביז מאַי 1943 דערשאָסן געוואָרן 2234 מאַן (צווישן זיי 659 יידן).[13]

פּיאַרנו: די יידן פון פּיאַרנו זענען קאָנצענטרירט געוואָרן אין דער תפיסה פּיאַרנו און אַרויסגעפירט געוואָרן צום דערשיסן אין דערבייַיקן וואַלד ראַע. אייניקע צענדליק יידישע קינדער זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון דער תפיסה צום בית־הכנסת פון פּיאַרנו און דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן.[14]

פּסקאָוו: נאָך דער שחיטה פון די 500 יידן אין כאַרקו, סעפּטעמבער 1941, זענען דאָרט געבליבן לעבן אַן ערך נאָך 500 יידן. שטאַלעקער האָט געפאָדערט זייער באַלדיקע פאַרניכטונג, בכדי ער זאָל קאָנען אין זיינע באַריכטן מעלדן, אַז עסטאָניע איז „יודענפריי". ד"ר זאַנדבערגער האָט זיי אַריבערגעפירט אין אַ לאַגער ביי פּסקאָוו (פּלעסקאַו), וואָס האָט זיך שוין געפונען אויסער די גרענעצן פון עסטאָניע; און אַזוי אַרום האָט שטאַלעקער שוין געקענט מעלדן, אַז עס־טאָניע איז „יודענפריי", און דאָס איז אויך באַצייכנט געוואָרן אין באַריכט, וואָס היידריך האָט דערלאַנגט אויף דער וואַנזעע־קאָנפערענץ, 20 יאַנואַר 1942.[15]

פעברואַר 1942, איז פאַרבייגעפאָרן פּסקאָוו דער ס.ס.־אָבערגרופּנפירער פריץ יעקעלן, העכערער פּאָליציי־ און ס. ס.־פירער פון דרום, און ער האָט זיך צופעליק דערוווּסט, אַז אין פּסקאָוו לעבן יידן. לויט זיין באַלדיקן באַפעל זענען זיי אַלע אויסגעשאָסן געוואָרן (פעברואַר 1942).[7]

אויב מען זאָל אָננעמען פאַר ריכטיק די ציפערן, וואָס זענען אָנגעגעבן גע־וואָרן דורך דער איינזאַצגרופּע א', זענען אין עסטאָניע דערמאָרדעט געוואָרן מער פון 2.000 יידן (כאַרקו — 500; פּסקאָוו — 500; טאַלין — 695; טאַרטו — אייניקע הונדערט; פּיאַרנו — אייניקע הונדערט).[16]

די זאָנדערקאָמאַנדאָ א־1 און די זיכערהייטס־ און ס.ד.־פּאָליציי אין עסטאָ־ניע: די עיקר־טעטיקייט פון די איינזאַצגרופּן (א׳, ב׳, צ׳, ד׳) אויף די אָקופּירטע שטחים אין ראַטנפאַרבאַנד האָט געדויערט ביזן מיטן 1942; לויט דעם עדות־זאָגן פון אָטאָ אָלענדאָרף, דעם אָנפירער פון איינזאַצגרופּע צ׳, זענען אין יולי 1942 צונויפגעגאָסן געוואָרן די פיר איינזאַצגרופּן אין צוויי, און זיי זענען אַרויס־געשיקט געוואָרן וויַיט צום צפון מיט אויפגאַבן פון „קאַמפּס־גרופּן".[17]

אין דער העלפט 1942 איז אויך פאָרגעקומען אַ רעאָרגאַניזאַציע פון די פּאָ־ליציי־אַנשטאַלטן אין עסטאָניע, זייער צוזאַמענשמעלצונג אין איין פּאָליציייִשן אַפּאַראַט[18] — „זיכערהייטספּאָליציי און ס. ד. עסטלאַנד", וואָס איז צעטיילט געוואָרן אין צוויי סעקטאָרן: „דויטשער סעקטאָר" און „עסטאָנישער סעקטאָר"; בראָש פון דייטשן סעקטאָר איז געשטאַנען דער גרופּנלייטער א׳. ס. ס.־שטורמ־באַנפירער ד"ר אולמאַן;[18] בראָש פון עסטאָנישן סעקטאָר איז געשטאַנען גרופּנ־לייטער ב׳, דער עסטאָניער, מאַיאָר מערע;[18] דער אַלגעמיינער קאָמענדאַנט פון ביידע סעקטאָרן איז געווען ד"ר זאַנדבערגער, מיטן טיטל „קאָמאַנדיר פון דער זיכערהייטספּאָליציי און ס. ד. עסטלאַנד, זאָנדערקאָמאַנדאָ א־1".[18] דערפון איז צו זען, אַז צו יענער צייט איז געווען אַ פולקאָמע אידענטיטעט צווישן דעם באַגריף „זיכערהייטספּאָליציי און ס. ד. אין עסטלאַנד" מיט דעם באַגריף „זאָנדערקאָ־מאַנדאָ א־1".

אין יענער תקופה, יולי 1942, זענען שוין כמעט מער נישט געווען קיין יידן אין עסטאָניע (אַחוץ איינצלנע יידן, וואָס האָבן זיך אפשר אויסבאַהאַלטן צווישן נישט־יידן און די ידיעות וועגן זיי זענען גאָר־גאָר מאָגערע).[19] הגם דאָס עסטאָנישע יידנטום האָט שוין נישט עקזיסטירט, דאָך וועלן מיר ווידער זען די פאַרשטייער פון דייטשן און עסטאָנישן סעקטאָר פון דער „זיכערהייטספּאָליציי און ס.ד. עסטלאַנד" (ד"ה „זאָנדערקאָמאַנדאָ א־1"), ווען עס וועלן פאָרקומען אין קאָלעווי־ליוואַ די שחיטות פון די יידן, וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פון טערעזיענשטאָט און פון רייך, סעפּטעמבער 1942.

די באַרויבונג פון די עסטאָנישע יידן. צאָלרייכע דאָקומענטן, וואָס זענען צוגעשטעלט געוואָרן צו די טאַלינער פּראָצעסן, און וואָס מיר באַזיצן זייערע פאָ־טאָקאָפּיעס, דערציילן ווי אַזוי ס'איז פאָרגעקומען די באַרויבונג פון די עסטאָנישע יידן: די ווערטפולע זאַכן זענען אַריבערגעבראַכט געוואָרן אין דער „רייכס־קרעדיטקאַסע" פון ריגע. אַ בריוו פון דער זיכערהייטספּאָליציי און ס. ד. אין טאַלין (15־טער יוני 1942) צום גענעראַל קאָמיסאַר אין טאַלין[19] דערציילט אַז די געלטער (מטבעות, גאָלד און זילבער), וואָס זענען צוגענומען געוואָרן ביי „יידן און קאָמוניסטן" זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין בערלינער שטאַטישן הלוואות־אַנשטאַלט.[20] אַ קאָנטיקער טייל פון יידישן פאַרמעגן איז אַוועק צו די מיליטערישע

איינהייטן. אַ חלק איז פשוט צוגערויבט געוואָרן דורך „פּריוואַטע״ עסטאָניער, ווי אויך דורך דער עסטאָנישער „זעלבשוץ״.[21]

סאָוויעטישע קריגסגעפאַנגענע פון יידישער אָפּשטאַמונג, וואָס זענען פאַר־האַלטן געוואָרן אין פינלאַנד, זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אויף „זאַנדערבאַהאַנד־לונג״ אין עסטאָניע. נעמען פון דריי אַזעלכע יידן געפינען מיר אינעם בריוו פון יאַנואַר 1942 (לוי באַריס, לוי משה און קאָפּל אַלטער)[22] און זיבן יידישע נעמען פון פינלאַנד (קריגסגעפאַנגענע?) געפינען מיר אינעם בריוו פון 10טן אָקטאָבער 1942. דער בריוו איז באַגלייט מיט דער צושריפט„זאַנדערבאַהאַנדלונג פאַר יידן״.[23] אין עסטאָניע איז איינגעפירט געוואָרן מיט דער גאַנצער האַרבקייט דאָס ראַסן־געזעץ; פרויען פון יידישער אָפּשטאַמונג, וואָס האָבן אָנגענומען די קריסטלעכע רעליגיע, 25 יאָר פאַר דער וועלט־מלחמה, און זענען געווען פאַרהייראַט מיט קריסטן, זענען פאַרשיקט געוואָרן אין דער תפיסה.[24]

נאָך דער פאַרניכטונג פון עסטאָנישן יידנטום זענען אין די עסטאָנישע קאַ־צעטן געבראַכט געוואָרן יידן פון טערעזיענשטאַט און פון רייך (סעפּטעמבער 1942), פון ווילנע (אויגוסט־סעפּטעמבער 1943), פון קאָוונע (אָקטאָ־בער 1943), פון ביסטריצאַ (יולי 1944). עס זענען אויך דאָ ידיעות, אַז אַ געוויסע צאָל יידן איז געבראַכט געוואָרן פון קייזערוואַלד יאַנואַר 1944, און אַז אַן ערך 500 יידן פון פראַנקרייך זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין עסטאָניע אין יאָר 1944. וועגן די אַלע ענינים וועלן מיר גענויער דערציילן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.[25]

אין נאַצי־עסטאָניע איז, ווי שוין געזאָגט, אויפגעשטעלט געוואָרן אַן עסטאָ־נישער „ס. ס.־לעגיאָן״, בכדי צו קעמפן פאַרן נאַצי־רייך; דאַקעגן האָבן די סאָ־וויעטן אויפגעשטעלט אַ „ליטווישע דיוויזיע״ פון אָפּשטאַמיקע פון באַלטישע לענדער (מיט אַ מערהייט יידישע קעמפער), אַ לאַטווישע איינהייט און אַן עסטאָ־נישע איינהייט. ס׳זענען דערגאַנגען ידיעות וועגן צוויי יידישע ברידער חיים און בערל שור, טעקסטיל־אַרבעטער פון טאַלין, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן,[26] ווי אויך וועגן נאָך יידן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די קאַמפן פאַר עסטאָניעס באַפרייונג.[27]

באַמערקונגען

די פאַרניכטונג פון עסטאָנישן יידנטום

1) פּרטים וועגן עסטאָנישן יידנטום זע אין די ביכער:

א) גורין ש. סטאַטיסטיק פון דער יידישער באַפעלקערונג אין עסטי. טאַלין, 1938.

ב) S. Gurin, Jundi vohemusrahruse statistiku, Estis, Tallin, 1936.

ג) Blackbook of Lokalities Whose Jewish Population Was Exterminated by the Nazis. Yad Vashem. 1965. 440 p.

ווי אויך אין די אַרבעטן פון מ. דוואָרזשעצקי: „השמדת יהודי אסטוניה", „מורשת", נובמבר 1969 און „המשטר באסטוניה הנאצית", מורשת", זומער 1970.

2) 98% עסטאָנישע יידן זענען געווען שטאַטישע איינוווינער, און זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט 1.3% פון דער שטאַטישער באַפעלקערונג.

3) יידישע פּראָפעסיעס לויט ציפערן: מסחר — 30.4 3%; אָנגעשטעלטע — 20.0%; בעלי מלאכות — 14.8; אַרבעטער — 14.40; פרייע פּראָפעסיעס (בעיקר דאָקטוירים) — 9.5; פאַבריקאַנטן — 5.0; בעלי־בתים 1.4; כלי־קודש — 0.9.

4) דער אויפשטייגנדיקער אַנטיסעמיטיזם אין עסטאָניע האָט זיך אויסגעווירקט אויף דער צאָל פון די יידישע סטודענטן אין די אוניווערסיטעטן: 1926 — 188 יידישע סטודענטן אין דאָרפּאַטער אוניווערסיטעט (204 — אויף מעדיצין); 1934 — 96 יידישע סטודענטן אין דאָרפּאַטער אוניווערסיטעט (44 — אויף מעדיצין).

5) פראַנץ שטאַלעקער באַצייכנט אין זיין באַריכט פון 31 יאַנואַר 1942 (180—ל), אַז ערב דער מלחמה זענען אין עסטאָניע געווען אַן ערך 4.500 יידן, אָבער „זייער מערהייט איז אַנטלאָפן צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי. געבליבן איז פון זיי נאָר 2.000". יידן, וואָס האָבן פאַרלאָזן עסטאָניע מיטן אויסברוך פון באַרבאַראָסאַ־קריג (22 יוני 1941) דערציילן, אַז בערך 500 עסטאָנישע יידן זענען אַריבערגעפירט געוואָרן דורך די סאָוויעטן אין די סיבירער געביטן, ערב דעם קריגס־אויסברוך. די וואָס מיינען אַז אין עסטאָניע זענען געבליבן נאָר אַן ערך 1.000 יידן, שאַצן אַז אַן ערך 3.000 האָבן פאַרלאָזט עסטאָניע פון אייגענעם ווילן און 500 זענען אַרויסגעפירט געוואָרן.

6) וועגן די איינזאַצגרופּן זע: יוסף טננבוים: מלכות הגזע והרשע, „יד ושם", תשכ"א. ז"ז 383—403.

7) KdS = Kommandant der Sicherheitspolizei.

Zentrale Stelle des Landesjustizverwaltungen, 7 AR-Z/233/59 Ludwigsburg 7.6.1962. געפינט זיך אין די אַרכיוון פון „יד ושם", ירושלים.

8) Trials of War Criminals, Vol. 4, pp. 143-144. Doc. 95.

9) „Omakaitse".

10) עדות פון האַנס לאַאַטס, „12.000״, 25, 48, 49, 50; פון ערנסט לײַוואַק, „12.000״. (68); קאַרל עלק, געוו. וועכטער פון לאַגער טאַרטו, „12.000״, 52; עלמאַר פּואוסעפּ, „12.000״, 71; הילדאַ קאַלאַקאַס, „12.000״, 64.

11) „12.000״, 88—91, די דאָזיקע פאַרמאַסקירונגס־אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן אין עסטאָניע שוין דעצעמבער 1943; דאָרט ווערט אויך דערציילט, אַז צו דער אַרבעט פון ברענען מתים האָט מען געצווונגען בעיקר יידן פון פּוילן און פון טשעכאָסלאָוואַקיע. צום סוף זענען אויך זיי דערהרגעט געוואָרן.

אַזאַ מאַסקירונגס־אַקציע איז געפירט געוואָרן אין אַלע אָקופּירטע שטחים. דאָקומענטן דערציילן, אַז בראש פון דער דאָזיקער אַקציע איז געשטאַנען דער ס.ס.־שטאַנדאַרטנפירער אינזש. פּאַול בלאָבעל, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ ספּעציעלע קאָמאַנדאָ „טויט־בריגאַדע 1005״. בשעת דעם אייכמאַן־פּראָצעס האָט דער לעבנגעבליבענער לעאָן וועליטשקער־וועלס עדות געזאָגט וועגן זײַן אַרבעט אין דער טויט־בריגאַדע 1005. נאָך דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ זענען אויף פּאָנאַר דורכגעפירט געוואָרן ענלעכע מתים־פאַרברענונגען (זע ביכער וועגן ווילנער געטאָ).

12) פּרטים וועגן תפיסה־לאַגער טאַלין איז צו געפינען אין דער באַשרײַבונג פון טאַלינע פּראָצעס, 1962, אין די ביכער „12.000״. „פּעפּל״ און „סלוגי סוואַסטיקי״, ווי אויך אין „המשטר הנאצי באסטוניה״, פון ד״ר מ. דוואָרזשעצקי, „מורשת״, נר. 12, 1970.

13) „12.000״, 136.

14) זע דעם אַרטיקל: „ווילעם רייד און די אַנדערע״, וואָס איז דערשינען אין „סאָוויעטסקאַיאַ עסטאָניאַ״, 1965.5.3.

15) פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ „אַם גראָסען וואַנזעע״ (נ. ג. 2586) פּראָצעס 9.: „Estland Judenfrei".

16) זע שטאַלעקער־באַריכטן: ל־180; פּ. ס.—2273.

17) עדות פון אָלענדאָרף, IMT, IV, 373.

18) אין די ביכער „פּעפּל״ „12000״, „סלוגי סוואַסטיקי״ איז פאַרעפנטלעכט: Organisationsplan der Dienststelle Reval (Stand am 1.7.42).

דער אַמט פון ד״ר זאַנדבערגער איז דעפינירט אַלס:
Kommandeur der Sicherheitspolizei und der S.D. Estland, Sonderkommando 1-a, Dienststelle Reval איז צעטיילט אויף 1) Deutscher Sektor, 2) Estnischer Sektor.

19) אפשר קאָן מען געפינען אַן אָפּקלאַנג וועגן די געכאַפּטע אויסבאַהאַלטענע יידן אין דער פאַראָרדענונג, וואָס די זיכערהייטספּאָליציי און ס. ד. אין טאַלין, האָט אַרויסגעגעבן דעם 9־טן אַפּריל 1942 (נומ. 2876) צו דערהרגענען די יידן, „עסטאָנישע בירגער״, בעלאַ קלעצקי און איר זון לעאָ קלעצקי; ווי אויך אין דער רשימה פון די אַרויס־

געפּירטע צום טויט, דעם 16 אַפּריל 1942, געפינען זיך נעמען פון עסטאַנישע יידן: זאַכריי חיים, וויינשטיין משה; און אין דער רשימה פון 1943.5.7 — דער נאָמען הויסמאַן יוסף.

19) Der Kommandeur der Sicherheitspolizei und d. S.D. Estland. Abt. II. C, Tgb., No. 4986, Reval, 15 Juni 1942.

20) Städtische Pfadleianstalt.

21) Der Gebietskommissar Narwa, Abt. III, Treuhand. Wiesenberg, 21.7.1942.

22) געהיימער בריוו פון קאָמענדאַנט פון דער זיכערהייטספּאָליציי און ס.ד. אין עס־טאָניע, אָפּטיילונג IVE (רעוואַל, 1942.11.10) צו דער אָפּטיילונג IVB איז רעוואַל, צו וויקסן 7045/42).

23) מאַרטינסאָן, „סלוגי סוואַסטיקי", דערציילט, אַז זיי זענען דעם 8טן אָקטאָבער 1942 אַרעסטירט געוואָרן אין פינלאַנד און געבראַכט געוואָרן קיין עסטאָניע, אין דער טאַלינער תפיסה. דעם 10־טן אָקטאָבער זענען זיי פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט; איינער פון זיי קאַלמאַן געאַרג איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער קיין דייטשלאַנד און גע־בליבן לעבן.

24) Gesuch von Leonid Kühn in der Sache meiner Frau Katherina Eest. Julgaole-Kupolitseiameti, IV, Osakand, 1 Mai 1942.

25) וועגן יידן פון קייזערוואַלד, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן קיין עסטלאַנד ווערט דערציילט אין די עדות־זאַגונגען, וואָס ה. קרוק האָט פאַרשריבן אין קלאָגע.

וועגן יידן פון פראַנקרייך, געבראַכטע זומער 1944 אין טאַלין, זע עדות פון ב. אַנאַליק.

26) „אייניקייט", נומ. 27, עמ' 2, 1943.10.7.

27) צוויי עדות־זאַגונגען וועגן דעם זענען פאַרעפנטלעכט אין „מול האויב הנאַצי", הוצאת ארגון נכי המלחמה בנאַצים, כרך א': שאַיעוויטש בענאַ, 233—235; פינקעלשטיין ירחמיאל משה, 392.

דעפּאָרטאַציעס

דעפּאָרטאַציעס פון יידן און נישט־יידן זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די רעגירונגס־אַנשטאַלטן פון דריטן רייך אין אַלע תקופות פון נאַצי־רעזשים באַזונדערס זינט 1939 און באַזונדערס זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה — באַרבאַראָסאַ, דעם 22סטן יוני 1941.

ווייזט זיך אַרויס, אַז די אַלע אומצאָליקע דעפּאָרטאַציעס פון יידן, ווי אויך פון נישט־יידן, האָבן געהאַט אידענטישע צילן:

דאָס פּלוצעמדיקע אָפּרייסן דעם מענטש פון זיין היים, פון זיין משפּחה און דאָס אָפּשניידן אים פון אַלץ, וואָס עס האָט אים פאַרבונדן מיט זיין ביזאיצטיקן לעבנס־וועג און מיט די מענטשן פון זיין ביזאיצטיקער סביבה.

דאָס צעטומלען אים דורך אַן אומגעהויערן גייסטיקן שאָק, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דער אַכזריות פון דער דעפּאָרטאַציע און די תנאים פון איר דורכפירונג — די בהמות־וואַגאָנען, אין אַן ענגשאַפט פון 100—120 מאַן אין אַ וואַגאָן, און אָפט לגמרי אָן עסן און אָן טרינקען. דאָס זענען געווען באַדינגונגען, וועלכע האָבן גורם געווען צו האָפנונגסלאָזיקייט, צום רעזיגנירן פון יעדן ווידערשטאַנד־געדאַנק, צו פּסיכאָזעס און האַלוצינאַציעס.

דאָס פּלוצעמדיקע באַרויבן אים פון זיין פאַרמעגן און דאָס פאַרוואַנדלען אים מיט אַ מאָל אין אַ מענטש, וואָס באַזיצט גאָרנישט, וואָס וועט פון איצט אָן און ווייטער זיין אין גאַנצן אָפּהענגיק פון זיינע נאַצישע באַפעלער און פּייניקער, און נאָר פון זיי וועט ער באַקומען זיין הונגער־ראַציע און זיינע אָרעמע קאַצעט־בגדים.

דאָס צעברעכן דעם מענטש אין מאָראַלישן הינזיכט, דאָס פאַרוואַנדלען אים אין אַ שטענדיק הונגעריקן און צעשראָקענעם קאַצעטלער, וואָס זעט פאַר זיינע אויגן תמיד נאָר דעם עלנט פון זיין אוממענטשלעכן קיום, און וואָס זיין איינציקע עיקרדיקע טאָג־טעגלעכע זאָרג איז נאָר, ווי אַזוי קריגט מען נאָך אַ פּאַרציע ברויט אָדער נאָך אַ טעלער זופּ; דאָס קאָנצענטרירן אַלע זיינע מחשבות נאָר אויף דעם, ווי אַזוי אויפצוהיטן זיין ביאָלאָגישן קיום, ווי אַזוי אויספּילן בלינדערהייט יעדן, אַפילו ווילדסטן און גרויזאַמסטן נאַצישן באַפעל, בכדי דערמיט אויסצומיידן דעם מאַוויימדיקן טויט; פאַרוואַנדלען אים אין אַ שטענדיקן נכנע, אין „מענטשן־שטויב".

דאָס צונעמען ביי אים דאָס מענטשלעכע געשטאַלט, יעדעס געפיל פון סאָלידאַ־ריטעט מיט אַלע אַנדערע פּאַרפּייניקטע, און פאַרוואַנדלען אים אין אַ באַשעפעניש, וואָס האָט שוין מער נישט דעם גייסטיקן כּוח צו וועלכן עס איז געדאַנק פון ווידערשטאַנד און אָפּוועהר כּלפּי די נאַציס.

דאָס אָפּשוואַכן אים דורך עבודת פּרך, דורך דעם שטענדיקן נישט־דערעסן און דורך די אומאויפהערלעכע, ברוטאַלע און אַכזריותדיקע פּייניקונגען און אָפּשפּאַ־טערייען, האָבן אים דערפירט צו אַ מצב פון אַבסאָלוטער אָנמאַכט, פון אַ „מוזל־מאַן", וואָס געפינט זיך אויף דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט, און וואָס שפירט, אַז זיין איינציקע „אויסלייזונג" — איז טויט.

אַלע דעפּאָרטאַציעס, אין אַלע לענדער, און לויט זייערע פאַרשיידנסטע דורכ־פירונגס־מעטאָדן, איז זייער עיקר־ציל געווען:

באַלדיקע פאַרניכטונג: הן אין „אינדיווידועלער פאָרעם" (דורך טויטן יעדן „אָפּשטייענדיקן" בשעת די מאַרשן, וכדומה), אָדער אין „קאָלעקטיווער פאָרעם" (דורך מאַסן־שחיטות, ווי אין באַבי־יאַר ביי קיעוו, אָדער פּאָנאַר ביי ווילנע, מאַסן־טויט אין גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס); אָדער „אומדירעקטע פאַרניכטונג", וואָס די לאַגערניקעס האָבן עס איראָניש גערופן „פּראָדוקטיווע פאַר־ניכטונג" (וואָרשיינלעך שטאַמט דער נאָמען פון די נאַציס גופא), ד"ה לאַנגזאַמער טויט דורך אַרבעט, וואָס נוצט פריער אויס אַלע קרעפטן פון קאַצעטלער.

אַלע אויבנדערמאָנטע וועגן האָבן געפירט צו איין רעזולטאַט: פאַרניכ־טונג. ס'האָבן זיך אָבער פון צייט צו צייט געמערקט סתירות אין דער רעאַ־ליזירונג פון דער פאַרניכטונג. די ס.ס.־לייט האָבן געשטרעבט גלייך, אָן אָפּליי־געניש, דורכצופירן די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון די יידן, ווי אויך פון ציגיינער און ווידערשטענדלער, וואָס זענען דאָך סיי ווי פאַרמשפּט צום טויט; און דערביי לגמרי זיך נישט רעכענען מיט די נויטן פון דייטשן מיליטער און עקאָנאָמיק; דאַקעגן האָבן די קרייזן פון מיליטער און פון דער אָרטיקער לייטונג געזען אין די יידן המונים „אַרבעטס־הענט", וואָס מען קאָן דאָך אויסנוצן פאַר די נויטן פון דייטשן מיליטער און פון דער דייטשער אינדוסטריע. זיי האָבן געפאָדערט נישט קיין אַבסאָלוטע, אַלגעמיינע פאַרניכטונג, נאָר „סעלעקטיווע פאַרניכטונג", ד"ה תּמיד דורכפירן אַ „סעלעקציע" צווישן די שוואַכערע, וואָס זאָלן גלייך גיין צום טויט, און צווישן די „אַרבעט־פעיִקע", וועלכע דאַרפן „דערווייל" גיין צו דער אַרבעט. און ווען ס'וועלן זיך אויסלאָזן זייערע אַרבעטס־כּוחות — צום טויט.

די דעפּאָרטאַציעס אין דער תּקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן אַרומגענומען צענדליקער מיליאָנען מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער, און שטעלן מיט זיך פאָר איינע פון די גרויזאַמסטע און גיגאַנטישע נאַצישע „רעאַליזירונגען".

דאָס פונאַנדערשיטן די פאַרשיקטע: אייניקע דערשיינונגען פון די דעפּאָר־טאַציעס זעען אונדז אָפּט אויס צו זיין אומפאַרשטענדלעך. למשל: די די מערהייט ווילנער יידן זענען דעפּאָרטירט געוואָרן צום טויט צו־פוס אויפן קירצסטן וועג — גלייך קיין פּאָנאַר, הינטער ווילנע. אָבער בשעת דער ליקווי־דאַציע פון געטאָ, זענען אַ סך פאַרשיקט געוואָרן קיין מיידאַנעק. שטעלט זיך די פראַגע: פאַר וואָס קיין מיידאַנעק און נישט צום נאָענט־ליגנדיקן פּאָנאַר? די יידן פון רייך זענען קיינמאָל נישט פאַרשיקט געוואָרן אין נאָענטע מקומות, נאָר שטענדיק אין אָרטשאַפטן, וואָס זענען ווייט איינע פון דער אַנדערער, ווי מינסק, ריגע, עסטאָניע, לובלין, לאָדזש, טערעזיענשטאַט, אוישוויץ. ווייזט אויס, אַז איינע פון די הויפּט־צילן בשעתן צעשפּרייטן די פאַרשיקטע אויף שטחים, וואָס זענען ווייט איינער פון דער אַנדערער טויזנטער קילאָמעטערס, איז געווען צו פאַר־טושן די ענד־סטאַציעס פון דער דעפּאָרטאַציע, בכדי אויסצובאַהאַלטן פון די פאַרשיקטע זייער אייגענעם גורל ווי אויך דעם גורל פון די איבעריקע פאַרשיקטע, און בכדי צו פאַרהוילן פון זייערע משפחות און פון דער אַרומיקער סביבה וווּ אַהין עס זענען געגאַנגען די טראַנספּאָרטן.

ס׳איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז אויך אין די לאַגערן גופא זענען אָן אַ סוף פאָרגעקומען איבערזידלונגען פון איין לאַגער אין צווייטן. די דאָזיקע אָפטע איבערטראַנספּאָרטירונגען האָבן געהאַט צוויי עיקרדיקע צילן: 1) אַריבערפי־רונגען, בכדי אויסצופירן אַ געוויסע אַרבעט אין אַ געוויסן געביט, 2) אַריבערפי־רונגען, בכדי נישט־צו־דערמעגלעכן, אַז די לאַגערניקעס זאָלן זיך קענען „אַקלי־מאַטיזירן״ אויף זייער אָרט, און אָנבינדן קאָנטאַקטן מיט די מענטשן פון דער סביבה, וואָס קאָן פירן צו אַנטלויפונגען און ווידערשטאַנד.

דעפּאָרטאַציעס פון ישוב צו ישוב, פון לאַנד צו לאַנד, פון געטאָ צו געטאָ, און פון דאָרט — אין אַרבעטס־לאַגערן און אין קאָנצענטראַציע־ און פאַרניכטונגס־פלעצער — זענען געווען אייניקע פון די נאַצישע גוואַלד־מיטלען, בכדי צו פאַר־שקלאַפן די אָקופּירטע פעלקער, זיי צו עקספּלאָאַטירן און פאַרניכטן.

אין די אַלע צאָלרייכע דעפּאָרטאַציעס אין די פאַרשיידנסטע לענדער איז דאָ אַ סך ענלעכעס און אַ סך אַנדערשקייט; אָבער אין סך הכל ווערט קלאָר, אַז טראָץ אַלע ניואַנסן, האָט עקזיסטירט איין אויסגעאַרבעטע שיטה, „די שיטה פון די דעפּאָרטאַציעס״. די שינויים זענען געווען נאָר צופּאַסונגען צו לויפנדיקע באַדינ־גונגען פון דער צייט.

די דעפּאָרטאַציע פון טערעזיענשטאַט

די ערשטע דעפּאָרטאַציע, וואָס איז אונדז באַקאַנט, פון אַ פרעמד לאַנד קיין עסטאָניע, איז די פאַרשיקונג פון אַן ערך 1.500 יידן פון טערעזיענשטאַט.[1]

איינע פון די לעבנגעבליבענע פון יענעם טראַנספּאָרט, אירמאַ פּעטראַסקאָווא,[2] דערציילט, אַז אָנהויב אויגוסט 1942, איז זי פאַרשיקט געוואָרן פון פּראַג קיין טע־רעזיענשטאַט, און אין אַ חודש אַרום, איז זי אַוועקגעשיקט געוואָרן ווידער אין אַ נייעם טראַנספּאָרט, דאָס מאָל אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. בשעתן טראַנספּאָרט האָט אַ טייל פאַרשיקטע געמיינט, אַז זיי ווערן געבראַכט קיין פּוילן, און אַן אַנדער טייל האָט גערעדט וועגן ריגע. קיינער אין טערעזיענשטאַט האָט נישט געוואָלט גיין צו די טראַנספּאָרטן; אַ סך האָבן געוואָלט זיך ראַטעווען דורך באַשעפטיקן זיך מיט „ספּעציעלע" שווערע און אומאָנגענעמע אַרבעטן, ווי רייניקן קלאָזעטן („לאַט־רינען") אָדער מקבר זיין מתים, וואָס זייער צאָל איז געוואַקסן. צו דער פאַר־ווונדערונג פון די פאַרשיקטע האָט אויף זיי געוואַרט נישט קיין לאַסט־צוג נאָר אַ נאָרמאַלער „פּערזאָנענצוג". יעדער איינער האָט דאָרט זיך געפונען אַ פּלאַץ צום זיצן. אין די וואַגאָנען זענען געפאָרן צוזאַמען די עלטערן מיט זייערע קינדער. די אַלע זאַכן האָבן זייער באַרויִקט דאָס געמיט פון די פאַרשיקטע. „דער מצב־רוח אין וואַגאָן איז געווען גוט. אויף יעדן פאַל, האָבן מיר אַלע געהאָפט, אַז פון היינט אָן וועלן מיר קענען פירן אַ מער נאָרמאַל לעבן. יעדער פון די אַרויסגעפירטע האָט געהאַט מיט זיך גענוג שפּייז. דערצו האָט מען נאָך באַקומען אין די וואַגאָנען גופא קאָנסערוון און ברויט. „אָפט פלעג איך זיך פאַרגעסן, אַז איך געפין זיך אין אַ דעפּאָרטאַציע־רייזע". די שיטה פון פאַרפירן און אָפּנאַרן האָט דאָ זייער גוט מצליח געווען. זיי זענען דורכגעפאָרן דרעזדען, פּויזן, ביד־גאָשטש, מאַריענבורג, טילזיט, ריגע, און צום סוף, נאָך אַ רייזע פון 5 טעג, זענען זיי אָנגעקומען אויף אַ פאַרוואָרפענער עסטאַנישער סטאַציע, נישט ווייט פון אַ וואַלד.

לויט די עדות־זאָגונגען פון די געראַטעוועטע פון יענעם טערעזיענשטאַטער טראַנספּאָרט, וועלכע זענען אויפגעטראָטן אַלס עדות אין טאַלינער משפּט קעגן די נאַצי־פאַרברעכער אין עסטאָניע,[3] האָט זיך די סטאַציע אָנגערופן ראַזיקו (Raasika) אַהערצו זענען זיי אָנגעקומען דעם 5־טן סעפּטעמבער 1942. דאָ איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע. די גרעסערע גרופּע (עלטערע לייט, פרויען מיט קינ־דער), אַן ערך 90%, האָט מען געפירט פון דער סטאַציע אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג, אין פרעכטיקע, בלויע, מיט ניקל־באַדעקטע אויטאָבוסן.[3] די דאָזיקע שיינע אויטאָבוסן האָבן אַרויסגערופן ביי די מענטשן אַ געפיל פון באַרויִקונג און פון האָפענונג. די מענטשן האָבן זיך געזאָגט: „אויב מען פירט אונדז אין אַזוינע שיינע אויטאָבוסן, איז עס אַ סימן, אַז קיין שלעכטס קאָן אונדז נישט טרעפן". די מענטשן האָבן זיך געאיילט און געשטופּט וואָס גיכער אַריינצוגיין אין די בלויע אויטאָבוסן. יעדער איינער האָט זיך געוואָלט באַזאָרגן מיט אַ זיץ־פּלאַץ. צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּראַכטפולע אויטאָבוסן האָבן אַוועק־

געפירט די מענטשן צום פאַרניכטונגס־פעלד קאַלעווי־ליוואַ; דאָרט זענען זיי אויסגעשאָסן געוואָרן; וואָס שייך די 10% יונגע, האָט מען זיי אַריבערגעפירט „צו אַ לעבן פון אַרבעט״ אין לאַגער יאַגאַלאַ.

וועגן דעם האָבן מיר אַן „אָפיציעלע״ באַשטעטיקונג אין דעם רייזע־פּלאַן פון דייטשן „רייכסבאַן״ אויפן שטח פון „גענעראַלבעטריבסלייטונג אָסט״. דאָרט זענען פאַרצייכנט אַלע „ספּעציעלע״ אַרויספירונגען. לויט די דאַטעס, שעהן און מינוטן פון זייער אָפּגאַנג און צוריקגאַנג. ס׳ווערט דאָרט אָנגעגעבן, אַז די באַן Da־404 האָט פאַרלאָזן טערעזיענשטאָט דעם 1טן סעפּטעמבער 1942, און איז אָנגעקומען קיין ראַזיקו דעם 4טן סעפּטעמבער. דער צוריקקער איז געווען פאַרויסגעזען אויפן 7טן סעפּטעמבער.

מערערע פּרטים וועגן יענעם טראַנספּאָרט, און וועגן גורל פון די 90%, גע־פינען מיר אינעם עדות־זאָגן פון גערעטס בשעתן טאַלינער פּראָצעס, 1961.[4] גע־רעטס ווייסט אַ סך צו דערציילן, ווייל ער אַליין איז געווען אַן אָנטיילנעמער אין יענער מאַסן־שחיטה, און איז אויך געווען דער וויצע־קאָמענדאַנט פון לאַגער יאַ־גאַלאַ; מיר וועלן זיך אָבער באַציען מיט גרויס פאָרזיכטיקייט צו זיין עדות־זאָגן, ווייל ער אַליין איז געווען אַ נאַצי־מערדער. ס׳איז אָבער נישט איבערגע־בליבן קיין שום לעבעדיקער עדות פון צווישן די אַרויסגעפירטע אויף קאַלעווי־ליוואַ. זענען מיר ממש געצוווּנגען ברענגען זיין עדות־זאָגן, אַלס פּערזענלעכן אָנטיילנעמער אין דער גרויזאַמער אַקציע פון קאַלעווי־ליוואַ. ער איז, הייסט עס, דער טרויעריקער עד־ראיה, וואָס ווייס די אַלע פּרטים, וואָס עס קענען שוין נישט דערציילן די דערמאָרדעטע.

גערעטס דערציילט, אַז אַ געוויסע צייט, איידער ס׳איז אָנגעקומען דער טע־רעזיענשטאָטער טראַנספּאָרט, האָט ער באַקומען אַ באַפעל אַרויסצופאָרן קיין ריגע, בכדי זיך צו ספּעציאַליזירן אויפן געביט פון מאַסן־עקזעקוציעס. צוזאַמען מיט אים זענען געפאָרן לאַאַק, דער קאָמענדאַנט פון יאַגאַלאַ און דער דייטש געזע. די מוסטער־לעקציע, ווי אַזוי דורכצופירן מאַסן־שחיטות, האָט זיי אין ריגע גע־געבן, קראַוזע, דער דייטשער ממונה איבערן ריגער געטאָ.[5] קראַוזע האָט זיי דער־ציילט, אַז ער האָט זיך שוין „מטפּל געווען״ מיט 40.000 יידן; מען האָט זיי גע־וויזן די גרויסע אויטאָבוסן, וואָס פירן די יידן פון געטאָ צום פאַרניכטונגס־פּלאַץ; מען האָט זיי געוויזן די סקלאַדן, וואָס זענען געווען איבערגעפּראַפּט מיט די בגדים פון די דערהרגעטע יידן; די געשיקטע פון עסטאָניע זענען געווען אָנוועזנד, ווען מען האָט געבראַכט די יידן צום פּלאַץ, און מען האָט די עסטאָניער געלערנט ווי אַזוי אָפּצונאַרן די פאַרמשפּטע צום טויט. „מען האָט געזאָגט די יידן, אַז מען פירט זיי אין אַ באָד, דעריבער דאַרפן זיי זיך אויסטאָן נאַקעט, און יעדע משפּחה דאַרף צוזאַמענלייגן אין איין קופּע אירע בגדים — בכדי עס שפּעטער קענען

לייכט אָפּצוגעפינען". מען האָט זיי געוויזן, ווי אַזוי מען איילט צו די יידן, זיי זאָלן לויפן דורך אַ וואַך פון באַוואָפנטע ס. ס.־לייט, וואָס איז געשטאַנען אַן ערך 15 מעטער פון די גריבער; דאָרט האָט מען זיי געהייסן אויסלייגן זיך איינער נעבן צווייטן, מיט די פּנימער אַראָפּ: אַ גרופּע שיסערס אַנגעפירט דורך קראַוזע האָט זיי געשאָסן אין נאַקן; גרופּן נאַקעטע יידן פלעגן האַלטן אין איין אָנקומען אין שנעלן געלויף; ווער ס'האָט נישט געוואָלט לויפן צו די גריבער פלעגט קריגן אַכזריותדיקע קלעפּ פון די ס. ס.־לייט; אַ ספּעציעלער ס. ס.־מאַן איז געשטאַנען און געפּאַקט די ווערטפולע זאַכן (זייגערלעך א"אַנד), וואָס פלעגן זיך אָנזאַמלען נאָכן אויסטאָן זיך פון די יידן. לויט די ווערטער פון גערעטס, האָט לאַאַק באַקומען דעם כבוד פּערזענלעך אָנטיילצונעמען אין די אויסשיסונגען, און האָט אייגנהענטיק דערמאָרדעט 46 מאַן. (ער, גערעטס, הייסט עס, האָט נישט אָנטייל־גענומען פּערזענלעך אין די שיסערייען)".

גערעטס האָט דערציילט, אַז וועגן אָנקומען פון טערעזיענשטאַטער טראַנס־פּאָרט האָט ער זיך דערוווּסט דעם 4טן סעפּטעמבער 1943, ד"ה איין טאָג פאַרן אָנקומען. אָבער שוין פריער האָט מען געוווּסט, אַז מען גראָבט גריבער אין קאַלעווי־ליוואַ; די גריבער זענען געגראָבן געוואָרן דורך אַ גרופּע אַרעסטירטע, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער צענטראַלער תּפיסה אין טאַלין — קיין קאַ־לעווי־ליוואַ.

גערעטס האָט דערציילט אין זיין עדות־זאָגן, אַז דעם טראַנספּאָרט פון טערע־זיענשטאַט האָבן אין ראַזיקו אויפגענומען אייניקע פון די אָנפירערס פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ א־1 אין עסטאָניע, דהיינו: ס.ס.־אָבערשטורמפירער בערגמאַן (פון „סעקטאָר א'", ד"ה פון דייטשן סעקטאָר פון דער זיכערהייטספּאָליציי און ס.ד. אין עסטאָניע). איין מערע (אָנפירער פון עסטאָנישן סעקטאָר פון דער זיכערהייטספּאָליציי און ס.ד. אין עסטאָניע), לאַאַק (קאָמענדאַנט פון יאַגאַלאַ) און ער, גערעטס (וויצע־קאָמענדאַנט פון יאַגאַלאַ). זיי, די פיר דערמאָנטע, האָבן דורכגעפירט די סעלעקציע, ווער צום טויט און ווער צום לעבן.

לויט די ווערטער פון גערעטס איז די מאַסן־שחיטה אין קאַלעווי־ליוואַ טאַקע פאָרגעקומען לויט דער „ריגער שיטה": מען האָט די מענטשן געהייסן זיך שנעל־שנעל אויסטאָן „בכדי זיי זאָלן נישט האָבן קיין צייט צו טראַכטן"; שפּעטער האָט מען זיי געיאָגט צו די גריבער. „לכתחילה איז עס אַלץ פאָרגעקומען רויִק, אָבער ווען עס האָבן זיך דערהערט די ערשטע שיסערייען האָבן די מענטשן מער נישט געוואָלט לויפן פאָרויס; דאַן האָט די פּאָליציי אָנגעהויבן באַשיטן זיי מיט קלעפּ". צווישן די געטריבענע צום טויט איז אויך געווען אַ פּריסטער, ווי עס ווייזט אויס פון יידישער אָפּשטאַמונג, וואָס פון נאַצישן ראַסן־שטאַנדפּונקט איז ער געווען אַ ייד, און עס האָט אים געטראָפן דער זעלבער גורל, וואָס אַלע איבע־

ריקע יידן. אין אָוונט איז די עקזעקוציע פאָרגעקומען אין אַ שנעלערן טעמפּאָ. ערשט פאַרנאַכט זענען פון ראַזיקו אָנגעקומען די לעצטע זיבן אויטאָבוסן. „דע־ריבער האָט מען געדאַרפט מיט זיי פאַרענדיקן ווי אַמשנעלסטן״. אין די גריבער זענען איבערגעבליבן האַלבע מתים. די וועכטער, וואָס זענען געווען באַוואָפנט מיט אויטאָמאַטישן געווער, האָבן אָנגעהויבן צו „פאַרענדיקן״ מיט די, וואָס האָבן נאָך געוויזן סימנים פון לעבן. אין יענעם טאָג זענען אויסגעשאָסן געוואָרן אַן ערך 900 מאַן.

די דעפּאָרטאַציע פון רייך

מאַסן־דעפּאָרטאַציעס פון דריטן רייך אין פאַרשידענע לענדער, דער עיקר אין די „מזרח־לענדער״, האָבן זיך אָנגעהויבן זינט דעם 16טן אָקטאָבער 1941, ווען היידריך איז שוין געווען באַשעפטיקט מיט די צוגרייטונגען צו דער פאַטאַלער וואַנזעע־קאָנפערענץ. פונעם 16־טן אָקטאָבער ביז צום 4־טן נאָוועמבער 1941, זענען פון רייך געבראַכט געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ אַן ערך 20.000 יידן (גענוי 19.953) ; שפּעטער זענען געגאַנגען טראַנספּאָרטן מיט צענדליקער טויזנטער יידן קיין מינסק, ריגע, קיין איזביצע און וואַרשע ; דער עיקר זענען אַ סך דעפּאָר־טאַציעס געגאַנגען קיין טערעזיענשטאַט. סעפּטעמבער 1942 איז פאָרגעקומען אַ דעפּאָרטאַציע פון רייך אויך קיין עסטאָניע.

לויטן רייזע־פּלאַן פון דער דייטשער „רייכסבאַן״ בנוגע „ספּעציעלע״ אַרויס־פירונגען איז געווען באַשטימט, אַז די באַן Da־405 דאַרף דעם 10טן סעפּטעמבער 1942, 19.50 אַזייגער פאַרלאָזן די באַן־סטאַציע בערלין־מאָאַביט, אָנקומען קיין ראַזיקו דעם 13טן סעפּטעמבער, 12.15 אַזייגער, און צוריקקומען קיין בערלין — דעם 17טן סעפּטעמבער.

מיר האָבן נישט קיין סך מאַטעריאַלן וועגן דעם „עסטאָנישן עפּיזאָד״ אין דער גרויסער נעץ פון די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס פון רייך. ווען מיר זיך מוזן באַ־נוצן מיט געציילטע שורות ביי רייטלינגערן, מיט דעם עדות־זאָגן פון עלגאַ פערלעגער (איינע פון די געראַטעוועטע פון דאָזיקן טראַנספּאָרט) ; מיר וועלן עס דערגענצן מיטן עדות־זאָגן פון עסטאָניער גערעטס.

רייטלינגער גיט איבער אין נאָמען פון ד״ר טוך, פון בערלין אַז פון די 717 בערלינער יידן, וואָס האָבן געזאָלט דעפּאָרטירט ווערן קיין עסטאָניע (לויט זיין מיינונג דעם 3טן אָקטאָבער 1942), זענען 208 באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.[6] פערלעגער דערציילט, אַז דער טראַנספּאָרט האָט פאַרלאָזן בערלין ענדע סעפּ־טעמבער 1942.[7] ער האָט געציילט 1.250 יידן פון בערלין און 250 פון פראַנק־פורט־אַם־מיין. דאָס זענען געווען די לעצטע יידן פון פראַנקפורט־אַם־מיין. דער טראַנספּאָרט איז אַרויס פון „באַנהויף פאַטליצשטראַסע״ ; מען איז געפאָרן פיר

טעג אין פלאָמבירטע וואַגאָנען („אין פלאָמבירטען פערזאָנען־ציגע״); במשך דער גאַנצער רייזע זענען זיי געווען אָן וואַסער; לכתחילה איז די באַן אָנגעקומען קיין ריגע, און האָט זיך דאָרט פאַרהאַלטן במשך איין נאַכט. אויף מאָרגן האָט דער צוג ממשיך געווען זיין וועג. מען האָט גערעדט צווישן זיך, אַז געטאָ־ריגע איז שוין איבערגעפּראַפּט, און דעריבער איז פאַר זיי נישטאָ קיין אָרט. אין דער פרי זענען זיי אָנגעקומען אויף דער סטאַציע ראַזיקו, אַן ערך 50 קילאָמעטער פון רעוואַל. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע, און 150 מאַן זענען גענומען געוואָרן קיין יאַגאַלאַ — 100 פרויען און 50 מענער. פערלעגער איז זיך נוהג אָנצו־רופן יאַגאַלאַ מיטן נאָמען „וואַלד־לאַגער״; דאָרט האָבן זיי געפונען אַן ענלעכע צאָל — 150 „טשעכישע יידן״ — פון די וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון פריערדיקן טערעזיענשטאַטער טראַנספּאָרט; לויט אירע ווערטער האָט דער טראַנספּאָרט געציילט 1.000 מאַן.[7]

גערעטס האָט דערציילט אויפן טאַלינער פּראָצעס (דעם 5טן מערץ 1961), אַז צוויי וואָכן נאָכן אָנקומען פון טערעזיענשטאַטער טראַנספּאָרט (דעם 5טן סעפּטעמבער 1942), האָט מען שוין אין עסטאָניע געוווּסט, אַז עס דאַרף אָנקומען אַ טראַנספּאָרט פון דייטשע יידן. געזע איז אָנגעקומען קיין יאַגאַלאַ און געזאָגט גערעטסן, אַז גאָר בקרוב דאַרף אָנקומען קיין עסטאָניע אַ טראַנספּאָרט פון דייטשע יידן „וואָס ריגע האָט זיי נישט געוואָלט אָננעמען״; גערעטס מיינט, אַז ריגע האָט באַשלאָסן זיי אַוועקצושיקן קיין עסטאָניע, ווייל „זיי זענען נאָר אָרעמע דייטשע יידן״[3]; וואָרשיינלעך האָט מען געהאַלטן אין ריגע, אַז די טשעכישע יידן זענען רייך, און זיי האָט פאַרדראָסן, אַז דער רויב פון די טשעכישע יידן, וואָס זענען פאַר־שיקט געוואָרן קיין ראַזיקו, איז נישט אַריינגעפאַלן צו זיי, אין ריגע. גערעטס האָט דערציילט, אַז יענעם טאָג זענען אין ראַזיקו דערהרגעט געוואָרן 700 דייטשע יידן, נאָך אַ סעלעקציע און לויט דער מאָרד־שיטה, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אין ריגע, און אויסגעפירט מיט עטלעכע וואָכן צוריק אין קאַלעווי־ליוואַ. אַ טייל פון די געבראַכטע איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין יאַגאַלאַ. אַ גרופּע פון 100 מאַן פון דאָזיקן דייטשן טראַנספּאָרט איז לכתחילה געשיקט געוואָרן קיין יאַגאַלאַ, פון דאָרט צוריקגעבראַכט געוואָרן קיין ראַזיקו, און פון ראַזיקו פאַרשיקט געוואָרן אינעם געביט ווו מען אַרבעט אויס דעם סינטעטישן ברענשטאָף.[3] אויף דער פראַגע: פון וואַנען האָט ער געוווּסט, אַז די צאָל דערהר־געטע איז געווען 700, האָט ער געענטפערט, אַז די צאָל איז אים געווען באַקאַנט פון דער רשימה פון די דייטשע יידן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן קיין עסטאָניע. לויט זיינע ווערטער האָט ער געהאַט די רשימה שוין יאַנואַר 1942.[9] גערעטס האָט איבערגעגעבן אַ גענויע באַשרייבונג, ווי אַזוי עס זענען אין קאַלעווי־ליוואַ דער־מאָרדעט געוואָרן די יידן פון רייך. דער שיסער איז געווען, לויט זיינע ווערטער,

אַלעקסאַנדער לאַאַק. און ער, גערעטס, האָט נאָר צונויפגעזאַמלט די בגדים פון די הרוגים. די מאָרד־אַקציע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך איין מערע און בערגמאַן, די מענטשן פון זיכערהייטסדינסט און ס.ד. אין עסטאָניע (ד״ה די זאָנדערקאָמאַנ־דאָ א־1) — די זעלבע, וועלכע האָבן מיט אייניקע וואָכן צוריק געלייטעט מיט דער אויסמאָרדונג פון טערעזיענשטאָטער טראַנספּאָרט.

*

אויך שפּעטער האָט קאַלעווי־ליוואַ געדינט אַלס פאַרניכטונגס־פּלאַץ. אַהינצו זענען געבראַכט געוואָרן צום דערשיסן יחידים און גרופּן פון יאַגאַלאַ, סעפּטעמבער 1942 [4]; אַהינצו זענען ארויסגעפירט געוואָרן צום טויט 50 יידישע פרויען פון יאַגאַלאַ, דעצעמבער 1942, ווען מען האָט אָנגעהויבן איינשרומפּן דעם לאַגער [3]; 20 יאַגאַלער פרויען, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביים סאָרטירן די בגדים פון די הרוגים אין קאַלעווי־ליוואַ, זענען דאָרט דערהרגעט געוואָרן, סעפּטעמבער 1943 [3]; בשעת דער טאָטאַלער ליקווידאַציע פון לאַגער יאַגאַלאַ זענען נאָך יידישע פרויען געשיקט געוואָרן צום אויסשיסן אין קאַלעווי־ליוואַ.[3]

קאַלעווי־ליוואַ האָט געדינט אַלס פאַרניכטונגס־פּלאַץ אויך פאַר נישט־יידן; יאַנואַר 1942 זענען אַהינצו געשיקט געוואָרן צום פאַרניכטן צוויי אויטאָבוסן מיט ציגיינער, איינער מיט עלטערע, און דער צווייטער — מיט קינדער.[3]

די אָרעסטירטע אין דער צענטראַלער תפיסה פון טאַלין פלעגט מען פירן צום טויט קיין קאָבערנעעמע, נעבן נאַרווער שאָסיי, 25 קילאָמעטער פון ים־ברעג; ווייזט זיך אַרויס, אַז קאָבערנעעמע איז — קאַלעווי־ליוואַ (קאָבערנעעמע איז אַ שטעטל, וואָס געפינט זיך 5 קילאָמעטער פון קאַלעווי־ליוואַ).[10] די אַלגעמיינע צאָל פון די דערמאָרדעטע אין קאַלעווי־ליוואַ ווערט געשאַצט אויף אַן ערך 6.000 מאַן.[10]

באַמערקונגען

דעפּאָרטאַציעס

1) טערעזיענשטאָט איז געווען אַ לאַגער אינעם געביט פון „פּראָטעקטאָראַט באָהע־מיע — מאָראַוויע״, (ד״ה אינעם טשעכישן „אָפּגעקירצטן״ שטח פון דער געוו. טשעכאָ־סלאָוואַקיי). אַ געוויסע צייט האָט זיך טערעזיענשטאָט אָנגערופן „געשלאָסענער לאַגער״, דאַן — „געטאָ״; שפּעטער „יידישעס איבערזידלונגסגעביט״. דער דריטער רייך האָט כלפּי אויסלאַנד פאָרגעשטעלט טערעזיענשטאָט אַלס „זאָנדער־געטאָ״, „לוקסוס־לאַגער״, „פּריי־

ווילעגירטער געטאָ", „געטאָ פאַר זקנים". טערעזיענשטאַט איז געווידמעט אַ גרויסע ליר־טעראַטור. מיר ווילן דאָ דערמאָנען דאָס בוך פון ה. ג. אַדלער, צום סוף פון וועלכן עס ווערט געבראַכט אַ ביבליאָגראַפיע פון 350 ביכער און מאַמרים וועגן טערעזיענשטאַט. צווישן די 154.000 יידן, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין טערעזיענשטאַט זענען אומ־געקומען 75.3%; 88.194 יידן זענען פאַרשיקט געוואָרן פון טערעזיענשטאַט קיין ריגע, פוילן (לובלין, טרעבלינקע), מינסק; זינט ענדע אָקטאָבער 1942, זענען די טראַנספּאָרטן געגאַנגען קיין אוישוויץ.

1א) די פאָטאָקאָפּיע פונעם דאָקומענט, וואָס געפינט זיך אינעם יידישן דאָקומענטאַציע־צענטער פון פּאַריז, האָט מיר איבערגעשיקט, יוני 1969, ה' ל. שטיינבערג, וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פונעם צענטער. אין דעם דאָזיקן רייזע־פּלאַן ווערן אָנגעגעבן צענדליקער „ספּעציעלע" אַרויספירונגען; צווישן זיי די אַרויספירונגען פון טערעזיענשטאַט און פון רייך קיין ראַזיקו; ביי אַלע אַרויספירונגען פיגורירט דער ציפער „1,000", וואָרשיינלעך אַלס דורכשניט־צאָל פון דער פאַרויסגעזעענער „אָנלאָדונג".

2) אירמאַ פּעטראַסקאָוואַ: גבית־עדות „כ'בין געבליבן לעבן".

3) בשעתן משפט אין טאַלין קעגן די נאַצישע פאַרברעכער (1961), האָבן עדות געזאָגט 6 טשעכיש־יידישע פרויען, וועלכע זענען לעבן געבליבן פון יענעם טערעזיענשטאַטער טראַנספּאָרט: 1) אַרנאָשטקאַ מייסנעראָוואַ, 2) עמי זאַמפּאַקאָוואַ, 3) חנה קלענקאָוואַ, 4) רות קאָפּעטשקאָוואַ, 5) יאַרמילאַ אַדאַמאָוואַ, 6) מאַרקעטאַ מאַשאָוואַ. זייער עדות־זאָגן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער טעגלעכער רוסישער פּרעסע פון עסטאָניע, ווי אויך אין דער רוסיש־עסטאָנישער טאָג־פּרעסע, און אין די ביכער „סלוגי סוואַסטיקי", „12.000", „פּעפּל".

4) גערעטס, „פּעפּל", 21—28.

5) וועגן קראַוזע, זע: „יהדות לטביה", 336, 341, 343.

6) רייטלינגער, 99.

7) פּערלעגער גיט איבער איין מאָל, אַז דער טראַנספּאָרט פון רייך קיין עסטאָניע איז אַרויס דעם 24סטן סעפּטעמבער 1942, און אַ צווייט מאָל — דעם 26סטן סעפּטעמבער 1943.

8) גערעטס, „פּעפּל", 23—24.

9) די דאַטע פון יאַנואַר 1942, וואָס גערעטס גיט אָן — רופט אַרויס ספיקות וועגן איר ריכטיקייט.

10) „ספּעציעלער באַריכט", 59; „סלוגי סוואַסטיקי", 185; „פּעפּעל, 17.

דער לאַגער יאַגאַלאַ

דער לאַגער ווערט אָנגערופן אין די אָפיציעלע נאַצישע דאָקומענטן מיטן נאָמען „לאַגער פאַר דערציִונג דורך אַרבעט".[1]

דאָס אויפשטעלן דעם לאַגער: אויגוסט 1942 האָט מען אָנגעהויבן אויפצושטעלן דעם לאַגער. דערצו האָט מען זיך באַנוצט מיט סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. בשעת דער אַרבעט פלעגט מען זיי געבן בלוטיקע קלעפּ.[2] ווען לאַאַק און גערעטס האָבן זיך צוריקגעקערט פון זייער מאָרד־פאַרפולקאָמונג (אין ריגע) — איז אַ טייל פון די קריגס־געפאַנגענע געווען געצוווּנגען זיך פאַרנעמען מיט גראָבן גרויסע גריבער אין קאַלעווי־ליוואַ פאַר די טראַנספּאָרטן, וועלכע האָבן געזאָלט דאָרט אויסגעשאָסן ווערן.[3] אָנהייב סעפּטעמבער 1942, האָט מען צונויפגעזאַמלט אַלע, וועלכע האָבן געדאַרפט שפּעטער אַרבעטן הן אין דער קאָמאַנדע פון לאַגער און הן אַלס וועכטער, און איין מערע האָט מודיע געווען, אַז זיי וועלן דאַרפן אויספילן אַן ערן־באַפעל פון היטלערן וועגן דער פאַרניכטונג פון די נידעריקע ראַסן בכלל, און פון די יידן בפרט; און דאָס וועט דאַרפן רעאַליזירט ווערן דורך אומברחמנותדיקע מאַסן־אויסשיסונגען.[4]

צייטווייליקער איבערגאַנגס־לאַגער: יאַגאַלאַ איז לכתחילה אויפגעשטעלט געוואָרן נאָר אַלס אַ צייטווייליקער איבערגאַנגס־לאַגער, און איז נישט געווען באַשטימט פאַר אַ לענגערער עקזיסטענץ. ווי עס ווייזט אויס, איז ער לכתחילה געווען באַשטימט נאָר בכדי דורכצופירן דאָס סאָרטירן די בגדים פון די דערהרגעטע אין קאַלעווי־ליוואַ, און מיטן סוף פון דער דאָזיקער אַרבעט האָבן אויך די סאָרטירער געזאָלט ליקווידירט ווערן.

גערעטס [5] האָט דערציילט בשעתן משפּט: „לכתחילה איז דער לאַגער באַשטימט געוואָרן צו עקזיסטירן נאָר במשך די זומער־חדשים 1942. עס זענען נישט געווען קיין אייוועלעך אין די בלאָקן. דער לאַגער האָט געזאָלט זיין טעטיק נאָר 4 חדשים און עס זענען נישט געמאַכט געוואָרן קיין שום הכנות צום ווינטער. אָבער דעצעמבער האָט מען זיך איבערצייגט, אַז מען וועט דאָרט דאַרפן האַלטן די העפטלינגע אויך במשך פונעם ווינטער. שוין נאָוועמבער האָט מען דערלויבט, אַז די קאַצעטלער פון יאַגאַלאַ זאָלן אַריבערגיין פון די הילצערנע בלאָקן אין איינעם פון די נאָענט־שטייענדיקע בנינים. אין יעדן קליינעם צימער פון דעם הויז האָבן

געוווינט אַרום 20 פרויען. צווישן די צימערן זענען געווען אויוונס, וועלכע האָבן גלייכצייטיק געוואַרעמט צוויי צימערן.[6]

די העפטלינגע פון יאַגאַלאַ: דעם 5־טן סעפּטעמבער 1942 זענען געבראַכט געוואָרן קיין יאַגאַלאַ 75 יידישע פרויען און עטלעכע צענדליק יידישע מענער פון טערעזיענשטאַטער טראַנספּאָרט,[7] און שפּעטער (וואָרשיינלעך דעם 13טן סעפּטעמבער 1942) — 150 פרויען און אַ צאָל פון רייך־טראַנספּאָרט.[5, 7]

דער ערשטער אַפּעל:[6] נאָך 5 טעג רייזע זענען די פרויען אָנגעקומען פון טערעזיענשטאַט קיין יאַגאַלאַ, און דאָרט איז זיי איינגעאָרדנט געוואָרן דער ערשטער „אַפּעל"; דער לאַגער־קאָמענדאַנט לאַאַק איז געווען שיכור און האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט אַ בייטש אין האַנט; ווען מען האָט אים געפרעגט ווו זענען די קרובים, וועלכע זענען אָפּגעטיילט געוואָרן אין ראַזיקו האָט ער געענטפערט: „זיי אַלע געפינען זיך נישט ווייט, אין אַ לאַגער; זיי שפּירן זיך גוט".

די ליטונג פון לאַגער: דער קאָמענדאַנט פון לאַגער איז געווען אַלעקסאַנדער לאַאַק, אַן עסטאָניער; זיין פאַרטרעטער איז געווען גערעטס (אויך אַן עסטאָניער).[6]

אַלס „פרויען־עלטעסטע" פונעם פרויען־לאַגער, האָט דעם ערשטן לאַגער־טאָג לאַאַק באַשטימט איינע פון די פרויען, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן מיטן טראַנספּאָרט. ער האָט געהייסן, אַז אַלע פרויען זאָלן זי פאָלגן.[6] צו מאָרגנס האָט ער באַשטימט אַן אַנדערע און אַ פּאָר טעג אַרום — אַ דריטע.[6]

דאָס לעבן אין לאַגער: לכתחילה (ביז מען איז אַריין אין בנין), איז דער שטח פון לאַגער באַשטאַנען פון קליינע הילצערנע בלאָקן, ווו ס'האָבן געוווינט די קאַצעטלער, און פון אַ גרויסן געמויערטן בנין, ווו עס האָבן געוווינט לאַאַק און גערעטס.[5] די בלאָקן זענען געווען אָן פענצטער, אָן ליכט, און אָן וואַסער; מען איז געשלאָפן אויף ברעטער; די בלאָקן זענען געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט. די פרויען־בלאָקן זענען געווען אָפּגעזונדערט פון די מענער־בלאָקן.[8]

מען איז געשלאָפן אויף פּריטשן, איינע איבער דער אַנדערער; ווען מען איז אַריבער אין בנין, איז אין צוויי קליינע צימערלעך איינגעאָרדנט געוואָרן אַ „רעוויר" (אַן אַמבולאַטאָריע); דאָרט זענען געשלאָפן 3 שוועסטער; דאָרט זענען אויך אויפגעשטעלט געוואָרן הילצערנע בעטן, טאָמער ווער עס איז קראַנק ווערן; אין אַ צווייטן צימער זענען געשלאָפן 2 פרויען, וואָס האָבן געהאָלפן די „פרויען־עלטעסטע" אין אויספירן אירע אַדמיניסטראַטיווע אויפגאַבן; די פרויען־עלטעסטע האָט געהאַט פאַר זיך אַליין אַ צימער.[8]

20 מעטער פון לאַגער איז געווען אַ לאַנגער גראָבן, אַרום וועלכן עס זענען געלעגן הויכעביימער. דאָס האָט געזאָלט דינען אַלס „אָפּטריט" פאַר די פרויען („לאַטרינע"); ווינטער איז פאַר אַ סך פון זיי דער וועג געווען צו ווייט,

און זיי פלעגן באַשמוצן די אומגעבונג פון בנין. דאָס דאָזיקע שמוץ האָט געשאַפן שטענדיקע אַרבעט פאַר דער „פוץ־קאָלאָנע״,[6] וועלכע האָט געהאַט אַלס אויפ־גאַבע אָפּצוהיטן די ריינקייט פון די ווין־בלאָקן און פון דער אומגעבונג.

די אַרבעט: די עיקר אַרבעט איז געווען דאָס סאָרטירן די בגדים פון די הרוגים; וועגן דעם דערציילן אַלע געראַטעוועטע פון יאַגאַלאַ; צו דעם צוועק איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלער מאַגאַזין, אין וועלכן ס׳זענען געזאַמלט געוואָרן אַלע זאַכן פון די הרוגים.[6]

ווען די מיידלעך האָבן בשעת דעם סאָרטירן זיך אָנגעטראָפן מיט די בגדים פון זייערע עלטערן, בני־זוג, אָדער משפחה־מיטגלידער, פלעגן זיי אויסברעכן אין אַ געוויין;[6] אָבער זיי האָבן זיך אַ לענגערע צייט נישט אָריענטירט, וואָס איז דער גורל פון זייערע קרובים. ווען עס זענען אָנגעקומען די שווערע ווינטער־טעג און די פרויען האָבן שטאַרק געליטן פון דער קעלט, פלעגן זיי אַראָפּציִען פאַר זיך וואַרעמע בגדים; די דאָזיקע „גניבה״ פון די משפחה־בגדים פלעגט געמאַכט ווערן, ווען דער דייטשער אויפזעער פלעגט אַ מאָמענט נישט זיין אָנוועזנד.[6]

ווינטער איז אַ געוויסע צאָל פרויען געשיקט געוואָרן „אויפצורייסן״ דאָס אייז איבערן נאָענטן טייך יעגאַלאַ, בכדי פון אים צו שעפּן וואַסער און ברענגען אין לאַגער, אין וועלכן ס׳זענען נישט געווען קיין אַנדערע וואַסער־מקורות.[6] ווען דער שניי פלעגט דערגיין צו עטלעכע מעטער הויך, פלעגט מען אויפלאָדן די פרויען אויף פרימיטיווע שליטנס, און מען פלעגט זיי פירן אין נאָענטן וואַלד, דאָרט פלעגן זיי האַקן בוימער, וועלכע האָבן שפּעטער געדינט צום הייצן די אויוונס פון לאַגער.[6] אין די טעג פון די גרויסע שנייען פלעגן די פרויען מוזן גיין זייער וועג דורך די טיפע שנייען. זיי פלעגן מיט קירקעס אויפשפּאַלטן דעם פאַרפרוי־רענעם שניי, און זיי פלעגן זיך אויך באַנוצן מיט ספּעציעלע „סאָכעס״ בכדי צו רייניקן די וועגן („שניי־פלוג״).[6]

אָפט פלעגט מען זיי אויך ארויספירן ביינאַכט אויף ווייטע שטרעקעס, בכדי זיי זאָלן „אַרויסציען״ פון די קופּעס שניי אַ פאַרזונקענעם מיליטערישן אויטאָ.[6]

די עיקר־אַרבעט פון די מענער איז געווען דאָס האַקן האָלץ. זיי פלעגן אויך דאַרפן טאָג־טעגלעך ברענגען אַ גרויס פאַס וואַסער („האָלצטאָננע״) פון טייך יעגאַלאַ.[6]

אַ טייל פון די יאַגאַלאַ־מענטשן איז געווען באַשעפטיקט ביי אַגריקולטור־אַרבעט אין גוט קאַסטיווערע ביי יאַגאַלאַ. די אַרבעט איז דאָרט געווען זייער שווער.[9] אַ טייל יאַגאַלאַ־מענטשן האָט געאַרבעט ביי אַ וואַסער־דאַמבע.[7]

אַ טייל פרויען האָט אויסגעפילט אַדמיניסטראַטיווע אַרבעטן אין לאַגער; די אויבנדערמאָנטע „פרויען־עלטעסטע״ און אירע צוויי העלפערינס [6] האָבן באַדאַרפט באַזאָרגן דאָס ברענגען פון קיך עסן און עס פונאַנדערטיילן.

אין די אָוונטן, ווען די פּרויען פלעגן זיך צוריקקערן פאַרמאַטערטע פון זייער אַרבעט (סאָרטירן די בגדים פון די הרוגים, וואַלד־אַרבעט, אָדער רייניקן די וועגן פון שניי), פלעגן זיי איינאָרדענען אַ שייטער נעבן ווין־בלאָק; זיי פלעגן זיך דערצו באַנוצן מיט שטיקלעך האָלץ, וואָס זיי פלעגן ברענגען פון וואַלד; די ייִנגערע פרויען פלעגן זיך אויסזעצן ביים ברענענדיקן פייער און זינגען,[8] דער־ציילן זיך זכרונות פון די ערב אומגליק־יאָרן; זיי „פלעגן אויך אָפט רעדן וועגן עסן״,[6] אַזוי ווי אַלע הונגעריקע אין אַלע לאַגערן.

די באַשפּייזונג: אין דער פרי פלעגט מען באַקומען אַ „ציקאָריע״־קאַפע; מיטאָגצייט אַ „פישזופּע״ פון שטאַרק געזאַלצענע און געראויכערטע פיש. די ברויט־פּאָרציעס פלעגן באַשטיין פון קליינע, אַלטע, פאַרשימלטע לעבלעך ברויט. די פרויען פלעגן דאָס אָנדופן „סאָלדאַטענבראָט״,[7] וואָרשיינלעך זענען די לעבלעך ברויט געווען באַשטימט פאַר די סאָלדאַטן, נאָר מען האָט זיי געפּסלט צוליבן שימל.

מענער און פרויען אין לאַגער: די פרויען האָבן געלעבט אין די ווין־בלאָקן, וואָס זענען געווען אַרומגערינגלט מיט שטעכל־דראָט; דאָס זעלבע אויך די מענער; ס'איז זיי געווען פאַרווערט זיך צו באַגעגענען, אַפילו בלויז צו כאַפּן אַ שמועס; די איינציקע מעגלעכקייט אַ ביסל זיך דורכצושמועסן איז געווען נאָר בשעת די מענער פלעגן אַריינפירן אין הויף פון די פרויען־בלאָקן די פעסער וואַסער, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון טייך יעגאַלאַ.[6]

דאָס איזדיעקעווען זיך: די אַרבעט אין יאַגאַלאַ איז געווען פאַרבונדן מיט דערנידעריקונגען און אָפּשפּאָטערייען. ווען די פרויען זענען געבראַכט געוואָרן אין לאַגער האָבן זיי דורכגעמאַכט אַ רעוויזיע, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ דערנידעריקונג פון דער פרויען־ערע.[6, 8] ווען די פרויען האָבן זיך נאָכגעפרעגט וועגן גורל פון זייערע צוגענומענע קרובים, האָט זיי לאַאַק געזאָגט, אַז מען קען שיקן פאַר זיי פעקלעך; פרויען האָבן פון זיך אַראָפּגענומען דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן נאָך פאַרמאָגט און אָפּגעגעבן לאַאַקן, בכדי ער זאָל דאָס איבערגעבן זייערע עלטערן; אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיי באַמערקט, אַז די זאַכן געפינען זיך גאָר ביי די וואַכמענער פון לאַגער;[8] בשעת רעוויזיעס, אויב מען פלעגט געפינען ביי די יאַגאַלאַ־קאַצעטלער שפּייז־אַרטיקלען, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די מענטשן פון דער סביבה במתנה אָדער אַלס אויסטויש — פלעגט מען זיי דערפאַר באַשטראָפן מיט שמיץ. מייסנעראָוואַ איז פאַר דעם דאָזיקן חטא באַשטראָפט געוואָרן מיט 25 שמיץ.[8]

קאָנטאַקטן מיט עסטאָניער: אַדאַמאָוואַ דערציילט, אַז איר איז געלונגען אָנ־צובינדן אַ קאָנטאַקט מיט אַן עסטאָניערין פון יאַגאַלער סביבה; יענע פלעגט פאַר איר אַריינגנבענען שפּייז־מיטלען.[10]

הגם די עסטאָנישע וואַכמענער פון יאַגאַלאַ האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט

זייער האַרטקייט און אַכזריות כלפּי די קאַצעטלער, איז דאָך געווען צווישן זיי איינער, אואיבאָ, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ קאַצעטלערין פון יאַגאַלאַ, און איר דערציילט, אַז אַלע לאַגער־מענטשן וועלן סוף־כל־סוף אויסגעהרגעט ווערן. ער האָט דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן.[6]

איבערזידלונגען אין דער תפיסה טאַלין: פון צייט צו צייט פלעגן פאָרקומען איבערזידלונגען פון יאַגאַלאַ־לאַגערניקעס אין אַנדערע מקומות. פערלעגער[4] דערציילט, אַז נאָוועמבער 1942 זענען 40 מענער אַריבערגעפירט געוואָרן צו טאָרף־אַרבעטן. אָנהייב דעצעמבער 1942 זענען הונדערט פרויען אַריבערגעפירט געוואָרן אויף אַרבעט אין טאַלין. שפּעטער איז אַהין געבראַכט געוואָרן אויך אַ טייל פון די מענער; זומער 1943 זענען קיין טאַלין אַריבערגעפירט געוואָרן אַלע איבעריקע יאַגאַלאַ־מענער און דאָרט געאַרבעט צוזאַמען מיט די יאַגאַלאַ־פרויען.[11]

„טיילווייזע אויסמאָרדונג" פון די יאַגאַלאַ־יידן: אין קאַלעווי־ליוואַ פלעגן פאָרקומען במשך פון דער גאַנצער עקזיסטענץ־תקופה פונעם לאַגער יאַגאַלאַ „צוגאָב־מאָרדן" פון יאַגאַלער יידן, הן אַלס שטראָף פאַר לאַגער־עבירות און הן צוליב זייער קראַנקייט און שוואַך־ווערן. שוין דעם ערשטן יאַגאַלאַ־חודש, סעפּטעמבער 1942, איז אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט אַ גרופּע פון 8—10 קראַנקע.[6] יענעם סעפּטעמבער־חודש זענען צוואַנציק פרויען פון יאַגאַלאַ, ווי דערמאָנט, אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין טאַלין, בכדי דאָרט צו סאָרטירן די בגדים פון די טאַלינער הרוגים; גערעטס דערציילט, אַז די לאַגער־קאָמענדע האָט געוווסט, אַז „זיי אַלע וועלן דערהרגעט ווערן, ווייל זיי האָבן געוווסט דעם סוד וועגן די הרוגים.[6] גערעטס דערציילט אויך, אַלס עד־ראיה, ווי אַזוי אַ גרופּע מענער און פרויען פון יאַגאַלאַ איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן אין קאַלעווי־ליוואַ. אָקטאָבער 1942, איז אין קאַלעווי־ליוואַ ווידער דערמאָרדעט געוואָרן אַ יאַגאַלאַ־גרופּע פון קראַנקע. „דער אויטאָ איז געווען צו קליין און ס'איז אין אים געווען פּלאַץ נאָר פאַר 10 מאַן",[6] מען פלעגט זאָגן די קראַנקע, וואָס פלעגן אַרויסגעפירט ווערן פון יאַגאַלאַ, אַז מען פירט זיי אין אַ שפּיטאָל; אָבער נישט אַלע האָבן אין דעם געגלויבט; בכדי זיי צו פאַרבלענדן פלעגט מען זיי ווייזן מכלומרשטע ווענדונגען צום שפּיטאָל, אַז מען זאָל זיי אָנגעמען אַלס קראַנקע; ס'זענען אויך געווען פאַלן, ווען מען האָט אויף אָן אָרט דערשאָסן יאַגאַלאַ־מענטשן וואָס זענען פאַרווונדעט געוואָרן בשעת דער אַרבעט; דאָס פלעגט פאָרקומען אין לאַגער־בלאָק גופא.[6]

סעפּטעמבער 1943, ערב דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון לאַגער יאַגאַלאַ, זענען דערמאָרדעט געוואָרן אייניקע יאַגאַלער פרויען צוליב דער סאָלידאַריטעט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן איינע צו דער אַנדערער, מען האָט מודיע געווען די

יידישע קראַנקן־שוועסטער האַנקאַ דובאָוואַ, אַז מע וועט זי אַלס שטראָף שיקן קיין טאַלין; אירע חברטעס פון זעלבן צימער האָבן פּראָטעסטירט און נישט גע־וואָלט זיך שיידן פון איר. מערע און לאַאַק „האָבן דאַן באַשלאָסן זיי אַלעמען צו דערמאָרדן".[6]

די יאַגאַלער שרידים: אַ חלק פון די יאַגאַלער שרידים זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין דעם גוט קאָסטיווערע און פון דאָרט צו דער טאַלינער תפיסה;[12] אַ חלק איז אַריבערגעפירט געוואָרן דירעקט קיין טאַלין, בכדי דאָרט אויסצופירן פאַרשידענע אַרבעטן,[6] צווישן אַנדערע: אַרבעטן אין טאַלינער פּאָרט; אַ טייל פון זיי איז שפּעטער אַריבערגעפירט געוואָרן אין לאַגער ערעדאַ, און פון דאָרט קיין קלאָגע, און פון קלאָגע קיין שטוטהאָף.[7] אַן אַנדער טייל איז פון ערעדאַ אַרי־בערגעפירט געוואָרן קיין לאַגעדי און פון דאָרט קיין שטוטהאָף.[7]

לויט די ווערטער פון עמי זאַמפּאַקאָוואַ („פּעפּל", 59), זענען פון אַלע יאַגאַלער פרויען איבערגעבליבןביים לעבן אַ 20—30 פרויען; פון די מענער איז קיין איינער נישט איבערגעבליבן ביים לעבן.

*

דער לאַגער יאַגאַלאַ האָט עקזיסטירט פון סעפּטעמבער 1942 ביז סעפּטעמבער 1943; די 10%, וואָס זענען אין ראַזיקו סעלעקציאָנירט געוואָרן „צום לעבן אין יאַגאַלאַ", זענען פאַקטיש סעלעקציאָנירט געוואָרן נאָר צו אַ „צייטווייליקן לעבן"; זייער מערהייט איז אומגעקומען אין קאַלעווי־ליוואַ, די אַנדערע אין אַנדערע לאַ־גערן. געבליבן ביים לעבן זענען קוים אייניקע צענדליק.

באַמערקונגען

1) „רעזומע פון דער באַשולדיקונג" 16.

די ידיעות, וואָס מיר ברענגען וועגן יאַגאַלאַ זענען באַזירט אויף די עדות־זאָגונגען פון די 6 געראַטעוועטע יידישע פרויען, עדות־באַריכט פון ע. פּערלעגער, עדות־זאָגן פון געראַטס אינעם פּראָצעס קעגן אים, און אויף די עדות־זאָגונגען פון די עסטאָנישע וואַך־מענער אין יאַגאַלאַ (געבראַכטע אין דער „רעזומע פון דער באַשולדיקונג").

2) אַסקאַ („רעזומע פון דער באַשולדיקונג" 16).

3) יאַרוויגאַ („רעזומע פון דער באַשולדיקונג", 18).

4) אַנילעג („רעזומע פון דער באַשולדיקונג", 18).

5) געראַטס, „פּעפּל", 31—36.

6) פעטראַסקאָווא, 17. אין דער רשימה פון טאַלינער תפיסה (פון 2טן יוני 1942), איז אָנגעגעבן 20 נעמען פון אַרעסטירטע, אויף וועלכע ס'איז אויסגעפירט געוואָרן די טויט־שטראָף ביי זייער נאָמען געפינט זיך די באַצייכענונג (E = Ex — עקזעקוציע); דער עלפטער אין דער רשימה איז יאַן אוֹאיבאַ.

7) פערלעגער, 4.

8) מייסנעראָווא.

9) זאַמפּאַקאָווא, פּעפּל", 59; קלענקאָווא, „פּעפּל", 57; פּעטראַסקאָווא.

10) אַדאַמאָווא, „פּעפּל", 64.

11) די רשימה פון די אַלע, וועלכע זענען אַריבערגעפירט געוואָרן פון יאַגאַלאַ אין דער צענטראַלער תפיסה פון טאַלין און זיך דאָרט געפונען צו דער דאַטע פון 1942.12.16, איז פאַרעפנטלעכט אין „סלוגי סוואָסטיקי", 131—132. אירמאַ פּעטראַסקאָווא, דערציילט, אַז זי איז געווען איינע פון די פרויען, וואָס זענען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין טאַלין, דעם 5־טן דעצעמבער 1942; דאַן זענען נאָך געבליבן אין יאַגאַלאַ 45 פרויען.

פאַרשיקונגען קיין עסטאָניע צוליב די נויטן פון דייטשן מיליטער און פון דער דייטשער קריגס־אינדוסטריע

הימלער־באַפעל (21 יוני 1943)

אַן ערך אַ יאָר נאָך די פאַרשיקונגען פון טערעזיענשטאָט און פון רייך קיין עסטאָניע האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן פאַרשיקונגען קיין עסטאָניע, דאָס מאָל פון ווילנער געטאָ און פון קאָוונער געטאָ. דער הויפּט־ציל פון די דאָזיקע פאַרשיקונגען איז געווען צו שאַפן אַרבעטס־הענט פאַר די נויטן פון דייטשן מיליטער און פון דער דייטשער קריגס־אינדוסטריע אין דעם אַזוי ווייטן אָפּשניט פון די אָקופּירטע לענדער אין צפון־אייראָפּע, ביים פראָנט לענינגראַד—עסטאָניע. זומער 1943 האָט דייטשלאַנד אָנגעהויבן זיך גרייטן צו אַ שלאַגפערטיקער אָפענסיווע קעגן ראַטנפאַרבאַנד; איינע פון די צילן פון דער דאָזיקער אָפענסיווע איז געווען: אָקופּירן לענינגראַד. דאַן איז שוין קלאָר געווען דעם רייך, אַז צוזאַמען מיטן פאַרשווינדן פון די יידן, פאַרשווינדן אויך די אומזיסטע אַרבעטסהענט, וואָס זענען אַזוי נויטיק פאַר די קריגס־אינטערעסן אויף די פראָנטן.

פון 12־טן ביזן 18־טן יאַנואַר 1943, איז געלונגען דעם מיליטער פון ראַטנ־פאַרבאַנד איינצוברעכן די בלאָקאַדע פון לענינגראַד, וואָס איז געווען במשך פון 18 מאָנאַטן אָפּגעריסן פון אַלע אַנדערע סאָוויעטישע שטחים און געמוזט פירן איר קאַמף אין באַדינגונגען פון גרויסן נויט און הונגער. איצט האָט לענינגראַד ווידער באַקומען דירעקטע פאַרבינדונגען מיט אַלע שטחים פון ראַטנפאַרבאַנד. דאָס האָט מיט זיך געבראַכט אַ ווענדונג אין פאַרלויף פון דעם קאַמף פאַר לע־נינגראַד. די איניציאַטיוו פון מיליטערישע אַקציעס איז איצט אַריבער צו די סאָוויעטישע מיליטערישע כוחות. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען קיין לענינגראַד שפּייז און מיליטער־פאַרשטאַרקונגען. דעריבער זענען די הויפּט־כוחות פון דער דייטשער 18־טער אַרמיי געווען געצוווּנגען זיך צו קאָנצענטרירן אויפן פראָנט עסטאָניע—לענינגראַד, גרייט צו קעמפן קעגן אַן עווענטועלער סאָוויעטישער אָפענסיווע אויפן לענינגראַדער פראָנט, און אָנצוהייבן אַ דייטשע אָפענסיווע קעגן די סאָוויעטן, אויב ס'וועט אָנקומען אַזאַ באַפעל פון בערלין.

דעם 11־טן אויגוסט 1943, האָט היטלער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צוצוטרעטן צום אויפבויען אַ שוץ־ליניע די „מזרח־וואַנט”, וואָס האָט זיך געזאָלט ציען איבער

דער גאַנצער לענג פון אָקופּירטן אייראָפּע, ד״ה פון נאַרוואַ (ביים פינישן אויסגוס אין עסטאָניע), דודך דער אָזיערע פּייפּוס (מזרח־עסטאָניע), פּסקאָוו, נעוואַל, וויטעבסק, מזרחדיק פון אָרשע, טייך סאָזש ביז האָמעל, דאַן לענג־אויס דעם דניעפּר, ביזן קערטשער האַלבאינדזל ביי קרים. די יידן פון ווילנער געטאָ און פון קאָוונער געטאָ האָבן געזאָלט בייהילפיק זיין ביים אויפבויען די „מזרח־וואַנט״ ביים פינישן אויסגוס, נאַרוואַ און פּייפּוס־אָזיערע, און האָבן געזאָלט זיך באַשעפטיקן, ביז די לעצטע כוחות, ביים אויסגראָבן די „סלאַניעץ״־שטיינער, בכדי צו שאַפן קינסטלעכן ברען־שטאָף פאַר די געברויכן פון דייטשן מיליטער.

דעם 21־טן יוני 1943 האָט הימלער געשיקט אַ געהיימען באַפעל צום העכערן פּאָליציי און ס. ס.־פירער אין אָסטלאַנד, צו אָסוואַלד פּאָהל (דער ראש פון דער ס. ס.־ווירטשאַפטס־פאַרוואַלטונג־הויפּטאַמט) און צו היינריך מילער (שעף פון אַמט IV ביים רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט — ד״ה געשטאַפּאָ). לויט דעם דאָזיקן באַפעל האָבן אַלע אַרבעטס־פעיִקע יידן, וואָס געפינען זיך נאָך אין די געטאָס פון אָסטלאַנד, געזאָלט אַריבערגעפירט ווערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן ביזן 1־טן אויגוסט 1943. די „נישט־נויטיקע״ (ד. ה. די זקנים, קינדער, אָפּגעשוואַכטע) — האָט ער באַפוילן אַרויסצופירן צום „מזרח״; און סתם „מזרח״ האָט דאַן באַדייט — צום טויט; אַלע באַקליידונגס־וואַרשטאַטן האָט מען באַדאַרפט איבערפירן קיין ריגע. די אַרבעטס־פּלעצער („בעטריבע״) האָבן געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַרבעטס־פּלעצער פון די קאַצעטן. דער לעצטער טערמין בכדי דורכצופירן די דאָזיקע רעאָרגאַניזאַציע איז באַשטימט געוואָרן אויפן ערשטן אויגוסט 1943. אָסוואַלד פּאָהל האָט געזאָלט זאָרגן, אַז דאָס זאָל נישט אַרויסרופן קיין שום ירידה אינעם צוגרייטן די נויטיקע צושטעלונגען פאַרן מיליטער. אַ גרויסער טייל פון די יידישע מענער וועט מען דאַרפן איבערשיקן אין די קאַצעטן, אינעם געביט פון „איילשיפער״ (Ölschifer), בכדי דאָרט צו אַרבעטן.

אָט איז דער נוסח פונעם באַפעל (משפט IV, נר. 2403):

ג ע ה י י ם

דער רייכספירער — ס. ס.
Ef/En

טאָגבוך נומ. קאָמאַנדאָ־שטאַב
פון רייכספירער־ס.ס. א־1.
1754/43. געהיים.
פעלד־קאָמאַנדאָשטעלע. 1943.6.21

1. צום העכערן ס. ס. און פּאָליצייפירער אין אָסטלאַנד.
2. צום שעף פון דער ס. ס. ווירטשאַפטס־פאַרוואַלטונגסהאַופּטאַמט.

1) כ׳באַפעל, אַז אַלע יידן, וואָס געפינען זיך נאָך אין געטאָס אויף די געביטן פון אָסטלאַנד, זאָלן צונויפגעזאַמלט ווערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

2) כ׳פאַרווער פון דעם 1טן אויגוסט 1943 יעדן אַרט אַרויסברענגען יידן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן צו אַרבעטן.

3) נאָענט צו ריגע דאַרף אויפגעשטעלט ווערן אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אין וועלכן מען דאַרף אַריבערפירן אַלע בתי־מלאכה פון באַקליידונג און באַוואָפענונג. מען דאַרף אויפהערן מיט דער טעטיקייט פון אַלע פריוואַטע פירמעס. אַלע אַרבעטס־פלעצער („בעטריבע״) וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אויסשליסלעך אין אַרבעטס־פלעצער ביי די קאָנצענטראַציע־לאַגערן („קאָנצענטראַציאָנסלאַגער—בעטריבע״). דער שעף פון ס. ס.ווירטשאַפטס־פאַרוואַלטונגסהאַופּטאַמט דאַרף זאָרגן, אַז די דאָזיקע רע־אָרגאַניזאַציע זאָל נישט אַרויסרופן קיין שום ירידה אינעם צוגרייטן די נויטיקע צושטעלונגען פאַרן מיליטער.

4. די נישט נויטיקע אָנגעהעריקע צו די יידישע געטאָס דאַרף מען עוואַקויִרן צום מזרח.

5) מען דאַרף אַריבערברענגען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין איילשיפער־געביט, צו איילשיפער־אַרבעטן, אַ וואָס מעגלעך גרעסערן טייל פון מענער־יידן.

6) דער טערמין פון איבעראָרגאַניזירן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן איז דער ערשטער אויגוסט 1943.

ה י י נ ר י ך ה י מ ל ע ר

גיך איז קלאָר געוואָרן, אַז די רעאַליזירונג פון דעם דאָזיקן באַפעל איז פאַרבונדן מיט גרויסע עקאָנאָמישע שוועריקייטן. אַרויסצופירן יידן פון זייערע געטאָס און פון זייערע אַרבעטס־פלעצער און אַריבערפירן זיי אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון לאַטוויע (ריגע) און פון עסטאָניע, האָט באַדייט: פאַרלירן אַרבעטס־הענט פאַר די עקזיסטירנדיקע אין אָסטלאַנד באַוואָפענונגס־ווערק.

דעם 13־טן יולי 1943 איז פאָרגעקומען אין אַלפרעד ראָזענבערגס מיניסטעריום פאַר די באַזעצטע אָסט־געביטן (אין בערלין) אַ גרויסע באַראַטונג ווי אַזוי צו באַהערשן דעם מצב, וואָס וועט זיך שאַפן מיטן אַרויספירן די יידן „צום מזרח״ און ווי אַזוי צו פאַרבייטן די אַרויסגעפירטע מיט אַנדערע אַרבעטס־קרעפטן. פון די באַריכטן איז צו זען, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן 50.000 מאַן, וואָס מען האָט באַדאַרפט אַריבערצופירן אין די „מזרח־לאַגערן״ (משפט 11, NO—3044 און 1831—פּ. ס.)

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי

וויאַלאָן גרייט די דורכפירונג פון הימלערס באַפעל

ד״ר קאַרל וויאַלאָן איז געווען דער אָנפירער פון דער פינאַנסן־אָפּטיילונג ביים רייכסקאָמיסאַריאַט אָסטלאַנד. זיינס אַ בריוו (31 יולי 1943) צו קאַרל ליצמאַן, דעם גענעראַלקאָמיסאַר אין טאַלין — באַווייזט, אַז ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט די הכנות, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן, בכדי צו רעאַליזירן הימלערס באַפעל פון 21־טן יוני 1943. און אָט איז דער טעקסט פון זיין בריוו:

דער רייכסקאָמיסאַר	אָפּטיילונג II
פאַר אָסטלאַנד	פאַרוואַלטונג
II Fin/26/43 g	געהיימער טאָגבוך נומ. 280
	ריגע 31 יולי 1943

געהיים

ענין: דאָס צונויפברענגען די יידן
אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן,
1 אַנלאַגע.

דער רייכספירער ־ ס. ס. האָט פאַראָרדנט דעם 21־טן יוני 1943, אַז מען דאַרף צונויפברענגען („צוזאַמענפאַסן") אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן אַלע יידן, וואָס געפינען זיך נאָך אין געטאָס אויפן שטח פון אָסטלאַנד. כ׳לייג ביי אַ קאָפּיע פון דער פאַראָרדענונג פון רייכספירער־ס.ס. דאַטירט פון 21־טן יוני 1943. אין אייניקע באַשפרעכונגען מיט דעם העכערן פּאָליציי־ און ס. ס.־פירער פון אָסטלאַנד איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז מען דאַרף אַריבערפירן אין קליינע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אַזעלכע אַרבעטן, וואָס קענען נישט אויסגעפירט ווערן אין גרויסע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אַזוי וועט למשל פאַרוואַנדלט ווערן אַ קליינער טייל פון ביזאיצטיקן געטאָ ריגע, ווי ס׳איז פאַרויסצוזען, אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אין וועלכן וואַרשטאַטן וועלן אויספילן אַרבעטן וויכטיקע פאַרן מיליטער. אַ חוץ דעם, וועלן אַריבערגעפירט ווערן אינעם דאָזיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער די וואַרשטאַטן, וועלכע זענען ביז איצט אויפגעהאַלטן געוואָרן פאַר די דינסטשטעלן פון גענעראַלקאָמיסאַר און רייכסקאָמיסאַר, ווי למשל די אוניפאָרם־שניידעריי, די אויספּאַרטיקונג פון פאַרטונקלונגס־פאַרזיכטיקייטן

פּאַר אַרבעטס־ און וווינונגס־צימערן אאַז״וו אאַז״וו. די אָנפירונג פון דאָזיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס דאַרף אויפגעשטעלט ווערן, זאָל, לויט מיין ווונטש, איבערגענומען ווערן דורכן גענעראַלקאָמיסאַר ריגע: זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז די זיכערהייטספּאָליציייִשע אויפגאַבן וועלן אויספּילן די פּאָליציי־דינסטשטעלן; דער פינאַנציעלער ריווח זאָל, ווי ביז איצט, אַריינפליסן אין מיין קאַסע. אָבער ענדגילטיקע הסכמים זענען וועגן דעם נאָך נישטאָ.

איך רעקאָמענדיר אייך, תיכף ומיד, זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די געהעריקע דינסטשטעלן פון דער זיכערהייטספּאָליציי און ס. ד. און אָננעמען וואָס פריער ענלעכע מאָסמיטלען, אויב עס וועט זיין נויטיק.

כ׳בעט אייך מיר מודיע צו זיין וועגן די דאָזיקע שינויים ביזן 1־טן אָקטאָבער 1943.

אין אויפטראַג
געצ. ד״ר וויאַלאָן
סטעמפּל: דער רייכסקאָמיסאַר פון אָסטלאַנד

די קאָנצענטראַציע־לאַגערן וויווואַראַ און קאַוונע

זעקס טעג נאָך דעם דאָזיקן בריוו, דעם 6־טן אויגוסט 1943, איז פאַרגעקומען אין ווילנער געטאָ די פּלוצעמדיקע כאַפּעניש פון די יידישע אַרבעטער און די ער־שטע דעפּאָרטאַציע קיין עסטאָניע. די מענטשן זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין לאַגער וויווואַראַ, וואָס האָט געדינט אַלס דער צענטראַלער עסטאָנישער לאַגער, פון וועלכן מען האָט צעטיילט די קאַצעטלער איבער אַלע אַנדערע עסטאָנישע לאַגערן. דעם 15־טן סעפּטעמבער 1943 זענען אָפיציעל אויפגעשטעלט געוואָרן די 2 קאָנצענטראַציע־לאַגערן: וויווואַראַ אין עסטאָניע (פאַר די דעפּאָרטירטע פון געטאָ־ווילנע), און לאַגער קאַוונע (אַנשטאָט געטאָ־קאַוונע). דורך אַ סעריע פון דעפּאָרטאַציעס (פון וועלכע די לעצטע איז פאָרגעקומען 23—26 סעפּטעמבער 1943), איז געטאָ־ווילנע לגמרי ליקווידירט געוואָרן; און די מערהייט געטאָ־מענטשן זענען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין עסטאָניע, און אַ טייל — צום לאַ־גער קייזערוואַלד. וואָס שייך דעם קאַוונער געטאָ האָט ער ממשיך געווען זיין קיום מיט אַ שינוי־שם (קאָנצענטראַציע־לאַגער) און מיט אַ שינוי־צורה (קאַזער־נירונג) — אַחוץ דער איינמאָליקער דעפּאָרטאַציע קיין עסטאָניע (26סטן אָקטאָ־בער), — ביז דער עוואַקואַציע (25־טער יולי 1944). עס זענען אונדז נישט באַ־קאַנט, צי ס׳זענען פאָרגעקומען דעפּאָרטאַציעס קיין עסטאָניע אָדער לאַטוויע פון די איבערגעבליבענע געטאָס אין אָסטלאַנד (שאַוול און מינסק).

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי

און אָט איז די אָפּיציעלע מעלדונג פון רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט בנוגע דעם אויפשטעלן די לאַגערן וויווואַראַ און קאָוונע (זע פאַטאָקאָפּיע; אַרכיוו פון „בית לוחמי הגיטאות״).

רייכסזיכערהייטסהאַופּטאַמט
IV C2, Allg. Nr 43343

בערלין, 2 אָקטאָבער 1943

ענין: די קאָנצענטראַציע־לאַגערן קאָוונע און וויווואַראַ

זינט דעם 15־טן סעפּטעמבער 1943, זענען לויטן באַפעל פון רייכס־פירער־ס. ס. און שעף פון דער דייטשער פּאָליציי, אויפגעשטעלט געוואָרן, קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין קאָוונע און וויווואַראַ.

די געגויע אָנווייזונגען זענען נאָך נישט באַקאַנט און זיי וועלן פאַר־עפנטלעכט ווערן אין דער געהעריקער צייט. איצט דאַרף מען זיך פאַרבינדן מיט די לאַגערן דורך דער פאַרמיטלונג פון ס. ס.־ווירטשאַפטלער ביים הע־כערן ס. ס. און פּאָליציי־פירער אין אָסטלאַנד, ריגע.

אַלס לאַגערקאָמענדאַנטן זענען באַשטימט געוואָרן:
אין קאָוונע — ס. ס.־אָבערשטורמבאַנפירער געקע.
אין וויווואַראַ — ס. ס.־האַופּטשטורמפירער אַאומייער.

די קאָנצענטראַציע־לאַגערן קאָוונע און וויווואַראַ קומען דערוויל נישט אין באַטראַכט אַלס לאַגערן צום פאַרשיקונג („איינווייזונגס־לאַגערן״).

דער דאָזיקער באַפעל איז נישט באַשטימט פאַר די אָנגעשטעלטע אין דער רעגיאָנאַלער און אָרטיקער פּאָליציי.

פאַרטרעטער:
געצ. מילער

באַשטעטיקט:
גערלאַך
קאַנצעלאַריע־אָנגעשטעלטער

דעפּאָרטאַציעס אין די עסטאָנישע לאַגערן

ווילנער געטאָ

ערב דער מלחמה פון 1־טן סעפּטעמבער 1939 זענען אין ווילנע געווען אַרום 60.000 יידן. שפּעטער איז ווילנע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטראַל אָרט פאַר יידישע פּליטים פון אָקופּירטן פּוילן. אַ סך שאַצן, אַז די צאָל יידן אין ווילנע ערב דעם 22־טן יוני 1941 איז געווען אַרום 76.000—80.000.[1]

די ווילנער יידן זענען פאַרמאַכט געוואָרן אין געטאָ דעם זעקסטן סעפּטעמבער 1941. מען שאַצט, אַז אין געטאָ זענען אַריינגעפּירט געוואָרן בערך 40.000 יידן, פון זיי 29.000 אין געטאָ נומ. 1 און עלף טויזנט אין געטאָ נומ. 2.[2] די פאַר צענדליק טויזנט ווילנער יידן, וועלכע זענען נישט אַריין אין געטאָ, זענען „פאַרשוווּנדן" געוואָרן פון זייערע הייזער דורך פּלוצימדיקע נאַכט־כאַפּעניש, אָדער זענען צוגענומען געוואָרן אויף די גאַסן דורך די א"ג „כאַפּונעס"; אַנדערע זענען אַרויס צו דער אַרבעט און נישט צוריקגעקומען, אָדער דערמאָרדעט געוואָרן בעת די פּאָגראָמען אויף זאַרעטשע און נאָווגאָראָד. די גרעסטע מערהייט איז אומגעקומען אויף פּאָנאַר.[3]

ביזן 16־טן אָקטאָבער 1941, איז דער געטאָ נומ. 2 ליקווידירט געוואָרן און די יידן זענען דערמאָרדעט געוואָרן אויף פּאָנאַר. גלייכצייטיק זענען אין געטאָ נומ. 1 פאָרגעקומען „אַקציעס" (אַרויספירונגען צום טויט); פון זיי זענען געווען די דריי גרעסטע — „די יום־כיפּור־אַקציע", און די צוויי אַקציעס פון די „געלע שיינען". לויט אָפּשאַצונגען זענען דאַן איבערגעבליבן אין געטאָ קוים צוועלף טויזנט מאַן.[4] במשך פון דער צייט, בעיקר במשך פון דער צווייטער העלפט 1942, ווי אויך אין אָנהויב 1943, איז די צאָל יידן אין געטאָ־ווילנע ווידער געשטיגן, צוליב דעם שטענדיקן פּליטים־צופלוס פון גאַנצן אומגעגנט, ווי אויך פון די שטחים פון ווייסרוסלאַנד, ווו ס'זענען דאַן פאָרגעקומען מאַסן־שחיטות.

די „סטאַביליזאַציע־תקופה" אין געטאָ

דאַן איז אָנגעקומען די אַ"ג „סטאַביליזאַציע־תקופה" פון געטאָ (יאַנואַר 1942 — מערץ 1943), ווען ס'זענען שוין מער נישט פאָרגעקומען קיין מאַסן־אַרויספירונגען צום טויט, נאָר אינדיווידועלע „שטראָף־אַקציעס" פאַר פּערזענלעכע „פאַרברעכנס", ווי, למשל, צוליבן גיין אָן אַ לאַטע, אָדער פאַר „עבירות" פון

אַריינגעבענען שפּייז אין געטאָ. די דאָזיקע באַשטראָפונגען האָבן געהאַט פאַרשידענע מדרגות: אַריינזעצן אין געטאָ־תפיסה, אָדער פאַרשיקן קיין לוקישקי, די תפיסה אויסערן געטאָ; די אַרויסגעפירטע אויף לוקישקי זענען על פּי רוב אומגעקומען אויף פּאָנאַר.[5]

מערץ 1943 האָבן זיך אָנגעהויבן אין געטאָ פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז מען גייט „אָפּרייניקן" די גאַנצע ווילנער אומגעגנט פון יידן, ד״ה אַז מען וועט ליקווידירן די געטאָס און יידן־לאַגערן און עוואַקויִרן זייערע איינוווינער לענג־אויס דער גאַנצער ליטוויש־ביעלאָרוסישער גרענעץ. מען האָט געשמועסט, אַז אַ שטח פון 50 ק״מ ביים גרענעץ דאַרף ווערן „יידן־ריין". מען האָט דערציילט, אַז מען וועט צעשפּרייטן די דאָזיקע יידן צווישן די געטאָס ווילנע, קאָוונע און פּאָ־נעוועזש; אין געטאָ־ווילנע האָט מען גוט געדענקט, אַז אין טאָג, ווען מען האָט די יידן געפירט אין געטאָ, זענען אַ סך צו אים „נישט דערגאַנגען": זיי זענען פון אַ ריי גאַסן דירעקט אַוועקגעפירט געוואָרן אויף לוקישקי און פון דאָרט אויף פּאָנאַר, און אַן ערך 6.000 יידן זענען אין דער ערשטער נאַכט פון געטאָ אַרויס־געפירט געוואָרן פון דעם לידסקי־געסל ביים געטאָ צום טויט. מען האָט דעריבער איצט פאַרשטאַנען אין געטאָ־ווילנע, אַז מען שטייט פון דאַסניי ערב גירושים און ליקווידאַציעס און ערב גרויסע טויט־אַקציעס.

בעיקר האָט זיך די ידיעה פאַרשפּרייט אין ווילנער געטאָ פּורים, דעם 21סטן מערץ 1943, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּורים פון שרעק און פּאַ־ניק. די פּעריאָדישע צייטשריפט פון געטאָ, „געטאָ־ידיעות", וואָס פלעגט פונאַנדער־געקלעפּט ווערן אויף די געטאָ־ווענט, און איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר צ. פעלדשטיין, ביי דער אַקטיווער מיטאַרבעט פון ה. קרוק — האָט גע־שריבן יענעם פּורים, 21 מערץ 1943:[6]

„...אין משך פון דער לעצטער וואָך איז אונדזער געטאָ־עולם אַריינ־געפאַלן אין אַ נערוועזער שטימונג. ווידער אָן גרונט און ווידער צוליב נישט גענוגנדיקן וויסן פון די אמתע סיבות, וועלכע האָבן אַרויסגערופן געוויסע אַקטן פון די מאַכט־אָרגאַנען. עס האַנדלט זיך אַט וועגן וואָס: לויט אַ פאַראָרדענונג פון די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען, וואָס איז נאָך אַרויס־געגעבן געוואָרן מיט אַ געוויסער צייט צוריק, טאָרן יידן נישט וווינען אין אַ זאָנע פון 50 קילאָמעטער לענג־אויס דער ווייסרוסישער גרענעץ. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער פאַראָרדענונג האָט מען אָנגעהויבן אַרויס־צופירן די יידן פון די פיר קליינע געטאָס, וואָס געפינען זיך אין ווילנע־לאַנד, דהיינו, פון סווענציאַן, אָשמענע, מיכאַלישאָק און סאָל. אַ טייל פון זיי ווערט אַריבערגעפירט אין ווילנער געטאָ און אַ טייל אין פאַרשיידענע אַרבעטס־לאַגערן...

...זאָל יעדער טאָן זיין אַרבעט, זיין רויִק און באַרויִקן זיין סביבה..."

שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז שוין מיט אַ וואָך פריער, דעם 15טן מערץ 1943, האָט געטאָ־אָשמענע באַקומען אַ פאַראָרדענונג צו גרייטן זיך צו אַן עוואַקואַציע, וועלכע איז טאַקע פאָרגעקומען אייניקע טעג שפּעטער, דעם 19טן מערץ. ס'זענען דאַן אַרויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ־אָשמענע 2181 יידן; פון זיי זענען 722 פּערזאָן געבראַכט געוואָרן אין געטאָ־ווילנע, דעם 26־טן מערץ 1943.[6]

דעם זעלבן טאָג און אויך במשך פון די נאָענטסטע טעג זענען אָנגעקומען אין געטאָ־ווילנע די יידן, וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון אָשמענע, ווי אויך הונדערטער פון סווענציאַן און מיכאַלישאָק; מען האָט זיך אויך דערוווּסט אין געטאָ, אַז אין דעם שטעטל סאָל ווערן קאָנצענטרירט יידן פון דער אַרומיקער אומגעגנט, ד"ה פון אָשמענע, סאָל און מיכאַלישאָק, בכדי זיי צו פירן אין קאָוונער געטאָ. אויך אין ווילנער געטאָ האָט מען אָנגעהויבן צו גרייטן אַ „טראַנספּאָרט קיין קאָוונע". ער האָט געדאַרפט באַשטיין בעיקר פון די יידן, וועלכע זענען נישט לאַנג געבראַכט געוואָרן אין געטאָ־ווילנע, ווי אויך פון פרייוויליקע צווישן די, וואָס זענען שוין פריער געווען אין געטאָ־ווילנע. אַלע צוזאַמען, הן די „געצוווּנ־גענע", און סיי די „פרייוויליקע", האָבן אויסגעמאַכט 340 מאַן, דאָס רוב יוגנט. געווען צווישן זיי אָבער אויך זקנים און קינדער.

אַקציע „קאָוונע־פּאָנאַר"

דעם 5־טן אַפּריל 1943, פרימאָרגן, איז אַרויס פון געטאָ דער טראַנספּאָרט. אויף דער באַן־סטאַציע האָבן זיך די אַרויסגעפירטע געטראָפן מיט טראַנספּאָרטן יידן פון סאָל, סווענציאַן, גודאָגאַי, מיכאַלישאָק און אָסטראָוויעץ, ווי אויך מיט די אָשמענער יידן, וועלכע זענען פריער אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין סאָל. צוזאַמען אַן ערך 5.000—4.000 יידן זענען אַרויס פון סטאַציע־ווילנע קיין קאָוונע.

אָבער אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען זיך דערוווּסט אין געטאָ־ווילנע, אַז די אַרויסגעפירטע זענען פאַרנאַרט געוואָרן, און אַנשטאָט קיין געטאָ־קאָוונע האָט מען זיי אַוועקגעפירט צום אומקום־פעלד פּאָנאַר. דאָרט זענען זיי אויסגעשאָסן געוואָרן מיט דום־דום קוילן. ס'האָבן זיך אויך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז זיי האָבן זיך דאָרט געראַנגלט מיט די דייטשן און מיט די ליטווישע באַהעלפער, וואָס האָבן דורכגעפירט דעם מאָרד. די אַקציע רופט זיך אָן אין אַלע זכרונות־ביכער פון די געראַטעוועטע מיטן נאָמען אַקציע „קאָוונע־פּאָנאַר".

אַ ליד,[7] וואָס האָט זיך דאַן פאַרשפּרייט אין געטאָ־ווילנע האָט דערציילט:

...זיי האָבן געוואָרפן זיך אויף דער געשטאַפּאָ
און זיי די קליידער צעריסן,

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי

געבליבן איז ליגן לעבן די יידן
עטלעכע דייטשן צעביסן...

אין יאָר 1965 איז דערשינען אין ווילנע אויף ליטוויש אַ זאַמלונג פון דאָקו־מענטן וועגן דער נאַצי־תקופה אין ליטע, „מאַסינעס״, וואָס איז אַרויסגעגעבן גע־וואָרן דורך די אָפיציעלע ליטווישע אַרכיוון. אינעם דאָקומענט נומ. 100, ז. 117, געפינט זיך אַ רמז וועגן אַנטלויפן פון פּאָנאַר, און וועגן געראַנגל צווישן די יידן און די רוצחים. דער דאָקומענט איז אַ באַריכט פון אָבערשטורמפירער מילער און האַופּטשטורמפירער שטיץ וועגן מצב אין ליטע, אַפּריל 1943. דער באַריכט איז אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין בערלין. דאָרט ווערט דערציילט וועגן דער אַקציע אויף פּאָנאַר:

„...בשעת די שיסונגען איז אַ ייד באַפאַלן דעם אונטערשאַרפירער ווילע און האָט אים פאַרוונדעט מיט צוויי מעסער־שטעך אין רוקן און מיט אַ מעסער־שטאָך אין קאָפּ... ער איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין ווילנער שפּיטאָל. בשעת די יידן זענען אַנטלאָפן, אַן ערך 50 מאַן — איז פאַרוווּנ־דעט געוואָרן איינער פון דער ליטווישער הילפספּאָליציי. זיין צושטאַנד איז שווער...״

אַזוי האָט דער נאַצי־באַריכט פון ליטע (פאַרעפנטלעכט מיט 22 יאָר שפּעטער) באַשטעטיקט די קלאַנגען אין געטאָ וועגן יידישן געראַנגל אויף פּאָנאַר.

צו מאָרגנס נאָך דער אַקציע „קאָוונע־פּאָנאַר״, איז אָנגעקומען אין געטאָ דער געסטאַפּאָוויעץ און „שעף פון פּאָנאַר״, מאַרטין ווייס, און ער האָט געפאָדערט אַז פון געטאָ זאָלן מיט אים אַרויסגיין יידישע פּאָליציסטן, בכדי מקבר צו זיין די קערפּערס פון די הרוגים. ווען די פּאָליציסטן האָבן זיך צוריקגעקערט האָבן זיי דערציילט, אַז זיי האָבן צונויפגעזאַמלט און אַריינגעלייגט אין די גריבער אַן ערך 300—400 קערפּערס פון די הרוגים, וואָס זענען געווען צעשפּרייט איבער דעם גאַנצן שטח, ווי אויך לעבן די באַן־ליניעס. דאָס זענען געווען די קערפּערס פון די דערשאָסענע ביים אַנטלויפן.

ביז יענער דאַטע, 6 אַפּריל 1943, האָט די דייטשע מאַכט שטענדיק אויסבאַ־האַלטן פון די יידן אין ווילנער געטאָ, אַז די אַרויסגעפירטע אויף פּאָנאַר ווערן דאָרט אויסגעהרגעט; להיפך — אָפט פלעגט די דייטשע מאַכט זיך באַמיען צו פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז פּאָנאַר איז אַ „דריטע געטאָ״, אָדער אַן „אַרבעטס־לאַגער״, אָדער אַז מען האָט געזען ווי די אַרויסגעפירטע אויף פּאָנאַר אַרבעטן אויף די שאָסייען נעבן מינסק. דער פאַקט, אַז נאָך דער אַקציע „קאָוונע־פּאָנאַר״ האָט געשטאַפּאָ אַליין גערופן די יידישע פּאָליציסטן, אַז זיי זאָלן מיט זייערע איי־גענע אויגן זען פּאָנאַר, און איבערצייגן זיך, וואָס ווערט דאָרט געטאָן, ווי אויך

דער פאַקט, אַז מען האָט זיי געלאָזט צוריקקערן זיך לעבעדיקערהייט און דער־ציילן די געטאָ־איינוווינער, וואָס זיי האָבן געזען אין פּאָנאַר — דאָס אַלץ האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער גורל פון געטאָ איז געחתמעט; דער געטאָ איז פאַרמשפּט צום טויט, און די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען געפינען שוין נישט קיין שום נויטיקייט אויסצובאַהאַלטן פון די פאַרמשפּטע זייער גזר־דין.

די פראַגע, וואָס איז געשטאַנען פאַרן געטאָ־מענטש איז געווען: ווען קומט אָן די דאַטע פון דער געטאָ־ליקווידאַציע? און ווי אַזוי וועט זי פאָרקומען? צי וועט עס פאָרקומען אַלס „טאָטאַלע ליקווידאַציע", ד״ה „אַלע מיט איין מאָל"? אָדער אַ ליקווידאַציע — אין עטאַפּן?

די אַקציע „קאָוונע־פּאָנאַר", און דאָס ברענגען די געטאָ־פּאָליציסטן אויפן אומקום־פעלד האָט געבראַכט מיט זיך צוויי קעגנגעזעצטע רעזולטאַטן. פון איין זייט איז געלונגען צו צעברעכן דעם גייסט פון געטאָ און די האָפענונג, אַז מען וועט שוין ווי ס'איז איבערלעבן אין געטאָ, און ס'איז געלונגען אַריינצודרינגען אין די מוחות פון די געטאָ־מענטשן, אַז די געטאָ־ליקווידאַציע איז אומפאַרמיידלעך. און פון דער אַנדערער זייט — האָט עס געווירקט צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג און דערפירט דערצו, אַז אַלע וואָס טראַכטן וועגן אַנטלויפן פון געטאָ זאָלן זיך וואָס שנעלער אָרגאַניזירן.

יידן וואָס האָבן נישט געהערט צו די פּאַרטיזאַנער הייבן אָן אויף אייגענער האַנט אַרויסצוגיין אין די אַרומיקע פעלדער, כדי צו געפינען דאָרט אַ מקום־מקלט פאַר די אָנקומענדיקע שחיתות.[7א]

די פּראָבלעמען פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע

אין יענע טעג האָט שוין עקזיסטירט אין געטאָ־ווילנע אַ פאַרצווייגטע ווידערשטאַנד־באַוועגונג; איר התחלה זענען געווען די געהיימע צוזאַמענקונפטן שוין די ערשטע טעג פון געטאָ, און די קאָנטאַקטן מיט די שליחים פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין פוילן; דער ערשטער גרעסערער אונטערערדי־שער צוזאַמענקום פון דער געטאָ־יוגנט אונטער דער לאָזונג: „לאָמיר נישט גיין קיין פּאָנאַר!", איז פאָרגעקומען דעם 1־טן יאַנואַר 1942. די צענטראַלע פּערזאָן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין דער ערשטער תקופה פון געטאָ איז געווען מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו.[8]

דעם 23סטן יאַנואַר 1942 איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר אַן אָרגאַניזירטער אונטערערדישער באַוועגונג, צו וועלכער ס'האָבן געהערט יוגנטלעכע פון פאַרשידענע אידעיִשע גרופּירונגען. זי האָט זיך שפּעטער אָנגע־רופן „פּ.פּ.אָ" (פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע).[9] אַ גאַנצע ריי קלע־נערע קאַמפּס־גרופּן, וואָס האָבן עקזיסטירט אין געטאָ, האָבן שפּעטער געשאַפן

נאָך אַ קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, בראש פון וועלכער ס׳איז געשטאַנען יחיאל שיינבוים. (לסוף האָט זי זיך אָנגערופן „קאַמפּס־גרופּע פון יחיאל שיינבוים״). אין דער לעצטער תקופה פון געטאָ האָט אויך די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע זיך צונויפגעשמאָלצן מיט פ.פּ.אָ.

פאַר אויסערסט שווערע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען איז געשטאַנען די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ: וואָס איז דער ציל פון ווידערשטאַנד, ווהין דאַרף ער פירן? מיט דער דאָזיקער פראַגע האָבן זיך געראַנגלט צוויי שיטות:

איין שיטה האָט געזאָגט — דער ציל איז אָרגאַניזירן דעם קאַמף אין געטאָ גופא, באַווייזן פאַר דער וועלט און פאַר דער געשיכטע, אַז יידן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד קעגן דייטשן שונא און געשטאָרבן מיט כבוד. די אָנהענגער פון דעם דאָזיקן געדאַנק האָבן געוווסט, אַז אין מאָמענט פון אַ געטאָ־רעוואָלט וועט קיינער פון די שכנישע פעלקער נישט קומען זיי צו הילף, וועט עס זיין אַ קאַמף אָן האָפענונג, אַ קאַמף פאַר דער געשיכטע, קידוש שם ישראל.

די צווייטע שיטה האָט געזאָגט: דער ציל פון ווידערשטאַנד איז אָנטיילצונעמען אַקטיוו אין קאַמף קעגן דייטשן שונא. מען דאַרף דעריבער אַרויספירן וואָס מער יוגנט אין וואַלד, צו די פּאַרטיזאַנער. דאָס גיט די מעגלעכקייט אָנטיילצונעמען אין אַלגעמיינעם קאַמף קעגן נאַצי; דאָס גיט שאַנסן צו ראַטעווען לכל הפחות די יוגנט פון געטאָ.

און אַזוי אַרום איז די קאַרדינאַלע שטרייט־פראַגע געווען: געטאָ — אָדער וואַלד. די דאָזיקע צוויי באַזונדערע צוגאַנגען זענען, צווישן אַנדערע, געווען די הויפּט־סיבה צוליב וואָס עס זענען אַנטשטאַנען די צוויי באַזונדערע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס „פ.פּ.אָ.״ און „קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע יחיאל״.

די אָנהענגער פון „קאַמף אין געטאָ״ (אַזעלכער איז געווען דער אויסגאַנגס־פּונקט פון פ.פּ.אָ.) האָבן געזען אינעם גיין צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד — אַ פאַרלאָזן דעם געטאָ, אַן אויסליידיקן אים פון זיינע יוגנט־כוחות, ד״ה פון זיינע שוץ־כוחות; דאַקעגן, די אָנהענגער פון „גיין אין וואַלד״ (די „יחיאל״־אָרגאַניזאַציע), האָבן געזאָגט: דער קאַמף אין געטאָ גופא איז פאַרויס פאַרמשפּט צום אומקום, צוליב דעם, וואָס די אָרומיקע באַפעלקערונג וועט נישט העלפן, נישט ס׳וועלן געמאַכט ווערן דעם דייטשן קיין שאָדנס און נישט ס׳וועלן געראַטעוועט ווערן יידישע לעבנס. דער פּאַרטיזאַנער־קאַמף אין וואַלד, אין נאַציאָנאַלע יידישע אייגנהייטן, דאָס איז דער קאַמף פאַרן יידישן כבוד, און דאָס איז אַ וועג צו ראַטעווען דאָס לעבן פון טויזנטער יוגנטלעכע; יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּן אין די וועלדער וועלן אין אַ שווערער שעה קאָנען קומען צו הילף דעם געטאָ.

זומער 1943 זענען ביידע אָרגאַניזאַציעס דערגאַנגען צו זייער גרעסטער אַנטוויקלונג. די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע „יחיאל״ האָט אָנגעהויבן זינט דעם 21סטן אַפּ־

ריל, שיקן אירע מענטשן אין וואַלד. פ.פ.אָ. האָט געמאַכט צוגרייטונגען צום געטאָ־רעוואָלט. דאָס לעבן אין געטאָ און דער אומפּאַרויסגעזעענער לויף פון די געשעענישן האָבן געשפּילט אַן איראָנישן שפּיל איבער שטאַנדפּונקטן: יוסף גלאַזמאַן — איינער פון די הויפּט־אידעאָלאָגן און טעאָרעטיקער פון קאַמף אין געטאָ, איז געווען געצווונגען אַרויסצוגיין מיט די ערשטע פּאַרטיזאַנער־גרופּן אין וואַלד, און איז דאָרטן אומגעקומען; יחיאל שיינבוים — דער אידעאָלאָג פון פּאַרטיזאַנער־קאַמף אין וואַלד, איז געפאַלן אין געטאָ־קאַמף, אויף סטראַשון גאַס 12. (זע: ווייטער).

דער ערשטער טראַנספּאָרט קיין עסטאָניע

עס זענען פאַרביי איניקע חדשים. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן אַנקומענדיקע אַקציעס. די אונטערערד האָט זיך אָרגאַניזירט. די ערשטע גרופּן זענען אַרויס אין וואַלד. אָנהויב יולי 1943 בייטן זיך די, וואָס זענען זיך מטפּל מיט די געטאָ־יידן. עס פאַרלאָזן ווילנע דער רעפערענט פאַר יידן־פראַגן ביים געביטס־קאָמיסאַריאַט, פראַנץ מורער, און דער רעפערענט פאַר יידן־פראַגן ביי דער געשטאַפּאָ, מייער. לויט ווי מען האָט געשמועסט איז אויפן אָרט פון מורער געקומען לאַקנער, און אויפן אָרט פון מייער — קיטעל. זינט יאַנואַר 1943 איז דער ראש פון ווילנער געסטאַפּאָ געווען נויגעבאַוער.

דערווייל הויבן זיך אָן ליקווידאַציעס פון די קליינע לאַגערן אין דער ווילנער אומגעגנט: דעם 10 יולי ווערן ליקווידירט 240 יידן פון לאַגער בעזדאַן, און 200 — פון לאַגער קענע.[10]

דעם 16טן יולי ווערט דורך דער געשטאַפּאָ געפאָדערט דער אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע, איציק וויטענבערג. דער טאָג, ווען געשטאַפּאָ פאָדערט אַרויסצוגעבן וויטענבערגן, אונטער דער דראָונג, אַז זי וועט אויפרייסן דאָס געטאָ, איז איינער פון די טראַגישע געטאָ־טעג. וויטענבערג גיט זיך איבער, לויטן באַשלוס פון פ.פ.אָ.־שטאַב און שלינגט איין ציאַן־קאַלי אין געשטאַפּאָ. אבא קאָוונער ווערט אָנפירער פון פ.פ.אָ. דעם 22סטן יולי פאַרלאָזט יוסף גלאַזמאַן מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער דאָס געטאָ. אַ טייל ווערט געכאַפּט. זייערע משפחות ווערן אַרויסגעפירט אויף פּאָנאַר, לויט דער נאַצישער שיטה פון „קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט”. די שפּאַנונג אין געטאָ ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג. עס פאַרשפּרייטן זיך עקשנותדיקע קלאַנגען, אַז די דייטשן פאָדערן אויסצווידלען טויזנטער יידן פון געטאָ.[11]

דעם 1־טן אויגוסט 1943 ווערט פּלוצעם אָנגעזאָגט די יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די דייטשע אַרבעטס־איינהייטן אויסערן־געטאָ, אַז די איינהייטן ווערן פונאַנדערגעלאָזט. אַן ערך 3.000 מאַן האָבן פאַרלוירן זייערע אַרבעטס־פּלעצער.

אין געטאָ הערשט אַן אַטמאָספער פון אַ שריפה; הייסט עס, אַז מען נייטיקט זיך נישט מער אין דער אַרבעט פון די יידן, און — דער וואָס אַרבעט נישט האָט דאָך נישט קיין רעכט צו לעבן, ביי די נאַציס...

אין אייניקע טעג אַרום קומט אָן אַ מעלדונג פון אַרבעטס־אַמט אין געטאָ, אַז ס'וועלן אויפגעשטעלט גרויסע אַרבעטס־איינהייטן לעבן דער באַן־סטאַציע, ווי אויך לעבן פלי־פלאַץ פּאָרובאַנעק. אַ סך מענטשן הייבן אָן זיך פאַרשרייבן אין די דאָזיקע נייע איינהייטן. אָבער עס שפּרייטן זיך קלאַנגען, אַז מען „גרייט טראַנס־פּאָרטן" קיין ריגע [12] און אפשר קיין עסטאָניע, און אפשר ווילן די וואָס אַרבעטן אויף דער באַן־סטאַציע און אין פּאָרובאַנעק זיין די ערשטע קרבנות.[13]

אויך די, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אין די „גרויסע איינהייטן" האָבן זיך נישט באַצויגן מיט קיין גרויסן צוטרוי צו די דאָזיקע נייע איינהייטן. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַ נייער דייטשער „פּולאַפּקע". און טראָץ דעם וואָס מען איז געווען „פאַרשריבן", זענען דאָך אַ סך נישט אַרויס צו דער אַרבעט.[13]

דעם 5־טן אויגוסט אין דער פרי, האָבן זיך פּלוצעם פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מען גייט מאָרגן אַרויספירן טויזנטער מענטשן.[14] די געטאָ־מענטשן האָבן מיט אַלע כוחות זיך באַמיט נישט צו זיין פאַרשריבן אויף מאָרגן צו דער אַרבעט.[15] דער געטאָ־קאָמענדאַנט האָט אין אָוונט באַרויִקט דעם עולם, אַז דאָס זענען נאָר פאַלשע קלאַנגען, דעם געטאָ דראָט נישט קיין געפאַר; „דער וואָס איז באַ־שטימט צו אַרבעט — דאַרף גיין; ווער ס'וועט נישט גיין — וועט באַשטראָפט ווערן".[16]

דער אויפשטאַנד פון די אַרויסגעפירטע

דעם 6טן אויגוסט 1943 אין דער פרי, זענען די אַרבעטער אַרויסגעגאַנגען ווי געוויינלעך צו דער אַרבעט. אָבער אין מיטן וועג זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ גרויסער באַוואַכונג פון ס.ס.־לייט, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז פיס. דאַן האָט מען זיי אָנגעהויבן צו פירן אין דער ריכטונג פון באַן. דאָרט זענען געשטאַנען גרויסע וואַגאָנען מיט פאַרדראָטעוועטע פענצטער. די ס.ס.־לייט האָבן אָנגעהויבן מיט צוואַנג אַריינצושטופּן די מענטשן אין די וואַגאָנען. אמת, די דייטשן האָבן מודיע געווען די מענטשן, אַז מען פירט זיי קיין עסטאָניע, אָבער די געטאָ־מענטשן, אָנגעלערנט פון שוידער־נסיון פון דער אַקציע „קאָוונע־פּאָנאַר", האָבן מער נישט געגלייבט די דייטשע הבטחות. ביי דער באַן איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד. די מענטשן האָבן נישט מסכים געווען אַריינצוגיין אין די וואַגאָנען און האָבן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל צווישן די אומבאַוואָפנטע געטאָ־מענטשן מיט די מערערע הונדערטער ס. ס.־לייט און מיט דער הילפס־פּאָליציי, וואָס איז באַשטאַנען פון ליטווינער, לעטן און עסטן. די

דייטשע וואַכע האָט אָנגעהויבן צו שיסן, און צווישן די אַנטלויפערס האָבן אָנגע־הויבן צו פאַלן הרוגים אויף די רעלסן פון באַן, אויפן פּלאַץ, ווי אויך אויפן שטעכל־דראָט, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם פּלאַץ.[17]

אין אייניקע שעה אַרום האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען אין געטאָ די פאַרוווּנ־דעטע ביים אויפשטאַנד. מען האָט זיך אויך דערוווּסט וועגן אַ גרעסערער צאָל הרוגים. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען אין געטאָ די אַנטלאָ־פענע פון די וואַגאָנען, וועמען ס'איז ווי עס איז געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון דער דייטשער שווערער שמירה און צוריקצוקומען צו די טויערן פון געטאָ.[17]

וויפל מענטשן זענען יענעם טאָג אַרויס צו דער אַרבעט? וויפל פון זיי זענען געכאַפּט און אַרויסגעפירט געוואָרן קיין עסטאָניע? וויפל פון זיי זענען דערהרגעט געוואָרן, וויפל פאַרוווּנדעט, און וויפל זענען אַנטלאָפן? — מיר האָבן נישט וועגן דעם קיין גענויע ציפערן, נאָר השערות פון די עדות. מען שאַצט אַז יענעם טאָג זענען אַרויסגעפירט געוואָרן צו דער אַרבעט אַ 2.000—2.400 מאַן; אַז קיין עסטאָניע זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אַרום 1.000 מאַן; פאַרוווּנדעטע — עטלעכע הונדערט; הרוגים — אַרום 300; אַנטלאָפענע — 500.[18]

גרופּע נאָך גרופּע זענען די אַנטלאָפענע אָנגעקומען צום טויער פון געטאָ. פּלוצעם זענען פאַרפאָרן צוויי אויטאָס מיט געשטאַפּאָ־לייט און מיט עסטאָנישע זעלנער. די געשטאַפּאָ האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג צו פאַרהאַלטן די אַנטלוי־פער און צו פאַרלאָדן זיי אין די אויטאָס. ס'איז געוואָרן אַ צוזאַמענלויף ביים געטאָ־טויער, בכדי אָפּצוראַטעווען די אַנטלויפנדיקע. די געשטאַפּאָ מיט די עסטן האָבן זיך געוואָרפן אויף די, וואָס האָבן געהאָלפן און זיי געשלאָגן מיט זייערע בלאַנקע שווערדן. עס זענען געפאַלן מערערע פאַרוווּנדעטע ביים טויער פון געטאָ. דאָך איז אַ טייל געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיך און אַנטלויפן אין געטאָ.[19]

די פאַרוווּנדעטע זענען געבראַכט געוואָרן אין שפּיטאָל פון געטאָ. ביים טויער פון שפּיטאָל איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אַ ליסטע פון די ניי־אָנגעקומענע „כירור־גיש־קראַנקע". דער עולם האָט שוין געוווּסט וועמען מען מיינט.

לויט די קלאַנגען, וואָס האָבן דאַן קורסירט אין געטאָ, זענען אין יענעם טאָג צוגענומען געוואָרן מענטשן פון 5 אַרבעטס־פּלעצער:

1) איינהייט פּאַרובאַנעק. די איינהייט, וואָס איז געווען ביים לופט־פּאַרט פּאָרובאַנעק: מען האָט געזאָגט, אַז פון דאָרט זענען צוגענומען געוואָרן אַן ערך 1.000 מאַן, מענער און פרויען; אַ סך פון זיי זענען אַנטלאָפן; אַ 20 זענען דער־הרגעט געוואָרן מיט דום־דום קוילן.

2) איינהייט בורבישקי (ביי די אַמוניציע־סקלאַדן), אַן ערך 100 מאַן.

3) איינהייט „בויטענלאַגער", — דאָרט האָבן געאַרבעט אייניקע הונדערט געזונטע יונגע לייט; אַ סך זענען אַנטלאָפן; אַ 10 — פאַרוווּנדעט.

4) טאַרטאַק שפּירא — דאָרט האָבן געאַרבעט אַ 30 מאַן. זיי זענען אַלע צו־גענומען געוואָרן.

5) די שוסטערס און שניידערס, וואָס האָבן געאַרבעט אין ניי־ווילייקע.[21]

לויט די עדות־זאָגונגען פון די געראַטעוועטע האָבן אָנגעפירט מיט דער דאָ־זיקער „עסטאָניע־אַקציע״ גויגעבאָוער און קיטעל.[22]

די שיטה פון דער דעפּאָרטאַציע ווערט געענדערט

די פלוצעמדיקע אַרויספירונג קיין עסטלאַנד, וואָס האָט געהאַט אַלס ציל צו דעפּאָרטירן איניקע טויזנט מאַן, און האָט באַוויזן אַריבערצופירן נאָר אַן ערך 1.000 מאַן, איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער נאַצישער טאַקטיק, באַזירט אויף איניקע הויפּט־שטריכן:

1) לכתחילה פאַרשפּרייטן אַ פּאַניק און פאַרשיידענע אָפּטע סתירותדיקע קלאַנגען וועגן דער בקרובדיקער ליקווידאַציע פון געטאָ.

2) פונאַנדערלאָזן די אַרבעטס־איינהייטן און איבערלאָזן די אַרבעטער אין אַ מצב פון „איבעריקע״, אין אַ מצב פון מענטשן, וואָס זענען זיך אַלס קאַנדידאַטן צום טויט.

3) עפענען פון דאָס ניי גרויסע איינהייטן, בכדי עס זאָלן זיך אין זיי פאַר־שרייבן „פון אייגענעם ווילן״ טויזנטער יידן, וואָס האָבן געהאַפּט דערמיט זיך צו פאַרזיכערן מיט אַן „אַרבעטס־שיין״.

4) היות די דייטשן האָבן זיך געריכט, אַז די אַרויסגעפירטע וועלן זיי נישט גלייבן, אַז מען פירט זיי באמת קיין עסטאָניע „אויף אַרבעט און נישט אויף פאַרניכ־טונג״ — האָט די מאַכט זיך באַנוצט מיט דעם אָפּנאַרערישן מעטאָד, אַרויסצופירן די יידן אויסערן געטאָ מכלומרשט אויף אַרבעט, און אַריינזעצן זיי מיט צוואַנג אין די וואַגאָנען.

אָבער דער דאָזיקער פּלאַן איז נישט פולקאָם געלונגען. זיין רעאַליזאַציע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גרויסער צאָל אַנטלאָפענע, פאַרוואונדעטע און הרוגים. דאָס מאָל איז די דייטשן געווען קלאָר, אַז די איבערגעבליבענע געטאָ־מענטשן וועלן מער נישט גלייבן זייערע הבטחות. דעריבער זענען זיי געווען געצוווּנגען אַריבערצוגיין צו אַן אַנדער דעפּאָרטאַציע־שיטה און נעמלעך:

א) איבערצייגן די געטאָ־מענטשן, אַז דער אַרויספיר קיין עסטאָניע איז טאַקע געווען געמיינט אויסשליסלעך „אויף אַרבעט״. צוליבן דאָזיקן צוועק האָבן די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען דורכגעפירט צוויי „איבערצייגונגס־אַקציעס״:

1) דאָס שיקן קיין עסטאָניע געטאָ־בריגאַדירן, בכדי זיי זאָלן זיך צוריקקערן און דערציילן וועגן דערטרעגלעכע לעבנס־באַדינגונגען אין די עסטאָנישע לאַגערן.

2) אַן אָרגאַניזירטע אַקציע פון שיקן בריוו פון עסטאָניע — אין געטאָ. און מעגן די געטאָ־מענטשן אַפילו נישט גלייבן די רייד פון די בריגאַדירן, וועלן זיי אָן ספק גלייבן די אייגנהענטיקע בריוו פון די אַרויסגעפירטע.

ב) היות די געטאָ־מענטשן וועלן דאָך, טראָץ אַלע פאַרזיכערונגען, נישט וועלן גיין פרייוויליק צו די טראַנספּאָרטן — דאַרף מען די ווייטערדיקע טראַנספּאָרטן צוגרייטן דורכן צעשפּליטערן די איינהייטלעכע שטעלונג פון געטאָ:

1) דער צווייטער טראַנספּאָרט דאַרף באַשטיין פון די „פּראָווינצער" (ד"ה פון די, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון דער אַרומיקער פּראָווינץ). מען דאַרף געבן צו פאַרשטיין דעם געטאָ, אַז ער באַשטייט פון צוויי שיכטן, „אויטאָכטאָנער" און „פרעמדע". דאָס אַרויספירן די פרעמדע וועט פאַר־קומען אָן אַ קעגנשטעלן זיך, ווייל זיי זענען נאָך נישט איינגעוואָרצלט אי־נעם לעבן פון געטאָ, האָבן נאָך נישט קיין קאָנטאַקטן מיט דער געטאָ־באַפעלקערונג, און זענען נאָך אין אַ „טראַנזיט"־מצב.

2) מען דאַרף מעלדן דעם געטאָ וועגן אַ מעגלעכקייט פון „פאַראייניקונג פון די משפחות" אין עסטאָניע, און דערפירן דערצו, אַז די פרויען און די קינדער פון די אַרויסגעפירטע זאָלן זיך פרייוויליק מעלדן צום טראַנס־פּאָרט, בכדי די גאַנצע משפחה זאָל צוזאַמען טיילן דעם גורל; וויסנדיק דעם גרויסן סענטימענט ביי יידן צום משפחה־לעבן, זענען די דייטשן גע־ווען זיכער, אַז די דאָזיקע תחבולה וועט זיי ברענגען די געוווּנטשענע רעזולטאַטן.

3) צו די טראַנספּאָרטן וועט זיין לייכט צוצוגעבן אַלע „אַרבעטסלאָזע"; די געטאָ־באַפעלקערונג וועט פאַרשטיין, פאַרוואָס עס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן דווקא די, וואָס האָבן נישט קיין אַרבעט אין געטאָ.

אַ צוגאָב־תחבולה האָבן די דייטשן אָנגענומען, בכדי לייכט צו אָרגאַניזירן די „קרובים־טראַנספּאָרטן". נאָכן אָוועקפאָרן פון טראַנספּאָרט פון די געכאַפּטע, האָט די געטאָ־פּאָליציי פאַרעפנטלעכט אַ מעלדונג, אַז מען קען ברענגען אין דער פּאָלי־ציי פּעקלעך בגדים און שפּייז פאַר די אַרויסגעפירטע אין עסטאָניע; ביי יעדן פּעקל דאַרף מען פאַרצייכענען דעם נאָמען פון אַרויסגעשיקטן, ווי אויך דעם נאָמען און אַדרעס פונעם אַרויסשיקער.[23] פאַרשטענדלעך, אַז מערערע זענען אַזוי אַרום פאַרפירט געוואָרן און געשיקט פּעקלעך צו זייערע קרובים; די געטאָ־פּאָליציי האָט אַ דאַנק די דאָזיקע פּעקלעך באַקומען אַ סך נעמען און אַדרעסן פון די קרובים פון די אַרויסגעפירטע, און האָט געקענט לייכט אויפשטעלן „רשימות פון די קרובים".

די „איבערצייגונגס־אַקציע" איז דורכגעפירט געוואָרן אין פאַרלויף פון די נאָענטסטע טעג, און האָט געבראַכט געוויסע רעזולטאַטן. שוין דעם 9־טן אויגוסט,

איז די „דעלעגאַציע פון די בריגאַדירן״ געווען צוריק פון עסטאָניע. דער ברי־גאַדיר היימאַן האָט געהאַלטן אַ רעדע פון באַלקאָן פון געטא ווינונג, און האָט אָפּגעגעבן אַ באַרויִקנדיקן באַריכט וועגן לעבן און אַרבעט פון די אַרויסגעפירטע קיין עסטאָניע.[24] אַ טייל פון די געטאָ־מענטשן האָט געזאָגט, אַז היימאַן איז אַ „פּראָוואָקאַטאָר״, טוט נאָר וואָס די פּאָליציי הייסט אים, און מען קען נישט האָבן קיין צוטרוי צו זיינע ווערטער; נישט ווייניק אָבער זענען איבערצייגט געוואָרן, אַז אין עסטאָניע איז נישט שרעקלעך, און אַז „דאָרטן לעבט מען אויך״.[25]

אַ גרויסע השפּעה האָבן אויך געהאַט די בריוו, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אָנ־צוקומען פון עסטאָניע. דאָרט זענען געווען פּרטים וועגן דער אַרבעט, וועגן ברויט, זופּ און קאַווע, וואָס מען באַקומט יעדן טאָג, און וועגן דער נאָענטקייט צום סאָ־וויעטישן פראָנט; לויט אָפּגערעדטע סימנים האָבן די געטאָ־מענטשן געוווּסט זיכער, אַז די בריוו דערציילן אמתדיקע פאַקטן.[25]

די געטאָ־פּאָליציי האָט אויך פאַרשפּרייט פאַלשע קלאַנגען וועגן מעגלעכ־קייטן, אַז די אַרויסגעפירטע קיין עסטאָניע זאָלן קענען אַריבערגיין די סאָוויע־טישע גרענעץ און זיך אַרויסראַטעווען פון די נאַציס.[26] ס׳האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז צוויי פון די אַרויסגעפירטע איז געלונגען צוריקצוקומען צום געטאָ, און אַז זיי דערציילן, אַז די לעבנס־באַדינגונגען אין עסטאָניע זענען דערטרעגלעכע[26]

יעדנפאַלס די געטאָ־מענטשן האָבן זיך איבערצייגט אַז דערווייל ווערט מען טאַקע געפירט קיין עסטאָניע נאָר אויף אַרבעט. אין ענין עסטאָניע האָט די געטאָ־באַפעלקערונג זיך צעטיילט אין דריי גרופּן: א) די וואָס האָבן געטראַכט, אַז ס׳איז „כדאַי צו גיין קיין עסטאָניע״ און וואָס פריער איז בעסער; ב) די וואָס האָבן גע־האַלטן, אַז עסטאָניע איז אַן אָפּנאַרעריי; מען וועט אויך דאָרטן אַלעמען פאַר־ניכטן. ג) די וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף אָפּוואַרטן: מען טויט דאָרטן נישט, אָבער די אַרבעטס־באַדינגונגען וועלן שטאַרק אָפּשוואַכן די מענטשן, איז כדאַי אָפּצושטופּן אויף ווי ווייט מען קען דאָס גיין קיין עסטאָניע.[27]

די צווייטע דעפּאָרטאַציע

נאָך דער דאָזיקער „צוגרייטונגס־אַרבעט״, איז מען צוגעטראָטן דורכצופירן דעם צווייטן עטאַפּ פון די דעפּאָרטאַציעס קיין עסטאָניע. אַלע קרובים האָבן באַ־קומען פּערזענלעכע איינלאַדונגען, אַז זיי זאָלן זיך שטעלן פרייוויליק צו די זאַמל־פּונקטן. אַ טייל האָט זיך טאַקע געשטעלט פון אייגענעם ווילן, האָפנדיק, אַז זיי וועלן קענען זיך פאַראייניקן אין עסטאָניע מיט די אַרויסגעפירטע משפּחה־מיט־גלידער; אַ טייל האָט זיך אויסבאַהאַלטן. די פּאָליציי האָט זיי אָנגעהויבן זוכן אין די געטאָ־מאַלינעס און אַ טייל פון זיי איז טאַקע געפונען געוואָרן.[28] אַזעלכע אַרויספאָר־„איינלאַדונגען״ האָבן אויך באַקומען די „פרעמדע״ יידן, די וואָס

זענען במשך פון די לעצטע חדשים אָנגעקומען פון דער ווילנער פּראָווינץ.[29]

דעם 24־טן אויגוסט 1943 איז אַרויס קיין עסטאָניע דער טראַנספּאָרט פון „קרובים, פּראָווינצלער און אַרבעטסלאָזע".[30] די דעפּאָרטאַציע איז פאָרגעקומען אין אַבסאָלוטער רויִקייט. די אַרויסגעפירטע זענען געווען זיכער, אַז מען פירט זיי אויף אַרבעט.

ערשט נאָך דער דעפּאָרטאַציע האָט באַהערשט דעם געטאָ אַן אומרו; מען האָט דערשפּירט, אַז דאָס געטאָ ווערט אויסגעליידיקט פון זיינע אַרבעטס־הענט; ובכן, וואָס־זשע וועט זיין דער סוף?[31]

די געטאָ־מענטשן האָבן אָנגעהויבן שנעל זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז אַלעמען דערוואַרט עסטאָניע. אין געטאָ האָט מען אָנגעהויבן צו זינגען אַן אַקטועל ליד (מחבר ל. ראָזענטאַל), וואָס האָט גערופן זיך „איינצופּאַקן", מיטן רמז, אַז בקרוב וועלן גאָר די דייטשן אַליין זיך דאַרפן איינפּאַקן. דאָס ליד האָט זיך גערופן „פּאַק זיך איין!";[32]

פּאַק זיך איין, פּאַק זיך איין! / ס'וועט פון אונדז שוין גאָרנישט
זיין! / היינט הערסטו נאָך אַ סימפּאָניע, מאָרגן ביסטו שוין אין
עסטאָניע, / טאָ פּאַק זיך איין, פּאַק זיך איין! /

אויך וועגן די קלאַנגען בנוגע טראַנספּאָרטן קיין ריגע האָט דער קופּלעט נישט פאַרגעסן:

היינט זענען מיר נאָך היגע / מאָרגן פאָרן מיר קיין ריגע. / טאָ
פּאַק זיך איין, פּאַק זיך איין! /

אין דער זעלבער צייט זענען אָנגעקומען פון פראָנט אַלץ פריילעכערע ידיעות וועגן דייטשע מפּלות. דער געטאָ־עולם האָט זיך געלאָזט, ערב די טראַנספּאָרטן, פאַרוויגן מיט האָפענונגס־אילוזיעס וועגן דעם, אַז באַלד הייבן אָן די דייטשן „זיך צו פּאַקן":

פּאַק זיך איין, פּאַק זיך איין! / ס'וועט דער סוף בעסער זיין! /
דאָס מאָל וועט זיי נישט געלינגען / מירן זיי דאָס לידל זינגען: /
„פּאַק זיך איין, פּאַק זיך איין!" —

די פּאַרטיזאַנער האָבן געוואָרנט פאַר די „עסטאָנישע אילוזיעס" און האָבן פאַרויסגעזאָגט דעם אומקום, וואָס דערוואַרט זיי דאָרט. אָבער די מערהייט פון די געטאָ־מענטשן האָט געזען אין עסטאָניע אַ וועלכן עס איז שאַנס צו בלייבן ביים לעבן. ס'זענען אויך נישט געווען קיין שום אויסזיכטן, אַז המונים זאָלן קענען אַרויסגיין אין די וועלדער. די טויזנטער זענען געווען אומבאַוואָפנט, און נאָר אַ פּאָר הונדערט פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַט אַ ביסל געווער. דעריבער האָבן אַ סך אין געטאָ געזען דעם באַוואָפנטן קאַמף אין געטאָ גופא ווי אַן אַקט פון אַ קאָלעקטיוון זעלבסטמאָרד; און אויף דעם וואַרטן דאָך די דייטשן. טויזנטער האָבן געוואָלט

גיין אין די וועלדער. אָבער ווי אַזוי דערגייך אַהינצו, מיט מאַן, פרוי און קינדער, אַז אויף יעדן שפּאַן שטייט אַ וואַך: אַ וואַך ביים געטאָ־טויער; אַ וואַך ביי דער אַרבעטס־איינהייט. אַלע וועגן זענען באַוואַכט. יעדער פּוילישער אָדער ליטווישער יינגל, וואָס וועט דיך אָנטרעפן, קען דיך אַרויסגעבן דער געשטאַפּאָ; און אַזוי פיל יידן זענען דורך זיי שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן במשך פון די לעצטע צוויי יאָר.[33]

אויך די פּאַרטיזאַנער זענען געשטאַנען פאַר שווערע פּראָבלעמען; און די שווערסטע: ווי אַזוי פאַרלאָזט מען די משפחה? אַלעמען איז געווען באַקאַנט, אַז די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער נעמען אָן אין זייערע רייען נאָר מענטשן מיט געווער, און דאָס אויך נאָר יונגע, אָן קינדער, און אָן עלטערן. און אַ סך, וואָס זענען געווען גרייט צו דער גרעסטער מסירת נפש אין קאַמף קעגן דייטשן שונא, האָבן אָבער אין זיך נישט געהאַט דעם מוט צו לאָזן די משפּחה אויף הפקר. די געטאָ־מענטשן האָבן געזאָגט: אויב די דייטשן צעטיילן אונדז מיט געוואַלד, קען מען דערצו נישט העלפן. אָבער אַליין זיך צעשיידן? אַליין פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע און קינדער, און אפשר אויף אייביק? די אַלגעמיינע שטימונג אין געטאָ איז געווען: צוזאַמען אין ליידן, צוזאַמען אין פריידן; צוזאַמען ביים לעבן, צוזאַמען ביים טויט.[33]

אין יענע טעג האָט כתריאל ברוידאָ, דער פאָלקסדיכטער פון געטאָ, געשאַפן זיין ליד „משה האַלט זיך!".[34] משה — האָט באַדייט דער סתם־ייד פון געטאָ. דאָס ליד האָט געמוטיקט, און פאָרויסגעזאָגט, אַז „עס שלאָגט שוין באַלד די שעה די גרויסע":

משה האַלט זיך / נישט פאַרליר זיך / און געדענק: מען דאַרף אַרויס /,
משה האַלט אויס — גליטש זיך נישט אויס / געדענק: מען דאַרף אַרויס /,
משה האַלט זיך, האַלט זיך משה / עס איז נישט ווייט / עס שלאָגט
שוין באַלד די שעה די גרויסע / — —

אַ פּאָר טעג נאָך דער „צווייטער דעפּאָרטאַציע" האָבן זיך אין געטאָ פאַר־שפּרייט קלאַנגען, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועלן ווידער זיין טראַנספּאָרטן.[35] דעם 30־טן אויגוסט זאָגט יעקב גענס אין זיין רעדע צום געטאָ־עולם, אַז אויב ס'וועלן ווידער פאָרקומען טראַנספּאָרטן „צום צפון", וועט מען פון געטאָ אַרויסנעמען נאָר מענטשן, וואָס זייער אַרבעט איז שוין מער נישט נויטיק פאַרן געטאָ.[36] דאָס לעבן איז דערווייל געפלאָסן נאָרמאַל: טעאַטער־פאָרשטעלונגען, פאַרזאַמלונגען. די דאָקטוירים האָבן איינגעאָרדנט זייער אַכצנטע לעבעדיקע צייטונג „פאָלקס־גע־זונט", דאַן ווען ס'איז שוין געווען אַלעמען באַקאַנט, אַז דער געטאָ שטייט פאַר זיין אַבסאָלוטער ליקווידאַציע. אויף דעם „פאָלקסגעזונט" האָט ד"ר עמנואל עפּ־שטיין פאָרגעלעזן זיין אָפּטימיסטישן פעליעטאָן: „די האָפענונגס־שטראַלן".[37]

דער באַריכט אין רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט

דער קאָמענדאַנט פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי און ס. ד. אין ליטע האָט דעם ערשטן סעפּטעמבער 1943 איבערגעשיקט אַ באַריכט דעם ר. ז. ה. א. (רייכס־זיכערהייטסהויפּטאַמט) אין בערלין וועגן דעם מצב אין ליטע במשך אויגוסט 1943. צווישן אַנדערן ווערט דאָרט איבערגעגעבן וועגן ווילנע:[38]

...בכדי דער פּאַנישער מצב ביי די יידן זאָל נישט דערגיין צו זיין העכסטער מדרגה — וואָס עס קען זיי דערפירן צו אַ ווידערשטאַנד, און איבערהויפּט צו אַ מאַסן־אַנטלויפן — איז אָפּגעמאַכט געוואָרן מיטן ס. ס.־ווירטשאַפטספירער ביי דעם העכערן פירער פון ס. ס. און פּאָליציי, אַז ראשית כל דאַרף מען אַרויספירן די יידן פון ווילנע. צוויי טראַנספּאָרטן זענען שוין אַרויסגעפירט געוואָרן אין די ערטער ווו מען שפּאָלט פעלדזן. אַנדערע טראַנספּאָרטן וועלן זיך אָנהויבן אָנפאַנג סעפּטעמבער...

די געפלאַנטע מאָסמיטלען זענען שוין אַ צייט באַקאַנט געווען די יידן. דאָס האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ פּאַנישע שטימונג, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן אויסגעשאָסן ווערן. דעריבער האָבן אין ווילנע גע־פּרוווט אייניקע יידן צו אַנטלויפן; אַ טייל פון זיי מיט די משפּחות זענען אויסגעשאָסן געוואָרן; די מערהייט איז געכאַפּט געוואָרן. אַנדערע האָבן זיך צוריקגעקערט פון אייגענעם ווילן. טראָץ דעם איז געלונגען 30—40 יידן צו אַנטלויפן...

די דריטע דעפּאָרטאַציע

די דריטע דעפּאָרטאַציע קיין עסטאָניע האָט זיך אונטערשיידט פון דער ערשטער דערמיט, וואָס זי איז פאָרגעקומען אַלס כאַפּעניש און אַרויספיר בגוואַלד, נישט פון אויסערן געטאָ, נאָר פון געטאָ גופא; זי האָט זיך אונטערשיידט פון דער צווייטער דערמיט, וואָס זי איז געווען באַגלייט מיט טעראָר־מעשים, ווי אויפרייסן באַהעלטענישן און גאַנצע בנינים מיט זייערע מענטשן צוזאַמען.

די צאָל אַרויסגעפירטע בשעת די ערשטע צוויי דעפּאָרטאַציעס איז ווייט נישט געווען גענוגנדיק פאַר די דייטשע אינטערעסן; איצט האָבן זיי באַשלאָסן דורכצופירן אַ דעפּאָרטאַציע פון מערערע טויזנטער יידן.

דעם 1טן סעפּטעמבער 1943, פאַרטאָג, האָבן פּלוצעם אַרומגערינגלט דאָס געטאָ מונדירטע דייטשן און עסטאָניער, און זיי האָבן אָנגעהויבן כאַפּן מענטשן אויף די געטאָ־גאַסן. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז זיי פאָדערן 10.000—15.000 מענטשן קיין עסטאָניע.[38] מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן אין די מאַ־לינעס, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אויפרייסן די מאַלינעס, אַרויסנעמען פון זיי די באַהאַלטענע און פירן גלייך צום באַן. ס'זענען אויך געווען קלאַנגען, אַז איצט

הויבט זיך אָן די טאָטאַלע ליקווידאַציע פון געטאָ, און אַז די מענטשן וועלן שוין מער נישט געפירט ווערן אויף אַרבעט, נאָר צום טויט.[39]

די חברים פון פ.פ.אָ. האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אויף סטראַשון־גאַס 6. די פאָדערשטע פּאָזיציע איז געווען די באַריקאַדע פון סטראַשון 12; בראש פון דער דאָזיקער באַריקאַדע איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן יחיאל שיינבוים, (דער ראש פון דער צווייטער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך צו יענער צייט שוין געהאַט פאַראייניקט מיט פ.פ.אָ.); דער צווייטער באַטאַליאָן פון פ.פ.אָ. האָט זיך געפונען אויף סטראַשון 7 (וואָס איז געווען אַ דורכגאַנגס־הויף צווישן שפּיטאָל־גאַס און סטראַשון־גאַס). בראש פון אים איז געשטאַנען צבי (גרישע) צעפּעלעוויטש.[40]

„דער טאָג פון יחיאל שיינבוים"

די באַריקאַדע אויף סטראַשון 12 [41] האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג פון דער פ.פ.אָ.־קאָמענדע צו עפענען אַ פייער ווי נאָר ס'וועט זיך דערנענטערן צו דער באַריקאַדע אַ באַוואָפנטע דייטשע אָפּטיילונג. די פאַרטיזאַנערינס האָבן צוגעגרייט קאָכעדיק וואַסער, בכדי עס צו גיסן פון די פענצטער אויף די פּנימער פון די ס.ס.־לייט וואָס וועלן זיך דערנענטערן. דער דאָזיקער פּרימיטיווער וואָפן האָט גע־דאַרפט פאַרטרעטן דעם ממשותדיקן געווער, וואָס איז געווען זייער באַגרענעצט; ס'זענען צונויפגעבראַכט געוואָרן קופּעס שטיינער, שטיקער אייזן, שטעקנס, „מאָ־לאָטאָוו"־פלעשער און העק.

ווען יחיאל שיינבוים [41] האָט דערזען, אַז די דייטשן דערנענטערן זיך, האָט ער אָנגעהויבן צו שיסן און אַרויסגעוואָרפן אויף זיי אַ גראַנאַט דורכן פענצטער. די דייטשן האָבן געעפנט אַ שטאַרק פייער. אַ קויל האָט געטראָפן שיינבוימען און ער איז געפאַלן טויט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן די דייטשן אויפגעריסן דעם גאַנצן בנין און צענדליקער קעמפער זענען באַגראָבן געוואָרן אונטער די חורבות. צו די ווייטערדיקע באַריקאַדן פון סטראַשון־גאַס זענען שוין די דייטשן מער נישט געגאַנגען, נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן אויפרייסן הייזער און אַרויסנעמען די באַהאַלטענע צום טראַנספּאָרט.[42]

אלחנן מגיד פאַרנעמט דאָס אָרט פון שיינבוימען אין דער קאַמפּס־גרופּע „יחיאל".

יעקב גענס, בראש מיט אַ גרופּע פּאָליציסטן, לויפן אַריין אין געטאָ־שפּיטאָל, באַפעלן די דאָקטוירים זיך צונויפזאַמלען אין שפּיטאָל־הויף, רינגלען זיי אַרום, און אונטער רעוואָלווערן ווערן זיי אַרויסגעפירט צום געטאָ־טויער און פון דאָרט — צום טראַנספּאָרט קיין עסטאָניע.[42א]

יענער טאָג איז שפּעטער אָנגערופן געוואָרן אין געטאָ ווילנע און אין די עסטאָנישע קאַצעטן: „דער טאָג פון יחיאל שיינבוים".

דער צווייטער באַטאַליאָן פון פ.פ.א. ווערט אַרויסגעפירט קיין עסטאָניע

דער „צווייטער באַטאַליאָן" איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך באַוואָפנטע דייטשן נאָך איידער מען האָט באַוויזן אים ברענגען דאָס געווער, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אין איניקע געווער־באַהעלטענישן, צעשאָטענע איבער פאַרשיידענע געטאָ־מאַלינעס. די מענטשן זענען געווען אָן געווער, האָבנדיק נאָר איניקע מאַלאָטאָוו־פלעשער. די דייטשע כוחות באַזיגן זיי נאָך אַ קורצן ווידערשטאַנד און פירן זיי אַרויס צום טויער פון געטאָ און פון דאָרט צו דער באַן קיין עסטאָניע.[43]

אַרויסגעפירט אַן ערך זיבן טויזנט מאַן

די פ.פ.א.־קאָמענדע לאָזט אַרויס אַ רוף צו דער געטאָ־באַפעלקערונג, אַז זי זאָל שטעלן אַ ווידערשטאַנד.[44] דער רוף ווערט צעקלעפּט אויף די געטאָ־ווענט, אָבער די מערהייט געטאָ־איינוווינער באַווייזט אפילו נישט צו לייענען אים. ווי נאָר די דייטשן באַווייזן זיך, צעלויפט זיך דאָס געטאָ אין די מאַלינעס. מען האָט דאָך שוין געוווּסט פון דער געטאָ־פּראַקטיק, אַז דער וואָס ראַטעוועט זיך אין אַ מאַלינע בלייבט לעבן ביז אַ צווייטער אַקציע. די עסטאָניער האָבן דערווייל געכאַפּט אויף די גאַסן וועמען ס'האָט זיך געלאָזט; זיי איז אָבער געלונגען צו כאַפּן קוים עטלעכע הונדערט מאַן.[44]

דאָס פאַלן פון יחיאל שיינבוים מיט זיינע חברים און דאָס אַרויספירן דעם צווייטן באַטאַליאָן — איז אַ ווענדפּונקט פאַר דער אונטערערדישער באַוועגונג אין געטאָ. עס שטאַרקט זיך אין איר די מיינונג, אַז אויב זי וועט פּראַקלאַמירן אַ קאַמף אין געטאָ גופא, אַלס ווידערשטאַנד קעגן די טראַנספּאָרטן קיין עסטאָניע — וועלן זיך דערצו נישט אָנשליסן די געטאָ־מאַסן: ראשית כל האָבן זיי דאָך נישט קיין געווער. צווייטנס, זענען זיי איבערצייגט געוואָרן פון די בריוו, אַז די דייטשן האָבן אויפגעהערט שיקן צום טויט. הייסט עס, אַז דער סתם געטאָ־מענטש שטייט איצט פאַר דער דילעמע: גיין מיט די טראַנספּאָרטן אָדער אָנשליסן זיך, אָן געווער, צום פּאַרטיזאַנער־קאַמף. דער סתם־ייד האָט געזען אין דעם טראַנספּאָרט קיין עסטאָניע אַ שאַנס צו בלייבן לעבן. אינעם קאַמף אָן געווער — נאָר טויט.

קיין אויפשטאַנד ברעכט נישט אויס. די אַרויסגעפירטע מענטשן ווערן קאָנצענטרירט אויפן פּלאַץ ראָסאַ, און פון דאָרט פירן די באַנען זיי אַוועק קיין עסטאָניע.

די דעפּאָרטאַציעס ציען זיך 4 טעג און זיי ווערן אָנגערופן: „די פירטאָגיקע אַקציע״. במשך די ערשטע דריי טעג זענען אַרויסגעפירט געוואָרן בעיקר מענער; נאָך דעם האָבן זיך פרויען געמאָלדן אין דער געטאָ־פּאָליציי, אַז זיי ווילן פרייוויליק פאָרן צו זייערע מענער אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.[45] דעם 4־טן סעפּטעמבער גייט אַרויס דער טראַנספּאָרט פון די „פרייוויליקע פרויען״, בערך 2.000 פרויען מיט קינדער.[45] זיי ווערן אַרויסגעפירט לויט אַ סדר, וואָס רופט אַרויס אַ פּאַניק אין געטאָ.[46] סך הכל ווערן במשך פון די 4 טעג אַרויסגעפירט אַן ערך 7.000 מאַן.[47] לויט די „געטאָ־ ידיעות״ זענען דאַן איבערגעבליבן אין געטאָ אַן ערך 10.200.[48]

די בלאָקן אויסערן געטאָ

נאָך דער דאָזיקער אַקציע איז דאָס געטאָ געוואָרן „געשלאָסן״. מער האָט מען שוין נישט געפירט קיין מענטשן אויף אַרבעט אויסערן געטאָ. איצט האָבן די דייטשן דורכגעפירט אַ מין „קאַזערנירונג״ ד״ה צעשניידן דאָס געטאָ: ס׳זענען פון אים אַרויסגענומען געוואָרן עטלעכע טויזנט יידן, און מען האָט זיי „קאַזערנירט״ אין געשלאָסענע בלאָקן אויף זייערע אַרבעטס־פּלעצער אויסערן געטאָ.

אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אַ סיטואַציע, אַז עס האָבן יענע טעג גלייכצייטיק עקזיסטירט: 1) דאָס געשלאָסענע ווילנער געטאָ, אַן וועלכע עס איז אַרבעטער און איינהייטן אויסערן געטאָ; 2) 4 צענטערן פון יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געפונען אויסערן געטאָ אין מיטן פון דער שטאָט ווילנע:[49] א) „קיילים״־בלאָק — אין אים בערך 1.200 מאַן, ב) „ה. ק. פּ.״־בלאָק, וועלכער האָט געציילט אַן ערך 800 מאַן; ג) מיליטערישער שפּיטאָל מיט 70 יידישע אַרבעטער; ד) אַ גרופּע יידן, וועלכע האָבן אויסגעפּילט כל מיני פיזישע שוואַרצע אַרבעטן פאַר געשטאַפּאָ.

אָפּנאַרעריי־שיטה פון דער דייטשער מאַכט

נאָך דער דריטער דעפּאָרטאַציע־אַקציע האָבן די דייטשן אָנגעהויבן גרייטן די לעצטע אַקציע — די ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ — דורך עוואַקואַציע. זיי האָבן זיך ווידער באַנוצט מיט אַן אָפּנאַרעריי־שיטה, בכדי צו פאַרשלעפּערן די אויפמערקזאַמקייט פון די געטאָ־מענטשן. קיטעל האָט גערופן די געטאָ־פּאָליציי און איר געמאָלדן, אַז „פון איצט אָן וועט הערשן רו במשך פון זעקס חדשים״ (3.9.1943).[50] דער געטאָ־קאָמענדאַנט יעקב גענס האָט פאַרעפנטלעכט דעם 5־טן סעפּטעמבער נייע פאַראָרדענונגען, וועלכע זענען אויסגעהאַנגען געוואָרן אויף

די געטאָ־ווענט, ווו עס איז געווען געזאָגט אַז אין געטאָ וועט איצט אײַנגעשטעלט ווערן אַ רויִק לעבן מיט נאָרמאַלער אַרבעט; פון איצט אָן וועלן אַלע ייִדן אַרבעטן נאָר אין די געטאָ־וואַרשטאַטן.[51] דעם 6טן סעפּטעמבער האָט גענס געמאָלדן, אַז „די געטאָ־פּראָדוקציע ווערט פאַרגרעסערט”, עס זענען אַרײַנגעפירט געוואָרן נײַע 2.000 אַרבעטער אין איר, אַז דער געטאָ־טעכניקום וועט פאָרזעצן זײַן אַרבעט, אַז פון אויסערן געטאָ זענען אָנגעקומען באַשטעלונגען אויף ווײַטערע אַרבעטן, און אַז „די ענגשאַפט אין די דירות איז איצט געוואָרן קלענער”.[52] דעם 6־טן סעפּטעמבער איז געקומען אין געטאָ אַ קאָמיסיע פון דער „אָטע”־אָרגאַניזאַציע, בכדי צו באַהאַנדלען דאָס עפענען אין געטאָ אַ פאַבריק פון טאָל.[53]

דאָס געמיט פון געטאָ האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט. די געטאָ־לײַט האָבן באַשלאָסן צו בלײַבן אין געטאָ, אַרבעטן בײַ אַלע באַדינגונגען און גלײַכצײַטיק זײַן גרייט אַרויסגעפירט צו ווערן קיין עסטאָניע, אויב ס׳וועט נישט זײַן קיין אַנדער אויסוועג. די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אָנגעהערט צו דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע „יחיאל”, האָבן פאָרגעזעצט דאָס גיין אין וואַלד. נאָכן טויט פון יחיאל שײַנבוים זענען פון איר אַרויס 3 גרופּן אין וואַלד, דעם 11טן, דעם 13טן און דעם 15טן סעפּטעמבער. זיי האָבן אויפגעשטעלט די ערשטע פּאַרטיזאַנער־באַזע אין רודניצקער פּושטשע. פון דער פ.פ.אָ. זענען ביזן 14טן סעפּטעמבער 1943 אַרויס 5 גרופּעס אין דער נאַראָטשער פּושטשע.[54]

גענס דערמאָרדעט

דעם 14טן סעפּטעמבער 1943 לעבט דאָס געטאָ איבער אַן אומדערוואַרטן שאָק: יעקב גענס און זײַן פאַרטרעטער סאַלעק דעסלער זענען אַרויסגערופן געוואָרן אין געסטאַפּאָ; ס׳האָט זיך צוריקגעקערט נאָר דעסלער, וועלכער האָט דערציילט, אַז גענס איז אַרעסטירט; אין אָוונט האָט מען זיך דערוווּסט, אַז גענס איז דערשאָסן געוואָרן.[55] אין געטאָ האָט מען איצט פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען געבליבן אָן דעם, וואָס אַ סך האָבן אים געהאַלטן פאַרן שיצער פון געטאָ. דעסלער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס געטאָ־קאָמענדאַנט. אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דעסלער איז אַנטלאָפן פון געטאָ צוזאַמען מיט זײַן פרוי און מיט נאָך אַ גרופּע געטאָ־מענטשן.[56] נאָך זײַן אַנטלויפן קלײַבט אויס די געטאָ־פּאָליציי אַלס געטאָ־קאָמענדאַנט דעם קאָוונער ייִד ברוך (בעניע) בעניאַקאָנסקי, אײנער פון די אָנפירער פון די געטאָ־וואַרשטאַטן. די דײַטשן באַמיען זיך אויף מאָרגן צו באַרויִקן די געמיטער דורך מעלדונגען וועגן נײַע וואַרשטאַטן און נײַע באַשטעלונגען.[57] בײַ די איצטיקע באַדינגונגען איז דער געטאָ־באַפעלקערונג פאַרבליבן בעת אַן אַקציע, נאָר צו לויפן אין די מאַלינעס; און אויב ס׳וועט נישט העלפן — גיין צו די טראַנספּאָרטן.

די פערטע דעפּאָרטאַציע: ליקווידאַציע פון געטאָ

דעם 23־טן סעפּטעמבער, פינף פּאַרטאָג, ווערט דאָס געטאָ ווידער אַרומגע־רינגלט מיט באַוואָפנטע דייטשע קרעפטן. קיטעל מעלדעט פון באַלקאָן פון יודנ־ראַט, אַז איצט וועט דער געטאָ אינגאַנצן ווערן ליקווידירט; אַ טייל פון די איינ־וווינער וועט געשיקט ווערן ווייוואַראַ, און אַ טייל קיין לאַטוויע; אין ווילנע וועלן נאָר איבערבלייבן די יידישע אַרבעטער, וואָס וווינען אין די בלאָקן אויסערן געטאָ.[58]

אַכט פרי קומען אָן די פאַרשטייער פון געביטס־קאָמיסאַריאַט בכדי אָפּצו־נעמען ביים יודענראַט די געטאָ־קאַסע, די וואַרשטאַטן און דעם גאַנצן רכוש.[59] מיטאָגצייט רייסן זיך אַריין די אוקראַינער מיט זייערע ווילדע געשרייען.[60] די אוקראַינער וואַרפן זיך מיט אַכזריות אויפן געטאָ־שפּיטאָל, אויפן יתומים־הויז און אויפן קינדער־אינטערנאַט. מיט קלעפּ און זידלערייען וואַרפן זיי אַריין די קראַנקע און די קינדער אין אויטאָ־מאַשינען, וועלכע פירן זיי אַרויס פון געטאָ,[61] און דאַן הויבן זיי אָן רויבן דאָס געטאָ.[62]

פרייטיק, דעם 24סטן סעפּטעמבער, פירט מען אַרויס די געטאָ־פּאָליציסטן מיט זייערע משפחות אויפן פלאַץ ראָסאָ.[63] די פּאַרטיזאַנער גייען אַרויס דורך אַ קאַנאַל צו די וועלדער פון דער אומגעגנט.[64]

אַלע וואָס ווערן אַרויסגעפירט אויף ראָסאָ, ווערן דאָרט קאָנצענטרירט אויף דריי טעג און דריי נעכט. עס קומט פאָר אַ סעלעקציע: קינדער, זקנים און שוואַכע — ווערן אָפּגעטיילט אָן אַ זייט, און ווערן אַרויסגעפירט אין אַן אומבאַ־קאַנטער ריכטונג; אויפן פלאַץ ווערן אויפגעהאָנגען 4 פון געטאָ־אונטערערד, אַברהם כוואָיניק, יעקב קאַפּלאַן, אַסיאַ ביק און גרישע לעווין. דער ציל פון דער עפנטלעכער תליה איז אָנצווואַרפן שרעק אויף די אַלע צונויפגעזאַמלטע און זיי צו לערנען, וואָס וועט זיין זייער גורל פאַרן נישט פאָלגן די דייטשע באַפעלן.[65]

די דאָזיקע דעפּאָרטאַציע האָט געדויערט פון 23סטן ביזן 26סטן סעפּטעמבער.

דער אָפיציעלער באַריכט וועגן דער געטאָ־ליקווידאַציע

דאָס ווילנער געטאָ האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. ס׳זענען איבערגעבליבן אין געטאָ נאָר די, וואָס זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין די „בלאָקן״ אויסערן געטאָ.[66] די דייטשע פּאָליציי און די ס. ס. זעצן פאָר מיטן אויפדעקן מאַלינעס.[67] געוועזן אָבער מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן חדשים־לאַנג אין די מאַ־לינעס און אין פאַרשיידענע באַהעלטענישן אויסערן געטאָ, ווי אויך אין די אונ־טערערדישע קאַנאַלן, און זיי האָבן דערלעבט דעם טאָג, ווען ווילנע איז באַפרייט געוואָרן דורך די סאָוויעטן.[68] דאַן זענען זיי אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן.

אין דעם אָפיציעלן באַריכט קיין בערלין, אָקטאָבער 1943, וועגן דער ליקווי־

דאַציע פון ווילנער געטאָ,[69] געפינען זיך אָפּקלאַנגען פון יידישן ווידערשטאַנד אין געטאָ:

„...אין דער יידישער פראַגע איז צו פאַרצייכענען נאָר די נייעס, אַז דאָס איינאָרדענען די עקספּלואַטאַציע פון די יידן דורך אַרבעט — איז אַריבער צום ווירטשאַפטלער ביים העכערן פירער פון ס. ס. און געשטאַפּאָ. נעמענ־דיק אין אַכט די גרויסע נויטוועגדיקייט אין אַרבעטס־קרעפטן פאַר די ערטער וווּ מען שפּאַלט פעלדזן, און צוליב די ספּעציעלע שוועריקייטן פון ווילנער געטאָ, איז דאָס געטאָ לחלוטין עוואַקויִרט געוואָרן. דאָ האָט מען געדאַרפט מיט כוח דערשטיקן אַן ערנסטן יידישן ווידערשטאַנד.[70] בשעת דער לעצטער אַקציע האָט אונדזער אַנשטאַלט געהאַט פאַרלוסטן. איין אונטערפירער איז דערהרגעט געוואָרן און דער צווייטער פאַרוואונדעט...”

די דעפּאָרטאַציע פון קאָוונער געטאָ

דעם 24סטן יוני 1941 איז קאָוונע אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן. אין זעלבן חודש איז פאָרגעקומען אַ גרויסע שחיטה פון יידן אין קאָוונער פאָרשטאָט סלאָבאָדקע. די אָרגאַניזאַטאָרן פון פּאָגראָם זענען געווען די ליטווישע „פּאַרטי־זאַנער” (ד״ה די וואָס זענען געווען די קעגנער פון סאָוויעטישן רעזשים). ס׳זענען געווען 800 קרבנות.[71] במשך פון דער ערשטער וואָך זענען אַן ערך 10.000 יידן אַרויסגעפירט געוואָרן צום נייגטן פאָרט ביי קאָוונע; 6.000 צווישן זיי זענען דער־מאָרדעט און באַגראָבן געוואָרן אין גרויסע ערד־גריבער, וואָס זענען צוגעגרייט געוואָרן דורך די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. די מאָרד־מעשים האָבן אויסגע־פירט לכתחילה בעיקר נאָר די ליטווינער.[72] אויך שפּעטער האָבן די ליטווישע „פּאַרטיזאַנער” ווייטער פאָרגעזעצט מאָרד־אַקטן לויט די אינסטרוקציעס פון דער איינזאַצקאָמאַנדאָ 3.[73] דעם 4־טן אָקטאָבער 1941 איז ליקווידירט געוואָרן דאָס קליינע געטאָ פון קאָוונע; דעם 28־טן אָקטאָבער איז פאָרגעקומען די גרויסע קאָוונער אַקציע אין וועלכער ס׳זענען אומגעקומען מער ווי 9.000 מאַן. אין געטאָ זענען איבערגעבליבן 12.400 מאַן. דערמיט האָט זיך געענדיקט די תקופה פון די אַקציעס און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די „סטאַביליזאַציע־תקופה”, וואָס האָט גע־דויערט אַן ערך צוויי יאָר. אָפיציעל זענען אין ליטע מער נישט געווען קיין סתם יידן, נאָר אויסשליסלעך „אַרבעטס־יידן”.[74]

די תקופה פון דער בהדרגהדיקער ליקווידאַציע

אין חודש מערץ 1943 מעלדעט מילער, דער באַפולמעכטיקטער פון געביטס־קאָמיסאַריאַט איבער די ענינים פון קאָוונער געטאָ, אַז בקרוב דאַרפן אַריינגע־בראַכט ווערן אין געטאָ אַן ערך 5.000 מאַן פון אויסערן געטאָ. די פאָרגעקומענע

אַקציע „קאָוונע־פּאָנאַר״, האָבן די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען שפּעטער דערקלערט דערמיט, וואָס געשטאַפּאָ האָט בשום אופן נישט מסכים געווען, אַז יענע יידן זאָלן אַריינגעבראַכט ווערן אין קאָוונער געטאָ צוליב די ידיעות, וואָס זענען דערגאַנ־גען, אַז זיי האָבן קאָנטאַקטן מיט פּאַרטיזאַנער. אָנהויב מאַי 1943 זענען אין געטאָ־קאָוונע אַריינגעבראַכט געוואָרן אַן ערך 500 יידן פון אַרבעטס־לאַגער זשעזמאַר (אַ קליין שטעטל, 50 ק״מ פון קאָוונע).

האַרבסט 1943, איז קלאָר געוואָרן די יידן אין געטאָ־קאָוונע, אַז די תקופה פון „רו״ דערנענטערט זיך צום סוף. עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ נייע תקופה, וואָס די געטאָ־איינוווינער האָבן זי אָנגערופן די „תקופה פון געקע״, (אויפן נאָמען פון אָבערשטורמבאַנפירער ווילהעלם געקע, וואָס איז אַראָפּגעקומען סעפּטעמבער 1943 קיין קאָוונע און געוואָרן דער באַלעבאָס זיינער). דאָס איז די תקופה פון דער בהדרגהדיקער ליקווידאַציע פון קאָוונער געטאָ. געקע האָט אָנגעהויבן אַריבערצופירן דאָס קאָוונער געטאָ פונעם רשות פון דייטשן שטאַטס־קאָמיסאַריאַט (וואָס איז געווען אין די ראַמען פון דער ציווילער אָקופּאַציע־מאַכט) — צום רשות פון ס.ס., און נעמלעך: אין דער אָפּטיילונג, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין די אָקופּירטע געביטן.

במשך פון די נאָענטסטע חדשים זענען פאָרגעקומען אין געטאָ־קאָוונע פאָל־גנדיקע שינויים:

א) עס האָט אויפגעהערט צו זיין אַ געטאָ לויטן אָנגענומענעם טערמין און זינט דעם 15טן סעפּטעמבער 1943 איז עס דערקלערט געוואָרן אַלס „קאָנצענטראַ־ציאָנס־לאַגער קאָוונע״.[75]

ב) עס איז אַריבער פונעם רשות פון שטאַטס־קאָמיסאַריאַט אין רשות פון ס. ס.

ג) דאָס געטאָ איז צעשניטן געוואָרן אויף טיילן דורך דער א. ג. „קאַזערני־רונג״, ד״ה די געטאָ־מענטשן זענען געצוווּנגען געוואָרן צו וווינען נאָר אויף די אַרבעטס־פּלעצער גופא: מענער באַזונדער, פרויען און קינדער באַזונדער.

אינעם פאַרקלענערונגס־פּלאַן פון געטאָ־קאָוונע איז אויך געווען פאָרויסגע־זען אַ דעפּאָרטאַציע פון אייניקע טויזנט געטאָ־מענטשן אין די לאַגערן פון עס־טאָניע.[76] די דאָזיקע פאַרשיקונג איז דורכגעפירט געוואָרן אין קאָוונע לויט דער כאַראַקטעריסטישער נאַצישער שיטה פון אָפּנאַרן און פאַרפירן.[77]

סוף סעפּטעמבער, אָדער אָנפאַנג אָקטאָבער 1943, האָט געקע געמאָלדן דעם עלטעסטן־ראַט פון קאָוונער געטאָ, אַז ער פּראָיעקטירט אויפצושטעלן אַן אַרבעטס־לאַגער אין אַזאַרציאַיי, נישט ווייט פון דעם שטעטל זאַפּישקיס, וואָס געפינט זיך 30 ק״מ פון קאָוונע. ער האָט געבעטן צוגרייטן אים אַ רשימה פון 3.500

מאַן. אין דער רשימה האָבן געדאַרפט זיין גאַנצע משפחות, און צווישן זיי מענטשן, וואָס זאָלן קענען באַדינען דעם נייעם לאַגער, ווי דאָקטוירים, אַפּטייקערס, שוועס־טער, בעלי־מלאכות, אַנגעשטעלטע אאַז"וו. דער „עלטעסטענראַט" האָט נאָמי־נירט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס האָט צוגעגרייט די רשימה, און זי איז איבער־געגעבן געוואָרן דעם 25־טן אָקטאָבער, לויט דער פאָדערונג פון געקע. אין זעלבן אָוונט זענען אָנגעקומען אין געטאָ ידיעות וועגן אַ סך לײדיקע לאַסט־וואָ־גאָנען, וואָס געפינען זיך נישט ווייט פון פלי־פּלאַץ אַלעקסאָט; די ידיעה וועגן די פּוסטע וואַגאָנען, און נאָך מער וועגן דעם, אַז זייערע פענצטער זענען פאַרקראַ־טעוועט מיט שטעכל־דראָט, האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די דעפּאָרטאַציע איז געצילט צו אַ ווייטער אָרטשאַפט, און ס'האָט אַרויסגערופן אַ חשד, אַז אפשר שטייט מען ערב אַ ברייטער אַקציע פון דעפּאָרטאַציעס, און אַז די רשימות צו דער נאָענטער אַזאַרציאַיי זענען נאָר אַ פאַרפירנדיק באַרויִקונגס־מיטל.

די „עסטאָנישע אַקציע"

דעם 26־טן אָקטאָבער 1943, 5 פאַרטאָג, איז אין געטאָ־קאָוונע אַריין אַ לאַנגע שורה פון לאַסט־אויטאָס, אין דער באַגלייטונג פון געקע, ווי אויך דייטשע פּאָלי־ציסטן און מערער אוקראַינער, וואָס די געטאָ־מענטשן האָבן זיי אָנגערופן „וולאַסאָווצעס". ס'איז אַרויסגעלייגט געוואָרן אויף דער געטאָ־פּאָליציי אַרויסצו־נעמען פון די דירות 3.500 מענטשן, לויט ליסטעס, און זיי ברענגען צו די אויטאָס ביז אָוונט. אַ פאַרשטייער פון געשטאַפּאָ האָט אויך געמאָלדן, אַז אויב אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די אַרבעט וועט נישט אויסגעפירט אין דער געפאָדערטער שנעלקייט, וועלן די יידן אַרויסגעפירט ווערן דורך די דייטשן און אוקראַינער — שוין „אָן איידלקייט".

היות דאָס צונויפזאַמלען די מענטשן איז נישט געגאַנגען לויט דער „גע־וווּנטשענער שנעלקייט", האָבן די דייטשע און אוקראַינישע פּאָליציסטן איבערגע־נומען דעם ענין אין זייערע הענט גופא. זיי זענען באַפאַלן מיט אַכזריות די געטאָ־איינוווינער און געכאַפּט יעדן וואָס האָט זיך נאָר געמאַכט אונטער זייערע הענט. מען האָט נישט דערלויבט די געכאַפּטע מיטצונעמען מיט זיך וואָס עס איז. ווען די אוקראַינער האָבן זיך אַריינגעריסן אין די הייזער האָבן זיי צוגערויבט געלט, זייגערס און אַנדערע חפצים, ווי אויך געשלאָגן מיט ביקסן און בייטשן. דאָס וויל־דעווען האָט געדויערט ביז אָוונט; קרוב 3.000 מאַן זענען אַרויפגעבראַכט געוואָרן אויף די אויטאָס און אַרויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ.

ביינאַכט האָבן די וואַגאָנען פאַרלאָזן קאָוונע און אַוועקגעפאָרן אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג ווי אַזאַרציאַיי. די געטאָ־מענטשן זענען אייניקע טעג געבליבן אָן קיין שום ידיעות ווו אַהין די מענטשן זענען אַוועקגעפירט געוואָרן. אין געטאָ

האָט מען געמיינט, אַז ס׳זענען אַרויסגעפירט געוואָרן נאָר 2.800 מאַן.[78] די קינדער און די זקנים זענען אָפּגעטיילט געוואָרן פון דער מאַסע אַרויסגעפירטע און זענען אַריינגעבראַכט געוואָרן אין ספּעציעלע וואַגאָנען. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גע־פערלעכע פּאַניק צווישן אַלע איבעריקע אַרויסגעפירטע יידן. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ שטאַרקער חשד, אַז די דייטשן וועלן לויט זייער מנהג אַרויספירן די קינדער און זקנים אויף פאַרניכטונג. אַ סך עלטערן האָבן זיך בשום אופן נישט געלאָזט אָפּטיילן פון זייערע קינדער. די דייטשן האָבן דורכגעפירט די צעשיידונג מיט גוואַלט. ליטווינער, וואָס וווינען אין דער נאָענט, ווי אויך די אַרויסגעפירטע קיין עסטאָניע, האָבן שפּעטער דערציילט, אַז האַרצרייסנדיקע געשרייען האָבן זיך גע־טראָגן אויפן זאַמלפּלאַץ בשעת דער דאָזיקער „אַקציע פון קינדער און זקנים״.[79]

די אַרויסגעפירטע האָבן לגמרי נישט געהאַט קיין אַנונג ווו אַהין מען פירט זיי. וועלנדיק איבערלאָזן סימנים פון זייער רייזע, האָבן זיי געוואָרפן צעטעלעך דורך די וואַגאָן־פענצטער, ווען זיי זענען דורכגעפאָרן די סטאַציעס יאַנאָווע, קיידאַן און שאַוול. קריסטן האָבן די צעטעלעך געפונען און געבראַכט זיי אין קאָוונער געטאָ.[80] אַזוי אַרום האָט מען אָנגעהויבן צו לערנען ווו אַהין מען האָט זיי געפירט. אַזעלכע צעטעלעך זענען טאַקע אָנגעקומען אין שאַוולער געטאָ, און מען האָט זיך דאָרט דערוווּסט וועגן דער דעפּאָרטאַציע, ווי אויך וועגן דער דורכגעפירטער איבערגוואַלד צעטיילונג צווישן מענער און זייערע פרויען און קינדער.[81]

פּאַרטיזאַנער גייען פון געטאָ־קאָוונע אין די וועלדער נאָך דער „אַקציע עסטאָניע״

די „אַקציע עסטאָניע״ האָט איבערגעלאָזט אַ שווער געמיט און אַ יאוש־שטימונג אין געטאָ־קאָוונע. אַלע האָבן איצט געוואַרט אויף ווייטערע אויפטרייס־לונגען; דעם 5־טן נאָוועמבער איז אין שאַוול פאָרגעקומען אַ גרויסע „זקנים און קינדער־אַקציע״, און 800 מאַן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט.[82] די קאָוונער געטאָ־באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן אויסצובאַהאַלטן די קינדער ביי נישט־יידישע משפחות.[83]

דעם 30־טן נאָוועמבער איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער קאַזערנירונגס־אַקט פון געטאָ־קאָוונע; 1.000 מאַן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ אויף סטאַבילער אַרבעט און וווינונג אין אַלעקסאָט; דעם 16־טן דעצעמבער 1943 זענען 900 מאַן אַרויסגעפירט געוואָרן קיין שאַנץ; נאָכדעם זענען מענטשן ווידער געפירט געוואָרן אין אַנדערע מקומות: פּאַלעמאָן, קיידאַן, קאָשידאַר.[84]

אין קאָוונער געטאָ האָבן שוין דאַן עקזיסטירט אייניקע אונטערערדישע גרופּן, ציוניסטישע און קאָמוניסטישע, וועלכע זענען שוין געווען אויפן וועג פון צוזאַמענשמעלצן זיך.[85] די אונטערערדישע באַוועגונג האָט שוין דאַן געהאַט

אַ גאַנצע נעץ פון גוטע מאַלינעס, און דער גירוש קיין עסטאָניע האָט כמעט נישט אָנגערירט די רייען פון דער אונטערערד.[86] נאָך דער „אַקציע עסטאָניע" האָט די אונטערערד באַשלאָסן אַרויסצושיקן אַ גרופּע חברים אין די אויגוסטאָווער וועלדער, אַן ערך 100 קילאָמעטער פון קאָוונע, דאָרט האָבן זיי געזאָלט שאַפן אַ באַזע און זוכן פאַרבינדונגען מיט די סאָוויעטישע פּאַראַשוטיסטן, וועלכע האָבן זיך געדאַרפט געפינען אין די אויגוסטאָווער וועלדער, לויט קלאַנגען פאַרשפּרייטע אין קאָוונער געטאָ. די אַרבעטס־אָרדענונג אין געטאָ האָט זיך נאָך נישט צוריק־געקערט צו איר נאָרמאַלן לויף נאָך דער „אַקציע עסטאָניע" און מען האָט גע־קענט אויסנוצן די אומאָרדענונג ביים טויער פון געטאָ, בכדי אַרויסצופירן גרופּן פון געטאָ. די אַרויסגייער זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין גרופּן פון 20 מאַן. במשך אַ וואָך האָבן קעמפער־גרופּן טאָג־טעגלעך, פאַרבאַרגענערהייט, פאַרלאָזן דאָס געטאָ; יעדע גרופּע אויף איר ספּעציעלן טראַקט. צוזאַמען אַן ערך 100 מאַן.[87] אַ סך מענטשן פון אונטערערד, וואָס זענען אַרויס קיין אויגוסטאָווע זענען געכאַפּט געוואָרן דורך געשטאַפּאָ און אָוועקגעפירט געוואָרן אין תפיסה; דאָרט האָבן זיי געטענהט, אַז זיי זענען אַנטלאָפן פון געטאָ צוליבן שרעק פאַר דעפּאָר־טאַציעס, נאָך דער אַקציע פון 26סטן אָקטאָבער. אַ סך פון זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך געשטאַפּאָ. נאָר צוויי מענטשן זענען דערגאַנגען צוריק צום געטאָ־קאָוונע (נחמיה ענדלין און שמואל מאָרדקאָווסקי).[88] זיי האָבן אין אויגוסטאָווע נישט געפונען קיין פּאַראַשוטיסטן. די פּאָליאַקן פון דער סביבה האָבן זיך דעקלאַ־רירט אַלס „פּאָלקסדויטשן" און זענען געווען זייער געטריי דעם רעזשים.[89] ווען די צוויי האָבן זיך איבערצייגט, אַז אַחוץ זיי ביידע זענען מער קיין יידישע פּאַרטיזאַנער פון קאָוונע נישט דערגאַנגען קיין אויגוסטאָווע, האָבן זיי זיך צוריק־געקערט אין געטאָ; שפּעטער זענען זיי געוואָרן פאַרבינדלער צווישן געטאָ און וואַלד און זיי האָבן געפירט יוגנט־גרופּן אין די פּאַרטיזאַנישע וועלדער. אַ חוץ זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אין געטאָ בשלום נאָך 14 מאַן. די איבעריקע, אָדער זיי זענען אומגעקומען אויפן וועג אָדער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון געשטאַפּאָ. נאָך אַ תקופה פון ביטערער אַנטוישונג האָט די אונטערערדישע באַוועגונג ווידער באַנייט אירע כוחות, און שוין דעם 23סטן נאָוועמבער 1943 האָט זיך אָנגעהויבן, אין איר גאַנצן אומפאַנג, די תקופה פון פּאַרטיזאַנישן גיין אין די וועלדער פון רודניקי.[90]

די דעפּאָרטאַציע פון לאַטוויע

סוף דעצעמבער 1943 — יאַנואַר 1944, זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין עסטאָניע עטלעכע הונדערט יידן פון לאַטוויע, בעיקר פונעם לאַגער קייזערוואַלד. ס׳רוב לאַטווישע יידן, ווי אויך אַ טייל יידן דעפּאָרטירטע אין סעפּטעמבער 1943, פון

ווילנער געטאָ קיין לאַטוויע, און אַ טייל געבראַכטע קיין לאַטוויע פון דייטשלאַנד. זיי זענען געבראַכט געוואָרן אין די לאַגערן גאָלדפילץ, ערעדאַ און קיוויאָלי.[90]א

די דעפּאָרטאַציע פון ביסטריצע (טראַנסילוואַניע) קיין אוישוויץ—ריגע—עסטאָניע (יוני 1944)

בערך דעם 20־טן יוני 1944 איז קיין עסטאָניע אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פון 500 יידישע פרויען, וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פון ביסטריצע (טראַנ־סילוואַניע) אָנהויב יוני 1944. בשעת די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס פון אונגאַרן קיין אוישוויץ, ווען ס׳זענען אַהינצו געשיקט געוואָרן אַן ערך 440.000 יידן, איז אויך פאָרגעקומען די דעפּאָרטאַציע פון די טראַנסילוואַניער יידן, און צווישן זיי פון ביסטריצע — קיין אוישוויץ.[91] דעם 15־טן יוני 1944 זענען אין אוישוויץ אָפּגע־טיילט געוואָרן פון דאָזיקן טראַנספּאָרט 1.000 ביסטריצער פרויען, וועלכע זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין ריגע; דאָרט זענען פון זיי גענומען געוואָרן 500 פרויען און איבערגעשיקט געוואָרן קיין עסטאָניע; אַן ערך, דעם 20־טן יוני, זענען זיי אָנגעקומען קיין קיוויאָלי; 250 פרויען זענען פון דאָרט אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין קלאָגע.[92]

די 250 פרויען, וואָס זענען פאַרבליבן אויף אַרבעט אין קיוויאָלי (ביי בונ־קערס, וואַלד־אַרבעט וכדומה), זענען שפּעטער צעשפּרייט געוואָרן איבער פאַר־שיידענע עסטאָנישע לאַגערן;[92] דער מחבר פונעם בוך איז אַן עדות ווי די דאָ־זיקע פרויען זענען געבראַכט געוואָרן אין לאַגער גאָלדפילץ, און פון דאָרטן, צו־זאַמען מיט אים, דורך לאַגעדי געבראַכט געוואָרן קיין שטוטהאָף. די פרויען, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן קיין קלאָגע האָבן צוזאַמען מיט אַלעמען געטיילט דעם מאוימדיקן גורל פון קלאָגע (די שחיטה פון 1944.9.19).

בריוו פון די ווילנער און קאָוונער דעפּאָרטירטע

ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציעס קיין עסטאָניע זענען די דייטשע מאַכט־אינסטאַנצן געווען, ווי שוין אויבן געזאָגט, פאַראינטערעסירט, אַז די געטאָ־מענטשן זאָלן וויסן, אַז „ס׳איז אויף אַרבעט און נישט צום טויט״, דערי־בער האָבן זיי דערמעגלעכט דאָס שרייבן בריוו און אַפילו דערצו געצוווּנגען.

שוין בשעת דער ערשטער דעפּאָרטאַציע פון ווילנע קיין עסטאָניע (1943.8.6) האָט מען אויפגעמונטערט די „פאַרלאָדענע אין די וואַגאָנען״, אַז זיי זאָלן שרייבן בריוולעך, און די צעטלעך זענען גלייך איבערגעגעבן געוואָרן דורך די געטאָ־פּאָליציסטן צו די קרובים און באַקאַנטע פון די אַוועקגעפירטע.[93] ס׳איז באַקאַנט, אַז קיין שאַוול זענען דערגאַנגען ידיעות וועגן לעבן און אַרבעטס־אָרט פונעם וויל־נער טראַנספּאָרט שוין דעם 22סטן אויגוסט 1943.[94] עפּעס ענלעכס איז אויך באַקאַנט

וועגן לעצטן טראַנספּאָרט, וואָס איז פֿאַרבייגעפֿאָרן שאַוול דעם 25־טן סעפּטעמבער 1943.[95]

ווען די מענטשן פֿון ערשטן און צווייטן טראַנספּאָרט זענען אָנגעקומען קיין עסטאָניע האָט מען זיי באַפֿוילן צו שרייבן בריוו אין געטאָ; די אַרויסגעפֿירטע מיטן דריטן טראַנספּאָרט, צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען דער מחבר, האָבן געהאַט די „מעגלעכקייט" אַרויסצושיקן בריוו נאָך פֿאַרן אָפּגיין פֿון טראַנספּאָרט,[96] און ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין וויוואַרא איז זיי ווידער געגעבן געוואָרן די מעג־לעכקייט צו שרייבן בריוו אין געטאָ, און אַלע האָבן די מעגלעכקייט אויסגענוצט.[97] אָבער ווען ס'איז אָנגעקומען דער לעצטער טראַנספּאָרט פֿון דער געטאָ־ליקווי־דאַציע, האָבן די דייטשן מער נישט געהאַט קיין שום נוצן פֿון דער בריוו־תחבולה; און מער האָבן די פֿאַרשיקטע קיין עסטאָניע נישט געהאַט קיין שום לעגאַלע מעג־לעכקייטן פֿאַר אַ בריוולעכן קאָנטאַקט צווישן די קאַצעטלער אין די פֿאַרשידענע לאַגערן; די קאַצעטלער האָבן געזוכט פֿאַרשיידענע געהיימע וועגן פֿון קאָנטאַקטן (וועגן דעם אין קאַפּיטל: „קאָנטאַקטן צווישן די לאַגערן"...)

וואָס שייך די אַרויסגעפֿירטע אין דער איינמאַליקער אַקציע „קאָוונע — עסטאָניע" זענען די דייטשן בכלל נישט געווען פֿאַראינטערעסירט, אַז ס'זאָלן פֿון זיי אָנקומען בריוו אין געטאָ קאָוונע; די ידיעות וועגן זיי זענען טאַקע אָנגע־קומען נאָר דורך די בריוולעך, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוואָרפֿן בשעתן דורכ־פֿאָרן גרעסערע סטאַציעס; און שפּעטער, זענען זייערע קרובים איבערגעבליבן אַ לענגערע צייט אָן קיין שום ידיעות וועגן די לעבנס־באַדינגונגען פֿון די אַרויס־געפֿירטע קיין עסטאָניע.

אין וועלכע באַדינגונגען זענען געפֿירט געוואָרן די פֿאַרכאַפּטע פֿון ווילנע און קאָוונע?

די טראַנספּאָרט־באַדינגונגען בשעתן אַריבערפֿירן אין די עסטאָנישע לאַגערן האָבן געהאַט אַלס ציל צו צעברעכן דעם מענטש און צונעמען פֿון אים יעדן גע־דאַנק וועגן אַנטלויפֿן פֿון די וואַגאָנען, ווי אויך יעדן געדאַנק פֿון ווידערשטאַנד.

דער אַרויספֿיר פֿון געטאָ־ווילנע: די קאָנצענטראַציע פֿון די מענטשן אויפֿן ראָסאַ־פּלאַץ דויערט שעהען אויף שעהען, און בשעת דער געטאָ־ליקווידאַציע ציט עס זיך במשך פֿון אייניקע טעג. דער פּלאַץ איז אַרומגערינגלט מיט באַוואָפֿנטע דייטשע כּוחות, ווי אויך מיט אוקראַאינער, וועלכע זענען באַקאַנט פֿון זייער אַכ־זריות.[98] דער פּלאַץ איז די גאַנצע נאַכט באַלויכטן מיט פּראָזשעקטאָרן. בכדי אָפּ־צוהוזקן פֿון די, וואָס דאַרפֿן באַלד אַרויסגעפֿירט ווערן קיין עסטאָניע, אָדער פֿון די, וואָס וועלן באַלד דאַרפֿן דורכגיין די סעלעקציע פֿון טויט אָדער לעבן, — ווערט געשפּילט מאָדערנע דזשאַז־מוזיק. אוקראַאינישע וואַכמענער גייען אַרום

צווישן די צונויפגעזאַמלטע און רויבן ביי זיי זייגערלעך, געלט און פאַרשיידענע ווערטפולע חפצים. מען נעמט אויך צו פון זיי מעסערלעך און אַלע אַנדערע שאַרפע חפצים, וועלכע מען קען נוצן צום באַשיצן זיך. בשעת דעם טראַנספּאָרט פון דער געטאָ־ליקווידאַציע זענען עפנטלעך אויפגעהאַנגען געוואָרן פיר מאַן, בכדי אַנצוּוואַרפן אויף די צונויפגעזאַמלטע די שטימונג פון אימת־מוות און אַבּ־סאָלוטער געהאָרכזאַמקייט. אויפן וועג קיין ראַסאָ, און אויפן ראַסאָ־פּלאַץ גופא, קומען פאָר סעלעקציעס פון זקנים, קראַנקע און קינדער. אַלע צונויפגעזאמלטע שפירן זיך הפקר אין די הענט פון ס.ס. מיט אַ געפיל פון מאַכטלאָזיקייט, ווערן זיי פאַרלאָדן אין די וואַגאָנען, 80—100 מאַן אין אַ וואַגאָן.

די ענגשאַפט, מאַנגל פון לופט צום אָטעמען, דער דורשט און דער הונגער דערפירן די מענטשן צו אַ מצב פון פסיכאָז און האַלוצינאַציעס. זיי גיבן אָפּ אורין און קויט אין וואַגאָן גופא, נישט האָבנדיק קיין אַנדערע ברירה. ווען די באַן שטעלט זיך אָפּ, ווערן די מענטשן פון וואַגאָן אַרויסגעפירט אין געלויף, און עס ווערט זיי באַפוילן צו דערליידיקן זייערע פיזישע באַדערפענישן אין איילעניש. אין די וואַגאָנען פירן דורך די ס.ס.לייט אָפטע רעוויזיעס און רויבן צו יעדן ווערט־פולן חפץ. ביי יעדן וואַגאָן שטייען וואַכמענער מיט אַנגעלאָדענע ביקסן. די רייזע קומט פאָר אין אַ צושטאַנד פון אַ געדאַנקען־פאַרטומלונג און פון אימת־מוות.[99] אוקראַיִנישע וואַכמענער רייסן זיך אַריין פון צייט צו צייט אין די וואַגאָנען און רויבן.[100]

אַ חוץ דעם האַלט זיך אָפּ די באַן ביי פאָנאַר, בשעת יעדער רייזע, און די אַוועקגעפירטע לעבן דורך מאָמענטן פון שרעק, אַז באַלד וועט מען זיי פירן צום טויט; דאָס איז די לעצטע סאַדיסטישע אָפּשפּאָטעריי מצד די דייטשן כלפּי די אַרויסגעפירטע געטאָ־יידן.[101]

דער אַרויספיר פון געטאָ־קאָוונע: מיט ווילדער אַכזריות און מיט סאַדיזם איז אויך פאָרגעקומען דער אַרויספיר פון געטאָ־קאָוונע. דער עדות פרוי א. גרינהאָלץ דערציילט:

„...ווען כ'האָב זיך געפונען די ערשטע נאַכט אין וואַגאָן, האָט זיך מיר געדוכט, אַז כ'ווער באַלד משוגע; אַרום זענען געזעסן פרויען און מיידלעך און זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. ס'איז נישט צו באַשרייבן זייערע געשרייען, זייערע געוויינען, און די געשרייען פון די דייטשן, וואָס האָבן מיט שׂהען צוריק אַוועק־געריסן פון יעדער איינער פון זיי, די מאַמע, אָדער דאָס קינד. מיר האָט זיך געדוכט, אַז כ'הער דאָס לעצטע געשריי פון אַ מענטש".[102] זי דערציילט, אַז דעם פערטן טאָג פון זייער רייזע זענען זיי אָנגעקומען אויף אַ סטאַציע אין עסטאָניע: „אַ סך זענען אַראָפּ זוכן וואַסער; אַ סך האָבן געזוכט אַ מעגלעכקייט צום אַנטלויפן, אָבער ווו אַהין? ארום־אַרום געדיכטע וועלדער, ס'זעען זיך נישט קיין

הייזער. צו וועמען זאָל איך גיין? און ווי אַזוי זאָל איך רעדן? אַ פּרעמד לאַנד. „פרעמדע מענטשן. זייער שפּראַך איז דאָך לגמרי אומפאַרשטענדלעך".[102]

בלאַזער טשאַפּלינסקי דערציילט: „...מען האָט אונדז געפירט אין פאַר־קראַטעוועטע וואַגאָנען צוזאַמען מיט די פאַרשטאָרבענע אויפן וועג. זייערע טויטע קערפּערס זענען געלעגן צווישן אונדז..."[103]

די וואָס זענען געלאָפן בשעת די טראַנספּאָרטן

די לעבנגעבליבענע פון געטאָ־ווילנע ווייסן צו דערציילן וועגן די, וואָס זענען געלאָפן פון פּאָנאַר זייט די ערשטע גרויסע אַקציעס, סוף זומער 1941.[104] וועגן די אַנטלאָפענע פון פּאָנאַר בשעת דער אַקציע „קאָוונע־פּאָנאַר" און וועגן די וואָס זענען געלאָפן פון באַן בשעת דער ערשטער דעפּאָרטאַציע, האָבן מיר דערציילט אין אונדזערע פריערדיקע קאַפּיטלען.

די עצם דעפּאָרטאַציע קיין עסטאָניע און דאָס אַנטלויפן פון די וואַגאָנען בעתן טראַנספּאָרט פון ווילנער געטאָ, האָבן געשאַפן אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון ווידערשטאַנד. בעיקר איז מען געלאָפן מחמת דער שרעק, אַז דאָס זענען טויט־טראַנספּאָרטן. ידיעות וועגן די דאָזיקע אַנטלויפענישן זענען אין אייניקע טעג אַרום אָנגעקומען אין געטאָ.[105]

קויפמאַן דערציילט אין זיין עדות־זאָגן וועגן ערשטן טראַנספּאָרט, אַז די מענטשן האָבן מיט זיך געהאַט פאַרשיידענע אַרבעטס־געצייג, וואָס זיי האָבן גע־האַט מיטגענומען אַרויסגייענדיק צו דער אַרבעט, און מיט די דאָזיקע מכשירים האָבן זיי אַרויסגענומען אַ ברעט פון וואַגאָן און געוואָלט שפּרינגען דורכן גע־שאַפענעם בלויז, אָבער אַ ריי מענטשן אין וואַגאָן האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי — זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער „קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט".[104]

גאָלדשטיין דערציילט, אַז אין זיין וואַגאָן האָט מען זיך געגרייט צום אַנטלויפן; מען האָט צווישן זיך געוואָרפן גורל: דער ערשטער האָט געזאָלט שפּרינגען באַראַן, דער צווייטער — אַ פעטער פון זיאַמקע טיקטין;[107] דער דריטער — ער, ברוך גאָלדשטיין. באַראַן איז געשפּרונגען, און ווען דער צווייטער האָט באַדאַרפט שפּרינגען, איז אַנטשטאַנען אַ גוואַלט אין וואַגאָן. מענטשן האָבן געטענהט, אַז אויב די דייטשן וועלן זיך דערוויסן וועגן די אַנטלויפונגען, וועלן זיי אויסהרגענען אַלע יידן פון וואַגאָן. אין נאָמען פון דער „קאָלעקטיווער אַחריות" האָבן זיי פאַרהאַלטן דאָס ווייטערדיקע שפּרינגען.[108] באַראַנען איז גע־לונגען צו דערגיין צום געטאָ.

גאָלדשטיין האָט אויך געהערט, אַז פון ערשטן טראַנספּאָרט זענען אַנטלאָפן די ברידער גאָרדאָן. זיי זענען דערגאַנגען צו דער איינהייט בורבישקי און פון דאָרט צום געטאָ.[109]

ער דערציילט אויך, אַז ווען ס׳איז אָנגעקומען דער ערשטער טראַנספּאָרט קיין ריגע זענען אַנטלאָפן דריי מענטשן; ס׳זענען זיי נאָכגעלאָפן 20 דייטשן. שפּעטער האָבן די מענטשן פון וואַגאָן געזען אויף דער סטאַציע אַ היטל און אַ לעגיטימאַציע פון איינעם פון די אַנטלאָפענע; פון פאַך איז ער געווען אַ פריזיער; מען מיינט, אַז אַלע, און אוודאי דער פונעם היטל זענען געפאַלן.[109]

וועגן אַן אַנטליפן אויפן וועג פון ריגע קיין עסטאָניע — האָט דערציילט קויפמאַן: דער מענטש איז געשפּרונגען אין סאַמע לויף פון באַן. געווען קלאַנגען, אַז ער איז דערגאַנגען אין ווילנער געטאָ.[110]

ס׳דערציילן נאָך עדות וועגן אַנטלויפונגען בשעת דעם ערשטן טראַנספּאָרט: ראָזענבערג דערציילט וועגן אַ בחור און אַ מיידל, וואָס זענען געשפּרונגען. דאָס מיידל איז געווען אַ „פּאַראַרבעטערין״ אין דער איינהייט ביי דער באַן אין ווילנע.[111] גאָלדשטיין דערציילט וועגן אַדוו. סמילג, וואָס איז געלאָפן פון לאַגער וייוואַרע נאָכן אָנקומען פון ערשטן טראַנספּאָרט. ער האָט זיך אַריינגעגנבעט אין אַ וואַגאָן פון פּראָדוקטן, זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די פּעק עסנוואַרג און צוריקגעקומען אין געטאָ.[112]

גאָרדאָנאָוויטש, וועלכע איז געפירט געוואָרן אין צווייטן טראַנספּאָרט, דערציילט, אַז זי האָט געהערט, אַז אייניקע מענטשן זענען געשפּרונגען פון באַן, ווען זי האָט זיך דערנענטערט צו פּאָנאַר.[113]

דער מחבר פון די שורות איז געווען אַן עדות, בשעת דעם דריטן טראַנספּאָרט, ווי אַזוי מיר האָבן זיך געגרייט אויפברעכן דעם וואַגאָן און לויפן, אויב ער וועט זיך אָפּשטעלן[114] ביי פּאָנאַר.

משה ווייַן דערציילט אין זיין עדות־זאָגן וועגן פאַרכאַפּטן צווייטן באַטאַליאָן, וואָס איז אַרויסגעפירט געוואָרן מיטן דריטן טראַנספּאָרט: חברים זענען געלאָפן בעת מ׳האָט זיי געפירט דורך באַזיליאַן־גאַס. 25 זענען געלאָפן פון ראָסאַ־פּלאַץ. ס׳איז געווען אַ פּרווו צו לויפן אויפן וועג ווילנע—עסטאָניע, ביי דער סטאַציע בעזדאַן.[115] ער דערציילט אויך וועגן צוויי מענטשן (וועלוול רייכעל און יאַנקל), וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט, ווייל מען האָט ביי זיי געפונען רעוואָלווערן,[115] ווי ס׳ווייזט אויס איז דער דערמאָנטער יאַנקל — יעקב יאַבראָוו, וואָס ווערט דערמאָנט אינעם עדות־זאָגן פון י. חאַרמאַץ, וועלכער איז אויך אַרויסגעפירט געוואָרן מיטן דריטן טראַנספּאָרט.[116]

בעת דער פּערטער דעפּאָרטאַציע, ד״ה פון דער „געטאָ־ליקווידאַציע״ איז פון פרויען־טראַנספּאָרט געשפּרונגען די פרוי פּאַריס פון דעם שטעטעלע פּאָפּליאַן, שאַוולער קרייז. זי איז געשפּרונגען ביי דער באַן־סטאַציע מאַשקאַציאַ, 11 קילאָמעטער פון שאַוול, אויסבאַהאַלטן זיך ביי באַן־אַרבעטער און דערנאָך אַריין אין געטאָ.[117]

בשעת דער געטאָ־ליקווידאַציע זענען 3 פרויען געשפּרונגען פון באַן, וואָס האָט זיי געפירט קיין מיידאַנעק: די קראַנקן־שוועסטער [118] קלאַראַ קאָוואַרסקאַ, ליוסיאַ געלמאַן,[118] ווי אויך זשעניע קראַסאָווסקי, וואָס איז היינט מעדיצינערין אין תל־אביב.[118]

אויך בשעת דעם קאָוונער טראַנספּאָרט זענען געווען פּרוּוון פון ווידערשטעלן זיך און אַנטלויפן. א. גאַנז דערציילט, אַז ווען מען האָט אָפּגעטיילט אויפן קאָוונער פּליפּלאַץ די מענער פון די פרויען, איז „דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט יעדער איינער, וואָס האָט נאָר געשטעלט אַ ווידערשטאַנד".[119] מיר האָבן שוין דערמאָנט גרינהאָלץ, וואָס האָט דערציילט, אַז ביים אָנקומען קיין עסטאָניע האָבן מענטשן געוואָלט לויפן: "אָבער ווו אַהין ?".[120]

אייניקע עדות דערציילן, אַז בשעת די קאָוונער מענטשן זענען אָנגעקומען קיין עסטאָניע אויף אַ פּוסטן פּלאַץ (פון וועלכן מען האָט זיי שפּעטער געפירט קיין אַאַוואַראַ), האָבן אייניקע יונגע־לייט אָנגעהויבן אַנטלויפן, אָבער זיי זענען געפאַלן טויט פון די קוילן פון די „וולאַסאָווצעס". דער ס. ס.־אָפיציר, קאָמענדאַנט פון טראַנספּאָרט, האָט געשריען: „ווער נאָר ס'וועט זיך דערוועגן מאַכן אַ טראָט אָן אַ דערלויבעניש, דערוואַרט אים דער זעלביקער סוף"...[121]

אין עסטאָניע גופא הייבט זיך ווידער אָן אַ נײַ קאַפּיטל: „די אַנטלויפערס פון די לאַגערן".

באַמערקונגען

1) ס'ווערן געבראַכט פאַרשיידענע אָפּשאַצונגען בנוגע דער צאָל יידן אין ווילנע ערב די מלחמה־יאָרן. לויט דעם פּוילישן סטאַטיסטיקער מ. באַלינסקי זענען אין ווילנע אין יאָר 1931 געווען אַן ערך 56.000 יידן. פאַרן אויסברוך פון קריג (1טער סעפּטעמבער 1939) האָט מען אין ווילנע געשאַצט די צאָל יידן אויף אַרום 60.000 (ה. קרוק, ווילנער טאָג־בוך, 258). ס'איז נישט באַקאַנט גענוי די צאָל פון די יידישע פּליטים, וואָס זענען אָנגעקומען פון פּוילן קיין ווילנע ביזן 22־טן יוני 1941. מ. באַלבערישסקי, אין זיין פּוילישער בראָשור, 8, שאַצט די צאָל ווילנער יידן ערב דעם 22סטן יוני 1941 אויף אַרום 70.000־; אין ווילנע האָט מען דאַן געשמועסט, אַז די צאָל יידן איז דערגאַנגען ביז אַכציק טויזנט. לויט די פאָדערונגען פון ראָזענבערג־אינסטיטוט האָט ד"ר מ. העלער אָנגעשריבן אַ פאָרש־אַרבעט וועגן געטאָ, לויט וועלכער די צאָל ווילנער יידן ערב דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה איז געווען אַן ערך 76.000.

2) די דאָזיקע ציפערן ווערן געבראַכט אין „ירושלים דליטא״, 498, און ביי קרוקן, 259; דאָקעגן לויט דער אָפּשאַצונג פון מ. העלער: 12.000 — אין געטאָ נומ. 1; 9.000 — אין געטאָ נומ. 2.

3) וועגן דער דאָזיקער תקופה זע אין די ביכער וועגן ווילנער געטאָ (באַלבערישסקי, דוואָרזשעצקי, לאַזאַר, סוצקעווער, רודשקע), ווי אויך אין די טאָגביכער פון קאַלמאַנאָוויטש און קרוק.

4) ירושלים דליטא, 140; לויט קרוקן, 260, זענען ביזן געטאָ אומגעקומען 21.000 ווילנער יידן; אין געטאָ, ביז סוף 1941, זענען אומגעקומען 26.447 יידן, ס״ה 47.447; לויט די אַרויסגעגעבענע שפּייז־קאַרטן האָבן דאַן געוווינט אין געטאָ — 12.000 יידן. לויט מ. באַלבערישסקי, פּויל. בר׳, 8, איז די צאָל ווילנער יידן פאַרקלענערט געוואָרן מיט 35.000 יידן ביזן געטאָ, און מיט נאָך 15.000 ביזן סוף 1941. ס״ה 50.000 אומגעקומענע יידן ביזן סוף 1941.

5) איינע פון אַזעלכע פּערזענלעכע „זינד״ האָט זיך געענדיקט מיטן טראַגישן סוף פון דער ווילנער באַקאַנטער זינגערין ליובע לעוויצקאַ—זובעלעוויצקאַ. אין די הונגער־טעג פון געטאָ, דעם 9טן יאַנואַר 1943, זענען מיר אַרויס זאַלבעדריט, ליובע לעוויצקאַ, דער קאָמפּאָזיטאָר מאַניע סטופּעל און דער מחבר פון די שורות, איינצוקויפן אַרבעס אויסערן געטאָ, אין דער „שניידערשטובע״, וווּ ס׳האָט געאַרבעט צווישן אַנדערע אויך מיין באַקאַנטער נתן באַזיליאַן. צוריקגייענדיק האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר וועלן נישט אַריינגיין צוזאַמען אין געטאָ, נאָר מיט הפסקות פון אַ האַלבער שעה. מיר האָבן באַשטימט, אַז איך גיי צוריק דער ערשטער, נאָך מיר ליובאַ, און דאַן סטופּעל. איך בין דורך בשלום דאָס טויער פון געטאָ. די צוויי זענען נישט צוריקגעקומען. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז זיי זענען פאַרהאַלטן געוואָרן ביים טויער פון געטאָ דורך פראַנץ מורער, וועלכער האָט זיי פאַרשיקט אין דער תפיסה לוקישקי; פון דאָרט זענען זיי אַוועקגעפירט געוואָרן צום טויט אויף פּאָנאַר. די ידיעה האָט אויפגעטרייסלט דאָס געטאָ. ה. קרוק האָט אין זיין טאָגבוך פון 43.1.27 געשריבן: „...די געטאָ האָט די ידיעה געטראָפן ווי אַ דונער פון הימל... לעוויצקאַ איז איינע פון די בעסטע יידישע זינגערינס״.

6) וועגן דער שטימונג אין יענעם פּורים־טאָג, זע „ירושלים דליטא״, 417—419.

אָפּקלאַנגען פון די שמועות וועגן צוקונפטיקע ליקווידאַציעס אין ווילנער אומגעגנט איז צו געפינען אין קרוקס טאָגבוך:

מערץ (פאַרן 15־טן) 1943: „...אַ פרישער קלאַנג: קיין ווילנע פירט מען צונויף אַלע יידן פון די אַרומיקע לאַגערן און פון דער גאַנצער אומגעגנט...״

19 מערץ 1943: „...אינעם חשבון גייען אַריין ביי 10 טויזנט יידן פון אָשמענע, סווענציאַן, פון מיכאַלישקי. עס קומען אין חשבון אַ ריי לאַגערן א״אַ. יעדע אַזאַ מין איבער־

זידלונג קען ברענגען קרבנות... ווי איך ווער געוואָר, האַלט עס דערביי, אַז די דער־מאַנטע פּראָווינץ, וואָס אונטערליגט איצט די איבערזידלונג, ווערט פאַרטיילט אין דריי געטאָס — ווילנע, קאָוונע און עס ווערט אָרגאַניזירט אַ נייע געטאָ אין פּאָנעוועזש...״

דער געבראַכטער טעקסט פון „געטאָ־ידיעות״ שטעלט מיט זיך פאָר דאָס לייט־אַרטיקל פון געטאָ־ידיעות, נומ. 31, פּורים י״ד אדר ב׳ תש״ג, 1943.3.31.

ז. ה. קאַלמאַנאָוויטש שרייבט אין זיין טאָגבוך, פּורים, 1943.3.31:

„...מען ליקווידירט די פּראָווינץ־ישובים אויס מורא פאַר די פּאַרטיזאַנער. מען איז משער וואָסערע פּופּצן טויזנט נפשות. מען צעטיילט זיי צווישן די דריי גרויסע געטאָס: ווילנע, קאָוונע און שאַוול...״

אין 4 טעג שפּעטער שרייבט ה. קרוק אין זיין טאָגבוך, 1943.3.25:

„...עס פאַרבלייבן לאַגערן אין זשעזמער, וועוויע, רעשע, ביאַלעוואַקע, קענע, בעז־דאַן, ניי־ווילייקע. עס ווערן ליקווידירט די געטאָס פון מיכאַלישאָק, סווענציאַן, סאָל, אָשמענע...״

וועגן די 2181 אַרויסגעפירטע פון געטאָ־אָשמענע, זע אין פּראָטאָקאָל וועגן דער ליקווידאַציע פון געטאָ־אָשמענע, וואָס איז פאַרשריבן געוואָרן דורכן אָשמענער יודנראַט „לזכרון פאַר די קומענדיקע דורות״. דער פּראָטאָקאָל איז פאַרעפנטלעכט אינעם טאָג־בוך פון ה. קרוק, מיט דער דאַטע פון 7־טן מאַי 1943. פון די 2181 זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אין די אַרבעטס־לאַגערן: זשאַסלי 695 נפשות, זשעזמאַר — 640, קענע — 36, אין ניי־ווילייקע — 124; אין ווילנע — 722; לויט דער מיטטיילונג פון 31־טן מערץ, האָבן די איבערגעבליבענע 723 אָשמענער יידן געדאַרפט אַריבערגעפירט ווערן קיין קאָוונע.

7) זע דאָס ליד: קאַטשערגינסקי, לידער, 32—33; „ירושלים דליטא״, 428, זע ליט־ווישן באַריכט (וואָס איז אַן איבערזעצונג פון דייטשן טעקסט):

Masines Zudynes Lietuvoje, L. 117, nr. 100. Lietuvos TSR, f, 1399, op. 1, b. 20, L. 55.

וועגן אַלץ, וואָס ס׳איז באַוווּסט בנוגע דער צוגרייטונג פון דער אַקציע „קאָוונע—פּאָנאַר״. זע „ירושלים דליטא״, 420—428; לאַזאַר, 92—101, רוזשקע, 162—164. באַלבערישסקי 454—458 (ער גיט אַן 5500 אַרויסגעפירטע אויף פּאָנאַר).

7א) אין דער גבית־עדות פון נתן באַזיליאַן (1962), ווערט באַשריבן איינע פון יענע פאַרצווייפלטע אַנטלויפענישן אין די וועלדער און דאָס זוכן אַ ראַטונג ביי די ניט־יידישע איינוווינער פון דער אומגעגנט. ער דערציילט ווי אַזוי זיין משפחה און נאָך 7 ווילנער יידן זענען געראַטעוועט געוואָרן דורך דער פּוילישער משפחה פּאַדוואָרסקי. זע אויך די נאָטיץ פון 1943.6.24 אין קרוקס ווילנער טאָגבוך.

8) וועגן די ערשטע געהיימע צוזאַמענקונפטן אין געטאָ, וועגן די פאַרבינדונגען מיט די שליחים פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פּוילן (טאָסיע אַלטמאַן, חיהקע

גראָסמאַן, בעלאַ חזן, פרומקע פּלאָטניצקאַ, ליאָניאַ קאָזיבראָדסקאַ, תמרה שניידמאַן); וועגן די שליחים פון ווילנער געטאָ צום וואַרשעווער געטאָ, וועגן פּ.פּ.אָ. און די קאַמפּס־אָר־גאַניזאַציע „יחיאל". זע „ירושלים דליטא", יידיש, 334—401; זע אויך די ביכער פון לאַזאַר, סוצקעווער, רודשקע; זע אויך די עדות־זאָגונגען וועגן דעם געטאָ־אונטערערד אין „יד ושם" און אַנדערע ארכיוון; זע אויך אינטערוויו פון דוב לעווין מיט ד"ר ל. בערנשטיין, פּעסיע בערנשטיין—שיינבוים, אלחנן מגיד, שלמה בראַנד און ד"ר מ. דוואַרזשעצקי (אַר־כיוון פון ירושלימער אוניווערסיטעט און „יד ושם").

מרדכי טענענבוים—טאַמאַראָוו איז אין יאָר 1939 אָנגעקומען קיין ווילנע מיטן שטראָם פון אייניקע טויזנט חלוצים. ער איז איינער פון די איניציאַטאָרן און אַרויסגעבער פון דער אונטערערדישער חלוצישער צייטונג אין ווילנע בשעת דער סאָוויעטישער תקופה, 1939—1941. אין געטאָ איז ער געשטאַנען בראש פון דער חלוצישער קאָאָרדינאַציע און געווען איינער פון די איניציאַטאָרן צו שיקן שליחים און ידיעות אין די געטאָס גראָדנע, ביאַ־ליסטאָק און וואַרשע. אין געטאָ איז ער געווען דער ראש פון דער החלוץ־גרופּע „דרור—החלוץ הצעיר (פרייהייט)". אָנהויב 1942 פאַרלאָזט ער געטאָ־ווילנע און פאָרט אומלעגאַל אין געטאָ־וואַרשע. זיין פּלאַץ אין דער חלוצישער יוגנט־גרופּע פאַרנעמט יחיאל שיינבוים. מרדכי איז געווען מיטגליד פונעם שטאַב פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ (28 יולי 1942). אין אָקטאָבער 1942 קומט ער אָן אין געטאָ־ביאַליסטאָק, וווּ ער שטעלט זיך בראש פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דעם 18־טן אויגוסט 1943 ברעכט אויס דער אויפשטאַנד אין געטאָ־ביאַליסטאָק, וווּ ער פאַלט אין קאַמף.

9) לויטן סטאַטוט פון פּ.פּ.אָ. געשריבן מערץ 1943 (זע „ירושלים דליטא", 383—386). איז דער קאָמענדאַנט פון פּ.פּ.אָ. געווען חיים (איציק וויטענבערג), מיטגלידער פון שטאַב: אברהם (יוסף גלאַזמאַן), אורי (אבא קאָוונער), משה (אַבראַשאַ כוואָיניק), חיים (ניסן רעזניק).

דער אָנפירער פון דער קאַמפּס־גרופּע „יחיאל" איז געווען יחיאל שיינבוים; צווישן די צענטראַלע חברים: אלחנן מגיד, ד"ר לעאָ בערנשטיין, פּעסיע שיינבוים (היינט בערנ־שטיין), שלמה בראַנד א"אַנד (זע אינטערוויו פון דוב לעווין בנוגע דעם אונטערערד אין ווילנער געטאָ).

דער מחבר פון בוך איז געווען חבר פון אַ „פינפטל" אין יחיאלס גרופּע, צו וועלכן עס האָבן אויך געהערט: יחיאל שיינבוים, פּעסיע שיינבוים, אלחנן מגיד, סאַוואַ גוריאַן (סאַוואַ גוריאַן איז שפּעטער געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין ה.ק.פּ.־בלאָק. בשעת דער ליקווידאַציע פון ה.ק.פּ. האָבן די דייטשן מיט אַ באָמבע אויפגעריסן דעם בונקער אין וועלכן ער האָט זיך געפונען מיט נאָך אונ־טערערדלער. יולי 1944).

10) „ירושלים דליטא", 475—476; לאַזאַר, 118—120; רודשקע, 180—197; קרוק, 597.

11) זע טאָגבוך פון קרוק: 43.7.9; 43.7.10; 43.7.13; 43.7.14.

פּרטים וועגן א. קאָוונערס טעטיקייט אין געטאָ, זע אין רוזשקעס בוך; פּרטים וועגן י. גלאַזמאַן — אין לאַזאַרס בוך.

יוסף גלאַזמאַן, געבוירן אין ליטע, נציב בית״ר אין ליטע, מיטגליד פון דער רעדאַקציע „המדינה״. איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אומלעגאַלער עליה אין דער סאָוויעטישער תקופה פון ווילנע. מפקד בית״ר אין ווילנער געטאָ, מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון געזעלשאַפטלעכן הילפס־קאָמיטעט אין געטאָ, געפאַלן אין קאַמף, אין נאַראָטשער וואַלד, דעם 8טן אָקטאָבער 1943 (יום כיפור).

איציק וויטענבערג, געבוירן 1907 אין ווילנע, געענדיקט אַ פאַלקסשול, פון פאַך אַ שטעפּער, מיטגליד פון ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין ווילנע; אין דער סאָוויעטישער צייט — פאָרזיצער פון פּראָפעסיאָנעלן לעדער־פאַראיין אין ווילנע; אין געטאָ — פאָרזיצער פון דער קאָמוניסטישער גרופּע, ווי אויך מיטגליד פון עקזעקוטיוו פון געזעלשאַפטלעכן הילפס־קאָמיטעט אין געטאָ. פאַרפייניקט דורך די דייטשן דעם 16טן יולי 1943.

12) קאַלמאַנאָוויטש, 79.

13) „ירושלים דליטא״, 450.

14) „ירושלים דליטא״, דאָרט: עדות גאָלדשטיין, 2.

15) „ירושלים דליטא״, דאָרט; קאַלמאַנאָוויטש, 79.

16) „ירושלים דליטא״, דאָרט; לאַזאַר, 141.

17) „ירושלים דליטא״, 451—453; רוזשקע — 162—163; לאַזאַר, 142—146, קאַלמאַנאָוויטש, 78.

18) מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע אָפּשאַצונגען:

אַרויסגעפירטע: לאַזאַר — 2.400; רוזשקע — 2.000; קאַלמאַנאָוויטש — 2.000.

געבראַכט קיין עסטאָניע: לאַזאַר — 800; ד״ר פייגנבערג — ביז 1.000; רינדזיונסקי („מאַסינעס״, 172) — בערך 1.000; קאַלמאַנאָוויטש — בערך 900.

הרוגים: „ירושלים דליטא״ — 300; קאַלמאַנאָוויטש — 83; „גויגעבאָוער האָט אײ־בערגעגעבן אין זיין רעדע צו די געטאָ־מענטשן, אַז מער פון 130 זענען דערשאָסן געוואָרן.״

אַנטלאָפענע: „ירושלים דליטא״, 402 — „הונדערטער אַנטלאָפן און פאַרשוווּנדן״; האַרטמאַן, 37, גיט איבער, אַז 150 זענען אַנטלאָפן און אין אייניקע טעג אַרום געקומען אין געטאָ; ראָזענבערג דערציילט, אַז ס'איז אַנטלאָפן כמעט אַ העלפט פון טראַנספּאָרט, (בערך 500 מאַן). ער אַליין איז געווען צווישן די ערשטע 50, וואָס זענען דערלאָפן צום געטאָ; באַלבערישסקי מיינט, אַז הונדערטער זענען אַנטלאָפן; שור, אין זיין טאָגבוך, שאַצט די צאָל פון די אַנטלאָפענע אויף 700. צווישן זיי זענען אויך געווען פּרויען (זע עדות וואָלק, 4).

19) „ירושלים דליטא״, 452; לאַזאַר, 144.

20) „ירושלים דליטא״, דאָרט.

21) דוואָרזשעצקי, פּערזענלעכע זכרונות; טאָגבוך שור; גאָלדשטיין, 2.

22) גאָלדשטיין, 3.

23) „ירושלים דליטא״, 452.

24) קאַלמאַנאָוויטש, 83: „נעכטן זענען צוריקגעקומען די אָנפירערס פון די גרופּעס פון זייערע פּלעצער ביים ים. דער לאַגער באַשטייט פון פינף און צוואַנציק טויזנט פון פאַרשיידענע פעלקער. עס זענען געקומען ניין הונדערט. די באַראַקן זענען ריין, ברויט און זופּ...״ זע: „ירושלים דליטא״, 367; לאַזאַר, 154; באַלבערישסקי, 486, גיט אָן אַ חוץ דעם נאָמען היימאַן, אויך פּרוי קאַץ.

25) „ירושלים דליטא״, 454; „... אין איינעם פון די בריוו איז געווען אַ זאַץ: „דער פעטער מיט די וואָנצעס אַרבעט אַכציק קילאָמעטער פון אונדז״ — דאָס האָט גע־זאָלט באַדייטן, אַז דער סאָוויעטישער פראָנט (סטאַלין — „דער פעטער מיט די וואָנ־צעס״) איז אַכציק קילאָמעטער פון ווייוואַרע. די בריוו זענען נישט געווען געפעלשטע. אין אַ בריוו פון אַ באַקאַנטן איז געווען אַ זאַץ: „ביי דער אַרבעט זאָג איך שמע ישראל״. שמע ישראל איז געווען אַן אָפּגערעדטער זאַץ, אַז דער טעקסט פון בריוו איז אַן אמתער. זע אויך וועגן די בריוו: לאַזאַר, 154; גאָלדשטיין, 10; באַלבערישסקי, 469; פייגנבערג, 19.

26) פייגנבערג, 19.

27) „ירושלים דליטא״, 456—458.

28) „ירושלים דליטא״, 456; קאַלמאַנאָוויטש, 85; גאָרדאָנאָוויטש, 1, דערציילט אירע איבערלעבענישן ביים צווייטן טראַנספּאָרט.

29) „ירושלים דליטא״, דאָרט; קאַלמאַנאָוויטש, 85, דערציילט וועגן כאַפּענישן פון „די וואָס האָבן זיך שפּעט איינגעבירגערט״; לאַזאַר, 154, דערציילט, אַז ס׳זענען אַרויס־געשיקט געוואָרן 3.000 „איינלאַדונגען״.

30) סוצקעווער, 85; רינדזיונסקי (מאַסינעס, 172), גיבן איבער, אַז יענעם טאָג, 24.8.1943, זענען אַרויסגעפירט געוואָרן 1.500 מאַן קיין עסטאָניע; דוואָרזשעצקי („ירו־שלים דליטא״, 500) דערציילט, אַז דאָס צונויפזאַמלען די מענטשן איז פאָרגעקומען אין די טעג 19—24 אויגוסט; קאַלמאַנאָוויטש, 85, זאָגט: „מאָרגן גייט אַרויס אַ גרופּע פון 2.000 מאַן״; לאַזאַר, 117, דערציילט, אַז ס׳זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן 1.400 מאַן.

31) קאַלמאַנאָוויטש, 85: „...מען גרייט צו נאָך טויזנטער... מען ציטערט פאַר דעם גורל פון די אָוועקגעשיקטע. מען ציטערט אויך פאַר דעם גורל פון די איבערגעבליבענע. אויב אַלע אַרבעטערס וועלן אַרויס אויף מערב, וועט דאָך במילא דאָס געטאָ אויפגעלעזט ווערן...״

32) „ירושלים דליטא״, 456—457; ביי קאַטשערגינסקי, לידער, 347, פעלט דער חלק וועגן עסטאָניע.

33) „ירושלים דליטא״, 457—458.

34) געבראַכט לויטן וואַריאַנט, „ירושלים דליטא", 458; ביי קאַטשערגינסקי, לידער, 300, ווערט געבראַכט דער גאַנצער טעקסט, לויטן וואַריאַנט פון דאָרא רובין.

35) קאַלמאַנאָוויטש, 1943.8.26, 86: „...קומענדיקן חודש דאַרף מען אָנהייבן צו קלייבן מענטשן פאַר דער צווייטער גרופּע. הלוואַי זאָלן זיי שוין מער קיין צייט דערויף נישט האָבן, רבונו־של־עולם!..."

36) קאַלמאַנאָוויטש, 87, 1943.8.30 (וואַרשיינלעך דאָס לעצטע איינשרייבן אין טאָג־בוך; אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער אַרויסגעפירט געוואָרן קיין עסטאָניע): „...נעכטן — אַ רעדע פון קאָמענדאַנט... דאָס שיקן מענטשן אויפן צפון איז דערווייל אָפּגעשטעלט געוואָרן. אויב עס וועט ווייטער דורכגעפירט ווערן, וועט עס זיין אויפן פריערדיקן אופן — מען וועט שיקן מענטשן וואָס זייער זיין דאָ איז נישט אַבסאָלוט נייטיק..."

37) „ירושלים דליטא", 67 (דער יונגער ד"ר עמנואל עפּשטיין, זון פון ד"ר שבתי עפּשטיין, גרינדער פון דער גמנסיה עברית אין ווילנע, איז געשטאָרבן ווינטער 1943—1944, אין לאַגער קורעמע).

38) „ירושלים דליטא", עברית, 391, 459. זע אין אויבנדערמאָנטן Masines. (38a

39) דאָרט.

40) וועגן צווייטן באַטאַליאָן, זע עדות־זאָגן פון מ. ווײַן, „מורשת", כרך ב', נומ. 2, 48—49. לויט דעם באַריכט קומט אויס, אַז דער צווייטער באַטאַליאָן האָט געציילט 150 מאַן; לויט אַ. לאַזאַר, 160 — האָט ער געציילט 100 מאַן; די זעלבע צאָל גיט אָן אויך רוזשקע, 207—208; זע אויך עדות פון י. דיסטעל.

41) יחיאל (איליאַ) שיינבוים איז געבוירן געוואָרן דעם 2־טן סעפּטעמבער 1914 אין אָדעס. געווען אַקטיוו אין „פרייהייט—החלוץ־הצעיר" פון פּוילן. אין די יאָרן 1938—1939 געווען אין לאָדזשער קיבוץ באַראַכאָוו. נאָך דער אָקופּאַציע פון פּוילן אָנגעקומען קיין ווילנע און געווען טעטיק אין קיבוץ שחריה; אין געטאָ — אָנפירער פון אונטערערדישן החלוץ „דרור החלוץ הצעיר־פרייהייט"). מיטגליד פון דער לייטונג פון דער אונטער־ערדישער גרופּע „פועלי ציון—התאחדות", אָרגאַניזאַטאָר פון דער קאַמפסגרופּע, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס ציל גיין אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער.

וועגן דער באַריקאַדע אויף סטראַשון 12 און וועגן פאַלן פון יחיאל שיינבוים, זע: „ירושלים דליטא", 459—465; רוזשקע, 220, און אין „ספר הפארטיזנים", כרך 1, 45—46; לאַזאַר, 164—165. זע אויך גבית־עדות פון אריה אַרבאַך. איינער פון די קעמפער אויף דער באַריקאַדע פון סטראַשון־גאַס, וואָס האָט געזען שיינבוימען ווען ער איז דערשאָסן געוואָרן. דער מחבר פון בוך איז געווען צווישן דער גרופּע וואָס האָט יחיאלן אַרויסגעטראָגן אויף אַ טראָגבעטל פון צווישן די רויכערנדיקע באַריקאַדן צום געטאָ־שפּיטאָל.

42) לויט די „געטאָ־ידיעות" זענען אויפגעריסן געוואָרן 3 הייזער: סטראַשון 12, סטראַשון 15, דזיסנער 5; לויט „ירושלים דליטא": סטראַשון 12 און 15; לויט לאַזאַר — סטראַשון 12, 15 און אַשמענער 8.

42א) זע „ירושלים דליטא״, יידיש, 466—472; צווישן די אַרויסגעפירטע דאָקטוירים איז אויך געווען דער מחבר פון בוך.

43) צווישן די פאַרכאַפּטע: דער אָנפירער פון צווייטן באַטאַליאָן גרישע (צבי) צע־פּעלעוויטש, אַבראַשע גאָנטאָוניק, הירשקע גליק.

44) „ירושלים דליטא״, 483.

45) „ירושלים דליטא״, 473; האַלפּערן, 2.

46) די „געטאָ־ידיעות״ האָבן איבערגעגעבן, אַז דער פרויען־טראַנספּאָרט איז צע־טיילט געוואָרן אויף אייניקע גרופּן: פרויען אָן קינדער, פרויען מיט איין קינד, פרויען מיט אייניקע קינדער. „אין די נאָכמיטאָג־שעהען האָבן אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן אָנ־געהויבן פאַרשפּרייטן פאַלשע קלאַנגען און דערמיט אויפגעוועקט אָן אומרויִקייט צווישן די פרויען״. זע אויך: „ירושלים דליטא״, עברית, 471. (די דאָזיקע צעטיילונג פון די פרויען איז געווען אַ פאַרשפּיל צו דער סעלעקציע, וואָס איז שפּעטער פאָרגעקומען אין וויִוואַרע, און וואָס האָט דערפירט דערצו, אַז די מוטערס צוזאַמען מיט זייערע קינדער זענען פאַרשיקט געוואָרן צו פאַרניכטונג).

47) דוואָרזשעצקי, לאַזאַר, רוזשקע, — 7.000; באַלבערישסקי — 5.000; לויט די „געטאָ־ידיעות״ זענען פאַרשיקט געוואָרן במשך פון די אַקציעס 7.130 מאַן (דאָרט איז נישט אָנגעגעבן גענוי, צי עס ווערט געמיינט וועגן אַלע אַקציעס, אָדער נאָר וועגן דער אַקציע פון 1—4 סעפּטעמבער 1943).

48) „געטאָ ידיעות״, סעפּטעמבער, 1943.

49) „ירושלים דליטא״, 474.

50) רוזשקע, 213.

51) פאַראָרדענונג פון יעקב גענס פון 1943.9.5, אַרכיוון פון „יד ושם״.

52) פאַראָרדענונג פון י. גענס, 1943.9.6; אַרכיוון פון „יד ושם״.

53) „ירושלים דליטא״, 474; רוזשקע, 2.15.

54) וועגן דער פרשה פון גיין אין די וועלדער, ווי אויך וועגן די דאַטעס ווען די גרופּעס זענען געגאַנגען, און די נעמען פון די פאַרטיזאַנער זע: „ירושלים דליטא״, 477—480; זע אויך די ביכער פון לאַזאַר, סוצקעווער, רוזשקע.

55) באַלבערישסקי, 474; „ירושלים דליטא״, 474; רוזשקע, 219; לאַזאַר, 180.

56) ווייזט אויס, אַז ער איז שפּעטער געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן און געוואָרן אַרעסטירט; די ווילנער יידן, וואָס האָבן געלעבט אין די „בלאָקן״ אויסערן געטאָ דער־ציילן, אַז זיי האָבן אים געזען אין די ווילנער גאַסן ביז אייניקע וואָכן פאַר דער באַ־פרייאונג (ד״ר אַל. ליבאָ).

57) לאַזאַר, 187.

58) זע אין אַלע ביכער וועגן געטאָ ווילנע.

59) לאַזאַר, 190.

89) לעווין—בראָון, 149.

90) לעווין—בראָון, 188 א״וו. איגעם סוף פון בוך ווערט געבראַכט אַ רשימה פון אַן ערך 500 מיטגלידער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין געטאָ קאָוונע.

91) זינט דעם 16טן אַפּריל 1944 ביזן 9טן יולי 1944, זענען פאַרשיקט געוואָרן פון אונגאַרן קיין אוישוויץ 434.351 מאַן, אין 147 פאַרקראַטעוועטע לאַסט־באַנען; אין יעדער באַן — ביז 3.000 פאַרשיקטע (פּסק־דין אין אייכמאַן־פּראָצעס, ירושלים, 127).

92) אָפּענבאַך, 2—4, באַשרייבט די דעפּאָרטאַציע פון די ביסטריצער יידן; 7.000 מאַן זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין 70 וואַגאָנען (100 מאַן אין אַ וואַגאָן), במשך פון פינף טעג ביזן אָנקומען קיין אוישוויץ.

93) „ירושלים דליטא״, 452.

94) ירושלמי, 269; 22 אויגוסט, 1943.

95) ירושלמי, 273; סעגאַל, 2; באַלבערישסקי, 519.

96) אַ צעטל, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון וואַגאָן דעם 1943.9.5, דורך ד״ר א. לידסקי און געבראַכט געוואָרן אין געטאָ־שפּיטאָל. אַ פאָטאָקאָפּיע איז פאַרעפנטלעכט אינעם בוך וועגן די יידישע דאָקטוירים אין פוילן, ניו־יאָרק 1963. עמ׳ 212א). „ירושלים דליטא״, 469.

97) פערזענלעכע זכרונות פון מחבר.

98) אַלע עדות־זאָגונגען פון די אַרויסגעפירטע זענען פול מיט פּרטים וועגן די רויב־מעשים פון די אוקראַינער.

99) פּרטים וועגן דעם געמיט־צושטאַנד, געדאַנקען־צעטומלונג און אימת־מוות ביי די אַרויסגעפירטע אין די פאַרשיידענע טראַנספּאָרטן זע: וועגן ערשטן טראַנספּאָרט — גאָלדמאַן, 3; וועגן דריטן טראַנספּאָרט — „ירושלים דליטא״, 470—472; וועגן פערטן טראַנספּאָרט — „ירושלים דליטא״, 481—484 (גבית־עדות פון ה. ליליענהיים); באַלבערישסקי, 485—497.

100) סעגאַל, 3; קלאַטשקאָ, 2.

101) „ירושלים דליטא״, 471; סעגאַל, 1; קלאַטשקאָ, 1.

102) גרינהאַלץ, 2—4.

103) בלאַזער טשאַפּלינסקי, ספר אָלשאַן, 262.

104) ד״ר מ. דוואָרזשעצקי, „ווילנער וואָס זענען געלאָפן״, „די גאָלדענע קייט״, נומ. 57, 1966, 198—211. דאָרט ווערן איבערגעגעבן נעמען פון די, וואָס זענען געלאָפן פון פּאָנאַר: פּעסיע אַראָנאָוויטש, געלאָפן אָנהויב סעפּטעמבער 1941 (לויט דוואָרזשעצקי); פינף פרויען צווישן זיי אידאַ שלאָס, געלאָפן אָנהויב סעפּטעמבער 1941 (קאַטשערגינסקי); ה. קרוק, 51—53, 1941.9.4, דערציילט וועגן 6 אַנטלאָפענע פון פּאָנאַר, צווישן זיי דאָס 11־יאָריקע קינד יהודית טראַיאַק און די 16־יאָריקע פּעסע שלאָס (וואָרשיינלעך די זעלבע

אידאַ שלאָס); דער 14־יאָריקער שלמה סאָרעזאָן, אַנטלאָפן פון פּאָנאַר, דעם 6טן סעפּ־טעמבער 1941 (קאַטשערגינסקי); מאָטל גדוד, אַנטלאָפן יולי 1941 (סוצקעווער); די שי־לערין כיענע כץ, אַנטלאָפן דעם 24־טן אָקטאָבער 1941 (סוצקעווער); די לערערין טעמע כץ, אַנטלאָפן ענדע אויגוסט 1941 (סוצקעווער, קרוק, לאַזאַר); ס׳ווערן אויך דערמאָנט אַנטלאָפענע פון שפּעטערע אַקציעס: שטיינקאָלק (סוצקעווער), יצחק דאָגים (סוצקעווער).

105) „ירושלים דליטא", זע זייט 453.

106) קויפמאַן, 37.

107) טיקטין זיאַמע (זלמן), געבוירן 1925, מיטגליד פון דער אונטערערדישער באַוועגונג פון געטאָ, געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן בשעתן אַריינגנבענען אין געטאָ געווער, דערשאָסן דעם 30־טן אַפּריל 1943. („ירושלים דליטא", 394; סוצקעווער, 135; רוזשקע, 275).

108) גאָלדשטיין, 7; רוזשקע, 204; לויט גאָלדשטיינען איז באַראַנען געלונגען צו דערגיין צום געטאָ, אַרויסנעמען פון דאָרט זיין זון און פרוי און אַרויסגיין צו דער פּוילישער אונטערערד (במשך פון דער געטאָ־תקופה איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער פּוילישער אונטערערד, וואָס די געטאָ־מענטשן פלעגן זיך נוהג זיין אָנצורופן מיטן נאָמען „א. ק."); זיין פרוי האָט דערציילט, אַז ער איז דערהרגעט געוואָרן אין ווילנע, קורץ פאַר דער באַפרייונג; לויט י. יפה זענען די דריי אויסבאַהאַלטן געוואָרן דורך דער פּוילישער פרוי מאַריאַ פּעדעצקאַ („ווילנער בלעטער", 6) לויט קאַטשערגינסקי, „חורבן ווילנע", 194, איז זיין נאָמען געווען אליהו באַראַן, פון פאַך אַן אינזשיניער; ער איז געזוכט געוואָרן דורך דער געשטאַפּאָ, וואָס האָט אים געכאַפּט אויף איינער פון די ווילנער גאַסן, טראַגנ־דיק געווער; ער ווערט געפירט קיין פּאָנאַר, שפּרינגט אַראָפּ פון לאַסט־אויטאָ און ווערט דערשאָסן בשעתן אַנטלויפן.

109) גאָלדשטיין, 6—7.

110) קויפמאַן, 7.

111) ראָזענבערג, 1.

112) דוואָרזשעצקי, 34: די שוועסטער שפרה טייטלבוים גרענאַדיר, וואָס האָט געאַרבעט מיט אים צוזאַמען אין געטאָ, האָט אים דאָרט דערציילט, אַז זי האָט זיך געטראָפן מיט סמילגן נאָך זיין אַנטלויפן פון עסטאָניע, און ער האָט איר דערציילט, אַז „מען לעבט דאָרט און מען אַרבעט"; גאָלדשטיין, 34, האָט דערציילט, אַז סמילג איז אַריבער אויף דער אַרישער זייט; נאָך דער מלחמה איז ער געווען דער יורידישער ראַטגעבער פון דער פּוילישער רעגירונג אין לובלין; איצט איז ער אין בראַזיל.

113) גאָרדאָנאָוויטש, 2.

114) „ירושלים דליטא", 471.

115) מ. ווייץ, עדות פאַרשריבן דורך ה. קרוק; מורשת, ב"ב, 49.

60) באַלבערישסקי, דוואָרזשעצקי, לאַזאַר, דערציילן וועגן די אוקראַינער; פייגנ־בערג, 20, דערציילט אַז אַ חוץ די אוקראַינער זענען דאָרט געווען אויך עסטאָניער, ליט־ווינער און לעטן.

61) די פראַגע וואָהין עס זענען פאַרשיקט געוואָרן די זקנים, קינדער, שוואַכע און פרויען (מיידאַנעק? פאָנאַר? אוישוויץ?) — פאָדערט נאָך איר גענויע אויספאָרשונג. די מערסטע ווילנער מיינען, אַז זיי זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין מיידאַנעק.

62) לאַזאַר, 195.

63) באַלבערישסקי, 484; לאַזאַר, 197; קלאַטשקאָ; סעגאַל.

64) רוזשקע גיט אָן, אַז די צאָל פון די פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען דאַן אַרויס אין וואַלד איז געווען — 150. „ספר הפּארטיזנים“, א, 51.

65) זע אַלע ביכער וועגן ווילנער געטאָ. ס'איז אָנצונעמען, אַז די גרעסטע מערהייט איז פאַרשיקט געוואָרן קיין עסטאָניע (לויט דוואָרזשעצקי, פייגנבערג — אַן ערך 7.000 מאַן; לויט סוצקעווער — 16.000, מאַסינעס, 164). 2.000 זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן (לויט באַלבערישסקי, דוואָרזשעצקי — קיין מיידאַנעק; לויט פייגנבערג — קיין טרעבלינקע); 1.400 זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין לעטלאַנד (באַלבערישסקי).

66) אברהם כוואָיניק, געבוירן אין רוזשינאַי, 1907, איינער פון די אַקטיווסטע בונ־דיסטן אין ווילנע ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה; חבר פון פ.פ.אָ.־שטאַב.

יאַנקל (יעקב) קאַפּלאַן, געבוירן 1907 אין ווילנע, אַביטוריענט פון ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר, לערער אין געטאָ; מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער גרופּע אין געטאָ ווילנע.

אַסיע ביק (ביג), געבוירן אין ווילנע 1913, געווען טעטיק אין יוגנט־בונד „צוקונפט“; טעטיק אין פ. פ. אָ.

67) פייגנבערג, 22.

68) „ירושלים דליטא“, 99.

69) באַריכט פאַרן חודש סעפּטעמבער 1943, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון ליט־ווישן זיכערהייטס־דינסט קיין בערלין (פאַרעפנטלעכט אין בוך „מאַסינעס“).

70) וואָרשיינלעך מיינט מען דאָ די יידישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין געטאָ ווילנע.

71) די געגעבענע וועגן די שחיטות אין קאָוונע זענען געבראַכט לויט די ביכער: בראַון—לעווין, 33 א"וו. גרפונקל, 28—36; גרינהויז, חורבן ליטא, פּחח, 7.

72) שטאַלעקער; ל־180.

73) זע באַריכט פון איינזאַצקאָמאַנדאָ 3, פון 1־טן דעצעמבער 1941. אַרכיוו „יד ושם“.

74) „Arbeitsjuden“; Konzentrationslager Kauen.

75) זע בריוו פון ר. ז. ה. א. 1943.10.2; אַרכיוון „יד ושם" און בלה"ג.

76) זע דעם אויבנדערמאָנטן באַריכט פון זיכערהייטס־דינסט אין ליטע, אָקטאָבער 1943.

77) די אַקציע „קאָוונע—עסטאָניע" ווערט געגוי באַשריבן אין די ביכער פון גאַר, גרפונקל, לעווין—בראַון, אינעם אַרטיקל פון דאַלניצקי, אין די אַרטיקלען פון די געראַטע־ווענע: שוסטער, בלאַזער—טשאַפּלינסקי און דאַווידסאָן־סעגאַלאָוויטש (ספר אַלשאַן); און אין די עדות־זאָגונגען פון די קאָוונער פּאַרטריבענע אין די עסטאָנישע לאַגערן: איגעלקאַ, וויטקין־סלע, זיסקין־תרשיש, פּרומאַן; זע אויך „מגילת עסטלאַנד" פון ניעמענטשיק.

78) לויט גרפונקל, 15; גאַר, 164, גיט אָן די צאָל — 2.700.

79) וועגן דער סעלעקציע צווישן מענער, פרויען, קינדער און זקנים דערציילן אַלע לעבנגעבליבענע פון יענעם טראַנספּאָרט; י. גאַר, 162—164, מיינט, אַז די קינדער זענען אָוועקגעפירט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן פון אוישוויץ.

80) גרפונקל, 151.

81) ירושלמי, 295, שרייבט אויף מאָרגן נאָך דער אַקציע „קאָוונע — עסטאָניע" (1943.10.27): „... ועגען פאַרביי צוויי יידישע טראַנספּאָרטן פון קאָוונע, דורך שאַוול, און ווי מען גיט איבער, אויך דורך לינקייצ'. אויפן פלי־פּלאַץ האָבן מיר באַקומען פּאָלגנ־דיקן בריוו: „מיטוואָך, 27 אָקטאָבער, מיר, אַ גאַנצער טראַנספּאָרט פון קאָוונער יידן, פאָרן, די פרויען באַזונדער, מיר ווייסן נישט וווהין מיר פאָרן. איינער פון סלאָבאָדקע". אאַז"וו.

82) ירושלמי, 302—310.

83) זע פּרטים וועגן דעם אויסבאַהאַלטן די קינדער פון קאָוונער געטאָ און וועגן די טראַגישע פראַגן, וואָס זענען דערביי אויפגעשוואומען: גרפונקל, 252; ענלעכע פּראָבלעמען זענען אויך אַנטשטאַנען אין געטאָ ווילנע; קרוק, 352 (3 מאַי 1942), מיינט, אַז שוין דאַן זענען טויזנטער יידישע קינדער פון געטאָ ווילנע אָוועקגעגעבן געוואָרן צו נישט־יידן.

84) גרפונקל, 155.

85) אַ ברייטע און פּילזייטיקע אַרבעט וועגן אונטערערד אין געטאָ קאָוונע איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן דורך צ. א. בראַון און ד. לעווין אונטערן נאָמען „תולדותיה של מחתרת" „יד ושם", 1962.

86) לעווין—בראַון, 144.

87) געגויע באַשרייבונג פונעם גאַנג צו די אויגוסטאָווער וועלדער: לעווין—בראַון, 149.

88) שמואל מאָרדקאָווסקי, געפאַלן ענדע מאַי 1944, איז אויסגעצייכנט געוואָרן אינעם באַפעל נומ' 37 פון פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד „אַ טויט די אָקופּאַנטן" (לעווין—בראַון, 233); נחמיה ענדלין, איז געוועז דער וועג־ווייזער פון אָטריאַד „פּאַרויס" און איז אַריין בראש פונעם אָטריאַד אין דער באַפרייטער קאָוונע (לעווין—בראַון, 388).

116) חאַרמאַץ, 2.

117) ירושלמי, 274.

118) באַלבערישסקי, 493.

119) גאַנז, 2.

120) גרינהאָלץ, 2.

121) שוסטער, ספר אָלשאַן, 245 ; אויך ניעמענטשיק, „מגילת עסטלאַנד”, דערציילט, אַז ווען דער טראַנספּאָרט פון געטאָ קאָוונע איז אָנגעקומען אין אַ וואַלד לעבן דער סטאַציע עראַ, האָבן עטלעכע געגומען לויפן. צוויי פון זיי זענען אויפן אָרט דערהרגעט געוואָרן.

דער ערשטער טאָג אין לאַגער

צעטומלטע פון די גרוילן, וועלכע האָבן באַגלייט די דעפּאָרטאַציעס צו די לאַגערן, צעבראָכענע פון דער שרעקלעכער ענגשאַפט אין די וואַגאָנען און פון לופט־מאַנגל, אויסגעשעפּטע צוליב דעם הונגער במשך פון די 3—6 טראַנספּאָרט־טעג, און צוליב דעם גרויזאַמען דורשט,[1]א וואָס האָט אַ סך דערפירט צו אַ מצב פון פּסיכאָזעס, דערנידעריקטע פון דער נויטווענדיקייט אָפּצוגעבן זייער שטול־גאַנג און אורין פאַר אַלעמען אין די אויגן אין וואַגאָן — זענען אָנגעקומען די פאַרשיקטע קיין עסטאָניע, טראַנספּאָרט נאָך טראַנספּאָרט. הינטער זיי — די טעראָר־טעג פון ערב־געטאָ, די טעראָר־טעג פון דער עצם געטאָ־תקופה. דאָס אַרויספירן זייערע משפחות צום טויט, און די דערוואַרטונג פול מיט שרעק פאַר יעדן אָנקומענדיקן טאָג און זיינע סכנות.

פון די עדות, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן קיין עסטאָניע אין די פאַר־שיידנסטע טראַנספּאָרטן ווערט קלאָר, אַז אין אַלע לאַגערן האָט זיך „דער ערשטער טאָג אין לאַגער" אויסגעטיילט מיט זיין ספּעציעלער גרויל־אַטמאָספער. ס'איז צו פאַרשטיין, אַז די „שיטה פון ערשטן טאָג אין לאַגער" איז ספּעציעל פּלאַנירט געוואָרן דורך דער לאַגער־מאַכט. די דאָזיקע שיטה איז געווען אַ קאָנסעקווענטער המשך פונעם טעראָר אין די געטאָס און פון דער פאַרטומלונג־ און אָפּשרעקונג־שיטה בשעת די דעפּאָרטאַציעס.

דער ערשטער טאָג אין לאַגער איז פּלאַנירט געוואָרן אויף צו איבערצייגן די קאַצעטלער, אַז יעדע נישט־געהאָרכזאַמקייט פירט צום טויט; און אַז יעדעס חפץ וואָס דער קאַצעטלער האָט מיט זיך געבראַכט אין לאַגער — איז שוין מער נישט זיינס, און ער האָט נישט קיין שום רשות אויסצודריקן אַ געדאַנק אָדער אָפּטאָן אַ טאַט, וואָס האָט אין זיך עפּעס פון קעגנשטעלן זיך, און אַז זיין אויפגאַבע איז נאָר צו זיין אַ העפטלינג, וואָס פּראָדוצירט פאַר די דייטשן.

דער לאַגערניק דאַרף תיכף ומיד פאַרשטיין, אַז ער איז געבראַכט געוואָרן מיט אַ ספּעציעלער כוונה „אין אַ פרעמד לאַנד, צו פרעמדע מענטשן, וואָס ער האָט מיט זיי נישט קיין געמיינזאַמע שפּראַך",[1] און אַז ער דאַרף גלייך משלים זיין מיטן געדאַנק, אַז ער האָט נישט צו וועמען צו אַנטלויפן.[1] ער דאַרף משלים זיין מיטן פאַקט, אַז מער וועט ער שוין נישט זען זיין פרוי און די קינ־

דער, און אַז די גאַנצע אַקציע פון פּריוויליקן גייען צו די טראַנספּאָרטן, בכדי זיך צו פאַראייניקן מיט די משפּחות, איז געווען נאָר אַן אָרגאַניזירטע פאַרפירונגס־אילוזיע, אַ רינגעלע אין דער קייט פון די אָפּנאַרערייען. אין זיין לאַגער איז ער אָפּגעריסן לגמרי פון אַלע אַנדערע לאַגערן און פון יעטוועדער פאַרבינדונג מיט דער אַרומיקער וועלט. צו דער אַרבעט וועט ער גיין באַגלייט פון פּאָסטנס, פון דער אַרבעט וועט ער זיך צוריקקערן אונטער אַ וואַך פון פּאָסטנס; ער וועט נישט האָבן קיין שום מעגלעכקייט צו דערוויסן זיך ווו עס געפינען זיך די מענטשן פון זיין משפּחה, און אַפילו צי זיי לעבן נאָך. פון היינט אָן געפינט ער זיך אין אַ מצב פון אַבסאָלוטער איזאָלאַציע פון דער אַרומיקער וועלט.

במשך פון די נאָענטסטע טעג, וועט ער זיך אויך איבערצייגן, אַז אויב ער איז נישט אַרבעטספעיִק, אָדער אויב דער דייטשער אַרבעטס־אויפזעער וועט באַ־מערקן, אַז ער אַרבעט אָן מאַקסימאַלער פּראָדוקטיווקייט און אָנשטרענגונג, וועלן די דייטשן אים באַטראַכטן פאַר נישט אַרבעטספעיִק, און פאַר אַן „אומנייטיקן" מענטש. און „אומנייטיק" הייסט — באַלדיקער טויט.

דער ערשטער טאָג אין לאַגער איז פּלאַנירט געוואָרן דורך דער דייטשער מאַכט, בכדי צו צעברעכן דעם לאַגערניק, און אים צו לערנען, אַז פונעם ערשטן לאַגער־טאָג און ווייטער, איז פאַר אים יעדע סאָלידאַריטעט מיט די אַנדערע אַרעסטירטע נאָר אַ שטער. פאַרקערט — נאָר אינעם אויספירן דעם רצון פון די דייטשן, אין אַבסאָלוטער געהאָרכזאַמקייט, און אַפילו צום אומגונסטן פון זיינע חברים, וואָס ווערן געפייניקט אַזוי ווי ער אַליין, נאָר אין דעם קען ער זען וועלכן עס איז שאַנס פון ראַטעווען זיך און איבערבלייבן ביים לעבן.

דער ערשטער טאָג אין לאַגער האָט געדאַרפט מיט זיך פאָרשטעלן די הקדמה צו די אָנקומענדיקע גרויל־טעג, וואָס וועלן פירן צו דער דעפּערסאָנאַליזאַציע פון לאַגערניק און צו זיין דעהומאַניזאַציע, ד"ה צום פאַרלירן אַלע הומאַנע יסודות פון אַ מענטשן. דער וועג דערצו איז דאָס אָפּטויטן פון יעטוועדער סאָלידאַרי־טעט מיט זיינע געפייניקטע ברידער.

די לאַגער־עדות דערציילן, אַז ווי נאָר זיי זענען אַראָפּ פון די וואַגאָנען, האָט מען זיי באַפוילן אָפּצוגעבן אַלע זייערע מיטגעברענגטע חפצים. אויפן פּלאַץ ווו זיי זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן (און וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט גע־וואָרן געוויינלעך אינעם „אַפּעל־פּלאַץ"), זענען איבערגעבליבן גאַנצע קופּעס בגדים און געברויך־זאַכן. די לאַגערניקעס האָבן זיך דאָן איבערצייגט, אַז זיי זענען נאָר אויסגענוצט געוואָרן צו זיין אומזיסטע איבערטרעגער פון די דאָ־זיקע אַלע פּעק, וועלכע זענען ביי זיי איצט צוגענומען געוואָרן. פון דעם מאָמענט אָן איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז זיי באַזיצן גאָרנישט אַחוץ דעם בגד אויפן לייב.

אין אַ סך לאַגערן זענען גלייכצייטיק געמאַכט געוואָרן רעוויזיעס אין די בגדים און איבערן לייב פון די לאַגערניקעס, צי עס געפינט זיך דאָרט נישט אַ מטבע, אַ פּאַפּיר־באַנקנאָט, אָדער אַנדערע ווערטזאַך. פאַרן נישט אָפּגעבן דאָס געלט און ווערטזאַכן, פלעגט מען אָפט באַשטראָפט ווערן מיט טויט פאַר אַלעמען אין די אויגן.

ביים אָנקומען אין לאַגער האָט די לאַגערניקעס דערוואַרט נישט נאָר דאָס אָפּנעמען ביי זיי די זאַכן, נאָר אָפט אויך אַ קבלת־פּנים פון מכות־רצח. וועגן דעם ווערט דערציילט אין די פאַרשידנסטע גביות־עדות.

די קאָוונער דערציילן, אַז ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין ערא, זייער ערשטער סטאַציע אין עסטאָניע, זענען זיי מיט קלעפּ אַרויסגעפירט געוואָרן פון די וואַגאָנען, און ס. ס.־לייט האָבן זיי אַוועקגעפירט צום נאָענטן וואַלד וווּ מען האָט ביי זיי צוגענומען זייערע אַלע חפצים; ערשט דאַן זענען זיי אַוועקגעפירט געוואָרן קיין וויוואַרא, און פון דאָרט צו אַלע אַנדערע עסטאָנישע לאַגערן, ווי ערעדאַ, גאָלדפילץ, יעוויע, נאַרווא, סאָסקי, קורעמע, ווי אויך קיין קלאָגע.[2]

ווען די טראַנספּאָרטן זענען אָנגעקומען קיין וויוואַרא האָט שנאַבעל געפאָדערט פון די לאַגערניקעס אים אָפּצוגעבן זייערע אַלע חפצים. ווען ער פלעגט געפינען בשעת דער רעוויזיע עפּעס ווערטפולס ביים לאַגערניק, פלעגט ער אים גלייך געבן אַ קויל אין קאָפּ.[3] „מען האָט אונדז אויסגעשטעלט אויפן פּלאַץ, אַלץ פון אונדז צוגענומען און געשלאָגן מכות־רצח״.[4]

ווען מען איז אָנגעקומען אין וויוויקאָני, האָבן די ס.ס.־לייט געפאָדערט פון די געבראַכטע, זיי זאָלן אָפּגעבן אַלץ, וואָס זיי האָבן; זיי האָבן אויך געוואָרנט, אַז דער ביי וועמען מען וועט געפינען עפּעס, אַפילו אײנעם ווערט פון איין מאַרק, וועט ער אויף אַן אָרט דערשאָסן ווערן.[5]

קיין לאַגעדי זענען די לאַגערניקעס פון ערעדאַ און גאָלדפילץ געבראַכט געוואָרן אין מיטן נאַכט; זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון די וואַגאָנען, ביי גרויל־געשרייען און ביים איזדיעקעווען זיך מצד די ס. ס.־לייט; מיט דער דאָזיקער אַקציע פון איזדיעקעווען זיך האָבן אָנגעפירט שטיוועץ, שאַרפעטער און שוואַרצע.[6]

די עדות פון קלאָגע דערציילן, אַז בעתן אָנקומען אין לאַגער, האָט אַן ס.ס.־מאַן דערשאָסן אַ לאַגערניק ביי וועמען ער האָט געפונען געלט־באַנקנאָטן; ער האָט דערנאָך אַלעמען געמאָלדן, אַז „אַזוי וועט זיין דער גורל פון די אַלע, וואָס וועלן אַליין נישט אָפּגעבן זייערע ווערטזאַכן״.[7] דער עצם־ענין פון אָפּגעבן דאָס געלט און די ווערטזאַכן איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויף אַ פּלאַנירטן אופן. „גלייך מיטן אָנקומען פון די לאַגערניקעס קיין קלאָגע, האָט מען אָנגעזאָגט דורך אַ הילכער, אין פיר שפּראַכן: דייטש, יידיש, ליטוויש און רוסיש, אַז יעטוועדער איינער דאַרף תיכף אָפּגעבן אַלע זיינע ווערט־זאַכן: זייגערלעך, גאָלד, זילבער און

תכשיטים".[8] אין דער זעלבער נאַכט האָט דער ס. ס.־מאַן אַרמין רוטענבערג גע־יאָגט די פאַרמאַטערטע אָקאָרשט־אָנגעקומענע — איבערצוטראָגן אין געלויף 600 זעק זאַמד אויף די פּלייצעס — פון דער באַן־סטאַציע צום צוג.[8]

אין אַ סך לאַגערן איז דער ערשטער טאָג געווען באַגלייט מיטן אַקט פון סאַדיסטישן אָפּגאָלן די לאַגערניקעס; אַזוי האָט מען אויך דעגראַדירט די פרויען, וועלכע זענען געווען געצוווּנגען זיך אויסצושטעלן נאַקעט פאַר די ס. ס.־לייט, וואָס האָבן זיי אונטערזוכט, צי עס געפינען זיך קיין אינזעקטן אין זייערע האָר.[9]

ווען די פרויען זענען אָנגעקומען קיין קיוויאַלי, בכדי אויפצושטעלן דעם לאַגער, האָט מען זיי גלייך אָוועקגעפירט אין מרחץ, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם נאָענטן שטעטעלע קיוויאַלי. „די וואָס האָבן געאַרבעט אין באָד זענען גע־ווען בלויז מענער, רוסן און עסטאָניער. מען האָט אונדז געהייסן זיך אויסטאָן נאַקעט. מיר האָבן נישט געוואָלט זיך אויסטאָן אין די אויגן פון מענער, האָט מען אונדז געשלאָגן און געצוווּנגען זיך אויסצוטאָן".[10] מיר דערמאָנען זיך אויך, אַז דאָס צווינגען די פרויען זיך אויסצוטאָן נאַקעט אין די אויגן פון די מענער, על פּי רוב ס. ס.־לייט, איז געווען איינער פון די וועגן צום דעגראַדירן די פרויען באַלד אינעם ערשטן לאַגער־טאָג זייערן אין יאַגאַלאַ.[11]

נאָך דעם דאָזיקן „קבלת־פּנים", פלעגט געוויינטלעך פאָרקומען דער ער־שטער אַפּעל, באַגלייט מיט פּייניקונגען און „איבונגען", וואָס צעברעכן דעם מענטש מאָראַליש און פיזיש.[12]

צו מאָרגנס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געוויינלעכע שוידערלעכע טאָג־טעג־לעכע עבודת־פּרך־לעבן אין די קאַצעטן.

באַמערקונגען

1) גרינהאָלץ, א, 2—4.

1א) ב. מעריז, 129, דערציילט, אַז אין די וואַגאָנען האָט מען געטיילט געזאַלצענע הערינג, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַ שוידערלעכן דורשט.

2) ניעמענטשיק, 1.

3) קאַלמאַנאָוויטש, 1.

4) דאַנציגער, מ, 2.

5) זיידל ה. מעריב, אַפּריל, 1965 ; סעגאַל, 2.

6) ניעמענטשיק, 4.

7) מירקין, 1.

8) וועגן ערשטן טאָג אין קלאָגע, וועגן צווינגען אָפּצוגעבן דאָס געלט און ווערט־זאַכן, ווי אויך וועגן דערמאָרדן דערביי אַ העפטלינג, זע די עדות־זאָגונגען פון דויטש, דושאַנסקי, ראַבינאָוויטש, ראַטנער, וויינטרויב, ד״ר זיידלער, אָביעדזינסקי, אַראָנסאָן, זיי־דעל, מירקין, וואַפּניק, סעגאַל. אברהם וואַפּניק דערציילט, אַז דער דערהרגעטער האָט געהייסן פישער, און איז געווען פריער אַ פּאָליציסט אין געטאָ. „אַלע האָבן מיר געמוזט זען דעם קערפּער פון דערהרגעטן״. מירקין דערציילט, אַז דער געהרגעטער האָט געהייסן שמואל נאָסאָוו : „דער ס.ס.־מאַן רוטענבערג האָט לכתחילה געשלאָגן אים מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. דאַן אים געשאָסן אין נאַקן, אַרויפגעגאָסן אויף אים ברענשטאָף און אים פאַרברענט״. דעם נאָמען נאָסאָוו גיט אויך אָן דער אַרטיסט סעגאַל ; דאַקעגן באַל־בערישסקי אין זיין בוך גיט אָן דעם נאָמען נאָסיקאָוו, 522. זע אויך : מערין, 30־.

9) וועגן „ראַזירן די לאַגערניקעס״ זע אינעם קאַפּיטל וועגן די לעבנס־באַדינגונגען אין די לאַגערן.

10) גאָרדאָנאָוויטש, 4.

11) מייסנעראָווּאַ, „פּעפּל״, 52 ; פּעטראַסקאָוואַ, 12.

12) וועגן די אַפּעלן זע אויך ווייטער אינעם קאַפּיטל „פּייניקונגען״.

דער מצב אויף די פראָנטן און די עסטאָנישע לאַגערן

דאָס שאַפן זיך פון די לאַגערן אין עסטאָניע, ווי אויך די עוואַקואַציע — אָדער ליקווידאַציע פון די לאַגערניקעס, זענען געווען אָפּהענגיק פונעם מצב אויפן פראָנט עסטאָניע—לענינגראַד.

דער צענטראַלער קאָנצענטראַציע־לאַגער וויוואַראַ מיט זיינע פיליאַלע לאַגערן, זענען ווי שוין אויבן געזאָגט, אַנטשטאַנען צוליבן נויטיקן זיך אין אַרבעטס־הענט, בשעת די דייטשע אַרמייען האָבן זיך געגרייט אָנצוהויבן אַן אַנטי־סאָוויעטישע אָפּענסיווע אויפן לענינגראַדער פראָנט, אָדער געשטאַרקט דעם כוח אָפּצושלאָגן אַ סאָוויעטישע אַנטי־דייטשע אָפּענסיווע אויף דעם דאָזיקן פראָנט.

פאָלגנדיקע יידן־לאַגערן זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין עסטאָניע זינט אויגוסט 1943 (אַחוץ דעם לאַגער יאַגאַלאַ, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן סעפּטעמבער 1942 און אויפגעלעזט געוואָרן פרילינג 1943):

1) אַאוואַרע, 2) אַזאַרי, 3) אילינורמע, 4) גאָלדפילץ, 5) הונגענבורג, 6) וויוואַראַ (צוויי לאַגערן: איינער, ביי דער באַן־סטאַציע וויוואַראַ, און דער צווייטער, 5 ק״מ ווייט פון דער באַן־סטאַציע, ביי אַ בענזין־פאַבריק), 7) וויוויקאָני (געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזען וויוויקאָני אַלס דריטן לאַגער פון וויוואַראַ), 8) טאַלין (אַ תפיסה, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ לאַגער פאַר די רעשטלעך פון יאַגאַלאַ, זומער 1943), 9) יעוויע, 10) לאַגעדי (צוויי תקופות: א) פון 22סטן יולי ביזן 18טן אויגוסט 1944, ב) פון 22סטן אויגוסט ביזן 18טן סעפּטעמבער 1944), 11) נאַרוואַ, 12) סאָנדאַ, 13) סאָסקי, 14) ערעדאַ, מיט אַן אַרבעטס־איינהייט ביי קאָטלאַ, 15) פּוטקי, 16) קונדאַ (פּאָרט קונדאַ), 17) קורעמע, 18) קיוויאָלי (לאַגער 1, לאַגער 2), 19) קלאָגע (מיט אַ ביי־לאַגער לאַנקילע, וואָס האָט עקזיסטירט אייניקע וואָכן, זומער 1944, און אַן אַרבעטס־איינהייט ביים „באַלטיסקי פּאָרט").

סך־הכל 19 לאַגערן; און צוזאַמען מיט די ביי־לאַגערן — עטלעכע און צוואַנציק לאַגערן.

כמעט אַלע דעפּאָרטירטע קיין עסטאָניע זענען דורכגעגאַנגען דעם לאַגער יאַגאַלאַ, פון וואַנען זיי זענען צעשפּרייט געוואָרן איבער אַלע אַנדערע לאַגערן. לויט די עדות־זאָגונגען קומט אויס, אַז פון ווילנער געטאָ זענען געבראַכט געוואָרן קיין עסטאָניע בערך 17.000 יידן, און צוזאַמען מיט די געבראַכטע פון קאָוונע,

ביסטריצע און לאַטוויע, האָט זייער צאָל איבערגעשטיגן 20.000. די גרעסטע צאָל פון די לאַגערניקעס האָט לויט די צאָל עדות־זאָגונגען אויסגעמאַכט: ווייוואַראַ — קרוב 1.300 מאַן; ערעדאַ — קרוב 2.000; גאָלדפילץ — 1.500; וויוויקאָני — 800־1.000; לאַגעדי א׳ — 2.000־2.400; נאַרוואַ — 1.300; קורעמע — 700־8; קיווי־אָלי — 1.200; קלאָגע — 2.400. אַלע אַנדערע לאַגערן האָבן געציילט נאָר צו הונדערטער קאַצעטלער.

די צאָל לאַגערניקעס איז קיין מאָל נישט געווען קיין סטאַבילע, ווייל תמיד זענען פאָרגעקומען אומוואַנדלונגען: טראַנספּאָרטן פלעגן אָן אויפהער אַריינגעפירט און אַרויסגעפירט ווערן פון די לאַגערן (די דאָזיקע דערשיינונג רופן מיר אָן „די דינאַמיק פון די לאַגערן"). וואַרשיינלעך איז איינע פון די סיבות געווען דער רצון פון די דייטשן נישט צו דערלאָזן, אַז די קאַצעטלער זאָלן זיך אַקלימאַטיזירן אין זייערע ערטער און אַזוי אַרום שאַפן קאָנטאַקטן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, וואָס קען עווענטועל פירן צו אַ געמיינזאַמער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

כמעט אַלע לאַגערן זענען געלעגן צפונדיק פון עסטאָניע, קאָנצענטרירט בעיקר אַרום די סלאַנייעץ־בערג ביים פינישן אויסגוס; אַ קאָנטיקער טייל פון זיי איז געווען לאָקירט האַרט ביי דער געוו. עסטאָנישער גרענעץ ד. ה. ביים לענינגראַדער פראָנט.

די דערוואַרטע סאָוויעטישע אָפענסיווע האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן דעם 14־טן יאַנואַר 1944; יענעם טאָג זענען די סאָוויעטישע אַרמייען אַרויס צו די פראָנטן לענינגראַד—וואָלכאָוו און אָנגעהויבן די אָפענסיווע אין דער ריכטונג פון נאָוואָגאָראָד און לענינגראַד. דער קאַמף פאַרן צוריקנעמען עסטאָניע פון די דייטשע הענט איז פאָרגעקומען עטאַפּ נאָך עטאַפּ. דעם 30־טן יאַנואַר האָבן די סאָוויעטישע אַרמייען לגמרי באַפרייט לענינגראַד פון דער בלאָקאַדע אין וועלכער זי האָט זיך געפונען. דעם 4־טן פעברואַר זענען די סאָוויעטן דערגאַנגען צום נאַרוואַ־אויסגוס. סוף פעברואַר זענען זיי דערגאַנגען צום געביט פון אַאַוואַראַ און אײַבערעשניטן די אײַזנבאַן־ליניעס, וואָס פירן פון נאַרוואַ צו טאַלין. אַזוי אַרום זענען די סאָוויעטישע אַרמייען צוריק אַריין אין דער טעריטאָריע פון עסטאָניע, אָנגעטאָן אַ סך שאָדנס דער אַכצנטער דייטשער אַרמיי, וואָס האָט סטאַציאָנירט אין עסטאָניע, און האָבן צוגעגרייט די באַדינגונגען פאַר ווייטערדיקע סאָוויעטישע אָפענסיוועס.

די דאָזיקע ערשטע כוואַליע פון דער סאָוויעטישער אָפענסיווע איז געווען דער גורם צו דער ערשטער כוואַליע פון לאַגער־עוואַקואַציעס. אין יענע טעג זענען עוואַקויִרט געוואָרן די לאַגערן אַאַוואַראַ, אילינורמע, הונגענבורג, וויוויקאָני, ווייוואַראַ, יעוויע, נאַרוואַ, סאָסקי, קורעמע. די עוואַקואַציע פון ווייוואַראַ איז געווען

איינע פון די גרעסטע עוואַקואַציע־אַקציעס. עס זענען דאַן אַריבערגעפירט געוואָרן פון וויוואַראַ קיין ערעדאַ בערך 1.600 מאַן, און קיין גאַלדפילץ בערך 1.200 מאַן (ב. זאַלקינדסאָן).

אין אַ האַלב יאָר אַרום בערך, דעם 11טן יולי 1944, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סאָוויעטישע אָפענסיווע אינעם געביט פון דער דווינע. די מלחמה־כראָניקעס דערציילן אונדז, אַז דעם 17־טן יולי האָט זיך אָנגעהויבן די אָפענסיווע אויפן געביט פון דער אָזיערע פייפוס, וואָס געפינט זיך אויף דער מזרח־גרענעץ פון עסטאָניע. דעם 23סטן יולי איז באַפרייט געוואָרן די שטאָט פסקאָוו, ביי דער דרום־גרענעץ פון פייפוס, דעם 24סטן און 25סטן יולי איז פאָרגעקומען אַן אָפענסיווע אין צפון־עסטאָניע, אויפן געביט פון נאַרווע. דעם 26־טן יולי איז דעראָבערט געוואָרן נאַרווע.

דעם 25־טן אויגוסט — איז איינגענומען געוואָרן די שטאָט טאַרטו. דעם 14־טן סעפּטעמבער האָט זיך אָנגעהויבן דער גערעאַנגל, וועלכער האָט דעצידירט דעם גורל פון עסטאָניע. דעם 15טן סעפּטעמבער שיקט איבער גענעראַל שערנער, דער קאָמענדאַנט פון דער אַרמייען־גרופּע „נאָרד" — אַ טעלעגראַפישע בקשה צו דער הויפּט־קאָמענדע פון דייטשן מיליטער, עס זאָל אים דערלויבט ווערן אָנצוהויבן דעם צוריקצוג פון עסטאָניע (לויטן מיליטערישן קריפּטאָנים האָט עס געהייסן דורכצופירן די אַקציע „אַסטער").

דעם 16־טן סעפּטעמבער איז געגעבן געוואָרן די דערלויבעניש דעם דייטשן מיליטער אָנצוהויבן אַן אַלגעמיינעם צוריקצוג פון עסטאָניע. דעם 17־טן סעפּטעמבער האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע סאָוויעטישע אָפענסיווע אין טאַלינער געביט, און דער פּאַנישער צוריקצוג פון די דייטשע אַרמייען; דעם 22־טן סעפּטעמבער ווערט איינגענומען טאַלין, דער אַזוי וויכטיקער פּאָרט פון באַלטישן ים און די אַזוי וואָגיקע מיליטערישע באַזע; אין משך פון די נאָענטסטע טעג איז גאַנץ עסטאָניע באַפרייט געוואָרן.

גלייכצייטיק מיטן אָנהויב פון דער סאָוויעטישער אָפענסיווע (ווי אויבן געזאָגט: 11 יולי 1944), הייבן זיך אָן אין אַלע לאַגערן הכנות צו דער עוואַקואַציע פון די לאַגערן; נאָכן 22־טן יולי קומט פאָר אין אַלע לאַגערן אַן אַקציע פון סעלעקציאָנערן 10% פון די לאַגערניקעס צום טויט, די אַ"ג „צענפּראָצענטיקע אַקציע" (ס'זענען אָבער אויך דאָ מענטשן, וועלכע האַלטן, אַז די דאָזיקע אַקציע איז געווען אַ נקמה מצד די דייטשן פאַרן אַטענטאַט, וואָס איז פאָרגעקומען קעגן היטלערן דעם 22סטן יולי 1944); און דעם 28סטן יולי קומט פאָר די עוואַקואַציע פון די לאַגערן ערעדאַ און גאַלדפילץ, וועלכע ווערן נאָך אַ סך וואַנדלונגען געבראַכט קיין לאַגעדי.

די הויפּט־קאָמענדע פון די לאַגערן אין עסטאָניע האָט געוואָלט אַריבער־

פירן די לאַגערניקעס פון טאַלין דורכן באַלטישן ים צו אַן אַנדערן אויפנאַם־לאַגער (שטוטהאָף); אָבער ווי ס'ווייזט אויס, זענען ניט געווען קיין גרייטע שיפן, וועלכע זאָלן אַריבערפירן די לאַגערניקעס פון טאַלין קיין שטוטהאָף.

טראָץ דעם, וואָס די לאַגערניקעס פון ערעדאַ און גאָלדפּילץ זענען געבראַכט געוואָרן קיין טאַלין, און אַפילו פאַרלאָדן געוואָרן אויף אַ שיף, — האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן די שיף; זיי זענען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין קלאָגאַ; דאָרט זענען זיי נישט אויפגענומען געוואָרן. זיי זענען ווידער געשיקט געוואָרן קיין טאַלין און פון דאָרט קיין לאַגעדי, ווו זיי זענען אָפּגעווען אַן ערך 3 וואָכן, און נאָך דעם עוואַקויִרט געוואָרן ווידער קיין טאַלין, און פון דאָרט קיין שטוטהאָף. אַנדערע לאַגערן, ווי קיוויאָלי, זענען דירעקט אָנגעקומען קיין טאַלין און אָפּגעפאָרן קיין שטוטהאָף איבערן באַלטישן ים, צוזאַמען מיט די לאַגערניקעס פון ערעדאַ און גאָלדפּילץ, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון לאַגעדי (אין דער צווייטער העלפט פון אויגוסט 1944). פון לאַגער קלאָגאַ האָט מען עוואַקויִרט קיין טאַלין נאָר אייניקע הונדערט (300—400) מאַן, בעיקר עלטערע און אָפּגעשוואַכטע פרויען (אין מיטן אויגוסט 1944).

קיין טאַלין זענען אויך אָנגעקומען די קאַצעטלער פון סאָנדאַ, פּוטקי, קונדאַ, ווי אויך פון אַזאַרי דורך גאָלדפּילץ. אַנדערע מיינען, אַז די אויבן דערמאָנטע קאַצעטלער זענען אַריבערגעשיקט געוואָרן פון טאַלין קיין שטוטהאָף, נישט אין איין שיף, נאָר אין צוויי.

אין עטלעכע טעג אַרום (דעם 22סטן אויגוסט) זענען פון קלאָגאַ אַרויסגעשיקט געוואָרן אַן ערך 500 מאַן קיין לאַגעדי, ווו ס'איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן אַ נייער לאַגער (מיר וועלן אים רופן: לאַגעדי ב'). ד"ה, ווען אַלע קאַצעטלער פון עסטאָניע זענען עוואַקויִרט געוואָרן דורכן באַלטישן ים קיין שטוטהאָף, זענען דאָ איבערגעבליבן אין עסטאָניע עקזיסטירן צוויי לאַגערן מיט יידישע קאַצעטלער: קלאָגאַ און לאַגעדי.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַנישער צוריקצוג פונעם דייטשן מיליטער, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער סאָוויעטישער אָפענסיווע אויף טאַלין, האָבן די דייטשן ליקווידירט די ביידע לאַגערן דורך מאַסן־אויסמאָרדונגען (לאַגעדי — דעם 18־טן סעפּטעמבער; קלאָגאַ — דעם 19־טן סעפּטעמבער); יענע טעג זענען אויך דערמאָרדעט געוואָרן 1.000 אַרעסטירטע פון תפיסה־לאַגער טאַלין.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז דאָס אַנטשטיין פון די "יידישע" לאַגערן אין דער נאַצישער עסטאָניע, זייער קיום, עוואַקואַציע און ליקווידאַציע — איז געווען אָפּהענגיק פון דער סיטואַציע אויף דעם פראָנט עסטאָניע—לענינגראַד. דעריבער איז טאַקע נישט געווען גלייך די קיום־צייט פון די לאַגערן. געווען לאַגערן, וועלכע האָבן עקזיסטירט נאָר אייניקע וואָכן, ווי לאַגעדי א' (ביזן אַרויספירן די לאַגער־

ניקעס קיין שטוטהאָף); און לאַגעדי ב׳ (ביז דער מאַסן־שחיטה). דאָס גלייכן איז געווען קורץ די עקזיסטענץ פון קלאָגער ביי־לאַגער לאַנקילע. נאָר אייניקע וואָכן (ביז דער שחיטה אין קלאָגע).

ס׳זענען געווען לאַגערן, וואָס האָבן עקזיסטירט אייניקע חדשים (ווי סאַסקי); אויך הונגענבורג האָט עקזיסטירט נאָר אייניקע חדשים (אָקטאָבער־דעצעמבער 1943); לענגער האָט עקזיסטירט דער לאַגער קורעמע — ביז דער עוואַקואַציע קיין גאָלד־פילץ; אַן ערך אַ האַלב יאָר האָבן עקזיסטירט די לאַגערן ווייוואַראַ, וויוויקאָני, נאַרוואַ (ביז זייער עוואַקואַציע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערשטער כוואַליע פון דער סאָוועטישער אָפענסיווע, בעיקר נאָכן 4־טן פעברואַר 1944, ווען די סאָוויעטן זענען דערגאַנגען צום פינישן אויסגוס).

אַמלענגסטן האָבן עקזיסטירט די לאַגערן קיוויאָלי (אַן ערך אַ יאָר — ביז דער עוואַקואַציע קיין שטוטהאָף), און קלאָגע (אַן ערך אַ יאָר ביז דער מאַסן־שחיטה, 19 סעפטעמבער 1944).



מאַפּע פון עסטאָניע

די לאַגערן אין עסטאָניע און די קאַצעטן־וועלט

די קאַצעטן אין נאַצי־דייטשלאַנד זענען אויפגעשטעלט געוואָרן גלייך מיטן אַנטשטיין פונעם היטלער־רעזשים, אין 1933, ד"ה נאָך אין די שלום־יאָרן, און זענען נישט געווען אַ פּראָדוקט נאָר פון דער מלחמה. גלייכצייטיק מיטן איבערנעמען די מאַכט, דעם 30סטן יאַנואַר 1933, זענען געגרינדעט געוואָרן די טרויעריק באַקאַנטע „פאָלקס־געריכטן" און דער גאַנצער סיסטעם פון „יורידישער" רעכטלאָזיקייט, וועלכער האָט פאַרוואַנדלט דעם מענטשן אין דייטשלאַנד אין אַ הפקר פאַר יעדער יוסטיץ־עוולה און דעם ייד — לגמרי אין אַ שוצלאָז באַשעפעניש. דאַן איז אַנטשטאַנען דער באַגריף „שוצהאַפט", וואָס האָט דערמעגלעכט די שיטה פון מאַסן־רעוויזיעס, אַבלאַוועס און אַרעסטן. אין יענע טעג האָט נאַצי־דייטשלאַנד אָנגעהויבן אויפצושטעלן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. צווישן די ערשטע לאַגערן איז געווען דאַכאַו, ביי מינכען, וועלכער איז אַנטשטאַנען נאָך אין יאָר 1933, און האָט געדאַרפט דינען אַלס מוסטער און מאָדעל פאַר אַלע אַנדערע לאַגערן. דאַכאַו האָט אויך געדאַרפט דינען אַלס שול פאַר די צוקונפטיקע ס.ס.־פירער; אָט די, וואָס זענען שפּעטער באַשטימט געוואָרן צו זיין די לאַגער־פירערס האָבן זיך דאָרט ספּעציאַליזירט ווי אַזוי אָנצופירן אַ לאַגער, און ווי אַזוי דורכצופירן שטראָף־אַקציעס. דאַכאַו איז געווען איינע פון די צענטערן, וווּ מען האָט אויסגעפּאָרמירט די „קאַצעטן־שיטה", און געשאַפן דעם טיפּ פון ס. ס.־מאַן, נאַצי־ראָבאָט, וואָס איז גרייט אויף אַלע גרויזאַמקייטן ביים אויספירן זיינע פונקציעס אַלס ראש פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

טעאָדאָר אייקע, דער קאָמענדאַנט פון דאַכאַו, איז געווען דער וואָס האָט אויפגעבויט דעם מאָדעל און דעם פּראָגראַם פון דעם פאַרשקלאַפונגס־סיסטעם אין די לאַגערן; שפּעטער איז ער טאַקע נאָמינירט געוואָרן אַלס אַלגעמיינער אויפזעער איבער די קאַצעטן; נאָך זיין טויט, 1943, איז אויף זיין אָרט נאָמינירט געוואָרן, אויף אַ קורצן טערמין, אָבערגרופּנפירער אַגוסט הייסמייער, און דאַן איז דער ס. ס.־אָבערגרופּנפירער ריכאַרד גליקס געוואָרן דער גענעראַלאינספּעקטאָר פון די קאַצעטן, ביזן סוף פון קריג, 1945, ווען ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

לויטן אָנגענומענעם פּלאַן איז בראש פון יעדן לאַגער געשטאַנען דער „לאַ־

גערקאָמענדאַנט״ a און ער האָט געהאַט צוויי הויפּט־באַהעלפערס: 1) דער „לאַגער־פירער פון ק.צ.־לאַגער״, b וואָס האָט זיך אָפּט גערופן אויך „שוצהאַפטסלאַ־גער־פירער״. c ער איז געווען דער בעל־הבית פון אַלע קאַצעטלער, און איז דורך זיי אָנגערופן געוואָרן פּשוט „לאַגערפירער״ און 2) „דער לאַגערפירער פיר ס.ס.״, d וואָס איז געשטאַנען בראש פון די אַלע ס. ס.־לייט, וועלכע האָבן אויסגעפירט זייערע פונקציעס אינעם לאַגער (אין די אָפיציעלע נאַצישע פּאַפּירן ווערן זיי באַצייכנט מיטן נאָמען „די טרופּע״). e אַחוץ די דאָזיקע דערמאָנטע דריי הויפּט־אַמטן איז אַ טייל פון די ס. ס.־לייט געווען באַשעפטיקט אַלס „וואַכ־מאַנשאַפטן״, f זייער אויפגאַבע איז געווען צו שטיין באַוואָפנט אויף די וואַך־טורעמס און באַוואַכן די לאַגערן, בעיקר, תיכף אויף אָן אָרט מאַכן אַ סוף מיט יעדן אַנטלויפער; אויסער דעם לאַגער, זענען געווען ס. ס.־לייט באַשעפטיקט אַלס „פּאָסטנס״. g וועלכע האָבן געהאַט אַלס הויפּט־ציל אָפּצוהיטן עס זאָלן נישט פּאַרקומען קיין אַנטלויפונגען פון די אַרבעטס־איינהייטן.

לכתחילה זענען די היטערס פון די לאַגערן געווען בלויז דייטשן; שפּעטער, אין די מלחמה־יאָרן, זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין די ס. ס.־רייען אויך „אַר־טיקע״; זיי זענען געוואָרן די מערהייט פון די „פּאָסטנס״, אין דער צייט, וואָס אַלע אָפיציעלע אָנפירונגס־אויפגאַבן זענען אויסגעפירט געוואָרן ווי פריִער, נאָר דורך דייטשע ס. ס.־לייט.

די לאַגערן אין עסטאָניע זענען אין אַלגעמיין געווען געבויט לויטן מוסטער פון „קאַצעטן־סיסטעם״ אין גאַנץ אייראָפּע; מיר וועלן אויך פאַרצייכענען באַזונ־דערקייטן, אַרויסגערופענע צוליב די ספּעציפישע באַדינגונגען פון זיין אַזוי נאָענט צום לענינגראַדער פראָנט.

---

a Lagerkommandant.

b Lagerführer für das K.Z. Lager.

c Schutzhaftlagerführer.

d Lagerführer für S.S.

e Die Truppe.

f Die Wachmannschaften.

g Die Posten.

וויוואַראַ (וויוואַראַ־סאַקי) און די ביי־לאַגערן

דער לאַגער וויוואַראַ איז געווען דער הויפּט־לאַגער אין עסטאָניע (שטאַם־לאַגער):[a] ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די „צענטראַלע פון אַלע אַרבעטס־לאַגערן" אין עסטאָניע.[b] אַלע אַנדערע לאַגערן זענען באַצייכנט געוואָרן אַלס „ביילאַגערן",[c] אָדער אַלס „אויסן־לאַגערן".[d] אין די דייטשע דאָקומענטן דער־שיינט דער נאָמען ק. צ. וויוואַראַ[e] אַלס שם־הכולל פון אַלע לאַגערן אין עס־טאָניע. מחמת דאָס רוב טראַנספּאָרטן זענען אָנגעקומען קיין וויוואַראַ, און זענען פון דאָרט צעשיקט געוואָרן איבער פאַרשיידענע לאַגערן, האָט זיך וויוואַראַ אויך אָנגערופן מיטן נאָמען „דורכגאַנגסלאַגער".[f]

די אַרויסגעפירטע פון ווילנער געטאָ, דעם 6טן אויגוסט 1943, זענען קיין וויוואַראַ געבראַכט געוואָרן אין אייניקע טעג אַרום; אָבער דער אָפיציעלער טער־מין פון אויפשטעלן וויוואַראַ איז געווען — ווי שוין פריער דערמאָנט — דער 15־טער סעפּטעמבער 1943.[1] דעם 17־טן דעצעמבער 1943 האָט דער ר. ז. ה. א. פון בערלין געמאָלדן, אַז ער האָט באַשטימט, אַז דער פּאָסט־אַדרעס פאַר וויוואַראַ וועט הייסן: „פעלדפּאָסט 58.964".[2]

די אָנפירערשאַפט פון אַלע עסטאָנישע לאַגערן האָט זיך טאַקע געפונען אין וויוואַראַ; דאָ איז אויך געווען דאָס זיצאָרט פון ס.ס.־אָבערשטורמפירער האַנס אַאומייער,[3] דער לאַגערקאָמענדאַנט פון וויוואַרער לאַגער, ד"ה הויפּט קאָמענדאַנט פון אַלע עסטאָנישע קאַצעטן.

דער אָנפירונגס־שטאַב פון וויוואַראַ האָט זיך אָנגערופן „ס. ס. דינסט־קאָ־מאַנדאַנטור שטאַב ק. צ. וויוואַראַ".[g] ער איז באַשטאַנען פון 3 ס. ס.־אָפיצירן

---

a Stammlager.

b Die Zentralle aller Arbeitslagern in Estland.

c Beilagern.

d Aussenlagern.

e K.Z. Vaivara.

f Durchgangslager.

(ס. ס.־פירער) און פון אַ 50—60 „אונטערפירער" און מאַנשאַפט (פּשוטע ס.־ס.־זעלנער).

בראש פון יעדן לאַגער איז געשטאַנען אַ קאָמאַנדאַפירער, וואָס איז אָפיציעל נישט געווען נאָמינירט אין גראַד פון אַ לאַגערפירער, האָט אָבער אויסגעפירט די פונקציעס פון אַ „לאַגערפירער" (ד״ה פון אַ „שוצהאַפטסלאַגערפירער"). ווען די דאָזיקע אָפיציעלע דינסט־ביוראָען האָבן די לאַגערניקעס פאַרשטענדלעך נישט געוווסט און זיי האָבן אין יעדן לאַגער אַנגערופן זייער ראש מיטן נאָמען „לאַגערפירער". די דאָזיקע לאַגערפירערס פלעגן אָפט בייטן זייערע לאַגערן, און פלעגן אויך אָפט קומען צו די לאַגערן (וואָס זענען נישט געלעגן אונטער זייער הערשאַפט), בכדי צו העלפן דעם לאַגערפירער אויסצופירן אַ שווערע סעלעקציע אָדער אַנדערע פייניקונגס־מעשים. (אַזוי, למשל, פלעגט דער לאַגערפירער פאַניקע קומען אין לאַגער פון שנאַבעל, בכדי אים צו העלפן דאָרט דורכפירן די אכזריותן).

די שמירה אויף די עסטאָנישע לאַגערן האָט זיך געפונען אין די הענט פון אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג פון ס. ס., וועלכע איז באַשטאַנען פון עסטאָנישע קאָלאָבאָראַטאָרן; צווישן די היטער פון די לאַגערן איז אויך געווען צו זען רוסן און אוקראַאינער אין ס. ס.־בגדים (די לאַגערניקעס פלעגן זיי אָנרופן „וולאַסאָווצעס" אַלס באַצייכענונג פאַר בוגדים; ס׳איז שווער צו וויסן צי זיי זענען ווירקלעך געווען אָנגעהעריקע צו דער וולאַסאָוו־אַרמיי).

די אויפזיכט איבער דער אַרבעט, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן דורך די לאַגערניקעס, אין די אַרבעטס־איינהייטן אויסערן־לאַגער, איז אָפט געלעגן אין די הענט פון „אָטע". a געווען לאַגערן, וועלכע זענען די ערשטע וואָכן פון זייער עקזיסטענץ געווען לגמרי אונטער דער אויפזיכט בלויז פון „אָטע",[4] און ערשט שפּעטער זענען זיי אַריבער אונטערן רשות פון די ס. ס.־לאַגערפירערס. אויך אַ סך „אָטע"־לייט האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אַכזריות.

אָפטמאָל איז די אויפזיכט איבער די לאַגערן געווען זייער קאָמפּליצירט און באַשטאַנען פון פאַרשידענע טיילן. אַזוי, למשל, איז די אַלגעמיינע אויפזיכט איבערן לאַגער קלאָגע און ביים דראָט־צוים אַרום קלאָגע, געלעגן אין די הענט פון ס. ס.; די אויפזיכט איבער דער אַרבעט („אַרבייטסאיינזאַץ") — איז געלעגן אין די הענט פון אַן „אָטע„־איינהייט,[4] און פון אַ ים־פּלאַט־איינהייט, b ווי אויך אין די הענט פון „ציווילאַנגעשטעלטע", c וועלכע האָבן אָנגעהערט צו פאַרשידענע פּריוואַטע פירמעס. דער לאַגער קלאָגע האָט זיך אַ געוויסע צייט אָנגערופן „אָטע־לאַגער"; שפּעטער איז ער געווען באַצייכנט אַלס „וואָפן־ס. ס.־אַרבייטסלאַגער" (ביים טויער פון קלאָגער לאַגער איז געהאַנגען אַ גרויסע שילד, און אויף איר איז געווען אָנגעשריבן: „וואָפן־ס.ס.־אַרבייטס־לאַגער קלאָגע.

אַריינטריט אין אַרבייטסלאַגער דערלויבט נאָר מיט אַ דערלויבעניש פון שוץ־האַפטסלאַגערפירער״)[5].

נאָך דער סאָוויעטישער אָפענסיווע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן יאַנואַר 1944, איז פאָרגעקומען די עוואַקואַציע פון ווייוואַראַ; די לאַגער־קאָמענדע איז אָבער איבערגעגאַנגען קיין סאַקי; דעריבער רופט זיך אויך אָפט די הויפט־קאָמענדע פון די עסטאָנישע לאַגערן מיטן נאָמען „ווייוואַראַ־סאַקי״.

די יידן־לאַגערן אין עסטאָניע זענען נישט געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון דעם KdS (ד״ה פון דער זיכערהייטספּאָליציי און ס. ד. אין עסטאָניע), נאָר אונטער דער אויפזיכט פון דער לאַגער־קאָמענדאַנטור (לכתחילה ווייוואַראַ און שפּעטער ווייוואַראַ־סאַקי). דער הויפט־קאָמענדאַנט פון אַלע עסטאָנישע לאַגערן פלעגט באַקומען זיינע אָנווייזונגען פון ר. ז. ה. א. דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם „ס. ס.־ווירטשאַפטלער״ פון אָסטלאַנד, וואָס זיין זיצאָרט איז געווען אין ריגע, ביים העכערן פירער פון ס.ס. און פּאָליציי. a אין די טעג פון די יידן־לאַגערן אין עסטאָניע האָט דעם דאָזיקן אַמט אויסגעפירט ס.ס.־אָבערפירער עדואַרד באַכעל.

דאָס אויספירן די אַקציעס אין די לאַגערן איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער קאָמענדע פון די עסטאָנישע לאַגערן. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אַז די צענטראַלע „דינסטשטעלע״ פון דער זיכערהייטספּאָליציי און ס. ד. (KdS), צוזאַמען מיט די „אויסען־שטעלען״ b זאָלן זיך באַטייליקן אין געוויסע גרעסערע אַקציעס, פאַר וועלכע ס׳איז ניט געווען גענוגנד די צאָל פון די ס. ס.־לייט אין די לאַגערן. וועגן דעם דערציילט אונדז דער פאַקט, אַז בשעת דער מאַסן־שחיטה אין קלאָגע האָט זיך אין איר אויך באַטייליקט ס.ס.האַופּטשטורמפירער האַנס בוכנער, וואָס איז געווען זינט זומער 1944, דער שעף פון אָפּטיילונג IV ביי דער ק.ד.ס.; וועגן דעם זאָגט אויך עדות דער פאַקט, אַז אין שחיטה־טאָג איז אָנגעקומען קיין קלאָגע אַ ספּעציעלע קאָמאַנדאָ פון טאַלינער תפיסה, און אין איר אַ 50 ס. ס.־לייט, שוץ־פּאָליציי און עסטאָנישע ס. ס.־לייט (וועגן דעם זענען דאָ מערערע עדות, צווישן זיי בנימין אַנאָליק). אויך ווייסט מען, אַז נאָענט צו יעדן קאַצעט אין עסטאָניע האָט זיך געפונען אַן אויסן־שטעלע פון דער זיכערהייטספּאָליציי און ס. ד. (ק. ד. ס.).

---

g Dienstkommandeur Stab K.Z. Vaivara.

a Organisation Todt — OTE.

b Marine.

c Ziwillangestelte.

a HSSPF.

b Aussenstelle.

אין די געפונענע דאָקומענטן פון די עסטאָנישע לאַגערן ווערן זיי אָפט אָנ־גערופן מיט פאַרשידענע נעמען, ווי: „אַרבייטסלאַגער”, „שוצהאַפטסלאַגער”, „ק. ל.” („קאָנצענטראַציע־לאַגער”).

דער לאַגער קלאָגע האָט זיך אַ געוויסע צייט אָנגערופן „אָ־טע”־לאַגער און שפּעטער „וואַפען־ס.ס. אַרבייטסלאַגער”. ביים טויער פון קלאָגע איז געהאָנגען פאָלגנדיקער שילד: „וואַפען־ס.ס. אַרבייטסלאַגער קלאָגע. דאָס אַריינגיין אין שוצ־האַפטלאַגער איז דערלויבט נאָר מיט אַ באַשטעטיקונג פון שוצהאַפטלאַגערפירער”.

באַמערקונגען

1) בריוו פון ר.ז.ה.א. IV-C2, Allg. Nr 44343 פון 2טן אָקטאָבער 1943.

2) Feldpost 58.964 ; בריוו פון ר.ז.ה.א. (1943.12.17).

3) רודאָלף פערדינאַנד העס, דער געוו. קאָמענדאַנט פון לאַגער אוישוויץ, וואָס איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אין אוישוויץ דעם 16־טן אַפּריל 1947, האָט געווידמעט אין זיינע רשימות אַ ספּעציעל קאַפּיטל פאַר האַנס אַאומייער, וועלכער איז פריער געווען אויך אַ לאַגערפירער פון אוישוויץ 1. זע „הקומנדנט מאושביץ מעיד”, בית לוחמי הגיטאות, תשכ”ה, 245—248.

4) „אָטע” — „אָרגאַניזאַציאָן־טאָדט” איז געגרינדעט געוואָרן דעם 28־טן מאַי 1938 דורך דעם מאַיאָר־גענעראַל פון דייטשן לופט־פלאָט, פריץ טאָדט; „אָטע” האָט זיך באַ־שעפטיקט מיט פאַרשיידענע בוי־אַרבעטן ביי די מלחמה־געביטן. טאָדט איז געשטאָרבן דעם 8־טן פעברואַר 1942 אַלס ראש פון קריגס־ און באַוואָפענונגס־מיניסטעריום.

5) „Waffen-SS Arbeitslager Klooga. Betreten des Schutzhaftlagers ist nur mit Ausweis des Schutzwaftlagerführers gestaltet. Der Schutzhaftlagerführer”.

די לאַגערפירערס און ס. ס.־לייט אין די עסטאָנישע לאַגערן

מיר באַזיצן נישט קיין אָפיציעלע ליסטע פון אַלע ס.ס.־לייט, וואָס זענען געוועזן טעטיק אין די עסטאָנישע לאַגערן (ד״ה אין די „יידן־לאַגערן״ פון עסטאָניע), מיר האָבן פּרובירט אויפשטעלן אַזאַ ליסטע, לויט די נעמען, וואָס זענען אונדז באַקאַנט פון די פאַרשיידענע עדות.

די שליטה איבער די לאַגערן, — וועלכע זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין עסטאָניע, 1941—1942, ד״ה די גרויסע לאַגערן, וועלכע זענען באַשטימט געווען בעיקר פאַר עסטאָניער: טאַרטו און טאַלין מיט זייערע צענדליקער ביי־לאַגערן, ווי אויך איבער דעם „יידן־לאַגער״ יאַגאַלאַ — איז געלעגן אויסשליסלעך אין די הענט פון עסטאָניער.[1] דאָס איז געטאָן געוואָרן לויט דער ליניע, וועגן וועלכער שטאַלעקער האָט געשריבן אין זיינע באַריכטן [2] קיין בערלין — מיטצו־באַטייליקן עסטאָניער אין אָרגאַניזירן און אויספירן די נאַצי־פאַרברעכנס און אי־נעם באַהערשן עסטאָניע מיט דער אַטמאָספער פון טעראָר.

דאַקעגן די שליטה איבער די לאַגערן פאַר יידן, וועלכע זענען אויפגעשטעלט געוואָרן זינט אויגוסט 1943 פאַר יידן דעפּאָרטירטע פון אַנדערע לענדער איז געלעגן אויסשליסלעך אין די דייטשע הענט. נאָך אַ קורצער צייט, ווען די „אָטע״־לייט האָבן אָנגעפירט מיט די לאַגערן, האָט זיך איינגעשטעלט פאָלגנדיקע אָרדענונג: די ס.ס. איז באַלעבאָס איבערן אינערלעכן לעבן פון לאַגער. און די ס.ס.־לייט פירן אויך אַרויס די לאַגערניקעס צו די אַרבעטס־איינהייטן און פירן זיי פון דאָרט צוריק. דאַקעגן די אויפזיכט איבער די אַרבעטס־איינהייטן ליגט אין די הענט פון „אָטע״.

די לאַגערפירער פלעגן זיך אָפט בייטן, און זיי פלעגן אָפט נאָכן אָנפירן אַ לאַגער במשך פון עטלעכע חדשים, געשיקט ווערן אָנצופירן אַן אַנדער לאַגער אין עסטאָניע. דעריבער וועלן מיר אָפט הערן פון עדות. פאַרשיידענע נעמען פון זייערע לאַגערפירער, און ס׳איז ניטאָ אין דעם קיין סתירה; און מיר וועלן אויך הערן, אַז דער זעלבער ס. ס.־מאַן איז געווען לאַגער־פירער פון פאַרשיידענע לאַ־גערן אין עסטאָניע, און אויך אין דעם איז ניטאָ קיין סתירה. אַלץ איז אָפּהענגיק פון וועלכער תקופה דער עדות דערציילט.

מיר וועלן דאָ אויסרעכענען לויטן אלף־בית, לאַגער נאָך לאַגער, און פאַרצײ־כענען די נעמען פון די ס.ס.־לייט, וועלכע זענען דאָרט געווען טעטיק (לויט די

גביות־עדות). ביי דער געלעגנהייט וועלן מיר אויך ברענגען עטלעכע נעמען פון אַכזריותדיקע „אָטע״־לייט, וועלכע האָבן זיך איינגעקריצט אינעם זכרון פון די עדות.

אַאוואַראַ: אַלס לאַגערפירער ווערן דערמאָנט הן וויזנער,[3] הן ענגסט.[4]

אַזאַרי: אַלס לאַגערפירער ווערט דערמאָנט פּאַניקע[5] און אַלס זיין ממלא־מקום קריגער,[6] וואָס זיין צונאָמען איז „זשעראַפאַ״.[6] (ווי אויך „גאַלאָשייקע״).

אילינורמע: לויטן עדות־זאָגן איז דער לאַגער געווען אָנגעפירט אויסשליסלעך דורך „אָטע״־לייט; ס'זענען ניט אָנגעגעבן געוואָרן קיין פאַמיליע־נעמען.[7]

גאָלדפּילץ: אַלס לאַגערפירער ווערט דערמאָנט פּאַניקע[8] און אַלס זיין געהילף ענגסט.[9] פאַראַן עדות, וועלכע גיבן אָן אַלס לאַגערפירער אַן ס. ס.־מאַן, וואָס זיין צונעמעניש איז געווען „פעלצקראַגן״; אַ יוריסט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שווערע דערדריקנדיקע אַפּעלן.[10] אַן עדות דערמאָנט אויך אַן „אָטע״־מאַן, וואָס האָט שטאַרק געפּייניקט די לאַגערניקעס. מען האָט אים גערופן „שיפּעלע״, צוליב זיין היטל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שיפּעלע.[11]

וויוויקאָני: לכתחילה איז דער לאַגער אָנגעפירט געוואָרן דורך אַן עסטאָניער (מטעם דער פאַבריק אויף אויסצואַרבעטן ברענשטאָף פון די סלאַנייעץ־שטיינער).[12] דערנאָך איז געקומען אַ דייטשער לאַגערפירער, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן כל מיני פּייניקונגען און באַרויבונגען פון ווערטזאַכן.[13] אַלס דייטשער לאַגערפירער ווערט דערמאָנט באָק.[14] די מערהייט עדות דערמאָנט אויך שנאַבעל;[15] איין עדות דערמאָנט אַלס לאַגערפירער פּאַניקע.[16]

וויוואַראַ: אַלס לאַגערפירער ווערן דערמאָנט, אָדער שנאַבעל[16א] אָדער פּאַניקע;[17] פאַראַן וואָס גיבן אויך אָן די נעמען: שטיוועץ,[18] קליי,[19] דאַהלמאַן.[20]

אַלס סאַניטעטערס ווערן דערמאָנט: העלמלינגער,[21] און העלוויג.[22] צווישן די ס. ס.־לייט ווערט אויך דערמאָנט דער נאָמען פון ליטווינער שאַטקוס.[23]

יעוויע: לכתחילה איז געווען אַ לאַגערפירער פון אָטע״.[24] ווי עס ווייזט אויס, איז די עיקר־אָנפירונג געלעגן אין די הענט פון „אָטע״, און די עדות דערמאָנען זיך נישט קיין נעמען פון ס.ס.־לייט, אַחוץ דעם סאַניטעטער שאַרפעטער.[25]

לאַגעדי: 1) בשעת דעם ערשטן ציקל פון לאַגעדי, סוף יולי 1944 — סוף אויגוסט 1944, ווערט דערמאָנט שאַרפעטער[26] אַלס בעל־דעה אינעם לאַגער. ס'איז נישט זיכער צי ער האָט דאָרט געהאַט די פונקציעס פון אַ לאַגערפירער. 2) בשעת דעם צווייטן ציקל פון לאַגעדי, 24 אויגוסט — 18 סעפּטעמבער 1944, ווערט ענגסט[27] דערמאָנט אַלס לאַגערפירער. די מאַסן־שחיטה פון די לאַגערניקעס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך ברענאייזן[28] און קרעבסבאַך.[29] אין די מאָרדן אינעם לאַגער נעבן לאַגעדי האָבן זיך אויך באַטייליקט שוואַרץ,[30] העלוויג,[31] און איינער ספּאַס.[32]

נאַרוואַ: אַלס לאַגערפירער ווערט דערמאָנט פּאַניקע [33] און אַ געוויסע צייט אַלס זיין ממלא־מקום — שנאַבעל.[34] אַלס מיטבאַטייליקטע אין רציחות ווערן דערמאָנט: רונדע [35] און גענט.[36]

סאַנדע: די עדות געדענקען נישט דעם נאָמען פון לאַגערפירער, אָבער דער נאָמען פון ד״ר באַטמאַן ווערט אָפט דערמאָנט אין צוזאַמענהאַנג מיט די סעלעקציעס וואָס ער האָט דורכגעפירט אינעם לאַגער.

סאַסקי: די ערשטע וואָך האָט דער לאַגער זיך געפונען אונטערן אויפזיכט פון „אָטע״; דאַן האָט די פונקציעס פון לאַגערפירער איבערגענומען רייזיג;[37] דער מצב האָט זיך באַדייטנדיק פאַרערגערט וועגן ענגסט [18] איז געוואָרן פאַרטרעטער פון רייזיגן.

ערעדאַ: דאָ ווערט דערמאָנט אַלס לאַגערפירער דראַזין [39] (אָדער טרייזין?); לכתחילה איז ער געווען זייער אַכזריותדיק כלפּי די יידן, שפּעטער אויפגעהערט זיי אָנטאָן צרות; נאָך דעם ווי ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך ס.ס.־לייט, איז לאַגערפירער געוואָרן שנאַבעל.[40] פאַראַן עדות, וועלכע דערמאָנען אַלס לאַגערפירערס, ווער באַקן,[41] און ווער רייזיגן.[42] צווישן די ס.ס.־לייט ווערט אויך דערמאָנט שאַרפּעטער.[43]

פּוטקי: מען דערמאָנט זיך נישט דעם נאָמען פון לאַגערפירער.

קונדאַ: (פאַרט־קונדאַ) אַלס לאַגערפירער ווערט דערמאָנט קליי.[44]

קורעמע: נאָך דעם ווי דער לאַגער איז די ערשטע טעג אָנגעפירט געוואָרן דורך „אָטע״־לייט, איז געוואָרן לאַגערפירער ענגסט,[45] און שפּעטער פּאַניקע.[46] אַלס סאַניטעטער איז לכתחילה געווען טעטיק קנאָט;[47] עדות דערמאָנען אויך אַלס סאַניטעטער איינעם, וואָס זיין צונעמעניש איז געווען „לויזענפּויקער״ [48] (ווײַל זיין הויפּטבאַשעפטיקונג איז געווען צו זוכן פאַרלייזיקטע; ס׳איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס איז געווען דער צונאָמען פון קנאָטן). אייניקע חדשים איז געווען סאַניטעטער אין קורעמע עריק שאַרפּעטער,[49] וואָס האָט זיך קונה שם געווען אין אַלע לאַגערן פון עסטאָניע אַלס מערדער; ער האָט פּערזענלעך מיט אַ קירקע דערהרגעט 22 זקנים און אָפּגעשוואַכטע. מען האָט אים גערופן „דער קירקעניק״.[50]

קיוויאַלי: אַלס לאַגערפירער פון קיוויאַלי 1 ווערט דערמאָנט ווערלע;[51] פון קיוויאַלי 2 — ווירקע;[52] אַלס סאַניטעטער רונדע;[53] פאַראַן וואָס רופן אים אויך „קירקעניק״, ווײַל אויך ער פלעגט זיך נוהג זיין צו דערמאָרדן מענטשן מיט זיין קירקע.

קלאָגע: פאַרשיידענע עדות דערמאָנען פאַרשיידענע נעמען פון ס. ס.־לייט אַלס לאַגערפירערס אָדער אַלס אויספירער פון לייטנדיקע פונקציעס אין לאַגער, ווי למשל: באָק,[54] ברענאַייזן,[55] גענט,[56] דאַהלמאַן,[57] העלוויג,[58] ווערלע,[59] לאוב,[60]

לאַנצע (אָדער לאַנץ),[61] שוואַרץ (אָדער שוואַרצע),[62] שטאַכע,[63] שטיינבעק,[64] שמיט,[65] רוטענבערג.[66] מען דערמאָנט אויך אַלס אויספירער און אַנטיילנעמער אין דער מאַסן־שחיטה: ס. ס. האַופּטשטורמפירער האַנס בוכנער [67] און פּרוזווירט.[68].

אין סך־הכל פון די געבראַכטע אינפאָרמאַציעס לויט די גביית־עדות וועלן מיר אויפשטעלן די ליסטע פון אַלע ס. ס.־לייט, וואָס זענען געווען טעטיק אין די עסטאָנישע לאַגערן, הן אַלס לאַגערפירערס, הן אַלס סאַניטעטערס, און אויף אַנדערע רוצחישע אַמטן.

רשימה פון ס.ס.־לייט אין די עסטאָנישע לאַגערן (1943-44)

פאַמיליע, נאָמען	פונקציע	אָרט פון זייער טעטיקייט
1. אאומייער האַנס	אָבערשטורמפירער	קאָמענדאַנט פון אַלע לאַגערן אין עסטאָניע. זיצאָרט: וויוואַראַ (און שפּעטער סאַקי).
2. באַטמאַן פראַנץ	אָבערשטורמפירער	שעף־אַרצט פון די לאַגערן אין עסטאָניע. זיצאָרט: וויוואַראַ (און שפּעטער סאַקי).
3. באַק	אָבערשאַרפירער	וויוויקאָני, ערעדאַ, קלאָגע.
4. בער	אונטערשטורמפירער	קלאָגע.
5. ברענאייזן אָטאָ	אָבערשטורמפירער	קלאָגע (לאַגער־קאָמענדאַנט נאָך אַומייער).
6. גענט ווילהעלם („אַנטעק", „אַנטאַש")		קלאָגע
7. דאַהלמאַן מאַקס	האַופּטשאַרפירער	וויוואַראַ, קלאָגע.
8. דראַזין (טרויזין ?)		ערעדאַ.
9. העלוויג	אָבערשאַרפירער	וויוואַראַ, קיוויאָלי, קלאָגע.
10. העלמלינגער	שטורמאַן	וויוואַראַ.
11. וויזנער	אָבערשאַרפירער	אַוואַראַ, וויוואַראַ.
12. וירקע		קיוויאָלי 2.
13. ווערלע ווילהעלם		קיוויאָלי 1, קלאָגע.
14. לאַוב		קלאָגע.
15. לאַנצע (לאַנץ)	ראָטענפירער	קלאָגע.
16. מאַנג פראַנץ („דענטיסט")	אָבערשאַרפירער	וויוואַראַ.
17. ספאַס		וויוויקאָני.
18. עלבינג	אונטערשאַרפירער	לאַגעדי, סאַסקי, קורעמע.
19. ענגסט אַלפרעד		אַזאַרי, גאָלדפילץ, וויוואַראַ, נאַר־וואַ, קורעמע.
20. פאַניקע קורט	האַופּטשאַרפירער	
21. פּרוזווירט	אָבערשאַרפירער	קלאָגע.
22. קליי אַדאָלף		קונדאַ, וויוואַראַ.

פאַמיליע, נאָמען	פונקציע	אָרט פון זייער טעטיקייט
23. קנאָט היינריך	אָבערשטורמפירער	קורעמע.
24. קריגער („זשיראַפאַ", „גאָלאָשייקע")	ס.ס.־מאַן	אַזאַרי.
25. קרעבסבאַו	שטורמבאַנפירער	לאַגעדי 2.
26. רוטענבערג אַרמין	ראָטענפירער	קלאָגע.
27. רונדע ערנסט	אָבערשאַרפירער	נאַרוואַ, ערעדא, קיוויאָלי 2.
28. רייזיג	אָבערשאַרפירער	ערעדאַ, סאָסקי, קיוויאָלי.
29. שאַטקוס	ליטווישער ס.ס.־מאַן	קיוויאָלי.
30. שאַרפעטער עריק („דער קירקעניק")	אונטערשאַרפירער	יעוויע, לאַגעדי, ערעדאַ, קורעמע.
31. שוואַרץ (שוואַרצע)	אונטערשאַרפירער	קלאָגע, לאַגעדי 2.
32. שטאַכע קורט	האַופטשטורמפירער	קלאָגע.
33. שטיוויעץ סטעפאַן	ראַפּאָרטפירער	ווייוואַראַ.
34. שטיינבערגער	שטורמפירער	קלאָגע.
35. שמידט		קלאָגע.
36. שנאַבעל העלמוט	אָבערשאַרפירער	וויוויקאָני, ווייוואַראַ, ערעדאַ, נאַר־וואַ.
37. שעפּע וואַלטער	שטורמפירער	ווייוואַראַ.

באַמערקונגען:

1) דער לאַגערפירער פון יאַגאַלאַ איז געווען, ווי שוין דערמאָנט אין קאַפיטל „יאַ־גאַלאַ", אַלעקסאַנדער לאַאַק און זיין געהילף גערעטס.

לאַאַק איז שפּעטער נאָמינירט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון תפיסה־לאַגער טאַלין; זיין געהילף איז געווען מיכקעלסאָאָ; די עדות אויף די טאַלינער פּראָצעסן האָבן דער־מאָנט אַ גאַנצע שורה פון עסטאָנישע בוגדים, וועלכע האָבן געהאַט לייטונגס־פונקציעס אין טאַלין און זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אַכזריות; ניקאָליי לייד, קאַרל אַאוּאַ, קאַרל טאַגאַ־סאַאַר, וויספּואום, איסופּ, פּאַדאַיאַס.

דער קאָמאַנדיר פון לאַגער טאַרטו, איז לכתחילה געווען יאָהאַן יוריסטע, שפּעטער קאַרל לינאַס; אַ פּירנדיקע פונקציע האָט דאָרט געהאַט ערווין וויקס; די דערמאָנטע, און זייערע צאָלרייכע מיטהעלפער, זענען אַלע געווען עסטאָניער, נאַצי־קאָלאַבאָראַטאָרן.

2) 2273 — פּ. ס.; 221־ל.

3) ווינגער, — אַנאַליק, ג. (געשפּרעך, 3)

4) ענגסט — אַנאַליק, ב, 3.

5) פּאַניקע — אַרבאַך (א); דראַבקין ה.; דראַבקין ש.; סקורקאָוויטש (ד). — זיי אַלע גיבן אָן, אַז ער איז געווען לאַגערפירער במשך פון זומער 1944 ביז אויגוסט.

6) קריגער — זוהר, 17; כאַנין, 63־64; זיי באַצייכענען די תקופה פון זיין טעטיקייט דאָרט: יוני־אויגוסט 1944; זיי גיבן אָן זיין צונעמעניש: „זשיראַפע".

די ברידער ה. און ש. דראַבקין דערציילן וועגן אַן ס.־מאַן אין אַזאַרי, וואָס זיין צונעמעניש איז געווען „גאַלאַשייקע" (וואַרשיינלעך איז עס דער זעלבער).

7) סעגאַל, 2.

8) פּאַניקע — האַרטמאַן, 57;

9) ענגסט — האַרטמאַן 57; מיצמאַכער, 10.

10) מיצמאַכער, 10.

11) האַלפּערן, 4.

12) פריד, ד"ר, 18.

13) רודניצקאַ א., פּערלזינגער, 7־8; בוזשאַנסקי ד"ר.

14) באָק — גאַלעמבאַ, 5.

15) שנאַבעל — קאַלמאַנאָוויטש, 2; האַרטען, 11־12; אַרבאַך; שעפּטעל.

16) פּאַניקע — קאַלמאַנאָוויטש, 2.

16א) שנאַבעל: רעדליך, ראָזנהאָלץ, רייכעל, דאַנציגער, ראָזענבערג, איזגור, גולדסמאַן, גריליכעס, קלאַט, סלעפּאַק, איגעלקאַ, פּערל.

17) פּאַניקע: באַראַש, גאָלדמאַן־שעסקין, גריליכעס, ראָזענבערג, האַלצמאַן, איזגור, דאַנציגער, האַלפּערן, ד"ר בוזשאַנסקי.

18) שטיוועץ: פּיקיעלטשיק, 4.

19) קליי: גאָלדמאַן־שעסקין, 4.

20) דאַהלמאַן: זיידעל, „מעריב", אַפּריל, 1944.

21) העלמלינגער: דאַנציגער 54־60.

22) העלוויג: דאַנציקער, 54־60.

23) שאַטקוס, אַ ליטווישער ס.ס.־מאַן; תרשיס, 4.

24) גאָלדשטיין, 11; ד"ר ירושלמי, 357.

25) שאַרפעטער: באַראַנאָווסקי, 213; איגעלקאַ, 7.

26) שאַרפעטער: באַראַנאָווסקי, 13; איגעלקאַ, 7.

27) ענגסט: אַנאַליק ב., שיחה 1.

28) בערנאַייזן: אַנאַליק ב., 10; באַלבערישסקי.

29) קרעבסבאַו: אַנאַליק ג., געשפּרעך 4.

30) שוואַרץ: וואָפּניק, 2; גאַנז, 2.

32) ספּאָס: **גאַנז, 2.**

33) פּאַניקע: **זוהר, 7־10; סקורקאָוויטש, 37־39; נודעל, 4; שעפּטעל, 10־14; אָרבאַך, "שטוטגאַרטער צייטונג", 65.10.15; דראַבקין, 19־20.**

34) שנאַבעל: **ראָזענבערג "שט. צ." 65.7.27; דראַבקין 19־20.**

35) רונדע: **זוהר, 5־6; אַנטאָקאָליעץ, 25.**

36) געגנט: **ראַבינאָוויטש, 4.**

37) רייזיג: **האַרטמאַן, 54.**

38) ענגסט: **האַרטמאַן, 54; דערעטשין, 61.**

39) דראָזין (טראָזין?; לויט ב. זאַלקינדסאָן: טערעזין). **וועגן אים האָט מען דערציילט אין ערעדאַ, אַז ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ יידישע קאַצעטלערין, אַ דעפּאָרטירטע פון טערעזיענשטאַט, אינגאַ, און איז מיט איר אַנטלאָפן אין וואַלד. ווען ס'האָבן זיך דערנעענטערט די ס.ס.־לייט האָט ער דערשאָסן זי און זיך.**

40) שנאַבעל: **ד"ר פריד, 4־5; ד"ר קוניס, "שט. צ.", 65.8.6; קאַראַפּאַנס, 8; רודניצקאַ מ., 1.**

41) באָק: **רודניצקאַ מ., 1.**

42) רייזיג: **האַרטמאַן, 82.**

43) שאַרפּעטער: **פּעטראַסקאָוואַ, 47.**

44) גאָלדמאַן, **6; בלאָזער־טשאַפּלינסקי, ספר אָלשאַן, 262.**

45) ענגסט: **דוואָרזשעצקי; גרינבלאַט, 3, 4.**

46) פּאַניקע: **דוואָרזשעצקי; דערעטשין, 42.**

47) קנאַט: **קאַגאַן־גראָדזענסקי, 3.**

48) "לויזנפּויקער": **קאַגאַן־גראָדזענסקי, 4.**

49) שאַרפּעטער: **דוואָרזשעצקי, ניעמענטשיק, 2; קאַגאַן־גראָדזענסקי, 6.**

50) "דער קירקעניק": **זע 49).**

51) ווערלע: **זיידעל, "מעריב", 1965.**

52) ווירקע: **דאַנציגער, 51־54; גריליכעס, 12־14; זוהר, 14־16.**

53) רונדע: **זוהר, 5; אַנטאָקאָליעץ, 25.**

54) באָק: **בורג, 2; דושאַנסקי, 6; ראַבינאָוויטש, 2; גאָלעמבאַ, 5; חאַרמאַץ, 5.**

55) ברענאייזען: **באַלבערישסקי; אַנאָליק נ., וואָרט, 4.**

56) געגנט: **אַבעדזינסקי, אַבעלעוויטש, אַנאָליק ב., בורג, גורוויטש, דויטש, דורון, דושאַנסקי, וואַפּניק, זיידעל, ד"ר זיידלער, כאַזאַנאָוויטש, קלאַטשקאָ, קריין, ראַבינאָוויטש, ראַטנער.**

57) דאַהלמאַן: **דושאַנסקי, 9; זיידעל.**

58) העלוויג: **דושאַנסקי, 9; גאַנז, 2.**

59) ווערלע: **בורג, דושאַנסקי, וואַפּניק, זיידעל.**

60) לאַוב: לויטן מאַטעריאַל וועגן די נאַצי־פאַרברעכער אין עסטאָניע, וואָס איז פאַר־
עפנטלעכט געוואָרן אין רוסיש, עסטאָניע, 1944.

61) לאַנצע: דושאַנסקי, 7; וואַפניק,2.

62) שוואַרץ: דושאַנסקי, 7; זיידעל; וואַפניק, 2; ניעמענטשיק, 4; גאַנז, 2.

63) שטאַכע: ראַטנער. „רעזומע פון דער באַשולדיקונג".

64) שטיינבערגער: זע 60.

65) שמיט: זע 60.

66) רוטענבערג: זאַלקינד, גרינהאָלץ, דושאַנסקי, גרינוואַלד אַדעלאַ און טאָליאַ; אַנדערע
עדות רופן אים אָן ראָטענבערג.

67) בוכנער: Zentrale Stelle der Landesverwaltungen etc, 7.9.1967.

68) פרוזווירט: זע 60.

דער סיסטעם פון טעראָר אין די עסטאָנישע לאַגערן

דער סיסטעם פון טעראָר אין די לאַגערן האָט זיך באַזירט אויף אייניקע פּלאַנירטע אויסגעפּרוּווטע מיטלען אין אַלע לאַגערן פון אייראָפּע, און נעמלעך: פּייניקונגען באַגלייט מיט שיקאַנעס, אָפּשפּאָטערייען און חוזק־מאַכערייען, וועלכע פּלעגן פּאָרקומען אָן אויפהער, טאָג־איין, טאָג־אויס, און וואָס זייער כוונה איז געווען דערנידעריקן דעם מענטשלעכן כבוד און באַרויבן דעם לאַגערניק פון וועלכן ס׳איז רעספּעקט צו זיך אַליין; שטראָפּן פּאַר יעדער קלענסטער „זינד״, וועלכע האָבן געשאַפן אין די לאַגערן אַן אַטמאָספּער פון טויט־שרעק און געדאַרפט פירן צום אָפּהאַלטן זיך פון יעדן ווידערשטאַנד־אַקט; סעלעקציעס און „אַקציעס״, וועלכע פּלעגן זיך ענדיקן מיטן אַרויספירן „ווּ־עס־איז״, „אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג״, ד״ה כמעט תמיד צום טויט — יעדן „אומנייטיקן עסער״ און יעדן איינעם, וואָס איז געווען אומגעווּנטשן פּאַר דער לאַגער־מאַכט.

פּייניקונגען, איזדיעקעווען זיך, „באַשטראָפונגען״

די עיקר פּייניקונגען פּלעגן פּאָרקומען בשעת די „אַפּעלן״, וועלכע פּלעגן איינגעאָרדנט ווערן געוויינטלעך אויפן „אַפּעל־פּלאַץ״. די אַפּעלן פּלעגן פּאָרקומען צוויי מאָל אַ טאָג, פרימאָרגן און אָוונט־צייט; אָפטמאָל אויך מערערע מאָל אין טאָג.

דער ציל פון די אַפּעלן איז געווען אָפיציעל פעסטצושטעלן טאָג־טעגלעך דעם באַשטאַנד פון די קאַצעטלער, די צאָל לאַגערניקעס סיי לעבעדיקע און סיי מתים פּלעגט דאַרפן ביים אַפּעל שטימען מיט דער צאָל פון די אַריינגעשריבענע אינעם לאַגער־בוך; די צאָל פון די אַרויסגעפירטע צו דער אַרבעט האָט אויך געדאַרפט שטימען מיט דער צאָל פון די צוריקגעקומענע אָדער צוריקגעבראַכטע (לעבעדיקע און טויטע). דער ראַפּאָרט־פירער פּלעגט ביים אַפּעל מעלדן דעם לאַגער־פירער די דאָזיקע צאָלן („שטערקעמעלדונג״) (a); אויב די צאָלן האָבן געשטימט, פּלעגט דער אַפּעל דויערן אַ האַלבע שעה, אַ שעה, צוויי שעה, אָפּהענגיק ווי לאַנג

(a) Stärkemeldung.

עס פלעגט זיך ציען דאָס איבערציילן די לאַגערניקעס. אויב אָבער די צאָלן פלעגן נישט שטימען פלעגט דער אַפּעל דויערן אומגעציילטע שעהען. אָפט פלעגט דאָס נישט־שטימען פון די ציפערן זיין אַ פועל־יוצא פון אַ טעות וואָס די בלאָקפירערס פלעגן מאַכן ביים ציילן; טיילמאָל איז דאָס „נישט שטעלן זיך" צום אַפּעל פון אַ פלוצים פאַרשטאָרבענעם לאַגערניק געווען די סיבה פון טעות אינעם ציילן. געווען אויך פאַלן, ווען דער גורם צום פאַרלענגערטן אַפּעל איז געווען דאָס אַנט־לויפן פון לאַגער.

אין אַזאַ פאַל פלעגן די ס.ס.־לייט האַלטן דעם לאַגער אין אַ צושטאַנד פון אַ „שטראָף־אַפּעל". לאַנגע שעהען און אָפט אַ גאַנצע נאַכט פלעגן די קאַצעטלער דאַרפן שטיין אויף „אַכטונג!" (אָדער, ווי מען פלעגט עס אָנרופן אין לאַגער: „שטילגע־שטאַנדען!"). מען פלעגט נישט טאָרן אַרויסגיין פון די שורות אַפילו צו פיזיאָלאָ־גישע באַדערפעניש; פאַר יעדער באַוועגונג פלעגט מען שלאָגן מכות־רצח. אָפט פלעגן נאָך די אַפּעלן איבערבלייבן אויפן „אַפּעל־פּלאַץ" אָפּגעשוואַכטע לאַגערני־קעס, אָדער מתים, וואָס זענען אויסגעגאַנגען פון די קלעפּ. די אָפּגעשוואַכטע פלעגן די קאַצעטלער מיט באַדויערן אָנרופן „האַלבע מתים"; די אומענדלעכע אַפּעלן פלעגן פאָרקומען, סיי אין פראָסט און סיי אין רעגן. אין לאַגער נאַרוואַ פלעגט מען די מתים און „האַלבע מתים" אַרויסוואַרפן פון אַפּעל־פּלאַץ אין נאָענט שטייענדיקן קאַנאַל אָדער אין נאַרוואַ־טייך.[1]

די לאַגערפירערס פלעגן גיין שטענדיק באַגלייט פון דרעסירטע „ס.ס.־הינט", וועלכע פלעגן אויפן באַפעל וואַרפן זיך אויפן קרבן, אַנידערוואַרפן און רייסן פון אים שטיקער.

בשעת די אַפּעלן פלעגן די לאַגערפירערס זיך איזדיעקעווען איבער די לאַ־גערניקעס, יעדער איינער לויט זיינע רוצחישע נייגונגען, און יעדער איינער לויט די עינויים־שיטות, וואָס ער האָט געלערנט אין די נאַצישע מאָרד־שולן.

איינע פון די אָנגענומענסטע פאָרמען פון איזדיעקעווען זיך זענען געווען די אַ"ג „גימנאַסטישע איבונגען" (b), וועלכע פלעגן דורכגעפירט ווערן מיט גרענעצ־לאָזן סאַדיזם. אָפט פלעגן דאָס זיין זינלאָזע פייניקונגען, וואָס זייער איינציקע כוונה איז געווען נאָר מטמטם צו זיין די לאַגערניקעס; אַזעלכע זענען געווען די אומענדלעכע איבונגען פון ספּאָנטאַנעם אויסטאָן און אָנטאָן דאָס לאַגער־היטל („מיטצען אַפּ!", „מיטצען אוף!" (c); וועגן דעם דערציילן אַלע לאַגערניקעס, ווייל דאָס איז געווען אַ כלל אין אַלע לאַגערן.

(b) Exerzieren.

(c) Mützen ab! Mützen auf!

אין געוויסע פאַלן פלעגן די ס.ס.־לייט מעלדן, אַז „גימנאַסטיק״ — דאָס זענען „שטראָף־איבונגען״ (d). אָפּט האָט מען נישט געקענט פאַרשטיין: פאַר וועלכע חטאים? די איבונגען האָבן געהאַט פאַרשידענע פאָרמען:

מען פלעגט די קאַצעטלער צווינגען זיך צו קייקלען איבערן שטח פון לאַ־גער (e), סיי ווען דער שטח איז געווען טרוקן, און סיי ווען ער איז געווען פול מיט בלאָטע; „שפּרינגען ווי זשאבעס״ (f); גיין זיצנדיק („קאַטשקעס־גאַנג״) (g); שפּרינגען איינער איבערן צווייטן („דודעס״) (h); גיין שנעל־לויפנדיק (i); לויפן מיט די הענט פאָרויס, לויפן מיט די הענט אין דער הייך; אויסציען זיך אויף דער ערד, גלייך אויפהייבן זיך, און ווידער אויסציען זיך אויף דער ערד (j), זיצן מיט געבויגענע קני (k), און האַלטנדיק גלייכצייטיק די הענט אין דער הייך, איבערן קאָפּ, אָדער אַרום דעם האַלדז. די דאָזיקע געצוווּנגענע פּאָזיציע פון קני־בויגן, האַלטנדיק די הענט הינטער דעם האַלדז, איז געווען זייער אָנגענומען ביי די ס.ס.־לייט, בשעת די סעלעקציעס (וועגן דעם דערציילן אַלע לאַגערניקעס).

געווען אויך אָפּט פאַלן ווען די „איבונגען״ האָבן געהאַט פאַר זיך נישט נאָר סתם סאַדיסטישע צוועקן, נאָר אויך „אוטיליטאַרע״, דהיינו, זיי האָבן דערמעגלעכט די ספּעציאַליזירטע ס.ס.־לייט אין אייך אויגנבליק צו דערקענען, ווער פון די לאַ־גערניקעס איז שוין אַ „שוואַכלינג״. אַזאַ איינער פלעגט גלייך אַרויסגעפירט ווערן פון לאַגער אין „אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג״, צום טויט.

ווי מיר האָבן געזען, פלעגן די סתם פּייניקונגען אָפּט אָנגערופן ווערן „שטראָף־איבונגען״, און די באַשטראָפונגען זענען אָפּט געווען — התחלות פון סעלעקציעס און פון סתם רציחות. די גרענעצן זענען טאַקע אָפּט געווען זייער פליסיקע. דערי־בער באַהאַנדלען מיר טאַקע אין איין אונטער־קאַפּיטל אַלע פאָרמען פון פּייניקונגען, אָפּשפּאָטערייען, איזדיעקעווען זיך, שיקאַנעס און „באַשטראָפונגען״; און אין אַ צווייטן אונטער־קאַפּיטל וועלן מיר באַהאַנדלען די „סעלעקציעס״, וועלכע האָבן

(d) Strafexerzieren.

(e) Rollen.

(f) Hüpfen (Żabka).

(g) Entegang.

(h) Dudes.

(i) Laufschritt.

(j) Nieder! Auf! Hinlegen! Aufstehen!

(k) Kniebogen.

זיך תמיד געענדיקט מיט „טויט־אַקציעס", ד"ה מיטן אַרויספירן די סעלעקציאָ־נירטע צום טויט.

דער עצם־באַגריף „שטראָף" קומט אויס אומפאַרשטענדלעך אינערהאַלב דעם לעבן פון די קאַצעטן, ווו יעדע רגע איז דאָך געווען אַ שטראָף פאַר נישט־באַגאַנגענע חטאים. אָבער די אומגעזעצלעכע געזעצלעכקייט פון נאַצי־רייך, האָט אַריינגעפירט אין די לאַגערן דעם הפקרדיקן באַגריף פון „באַשטראָפונגען". שוין אייניקע האָט נאָך אין 1933.10.1 אַריינגעפירט שטראָף־תקנות אונטערן נאָמען „אָנווייזונגען פון געהאָרכזאַמקייט און באַשטראָפונגען פאַר די קאַצעטן.[2] די דאָזיקע תקנות זענען שפּעטער אָנגענומען געוואָרן אין אַלע לאַגערן.

די שטראָף פון שמיץ איז געווען אַן אָפּטע דערשיינונג אין די לאַגערן. די „נאָרמע" איז געווען 25 שמיץ, וועלכע פלעגן געגעבן ווערן, אָדער איבער אָנגעצויגענע הויזן, אָדער איבערן נאַקעטן לייב. אויב דער ס.ס. מאַן פלעגט זיך נוהג זיין מיט „רחמנות" פלעגט ער געבן נאָר 10—15 שמיץ; אין פאַלן פון שווערע באַשטראָפונגען פלעגט מען געבן 50 שמיץ. ס'זענען אויך באַקאַנט פאַלן ווען מען האָט געגעבן ביז 75 שמיץ. אין געוויסע לאַגערן (ווייוואַרא, קלאָגע א"אַ) פלעגט מען באַפעלן דעם באַשטראָפטן צו ציילן הויך די צאָל פון די באַקומענע שמיץ, און אויב ער פלעגט זיך טועה זיין, פלעגט מען „אָנהייבן פון דאָס ניי".[3]

ד"ר פאַן באָטמאַן פלעגט אין פאַרשידענע לאַגערן אָפּט געבן די דאָקטוירים 25 שמיץ מיט אַ שווערן נאַגיי איבערן נאַקעטן לייב, פאַרן חשד, אַז זיי גיבן נישט איבער קיין ריכטיקע ידיעות וועגן עפּידעמיאָלאָגישן צושטאַנד פון לאַגער, און אַז זיי באַהאַלטן אויס פאַלן פון פלעק־טיפוס.[4]

אין אייניקע לאַגערן פון עסטאָניע איז איינגעפירט געוואָרן אַ ספּעציעלער מכשיר, בכדי איבער אים אויסצופירן די שמיץ־באַשטראָפונג. מען האָט עס אָנגערופן „דער באָק"; אַנדערע פלעגן עס רופן מיטן פוילישן נאָמען „קאָזיאָל". וועגן דעם דערציילן מערערע עדות פון אַוואַראַ, ווייוואַראַ און קלאָגע. אַ סך פון די געשמיסענע פלעגן אָוועקשטאַרבן אייניקע טעג נאָך דער שמיץ־באַשטראָפונג, הן צוליב די שווערע וווּנדן, הן צוליב אַ פּלוצימדיקער אָפּשוואַכונג, וועלכע פלעגט זיך ענדיקן מיט טויט.

אין די ווינטער־טעג פלעגט מען זיך נוהג זיין אין געוויסע לאַגערן (למשל, ווייוואַראַ),[5] צוצובינדן דעם לאַגערניק צו אַ בוים, נאַקעטערהייט, אויף אייניקע שעה. פאַר אַ סך איז דאָס געווען דער סוף פון זייער לעבן.

פאַר געוויסע פאַרזינדיקונגען פלעגט מען אין געוויסע לאַגערן אויך געבן טויט־שטראָף דורך דערשיסן. אויב מען פלעגט, למשל, באַמערקן אַז ביים אַרויסגיין צו דער אַרבעט דערווייטערט זיך ווער עס איז אייניקע מעטער פון די שורות,[6] אָדער פאַרן כאַפּן אַ לאַגערניק שמועסן מיט אַ נישט־ייד פון דער סביבה (ווייוואַראַ),

אָדער מען האָט ביי אים געפונען עסנוואַרג, וואָס ער האָט באַקומען ביי די מענטשן פון די אַרומיקע דערפער; אַזוי אויך בעת מען פלעגט טרעפן אַ לאַגערניק מחוץ דעם לאַגער (לאַגעדי), אָדער מען האָט געכאַפּט אַ ייד ביים צונויפזאַמלען קאַרטאָפל (לאַגעדי), אָדער בוריקעס (נאַרוואַ), וועלכע האָבן זיך פאַרוואַלגערט אויף די פעלדער; אָדער פאַרן „פאַרשפּרייטן אַ פּאַניק", ד"ה פאַרן פאַרשפּרייטן ידיעות, אַז עס גרייט זיך אַ מאַסן־פאַרניכטונג (קלאָגע).

אָן אַ סוף זענען געווען די מאָטיוון, וועלכע האָבן געפירט צו שווערע שטראָפן און אַפילו צו מאָרד: אַ געגנבעטער בוריק (ערעדאַ), אַ געגנבעטע פלאַש ווייַן (ערע־דאַ), אַ גאַנגרענע אין פוס (ערעדאַ), דאָס נישט וועלן אָוועקגעפירט ווערן אין רעוויר (יעוויע), פאַרן אויסזען ווי אַ קראַנקער (נאַרוואַ), פאַרן באַגאַנגענעם „זלזול" פון נישט באַגריסן אַ פאַרבייגייענדיקן ס.ס.־מאַן און פאַר דער „חוצפה" פון יאָ באַ־גריסן (קלאָגע), פאַרן בעטן באַנדאַזשן לטובת די קראַנקע (קלאָגע).

שווערע שטראָפן זענען אין אַלע לאַגערן געגעבן געוואָרן, ווען מען פלעגט כאַפּן אַנטלויפערס. אַזאַ געכאַפּטער אַנטלויפער פלעגט געצוווּנגען ווערן אָנצוטאָן אַ ספּעציעלן אָפּשפּעטונג־אויפשריפט, און אַרומגיין דעם גאַנצן לאַגער בשעת אַן אַפּעל און שרייען: „הוראַ, הוראַ, איך בין ווידער דאָ!" נאָך דעם פלעגט ער דאַרפן דורכפירן שטראָף־איבונגען: „לייגן זיך, אויפשטיין, לויפן, לייגן זיך!" און אַזוי אָן אַ סוף. נאָך דעם פלעגט זיך אָנהייבן די עצם־שטראָף: אויב מילד — אַ לאַגער־אַרעסט, אויב שטרענגער — אַ הונגער־אַרעסט, ביז טויט. אַנדערע פלעגן פאַרפייניקט ווערן דורך ווילדע ס.ס.־הינט; אַנדערע פלעגט מען הענגען אויף אַן עפנטלעכער תליה מיט די פיס אַרויף. וועגן די דאָזיקע אימהדיקע שטראָפן דערציילן צאָלרייכע לאַגערניקעס, בעיקר פון נאַרוואַ, וויוואַראַ און קלאָגע.

געווען אַ סך פאַלן ווען קאַצעטלער האָבן געכאַפּט שטראָפן אָן שום קאָנקרעטער סיבה, סתם צוליב סאַדיזם. מען פלעגט אָפּט באַפעלן צו לויפן „אויף אַלע פיר", אַרום דעם לאַגער (וויוויקאָני); אויפצווינגען „ספּאָרט־אי־בונגען" דורך לויפן מיט שטיינער־באַלאָדונג (וויוויקאָני); פּייניקונגען און מערדע־רייען צוליב דער שמחה פון ווייַנאַכט (נאַרוואַ); פאַרן חטא פון זיין צו הויך (קורע־מע); געבן סתם קלעפּ איבערן קאָפּ (קלאָגע); אויסשטעלן די פרויען נאַקעטערהייט אויף אַן אַפּעל; אַרויסטרייבן קראַנקע פון רעוויר נאָך זייערע אָפּעראַציעס; אָנ־רייצן הינט; געבן ביים אָנקומען אין לאַגער שמיץ סתם אַזוי, בכדי אַנדערע זאָלן וויסן וויאַזוי מען באַשטראָפט אין לאַגער (קלאָגע) אאַז"וו.

בשעת יעדער עוואַקואַציע פון אַ לאַגער פלעגן די ס.ס.־לייט באַשטראָפן יעדן אָפּגעשטאַנענעם אין וועג מיט אַ קויל אין קאָפּ. וועגן דעם דערציילן אַלע עדות פון די לאַגערן.

נאָך דער דאָזיקער סכעמאַטישער באַשרייבונג, וועלן מיר ברענגען וואָס די

עדות דערציילן וועגן די פּייניקונגען, שיקאַנעס, אָפּשפּאָטערייען און „באַשטראָפונ־גען" אין די לאַגערן, אַנגעבנדיק אין די באַמערקונגען די נעמען פון די עדות.

אַאוּוואַראַ: אַן אָנגענומענע שטראָף איז געווען דאָס צובינדן דעם לאַגערניק נאַקעטערהייט צו אַ בוים אויף אייניקע שעה אין די שווערסטע פרעסט.[7] די הענט און די פיס פון באַשטימטן צום שמייסן פלעגט מען צובינדן צו אַ ספּעציעלן שמייס־בענקל („באָק"); אין דייטש פלעגט זיך זעצן אויף זיין האַלדז און אַ צווייטער פלעגט שמייסן מיטן ספּעציעלן נאַגאַי געמאַכט פון אַן אָקסן־גליד אין וועלכן מען האָט אַריינגעשטעלט אַ מעטאַלענעם דראָט.

גאָלדפּילץ: מען האָט דערציילט אַז יצחק דראַבקין, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן אין וואַלד נאָכן אַנטלויפן פון לאַגער, האָט באַקומען 75 שמיץ.[76]

הונגענבורג: דער לאַגערפירער האָט דערשאָסן דאָס יינגל סאָלאָמיאַנסקי, אַלס שטראָף פאַרן אַוועקגיין פון דער אַרבעטס־קאָמאַנדאָ „שנאַרעווען" עסן און אים אַריינגעוואָרפן אין קעלער פון די טויטע. ער איז אָבער נישט דערשאָסן געוואָרן צום טויט; אַנטלויפנדיק פון קעלער, האָט דער לאַגערפירער צו אים ווידער געשאָסן און דערהרגעט (ש. שוסטער).

וויוויקאָני: די לאַגערפירערס פלעגן אַרומגיין בשעת די אַפּעלן צווישן די רייען, האַלטנדיק אין די הענט ספּעציעלע בייטשן. צו דער שמירה איבער דער אָרדנונג אין די לאַגערן האָבן געדינט די ספּעציעל דרעסירטע ס.ס.־הינט.[8] דאָס איזדיעקעווען זיך איבער לאַגערניקעס פלעגט אָפט זיך ענדיקן מיט טויט. אין פאַרשידענע לאַגערן האָט מען דערציילט, אַז שנאַבעל האָט זיך אַזוי איזדיעקעוועט איבערן צאָן־דאָקטאָר כץ, ביז ער איז געשטאָרבן. וועגן דעם זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע קלאַנגען.[9] דער לאַגערפירער פלעגט אַרומגיין בשעת די אַפּעלן און זוכן אָפּגעשוואַכטע אָדער קראַנקע, און ער פלעגט זיי שלאָגן מיט אַ שטעקן, אָדער מיט אַ בייטש; דאַן פלעגט מען זיי אָפּפירן, מיט די לעצטע כוחות, אין רעוויר.[10] בשעת אַן אַפּעל האָט זיך שנאַבעל איזדיעקעוועט ביז טויט איבערן לאַ־גערניק באָריס ראָזענטאַל[11] און איבער דער פרוי אַלטע גורעוויטש.[12] די פרוי ניצינסקאַ, צוריקגייענדיק איין מאָל פון דער אַרבעט, האָט געזען אַ גרופּע אָפּגע־שוואַכטע פרויען זיצנדיק ביי אַ שייטער. זיי האָבן איר דערציילט, אַז „דאָ וואַרט אויף אונדז דער טויט, דאָ וועלן מיר ווערן פאַרברענט". שנאַבעל פלעגט אָפט באַפעלן אין די פּרימאַרגנס צו מאַכן ספּאָרט־איבונגען: לויפן מיט שטיינער־באַלאָדונגען. ווער ס'פלעגט דערביי אָפּשטיין, פלעגט אויפן אָרט דורך אים דערשאָסן ווערן.[13]

וויוואַראַ: פּאַניקע האָט באַפוילן (מאָגיען?) בראָודע (ברוידע), דעם געוו. פאַרבינדונגס־מאַן פון ווילנער געטאָ און דייטשן אַרבעטס־אַמט, ער זאָל אויספירן אַ סך איבונגען פון „לייגן זיך! אויפשטיין!" און ווען ער איז שוואַך געוואָרן, האָט

מען אים אַרויסגעפירט צום טויט.[14] האַרבסט 1943 האָט זיך פּאַניקע איזדיע־קעוועט איבערן לערער שמערקאָוויטש און געגעבן אים מוראדיקע קלעפּ; אין אייניקע טעג אַרום איז ער געשטאָרבן פון די ווונדן.[15] מען פלעגט באַפעלן דעם באַשטראָפטן מיט שמיץ, אַז ער זאָל הויך ציילן די באַקומענע מלקות, און ביי אַ טעות, פלעגט מען אָנהייבן אים שמייסן פון דאָס ניי[16]. די שמייסונגען פלעגן פאָר־קומען איבערן באָק מיט אַ ספּעציעלער בייטש (זע: אַאוואַראַ).[7, 16]

שטרענגע באַשטראָפונגען, און אָפטע דערשיסונגען פלעגן אָנגעווענדט ווערן צוליבן דערוויטערן זיך אַ פּאָר טריט פון דער אַרבעטס־איינהייט אויפן וועג צו דער אַרבעט, פאַרן שמועסן מיט מענטשן פון דער אומגעגנט, און בשעתן גע־פינען ביים לאַגערניק אַריינגעשמוגלטע עסנוואַרג[16].

אין וויוואַראַ האָט מען צונויפגעזאַמלט אַ גרעסערע גרופּע פון „אַנטלויפערס"; די וואָס זענען גלייך אויף אַן אָרט נישט דערהרגעט געוואָרן דורך די ס.ס.־לייט, האָבן געמוזט טראָגן אויף זייערע בגדים, אויפן ברוסט און אויף דער פּלייצע, רויטע קרייזן. לסוף האָט מען זיי אַלעמען אַרויסגעפירט אויף אַן אויטאָ אויסערן לאַגער צום דערשיסן.[17]

אין וויוואַראַ האָט מען אויך פאַר קלענערע פאַרזינדיקונגען באַשטראָפט מיט אַ „הונגער־טאָג". דער לאַגערניק פלעגט נישט באַקומען צוגעטיילט זיין זופּ און ברויט־פּאָרציע.[18]

יעוויע: דער סאַניטעטער שאַרפעטער האָט דערמאָרדעט צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך געמאָלדן צו דער מעדיצינישער אונטערזוכונג צום דאָקטאָר[19]. דער ציל פון די דאָזיקע רציחות איז געווען אָנצושרעקן די לאַגערניקעס זיי זאָלן זיך „נישט קראַנק מאַכן" און זיי זאָלן נישט גיין אויף מעדיצינישע אונטערזוכונגען. ווען ס'איז אויסגעבראָכן די עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס, האָט מען איבערגעשיקט אַ טראַנס־פּאָרט קראַנקע פון יעוויע קיין וויוואַראַ; אין לאַגער האָבן אַלע געמיינט, אַז דער טראַנספּאָרט גייט צום טויט; ווען צוויי קראַנקע האָבן נישט געוואָלט אַריינגיין אין די טראַנספּאָרט־אויטאָס, זענען זיי אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן דורך שאַר־פעטערן.[20]

לאַגעדי: די ס.ס.־לייט פלעגן שיסן יעדן איינעם, וואָס פלעגט זיך דער־ווייטערן פון דער אַרבעט־איינהייט,[21] אָדער אַפילו אויב מען האָט אים געפונען ביים צונויפזאַמלען קאַרטאָפל אויף די פעלדער[22]. אַ לאַגערניצע, וואָס איז פאַרוווּנ־דעט געוואָרן בשעת אַן עראָפּלאַן־באָמבאַרדירונג, איז גלייך אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן, ווייל אין לאַגער איז נישטאָ קיין אָרט פאַר פאַרוווּנדעטע[23].

נאַרווואַ: דער לאַגער האָט געהאַט אַ שם צווישן די עסטאָנישע לאַגערן אַלס אָרט פון פּייניקונגען און איזדיעקעווען זיך. מיט די דאָזיקע מעשים האָט זיך אויס־געצייכנט דער לאַגער־פירער פּאַניקע. אַ סך קאַצעטלער דערציילן וועגן די עינויים

וואָס פּאַניקע פלעגט אָנטאָן (אָקטאָבער 1943 — יאַנואַר 1944) די אָפּגעשוואַכטע קאַצעטלער. די וואָס זענען געשטאָרבן פון די קלעפּ, פלעגט ער באַפעלן אַריינצוּוואַרפן אין אַ טיפן קאַנאַל, וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דעם נאַרעוו־טייך [24].

אייניקע לעבנגעבליבענע דערציילן וועגן די רציחות און פּייניקונגען בשעת דער ניטל־נאַכט (ווייַנאַכט) 1943. אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַן אַפּעל, וועלכער האָט זיך געצויגן ביז 11 אַזייגער ביינאַכט. „אַ שניי איז געפאַלן. ס'איז געווען אַ גוואַלדיקע קעלט און מענטשן זענען ממש פאַרפרוירן געוואָרן; ס'האָבן אָפּגעפרוירן די אויערן, די אויגן־ברעמען, די פיס, אַלץ. שיכורע ס.ס.־לייט האָבן אָנגעהויבן טרעטן מיט זייערע שטיוול אַלע, וואָס זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן און געפאַלן בשעתן עינויים־אַפּעל" [25]. אָרבאַך דערציילט, אַז בשעת יענעם אַפּעל, האָבן פּאַניקע, שנאַבעל און נאָך איינער, וואָס פלעגט זיך נוהג זיין צו זאָגן „מיינע הערן" (וואָרשיינלעך — רונדע), דערהרגעט דריי לאַגערניקעס, דאַן האָבן זיי אַראָפּגענומען פון די פּריטשעס 5 קראַנקע און זיי דערהרגעט. אָרבאַך האָט געזען ווי אַזוי מען האָט שפּעטער אַריינגעוואָרפן זייערע קערפּערס אין קאַנאַל,ביים לאַגער [26].

שפּעטעל דערציילט וועגן דערשיסן אַ לאַגערניק, וואָס האָט גענומען אַ ווייסן בוריק, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפן פעלד [25]; אַ סך לעבנגעבליבענע דערציילן וועגן מוראדיקע שטראָפן צוליבן אַנטלויפן פון לאַגער: ס.ס.־הינט, תליות, און אַרויספירונגען צום טויט [27].

שנאַבעל האָט געמאָרדעט נישט נאָר לכבוד „ווייַנאַכט־פייערונג", נאָר אויך צוליב „אַנדערע סיבות". אַזוי, למשל, האָט ער דערשאָסן 3 לאַגערניקעס, וואָס האָבן לויט אים געהאַט אַן אויסזען פון קראַנקע. זיי אַריינגעוואָרפן אין קאַנאַל, שפּעטער געהייסן אַרויסנעמען די קערפּערס און פאַרברענען [28].

בשעת אַן אַפּעל האָט פּאַניקע דערהרגעט אַ טאַטן אין די אויגן פון זיין קינד; גלייך נאָך דעם האָט ער אַרויסגעוויזן „גוטהאַרציקייט" צום קינד און באַפוילן אים געבן אַ צוגאָב־פּאָרציע זופּ (נאַדעל, 2).

וועגן אַן ענלעכער „גוטהאַרציקייט" פון פּאַניקע דערציילט אויך דראַבקין, 17: ער האָט געפונען ביי צוויי קאַצעטלער אָנגעבראָכן געשיר, איז ער אַריין אין כעס און געשריגן: „איך בין צו אייך ווי אַ פאָטער און איר ברעכט ס'געשיר!". ער האָט די צוויי דערהרגעט, טרעטנדיק זיי מיט די שטיוול. צו מאָרגנס האָבן ס.ס.־לייט פאַרגרעסערט איינמאָליק די שפּייז־נאָרמע פון די קאַצעטלער.

קונדאַ: דער לאַגערפירער, אַן ס.ס.־מאַן, איז שטענדיק געווען בגילופין. מען האָט דערציילט, אַז פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ תלין. ער האָט באַפוילן, אַז מען זאָל פאַרפאַסן אַ לויב־ליד לכבוד דעם לאַגער און דעם לאַגערפירער. די קאַצעטלער פלעגן דאָס ליד מוזן זינגען יעדן פרימאָרגן ביים אַרויסגיין „אין געשלאָסענע רייען" צו דער אַרבעט, און אין אָוונט ביים צוריקגיין אין לאַגער. דער

לאַגערפירער פלעגט דאַן שטיין ביים לאַגערטויער און אויפנעמען די „זינגענדיקע״ קאַצעטלער. די שוועסטערס געניע און סאָניע כץ דערמאָנען זיך צוויי פערזן פון יענעם ליד:

מיר זענען אין לאַגער דאָ געשיקטע, / די אַרבעט וועט אונדז מאַכן פריי / און טראָץ דעם וואָס די אַרבעט איז אַ שווערע / גוטמוטיק און פריילעך דאַרף מען זיין.
מיר זענען אין לאַגער, מיר האָבן אַ באָד. / די זופּע נאָך דער אַרבעט שמעקט אונדז גוט. / מיר זענען צופרידן מיט אונדזער לאַגער־פירער, / וועלכער מאַכט פאַר אונדז גוט!

זיי דערציילן, אַז קאַצעטלער פון די לעצטע שורות פלעגן אַנשטאָט: „וועלכער מאַכט פאַר אונדז גוט״, גאַר זינגען: „וועלכער צאַפּט פון אונדז דאָס בלוט״.

זיי דערציילן, אַז דער לאַגערפירער פלעגט זיך נוהג זיין צו באַזוכן אָפּט די באָד, בכדי צו זען די נאַקעטע קאַצעטלערינס בשעתן באָדן. אינעם לאַגער איז געווען אַ קאָוונער ייִד, וואָס האָט מיט זיך מיטגעבראַכט זיין פידל. יעדן זונטיק פלעגט דער לאַגערפירער ברענגען אין לאַגער „זיינע עסטאַנקעס״, אַנשיכורן זיך מיט זיי און באַפעלן דעם יידן צו שפּילן אויף זיין פידל. און די לאַגערניקעס זאָלן אים באַגלייטן מיט געזאַנג. ער פלעגט זיך איזדיעקעווען איבער די קאַצעט־לער, און זיי באַפוילן צו זינגען נאַקעטערהייט בעת דער „צוואַנגס־גימנאַסטיק״ און בעתן קריכן אויף דער ערד ווי זשאַבעס. ער פלעגט זיך נוהג זיין צו מאַכן „רע־וויזיעס״ אין די בגדים פון די לאַגער־מענטשן און זיך איינקויפן בראָנפן פאַר די געפונענע אין זיי חפצים. ער איז געכאַפּט געוואָרן בשעת מעשה און ס׳איז אים געמאַכט געוואָרן אַ משפט. מען דערציילט, אַז ער האָט געוואָלט באַגיין זעלבסט־מאָרד. מען האָט אים אַוועקגעשיקט אין אַ משוגעים־הויז. וואַרשיינלעך איז עס געווען אַדאָלף קליי.

קורעמע: דער אַרבעטס־אויפזעער, אַ קליינוווקסיקער „אָטע״־ניק, לערנער, פלעגט געבן מכות־מוות איינער פון די קאַצעטלערינס, צוליב דעם חטא, וואָס זי איז געווען הויכוווקסיק [29]. ד״ר באָטמאַן האָט געגעבן 25 שמיץ דעם יידישן לאַגער־ניק־דאָקטאָר צוליבן חשד, אַז ער באַהאַלט אויס טיפוס־קראַנקע.[30]

קלאָגע: היות קלאָגע איז געווען אַ לאַנגע צייט אַן „אָטע״־לאַגער, זוערן אָפּט דערמאָנט הן ס.ס.־לייט, הן „אָטע״־לייט, אַלס אויספירער פון די פייניקונגען און שיקאַנעס. דער „אָטע״־מאַן שטיינבערג פלעגט מיט זיין שטעקן שלאָגן איבער די קעפּ פון די לאַגערניקעס אָן אַ שום סיבה [31]. אַ שם אַלס רוצחים האָבן געהאַט די „אָטע״־לייט קאַראַל און ניבאָווסקי פון דער „טראַנספּאָרט־בריגאַדע״.[31] איינער פון די אַרבעטס־אויפזעערס, אַן „אָטע״־מאַן, וואָס מען האָט אים גערופן „דער

זעקספּיסיקער" (ווייל ער פלעגט שטענדיק אַרומגיין מיט אַ הונט, בכדי אָנצוּוואַרפן אַן אימה אויף די לאַגערניקעס), פלעגט אָנרייצן זיין הונט אויף יעדן לאַגערניק, וועמען ער פלעגט כאַפּן ביים אָפּרוען זיך; ער פלעגט איבערגעבן דעם נומער פון לאַגערניק צום לאַגערפירער, בכדי ער זאָל אים באַשטראָפן מיט 50 שמיץ[31].

די עדות גיבן איבער אַ סך פּרטים וועגן די מערדערייען, וואָס זענען טאָג־טעגלעך אויסגעפירט געוואָרן דורך די ס.ס.־לייט: שאַרפירער העלוויג, ראַטנפירער אַרמין ראַטענבערג, סאַניטעטער גענט.

מירקין דערציילט, אַז 500 פרויען פון קאָוונער געטאָ האָבן געמוזט דורכגיין אַן אַפּעל פון „רעוויזיעס", שטייענדיק אויסגעשטעלט נאַקעט אויפן אַפּעל־פּלאַץ. מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט פרי־שיכטן זענען אין די נעכט באַשעפטיקט געווען מיט אומנייטיקע אַרבעטן, נאָר בכדי זיך צו איזדיעקעווען איבער זיי. קראַנקע, וועלכע האָבן אָקאָרשט דורכגעמאַכט אַ בויך־אָפּעראַציע, פלעגן אַרויסגע־טריבן ווערן פון רעוויר צו דער אַרבעט. ווילדע וועלף־הינט פלעגן אַריינגעלאָזן ווערן אין די בלאָקן, כדי אין בהלה אַרויסטרייבן די לאַגערניקעס.[32]

חיה בליך דערציילט, אַז צוויי וואָכן נאָכן אָנקומען קיין קלאָגע איז אין פרויען־בלאָק דערשינען ראַטענבערג און זיי געמאָלדן, אַז צוליב דער קלענסטער פאַר־זינדיקונג וועלן זיי שווער באַשטראָפט ווערן. בכדי צו דעמאָנסטרירן זיינע ווערטער, האָט ער אויפן אָרט געגעבן 25 שמיץ אַ קאָוונער פרוי, וואָס איז דערנאָך אָפּגעלעגן קראַנק עטלעכע וואָכן. אַפּריל 1944 האָט ער אַזוי שווער געשמיסן אייניקע קאָוונער פרויען איבערן נאַקעטן לייב, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן שפּייען מיט בלוט און אייניקע זענען דערפון געשטאָרבן[33].

ראַבינאָוויטש און אַראָנסאָן דערציילן, אַז זיי זענען געווען עדי ראיה ווי גענט גופא האָט געגעבן 25 שמיץ אַ טשעכאָסלאָוואַקישן ייד, וואָס האָט געאַרבעט אין דער שרייב־שטובע. ווען דער אומגליקלעכער איז פון די שמיץ געפאַלן אין חלשות, האָט מען געגאָסן קאַלט וואַסער אויף זיין קאָפּ. ביינאַכט האָט גענט אים געגעבן צוגאָב־קלעפּ, און אויף צומאָרגנס איז ער געשטאָרבן[34].

דושאַנסקי דערציילט, אַז יולי 1944 איז אין קלאָגע אָנגעקומען אַ גרויסער טראַנספּאָרט פון וואָפן, ווי אויך פון חפצים, וואָס זענען קאָנפיסקירט געוואָרן ביי יידן פון ליטע און עסטאָניע. די לאַגערניקעס האָבן געמוזט שנעל דאָס אויסלאָדן; דערביי האָבן העלוויג און ראָטענבערג צעשלאָגן דעם קאַצעטלער פון דער שרייב־שטובע, אַז ער איז געשטאָרבן פון די קלעפּ.[35]

אויך אין קלאָגע פלעגט מען באַנוצן דעם „באָק"; ער איז געווען אַיין מעטער לאַנג: אונטער אים פלעגט מען צובינדן די הענט און די פיס פונעם לאַגערניק. לכתחילה פלעגט מען שמייסן מיט אַ שטעקן פון בעריאָזע, שפּעטער איז מען אַרי־

בער צו אַ נאַגאַי, וואָס איז געווען געמאַכט פון אַן אָקסן־גליד און וועלכן ס׳איז אַריינמאָנטירט געוואָרן אַ גראָבער מעטאַלענער דראָט [36].

בנימין ווײַנטרויב האָט דערציילט וועגן די שיקאַנעס, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן איבער די לאַגערניקעס, הן פאַרן באַגריסן אַ דײַטש און הן פאַרן נישט־באַגריסן [37]; דער יידישער דאָקטאָר האָט נישט באַקומען קיין מעדיקאַמענטן צו היילן די קראַנקע; וועגן ד״ר לאַזאַר עפּשטיין האָט געבעטן ביי אַן ס.ס.־מאַן באַנ־דאַזשן פאַר די פאַרוווּנדעטע בשעת דער אַרבעט, האָט ער אָנשטאָט באַנדאַזשן באַקומען שווערע וווּנדן אין קאָפּ [32].

לאַגערניקעס דערציילן, אַז אַ דײַטשער סאַניטעטער (און אייניקע פון זיי דערמאָנען דעם נאָמען געַנט), האָט דערהרגעט מיט אַ טויט־איינשפּריצונג אַ יידיש מיידעלע פון 5 יאָר אין קראַנקן־רעוויר [38].

די מענטשן פון קלאָגע האָבן געמוזט לויפן באָרוועס, 4 פאַרטאָג, אין טיפן שניי, צום לאַגער־קלאָזעט [39]. אַלע לאַגערניקעס פלעגן מוזן זיין אָנגעזונד בשעת די שי־שיקאַנעס און שמיץ. [40] אָפט פלעגן די שיקאַנעס זיין הכנות צו אַ „טראַנספּאָרט פון זקנים, שוואַכע און קינדער״, וועלכער פלעגט שוין בכלל נישט צו שטאַנד קומען... [41]

סעלעקציעס און אַקציעס

דאָס לעבן אין די לאַגערן פון עסטאָניע איז פּאַקטיש געווען נאָר אַן הפסקה צווישן איין סעלעקציע און דער אַנדערער. יעדע סעלעקציע האָט זיך געענדיקט מיטן אַרויספירן די סעלעקציאָנירטע „ערגעץ־ווו״ אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג״. דער לאַגער האָט געוווּסט, אַז „ערגעץ ווו״ הייסט דער וואַלד ביים לאַגער, ווו מען פלעגט אויסשיסן די אַרויסגעפירטע. אָפט האָבן קורסירט קלאַנגען, אַז מען האָט די סעלעקציאָנירטע אַרויסגעפירט אין אַן אַנדער לאַגער (די סעלעקציאָנירטע פון קיוויאָלי האָט מען טאַקע אַרויסגעפירט קיין ערעדאַ, ווו זיי זענען אויסגעשאָסן געוואָרן). אָפט האָבן קורסירט קלאַנגען, אַז די סעלעקציאָנירטע האָט מען אַרויס־געפירט קיין „ריגע״, „פּאַנאַר״, „אוישוויץ״.

אָפט פלעגט פאָרקומען אַן „אַלגעמיינע סעלעקציע״; דאַן פלעגט מען אָפּטיילן אַלע נישט־פעיקע צו אַרבעט: אַלטע און אָפּגעשוואַכטע, קראַנקע און קינדער.

אַזעלכע „אַלגעמיינע סעלעקציעס״ זענען פאָרגעקומען אין אַ סך לאַגערן, און בעיקר אין די חדשים פעברואַר־מערץ 1944, נאָך דער ערשטער גרויסער סאָוויע־טישע אָפענסיווע אויפן עסטאָנישן פראָנט. ווי די קאַצעטניקעס גיבן איבער, זענען די סעלעקציאָנירטע צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין ערעדאַ. דעם 13טן פעברואַר 1944 איז פאָרגעקומען זייער אַ גרויסע סעלעקציע אין ערעדאַ גופא, און אַלע קראַנקע און אָפּגעשוואַכטע פון ערעדאַ, ווי אויך די צונויפגעבראַכטע קיין ערעדאַ נאָך די

סעלעקציעס — זענען צוזאַמען אַרויסגעפירט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן טראַנספּאָרט, דורך שאַוול צו דער „זאַנדערבעהאַנדלונג״ [42].

יולי 1944, ערב דער ליקווידאַציע פון די עסטאָנישע לאַגערן, איז ווידער פאַרגעקומען אַן אַלגעמיינע סעלעקציע אין אַלע לאַגערן. גיך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע סעלעקציע איז באַזירט אויף אַ „נאָרמע״, און אַז ס'זענען אין אַלע לאַגערן דאַן גענומען געוואָרן צום טויט צען פּראָצענט פון די לאַגערניקעס. מען האָט די סעלעקציע טאַקע אָנגערופן „די צענפּראָצענטיקע אַקציע״. ווי עס ווייזט אויס זענען אַ סך פון דער דאָזיקער סעלעקציע אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט קיין ערעדאַ. ס'זענען פאַרגעקומען אויך מער באַגרענעצטע אַקציעס; בלויז פון קינדער — קינדער־אַקציע, בלויז פון זקנים — זקנים־אַקציע. וועגן דעם וועלן מיר נאָך גענויער דערציילן אינעם בוך.

איצט וועלן מיר איבערגיין פון לאַגער צו לאַגער, בכדי צו באַשרייבן די קייט פון סעלעקציעס און אַקציעס, לויט גביות־עדות פון די לעבנגעבליבענע:

אַזאַרי: ערב דער ליקווידאַציע פונעם לאַגער און זיין עוואַקואַציע קיין גאָלד־פילץ, ענדע אויגוסט 1944, איז דורך ד״ר באָטמאַן און קורט פּאַניקע דורכגעפירט געוואָרן אַ סעלעקציע פון פאַרעלטערטע, קראַנקע און קינדער (ווי עס ווייזט אויס איז עס געווען אַ רינג אין דער צענפּראָצענטיקער אַקציע). די סעלעקציאָנירטע זענען געבראַכט געוואָרן קיין ערעדאַ און דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן. אַזוי האָט דערציילט איינער, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער שחיטה און צוריקגעקערט זיך קיין אַזאַרי [43].

נאָך דער אַקציע איז פּאַניקע געקומען אין לאַגער־באַד און געפאָדערט מען זאָל אויסוואַשן זיינע פאַרבלוטיקטע בגדים. מ. באַלבערישסקי גיט אָן, אַז ד״ר באָטמאַן האָט סעלעקציאָנירט צום טויט 42 קראַנקע און זקנים, צווישן זיי דעם אויגן־דאָקטאָר רוטשניק [44].

אַן עדות דערציילט, אַז אַחוץ באָטמאַן און פּאַניקע, האָט זיך אין דער צענפּראָצענטיקער אַקציע אויך באַטייליקט אַן ס.ס.־מאַן מיטן צונאָמען „גאָלאָשייקע״ (אַ באָקסער פון פאַך). ד״ר באָטמאַן האָט געזאָגט, אַז מען פירט אַרויס די סעלעקציאָנירטע אין אַ נייעם לאַגער „מאָר״ (ס'איז געווע אַן איזדיעקוועט זיך, ווייל דאָס וואָרט „מאָר״ קען אויך באַדייטן „טויט״). אין דער אַקציע זענען אומגעקומען 30—40 מאַן.[44a]

גאָלדפילץ: דאָ זענען פאַרגעקומען אַקציעס פון זקנים און קינדער, ווי אויך די אַקציע, וואָס איז אָפּגערופן געוואָרן (150 סעלעקציאָנירטע האָבן דאַן דורכגעלעבט די שרעק פון אַרויסגעפירט ווערן) [45]. דאָרט איז אויך פאָרגעקומען די צענפּראָצענט־אַקציע, וואָס דער מחבר אַליין האָט דורכגעלעבט.[46] פון גאָלדפילץ זענען אַרויסגע־

נומען געוואָרן 40 „שטאַרקע״ קיין ערעדאַ, בכדי דאָרט מקבר צו זיין הרוגים. פון דאָרט האָבן זיי זיך שוין קיין מאָל נישט צוריקגעקערט.[47]

וויוויקאָני: שנאַבעל האָט דורכגעפירט די אַקציעס פון די זקנים. ער פלעגט זיי באַפעלן אויסטאָן זיך נאַקעט און אויסלייגן אין אַ בלאָטע. דאָרט פלעגט ער מיט זיינע שטיוול טרעטן אויף זייערע העלדזער ביז זיי פלעגן ווערן דערשטיקט.[48] שנאַבעל האָט אויך דורכגעפירט אַ „קינדער־אַקציע״; אין די אויגן פון די מוטערס האָט ער אַרויסגענומען אַן ערך 20 קינדער און זיי פאַרשפאַרט אין אַ באַזונדערן בלאָק. אַ מאַמע האָט אָנגעהויבן בעטן פאַרן לעבן פון איר קינד, און ווען זי האָט נישט געפועלט, האָט זי געשריִען אויף שנאַבלען: „אַ חיה וואָלט זיך נוהג געווען בעסער ווי דו!״ די מוטער איז אויפן אָרט דורך אים דערשאָסן געוואָרן.[49]

וויוואַראַ: לויט די עדות זענען דאָרט פאָרגעקומען צוויי גרויסע אַקציעס און פון 15 ביז 20 קליינע אַקציעס.[50] די ערשטע גרויסע אַקציע איז פאָרגעקומען אין האַרבסט 1943. די לאַגערניקעס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אויפן אַפּעל־פּלאַץ, און דאָרט האָבן די ס.ס.־לייט דורכגעפירט די סעלעקציע. פון די רייען זענען אַרויסגענומען געוואָרן אַן ערך 150 מאַן. זיי זענען פאַרלאָדן געוואָרן אויף אויטאָס, אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַ וואַלד, אַן ערך 5 קילאָמעטער פון לאַגער, און דאָרט אויסגעשאָסן געוואָרן.[51] אַ צווייטע גרויסע אַקציע איז פאָרגעקומען זומער 1944, ערב דער ליקווידאַציע פון לאַגער. ס׳זענען אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט אַן ערך 300 מאַן, בעיקר קראַנקע אויף פלעקטיפוס און אַרבעטס־אומפעיִקע.[52]

די „קליינע אַקציעס״ פלעגן פאָרקומען כמעט יעדע צוויי וואָכן לויטן פאָלגנדיקן סדר: נאָכן מאָרגן־אַפּעל און נאָך דעם ווי די לאַגערניקעס פלעגן אַרויסגיין צו די אַרבעטס־איינהייטן, זענען אין לאַגער פאָרגעקומען סעלעקציעס צווישן די איבערגעבליבענע קראַנקע און אָפּגעשוואַכטע. זיי פלעגן פאַרלאָדן ווערן אויף אויטאָס, צו 15—20 מאַן אויף אַן אויטאָ, און דערשאָסן ווערן אינעם נאָענטן וואַלד, און זייערע קערפּערס פלעגן פאַרברענט ווערן. סך־הכל זענען אין די קליינע אַקציעס אומגעבראַכט געוואָרן אַן ערך 500 מאַן.[50] אין אַ ספּעציעלן בלאָק זענען קאָנצענטרירט געוואָרן די קינדער, וועלכע זענען שפּעטער ליקווידירט געוואָרן.[53] די „קינדער־אַקציע״ האָט דורכגעפירט שנאַבעל[54] (וועגן דעם באַזונדער). פּאַניקע, וואָס איז געווען לאַגערפירער אין נאַרוואַ, פלעגט אָפט קומען קיין וויי־וואַראַ, בכדי העלפן דאָרט דורכפירן די אַקציעס.[55]

ווען ס׳איז אָנגעקומען קיין וויוואַראַ אַ טראַנספּאָרט פון ווילנער פרויען, וועלכע האָבן זיך „פרייוויליק״ געמאָלדן צו פאָרן קיין עסטאָניע, איז ביי דער באַן־סטאַציע אין וויוואַראַ פאָרגעקומען אַ סעלעקציע: פרויען אָן קינדער זענען אַרי־בערגעפירט געוואָרן קיין קלאָגע, און פרויען מיט קינדער זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן „ערגעץ־ווו״ (ווייזט אויס קיין אוישוויץ).[56]

לויט די דאָזיקע געגעבענע קומט אויס, אַז בעת דער ערשטער אַקציע זענען אומגעקומען אַן ערך 100 פּערזאָן; אין דער צווייטער גרויסער אַקציע — אַן ערך 300 פּערזאָן; אין די 20 קלענערע אַקציעס — אַן ערך 500 פּערזאָן. ס״ה אַן ערך 900 פּערזאָן. דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבן די אָקאָרשט דערמאָנטע מאַמעס מיט קינדער, וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן סעפּטעמבער 1943.

לאַגעדי: בשעת דעם צווייטן „טורניר״ (סעפּטעמבער 1944), איז פאָרגעקומען די אַקציע פון דער מאַסן־שחיטה, 18טער סעפּטעמבער 1944: 425 מאַן זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין אַ נאָענטן וואַלד; אַן ערך 75 זענען אַרויסגעפירט גע־וואָרן קיין קלאָגע, ווו זייער מערהייט איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן צומאַרגנס [57].

נאַרוואַ: ס׳זענען פאָרגעקומען סעלעקציעס פון אָפּגעשוואַכטע, קינדער און זקנים.[58] די אַקציעס פלעגן דורכפירן צוזאַמען שנאַבעל און פאַניקע. די סעלעק־ציאָנירטע פלעגן תיכף אַרויסגעפירט ווערן צום טויט אויף אויטאָס אין נאָענטן וואַלד [58].

סאַנדאַ: ס׳איז פאָרגעקומען אַן אַקציע קעגן זקנים. ד״ר באָטמאַן האָט אָנגע־פירט מיט דער אַקציע. די סעלעקציאָנירטע זקנים בשעת דעם לאַגער־אַפּעל זענען באַלד אַרויסגעפירט געוואָרן אויף אויטאָס און דערמאָרדעט געוואָרן אין נאָענטן וואַלד [59].

ערעדאַ: דער לאַגער איז אָנגערופן געוואָרן דורך די עסטאָנישע לאַגערניקעס „בית־הקברות פון די לאַגערן״. ערעדאַ איז באַשטאַנען פון צוויי לאַגערן: „אויבערשטע ערעדאַ״ און „אונטערשטע ערעדאַ״, ווו די לעבנס־באַדינגונגען זענען געווען אויסערסט שווערע. די לאַגערניקעס דערציילן וועגן אָפטע סעלעקציעס, וואָס פלעגן פאָרקומען אין דער „אונטערשטער ערעדאַ״.

קיין ערעדאַ זענען געבראַכט געוואָרן, ווי שוין דערמאָנט, שוואַכע, קראַנקע און זקנים, סעלעקציאָנירטע פון פאַרשידענע לאַגערן. דאָ האָט זיי דערוואַרט דער „טויט פון שוואַכקייט״, אָדער דערשאָסן צו ווערן אין נאָענט וואַלד.

ד״ר ה. פריד דערציילט אין זיין גבית־עדות וועגן אַ סעלעקציע פון 80 זקנים, אין יאָר 1944; זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין ריגע.[60]

מאַשאַ רודניצקאַ דערציילט וועגן אַ סעלעקציע פון זקנים, שוואַכע און קינדער. מען האָט געזוכט אין אַלע בלאָקן, כדי צו אַנטדעקן די קינדער, וועלכע זענען אויסבאַהאַלטן געוואָרן דורך זייערע עלטערן מיט פאַריאושטע אָנשטרענ־גונגען. די סעלעקציאָנירטע זענען קאָנצענטרירט געוואָרן אין רעוויר און פון דאָרט אַרויסגעפירט געוואָרן ביינאַכט, אויף אויטאָס [61].

ע. טייטלמאַן דערציילט וועגן אַ סעלעקציע פון זקנים, וואָס ד״ר באָטמאַן האָט דורכגעפירט. בשעתן אַפּעל האָט ער אַריינגעקוקט אין די אויגן פון יעדן איינעם און האָט פאַרשריבן די נומערן פון די סעלעקציאָנירטע (קאַנטיק, אַז ד״ר

באַטמאַן האָט זיך אויסגעספּעציאַליזירט מיט איין קוק פעסטצושטעלן דעם טויט־אורטייל פאַר אַ מענטשן). אַלע פאַרשריבענע זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין באַזונדערע בלאָקן און פון דאָרט — אין אַן „אומבאַקאַנטער ריכטונג״ [62].

וועגן אַ סעלעקציע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 8טן אָדער 9טן פעברואַר 1944, דערציילט פּערל קרייצער [63]. „יענעם טאָג איז אָנגעקומען ד״ר באַטמאַן צו דער אונטערשטער ערדאַ און האָט אויסגעקליבן אַן ערך 100 מאַן „האַלבע מתים״, וועלכע זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אין נאָענטן וואַלד. דאָרט זענען זיי דערשאָסן און פאַרברענט געוואָרן. די געזונטערע האָט מען אַריבערגעפירט אין דער אויבערשטער ערדאַ״.

דער מחבר איז אַן עדות, אַז אויך פון קורעמע האָט מען אַרויסגעפירט אַ פּאַרטיע קראַנקע און שוואַכע קיין ערדאַ. זיי זענען פאַרשריבן געוואָרן דורך שאַרפעטער דער „קירקעניק״. צווישן די פאַרשריבענע איז אויך געווען ד״ר פינגערהוט [64]. וועגן די אַרויסגעפירטע האָט מען מער קיינמאָל נישט געהערט.

איינער פון די גרויסע טראַנספּאָרטן מיט סעלעקציאָנירטע יידן איז דורכגעגאַנגען שאַוול, דעם 18טן פעברואַר 1944. דער עשאַלאָן איז באַשטאַנען פון 20 וואַגאָנען, וועלכע האָבן געציילט אַן ערך 800 מאַן, צווישן זיי קראַנקע, שוואַכע און קינדער ביז 13 יאָר. זיי האָבן דורכגעמאַכט די סעלעקציע מיט 5 טעג פריִער, ד״ה אַן ערך דעם 13טן פעברואַר 1944. פון שאַוול זענען זיי אָפּגעפירט געוואָרן אויף „זאָנדערבעהאַנדלונג״ אין אַן „אומבאַקאַנטער ריכטונג״ [65]. איינער איז אַנטלאָפן און פון אים טאַקע שטאַמען אַלע פּרטים. אויך פּערלעגער, 10־11, דערציילט וועגן אַן אַקציע פון 800 מאַן אין ערדאַ.

אין די „אוישוויצער העפטן״ ווערט דערציילט, אַז דעם 22סטן פעברואַר 1944 איז קיין אוישוויץ אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט יידן פון עסטאָניע. אַחוץ 24 מענער און 22 פרויען זענען אַלע פאַרגאַזט געוואָרן [66]. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן איז דאָס געווען דער ערדאַ־טראַנספּאָרט, וואָס איז דורכגעגאַנגען שאַוול דעם 18טן פעברואַר.

קורעמע: דער סאַניטעטער שאַרפעטער האָט דורכגעפירט אַ מאָרד־אַקציע פון 22 זקנים און אָפּגעשוואַכטע. די אַקציע האָט ער דורכגעפירט אין איינעם פון די לאַגער־בלאָקן, נאָך דעם ווי אים איז נישט געלונגען זיי צו דערמאָרדן דורך איינשפּריצונגען פון „עוויפאַן־נאַטריום״, האָט ער זיי דערמאָרדעט מיט אַ קירקע־קלאַפּ אינעם נאַקן; און פון דאַן אָן האָבן אַלע לאַגערניקעס אים גערופן „שאַרפעטער דער קירקעניק״ [67]. די לאַגערניקעס זענען געווען געצוווּנגען נאָך דער מאָרד־אַקציע אַרויסצופירן די קערפּערס אינעם נאָענטן וואַלד און זיי פאַרברענען אויף שייטערס. די אַקציע האָט אָנגעוואָרפן אַ גוואַלדיקע אימה אויפן גאַנצן לאַגער, ווייל די לאַגערניקעס האָבן אַליין געזען ווי ער האָט געפירט די

זקנים צום בלאָק; זיי האָבן אַליין געהערט די טויט־געשרייען פון די דערהרגעטע און זיי האָבן אַליין אַרויסגעפירט די קערפּערס. די ידיעה וועגן דער דאָזיקער שווידערלעכער אַקציע מיט דער קירקע האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט אין אַלע לאַגערן. אַ טראַנספּאָרט שוואַכע האָט מען אַוועקגעשיקט צום קיין ערעדאַ.[59]

קיוויאַלי: אַלע עדות דערציילן וועגן אַ גרויסער אַקציע פון זקנים און קראַנקע, וואָס איז פאָרגעקומען ענדע זומער 1944. לויט די ווערטער פון חיה תרשיס איז די אַקציע פאָרגעקומען דעם 4טן אויגוסט 1944.[68]. די דייטשע לאַגער־פירער האָבן אויפגעקלערט די לאַגערניקעס, אַז מען שטייט פאַר אַן עוואַקואַציע פון לאַגער. די געזונטע וועלן דאַרפן גיין צופוס און די שוואַכע וועלן פאַרלאָדן ווערן אויף אויטאָס, בכדי זיי צו פאַרלייכטערן דעם וועג. די שוואַכע און קראַנקע זענען טאַקע קאָנצענטרירט געוואָרן אין רעוויר און פון דאָרט אַרויסגעפירט גע־וואָרן אויף אויטאָס. וועגן דער אַקציע עקזיסטירן פאַרשידענע ווערסיעס. אייניקע עדות דערציילן וועגן 150—170 אַרויסגעפירטע; אַנדערע וועגן 500. מען דער־ציילט אויך, אַז גלייכצייטיק (און לויט אַנדערע: דעם 17טן אויגוסט) זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון לאַגער 30 געזונטע מענער, „כדי אויפצושטעלן אַ נייעם לאַגער". זיי זענען שוין מער נישט צוריקגעקומען; צווישן זיי דער יידישער לאַגערעלטעסטער ישראל צעפּעלעוויטש און דער לאַגערניק־דאָקטאָר ל. וואָלקאָווי־סקי [68]. פאַראַן עדות, וועלכע דערציילן, אַז לאַגערניקעס פון קיוויאַלי 1 און קיוויאַלי 2, זענען בשעת אַ קראַנקן־אַקציע אַרויסגעפירט געוואָרן קיין פאָנאַר ביי ווילנע. די ס.ס.־לייט האָבן געמאָלדן, אַז יעדער וואָס פילט זיך שוואַך, קען זיך פאַרשרייבן פון אייגענעם ווילן און ער וועט אַריבערגעפירט ווערן אין אַ לאַגער, ווו די באַדינגונגען זענען בעסער. איינער פון די ס.ס.־לייט האָט שפּעטער דער־ציילט, אַז ער איז געווען צווישן די, וואָס האָבן באַגלייט דעם טראַנספּאָרט קיין פאָנאַר. די לאַגערניקעס זענען געפירט געוואָרן אין אָפענע וואַגאָנען, אין די טעג פון גרויסע פרעסט. אַ העלפט איז אויסגעשטאָרבן אין וועג. אין ווילנע זענען זיי אויפגעלאָדן געוואָרן אויף 6 משא־אויטאָס פון ס.ס., וועלכע האָבן זיי אָפּגעפירט קיין פאָנאַר [69].

עדות דערציילן: בדרך כלל זענען אין קיוויאַלי דורכגעפירט געוואָרן דריי אַקציעס במשך פון יאָר 1944: אין מערץ, אין אַפּריל און עטלעכע וואָכן פאַר דער ליקווידאַציע, ד"ה די אויבן־באַשריבענע „גרויסע אַקציע". אַנדערע רופן איר אויך די „צען־פּראָצענטיקע" אַקציע". לויט עדות, איז די אַקציע דורכגעפירט געוואָרן דורך ד"ר באַטמאַן, העלוויג און ווערלע.[70]

קלאָגע: וועגן אַ סעלעקציע, סוף 1943, האָבן דערציילט ראַבינאָוויטש און קלאַטשקאָ [71]. לויט זיי זענען יענעם טאָג אַרויסגעפירט געוואָרן פון לאַגער 300 מאַן „די אַקציע איז פאָרגעקומען צוליבן אַנטלויפן פון לאַגערניקעס" (ס'איז נישט

אויסגעשלאָסן, אַז דאָ רעדט זיך וועגן דעם אַרויספיר קיין אילינורמע, אויב יאָ, קען מען עס אָנרופן „אַן „עוואַקואַציע־סעלעקציע"".

אָבער קיין אילינורמע זענען אַרויסגעפירט געוואָרן נאָר 150 מאַן.

אַן ענלעכע סעלעקציע איז פאָרגעקומען אויגוסט 1944 ווען אַן ערך דריי הונדערט שוואַכע פרויען זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון קלאָגע. זיי האָט אָפּגעגליקט: מען האָט זיי געבראַכט קיין טאַלין, און פון דאָרט קיין שטוטהאָף. אַ טייל פון זיי איז געבליבן לעבן.[71]

אין דער גרויל־געשיכטע פון די עסטאָנישע לאַגערן איז איינגעקריצט מיט בלוט די געשיכטע פון דער מאַסן־שחיטה אין קלאָגע, 9.19. 1944, אין וועלכער ס'זענען אומגעקומען אַן ערך 2.400 יידישע לאַגערניקעס און אַן ערך 100 סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע (פּרטים וועגן דעם אין קאַפּיטל וועגן דער מאַסן־שחיטה).

ווען מען לייענט די עדות־זאָגונגען וועגן די סעלעקציעס און אַקציעס, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די פאַרשידענע לאַגערן אין עסטאָניע, זעט מען, אַז עס האָט אין זיי געהערשט אַ שיטה: באַפרייען זיך פון יעדן איינעם, וואָס איז געוואָרן אומפעיִק צו אַרבעט, ד"ה פון די, וועלכע זענען „אומזיסטע עסערס"; פאַרניכטן די קינדער (פון וועלכע ס'קענען נאָך אַמאָל אויפשטיין נקמה נעמער); האַלטן אין אייביקן פחד אַלע לאַגערניקעס און דערמיט דערשטיקן יעטוועדן אויפשפּראָץ פון אַ ווידערשטאַנד־געדאַנק.

באַמערקונגען

1) געניטערע עדות־זאָגונגען וועגן די אַפּעלן: אַנאַליק נ., געשפרעך, וויינטרויב, 2; סקורקאָוויטש, 2; פערלעגער, 5; ראַבינאָוויטש, 2; קרעמער, 3.

2) Disziplinar u. Strafordnung für das Gefangenlager (R. Schnabel. Macht ohne Moral, 1957, 187).

3) וועגן שמיץ אין ערעדאַ — פערלעגער, 5; אין וויוויקאָני — קאַלמאַנאָוויטש, 4; ער דערציילט וועגן 25 שמיץ צוליב אַ פּאָר סקאָרפּעטן געפונענע ביי אַ לאַגערניק; אין וויי־וואַראַ — נ. אַנאַליק (געשפרעך, 1), אַנאַליק, נ. (וואָרט, 1); רעזומע, 4.

4) דער שרייבער פון די שורות האָט באַקומען 25 שמיץ פון ד"ר באַטמאַן אַלס שטראָף פאַר אויסבאַהאַלטן דעם פלעק־טיפוס אין קורעמע (גאָרדאָן מ., 10). ד"ר לאַזאַר פינקעלשטיין איז באַשטראָפט געוואָרן מיט שמיץ אין קיוויאָלי (תרשיס, 2); ד"ר בוזשאַנסקי אין וויוויקאָני.

5) אַנאַליק, נ., רעזומע, 4.

6) אַנאַליק, נ., געשפּרעך 1.

7) גאַדעל, 3.

7א) דראַבקין העשל און שמואל.

8) פּעטראַסקאַוואַ, 38.

9) די עדות אויפן שנאַבעל־פּראָצעס האָבן דערציילט, אַז ער האָט שטאַרק געממיתט כצ׳ן, אַריינגעגאָסן וואַפּנע אין זיין מויל (לויט אַנדערע: ליזאָל), געטראָטן אים אויפן האַלדז בכדי צו דערשטיקן; לויט איגעלקאַ האָט שנאַבעל געפּייניקט דעם צאָן־דאָקטאָר במשך אַ וואָך, שלאָגנדיק אים מיט זיין שפּיצרוט, און גיסנדיק עמערס קאַלט וואַסער אויף זיין קאָפּ, ביז וואַנען ער איז געשטאָרבן.

10) ניצינסקאַ, „שטוטגאַרטער צייטונג", 1966.2.6.

11) נאַדעל, 3.

12) סאַליץ, 12—13.

13) איינגסטער, „שטוטגאַרטער נאַכריכטען", 7.28 .1966.

14) איזגור, 39—40; גאָלדמאַן, צ., 46; דאַנציגער, 64—65; האָלצמאַן ר., 7.

15) גאָלדמאַן, צ., 45—46; האַלפּערן, 33—37.

16) סלעפּאַק, 3.

17) ראָזענבערג, 9—14.

18) אַנאַליק, ב., 3.

19)גאָלדשטיין, ב. 12—13.

20) קויפמאַן, 38.

21) רשימות פון ה. קרוק וועגן לאַגעדי; „רעזומע", 4.

22) איגעלקאַ, 7; שאַרפּעטער האָט געכאַפּט אַ קאָוונער ייד, גוטמאַן, בשעת ער האָט געזאַמלט אויפן פעלד קאַרטאָפל פאַר זיין זון; ער האָט אים אויפן אָרט דערהרגעט.

23) דוואַרזשעצקי; וויינטרויב, 7.

24) זוהר, 7—10; סקורקאָוויטש (א), 37—39.

25) שעפּטעל, 10—14.

26) אָרבאַך, „שטוטגאַרטער צייטונג", 1965.10.10; ראָזענבערג „שטוטגאַרטער צייטונג", 1965.7.27 און „שטוטגאַרטער נאַכריכטען" 1965.7.7; דראַבקין, י., 19—20.

27) זע עדות פון מ. ראָזענבערג און פון מערערע געראַטעוועטע פון ווייוואַרע, נאַרוואַ און קלאָגע.

28) ראָזענבערג, „שטוטגאַרטער צייטונג" און „שטוטגאַרטער נאַכריכטען", 27. 7. 1965.

29) קאַגאַן־גראַדזענסקי, 4.

30) גאַרדאַן, 10.

31) וויינטרויב, 2.

32) מירקין, 2.

33) בליך, 3.

34) ראַבינאָוויטש, 7 ; אַראָנסאָן, 2.

35) דושאַנסקי, 2.

36) רעזומע, 4 ; ראַטנער, 4.

37) וויינטרויב, 7.

38) וועגן פּרטים פון דעם ענין זענען פאַראַן מערערע עדות: בורג, ג., 5, און וואַפּניק, א., 2, דערציילן, אַז גענט האָט געגעבן די טויט־איינשפּריצונגען, און דאַן פאַר־ברענט דעם קערפּער פון קינד אין „זעגעווערק״; דושאַנסקי, ק., 4, דערציילט, אַז וועגן דעם האָט ער געהערט פון צאָן־דאָקטאָר פעלדשטיין, וואָס האָט אַליין געזען ווי גענט האָט געגעבן די טויט־איינשפּריצונג; גיטע גורוויטש, 4 : ד״ר געצאָוו האָט איר דערציילט, אַז פאַר זיינע אויגן האָט „אַנטעק״ (צונעמעניש פון גענט) אַריינגעשפּריצט בענזין אין האַרץ פון קינד.

39) ראָטענבערג, 1 : גאָלדבלום, 1.

40) אַראָנאָוויטש, 1.

41) אַראָנאָוויטש, 1 ; קאַגאַן דערציילט וועגן אַן ענלעכן פאַל אין גאָלדפילץ.

42) ירושלמי, א., פּנקס שאבל, 355—484.

43) אַרבאַך ,(3), 19 ; סקורקאָוויטש (3), 8; זוהר, 19 ; לויט זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אַן ערך 50 מאַן ; דראַבקין, 13.

44) באַלבערישסקי, 685.

45) קאַגאַן־גראַדזענסקי, 3.

46) דבורז׳צקי, „בין הבתרים״, 46.

47) גרינבלאַט, ז., 4.

48) אַנאָליק, נ., געשפּרעך, 1 ; גרינבלאַט, 4.

49) סקורקאָוויטש, „שטוטגאַרטער צייטונג״, 1965.10.15.

50) גריליכעס, ג., 16 ; דאַנציגער, 54—60 ; רייכעל, 69—32 ; ראָזענבערג, מ., 79—80.

51) שעכטער, 4 ; צווישן די קרבנות זענען געווען איר מאַן און זון.

52) איגעלקאָ, 4 ; לויט איר איז די אַקציע פאָרגעקומען דעצעמבער 1943.

53) איגעלקאָ, 4 ; סלעפּאַק, 2.

54) ראָזענבערג, מ., 7.

55) ראָזענבערג, 7 ; גריליכעס, 2.

56) דוואָרזשעצקי „ירושלים דליטא״, יידיש, 473 ; האַרמאַץ ד. 9—10 ; אַראָנאָוויטש בעלאַ, וואָס איז אָנגעקומען אין וויוואַראַ, אויגוסט 1943, מיטן „קרובים־טראַנספּאָרט״, דערציילט, אַז נאָכן אָפּשטייגן, איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע, און מען האָט פון איר צוגענומען איר זיבן־יאָריק שוועסטערל ; זי מיינט, אַז פון יעדער משפּחה האָט מען צוגע־נומען איינעם צום טויט.

57) זע גבית־עדות וועגן דער שחיטה אין לאַגעדי.

58 ראָזענבערג, 10 ; סקורקאָוויטש (א), 40.

59) רודניצקאַ, 45 ; טייטלמאַן, 2.

60) פריד, ד״ר, 4—5.

61) רודניצקאַ, 3—4.

62) אַ בריוו צו „יד ושם״.

63) קרייצער, פּ., 16.

64)פערזענלעכע זכרונות פונעם מחבר.

65) ד״ר א. ירושלמי, פּנקס שאבלי, 1944.2.27. דאָרט ווערט דערציילט וועגן אַ יידישן יונגנמאַן. משה בן ברוך שבתיל, וואָס איז אַנטלאָפן פון טראַנספּאָרט און האָט דערציילט, אַז ער איז אַרויסגעפירט געוואָרן פון לאַגער קאַטוואַ (ביי ערעדאַ) מיט נאָך קראַנקע, אַלטע און קינדער ביז 13 יאָר, וועלכע מען האָט אויפגעלאָדן אין 16—20 וואַגאָנען, צוזאַמען 800 מאַן. אין זיין וואַגאָן האָבן זיך געפונען 70 קראַנקע. אין זעקסטן טאָג פון דער רייזע האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַציע מאַשקוציאַי. ער איז אַרויס „זוכן וואַסער און האָט פאַרשפּעטיקט דעם צוג״.

66) „העפטע פאַן אָשוויץ״, מלוכה־מוזעאום אין אוישוויץ, נר 7. מגר. דאַנוטאַ טשעך, „קאַלענדאַריום פון די געשעענישן אין קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער אוישוויץ־בירקענאַו״, 1944, עמ׳ 79 ; דאָרט ווערט דערציילט, אַז דעם 22סטן פעברואַר 1944 איז אָנגעקומען אַ ר.ז.ה.א.־טראַנספּאָרט מיט יידן פון עסטאָניע. נאָך דער סעלעקציע האָט מען איבערגעלאָזן אין לאַגער 24 מענער אַלס „העפטלינגע״, און זיי האָבן באַקומען די נומערן: 174288—174311 ; און 22 פרויען האָבן באַקומען די נומערן: 75596—75617. אַלע איבעריקע (צווישן זיי 86 מענער) זענען פאַרגאַזט געוואָרן.

ס׳איז נישט אָנגעגעבן געוואָרן די אַלגעמיינע צאָל געבראַכטע מענער, פרויען און קינדער.

67) וועגן דער דאָזיקער מאָרד־אַקציע, זע: גרינבלאַט, ז. ; גאַנז, 2 ; גאָרדאָן, 16 ; גראַ־דזענסקי־קאַגאַן, 8 ; דוואָרזשעצקי (עדות וועגן שאַרפּעטער), 2 ; ניעמענטשיק ; זע אויך: דבורז׳צקי, „בין הבתרים״, 49.

ניעמענטשיק דערציילט, אַז נאָך דעם ווי שאַרפּעטער האָט דערהרגעט מיט זיין קירקע 23 לאַגערניקעס, האָט ער געהייסן די יידישע „אַדמיניסטראַציע״ פון לאַגער, זי זאָל אַרויס־פירן די נאַקעטע הרוגים צום נאָענט ליגנדיקן וואַלד. נאָך דער גרופּע, וואָס האָט אַרויס־געפירט די מתים, איז נאָכגעגאַנגען שאַרפּעטער און האָט געשלאָגן איבער זייערע קעפּ, אויב זיי זענען נישט געגאַנגען אין „גלייכשריט״ (טראָט אין טראָט). ווען מען האָט אַרויפגעלייגט די קערפּערס אויפן שייטער, האָט איינער פון די הרוגים געשריען, אַז ער לעבט נאָך: „איך לעב נאָך, ברענט מיך נישט!״. שאַרפּעטער האָט אים געגעבן אַ שטאַרקן

זעץ אין קאָפּ און אים געמאַכט שווייגן אויף אייביק. דער מחבר פונעם בוך האָט געהערט אין קורעמע, אַז דער נאָמען פון דעם לאַגערניק איז געווען גאָלדין.

צווישן יענע הרוגים געדענקט דער מחבר די נעמען: ד״ר איוואַנטער אברהם, אַ באַרימטער רענטגענאָלאָג אין ווילנע; גאָלאָמבּ, אַן אַלטער ייד, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט שאַרפּעטערן; ווי אויך איינער מיטן נאָמען גלעזער.

68) תרשיס חיה, וואָס איז געווען אַ קראַנקנשוועסטער אין ערעדאַ, באַשרייבּט אַזוי די ערעדער אַקציע: „אין יענער נאַכט פון 4טן אויפן 5טן אויגוסט האָבן זיך באַוויזן אין רעוויר די באַקאַנטע מערדער ד״ר באָטמאַן און שוואַרצע. דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל צו וועלכן כ׳האָב אָנגעהערט, האָט באַקומען די פאַראָרדענונג צוצוגרייטן די קראַנקע צו זייער רייזע... דער לאַגער איז געווען פאַרזונקען אין שלאָף, ווען מען האָט אָנגעהויבּן אַרויספירן די אומגליקלעכע קראַנקע... אַ גאַנצן טאָג זענען אָנגעקומען די אויטאָס און גענומען מיט זיך נייע קרבנות. זיי פלעגן זיך צוריקקערן מיט די בגדים פון די אומגליק־לעכע... בכדי אונדז אָלעמען צו באַרויקן און אַרויסנעמען פון אונדז וועלכע עס איז מוראדיקע פאַרדאַכטן, האָבן די דייטשע אָנפירער פון לאַגער באַפוילן, אַז דעם טראַנס־פּאָרט פון די זקנים זאָלן באַגלייטן אונדזערע טייערע פריינד, דער יידישער לאַגער־עלטעסטע ישראל צעפּעלעוויטש און ד״ר לעאָ וואָלקאָוויסקי... אויף איינעם פון די אויטאָס וואָס האָט זיך צוריקגעקערט, האָבן מיר געפונען אָנגעשריבּן אויף רוסיש: „ביוט נאַס אי אוביוואַיוט נאַס!״ („מען שלאָגט אונדז און מען דערהרגעט אונדז!״)...

לויט אָפּנבאַך, 9, זענען בשעת דער אַקציע אַרויסגעפירט געוואָרן 500 מאַן. נאָך דער אַקציע זענען אין לאַגער איבערגעבליבן קוים 700 מאַן. לויט אים האָט די אַקציע געדויערט 5 טעג. צווישן די אַרויסגעפירטע זענען געווען 70 קראַנקע פון רעוויר. לויט אים, איז דאָס אַוועקנעמען ישראל צעפּעלעוויטש און נאָך 30 מאַן, פאַרגעקומען אין אַ צוויי וואָכן שפּע־טער, און נעמלעך דעם 17טן אויגוסט; די דייטשן האָבן געזאָגט, אַז מען פירט זיי אַרויס אין אַן אַנדער לאַגער. „דער אויטאָ האָט זיך צוריקגעקערט באַפלעקט מיט בלוט; וואָר־שיינלעך איז דאָרט פאַרגעקומען אַ שווערער געראַנגל״.

נאַרקונסקי דערציילט, אַז ער אַליין איז געווען אַנוועזנדיק אויפן אַפּעל־פּלאַץ ווען ס׳איז פאַרגעקומען די אַקציע. ער רופט זי אָן „די צענפּראָצענטיקע אַקציע״. ער דערציילט אויך וועגן אַוועקנעמען ד״ר וואָלקאָוויסקי און י. צעפּעלעוויטשן. לעווין ב., 5, מיינט, אַז אין דער אַקציע זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון לאַגער אַן ערך 150 מאַן; די דייטשן האָבן זיי געמאָלדן, אַז „מען גייט איבער אין אַ נייעם לאַגער״, און בכדי צו באַפעסטיקן די די פאַרפירערישע אילוזיע האָבן זיי אויפן אַפּעל־פּלאַץ באַשטימט פאַר עטלעכע לאַגערניקעס „פונקציעס״, וואָס זיי וועלן אויספירן אין נייעם לאַגער („פאַרפלעגונגס־מייסטער״) אין „באַקליידונגס־קאַמער״, אין „שרייבשטובע״ אד״גל). סקורקאָוויטש מיינט, אַז די אַרויס־געפירטע פון רעוויר האָט מען אַוועקגעפירט אויף פּאָנאַר.

ס׳בלייבט אָפן די פראַגע, אויב דאָס אַרויספירן די קראַנקע און דאָס אַרויספירן דעם ד״ר וואָלקאָוויסקי מיט די איבעריקע, איז פאָרגעקומען במשך פון איין אָדער צוויי אַקציעס ?

69) דאַנציגער, 6 ; לויט דער באַשרייבונג איז די אַקציע פאָרגעקומען ווינטער (מערץ 1944).

70) אַנטאָקאָלעץ, 1—7.

71) ראַבינאָוויטש, 5—6 : „... ענדע סעפטעמבער (?) 1943 האָבן ד״ר באָטמאַן און „אַנטעק״ (גענט) צונויפגערופן אַלע לאַגערניקעס אויפן אַפעל־פלאַץ. ווער ס׳איז זיי נישט געפעלן געוואָרן, אַרום 300 מאַן, זענען אַרויסגעפירט געוואָרן דורך די ס.ס.־לייט, אָן פעקלעך און אָן עסן, אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג...״. אויך קלאַטשקאָ דערציילט וועגן אַרויספירן די 300 מאַן.

72) ווולף, 4.

דער גורל פון די קינדער אין די לאַגערן

הונדערטער קינדער זענען טראָץ דעם נאַצי־פאַרבאָט אַריינגעבראַכט געוואָרן אין די עסטאָנישע לאַגערן דורך זייערע עלטערן, אַ דאַנק פאַרשידענע פאַרמאַס־קירטע וועגן. אַזוי האָבן געטאָן עלטערן סיי פון געטאָ־ווילנע און סיי פון געטאָ־קאָונע. די עלטערן האָבן דאָס קליינוואַרג אַריינגעגנבעט אין רוקזעק, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף די פּלייצעס; די אונטערגעוואַקסענע ייִנגלעך און מיידלעך האָט מען אָנגעטאָן אין בגדים פון דערוואַקסענע. די עלטערן האָבן געוווּסט, אַז איבערלאָזן די קינדער אַליין אין געטאָ, וואָס ווערט ליקווידירט — הייסט טויט. דאַקעגן דורכן אַריינגנבענען די קינדער אין די אַרבעט־לאַגערן איז פאַראַן אַ שאַנס צו בלייבן לעבן.

ווייניק, גאָר ווייניק, זענען איבערגעבליבןביים לעבן פון יענע אַריינגעגנבע־טע קינדער. דעריבער זענען אַזוי ווייניק די עדי־ראיה פון קינדער־לעבן אין די עסטאָנישע לאַגערן. אַזאַ איז, למשל, מ. ראָזענבערג, וואָס איז אַלט געווען 13—14 יאָר אין יענער תקופה.

אָבער אויך די מאָגערע ידיעות, וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען סיי פון דערוואַקסענע געראַטעוועטע קאַצעטלער, סיי מצד די „געוועזענע קינדער", גיבן אונדז אַ בילד פון טראַגישן קינדער־גורל אין די קאַצעטן. די עלטערע צווישן זיי האָבן זיך געמיט אויסצוזען ווי דערוואַקסענע ממש און געאַרבעט עבודת־פּרך איבער זייערע כוחות. די ייִנגערע האָבן זיך געפונען אין „קינדער־לאַגערן", אין „קינדער־קאָמאַנדאָס" ד"ה אין אַ מין געטאָ אינערהאַלב דעם לאַגער. זיי האָבן זיך געפונען אונטער אַ שטענדיקער אויפזיכט און דיסציפּלין. זייער סוף איז געווען — דער אַרויספיר „ווו־עס־איז", אַמוואַרשיינלעכסטן קיין אוישוויץ, אַ חוץ פאַלן ווען זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אין נאָענטסטן וואַלד צום דערשיסן.

טראָץ די שוידערלעכע באַדינגונגען פון די לאַגערן, זענען מיר עדות פון סאָלידאַריטעט־דערשיינונגען, קעגנזייטיקער הילף און מסירת־נפש צווישן די קינ־דער. זיי זענען געווען די לאַגער־זינגערס; צווישן זיי זענען אויך געווען מחברים פון לידער, זיי פלעגן זיך אויך באַטייליקן אין די געהיימע אָוונטן פון די לאַגערן. דאָס קליינוואַרג איז געווען אין אַ מצב פון אַ געוויסער דעפּרעסיע („נישט רעאַ־גירן, נישט שרייען, נישט וויינען"). דאַקעגן די עלטערע צווישן זיי זענען געווען

פול מיט לעבנס־ענערגיע; אָפּט פלעגט די לאַגער־וואַך זיי נישט קענען באַהערשן. ס'איז כדאַי אויך צו פאַרצייכענען, אַז קינדער זענען געווען צווישן די וואָס זענען געלאָפן פון די לאַגערן.

קלאַנגען וועגן יידישע קינדער, וועלכע געפינען זיך אין די עסטאָנישע לאַגערן, זענען שוין דערגאַנגען צום געטאָ שאַוול סוף אָקטאָבער 1943.[1] אויך האָבן קורסירט קלאַנגען צווישן די יידישע קאַצעטלער אין עסטאָניע, אַז אין פאַרשידענע עסטאָנישע לאַגערן געפינען זיך יידישע קינדער; און די עלטערן פלעגן זיך טרייסטן מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועלן זיי נאָך ווען עס איז באַגעגענען זייער פאַרשוווּנדן קינד.

מערערע עדות דערציילן וועגן קינדער אין זייערע לאַגערן: אַזאַרי[2], גאָלדפילץ[3], וויוויקאָני[4], וויוואַראַ[5], לאַגעדי[6], נאַרוואַ[7], ערעדאַ[8], קונדאַ[9], קורעמע[10], קיוויאָלי[11], קלאָגע[12].

פון די ייִנגערע קינדער איז קיינער נישט געבליבן ביים לעבן. די זעלטענע איבערגעבליבענע געפינען זיך צווישן די קינדער וואָס זענען געווען 13—14 יאָר אַלט ביים אָנקומען אין די לאַגערן. דער דאָזיקער עלטער האָט זיי דערמעגלעכט מאַכן זיך אויסזען ווי דערוואַקסענע און אַרבעטן אין די דייטשע אַרבעט־איינהייטן. די איבעריקע זענען אומגעקומען בשעת די פאַרשידענע סעלעקציעס, וועלכע זענען פאָרגעקומען אָן אויפהער.

לאַגערן אין וועלכע ס'זענען געווען „קינדער־קאָנצענטראַציעס"

לויט גביות־עדות איז די גרעסטע קאָנצענטראַציע פון קינדער געווען אין וויוואַראַ; קענטיקע קינדער־קאָנצענטראַציעס זענען געווען אויך אין ערעדאַ און קלאָגע. אין אַלע איבעריקע לאַגערן זענען געווען נאָר איינצלנע קינדער.

וויוואַראַ: דאָ איז געשאַפן געוואָרן פאַר די קינדער אַ ספּעציעלער „קינדער־לאַגער". לויט די גביות־עדות זענען דאָרט געווען אַן ערך 200 קינדער.[5] אַ סך פון זיי זענען אָנגעקומען מיטן צווייטן טראַנספּאָרט פון ווילנער געטאָ (ד"ה מיטן טראַנספּאָרט אויף צו „פאַראייניקן משפחות", 1943.8.24). די קאָוונער דאָקטאָרין סאָניע קאַמבער האָט זיך פאַרנומען מיט די דאָזיקע קינדער און לויט די גביות־עדות האָט זי זיך זיי איבערגעגעבן „מיטן גאַנצן האַרצן". די קינדער זענען געווען אין עלטער פון 3 ביז 10 יאָר. אין בלאָק פון די וואַרשטאַטן פלעגט מען באַהאַלטענערהייט פאַר זיי צוגרייטן אַ „קאַפּע", און אייניקע פרויען, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט די קינדער, פלעגן קומען אין די וואַרשטאַטן אָפּצונעמען די „קאַפּע" פאַר די קינדער.[13]

ערעדאַ: די קינדער זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ ספּעציעלער „קינדער־קאָמאַנדאָ", וואָס איז געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט

פון ווילנער לערער האַרט (ראובן ?). זיי האָבן זיך באַשעפטיקט מיט וואַלד־אַרבעט, ווי, למשל, שניידןביימער און טראָגן קלעצער. דער לערער האַרט האָט מיט זיי געפירט אינעם וואַלד אַ געהיימע דערציערישע אַרבעט. דאָס רוב קינ־דער זענען געווען אין בר־מצווה־עלטער[14].

קלאָגאַ: אינעם לאַגער זענען געווען בערך 30 קינדער[12]. יוסף מושקאַט[15] האָט אָרגאַניזירט אַ קינדער־גרופּע צו פאַרשידענע הילפס־אַרבעטן. „זיי זענען געווען די ספּעציאַליסטן ביים אַריינגנבענען שפּייז־פּראָדוקטן אין לאַגער"[12]. יעקב גאָלדבערג[12] האָט זיך מיט זיי ספּעציעל פאַרנומען; ער איז געווען דער, וואָס האָט געדאַגהט פאַר זייערע אַלע נויטן; ער פלעגט די קינדער צוטיילן צו פאַרשידענע אַרבעטן, פלעגט זיי באַגלייטן צו די אַרבעטס־קאָמאַנדאָס. „ער איז געווען דער לעבעדיקער גייסט פון די קינדער; זיי האָבן אים ממש געגלויבט"[12].

די יידישע לאַגער־וואַך האָט ממש נישט געקענט זיך געבן מיט זיי קיין עצה; די קינדער פלעגן אָפט אַרויסלויפן פון לאַגער און צוריק אַריינגנבענען זיך מיט פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן אויסגעביטן ביי דער אַרומיקער באַפעלקערונג. די קינדער פלעגן אויך שרייבן לידער, וועלכע זענען דורך זיי געזונגען געוואָרן. איינס פון די דאָזיקע לידער איז געווען זייער פּאָפּולער, „מיין מאַמע"[12].

איינער פון די עדות דערציילט, אַז נעבן קלאָגאַ איז געווען אַ לאַגער פון פינלענדער, „מיט אַ מאָנגאָלישן אויסזען"; אַ געוויסן טאָג האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז מען האַלט זיי ביים צוריקשיקן קיין פינלאַנד; זיי האָבן פאַרגעלייגט מיטצונע־מען מיט זיך אייניקע קינדער פון קלאָגאַ, בכדי זיי צו ראַטעווען פון דעם, וואָס עס דערוואַרט זיי. אָבער די פלענער זענען נישט אַדורכגעפירט געוואָרן[12].

אַלס „לאַגער־זינגערס" זענען געווען באַקאַנט קינדער פון פאַרשידענע לאַגערן. אַזאַ זינגער איז געווען דאָס קינד בערעלע פון קאָוונע, וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט אינעם לאַגער קורעמע. יעדן אָוונט פלעגט ער זינגען אויף זיין פּריטשע און „פּאַרזיסן" דאָס טרויעריקע לאַגער־געמיט. מען האָט אים גערופן „בערעלע דער זינגער"[16].

עדות דערציילן אַ סך וועגן דער קעגנזייטיקער הילף, וואָס די קינדער האָבן געגעבן איינס דאָס צווייטע[17], ווי אויך וועגן דערשיינונגען פון סאָלידאַריטעט און מסירת־נפש צווישן ברידער און שוועסטער בשעת סעלעקציעס[18].

קינדער זענען אויך געווען צווישן די לויפערס פון די לאַגערן. אַזאַ איז געווען מרדכי ראָזענבערג[17]; אויך איז באַקאַנט וועגן צוויי יידישע קינדער געבראַכטע פונעם רייך, וואָס זענען אַנטלאָפן און געכאַפּט געוואָרן[19] און וועגן 2 קינדער אַנטלאָפענע פון דער שחיטה אין קלאָגאַ[20].

קינדער־אַקציעס

עדות דערציילן וועגן קינדער־אַקציעס, וועלכע זענען פּאָרגעקומען אין פאַר־שידענע לאַגערן, אַזוי בעת דער „צענפּראַצענטיקער אַקציע" א"אַ.

אַזאַרי: אין דעם לאַגער איז געווען נאָר אַ קליינע צאָל קינדער: זיי אַלע זענען זומער 1944 אַרויסגעפירט געוואָרן פונעם לאַגער און אומגעקומען בשעת דער „צענפּראָצענטיקער אַקציע".[2]

גאָלדפּילץ: אינעם לאַגער זענען געווען אַ 5—6 קינדער געבראַכטע פון די געטאָס אין ווילנע און קאָוונע; זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן בשעת איינער פון די סעלעקציעס.[3]

וויוויקאַני: אַלע קינדער זענען אַרויסגעפירט געוואָרן בשעת איין אַקציע.

דער עד־ראיה דערפון, פרוי גאָלעמבאַ, דערציילט:[5]

„מען האָט צונויפגעזאַמלט די קינדער לויט אַ רשימה, וואָס איז פון פאַרויס צוגעגרייט געוואָרן. זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן, ווער אָן אַ זאָק, ווער אָן אַ שוך; ווער ס'האָט געהאַלטן אין זיינע הענט אַ צאַצקע, און ווער אַ ליאַלקע. אַ ביסל עלטערע קינדער האָבן געפירט ביי די הענט זייערע יינגערע ברידער אָדער שוועסטער. דער לאַגער־קאָמענדאַנט באַק האָט געציילט די קינדער און האָט אויסגעפונען, אַז ס'פעלט אים אַ קינד. האָט ער געמאָלדן, אַז ער וועט אויס־הרגענען דעם גאַנצן לאַגער אויב מען וועט נישט איבערגעבן דאָס קינד אין זיינע הענט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלט אַ מיידעלע, צוויי און אַ האַלב יאָר אַלט, די פּלימעניצע פון דעם יידישן לאַגער־עלטעסטן אַראָנאָוויטש. לסוף האָט ער זי געבראַכט: ער האָט מורא געהאַט, אַז צוליב איר וועט מען אומברענ־גען אַלע קאַצעטלער". מען האָט די קינדער אַריינגעוואָרפן אין די אויטאָס ווי מיסט און זיי אַרויסגעפירט קיין וויוואַראַ; מען האָט געזאָגט, אַז מען פירט זיי פון וויוואַראַ קיין אוישוויץ. מען דערציילט, אַז אַ פרוי איז מיטגעפאָרן מיטן קינדער־טראַנספּאָרט.[21] „...די קינדער האָבן נישט גע־וויינט. אַ פינף־יאָריק קינד האָט געהאַלטן פאַר די הענטלעך אַ צוויי־יאָריק קינד, מיט דעם גערעדט און פאַרשפּילט עס... זיי זענען צוגעוווינט געוואָרן דערצו. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו זיין שטיל, נישט צו רעאַגירן, נישט צו שרייען, נישט צו וויינען..."

וויוואַראַ: פון לאַגער זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אַרום 200 קינדער.[22] די אַקציע האָבן דורכגעפירט שנאַבעל און פאַניקע.[22] ס'זענען אָבער געווען קלאַנגען, אַז די קינדער זענען אויסגעשאָסן געוואָרן נעבן וויוואַראַ.[23]

איינער פון די עדות דערציילט, אַז די אַקציע איז פאָרגעקומען ווינטער. די קינדער זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אויפן לאַגער־פּלאַץ, צו פינף אין אַ ריי און זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן צו דער נאָענטסטער לאַגער־סטאַציע. די

דייטשן האָבן געזאָגט, אַז מען פירט זיי אין אַ קינדער־לאַגער. ס׳האָבן זיי פריי־וויליק באַגלייט פינף פרויען (דער עדות געדענקט איין נאָמען: חיה שניפּישאָק). די עדות דערציילן, אַז זיי האָבן געהערט, אַז די קינדער האָט מען געפירט קיין אוישוויץ [24].

לאַגעדי: די קינדער זענען דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט די עלטערן אין טאָג פון דער מאַסן־שחיטה, 1944.9.18 [25].

נאַרוואַ: די קינדער זענען ליקווידירט געוואָרן בשעת דער סעלעקציע פון די „שוואַכע״, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך שנאַבעל און פאַניקע [26].

ערעדאַ: אין ערעדאַ זענען קאָנצענטרירט געוואָרן קינדער פון פאַרשידענע לאַגערן ערב זייער טראַנספּאָרטירט ווערן צו דער ליקווידאַציע. וועגן דעם ענין זענען דאָ מערערע עדות. ירושלמי דערציילט, אַז אין עשאַלאָן, פון די 800 מאַן, וואָס איז אַרויס פון ערעדאַ און דורכגעפאָרן שאַוול, זענען געווען אויך קינדער אין עלטער ביז 13 יאָר [2]. דאָס אַרויספירן די קינדער איז פאָרגעקומען דאַן, ווען די מאַמעס זענען געווען אויסערן לאַגער, אין אַרבעטס־איינסן [4]. ווען די מאַמעס האָבן זיך דערוווּסט וועגן די אַרויסגעפירטע קינדער, זענען זיי אויסגעבראָכן מיט געוואַלד־געשרייען. אַן אַשמענער פרוי, וואָס האָט געזען ווי מען פירט אַרויס די קינדער איז אַראָפּ פון זינען [4].

וווּהין די קינדער זענען אַוועקגעפירט געוואָרן, ווייסן נישט די עדות. זיי דערציילן, אַז די ריכטונג איז געווען צו וויוואַראַ [4]. אַנדערע האַלטן, אַז פון דאָרט האָט מען זיי געפירט קיין אוישוויץ. אויך שבתיל האָט אין שאַוול געזאָגט זיין מיינונג, אַז דער טראַנספּאָרט גייט קיין אוישוויץ [28].

ס׳זענען געווען לאַגערן פון וועלכע די קינדער זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין ערעדאַ, און דאָרט זענען זיי געשטאַנען אין געשלאָסענע וואַגאָנען, ביז זיי זענען אַוועקגעפירט געוואָרן ווייטער. די ערעדאַ־העפטלינגע האָבן געהערט די קינדער־געשרייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די געשלאָסענע וואַגאָנען [25].

קונדאַ: די קינדער זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין ערעדאַ. זיי האָבן געהאַט דעם זעלבן גורל פון אַלע קינדער, וואָס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין ערעדאַ [27].

קיוויאַלי: אין לאַגער זענען געווען אַן ערך 30 קינדער. דער יידישער לאַגער־עלטעסטע צעפּעלעוויטש האָט זיך געזאָרגט, אַז די קינדער זאָלן אַרויסגיין אויף לייכטע אַרבעטן. זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן בשעת דער קינדער־אַקציע 1944, אייניקע קינדער זענען אַנטלאָפן און אויסבאַהאַלטן זיך אויף איינעם פון די בלאָק־דעכער [11].

קלאָגע: אַלע קינדער זענען אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט די דער־

וואַקסענע אין טאָג פון דער מאַסן־שחיטה, 1944.9.19 (אַ חוץ צוויי קינדער, וואָס זיי איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אונטער דער לאַגער־פּאָדלאָגע).[12]

צי זענען אַלע קינדער צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין ערעדאַ, און פון דאָרט אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דער „אומבאַקאַנטער ריכטונג" (ד"ה קיין אוישוויץ), אָדער קינדער זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אויך אין אַנדערע ריכטונגען (אין באַענטסטן וואַלד צום דערשיסן), קען מען ביזן היינטיקן טאָג נישט פעסטשטעלן. ס'איז אויך באַקאַנט, אַז דאָס ביסל קינדער, וואָס האָט אויסגעמיטן דעם טויט־גורל אין די עסטאָנישע לאַגערן, איז אַ געוויסן טאָג אַרויסגעפירט געוואָרן פון שטוטהאָפער לאַגער צום וואָקזאַל, הייסנדיק זיי זינגען לידער; און מער האָט מען זיי קיינמאָל נישט געזען[28].

באַמערקונגען

1) ירושלמי, 298, דערציילט, אַז עסטאָנישע מיידלעך, וואָס זענען אָנגעקומען קיין שאַוול דעם 30סטן אָקטאָבער 1943, האָבן דערציילט, אַז אין לאַגער נאַרוואַ געפינען זיך יידישע קינדער; ער ברענגט אויך, 356, אין נאָמען פון משה בן ברוך, אַז קיין וויוואַראַ זענען אָנגעקומען קינדער פון ווילנער געטאָ מיטן „ערשטן טראַנספּאָרט", ד"ה פון זעקסטן אויגוסט 1943; אויך גיט ער איבער אין נאָמען פון זעלבן מקור וועגן קלאָגען, אַז ביי טאַלין געפינט זיך אַ לאַגער מיט 2.000 קינדער.

2) אָרבאַך, (ג), 9; סקורקאָוויטש, (ד), 8.

3) מיצמאַכער, 11.

4) פּערלזינגער, 40; רודניצקאַ־טייטלבוים (ספר שווענציאַן, 1643).

5) איגעלקאַ, 4; סלעפּאַק, 2.

6) באַלבערישסקי, צווישן די קינדער איז געווען אויך זיין זון טעאָדאָר.

7) ירושלמי, 298.

8) מילשטיין, 31.

9) קאַגאַן־מישעלסקי, 10.

10) דוואָרזשעצקי.

11) גאָרדאָנאָוויטש, 9.

12) אַראָנסאָן, 5—6; יעקב גאָלדבערג האָט זיך נאָך באַטייליקט אין דער באַגעגעניש פון די „קלאָגער" אין בילה"ג, 1965; קורץ נאָכדעם איז ער נפטר געוואָרן.

13) דאַנציגער, 5; ער דערציילט אויך, אַז די פרויען, וואָס האָבן באַהאַנדלט די קינדער האָבן אים געזאָגט, אַז זייער צאָל איז דערגאַנגען ביז 290.

ציפּוק באַצייכנט, אַז די 20 קינדער זענען געווען אין עלטער פון 3 ביז 10 יאָר, און אַז אַ געווי̤סע צייט איז בראש פון זיי געשטאַנען ד״ר ל. פינקעלשטיין.

14) מילשטיין, 31; ס׳זענען דאָ עדות, וועלכע דערציילן, אַז דער לערער פון די קינדער אין ערעדאַ האָט געהייסן מאָרגענשטערן. אין געטאָ איז ער געווען פאַרבונדן מיט פ.פ.אָ.

15) געווען אָפיציר פון דער ווילנער געטאָ־פּאָליציי און צווישן די גרינדער פון די קינדער־אַנשטאַלטן „ילדים״ און „ילדות״ (זע „ירושלים דליטא״); ער איז געווען צווישן די אַרויסגעפירטע פון קלאָגע קיין אילינורמע; צווישן די געראַטעוועטע.

16) דוואָרזשעצקי, זכרונות וועגן קורעמע.

17) זע גבית־עדות פון מ. ראָזענבערג און דאָס קאַפּיטל וועגן סאָלידאַריטעט אין די לאַגערן.

18) זע דאָס אויבנדערמאָנטע קאַפּיטל.

19) דאַנציגער, 5; ער רופט זיי אָן: „דייטשע יינגלעך״.

20) אַראָנסאָן, 5, דערציילט, אַז די צוויי קינדער פון דער משפחה פּרץ (פּייוקע) דאַנדע, האָבן בשעת דער שחיטה אין קלאָגע אויפגעעפנט ברעטער אין דער פּאַדלאָגע פון לאַגער, און אויסבאַהאַלטן זיך אונטער דער פּאַדלאָגע. אַזוי זענען זיי געבליבן לעבן.

21) מעגלעך אַז דאָס איז די קאַצעטלערין אינגסטער מאַלי, וואָס איז מיטגעפאָרן מיט די קינדער קיין אוישוויץ. זי איז לעבנגעבליבן און עדות־געזאָגט אינעם שנאַבעל־פּראָצעס.

22) איגעלקאָ, 4; דאַנציגער, 5; סלעפּאַק,2.

23) ראָזענבערג, 7.

24) קאַגאַן־גראָדזענסקי, 9, דאַנציגער, 5.

25) קאַגאַן־גראָדזענסקי, 10.

26) שעפּטעל, 3.

27) קאַגאַן־מישעלסקי, 10.

28) „ירושלים דליטא״, 493.

ANLAGE 4
STAND am 1.7.42

ORGANISATIONSPLAN der DIENSTSTELLE REVAL



זאָנדערקאָמאַנדאָ א־1, עסטאָנישער סעקטאָר

DER KOMMANDEUR
DER SICHERHEITSPOLIZEI UND DES SD
— ESTLAND —

Hauptabt III Treu.
Eingegangen: 27.6.42
Nr. 291

REVAL, den 15. Juni 1942.

Abt. II C Tgb. Nr. 4986

An den
Herrn Generalkommissar
in Reval
Rahukohtu Nr. 3.

Betr.: Beschlagnahmte Wertgegenstände u.a.
Bezug: Dortiges Schreiben vom 23.5.1942 Nr. H.A.III Treu Nr.134/42.

Auf Ihr obiges Schreiben teile ich mit, dass die von den Juden und Kommunisten beschlagnahmten Gelder (Gold- und Silbermünzen) nach Berlin an die Städtische Pfandleihanstalt abgeliefert worden sind.

Die hier noch vorhandenen Wertgegenstände werden demnächst der dortigen Dienststelle übersandt.

I.V. [signature]

בריוו (42.7.15), וועגן אַריבערפירן דאָס געלט פון די עסטאָנישע יידן קיין בערלין

27840

Telegrammbrief!

An die Reichsbahndirektionen,
Generaldirektion der Ostbahn in Krakau,
HBD Mitte in Minsk,
HBD Nord in Riga,
nach: Gbl West in Essen,
Gbl Süd in München

– je Leo 2 x –

Hauptelsenbahndirektion
Mitte
Eing.: 12.8.42

Betr: Sonderzüge für Umsiedler, Erntehelfer und Juden in der Zeit vom 8. August – 30. Oktober 1942

28./29.8.				
30./31.8.				
1./4.9.	Da 404	Th	Raasiku	1000
5./8.9.	Lp 1404	Raasiku	Th	
8./9.9.				
10./13.9.	Da 405	Bln Mo	Raasiku	1000
		19,50	12,15	
14./17.9.	Lp 1405	Raasiku	Bln Mo	
19./21.9.				

(gez.) Dr. Ing. Jacobi

Beglaubigt:

33711
37716

„ספעציעלע רייזעס" פון די דייטשע באַנען, סעפּטעמבער 1942. אויפן לוח איז פאַרצייכנט, אַז פון 1טן ביזן 4טן סעפּטעמבער 1942, האָט געזאָלט דורערן די רייזע פון טערעזיענשטאָטער טראַנספּאָרט קיין ראַזיקו (עסטאָניע), און פון 5—8 סעפּטעמבער האָט געזאָלט צושטאַנדקומען דער צוריקקער אָן רייזנדיקע. די באַן פון בערלין האָט געזאָלט אָנקומען קיין ראַזיקו דעם 13טן סעפּטעמבער און צוריקגיין ליידיק דעם 14טן סעפּטעמבער 1942

Der Reichskommissar für das Ostland

Abteilung II
Verwaltung
Geheim-Tgb. Nr. 111
Riga, 31. Juli 1943

II Fin./26/43 g

GEHEIM

Geheim!

Betr. Zusammenfassung der Juden in Konzentrationslagern
1 Anlage

Der Reichsführer SS hat unter dem 21. Juni 1943 angeordnet, daß alle im Gebiet Ostland noch in Ghettos vorhandenen Juden in Konzentrationslagern zusammenzufassen sind. Abschrift der Weisung des Reichsführers SS vom 21. Juni 1943 lege ich bei. In wiederholten Besprechungen mit dem Höheren SS- und Polizeiführer für das Ostland wurde festgelegt, daß solche Arbeiten, deren Fertigung nicht in große Konzentrationslager verlegbar ist, in kleinen Konzentrationslagern zusammengefaßt werden. So wird z.B. ein kleiner Teil des bisherigen Rigaer Ghettos voraussichtlich zu einem Konzentrationslager umgestaltet, in dem Werkstättenbetriebe wehrwichtige Aufträge erledigen. Daneben werden die bisher für die Dienststellen des Generalkommissars und Reichskommissars unterhaltenen Werkstätten, z.B. die Uniformschneiderei, Anfertigung von Verdunkelungsvorrichtungen für Dienst- und Wohnräume usw. usw. in dieses KZ verlegt. Die Leitung dieses zu errichtenden KZ's soll nach meinem Wunsch vom Generalkommissar Riga übernommen werden, die sicherheitspolizeilichen Aufgaben werden selbstverständlich von den Polizeidienststellen wahrgenommen, der finanzielle Ertrag soll, wie bisher, meinem Haushalt zufließen. Endgültige Vereinbarungen liegen hierüber aber noch nicht vor.

Ich

Herrn
Generalkommissar
in Reval

Ich empfehle Ihnen, sich mit den zuständigen Dienststellen der Sicherheitspolizei und des SD sofort ins Benehmen zu setzen und gegebenenfalls ähnliche Maßnahmen beschleunigt durchzuführen, falls hierfür ein Bedürfnis vorliegt.

Über die Neugestaltung bitte ich mir zum 1. Oktober 1943 zu berichten.

Im Auftrag

gez. Dr Vielon

Beglaubigt:
[signature]
Reichsangestellter.

אָנווייזונגען פֿון ד״ר ק. וויאַלאָן וועגן אויפֿשטעלן די לאַגערן אין עסטאָניע און לאַטוויע

Tallinna
TKL- ja Kasvatuslaager

Nr. 101

Tallinnas, 17. detsembril 1942.

Eesti Julgeolekupolitseiameti B IV osakonna
juhatajale.

Käsitleb: Tallinna TKL-i paigutamisi.

Teatan, et 14. detsembril s.a. paigutati Tallinna TKL- ja Kasvatuslaagrisse:

Jrk. nr.nr.	Perekonna- ja eesnimi.	Sünniaeg.	Viimane elukoht.	Kust toodud
1.	Bogovitz, Vladimir	4. 1.1915	Narvas, Mõisa tn.28-1	Narva vangim.
2.	Jerofejev, Pavel	24.11.1916	Narvas, Tiigi tn.5	"
3.	Pärn, Alide	6. 9.1900	Narvas, Vahe tn.5-6	"
4.	Sipsakas, Johannes	18. 9.1888	Narvas, Kaemurru t.6	"
5.	Serov, Maria	5. 4.1917	Narvas, Rakvere 33-1	"
6.	Thomann, Friedrich	13. 9.1886	Narvas, Uus tn.18-1	"
7.	Spitz, Ilse-Ruth	18. 8.1914	Jägala laager	Jägala laagrist
8.	Trauer, Veera	16. 9.1923	" "	
9.	Vinter, Susanne	29. 4.1923	" "	"
10.	Vinternitz, Emmy	8.12.1924	" "	"
11.	Veissmandel, Eugenie	16. 4.1907	" "	"
12.	Weiss, Emilie	19. 6.1897	" "	"
13.	Zarkover, Margarete	2. 7.1911	" "	"
14.	Braun, Anna	3. 3.1899	" "	"
15.	Brichta, Marta	5.11.1907	" "	"
16.	Danziger, Gisela	4. 6.1920	" "	"
17.	Fischer, Johanna	4. 4.1923	" "	"
18.	Frischmann, Ernestine	9.12.1921	" "	"
19.	Fuks, Hanna	20.11.1923	" "	"
20.	Fallik, Susanna	24. 8.1919	" "	"
21.	Friedmann, Helena	20. 2.1920	" "	"
22.	Friedmann, Flora	7. 2.1918	" "	"
23.	Fischl, Zdenka	4. 3.1922	" "	"
24.	Sylten, Ingeborg	23. 8.1925	" "	"
25.	Rosenbach, Anna	7. 6.1927	" "	"
26.	Perschak, Erna	31. 8.1921	" "	"

רשימה פון די אַרעסטירטע אין דער טאַלינער טורמע (1942.12.17). אין דער רשימה — נעמען פון יידן געבראַכטע פון יאַגאַלאַ קיין טאַלין



נאָטן צום ליד „משה האַלט זיך“ פון כתריאל ברוידא (מוזיק ג. ווערקסלער). דאָס ליד איז געזונגען געוואָרן אינעם ווילנער געטאָ, אין די טעג פון די דעפּאָרטאַציעס



נאָטן צום ליד „לאָמיר שוויַיגן“ פון קאָמפּאָזיטאָר וואָלף (זאב) דורמאַשקין, וואָס איז געזונגען געוואָרן אין די עסטאָנישע לאַגערן. מען מיינט, אַז דער מחבר פונעם ליד איז לייב ראָזענטאַל.
די נאָטן זענען פאַרשריבן געוואָרן דורך רעיה דורון (אַ געראַטעוועטע פון קלאָגע).

Abschrift zu II Fin./76/43 g

3

Geheim

Tgb.Nr. Kdo.-Stab RF-SS, Ia
1724/43 geh.

Feld-Kommandostelle, den 21.6.1943

Der Reichsführer SS
RF/Bn.

1. An den Höheren SS-und Polizeiführer Ostland
2. An den Chef des SS-Wirtschafts-Verwaltungshauptamtes.

1) Ich ordne an, daß alle im Gebiet Ostland noch in Ghettos vorhandenen Juden in Konzentrationslager zusammenzufassen sind.

2) Ich verbiete ab 1.8.1943 jedes Herausbringen von Juden aus den Konzentrationslagern zu Arbeiten.

3) In der Nähe von Riga ist ein Konzentrationslager zu errichten, in das die ganzen Bekleidungs- und Ausrüstungsfertigungen, die die Wehrmacht heute außerhalb hat, zu verlegen sind. Alle privaten Firmen sind auszuschalten. Die Betriebe werden reine Konzentrationslager-Betriebe. Der Chef des SS-Wirtschafts-Verwaltungshauptamtes wolle dafür sorgen, daß durch die Umorganisation keinerlei Rückgang in den für die Wehrmacht notwendigen Fertigungen eintritt.

4) Die nicht benötigten Angehörigen der jüdischen Ghettos sind nach dem Osten zu evakuieren.

5) Ein möglichst großer Teil der männlichen Juden ist in das Konzentrationslager im Ölschiefer-Gebiet zum Ölschiefer-Abbau zu verbringen.

6) Termin für die Umorganisation der Konzentrationslager ist der 1.8.1943

gez. H. Himmler

F.d.R.
gez. Unterschrift
SS-Obersturmbannführer

הימלער־באַפעל 16 יוני 1942) וועגן אויפשטעלן די לאַגערן אין עסטאָניע און לאַטוויע



פאַרניכטונגס־פעלד קאַלעווי־ליווא

Totenmeldung

Es wird gemeldet, dass der

Häftl.-Nr. — Name u. Vorname — Geburtsdatum und -Ort

am .... 194 um ...... Uhr bei der Einlieferung in den H.-Krankenbau, im H.-Krankenbau, im Block ...., auf dem Arbeitskommando .... des K. L. gestorben ist.

Unterschrift des Blockältesten Häftl.-Nr.

Die mir in der Leichenhalle des H.-Krankenbaues gezeigte Leiche ist die des Obengenannten.

............, den 194

Unterschrift des S. D. G. — Unterschrift des Blockältesten Häftl.-Nr.

KL. 39/4.43. 500.000

אַ „טאָטענמעלדונג" אין די עסטאָנישע לאַגערן

נאַצישע פאַרברעכער אין די עסטאָנישע לאַגערן



האַנס אַאומייער —
הויפּט־קאָמענדאַנט פון די עסטאָנישע לאַגערן

ד״ר פראַנץ באָטמאַן —
שעף־אַרצט פון די עסטאָנישע לאַגערן

קורט שנאַבעל —
רוצחישער לאַגערפירער

עריך שאַרפעטער („דער קירקעניק״)

יידישע פערזענלעכקייטן צווישן די קאַצעטלער אין עסטאָניע

זעליק הירש קאַלמאַנאָוויטש

הערמאַן קרוק

הירשקע גליק

ד״ר ישראל דימענטמאַן



ד״ר משה גירשאָוויטש

אַרטיסט שבתאי בליאַכער



Nr.	Name	N	
1	Aronowitsch	[illegible]	K
2	Lewin	2827	K
3	Gresman	1273	K
4	Abramowitsch	2665	K
5	Sack	5034	K
6	Sack	5035	K
7	Tarschunski	1854	K
8	Cheikin	3638	K
9	Schermann	3020	K
10	Chodosch	679	
11	Fein	3074	K
12	Jenkin	2952	K
13	Abramowitsch	2666	K
14	[illegible]	2573	K
15	Schuster +	205	
16	Balkeirski +	27	
17	Schklarinski	710	
18	Moltschadski	670	
19	Obeginski	328	
20	Lewin	441	
21	Kagan	445	
22	Feldmann	3853	K
23	Goldberg	2876	K
24	Rudnizki	311	
25	Katz +	785	
26	Olschan	465	
27	Cholem +	36	
28	Karnowski +	39	
29	Gadelsohn	331	
30	Goldkin +	742	
31	Weissberg	315	
32	Garwada	9	
33	Cholem	1711	A
34	Koblan	1439	A
35	Wasserträger	780	
36	Lafer	593	
37	Sagarin	158	

Name	N	
Durmanski	216	
[illegible]	222	
[illegible]	[illegible]	
Sack	128	
Mostowitsch	152	
Halewitsch	292	
Klatschko	23	
Statreiner	245	
Westreich	270	
Wintraub	[illegible]	
Bychosowski	278	
Olski	227	
Potoschnik	197	
Sotte	196	
Fein	253	
Bogat	229	
Goldberg	57	
Abramowitsch	2674	
Modlen	110	
Pakamonski	140	
Kowarski	357	
Klein	348	
Kowarski	642	
Kirles	1872	
Gordon	217	
Poster	290	
Abramowitsch	408	
Finkel	617	
Gotlin	297	
Resnizki	234	
[illegible]	1009	A
Halbmann	689	
Kotkin	169	
Krans	6284	A
Woloschinski	316	
Borowski	100	
Bernstein	1504	K
[illegible]	1031	A
Peskin	350	
Kuminski	3147	K
Wal	3801	K
[illegible]	[illegible]	
[illegible]	299	
[illegible]	[illegible]	
Anilek	89	
Kagan	[illegible]	K
Goldinski	362	
[illegible]	260	K

רשימה פון קלאגער קאצעטלער, וואס האבן געארבעט אויסערן לאגער

La

64

I Blockpersonal

1. 01 Bairol Frida - Lagerält.
2. 0244 Blach Chaja - Blockält.
3. 07 Gensel Malka - Schreibst.
4 01436 Akoton Malka - Tagpfleg.
5 03 Rachmann Rachela "
6 02 Bairol Mila "

II Häftlingsküche

1. 0567 Brodska Estera
2. 0243 Nowichowitsch Vera
3 0239 Germaniska Sonia
4 0583 Wainel Estera
5 0185 Gordon Ida
6 01840 Lewin Rocha
7 02795 Koch Rosa
8 02727 Gurwitsch Chana
9 0223 Silber Sina
10 02820 Rewi Sonia
11 0189 Lewitan Schifra
~~12 [illegible] [illegible]~~
13 01441 Kantorowitsch Niuta
14 01440 Kantorowitsch Sonia
15 01952 Chodosch Daicha

III Bekleidungskammer

1. 0344 Frenkel Dina   [illegible]mann 2731
2. 0180 Katz - Zirla   Jutka [illegible]

IV Handwerker (Schneiderin)

1. 0556 Dertschin Lea

V Revierpersonal

1. 0574 Seldowitsch Sophie
2. 0572 Tasselkraut Riwa
3. 0568 Abramowitsch Gita
4 02909 Litwak Alice

VI Lagerreinigungs Komm.

(44 Putzfrauen, Lagerputzfr. Badefrau, Klosettfrau)

1. 02141 Chodosch Mila
2 01488 Kesslin Berta
3. 02499 Markowitsch Inge
4. 01496 Owsiejowitsch Dola
5. 02964 Fischer Hanka
6. 032 Gold Nachama
~~7. 0570 Marschalkowitsch R.~~
8. 0573 Kantorowitsch Rach.
9. 02523 Schmulowitsch Rode
10. [illegible] Jeth
11 0507 Pekelischker Grunia
12 02629 Klabotsko Dora

רשימה פון קלאָגער קאַצעטלער, וואָס האָבן געאַרבעט אינערהאַלב דעם לאַגער



Lagerbetrieb 81

Beschäftigt als	Männer	Frauen
I Blockpersonal		
1 Lagerälteste	1	1
2 Wirtschaftsleiter Ersatz	1	1
3 Blockälteste (Männer u. Frauen)	9 11	3
4 Schreibstube	1	1. 2
5 Verpflegung u. Bekleidung	3	5
6 Klosettpersonal	2	2
7 Friseure	2	2
8 Badefrau		1
19	19 22	16
II Häftlingsküche	2	16
III Bekleidungskammer	1	5
IV Handwerker (Schneider)	7	1
V Revierpersonal	3	3
VI Lagerreinigungskommando	6 3	3 22
	37	69
	39	72

פונקציעס פון די קאַצעטלער וואָס האָבן געאַרבעט איגערהאַלב דעם קלאָגער לאַגער



אַ זייטל פון ה. קרוקס קלאָגער טאָגבוך (1944.7.14)

דער שילד ביים אריינגאַנג אינעם לאַגער קלאָגע


400
A0246

Name	Drowschetzki
Vorname	Schifra
geb.	1924
Ort	Wilna
Beruf	Pelznäherin

Kommando: ZBL

פערזענלעכע קאַרטע פון אַ קאַצעטלערין, וואָס איז אומגעקומען אין קלאָגע (שפרה דוואָרזשעצקי — שוועסטער פונעם מחבר)



„קלאָגע די מעטראָפּאָליע פון די יידן־לאַגערן"
(הערמאַן קרוק. קאַפּיטל 1)

די מאַסן־שחיטה אין קלאָגע, ראש־השנה 1944.9.19



דער מאָנומענט אין קלאָגע לזכר די קרבנות.

די לעבנס־באַדינגונגען אין די לאַגערן

לאַגערן צווישן וועלדער און זומפּן

די עסטאָנישע לאַגערן, פּונקט ווי אַ סך לאַגערן אין אַנדערע לענדער, זענען אויפגעשטעלט געוואָרן צווישן וועלדער און זומפּן, בכדי ניט צו דערמעגלעכן קיין קאָנטאַקטן צווישן די העפטלינגע מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג.[1]

די מערהייט לאַגערן האָט זיך געפונען אין צפון־מזרח פון עסטאָניע, נאָענט צום לענינגראַדער פראָנט, אָדער אינעם געביט פון די „סלאַנייעץ"־שאַכטן. די לאַגערן זענען געווען אַרומגערינגלט מיט שטעכל־דראָט און אַרום זיי האָבן זיך בדרך־כלל געפונען וואַך־טורעמס, און אין זיי, טאָג און נאַכט, ס.ס.־לייט באַוואָפנטע מיט מאַשין־געווער.[2] געווען לאַגערן, ווו ס'האָבן געלעבט געפאַנגענע אָדער העפטלינגע פון אַנדערע פעלקער, איידער ס'זענען אַהינצו געבראַכט געוואָרן די יידישע קאַצעטלער,[3] בעיקר זענען עס געווען סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע (ווי, למשל, אין קלאָגאַ).[4]

די לעבנס־באַדינגונגען זענען בדרך־כלל געווען ענלעך אין אַלע לאַגערן; דאָך זענען געווען צווישן זיי געוויסע אונטערשיידן. אַלע קאַצעטלער דערמאָנען די זייער שווערע לעבנס־באַדינגונגען אין נאַרוואַ. די לעבנס־באַדינגונגען אין דער אונטערשטער ערעדאַ באַצייכענען זיי באַזונדערס אַלס „ניט־דערטרעגלעכע". די קאַצעטלער, וועלכע זענען אַריבערגעפירט געוואָרן פון ערעדאַ קיין קיוויאָלי, האָבן אין קיוויאָלי געזען אַ „גן־עדן" אין פאַרגלייך צו ערעדאַ.

די באַראַקן און די געביידעס

אַ סך פון די קאַצעטלער האָבן געלעבט אין באַראַקן (הילצערנע בלאָקן). אין אייניקע לאַגערן זענען געווען די אַ"ג „פינישע באַראַקן", וואָס זייערע ווענט־לעך זענען זייער דין און געמאַכט פון ברעזענט (איליגורמע, אונטערשטע ערעדאַ, וויוויקאָני, וויוואַראַ, יעוויע, סאָנדאַ, סאָסקי). די לאַגער־מענטשן פלעגן אָנרופן די פינישע באַראַקן מיטן צונאָמען „היטלערשע בודעס". נאָך ערגער איז געווען די לאַגע פון די קאַצעטלער, וואָס האָבן געדאַרפט עטלעכע וואָכן לעבן אָן וועלכן עס איז דאָך איבערן קאָפּ, אונטער אַ דעק, וואָס מען האָט אויסגעצויגן איבער שטעקנס (ווי, למשל, אין לאַגעדי).

אין אייניקע לאַגערן האָט מען אויפגעבויט ציגל־הייזער, ווי אין דער אויבערשטער ערעדאַ, הונגענבורג, יעוויע, נאַרוואַ, קורעמע, קלאָגע.

אַ גרויסע ענגשאַפט האָט געהערשט אין די אַלע געביידעס. זיי זענען געווען צעטיילט אין צימערן, און אין יעדן צימער זענען געווען שורות פון צוויי־ אָדער דריי־שטאָקיקע פּריטשעס. אין איין צימער זענען געווען מינימום 60 מאַן (אויבערשטע ערעדאַ, יעוויע א"אנד). נאָך גרעסער איז געווען די ענגשאַפט אין די הילצערנע באַראַקן (70—80 מאַן אין אַ צימער, אין וויוואַראַ). ממש שרעקלעך איז געווען די ענגשאַפט אין די פינישע באַראַקן (אין דער אונטערשטער ערעדאַ — ביז 100 מאַן אין אַן איינצימערדיקן באַראַק).

די שווערע קעלט איז געווען אַ דערדריקנדיקער צוגאָב צו די לעבנס־באַדינגונגען פון די לאַגערן. ספּעציעל שווער איז געווען די קעלט אין די דיקווענטלדיקע פינישע באַראַקן; דאָרט פלעגן די האָר צופרירן (ד"ה צוקלעפּן זיך צו די ברעזענטענע ווענטלעך.

לאָמיר דאָ ברענגען, לויט די עדות, אייניקע באַשרייבונגען פון די געביידעס און באַראַקן אין די לאַגערן:

הונגענבורג: דער לאַגער איז באַשטאַנען פון אייניקע איינשטאָקיקע געביידעס. מ'איז געשלאָפן אויף שטרוי, וואָס האָט באַדעקט די פּאָדלאָגעס. ס'זענען נישט געווען קיין פּריטשעס.[5]

וויוויקאָני: דער לאַגער האָט זיך געפונען אין אַ וואַלד און ער איז באַשטאַנען פון פינישע באַראַקן[6]. אין יעדן איינעם פון זיי האָבן זיך געפונען אַן ערך 60 מאַן. סעפּטעמבער 1943 איז אין וויוויקאָני געווען אַן ערך 500 מאַן (250 פרויען און 250 מענער)[7].

וויוואַראַ: דער לאַגער איז באַשטאַנען פון הילצערנע באַראַקן; 70—80 מאַן אין איין צימער. די גרויסע ענגשאַפט האָט גיך געבראַכט צום מערן זיך פון אינזעקטן[8]. אין יעדן באַראַק זענען געווען פינף צימערן; מען איז געשלאָפן אויף דריישטאָקיקע פּריטשעס[9]. דער לאַגער איז געווען אַרומגערינגלט מיט צוויי רייען פון שטעכלדראָט[10].

יעוויע: אינעם באַראַק זענען געווען פיר צימערן, און אין יעדן צימער האָבן געוווינט אין גרויס ענגשאַפט קרוב זעכציק מאַן.[11]

לאַגעדי: אינעם לאַגער האָבן די מענטשן זיך געפונען לכתחילה אויפן פּלאַץ אונטערן פרייען הימל[12]; אַן ערך 4000 מאַן זענען געלעגן אויף דער ערד, אין ווינט און אין רעגן[13]. די לאַגערניקעס פלעגן אויסציען אַ דעק איבער פיר שטעקנס, און דאָס האָט זיי געזאָלט פאַרבייטן אַ באַראַק[15]. נאָך אַ געוויסער צייט זענען געבראַכט געוואָרן פינישע באַראַקן, אין וועלכע מען האָט נישט געקענט אַריינגיין שטייענדיק, נאָר אַריינפּויזנדיק. אין די דאָזיקע „בודקעס" איז שווער

געוועזן צו שטיין, מען האָט געקענט אין זיי נאָר ליגן אָדער זיצן. די ברייט פון דער „בודקע" איז געווען דריטהאַלבן מעטער, די הייך — צוויי מעטער.[14]

די קלאָגער לאַגערניקעס, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן קיין לאַגעדי 2, דעם 22סטן אויגוסט 1944, האָבן געוווינט אין די דאָזיקע „בודקעס" צו 20 מאַן אין אַ בודקע. „ווען עס גייט אַ רעגן ווערן די בודקעס פול מיט וואַסער; נישטאָ קיין פּאָדלאָגע, קיין בענקל; נישטאָ קיין פּריטשעס, קיין בעט. מען שלאָפט אויף דער הוילער ערד"[15].

נאַרוואַ: דער לאַגער האָט זיך געפונען אין אַ ספּעציעלער געביידע, אין בנין פון אַ טעקסטיל־פאַבריק[16]. דאָס איז געווען אַ פינצטערער בנין, אָן פענצטער. דאָרט זענען געווען דריי עטאַזשן פּריטשעס, ווו עס האָבן געוווינט די מענער; די פרויען דאַקעגן זענען לאָקירט געווען אינעם קעלער, וואָס אונטערן בנין[17].

סאַנדאַ: דער לאַגער איז באַשטאַנען פון 4 באַראַקן: דריי פאַר מענער און איינער פאַר פרויען. דער לאַגער האָט געציילט אַן ערך 600 מאַן[18].

סאַסקי: דאָ זענען אויפגעשטעלט געוואָרן פינישע באַראַקן, „אָן פּאָדלאָגעס, אָן פענצטער און אָן טירן". אין יעדן באַראַק האָבן געוווינט אַן ערך 90 מאַן[19].

אונטערשטע ערעדאַ: דער גאַנצער לאַגער איז באַשטאַנען פון קליינע פינישע באַראַקן, אָן פענצטער און אָן פּאָדלאָגעס.[20] די „בודקע" האָט מיט זיך פאָרגע־שטעלט אַ ברעזענט, אויסגעצויגן ווי אַ רעגנבויגן, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ ממש איבער די קעפּ פון די לאַגערניקעס, וועלכע זיצן ביים ווענטל. צוליב די גרויסע פרעסט פלעגט די הויט און די האָר פון די מענטשן דאָרט צופרירן צום ברע־זענט.[21] געוויינלעך איז אין די באַראַקלעך געווען פּלאַץ פאַר 25 פּערזאָן; אָבער אין ערעדאַ האָט מען דאָרט אָנגעפּראָפּט צו הונדערט מאַן.[22] די באַראַק־לעך זענען געווען אָן פּאָדלאָגעס; פלעגט מען שלאָפן אויפן נאַסן אָדער פאַר־פרוירענעם באָדן[22]. במשך פון דער צייט האָט מען איינגעאָרדנט אין די באַראַק־לעך קליינע בלעכענע אייוועלעך, וועלכע האָבן געוואַרעמט נאָר די נאָענט־זיצנ־דיקע. אין דער פרי פלעגן די ערשטע זיך אויפהייבן די, וואָס ליגן נעבן אייוועלע; זיי פלעגן ציען און אויפשטעלן די איבעריקע, וועלכע זענען געווען כמעט צוגע־קלעפּט צום פאַרפרוירענעם באָדן[23].

אויבערשטע ערעדאַ: די באַדינגונגען אין דער אויבערשטער ערעדאַ זענען געווען אַ סך בעסער ווי אין דער אונטערשטער. דער לאַגער איז באַשטאַנען פון געביידעס מיט מערערע הייזער. אויך דאָ האָט געהערשט אַן ענגשאַפט: אין יעדן צימער זענען געווען צוויי שורות פּריטשעס, און ס'האָבן אין אים געוווינט צו 60 מאַן[24].

קונדע (פּאָרט־קונדע): מען האָט געוווינט אין צוויי־ און איינשטאָקיקע היל־

צערנע הייזער, געבויט פאַר די אַרבעטער פון די שאַכטן. יעדעס צימער האָט געהאַט אייניקע דריישטאָקיקע פּריטשעס; צו איין מענטש אויף יעדן פּריטשע־שטאָק.[27]א).

קורעמע: דער לאַגער האָט זיך געפונען אין בנין, וואָס איז אַמאָל געווען אַ „פאַלקס־הויז״. אין נאַרמאַלע צייטן פלעגן דאָרט פאַרקומען פאַרשטעלונגען און פאַלקס־פאַרזאַמלונגען. אין דעם גרויסן בנין זענען אויפגעשטעלט געוואָרן דריי־עטאַזשיקע פּריטשעס, אַדורכגעטיילט אין דער מיט. אויף יעדער פּריטשע זענען געלעגן 2 ביז 3 לאַגערניקעס, אָפּהענגיק פון דער צאָל מענטשן אין לאַגער [25].

קיוויאַלי: ווען ס׳זענען אָנגעקומען די ערשטע הונדערט לאַגערניקעס קיין קיוויאַלי, זענען די באַראַקן געווען פּוסטע און די פאָדלאָגעס זענען געווען באַדעקט מיט שטרוי. שפּעטער האָט מען אויפגעשטעלט אין יעדן בלאָק צו 12 פּריטשעס; יעדע פּריטשע האָט געדינט פאַר 2 מאַן. ס״ה האָבן זיך אין יעדן בלאָק געפונען 24 מאַן.[26]

קלאָגע: אין קלאָגע זענען געווען צוויי הויפּט־געביידעס: דער מענער־לאַגער און דער פרויען־לאַגער;ביידע געביידעס זענען געווען ווייט בערך אַ האַלבער קילאָמעטער איינער פון דעם צווייטן [27]. נעבן יעדן לאַגער האָט זיך געפונען דער אַפּעל־פּלאַץ. יעדער לאַגער איז געווען אַרומגענומען מיט שטעכלדראָט. אַ חוץ דעם זענען ביידע לאַגערן צוזאַמען געווען אַרומגענומען דורך אַ בשותּפותדיקן צוים פון שטעכלדראָט. אין דעם דאָזיקן בשותּפותדיקן צוים האָבן זיך געפונען אייניקע טויערן: איין טויער איז געווען צום וועג נעבן לאַגער; אַ צווייט טויער האָט געפירט צום נאָענטן וואַלד; אַ דריט טויער — צום אַרבעטס־פּלאַץ פון די סאָוויעטישע געפאַנגענע [27]

יעדע געביידע איז באַשטאַנען פון צוויי שטאָק; אין יעדער געביידע זענען געווען 2 גרויסע זאַלן; אין יעדן זאַל האָבן זיך געפונען אַן ערך 300 מאַן; ביי די זייטן פון די זאַלן זענען געווען קלענערע צימערן; אין יעדן איינעם פון זיי זענען געווען צוויי־עטאַזשיקע פּריטשעס[28]. צוזאַמען האָבן געוווינט אין ביידע געביידעס אַן ערך 2000 העפטלינגע; [29] יש אומרים, אַז זייער צאָלט פלעגט דערגיין ביז 3000 [30]

די באַוואַכונג אין אַלע לאַגערן איז געלעגן אין די הענט פון ס.ס.לייט [31]; אַמאָל אויך אין די הענט פון עסטאָנישע ס.ס.־לייט [32], זעלטן — אויך אין די הענט פון ס.ס.־לייט פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן [33].

אין קלאָגע איז ביי די טויערן פון די אינעווייניקסטע לאַגערן (מענער־ און פרויען־לאַגער), געשטאַנען אַ „וואַכע״ פון יידישע לאַגערניקעס, וועלכע זענען דערצו באַשטימט געוואָרן דורכן יידישן לאַגער־עלטעסטן; אָבער ביים אויסער־

לעכן הויפּט־טויער, דעם בשותפותדיקן פּאַר בײדע לאַגערן, זענען געשטאַנען, ווי געזאָגט, נאַר ס.ס.־לייט [34]

טאָג־טעגלעכע לעבנס־באַדינגונגען

דער אויסערלעכער אויסזען פון די קאַצעטלער האָט עדות געזאָגט וועגן זייערע לעבנס־באַדינגונגען, וועגן פיזישן און גייסטיקן צושטאַנד. די צעטראָגענע בגדים, די הילצערנע שיך, די ציפערן איבער דער ברוסט און פּלייצע, די נישט־ראַזירטע און אָפט אויך נישט־געוואַשענע פּנימער, די בגוואַלד אָפּגעראָזירטע קעפּ, דאָס קאָנסערוון־פּושקעלע, וואָס האָט געדינט אַלס כּלי פּאַר זופּ, און וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען איבערן גוף פון יעדן העפטלינג — דאָס אַלץ האָט שוין פון דערווייטנס געשאַפן דאָס בילד פונעם לאַגערניק. אַ סך האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער לאַנגזאַמען גאַנג; אָן כּוח, פלעגן זיי קוים שלעפּן זייערע פיס אין די הילצערנע קלומפּעס, וועלכע פלעגן איינזינקען אין דעם זומפּיקן באָדן. צווישן זיי זענען געווען אַ״ג „מוזולמענער״, ד״ה די סאַמע אָפּגעשוואַכטע, ערב דעם אַבסאָלוטן אויסגיין פון זייערע כּוחות. זיי האָבן זיך געפונען אויף דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט. זייער לאַנגזאַמער גאַנג פלעגט פון דערווייטנס אויסזען ווי אַ מאַרש פון שאָטנס.

פּעטראָסקאָוואַ, וועלכע איז נאָך אירע ליידן אין יאַגאַלאַ און אין דער טאַלינער טורמע דערגאַנגען קיין ערעדאַ, איז דערשיטערט געוואָרן זעענדיק דאָרט די קאַצעטלער, און אַזוי שילדערט זי זיי אין איר עדות־זאָגן, 40:

...„זיי זענען געווען אויסגעמאָגערט און פאַרשמוציקט, אָנגעטאָן אין שמאַטעס, באַוואַקסן מיט פאַרפלאָנטערטע בערד, באַדעקט מיט לייז״.

מענטשן, וואָס האָבן זיך געטראָפן נאָך מיט אייניקע חדשים צוריק אין געטאָווילנע האָבן זיך איצט, נאָך קוים עטלעכע חדשים, נישט דערקענט. אַזוי זענען פאַרענדערט געוואָרן זייערע פּנימער.[35]

אַלע געראַטעוועטע פון דער אונטערשטער ערעדאַ שילדערן אים ווי אַ „לעבעדיקן קבר״; ס'איז געווען אַ לאַגער ווו ס'זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אַ גרעסערע צאָל קראַנקע און שוואַכע פון אַלע יידן־לאַגערן. אינעם דאָזיקן לאַגער פלעגט מען די אָפּגעשוואַכטע און קראַנקע נישט געבן אַפילו זייער טעגלעכע ברויט־פּאָרציע, נייערט די זופּ־פּאָרציע. דאָרטן פלעגן טאָג־איין, טאָג־אויס, אויסגיין מערערע קאַצעטלער. טויט־סעלעקציעס צווישן די אָפּגעשוואַכטע פלעגן פאָרקומען איינע נאָך דער אַנדערער [36]. פון ערעדאַ איז לסוף אַרויס דער גרויסער טראַנספּאָרט פון 800 קראַנקע און אָפּגעשוואַכטע אויף „זאָנדערבאַהאַנדלונג, ערגעץ־ווו״.[37]

לאָמיר דאָ ברענגען אייניקע אויסצוגן פון די עדות־זאָגונגען פאַרנאָטירטע ביי די גרויסטעטועטע פון דער אונטערשטער ערעדאָ:

„דאָס איז אַ לאַגער, וואָס באַדאַרף נישט קיין קרעמאַטאָריע; די מענטשן שטאַרבן אויס פון זיך אַליין, אַזוי ווי פליגן״.[38] „די ווענטלעך פון די באַראַקן זענען געווען אויסערסט דין, און די קעלט אינעם באַראַק איז נישט געווען קלע־נער ווי די קעלט אין דרויסן. די מענטשן אין די אויסגעריבענע בגדים פלעגן זיך טוליען אַרום דעם קליינעם אייוועלע, בכדי אַ ביסל זיך צו דערוואַרעמען און אויסצוטריקענען די פייכטע בגדים. אַזוי פלעגן פאַרבייגיין די נעכט אין דער פינצטערניש, אַרום דעם קליינעם נאָפט־לעמפּעלע״[39]. „פון אַלע לאַגערן האָבן דאָ די דייטשן צונויפגעבראַכט יידן צום פאַרניכטן״[40]. „ערעדאָ איז אַ לאַגער פון מוזולמענער, אַ שוידער־לאַגער, אָן וואַסער, אָן אַ לאַטרינע, היגיענישע בודקעס, מען שלאָפט אויף דער ערד״.[41] „ערעדאָ איז אַ פאַרניכטונגס־לאַגער. אַהערצו זענען געבראַכט געוואָרן פון אַלע עסטאָנישע לאַגערן די קראַנקע, די אָפּגע־שוואַכטע און די צעממיטטע. ערעדאָ איז דער „אוישוויץ פון עסטאָניע״. אַהערצו זענען אַלע געבראַכט געוואָרן בכדי אויסצוגיין פון הונגער און קעלט, און דערנאָך פאַרברענט צו ווערן״.[42] „דאָ האָב איך געזען צום ערשטן מאָל אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דאָס לעבן אין דאָזיקן לאַגער איז אומפאַרגלייכלעך שווער״[43].

אָט ווי אַזוי עס ווערן געשילדערט די לעבנס־באַדינגונגען אין לאַגעדי 2 דורך ה. קרוק:

„...דאָ געפינען מיר זיך לעבן אַ צעשעדיקטער באַן־סטאַציע. עס שפּירט זיך דער פראָנט. פולע באַנען גייען צום פראָנט און פון פראָנט. אַרום קאָכט. לופטפליער שיסן בייטאָג און ביינאַכט. איבער אונדזערע קעפּ אַ המון באָמבעס. מיר געפינען זיך אין הילצערנע פעלד־באַראַקן, וואָס איך פלעג זיי בויען דאַן ווען איך בין געווען באַשעפטיקט ביי באַראַקן־בוי אין קלאָגע. דאָ שלאָפט מען אויף דרערד. מען עסט שלעכט. שמוץ. עלנט. מאַנגל פון וואַסער״[44].

אין אייניקע טעג אַרום האָט ער געשריבן: „...אין די באַראַקן איז קאַלט. דער ווינט בלאָזט און דער רעגן נעצט. אַלץ איז פייכט, און מען שפּירט, אַז מען ווערט פאַרפוילט״[44].

שווערע לעבנס־באַדינגונגען האָבן געהערשט נישט נאָר אין ערעדאָ, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע לאַגערן. אַזוי, למשל, דערציילט אַ געבראַכטער פון קאָוו־נער געטאָ קיין קורעמע, אַז די באַדינגונגען אין קורעמע זענען געווען אַזוי שלעכט אין פאַרגלייך מיטן געטאָ, אַז „די מענטשן האָבן געטראַכט, אַז פון דאַנען וועלן זיי שוין קיין מאָל נישט אַרויס קיין לעבעדיקע.[45]

מלבושים

בדרך־כּלל זענען ביי די לאַגערניקעס צוגענומען געוואָרן זייערע פּעק מיט בגדים, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון געטאָ (זע וועגן דעם אין קאַפּיטל „ערשטער טאָג אין לאַגער"). אין אייניקע לאַגערן זענען אויפגעשטעלט געוואָרן ספּעציעלע מאַגאַזינען, ווו ס'זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן די געבראַכטע פּעק. די קאַצעטלער האָבן געטראָגן טאָג־טעגלעך דעם זעלביקן איינציקן מלבוש. ווען דאָס בגד איז שוין אין גאַנצן געווען אָפּגענוצט און צעריסן, פלעגט ער באַ־קומען עפּעס פון מאַגאַזין, געוויינלעך אַ ווערטלאָז בגד. די לאַגערניקעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן (שניידער־שטובע) פלעגן אָפט פאַרלאַטען אָדער פאַרריכטן די בגדים פון די קאַצעטלער.

אין איליגורמע איז געווען אַ גרויסער מאַנגל אין בגדים, בעיקר נאָך דעם ווי אַ סך מלבושים זענען פאַרברענט געוואָרן אַ געוויסן טאָג בעת דער דעזינפעקציע (אין פּרימיטיווע דעזינפעקציע־פּעסלעך, פאַבריצירטע דורך די לאַגערניקעס גופא). דעריבער זענען דאָרט מערערע לאַגערניקעס געווען געצוווּנגען זיך אויפ־נייען מלבושים פון געוואַנט־שטיקער, געגנבעטע פון זייערע נאַכט־דעקן, אָדער פון זעק, וואָס זיי האָבן געפונען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ.[46]

די שווערע לעבנס־באַדינגונגען האָבן אויך אין אַ סך אַנדערע לאַגערן גע־צוווּנגען די קאַצעטלער אָפּצושניידן בשתיקה טיילן פון זייערע דעקן, בכדי דער־מיט צו פאַרלאַטען זייערע מלבושים אָדער מאַכן זיך הענטשקעס. אין די שווערע גליִענדיקע 40־גראַדיקע פרעסט, פלעגן די הענט פון די קאַצעטלער צוגע־קלעפּט ווערן צו די אייזערנע לאָמעס, מיט וועלכע זיי פלעגן צעברעקלען די פאַר־פרוירענע ערד.[47] מערערע העפטלינגע זענען שווער באַשטראָפט געוואָרן צוליבן „רויב פון לאַגער־רכוש" (די דעקן).[47]

אין אַ ריי לאַגערן איז געווען דערלויבט די מענטשן צו טראָגן נאָר אַ העמדל און דעם אייבערשטן בגד. די לאַגערניקעס פלעגן אויסזוכן שטיקלעך פּאַפּיר פון בעטאָן־זעק, אָדער שטיקלעך צייטונגען, און אַריינלייגן עס צווישן העמד און אויבערשטן בגד, און דערמיט דערוואַרעמען אַ ביסל זייער קערפּער.[47]

דער שרייבער פון די שורות געדענקט נישט, אַז אין די לאַגערן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, זאָל מען האָבן געטראָגן בגדים אין פּאַסן. ער געדענקט נאָר, אַז זומער 1944 (יולי), ווען ס'זענען אָנגעקומען קיין גאָלדפילץ די פרויען פון ביסטריצאַ, זענען זיי געווען אָנגעטאָן אין זאַכן מיט פּאַסן.[47]

איינער פון די עדות דערציילט, אַז זומער 1944 זענען קיין קלאָגע געבראַכט געוואָרן קאַצעטלער פון פאַרשידענע לאַגערן; אייניקע פון זיי האָבן געטראָגן

„פאַשאַקעס״ [48]. ס׳איז אויך דאָ אַן עדות, וואָס דערציילט, אַז אין נאַרוואָ האָט מען געגעבן בגדים אין פּאַסן פאַר די לאַגערניקעס [49].

שיך

די שיך און שטיוול, מיטגעבראַכטע פון געטאָ, פלעגן ביי די קאַצעטלער צו־גענומען ווערן קומענדיק אין לאַגער; אַנשטאָט דעם פלעגן זיי באַקומען היל־צערנע שיך [50]. געוויינלעך פלעגן די דאָזיקע שיך געמאַכט ווערן דורך די לאַגער־שוסטערס, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די לאַגער־וואַרשטאַטן.[51] דאָס טראָגן די דאָזיקע שיך (אָפט אָנגערופן „קלומפּעס״), איז געווען פאַרבונדן מיט יסורים. ווייל זיי האָבן געוויינלעך נישט געפּאַסט צו די פיס און מען איז געווען געצוווּנגען צו פאַרוויקלען די פיס אין שמאַטעס, בכדי זיי צו קענען אַריינ־שטעלן אינעם האָלץ־שוך.[47, 52]

נומערירונג

ווען די „העפטלינגע״ זענען אָנגעקומען קיין עסטאָניע, האָט מען זיי געהייסן אַראָפּנעמען די געלע לאַטע. אויף אַ מאָמענט האָבן זיי געהאַט די אילוזיע, אַז זיי זענען פּטור געוואָרן פון דעם סימן, וואָס איז געווען די סיבה פון זייערע אַלע גרוילן. מען האָט אין די עסטאָנישע לאַגערן אויך נישט טאַטויִרט דעם קאַצעטלער מיט אַ לאַגער־נומער.[47] אָבער יעדער קאַצעטלער איז באַצייכנט געוואָרן מיט אַ ציפער, וואָס ער האָט געטראָגן איבער זיין לינקן אָרעם און איבער זיין רעכטער קני.[53] ער איז נישט גערופן געוואָרן לויטן נאָמען, נאָר לויטן נומער.[54]

אין די אַרבעטס־ליסטעס פון פאַרשידענע אַרבעטס־איינהייטן, וואָס זענען געפונען געוואָרן אין קלאָגע, זענען נישט געבראַכט געוואָרן די פאַמיליע־נעמען פון די העפטלינגע, נאָר אויסשליסלעך זייערע נומערן, אַחוץ אייניקע אַרבעטס־ליסטעס פון „לאַגערבעטריב״, ווו ס׳דערשיינט אַ מאָל אויך דער פאַמיליע־נאָמען פון העפטלינג [55].

די פּערזענלעכע ציפערן פון די קאַצעטלער זענען געווען געשריבן שוואַרץ אויף ווייסע לייוונט־פּאַסן, וועלכע זענען אָנגעקומען אין די לאַגערן אייניקע וואָכן נאָך די טראַנספּאָרטן פון די קאַצעטלער [56].

דאָס ראַזירן

גלייך נאָכן אָנקומען אין לאַגער פלעגט מען אָפּראַזירן אָדער אָפּשערן די האָר פון קאָפּ און אָפט אויך יעדע אַנדערע באַוואַקסונג. דאָס אויפגעצוווּנגענע שערן און ראַזירן, פלעגט בדרך־כלל פאָרקומען אין לאַגער־באָד. דער דייטשער „סאַני־טעטער״, פון די ס.ס.־לייט, פלעגט, למשל, אין נאַרווער באָד, מיט אַ קליין שטעקעלע בודק זיין די באַהאָרונג פון די פרויען, בכדי זיך איבערצוצייגן צי

ס'זענען ביי זיי בישטאַ קיין אינזעקטן; נאָכדעם פלעגט מען אָפּראַזירן יעדע באַהאָרונג [57]. די מענער־קעפּ פלעגט מען אָפּשערן כאַפּ־לאַפּ און אינמיטן קאָפּ אויסראַזירן אַ לאַנגן פּאַס [58]. דער אָפּגעראַזירטער פּאַס ביי די מענער, און דאָס געצווונגענע אָפּשערן די פרויען, האָט בעיקר געהאַט פאַר אַ ציל, אַז יעדער איינער זאָל גלייך און בולט דערקענען אַ לאַגערניק. דאָס האָט געדאַרפט פאַרלייכטערן דאָס כאַפּן דעם קאַצעטלער אין פאַל פון זיין אַנטלויפן.

„אָן האָר, און אין אונדזערע לאַנגע מלבושים, האָבן מיר אויסגעזען ווי מטורפים, וואָס זענען אָקאָרשט אַרויס פון משוגעים־הויז״.[59]

יולי 1944, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די סאָוויעטישע אָפענסיווע, האָט ד״ר באָטמאַן באַזוכט קלאָגע. גלייך נאָך דעם זענען אַלע פרויען לגמרי אָפּגעראַזירט געוואָרן; די מענער זענען אָפּגעשאָרן געוואָרן, און מען האָט ביי זיי ספּעציעל איבערגעלאָזן אַ פּאַס האָר אין מיטן קאָפּ [60].

די קאַצעטלער גופא פלעגן זיך ראַזירן, אָפּהענגיק פון לאַגער, אָדער ביי די לאַגער־פריזיערס (אויב ס'איז געווען דערלויבט), אָדער זיי פלעגן אויפזוכן אין מיסט פאַרזשאַווערטע ראַזיר־מעסערלעך, אָנשאַרפן זיי אָן שטיינער אָדער אויף דער דלאָניע, אַריינשטעלן אויף שטעקעלעך, און נאָכן באַנעצן דאָס פּנים ווי־עס־איז זיך אָפּראַזירן. אַ ראַזירט פּנים פלעגט העלפן דעם קאַצעטלער אויסצוזען ייִנגער און דאָס פלעגט אים אַ מאָל ראַטעווען פון טויט בשעת אַ סעלעקציע.[61]

דאָס אַרויסגיין צו דער אַרבעט

נאָכן פרימאָרגן־אַפּעל, וואָס פלעגט געווייינלעך פאָרקומען אין דער פינצטערניש פון פאַרטאָג, פלעגן די קאַצעטלער זיך גרופּירן אין אָפּטיילונגען און אַרויסגיין צו דער אַרבעט אין זייערע איינהייטן. אָפט פלעגט מען זיין געצוווּנגען מאַכן לאַנגע מאַרשרוטן. אין ערעדאַ פלעגט מען טאָג־טעגלעך גיין אַן ערך 10 קילאָמעטער ביז קאָטלאַ יאַרווואַ [62]. מען פלעגט אַרויסגיין צו דער אַרבעט אין ערעדאַ, ווי אויך אין די מערסטע לאַגערן, 4 פאַרטאָג און צוריקקערן זיך שפּעט אין אָוונט [62]. אין לאַגעדי פלעגט מען טעגלעך גיין אַן ערך 9 ק״מ ביז די אַרבעטס־פּלעצער [63]

צו ווייטערע אַרבעטס־פּלעצער פלעגט מען געווייינלעך פירן די לאַגערניקעס אויף אָפענע לאַסטאויטאָס. אַזוי פלעגט מען זיי פירן טעגלעך פון ערעדאַ צו אַן אַרבעטס־איינהייט, וואָס איז געווען ווייט אַן ערך 25 ק״מ פון לאַגער.[62]. אויך אין נאַרוואַ פלעגט מען פירן די לאַגערניקעס אין אָפענע לאַסטאויטאָס צו זייערע ווייטע אַרבעטס־פּלעצער. די ליידן פון די געפירטע אין די גרויסע פרעסט און ווינטן זענען געווען אין לשער.[64]

דער צוריקקער פון דער אַרבעט

בשעת דער אַרבעט פלעגן אין מערערע לאַגערן די אַרבעטער אַוועקפאַלן פון שוואַכקייט און שטאַרבן אויפן אָרט. די מתים פלעגן צוריקגעבראַכט ווערן אין לאַגער, בכדי געציילט צו ווערן בשעתן אַפּעל.

אין לאַגערן, ווי אין נאַרוואַ, זענען באַשטימט געוואָרן „מתים־טרעגער״, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צו טראָגן אויף טראַגבערעטער די מתים צוריק אין לאַגער [65]. אין אַנדערע לאַגערן פלעגן די פאַרמאַטערטע אַרבעטער אַליין מוזן טראָגן די מתים צוריק.

לופט־אָנגריפן

די לופט־אָנגריפן, סיי אויף די לאַגערן, סיי אויף די נאָענט־ליגנדיקע מיליטער־רישע אָביעקטן, אָדער אויף פּלעצער ווו די קאַצעטלער האָבן געאַרבעט, זענען געווען אַן אָפּשע דערשיינונג. ס׳זענען דאָ גביות־עדות וועגן לופט־אָנגריפן אויף אילינורמע, וועלכע האָבן געבראַכט צו מערערע שטערונגען אינעם צוברענגען די שפּייז־פּראָדוקטן צום לאַגער [66]. וועגן אָנפאַלן אויף גאָלדפילץ — אין דער פּסח־נאַכט 1944; [67] וועגן אָפטע אָנפליִען אויף די אַרבעטס־פּלעצער ביי לאַגע־די [68]. און ביי קלאָגע [69]. אַן אינטערעסאַנטער פּרט ביי די דאָזיקע אָנפליִען: זיי האָבן נישט געשראָקן די לאַגערניקעס. „דער דונער פון די באָמבעס האָט גע־גלעט די אויערן״ [67]. „די יינגערע צווישן די קאַצעטלער פלעגן אָנהייבן צו זינגען פון שמחה ווען די באָמבעס פלעגן עקספּלאָדירן״ [70].

דער קלימאַט, צפון־שיין, ווייסע נעכט

די געוועזענע קאַצעטלער פון יאַגאַלאַ באַשרייבן אין זייערע עדות־זאָגונ־גען דעם ווונדערבאַרן ווינטערדיקן קלימאַט פון עסטאָניע. דער שיינער פּייזאַזש אַרום און אַרום איז געווען אַ מין קאָנטראַסט צו די טרויעריקע לעבנס־באַדינ־גונגען פון לאַגער. פּעטראַסקאַוואַ שרייבט אין אירע זכרונות: „בשעתן זון־אונטער־גאַנג פלעגן די הימלען לויכטן אין ווונדערבאַרע פאַרבן. די לופט איז געווען ריין און דורכזיכטיק, אַז כ׳האָב קיינמאָל נישט געזען עפּעס ענלעכס.[6] די נעכט זענען געווען ווי לעגענדאַרע מעשיות. די לבנה — בלוי, און די ביימער פון וואַלד האָבן אויסגעזען ווי פון גלאָז״.[6]

פיל אַנדערע קאַצעטלער דערציילן אויך וועגן די „ווייסע נעכט״, „פּאָלאַרע נעכט״ אין עסטאָניע, וועגן צפון־שיין, וואָס פלעגט אין די נעכט וויברירן איבער די הימלען.[71]

דער קאָנטראַסט צווישן די ווונדערבאַרע עסטאָנישע ווייסע נעכט און דער טרויעריקער טאָגטעגלעכער ווירקלעכקייט פון לאַגער־לעבן, האָט געשאַפן דאָס ווערטל: „ווייסע נעכט — און שוואַרצע טעג!...״ [72]

באַמערקונגען

1) דער לאַגער אַאוואַראַ האָט זיך געפונען אין אַן אָרט פון זומפּן (אַנאַליק ב., 3) און ווייט פון אַ ישוב, ממש אין אַ וויסטעניש (וועגן דעם דערציילן די מערהייט לאַגער־עדות); הונגענבורג איז געלעגן צווישן זומפּן (האַלפּערן, 9); וויוויקאַני איז געלעגן צווישן זומפּן אין וועלכע מען פלעגט „איינזינקען ביז די קני" (אַנאַליק נ., געשפּרעך; אַרבאַך, 16); לאַגעדי האָט זיך געפונען אויף אַ פּלאַץ אַן געביידעס, צווישן פעלדער און וועלדער, ווייט פון יעדן ישוב (אַלע לאַגער־עדות); קורעמע האָט זיך געפונען אויף אַ בערגל, אָפּגעזונדערט און איזאָלירט פון דעם שטעטעלע קורעמע (דוואָרזשעצקי); קלאָגע האָט זיך געפונען צווישן וועלדער (אַלע לאַגער־עדות).

2) וועגן וויוויקאַני — קרעמער; ווייוואַראַ — אַנאַליק, געשפּרעך, דוואָרזשעצקי; קלאָגע — מערערע עדות.

3) ווען די יידן פון ווילנער געטאָ זענען אַריינגעבראַכט געוואָרן קיין ווייוואַראַ, האָבן זיי אויף די ווענט געפונען מערערע אויפשריפטן, צווישן זיי אַ זאַץ אויף פּויליש: „טו בילאַ מאַיאַ מענקאַ" („דאָ זענען געווען מיינע יסורים") עדות: סלעפּאַק, 2.

4) די בנינים פון לאַגער קלאָגע זענען, ווי ס'ווייזט אויס, פאַרן אויסברוך פון דער דייטש־רוסישער מלחמה געווען מיליטערישע קאַזאַרמעס פאַר סאָוויעטישע לופט־פליער. נאָכן מלחמה־אויסברוך זענען די געביידעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַגער פאַר סאָוויעטישע געפאַנגענע (ירושלמי, 356; שוסטער, ספר אָלשאַן, 246).

5) האַלפּערן, 9.

6) ספר שווענציאַן, 1643.

7) גאַלעמבאַ, 4.

5) האַלפּערן, 9.

9) ירושלמי, 356.

10 אַנאַליק, נ., געשפּרעך, 1.

11) קויפמאַן, 37.

12) באַלבערישסקי, 566; דוואָרזשעצקי, ניעמענטשיק, 4.

13 חאַרמאַץ, 13.

14) נעמענטשיק, 4.

15) באַלבערישסקי, 566.

16) אַרבאַך (א), 26; האַרטען, 13; ראָזענבערג, 3; שעפּטעל, 10; נעמענטשיק דערציילט, אַז פאַר דער מלחמה איז אין דעם בנין געווען אַ טעקסטיל־פאַבריק פון באַראָן פאָן שטיגליץ.

17) סקורקאָוויטש, 2.

18) ראָזענבערג, 16.

19) וויין, (טאָגבוך פון ה. קרוק, מורשת ב״ב, 50).
20) רודניצקאָ, 2 ; סעגאַלאָוויטש, 25.
21) האַרמאַץ, 11 ; מערינג, 2 ; ד״ר פריד, 5 ; קאַראַפּאַנס, 2 ; קרייצער פּ., 16.
22) קאַראַפּאַנס, 7 ; רודניצקאָ, 3.
23) ד״ר פריד, 5.
24) קרייצער פּ., 16.
25) דוואָרזשעצקי, זכרונות פון קורעמע.
26 גאָרדאָנאָוויטש, ג., 3.
27) אָביעדזינסקי, 2 ; לויט דויטש, ד., איז דער אָפּשטאַנד געווען פון 200 מעטער.
27א) די שוועסטערס כץ.
28) באַלבערישסקי, 245.
29) דויטש, ד., 2.
30) זיידל, מעריב, 1965.
31, באַשולדיקונגס־אַקט אינעם שנאַבעל־פּראָצעס.
32) מערערע עדות־זאָגונגען.
33) דאָס זענען געווען סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע זענען געוואָרן „פּערע־קולשטשיקעס״ ; צווישן זיי רוסן, בעיקר אוקראַינער ; אין לאַגער סאַנדאָ — גרוזינער (רודניצקאָ, מ. 45). זע גביות־עדות פון אַנאַליק, נ., דוואָרזשעצקי, דיסטעל, זיידעל.
34) אָביעדזינסקי, 2.
35) גאָלדשטיין, 17.
36) רודניצקאָ, מ., 2 ; סעגאַלאָוויטש, 25 ; מערינג, נ., 2.
37) ד״ר ירושלמי, 354—357.
38) טייטלמאַן, אַ בריוו אין „יד ושם״.
39) קרעמער, 3.
40) סעגאַלאָוויטש, 257 ; רודניצקאָ, 2—3.
41) רודניצקאָ, ש., 42.
42) נעמענטשיק, 3.
43) פּעטראָסקאָוואָ, 40.
44) ה. קרוק, מורשת, ב״ב, 50, 8.29 און 8.31, 1944.
45) פּאָטאָשעוויטש, 2.
46) סעגאַל, 4.
47) דוואָרזשעצקי.
48) קלאָטשקאָ, 2.
49) האַרטען, 13—14.
50) קרייצער פּערל, 2 ; שעפּטעל, 2 ; גאָלדשטיין, 19 ; פּעטראָסקאָוואָ, 40.

51) זע קאַפּיטל „אַרבעט אין די לאַגער־וואַרשטאַטן".

52) סעגאַל, 27.

53) וויינטרויב, 4; רעזומע פון באַשולדיקונג, 4.

54) עדות פון אַלע לאַגערניקעס.

55) זע פּאַטאָקאַפּיע פון „לאַגערבעטריב" אין קלאָגע.

56) באַלבערישסקי, מ., 547; ער דערציילט, אַז די לאַגערניקעס פון קלאָגע פלעגן זוכן פאַר זיך ציפערן איו וועלכע עס געפינט זיך 18, אָדער אַכצן־געכפלט, ווי 36, 54 (18 איז י"ח, ח"י, און די דערשלאָגענע העפטלינגען האָבן געזוכט אין ציפער אַ דערמוטי־קנדיקן רמז וועגן בלייבן לעבן).

57) ד"ר בוזשאַנסקי (וועגן וויוויקאַני); האַרטען, 13; סקורקאָוויטש (ב), 5; פּער־לעגער, 5.

58) דו"ח פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע; אַנאַליק ניסן, 3; פּערלזינגער, ר., 39 (בנוגע וויוויקאַני); האַרטען, 13.

59) סקורקאָוויטש (ב), 5.

60) באַלבערישסקי, מ., 547.

61) דוואָרזשעצקי.

62) קאַראַפּאַנס, 7—8.

63) באַלבערישסקי, מ., 561.

64) אָרבאַך, 3.

65) שעפּטעל, 10.

66) סעגאַל, 23.

67) דוואָרזשעצקי, „בין הבתרים", 66.

68) פּערלעגער, 56, דערציילט, אַז בשעת אַזאַ לופט־אַנגריף אויף לאַגעדי איז דערהרגעט געוואָרן די קאַצעטלערין שולצע פון רייך־טראַנספּאָרט, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון יאַגאַלאַ קיין טאַלין און פון דאָרט אין די עסטאָנישע קאַצעטן.

69) האַרטמאַן, פּ., 56.

70) גאָרדאָן, 12—13.

71) ב. מערין, 132: „אַז די זון פלעגט פאַרגיין, פלעגן זיך אויף קלאָגע אַראָפּלאָזן די ווייסע נעכט".

72) זכרונות פון מחבר.

דאָס צופּאַסן זיך צו די לאַגער־באַדינגונגען

פּראָבלעמען פון צופּאַסן זיך צו די נויט־באַדינגונגען

די עסטאָנישע לאַגערניקעס, פּונקט ווי די קאַצעטלער אין אַלע אַנדערע לענדער, זענען געשטעלט געוואָרן פאַר דער נויטווענדיקייט זיך צוצופּאַסן צו די לעבנס־באַדינגונגען אין די לאַגערן. דער לאַגערניק איז געשטעלט געוואָרן פאַר גייסטיקע און מאָראַלישע פּראָבלעמען מיט וועלכע עס קומט קיין מאָל נישט אויס זיך צו טרעפן אַ מענטש, וואָס לעבט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען. עס איז פאַר אים געשטאַנען דאָס פּראָבלעם, ווי אַזוי צו לעבן אין די לאַגערן טראָץ די אוממענטשלעכע לאַגער־באַדינגונגען, און גלייכצייטיק נישט צו פאַרלירן דעם צלם־האדם; ווי אַזוי זאָל דער לאַגערניק, ווי ווייט מעגלעך, באַקעמפן די לאַגער־באַדינגונגען? ווי אַזוי זאָל ער זיך לערנען אויסצומיידן פאָרויסגעזעענע און נישט־פאָרויסגעזעענע סכנות — און גלייכצייטיק גייסטיק נישט אונטערגעבן זיך?

הגם די לאַגערניקעס האָבן לגמרי נישט געקענט ענדערן דעם רעזשים פון די לאַגערן, האָבן זיי דאָך געטראַכט, אַז זיי זענען מחויב, טאָג־טעגלעך, און יעדער איינער לויט זיינע מעגלעכקייטן, זיך אַן עצה געבן, ד״ה צוצופּאַסן זיך — דורך באַקעמפן אָדער פאַרמיידן די דריי טאָג־טעגלעכע „פּיינטלעכע און מסוכנדיקע״ דערשיינונגען פון לאַגער־לעבן: הונגער, קעלט און שמוץ?

ווי אַזוי צו באַקעמפן קעלט? מען האָט ביים לאַגערניק אַלץ צוגענומען, און איבערגעלאָזן אים נאָר איין־און־איינציק גגד אויפן לייב, אַ רעקל מיט אַ פּאָר הויזן און איין העמד. על־פּי־רוב האָט מען ביי אים צוגענומען זיינע שיך אָדער שטיוול, און אָנשטאָט דעם האָט מען אים געגעבן הילצערנע סאַנדאַלן, אָדער „קלומפּעס״, וועלכע זענען גיך אָפּגענוצט געוואָרן. געווען אויך קאַצעטלער, וועלכע זענען נאָך דער ערשטער לאַגער־רעוויזיע געבליבן אין גאַנצן באָרוועס.[1]

איינע פון די הויפּט־דאגות ביי די לאַגערניקעס איז דעריבער געווען ווי אַזוי צו באַקומען עפּעס וואָס זאָל זיין אַן ערזאַץ, אָדער זאָל פאַרבייטן אַ העמד, אַ שוך, אָדער אַ הענטשקע? און ווי אַזוי אין די שווערע טעג פון די עסטאָנישע פרעסט צו קריגן וועלכע ס׳איז מעגלעכקייט צו דערוואַרעמען דעם פאַרפרוירענעם קערפּער?

מערערע עדות דערציילן ווי אַזוי די לאַגערניקעס האָבן זיך געמיט צו מאַכן

זיך אַ העמד פון די זעק, וואָס זיי האָבן געפונען ביי דער אַרבעט. על־פּי־רוב פלעגן זיי דאַרפן טראָגן צעמענט אויף זייערע פּלייצעס אין גראָבע פּאַפּירענע זעק; אין יעדן זאַק 50 ק״ג בעטאָן[2] אין די נעכט פלעגן די קאַצעטלער אַראָפּגנבענען ליידי־קע בעטאָן־זעק. מען פלעגט זיי אויסטרייסלען, בכדי עס זאָל אין זיי נישט פאַרבלייבן קיין בעטאָן־שטויב און דערמיט אויסמיידן אַז די ליידיקע זעק זאָלן „פאַרשטיינערט״ ווערן אין די רעגנדיקע און פייכטע טעג. די לאַגערניקעס פלעגן מאַכן אַ לאָך אינעם דנאָ פון זאַק און אָנטאָן אים איבערן קאָפּ, ווי אַ העמד; די וועלכע האָבן נישט מצליח געווען צו „אָרגאַניזירן״ אַ זאַק, פלעגן זיך סטאַרען, לכל הפחות, צו געפינען שטיקלעך זעק און זיי אַריינלייגן צווישן העמד און אויבערשטן בגד. דאָס פלעגט געבן דעם קאַצעטלער אַ געוויס געפיל פון וואַרעמקייט. מען פלעגט זיך אויך באַנוצן מיט רעשטלעך פון אַ צייטונג, אָדער מיט יעטוועדער שמאַטע, בכדי דאָס אונטערצולייגן אונטערן בגד, אַלס „מחיצה״ און שוצמיטל קעגן קעלט.[3]

מסוכנדיק איז געווען צו „באַגנבענען אַ מת״, ד״ה דאָס אַראָפּגנבענען דאָס העמדל פון לאַגערניק וואָס איז אָקאָרשט אויסגעגאַנגען און די לאַגער־מאַכט ווייסט נאָך נישט וועגן זיין טויט. געווען קאַצעטלער, וועלכע האָבן עס אָנגערופן אַ „מצווה־גניבה״ — אַ גניבה, וואָס איז גאָר גורם אַ מצווה, ווייל „ס'איז זיכער״, אַז דער מת איז צופרידן, אַז זיין העמד דינט פאַרן לעבעדיקן לאַגערניק אַלס שוץ קעגן פראָסט, וואָס פּייניקט דעם מענטש. ווען די ס.ס־לייט פלעגן געפינען ביים קאַצעטלער אַ צווייט העמד, ד״ה אַ מתים־העמד, האָבן זיי אים געשלאָגן מכות־רצח.[3]

אין אַלע לאַגערן פלעגן די „וואַרשטאַטניקעס״ גרייטן קודם־כל האָלץ־שיך אָדער האָלץ־סאַנדאַלן פאַר די באַרוועסע קאַצעטלער. געווען צווישן זיי אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך אויסגעספּעציאַליזירט אינעם אויסאַרבעטן ליטווישע „קלומפּעס״.[4] ס'איז אויך געווען אַ באַדאַרף צו קריגן שמאַטעס, בכדי מיט זיי צו פאַרוויקלען די פיס איידער מען האָט זיי אַריינגעשטעלט אין די הילצערנע שיך[5]. די שמאַטעס פלעגט מען געוויינלעך געפינען אויפן אָפּפאַל־פּלאַץ. מען פלעגט זיך אָפט אויך בגניבה באַנוצן מיט שטיקלעך פון די דעקן, און אַפילו מיטן גראָבן בעטאָן־פּאַפּיר וואָס מען פלעגט צעקנייטשן און ווייך מאַכן בכדי מיט אים צו פאַרוויקלען די פיס[3].

אַ סך קאַצעטלער זענען געווען געצוווּנגען אין די שווערע פרעסט צו האַלטן אין זייערע הענט אייזערנע לאָמעס אָדער קירקעס, כדי צו שפּאַלטן דאָס אייז. די הענט פלעגן ממש „צוגעסמאַליעט״ ווערן בשעתן צורירן זיך צום פראָסט־קאַלטן אייזן.[3] די קאַצעטלער האָבן אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן הענטשקעס („פּויסטלינגע״), וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פון שטיקלעך געגנבעטן שטאָף, דעקן, אָדער בעטאָן־זעק[3]. פאַרשטענדלעך, אַז מען האָט זיך געדאַרפט היטן נישט צו באַנוצן זיך מיט

די הענטשקעס אויף די אויגן פון די דייטשע אַרבעטס־אויפזעער, וועלכע פלעגן שווער שטראָפן פאַרן חטא פון „אַרבעטן אין הענטשקעס״ [3].

מען פלעגט זיך שטענדיק „ציען״ צו יעדן אָרט ווו ס׳האָט געברענט אַ פייער. אָפט פלעגן די לאַגערניקעס מצליח זיין „אונטערצוקויפן״ עלטערע דייטשע אַר־בעטס־אויפזעער דערמיט, וואָס מען האָט זיי געגעבן אַ חלק פון די פּראָדוקטן, איינגעשאַפענע אויף דער „שנאַריטע״. דערפאַר פלעגן זיי דערלויבן, אַז די העפט־לינגע זאָלן פון זיך אויסטיילן איינעם, לויט דער ריי, בכדי אָנצוצינדן אין אַ באַ־האַלטן ווינקעלע אַ שייטער, בשעת דער אַרבעט. דער אַלטער אויפזעער פלעגט זיצן דערביי און זיך וואַרעמען, און פון דערווייטנס אַכטונג געבן אויף דער אַרבעט. דאַקעגן די לאַגערניקעס פלעגן זיך בייטן און קומען צום שייטער בכדי אָנצוּוואַרע־מען די הענט און אויפצוקאָכן אַ ביסל וואַסער אין זייער קאָנסערוון־פּושקע, אָדער אויפצוקאָכן זיך אַ ביסל זופּ. דאָס זעלבע פלעגט מען טאָן ביי די לאַגער־אייוועלעך.[6]

ווי אַזוי צו באַקעמפן דעם הונגער? דער באַשפּייזונגס־ווערט אין די לאַגער־באַדינגונגען (פון שווערער 12־שעהדיקער פראַצע, אין פראָסט, אין הונגער און אין דינע בגדים), איז נישט דערגאַנגען אַפילו צו אַ פערט־חלק פון דעם, אין וואָס דער העפטלינג האָט זיך געניייטיקט.[7] דעריבער איז נישט קיין ווּנדער, אַז ער איז תמיד געווען פאַרטאָן מיט דער מחשבה ווי אַזוי צו קריגן עפּעס אַ צוגאָב־באַשפּייזונג (זע קאַפּיטל „באַשפּייזונג אין די לאַגערן״).

די קאַצעטלער האָבן דעריבער טאַקע געהאַלטן, אַז מאָראַליש האָבן זיי אָן שום צווייפל רעכט „אַראָפּצושלעפּן״ פון די פעלדער, אויף וועלכע זיי האָבן געאַרבעט, יעדן שפּייז־פּראָדוקט, וואָס מען האָט נאָר געקענט „אָרגאַניזירן״, ווי: קאַרטאָפל, בוריקעס, ריבן, מערן וכדומה.[7] די אין טאַלין קאָנצענטרירטע לאַגערניקעס פון יאַגאַלאַ, פלעגן אַפילו אַרויסשלעפּן פישלעך פון די פישער־נעצן, וואָס האָבן זיך געפונען ביים פאָרט [7].

אין די שווערע הונגער־טעג פלעגט נישט איינער צעשניידן די רעגנווערעם און זיי אָפּקאָכן אין דער קאָנסערוון־פּושקע („ווערעם־זופּ״)[3]. היות זאַלץ האָט כמעט תמיד געפעלט אין די לאַגערן, פלעגן די לאַגערניקעס אָנשטאָט דעם צוגעבן אַלס „געווירץ״ וואָרצלען אויסגעריסענע פון די פעלדער [3].

בכדי צו באַקעמפן דעם הונגער פלעגן די לאַגערניקעס זיך באַנוצן מיט דריי שיטות: שנאַריטע, אויסטויש־מסחר, און פּראָדוציר׳ן זאַכן, נוצלעכע פאַר די אַר־בעטס־אויפזעער.

וועגן דער שנאַריטע איז שוין נישט איין מאָל אויסגעקומען צו דערציילן; איר עיקר איז געווען צו באַקומען „שפּייז־מתנות״ פון די אַרומיקע פויערים.

דער אויסטויש־מסחר איז אָפט געווען אַ באַגלייט־דערשיינונג פון דער שנאַ־

ריטע, און ער האָט אָנגענומען פאַרשידענע פאָרמען, ווי, למשל, אויסבייטן מיט די אַרומיקע פּויערים פּערזענלעכע חפצים (אַ גאָלדענע פּעדער, אַ גאָלדענע מטבע, אַ העמד, אַ שניפּס אד״גל), אָדער אויסבייטן בגדים און זאַכן, וועלכע זענען „אַרויס־געשלעפּט״ געוואָרן פון לאַגער־מאַגאַזין. צו דעם צוועק איז אויך אָפּט אַנטשטאַנען אין לאַגער אַן „אויסטויש־אינדוסטריי״: די וואַרשטאַטניקעס פלעגן באַהאַלטענער־הייט מאַכן פון רעשטלעך שטאָפן היטלעך, „קאַסקעטן״,[4] וועלכע פלעגן אַרויס־געפירט ווערן אין געהיים פון לאַגער און פאַרקויפט ווערן צו די אַרומיקע פּויע־רים. אין קלאָגע איז אַפילו געווען אַ פאַבריקאַציע פון „איריסן״, וועלכע פלעגן מיט סכנות־נפשות אַרויסגעפירט ווערן פון לאַגער צוום אויסטויש־פאַרקויף.[9]

לאַגער־פּראָדוקציע פאַר די אַרבעט־אויפזעער: מערערע עדות דערציילן וועגן פּרווון „וויכער צו מאַכן״ דעם אַרבעט־אויפזעער, דעם עלטערן „אָטע״־מאַן, דורכן שאַפן פאַר אים נוציקע זאַכן. אין פאַרשידענע לאַגערן מאַכט מען פאַר זיי היט און שטיוול[7]. אין אַנדערע לאַגערן מאַכן לאַגערניקעס־צייכנער בילדער־פּאָרטרעטע־רונגען פון דעם אויפזעערס פרוי און קינדער[5]. אין אַ געוויסן לאַגער פאַרנעמען זיך די פרויען מיט צערעווען די סקאַרפּעטן פון די אויפזעער אָדער פאַרריכטן זייערע בגדים.[16] היטלען, שטיוול, שיך און „ציווילע״ בגדים האָבן די וואַרשטאַטני־קעס געמאַכט אויך פאַר די ס.ס.־לייט פון לאַגער, און אַלס „באַלוינונג״ פלעגן זיי קריגן אַ צוגאָב־פּאָרציע ברויט און אַמאָל אויך סיגאַרעטן.

לאַגערניקעס האָבן זיך אויך געקליגט ווי אַזוי צוגרייטן ספּעציעלע מאכלים „בכדי אָנצופּילן די קישקעס״. די פרויען פלעגן זאַמלען פאַרדאַרט ברויט, ווייקן עס אין וואַסער און קאָכן, צוגעבנדיק, לויט דער מעגלעכקייט, סאַכאַרין אָדער זאַלץ; אַזאַ געקעכץ פלעגט זיך אָנרופן „ברייי״[7]. די לאַגערניקעס האָבן זיך ספּעציאַליזירט צוגרייטן „אויף איין פּוס״, זופּן פון קאַרטאָפל (אָפּגעשיילטע, אָדער בלויז אַרומגע־וואַשענע, אָדער נאָר אָפּגעריבענע פון שמוץ), מיט מאַרגאַרין, אָדער אָן מאַרגאַרין; מיט זאַלץ, אָדער אָן זאַלץ, מיט וואַרצלען, אָדער אָן וואַרצלען, גאַנצע קאַרטאָפל אָדער צעשניטענע, און אויך צעריבענע. די דאָזיקע אַלע געקעכצן האָבן געהאַט אין בשותפותדיקן נאָמען: „קאַרטאָפּליאַנקע״[3]. אָפּט פלעגט מען באַקן די קאַר־טאָפל אויף ברענענדיקע קוילן אויף די אַרבעטס־פּלעצער, ביז די שאָלעכץ פלעגט ווערן שוואַרץ; מען האָט עס אָנגערופן „קויל־קאַרטאָפל״ און מען האָט אין דעם געזען אַ סגולה קעגן שילשול[3].

צוליבן הונגער. האָט מען געהאַלטן פאַר אַ בר־מזל דעם לאַגערניק, וואָס אים איז צוגעטיילט געוואָרן אַן אַרבעט אין קיך אַלס קוכער, ביים שיילן, צעשניידן, אָדער צעקוועטשן קאַרטאָפל; אין אַזאַ מין אַרבעט איז געלעגן דער שאַנס צו גע־ניסן פון אַ צוגאָב־קאַרטאָפל.

די לאַגערניקעס, וועלכע פלעגן זוכה זיין צו „אָרגאַניזירן״ ווי עס איז אַ

צוגאָב־קאַרטאָפל, פלעגן זיך אָפט פאַרבינדן אין גרופּן, כדי צו קענען געמיינזאַם קאָכן די קאַרטאָפליאַנקע. איינער פלעגט שטיין אויף דער וואַך; מען האָט עס אָנגערופן אַ ביסל איראָניש „וואַכע־דינסט״; [6] אַן אַנדערער פלעגט מאַכן פייער; אַ דריטער פלעגט ברענגען וואַסער; אַ פערטער — אַכטונג געבן אויפן ענין „קאָכן״, וואָס פלעגט געווײנלעך פאַרקומען אין געהיים, אונטער אַ פעלד־קוסט [3].

אַ מאָל פלעגט די קאַצעטלער „אָפּגליקן״: געווען אַ מעשה מיט אַ שיף, וואָס האָט געפירט שפּייז־פּראָדוקטן און איז געניזוקט געוואָרן ביי טאַלין. די מאַטראָסן האָבן אַרויסגעוואָרפן אין ים די קאַליע־געוואָרענע פּראָדוקטן; האָבן די לאַגערניקעס זיך געוואָרפן אויף די שווימענדיקע שפּייז־אַרטיקלען, ממש זיי „געשלונגען״. נישט דורכשוועקנדיק זיי אַפילו [7].

און, פאַרקערט, אַ מעשה מיט אַ מאַטראָס, וואָס האָט געגעבן אַ מתנה פאַר אַ ניינצניאָריקער קאַצעטלערין פון טאַלין (אַן אָפּשטאַמיקע פון יאַגאַלאַ) אַ פּושקע מיט קאָנסערוון. נאָכן עסן איז דאָס מיידל געשטאָרבן פון אַ שאַרפער מאָגן־פאַר־גיפטונג [7].

ווי אַזוי צו באַקעמפן שמוץ? שמוץ האָט געהערשט אין אַ סך עסטאָנישע לאַגערן; דער עיקר איז דערמיט מפורסם געוואָרן די אונטערשטע ערעדאַ, וווּ ס׳זענען קאָנצענטרירט געווען הונדערטער קראַנקע און אָפּגעשוואַכטע. צוליב דער אַבסאָלוטער שוואַכקייט פלעגן אָפט די לאַגערניקעס אָפּגעבן זייערע באַדערפענישן האַרט ביי די באַראַקן [7]. אַ ווילנער 24־יאָריקער בחור, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן דורך ס.ס.־לייט ביים טאָן זיין באַדערפעניש נעבן באַראַק, איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. אַ ריח פון געברענטע קערפּערס האָט זיך געטראָגן פון נאָענטן וואַלד. „דער לאַגער איז געווען אַ קאַשמאַר״ [7]. אין ערעדאַ איז נישט געווען קיין אוביקאַציע, איז אַלץ געטאָן געוואָרן אויפן פּלאַץ, אין דער אַנוועזנהייט פון מענער און פרויען [7].

אין אַ סך לאַגערן האָט געפעלט וואַסער נישט נאָר צום וואַשן זיך, נאָר אַפילו צום טרינקען. ס׳זענען געווען לאַגערן ווו מען פלעגט קויפן אַ לעפל ריין וואַסער פאַרן פּרייז פון אַ שטיק ברויט [3]. שמוץ איז געווען אַ רעזולטאַט פון וואַסער־מאַנגל, און איז אָפט געווען דער גורם פון אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן. די שמוציקע העמדער, וועלכע זענען נישט געוואַשן געוואָרן חדשים לאַנג, ווי אויך די בגדים אין וועלכע מען האָט געאַרבעט און געשלאָפן — זענען געווען דער מקור פון פאַרלייזיקונג און פלעק־טיפוס. די נישט געוואַשענע „עס־געשיר״ און די שטענדיקע נאָענטקייט צום קויט (פעסער מיט פליסיקן קויט אין די לאַגער־באַראַקן, ווי אויך די ריטשקעלעך וואָס האָבן זיך געצויגן פון די לאַטרינעס און האָבן באַדעקט גרויסע לאַגער־שטחים), זענען געווען דער מקור פון דער שילשול־קראַנקייט און פון

דעם בויכטיפוס; צוליב מאַנגל אין מעגלעכקייטן זיך צו וואַשן, האָבן זיך פאַרשפּרייט הויט־קראַנקייטן, וועלכע האָבן זיך זייער שווער געהיילט צוליב דער שוואַכער ווידערשטאַנדספעיִקייט פון די לאַגערניקעס.

די לאַגערניקעס פלעגן אָפט מיטברענגען פון די באַשנייטע פעלדער פּושקעס מיט שניי. זיי פלעגן עס אויפקאָכן און פאַרוואַנדלען אין וואַסער צום טרינקען און צום וואַשן זיך; לכל הפּחות אַרומצוואַשן די הענט [3].

בכדי אויפצוהאַלטן ווי עס איז די ריינקייט פלעגן זיי אָפט, בשעת דער אַרבעט, פאַרשווינדן צווישן די נאָענטע קוסטעס און דאָרט אָוועקפּטרן זייערע אינזעקטן. צוליב דעם זעלבן צוועק פלעגן זיי אויפהענגען די העמדער איבער די הייסע בלעכערנע אייוועלעך אָדער אויף די אָנגעגליטע רערן.

ווו ס'איז נאָר געווען מעגלעך פלעגן די לאַגערניקעס זיך באַמיִען איינצושטעלן אַ „מרחץ״ און אַ דעזינפעקציע־אַפּאַראַט. און האָט ער געמעגט זיין אַפילו דער פּרימיטיווסטער.

די דאָזיקע „אַנטלויזונג״ [11] פלעגט מצד די דייטשן באַגלייט ווערן מיט נגישות און איזדיעקעווען זיך איבער די העפטלינגע, מען פלעגט זיי צונעמען זייערע בגדים, העמדער און דעקן צו דעזינפעקציע, און זיי פלעגן שעהנלאַנג בלייבן שטיין נאַקעט אויפן פראָסט (אַאוואַראַ, קורעמע א״אַנד).

דאָס וואַסער פלעגט מען ברענגען מחוץ דעם לאַגער (וויוואַראַ), אַפילו פון אַ נאָענטן זומפּ (ערעדאַ). די מענער אויסגעטאָענע נאַקעט פלעגן אָפּגעבן זייערע בגדים פרויען פון סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע (קלאָגאַ). מענער האָבן געמוזט זיך באָדן צוזאַמען מיט פרויען (אַאוואַראַ). די באָד איז געווען בשותּפותדיק פאַר די לאַגערן סאַנדאַ און קיוויאַלי. אין יעווויע פלעגט מען פירן צו דער דעזינפעקציע צוזאַמען קאַצעטלער מיט סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. די דעזינפעקציע האָט נישט גוט געאַרבעט און מען האָט צוריקגעבראַכט די העמדער און בגדים באַדעקטע מיט לעבעדיקע אינזעקטן. נאָך אַ פּאָר וואָכן איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון פלעקטיפוס. אין אַאוואַראַ איז געווען אַזאַ וואַסער־מאַנגל, אַז אין די טעג ווען מען האָט געפירט די לאַגערניקעס אין באָד, איז נישט געווען קיין וואַסער צום קאָכן די זופּ. אין אילינורמע האָבן די לאַגערניקעס אַליין אויפגעבויט אַ פּרימיטיוון דעזינפעקטאָר, אין פאָרעם פון פעסער, אין וועלכע ס'זענען טאָקע ביי אַ סך פאַרברענט געוואָרן זייערע בגדים. אין קלאָגאַ איז געווען אָבליגאַטאָריש, אַז יעדער לאַגערניק זאָל איין מאָל אַ חודש דורכגיין די באָד [11].

אין קלאָגאַ איז געווען אַ טיפע וואַסער־גרוב. פון איר פלעגט זיך תמיד טראָגן אַ פאַרעיפּושטער ריח. איין מאָל האָבן די לאַגערניקעס באַקומען אַ באַפעל אויסצורייניקן די גרוב און דערביי האָבן זיי אַרויסגענומען עמערס קויט ווי אויך געפּגרטע קעץ. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס אַלץ האָט מען געצוווּנגען אַריינצוואַרפן אין גרוב

די געפאַנגענע, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען ערב דעם קומען פון די לאַגער־ניקעס [12].

יולי 1944 האָט מען אָנגעהויבן פירן די קלאָגער לאַגערניקעס באָדן זיך אין נאָענטן ים, אַ צוויי קילאָמעטער פון קלאָגע. ס.ס.־לייט פלעגן באַגלייטן בשעתן אָרגאַניזירטן גאַנג צום ים דורך אַ וואַלד. די לאַגערניקעס האָבן לכתחילה מורא געהאַט פאַר דעם גאַנצן ענין. מיט אַ מאָל זענען די דייטשן געוואָרן גוט! און ווער ווייסט וואָס עס קען געשען? אָבער „צוליבן געזונט״ האָט מען זיך איינגעשטעלט און געגאַנגען [13]. עס איז אין דעם געווען אַ רצון צו פאַרפירן די לאַגערניקעס און אָפּלענקען זייער אויפמערקזאַמקייט פון דער אַלגעמיינער שחיטה, וואָס עס האָט זיי דערוואַרט.

אָקלאַנגען פון דעם באָדן זיך אין ים, געפינט מען אין אַ סך גביות־עדות פון געוועזענע קלאָגער קאַצעטלער, ווי אויך אין קרוקס טאָגבוך [14]. איינער פון די עדות דערציילט זייער טאָפּלט געפיל פון פאַרוווּנדערונג: באָדן זיך אין ים, שווימען וויפל דו ווילסט — און דו ביסט אַ קנעכט! [12]

לאָמיר איצט באַטראַכטן די גייסטיקע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געשטערט, אָדער, להיפך, געהאָלפן דעם לאַגערניק צוצופּאַסן זיך צום לאַגער־לעבן. אַלס איינער פון די געוו. לאַגערניקעס, וועל איך דאָ איבערגעבן מיינע איינדרוקן, און כ׳מיין, אַז מערערע צווישן די געראַטעוועטע וועלן זיך זען ווי שותפים צו די דאָזיקע איינ־דרוקן [15].

פאַקטאָרן וועלכע האָבן געשטערט דאָס צופּאַסן זיך

אַחוץ דעם לעבן פון נויט, הונגער, קראַנקייטן, שווערער פּראַצע, ענגשאַפט, מאַנגל פון היגיענע, עינויים אאַז״וו, זענען אַ ריי שווערע גייסטיקע איבערלעבונ־גען געווען אַ מקור פון איינמאַליקע אָדער רעצידיוויסטישע נשמה־טראַומעס, וועלכע האָבן צעבראָכן דעם לאַגערניק און צוגענומען פון אים די גייסטיקע און פיזישע יכולת צו אַדאַפּטירן דאָס לאַגער־לעבן. לאָמיר זיי אויסרעכענען:

די טויט־סעלעקציעס, וועלכע האָבן תמיד אַרויסגערופן די אימהדיקע שפּאַ־נונג: „צי איז שוין איצט מיין ריי, אָדער דער טויט־גורל וועט אויך דאָס מאָל מיך אויסמיידן?״ דאָס געצוווּנגען זיין צוצוזען די אומפאַרגלייכלעכע נאַצישע אַכזריותן, וואָס פלעגן זיך איבערחזרן פון סעלעקציע צו סעלעקציע. די דערנידעריקונגען און דאָס שטענדיק איזדיעקעווען זיך איבער די לאַגערניקעס בעת די אַפּעלן (די „ספּאָרט־איבונגען״), בעתן טיילן דאָס עסן און בעת דער אַרבעט אויסערן לאַגער. די עינויים פון עלטערן, ברידער, קינדער און חברים, די אַכזריותדיקע שטראָפן, די

עפנטלעכע תליות און אַנדערע פאָרמען פון טויט־עקזעקוציעס. דאָס שטענדיקע געפיל פון מאַכטלאָזיקייט, דאָס נישט קענען אָפּווערן זיך מיט וואָס עס איז קעגן די רוצחים.

דאָס פאַרלירן דעם צוטרוי צו חברים איז געווען איינע פון די אויפטרייס־לענדיקע לאַגער־איבערלעבונגען. ס'איז געווען זייער שווער צו זען אַ חבר, וואָס חנפעט זיך צום נאַצי, אָדער וואָס באַמיט זיך „צו שטייגן אויפן לייטער פון די פּאָזיציעס" אינעם לאַגער.

דער אייביקער פּחד פאַר די טויט־סעלעקציעס, פאַרן סאַדיסטישן ווילדעווען פון די לאַגער־קאָמענדאַנטן, די שרעק פאַר אומגעריכטע מכות־רצח, גזירות און די מורא פאַרן פּלוצעמדיקן אַריבערגעפירט ווערן אין אַן ערגערן לאַגער; דאָס נישט אימשטאַנד זיין צו קאָנצענטרירן די רעשטלעך כוחות צום קאַמף פאַרן לעבן צוליבן גוואַלדיקן שלאָף־מאַנגל און, לסוף, דער פּחד פאַר פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „מוזלמענער", וואָס זיין סוף וועט זיין צווישן די מתים־שטויסן פונעם לאַגער — אָט די אַלע עינויים האָבן לגמרי צעטרייסלט די גייסטיקע גלייכגעוויכט און פּאַראַ־ליזירט יעטוועדע מחשבה.

די טאָג־טעגלעכע אַפּעלן יעדן פרימאָרגן און יעדן אָוונט, בעת וועלכע די קאַצעטלער פלעגן מוזן שטיין לאַנגע, אומענדלעכע שעהען, פלעגן פאַרוואַנדלען דעם קאַצעטלער אין אַן אויטאָמאַט, וואָס איז ווי פאַרפרוירן געוואָרן דורכן אומ־ענדלעכן שטייען, פונעם געצוווּנגענעם שווייגן — און אין דערוואַרטונג פון די כסדרדיקע זיך־איבערחזרנדיקע זינגלאָזע באַפעלן: „מיצען אַב!", „מיצען אויף!".

דאָס לעבן פון העפטלינג איז אָבער געווען אָפּהענגיק פונעם פּינקטלעכן אויספירן די דאָזיקע באַפעלן.

אַ כראָנישע גייסטיקע טראַומע איז געווען ביי יעדן קאַצעטלער דאָס נישט קענען אַפילו אויף מינוט זיין מיט זיך אַליין. ער האָט שטענדיק געמוזט זיין צווישן אַלעמען. דער לאַגערניק איז אָבער געווען עלנט און איינזאַם צווישן די המונים אַנדערע לאַגערניקעס, צווישן וועלכע ער האָט געלעבט און געליטן און וואָס זענען געווען אַזוי איינזאַם ווי ער.

אַ סך לאַגערניקעס זענען געווען פאַרפייניקט פון דער שטענדיקער זאָרג וועגן גורל פון זייערע משפחה־מיטגלידער: אפשר מאַטערן זיי זיך אויך אַזוי אין איינעם פון די לאַגערן, און אפשר זענען זיי שוין לגמרי נישטאָ צווישן די לעבע־דיקע?

די שרעק פאַר עינויים איז פאַר די לאַגערניקעס געווען אַ סך שטאַר־קער ווי די שרעק פאַרן טויט. אַ סך וואָלטן געווען אויסגעקליבן אַ באַלדיקן טויט, איידער דורכצומאַכן אַלע שטאַפּלען פון די מאָרד־עינויים.

פּאַקטאָרן וועלכע האָבן געהאָלפֿן צום צופּאַסן זיך

די מאָראַלישע ווערטן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ביים צופּאַסן זיך פון לאַגערניק צום לאַגער־לעבן און כלפּי זיינע שאַנסן צו בלייבן לעבן. די סאָלידאַרי־טעט און די קעגנזייטיקע פאַרבינדונגען צווישן די לאַגער חברים; די הילף, וואָס איינער האָט דערלאַנגט דעם צווייטן, האָט עס געמעגט זיין די קלענסטע הילף: אַ שטיקל ברויט, אַ טעלער זופּ, די פּשוטסטע פריינדלעכע עצה, וואָס איין קאַצעט־לער האָט געגעבן דעם צווייטן מיטן ווילן אים צו העלפן; אַ דעמוטיקנדיק געשפּרעך בנוגע די גוטע צוקונפטיקע טעג וואָס וועלן קומען נאָך דער מלחמה; די עצם־האָפענונג צו דערלעבן די מפּלה פון די נאַציס און די אמונה אין רעליגיעזע ווערטן, אין נאַציאָנאַלע אָדער סאָציאַלע אידעען — די אַלע מאָראַלישע ווערטן האָבן געמוטיקט די קאַצעטלער, געהאָלפן זיי אַריבערטראָגן דעם נאַצי־טעראָר און אָפּהיטן דעם צלם־אלקים אינעם אָפּגרונט פון די לאַגערן.

ס׳איז אויך צו פאַרנאָטירן, אַז דער צופאַל איז געווען אַ מאָל אַ העלפנדיקער, אַן אַנדערש מאָל אַ שטרויכלענדיקער פאַקטאָר אינעם לאַגערניקס לעבן. יעדער לאַגערניק דערציילט, אַז זיין לעבן איז אָפט מאָל געווען אָפּהענגיק פון צופאַלן, למשל: צי וועט ער כאַפּן לעבנס־באַדראָענדיקע קלעפּ, אָדער ער וועט מצליח זיין זיי אויסצומיידן? צי וועט ער באַקומען אַ געדיכטע פאַרציע זופּ, אָדער אַ וואַסערדיקע? צי וועט ער צוגעטיילט ווערן צו אַ לייכטער, אָדער שווערער אַרבעטס־איינהייט? צי וועט ער בשלום דורכגיין די סעלעקציע? אָדער פאַרקערט, עס וועט אים דאָרטן טרעפן דאָס אומגליק? קיינער האָט וועגן דעם קיין מאָל נישט געקענט עפּעס וויסן פון פאַרויס.[16]

די וועגן ווי אַזוי איבערצולעבן [17]

די זאָרג פון יעדן קאַצעטלער — צי ער איז געווען אין צושטאַנד פון קלאָרן דענקען, צי ער האָט געטראַכט נאָר אינסטינקטיוו, אונטערבאַוווסטזיניק — איז געווען: ווי אַזוי אויסצוהאַלטן? ווי אַזוי צו בלייבן לעבן, טראָץ די שווידערלעכע באַדינגונגען פון די קאַצעטן. דערביי האָבן זיך אויסגעטיילט איניקע עיקר־דרכים:

דער וועג פון דער מערהייט לאַגערניקעס — איז געווען דער וועג פון „צייטווייליקן" מקבל־דין זיין, אין דער האָפענונג, אַז דאָס מאָוויימדיקע לעבן וועט זיך שנעל ענדיקן; דעריבער דאַרף מען טאָן אַלץ צו קענען אויסהאַלטן. מען דאַרף אויספירן יעדן באַפעל, און נישט זען אין דעם קיין שום דערנידערונג, ווייל די נאַציס זענען דאָך לגמרי נישט בבחינת מענטשן, וואָס זייערע מעשים קענען דערנידעריקן, בפרט, אַז זיי וועלן נאָך דערפאַר ווען עס איז שווער באַצאָלן. מען דאַרף אַרבעטן מיט אָנגעשטרענגטער „פלייסיקייט" כל זמן דער נאַצי שטייט נעבן דיר; אָבער מען דאַרף וואָס לאַנגזאַמער אַרבעטן, אָדער לגמרי נישט אַרבעטן, ווען דער נאַצי

זעט נישט. גלייכצייטיק דאַרף מען תמיד פּאַרזיכטיק זיין, טאָמער וועט דער נאַצי מיט אַ מאָל זיך כאַפּן, אַז דו ביסט זיך מתבטל... מען דאַרף אויסנוצן יעדע געלעגנהייט צו באַקומען נאָך אַ שטיקל ברויט, נאָך אַ פּאַרציע זופּ; אָבער מען דאַרף אויף דעם מוותר זיין אויב ס'איז קלאָר, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט קריגן קלעפּ, דאַן איז שוין בעסער צו הונגערן, ווייל אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ קען דיר אָפּט ברענגען דעם טויט. אויב דו האָסט היץ — מייד אויס צו גיין אין רעוויר, ווייל ס'איז אַן אָרט פון סכנות. אויב אָבער אַ שווערע קראַנקייט האָט דיך פאַרט דערפירט צום רעוויר, זע וואָס גיכער אים צו פאַרלאָזן; יעדן טאָג קען דאָרט פּאַרקומען אַ סעלעקציע, און גרויס איז די סכנה, אַז פון דאָרט וועט מען דיך פירן צום טויט! דאַרפסט וויסן, אַז מען קען זיך בדרך־כלל אויף קיינעם נישט פאַרלאָזן דאָ אין לאַגער. דעריבער דאַרפסטו נישט דערציילן דיינע סודות! דערצייל נישט ווי דו האָסט באַהאַלטן דיינס אַ שטיקל ברויט, אָדער ווו דו האָסט פאַרשטעקט דיינס אַ מטבע! דאַקעגן זע צו קריגן אַ זיכערן חבר, בכדי צוזאַמען צו אַרבעטן, צוזאַמען צו „אָרגאַניזירן"; אַז דו וועסט פאַלן וועט ער דיך אויפהייבן; און אַזוי וועסטו אויך טאָן מיט אים. איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַ חלק פון לאַגער זאָל איבערגעשיקט ווערן אין אַן אַנדער לאַגער, בדרך־כלל — זיי נישט צווישן די פרייוויליקע! אַן אַנדער לאַגער קען זיין ערגער ווי דיינער; אָבער טו עס, ווען דו ביסט איבערצייגט, אַז קיין ערגערער פון דיין לאַגער קען שוין נישט זיין! איז אַריינגעפאַלן אין דיין האַנט אַ צוגאָביק שטיקל ברויט, לאָז דאָס נישט אויף מאָרגן! עמעצער וועט נישט ביישטיין דעם יצר־הרע, און קען עס נאָך פון דיר צונעמען; זאָלסט האָבן אַ כלל: וואָס ווייניקער זיין אויף די אויגן פון די דייטשן, יעדער נאַצי איז אַ חיה טורפת!

אויסצומיידן טאָג־איין טאָג־אויס, שעה איין שעה־אויס מעגלעכע סכנות, אויסצופירן מחמת חוסר־ברירה יעדן באַפעל, אָדער „זיך מאַכן" ווי אַן אויספירער פון באַפעלן, און גלייכצייטיק האָפן אויף די צייטן ווען ס'וועט פאַרשווינדן די מאַכט פון די רשעים" — דאָס זענען געווען די הויפּט־שטריכן פון דער לעבנס־פילאָזאָפיע ביי דער מערהייט לאַגערניקעס.

דער וועג פון די וואָס גיבן זיך נישט אונטער: צווישן די קאַצעטלער איז געווען אַ טייל, וואָס האָט אויסגעקליבן דעם וועג פון נישט צופּאַסן זיך צו די באַדינגונגען וואָס הערשן אין די לאַגערן; זיי האָבן באַשלאָסן אַזוי זיך אויפצופירן, אַז עס זאָל זיין קלאָר פאַר זיך אַליין און פאַר חברים, אַז זיי גיבן זיך לגמרי נישט אונטער דעם לאַגער־רעזשים און זענען ממשיך צו זיין דאָס וואָס זיי זענען געווען פריער, ערב די לאַגערן („צופּאַסן זיך דורך נישט־צופּאַסן זיך"). אָט די יעניקע זענען מאָראַליש געשטיגן דווקא אין זייערע לאַגער־טעג. זיי האָבן אויסגעקליבן צו שטעלן זיך אַליין אין סכנה בכדי צו העלפן זייערע חברים. זיי זענען עס געווען די,

וואָס האָבן אויפגעשטעלט די אונטערערדישע באַוועגונג אין די לאַגערן און געלאָפן אין די וועלדער. צווישן זיי זענען געווען די, וועלכע האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר חברים; צווישן זיי זענען אויך געווען די, וואָס האָבן מיט סכנת־נפשות געבלאָזן שופר ראש־השנה, געפּראַוועט אַ סדר אינעם לאַגער, געפאַסט יום־כיפּור, געזאָגט קדיש און אאַז״וו. די וואָס האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן זענען געווען מענטשן פון פאַרשידענע שיכטן, יעדער איינער לויט זיינע אָנשויונגען.

ס׳האָבן זיך געפונען צווישן די לאַגערניקעס איינצלנע, וואָס האָבן אויסגעקליבן גאָר אַן אַנדער וועג, וואָס לויט זייער מיינונג, איז אין אים געווען אַ שאַנס איבער־צולעבן — דעם וועג פון „פאַר יעדן פּרייז״. אָט יענע, די יוצאים מן הכלל, האָבן אויסגעפירט אַלע אונטערדריקונגס־פּאַראָרדענונגען כלפּי זייערע חברים, און האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט אינעם תהום פון זייערע מעשים. אויף וויפל ס׳איז מיר באַקאַנט איז קיינער פון זיי — פון די עסטאַנישע לאַגערן — נישט לעבנגעבליבן.

דער צופּאַסונגס־כוח פון די פּרויען: פּונקט ווי אין די געטאָס, אַזוי אויך אין די לאַגערן, איז דער צופּאַסונגס־כוח פון די פרויען געווען שטאַרקער ווי ביי די מע־נער. די פרויען האָבן וויניקער געליטן פון פלעקטיפוס, און זייער שטערבלעכ־קייט פון דער דאָזיקער מחלה איז געווען באַדייטנדיק קלענער. זיי האָבן זיך לייכ־טער ווי די מענער אַן עצה געגעבן ווי אַזוי אָפּצוהיטן די ריינקייט פון קערפּער; זיי פלעגן לייכטער און שנעלער געפינען וואַסער צום וואַשן זיך און צו וואַשן זייערע העמדער און בגדים, און שנעל אויפצוקאָכן אויף די פעלדער אַ קאַרטאָפל־זופּ, בכדי צו שטילן דעם הונגער אאַז״וו.

דער מוזולמאַן: אַ כאַראַקטעריסטישע געשטאַלט פון די לאַגערן איז געווען דער „מוזולמאַן״, דער מענטש, וואָס האָט שוין לגמרי פאַרלוירן יעדע מעגלעכ־קייט פון צופּאַסן זיך, און וואָס האָט שוין פאַרלוירן יעדע האָפענונג אויף אויסגע־לייזט צו ווערן. ער האָט פאַרגעסן זיין עבר און זיין הויזגעזינט. זיין גאַנץ וועזן האָט זיך איינגעשרומפּט אינעם אויטאָמאַטישן אויספירן באַפעלן און אינעם לאַנגזאַמען קייען זיין הונגער־פּאַרציע. קיין שום עתיד האָט זיך אים נישט געמאָלט אין זיינע געדאַנקען. פון דער דאָזיקער גלייכגילטיקייט האָבן אים נישט געקענט אַרויסנעמען נישט הונגער, נישט קלעפּ און נישט קיין ווייטיק. דער מוזולמאַן איז געווען אַ מענטש אויף דער גרענעץ פון טויט און לעבן, אַ מענטש וואָס עס האָט אים געפעלט דער לעבנס־באַוווסטזיין. ער פלעגט קוים־קוים שלעפּן זיינע פיס. ער האָט נישט געהאַט קיין כוח צו באַוועגן זיין קערפּער. זיין שטים האָט זיך כמעט נישט געהערט. זיין קאָפּ איז געווען אַראָפּגעהאַנגען. דעם לעפל פלעגט ער לאַנג־לאַנג הייבן ביזן דערטראָגן אים צום מויל. אויף כלערליי פראַגן פלעגט ער ענטפערן נאָר נאָך

גרויסער פּאַרשפּעקטיקונג. ס'האָט זיך געדוכט, אַז די ווערטער דערגייען נישט צו זיין געדאַנק. ער פלעגט גיין און זיך פון צייט צו צייט אָפּשטעלן, אָן קיין שום סיבה. ס'איז געווען דער מענטש פון אַבסאָלוטער אַפּאַטיע. צוליב די אויגן אָן באַוועגונג און אָן אויסדרוק, פלעגט מען דעם „מוזלמאַן" אויך אָנרופן: „דער מענטש מיט די גלעזערנע אויגן".[18]

פון דעם אויבנגעזאָגטן איז צו זען, אַז דאָס צופּאַסן זיך צום לאַגער־לעבן איז געווען פאַרבונדן מיט אַ שטענדיקן, אומאויפהערלעכן זוכן פון מיטלען, בכדי „אַרומ־צוגיין" און אויסצומיידן די גרויזאַמע באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט אין די לאַגערן.

די אַלע, וואָס האָבן זיך גייסטיק אונטערגעגעבן און גאָרנישט געטאָן בכדי אויפצוהאַלטן זייער עקזיסטענץ — זענען געווען צווישן די ערשטע קרבנות; די גאָר־גאָר וויניקע, וואָס האָבן געוואָלט צופּאַסן זיך דורכן ווערן אַ „געווערק" אין די הענט פון די נאַציס — האָבן דערמיט נישט אויסגעקויפט זייער לעבן; נאָר די שטענדיקע עקשנות פון גייסטיקן נישט־מסכים־זיין, נאָר דאָס נישט פאַרלירן די האָפענונג, און נישט פאַרלירן די מענטשלעכע ווערטן, האָבן געגעבן די לאַגערניקעס מוט צו קענען ביישטיין זייער גרויען און פאַריאושטן טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר זייער קיום.

באַמערקונגען

1) זע קאַפּיטל „ערשטער טאָג אין לאַגער".
2) אַראָנסאָן; דוואָרזשעצקי; סעגאַל; פּעטראַסקאָוואַ; ראַטנער.
3) דוואָרזשעצקי, מ.
4) דאַנציגער, מ., 5.
5) דוואָרזשעצקי, ליליענהיים.
6) עדות־זאָגונגען פון מערערע קאַצעטלער פון פאַרשידענע לאַגערן.
7) פּעטראַסקאָוואַ, 27, 30—34, 40—44.
8) וועגן שנאָריטע זע אין די קאַפּיטלען „באַשפּייזונג", „באַציונגען מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג".
9) זע אין באַלבערישסקיס בוך ווי אַזוי ער האָט פאַבריצירט די איריסן אין קלאָגע.
10) קאַגאַן־גראָדזענסקי, 6.

11) זע גבית־עדות וועגן אַאוואַראַ: אַנאַליק נ., געשפּרעך 3, רעדע, 3; אילינורמע (סעגאַל, 12); ווייוואַראַ (דוואָרזשעצקי); יעוויע (גאָלדשטיין, 12); סאַנדאַ (גאָרדאָנאָ־וויטש, 6; ראָזענבערג, 6; רודניצקאַ, מ., 44); ערעדאַ (פּעטראַסקאָוואַ, 30); קורעמע (דוואָרזשעצקי, קאַגאַן־מישעלסקי, 8); קיוויאָלי (זע סאַנדאַ); קלאָגע (סעגאַל, 12, קלאַטש־קאָ, 3, באַלבערישסקי, 456, אַראָנסאָן, 5).

12) אַראָנסאָן, 6.

13) אַן ענלעכער ענין איז אויך געווען אין געטאָ־ווילנע, ווו די דייטשע מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג וועגן פירן די געטאָ־קינדער אויף אַ שפּאַציר צום זאַק־רעטער וואַלד, אויסערן געטאָ (זע: „ירושלים דליטא״, יידיש, 211).

14) רשימות: 14 און 18 יולי 1944.

15) זע: מ. דבורז׳צקי, „הסתגלות העצירים לחיי הגיטאות והמחנות והסתגלותם החדשה לחיי החופש״. אַלמאַנאַך „יד ושם״, ירושלים, 1963, 159—164.

16) מערערע לאַגערניקעס פלעגן גלייבן אין בלינדן גורל, אין „מזל״: „וואָס באַשערט איז באַשערט!״ אין די עסטאָנישע לאַגערן איז געווען זייער פּאָפּולער דאָס ליד פון קאָוונער געטאָ: „ס׳איז ניט דיין מזל!״

17) זע אויך: קאַפּיטלען „סאָציאָלאָגישע פאַרענדערונגען״, „זעלבסטהילף״, „געזעל־שאַפטלעך לעבן״.

18) בֿ. מעריז, 134: „דער פאַרמשפּטער אויף אַ הונגער־טויט... זיינע אויגן ווערן אויס־געלאָשן, באַוועגן זיך נישט און קוקן אַרויס ווי צוויי שטיקער גלאָז״.

באַשפּייזונג

אין ענין באַשפּייזונג פֿון די לאַגערניקעס זענען פֿאָרגעקומען קאָנטיקע ענדערונגען במשך פֿון דער עקזיסטענץ פֿון די לאַגערן. בעת קריגס־אַקציעס אויף די נאָענט ליגנדיקע פֿראָנטן, פֿלעגט די באַשפּייזונג זיין ווייט נישט קיין גענוגנדיקע, און ס׳פֿלעגן זיין טעג ווען זי פֿלעגט לגמרי נישט אָנקומען. אָבער אויך דאַן, ווען די שפּייז־פּראָדוקטן פֿלעגן יאָ אָנקומען אין לאַגער, זענען זיי געווען ווייט צו ווייניק, בכדי צו באַפֿרידיקן דעם הונגער־געפֿיל פֿון די לאַגערניקעס, וואָס האָבן אַזוי שווער געאַרבעט. די עיקר־באַשפּייזונג פֿון לאַגערניק איז געווען די פֿאָרציע ברויט („די פּאַרציאָן") און די פֿאָרציע זופּ.

שווער צו וויסן וועלכע שפּייז־אַרטיקלען פֿלעגן די לאַגערן באַקומען און ווו זענען גרויסע חלקים דערפֿון פֿאַרשוווּנדן. מיר ווייסן אָבער פֿון די עדות, ווי אויך פֿון אונדזער פּערזענלעכער דערפֿאַרונג, ווי נישט גענוגנדיק עס איז געווען די באַשפּייזונג. דער סכום עסנוואַרג פֿאַרן לאַגערניק איז געווען אַ סך נידעריקער פֿונעם מינימום וואָס ס׳איז געווען נייטיק צום לעבן [1]. די דערנערונג איז געווען מאָנאָטאָן און איינזייטיק (ברויט און זופּ). דאָס ברויט גופֿא איז געווען ווייניק־ווערטיק, אָפֿט איז עס געווען פֿאַרשימלט און מיט אַ סך „פּאָלאָווינעס". די זופּ איז באַשטאַנען דער עיקר פֿון וואַסער פֿאַרמישט מיט מעל, אין וועלכער ס׳פֿלעגן זעלטן אַרומשווימען שטיקלעך קאַרטאָפֿל, בוריקעס אָדער קרויט. דאָס עסן איז געווען אַבסאָלוט אָן ווייסלען און פֿעטקייטן, און ס׳האָט אין דעם געפֿעלט דער מינימאַלער באַלאַנס, וואָס איז אַזוי נייטיק פֿאַר דער באַשפּייזונג פֿונעם מענטש. די קאַרטאָפֿל, די שטיקלעך בוריקעס און די קרויט־בלעטער זענען אָפֿט געווען פֿאַרפֿוילט און דעריבער אויך אָן וויטאַמינען.

די נישט גענוגנדיקע באַשפּייזונג, סיי אין כמות און סיי אין איכות, האָט געפֿירט דערצו, אַז די עיקר מחשבות פֿון די לאַגערניקעס זענען געווען פֿאַרנומען מיט דער דאגה: ווו און ווי אַזוי צו באַקומען עפּעס אַ צוגאָב־באַשפּייזונג. די געשפּרעכן אין די אָוונט־שעהן זענען שטענדיק געווען געווידמעט דעם עסן: וואָס האָט מען היינט באַקומען? וואָס פֿאַראַ צוגאָב איז געלונגען צו „אָרגאַניזירן". מען פֿלעגט זיך אַריינלאָזן אין זכרונות און אין שילדערונגען, וואָס מען האָט אַמאָל „אין די גוטע

יאָרן״ געגעסן, אַ״ן אין פֿאַנטאַזיעס — וואָס וועט מען עסן, ווען ס׳וועט קומען די פֿרייהייט [2].

בכדי צו קענען קריגן עסנוואַרג מחוץ פֿונעם לאַגער, האָט זיך אַנטוויקלט אַן אויסטויש־מסחר [3].

ס׳זענען אָבער געווען לאַגערניקעס, וואָס האָבן גאָר נישט פֿאַרמאָגט אויף צו קענען אויסבייטן, און ס׳האָט זיי געמאַטערט דאָס שטענדיקע נישט־דערעסן און דער שטענדיקער פּחד פֿאַרוואַנדלט צו ווערן, צוליב דער אונטערדערנערונג — אין אַ מוזולמאַן. זיי פֿלעגן עס ריזיקירן און אַרויסגיין אויף „שנאַריטע״.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך ממש פֿאַרפֿולקאָמט אין דער ריזיקע פֿון „אויסטויש״ און „שנאַריטע״. אין קלאָגע האָט מען זיי גערופֿן „אַראַבער״ [4]; אין אַ סך אַנדערע לאַגערן איז זייער צונאָמען געווען „שיסערס״ [5].

אין אַ ריי לאַגערן פֿלעגט זיך אין געוויסע תּקופֿות אַנטוויקלען אַ מין „מאַרק״ [6]. די פּרייזן פֿון ברויט פֿלעגן שטייגן און פֿאַלן, אָפּהענגיק סיי פֿון דער צאָל ברויט וואָס פֿלעגט אָפֿיציעל געגעבן ווערן אין די לאַגערן, און סיי פֿון דעם כּמות ברויט וואָס מען האָט אַריינגעגנבֿעט אין לאַגער.[7] ספּעציעל פֿלעגן מצליח זיין אין די דאָזיקע עסקים דווקא די מער פּרימיטיווע מענטשן, און בעיקר — די אַמאָליקע טראַנספּאָרט־אַרבעטער; זיי פֿלעגן טאַקע אויך אָפּט העלפֿן זייערע לאַגער־חבֿרים.[8]

דער ענין „שנאַריטע״ איז אָפֿט געווען פֿאַרבונדן מיט טויט־סכּנה. אין אילינורמע זענען 2 לאַגערניקעס אַרויס אויף שנאַריטע און מער זיך נישט צוריקגעקערט. לויט די ווערטער פֿון די עסטאָניער, וואָס וווינען אין דער אומגעגנט, זענען די צוויי פֿאַרהאַלטן געוואָרן דורך געשטאַפּאָ און אַרויסגעפֿירט געוואָרן אַהין, וווּ מען פֿלעגט פֿאַרברענען די הרוגים אין עסטאָניע. ווי באַקאַנט, איז קיינער פֿון יענע מתים־ברענער נישט לעבנגעבליבן.[9]

אין אַלע לאַגערן פֿון עסטאָניע האָט געהערשט אַן אַלגעמיינע כראָנישע אונטערדערנערונג; די אַלטע און שוואַכע אין דער אונטערשטער ערדאַ האָבן געליטן אַבסאָלוטן הונגער. ווען ס׳פֿלעגט נישט אָנקומען די אַפּראָוויזאַציע, פֿלעגט דער הונגער אויסברעכן אויך אין די „בעסטע״ לאַגערן. דאַן איז פֿלייש פֿון די געפּגרטע פֿערד געווען פֿאַר די לאַגערניקעס אויך אַ גוטער מאכל. אילינורמע האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ „בעסערן״ לאַגער; אָבער אין די טעג פֿון לענגערע סאָוויעטישע באָמבאַרדירונגען איז קיין שום באַשפּייזונג נישט אָנגעקומען פֿאַרן לאַגער און ס׳זענען אָנגעקומען טעג פֿון הונגער. „אין יענע טעג איז געפּגרט די אַלטע קליאַטשע, וואָס האָט געפֿירט וואַסער פֿאַרן לאַגער. דער פּאַל איז געוואָרן אַ פֿרייד פֿאַר די לאַגערניקעס. ס׳איז געווען פֿלייש צום עסן במשך פֿון אייניקע טעג...״ [9].

צווישן די לאַגערניקעס האָט קלאָגע געהאַט אַ נאָמען פֿון אַן עינויים־לאַגער,

אָבער נישט פון קיין הונגער־לאַגער. דאָך זענען אויך דאָרט געווען פאַלן פון פאַר־הונגערונג, און אַזוי דערציילט דער עדות: „אויך ביי אונדז זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן נישט געקענט מאַכן דעם מסחר און זייער פּאָרציע איז פאַר זיי נישט געווען גענוגנדיק. זיי פלעגן אַרומגיין און זוכן שאָלעכץ־אָפּפאַל; זיי פלעגן עס קאָכן און עסן" [10].

די פרויען וואָס האָבן אין לאַגער געאַרבעטביים קאַרטאָפל־שיילן פאַר די לאַגער־קיכן, האָבן געהערט צו די „גליקלעכע"; זיי האָבן אָפט געהאַט קאַרטאָפל גענוג; אַנדערע האָבן אַריינגעגנבעט קאַרטאָפל אין לאַגער פאַר זייערע לאַגער־חברים. אַנדערע פלעגן צעמאָלן די קאַרטאָפל אין קיך און צוגרייטן דערפון אַ „טייגעכץ", וואָס פלעגט דינען צו אויסטויש־צוועקן אין לאַגער און אויסערן לאַגער [11]. דער הונגער פלעגט אויסברעכן אין די לאַגערן ווען עס פלעגט דער־קלערט ווערן אַ „קאַראַנטין" צוליב דער עפּידעמיע פון פלעקטיפוס; קיינער האָט דעמאָלט נישט געטאָרט אַרויסגיין און אַריינגיין אין לאַגער. די אָפּגעשוואַכטע טיפוס־קראַנקע זענען געווען פאַרמשפט צו הונגערן.[12]

לאָמיר איצט דערמאָנען אייניקע עדות־זאָגונגען וועגן דער באַשפייזונגס־נאָר־מע אין פאַרשידענע לאַגערן:

אילינורמע: מען פלעגט באַקומען טעגלעך אַ לעבל ברויט פאַר 8 מאַן. די וואָג פונעם לעבל איז געווען פון צוויי ביז דריטהאַלבן קילאָ. דאָס ברויט אין באַשטאַ־נען פון פסולת (פּאָלאָווינעס). די זופּ איז באַשטאַנען פון וואַסער מיט אַ ביסל מעל.[8]

הונגענבורג: טעגלעך פלעגט מען געבן אַ לעבל ברויט פאַר דריי פּערזאָן און אַ ביסל „קאַווע".[9]

וויוויקאָני: די פּאָרציע ברויט האָט געוויגן 300 גראַם. „דאָס איז געווען אַ קליין שטיקל ברויט, וואָס איז געווען שווער ווי בליי; מען פלעגט אויך געבן אַ ביסל „קאַווע" (ד"ה פאַרזיסט וואַסער); אין אָוונט אַ שיטערע זופּ.[13] די זופּ איז געווען אַ קאַשטאַנען־זופּ און אויסגעזען ווי קליי[9].

וויוואַרא: די לאַגערניקעס פלעגן באַקומען 200 גראַם ברויט אַ טאָג און אַ זופּ פון ריבן.[14] לויט אַנדערע עדות: 125 גר. ברויט, אַ שיסל זופּ, טיי אָן צוקער, 20 גר. מאַרגאַרין, 20 גר. מאַרמעלאַדע.

לאַגעדי: אַן עדות פון „ערשטן טורניר" דערציילט: „היות דאָס ברענגען די לאַגערניקעס קיין לאַגעדי איז פאַרגעקומען אומגעריכט, האָט אויסגעפעלט באַ־שפייזונג פאַרן לאַגער און מען פלעגט באַקומען נאָר איין מאָל אין טאָג אַ פּאָרציע מעל־זופּ".[15] ה. קרוק, וואָס איז געווען אין „צווייטן טורניר" האָט פאַרנאָטירט: „דאָ עסט מען שלעכט..." [16]

ערעדאַ: פּערלעגער, וואָס איז אָנגעקומען קיין ערעדאַ פון דער טאַלינער

תפיסה, דערציילט, אַז זי פלעגט באַקומען טעגלעך אַ ליטער זופּ, אַ פּאָרציע ברויט, 20 גראַם פעטס.[20] משה ווייַן דערציילט, אַז ער פלעגט באַקומען טעגלעך 200 גראַם ברויט און אַ שיטערע זופּ אָן זאַלץ[17]. מאַשע רודניצקאַ דערציילט, אַז זי פלעגט באַקומען 150 גראַם ברויט אַ טאָג; אַ האַלבן ליטער זופּ, וואָס איז באַשטאַנען פון מייערן און פון ווייסע צעפּוילטע ריבן[18]. אויך פלעגט מען באַקומען אין דער פרי אַ האַלבן ליטער „פאַרשטינקן וואַסער" — פאַר יעדע דריי לאַגערניקעס. ס'וואַסער איז געבראַכט געוואָרן פון די בלאָטעס נעבן לאַגער.[18]

ווי מיר האָבן געזען פון די באַשרייבונגען, האָט מען נישט אין אַלע תקופות באַקומען די זעלבע באַשפּייזונג. דער מצב איז געוואָרן באַדייטנדיק בולטער, ווען ערעדאַ איז געוואָרן צעטיילט אויף צוויי לאַגערן; אין דער אויבערשטער ערעדאַ זענען די לעבנס־באַדינגונגען, ווי שוין דערמאָנט, געווען בעסערע; 5 אין אָוונט, ווען מען פלעגט זיך צוריקקערן פון דער אַרבעט, פלעגט מען באַקומען 300 גראַם ברויט, אַרום 30 גראַם מאַרגאַרין, פון צייט צו צייט אַ ביסל מאַרמעלאַדע. יעדן טאָג פלעגט מען באַקומען אַ פּאָרציע וואַרעם וואַסער; צוויי מאָל אין וואָך איז דאָס וואַסער געווען אויך פאַרזיסט[19].

דאַקעגן אין דער אונטערשטער ערעדאַ פלעגן די זקנים בכלל נישט באַקומען קיין פּאָרציע ברויט, נאָר אויסשליסלעך אַ פּאָרציע זופּ[20]. אויך אַלע אַנדערע לאַגערניקעס פון דער אונטערשטער ערעדאַ פלעגן פון צייט צו צייט נישט באַקומען די ברויט־פּאָרציע.[21] דאָס פלעגט דער עיקר געשען דאַן ווען דער שפּייז־פּראָוויאַנט פלעגט אָנקומען מיט פאַרשפּעטיקונג[18].

קונדע (פּאַרט קונדע): דאָס עסן איז ניט געווען גענוג און די מענטשן האָבן פון זיך אַראָפּפאַרקויפט וואָס נאָר זיי האָבן געהאַט; אָבער די מענער האָבן בדרך־כלל ניט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן. אַ פאַרלייכטערונג איז געווען פאַר די אַרבעטער פון דער פאַבריק, ווייל אַ געוויסע צייט פלעגט זי, צוויי מאָל אַ וואָך, געבן פאַר אירע אַרבעטער אַ „מילך־זופּע" (שוועסטערס כץ).

קלאָגע: אויך די עדות־זאָגונגען פון קלאָגע באַווייזן, אַז נישט תמיד איז די באַשפּייזונג דאָרט געווען די זעלביקע. אָט דערציילן צוויי עדות וועגן גרעסערע פּאָרציעס ברויט: „250 גראַם ברויט, קאַווע, אַ האַלבן ליטער זופּ, אַ ביסל מאַרמעלאַדע, אָדער אַ קליין שטיקל מאַרגאַרין"[22]. אַן אַנדערער דערציילט וועגן אַ לעבל ברויט אויף 5 פּערזאָן; אַ טעלער זופּ פון צעפּוילט קרויט, אַ ביסל מאַרגאַרין אָדער מאַרמעלאַדע.[23] פאַראַן אָבער עדות וואָס דערציילן וועגן נאָך קלענערע פּאָרציעס ברויט: „150 גראַם ברויט, אין דער פרי און אין אָוונט טיי אָדער קאַווע אָן צוקער, אַ וואַסערדיקע זופּ צום מיטאָג"[24] „125 גראַם ברויט אַ טאָג, אַ זופּ, טיי אָן צוקער, און זייער זעלטן קאַווע אָן צוקער"[25].

בדרך־כלל פלעגן די פּאָרציעס געטיילט ווערן דורך די בלאָק־עלטעסטע אָדער

שטובן־עלטעסטע (יעדער בלאָק פלעגט געוויינלעך זיין צעטיילט אויף עטלעכע „שטובן״ ; יעדע שטובע איז באַשטאַנען פון צוויי אָדער פיר דריי־עטאַזשיקע פּריטשעס). אין די טעג ווען ס׳איז געווען ווייניק ברויט אין לאַגער, און אַ לעבל ברויט וואָס מען פלעגט עס ווי געוויינלעך צעשניידן אויף פיר חלקים, פלעגט מען גאָר דאַרפן צעטיילן אויף פינף, זעקס, און אַפילו אַכט פּאַרציעס, איז יעדעס ברעקל ברויט געווען זייער וויכטיק. דאַן פלעגט יעדע שטובע איבערגעבן דאָס צעטיילן דאָס ברויט אַ לאַגערניק, וואָס איז געווען זייער באַגלויבט מיט זיין אָרנטלעכקייט, און מען איז געווען איבערצייגט, אַז ער וועט אָרנטלעך צעשניידן דאָס ברויט אויף ווי ווייט מעגלעך גלייכע פּאַרציעס. די לאַגערניקעס פלעגן דאַן אויפשטעלן אַן אַ״ג לאַגער־וואָג, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ שטעקעלע וואָס איז געהאָנגען אויף אַ טשוואָק, און צוויי בלעכענע רעדלעך (אָדער פּושקעס) זענען געווען אָנגעהאָנגען אָן דעם שטעקל. אויף דער דאָזיקער פּרימיטיווער וואָג פלעגט מען וועגן און פּאַרגלייכן די פּאַרציעס ברויט [26].

אין די הונגער־טעג פלעגן די לאַגערניקעס זיין שטאַרק פּאַראינטערעסירט אין אַ „רעפּעטע״ („דאָלעווקע״) פון נאָך אַ ביסעלע זופּ. די סאַדיסטישע ס.ס.־לייט פלעגן אָפט שלאָגן מיט די קאָכלעפלען איבער די קעפּ פון די לאַגערניקעס וואָס דער הונגער האָט זיי געצווונגען צו בעטן אַ לעפל זופּ.[27]

פרויען באַשעפטיקטע אין די לאַגער־קיכן פלעגן פון צייט צו צייט אַרויסגנבענען קאַרטאָפל און איבערגעבן זיי פאַר קאַצעטלער, באַקאַנטע אָדער משפחה־מענטשן.[27] געווען אויך פאַלן, אַז זיי פלעגן זיך איינשטעלן און צוואַרפן קאַרטאָפל פאַר אַ סאָוויעטישן קריגס־געפאַנגענעם, וואָס האָט געאַרבעט אין דער נאָענט.[28]

באַמערקונגען

1) מערערע פאָרשונגען פון פּראָפ. שאַרל רישע זענען געווידמעט דער נישט־גענוגנדיקער באַשפּייזונג אין די נאַצי־לאַגערן ; באַזונדערס זע דאָס קאַפּיטל „די פּאַטאָלאָגיע פון דער נישט־גענוגנדיקער באַשפּייזונג״ אין דעם פראַנצויזישן בוך „די פּאַטאָלאָגיע פון דער דעפּאָרטאַציע״ (פּראָפ. ש. רישע און ד״ר א. מאַנס), דריטע אויסגאַבע, פּאַריז 1962. זע אויך די אָפּהאַנדלונג געווידמעט די באַשפּייזונגס־פּראָבלעמען און דעם קאַלאָרישן ווערט פון דער באַשפּייזונג אין די געטאָס און קאַצעטן : ד״ר דבורזשעצקי, „הרעב המאורגן״, „ניב הרופא״, נר. 7—8, 1958 (דערשינען אויך אַלס באַזונדערע אויסגאַבע).

2) פּערזענלעכע זכרונות פונעם מחבר.

5) סקורקאָוויטש.

6) מיר וועלן דאָ ברענגען אַ באַשרייבונג פון „מאַרק״ אין קלאָגע גענומען פון ה. קרוקס טאָגבוך.

1944.7.19: „טאָג־טעגלעך קומען די „אַראַבער״ פון דער שטרעקע און ברענגען מיט זיך מכל טוב. אינעם לאַגער ...ס'אַנטוויקלט זיך אַ מאַרק, וואָס דערמאָנט אַ יריד אין אַ קליין שטעטעלע, מען פאַרקויפט פוטער, ברויט, וורשט, האָניג, חלה, פאַזשעמקעס, יאַג־דעס, מילך, קאָנסערוון, ציגאַרעטן, טאַבאַק אאַז״וו. יידן קומען קויפן און פאַרקויפן עס ווייטער. און ...דער מסחר בליט״.

באַלבערישסקי, 586, באַשרייבט, וואָס מען האָט געקענט קריגן אויפן „מאַרק״ פון קלאָגע: „ברויט, פוטער, אייער, קעז, עפל, מילך, צוקער, סאַכאַרין, יי״ש, מעל, אַפילו הינער און שאָקאָלאַד״. אַ דאַנק דעם צוקער, וואָס מען האָט געקענט קריגן אויפן „מאַרק״, האָט מען אין לאַגער אָנגעהויבן פראָדוצירן „איריסן״ און זיי צו פאַרקויפן. איינס פון די הויפט־פאַרקויף־ערטער איז געווען דער גרויסער אָפטריט פון לאַגער, וואָס איז במשך פון דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם „פּאָליטישן און עקאָנאָמישן צענטער פון לאַגער״.

קרעמער, 20, דערציילט, אַז עס זענען געווען לאַגערניקעס, וועלכע האָבן איינגע־אָרדנט באַהעלטענישן („מאַלינעס״) נעבן זייערע בעטן, בכדי אויסצובאַהאַלטן דאָרט די שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן „אָרגאַניזירט״.

נישט אין אַלע לאַגערן זענען געווען אַזעלכע „מערק״ ווי אין קלאָגע. אָבער דער מחבר דערמאָנט זיך וועגן דעם אויסטויש־האַנדל, וואָס האָט עקזיסטירט אין אַלע לאַגערן, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט. אַ סך געראַטעוועטע פון עסטאָניע דערציילן וועגן דעם אויסטויש־האַנדל וואָס פלעגט פאַרקומען ביי זיי אין די לאַגערן אין אַ דיסקרעטער פאָרם, ביים טיש פון בלאָק, נעבן לאַגער־אייוועלע, אָדער איבער די פּריטשעס.

7) וועגן די עליות און ירידות אינעם פּרייז פון ברויט אין קלאָגע דערציילט ה: קרוק: 1944.7.14: ״...דער פּרייז פון ברויט איז געפאַלן פון 64 מאַרק אַ קילאָ אויף 22 ...שוין צוויי וואָכן ווי דאָס ברויט איז ווידער 44 מאַרק״. 1944.7.15: „...זיך פאַרענדיקט די צוויי זאַטע וואָכן... דער פּרייז איז געפאַלן פון 64 אויף 22 מאַרק. דערווייל זענען אָנגע־קומען אין לאַגער 16 וועגענער קאַרטאָפל. 80 פּראָצענט פאַרפוילטע. דער לאַגער איז פאַר־פלייצט געוואָרן מיט קאַרטאָפל. ווער עס האָט געוואָלט האָט געקענט אויסקלויבן זיך און נעמען. און ווידער איז געפאַלן דער פּרייז פון ברויט. נאָך צוויי וואָכן פון זאַטקייט איז ווידער געקומען דער הונגער. דער פּרייז פון ברויט איז ווידער 60 מאַרק״.

8) סעגאַל, עדות וועגן אילינורמע.

9) האַלפּערן, י., 9.

10) באַלבערישסקי, 586.

11) גאָרדאָנאָוויטש, 7 (וועגן קיוויאָלי).
12) אַנאָליק ב., 2 (וועגן אַאָוואַראַ).
13) קרעמער, 3.
14) באַראַס, 2.
15) פערלעגער, 6.
16)טאָגבוך פון ה. קרוק, 1944.8.29.
17) מורשת, ב"ב, 15.
18) רודניצקאַ, מ., 2—3.
19) קרייצער, 2.
20) האַרטען, 5.
21) רודניצקאַ, מ., 41.
22) דושאַנסקי, 4—5.
23) וואפניק, 2.
24) אַראָנאָוויטש, 1.
25) ראַבינאָוויטש, 4.
26) זכרונות פון מחבר.
27) זכרונות פון מערערע לאַגערניקעס.
28)גאָרדאָנאָוויטש, 7.

קראַנקייטן, שטערבלעכקייט און קאַמף פאַרן געזונט

די לעבנס־באַדינגונגען אין די לאַגערן, די אונטערדערנערונג, די שווערע פּראַצע, דער מאַנגל פון מינימאַלסטע היגיענישע באַדינגונגען, די לאַנגדויערנדיקע אַפּעלן און די אויסמאַטערנדיקע „איבונגען" — דאָס אַלץ האָט גורם געווען קראַנקייטן צווישן די קאַצעטלער.

לאָמיר דאָ אויסרעכענען די קראַנקייטן וועגן וועלכע ס'דערציילן די עדות. די מערה'יט קראַנקייטן האָב איך אַליין אָבסערווירט:[1]

פלעקטיפוס: שילשול (דיזענטעריע), די פּאַראַטיפוס־קרענק (אין די לאַגערן האָט מען זי גערופן „טיפוס־פּאַרגיפטונג"). רעוואַמטיזם; פאַרלייזיקונג "פּעדיקולאַזיס" (אין די לאַגערן האָט מען דאָס געהאַלטן פאַר אַ קראַנקייט, לויט דער אינטענסיווקייט אירער האָט מען פאָרויסגעזאָגט דעם גורל פון קראַנקן); אַלגעמיינע אָפּשוואַכונג, וואָס מען האָט אין די לאַגערן גערופן מיטן דייטשן נאָמען „אַלגעמיינע קערפּער־שוועכע", און וועלכע פלעגט זיך אָפט ענדיקן מיטן פאַרוואַנדלען דעם קראַנקן אין אַ „מוזולמאַן"; געשווילעכצן, בעיקר געשווילעכצן פון די פיס; נאַכט־בלינדקייט (צוליבן מאַנגל פון וויטאַמינען); לונגען־אָנצינדונגען; פאַרשידענע הויט־קראַנקייטן, בעיקר — פאָרונקלען, עקזעמעס, פלעגמאָנעס, קאַרבונקלען, רויזן און אַנדערע הויט־אויסשיטונגען; שטערונגען ביים אָפּגעבן אורין; גאַנגרענעס נאָכן פלעקטיפוס; פּסיכאָטישע צושטאַנדן, און „ריידן נישט צו דער זאַך" בשעתן טיפוס און נאָך אים; מערערע פאַלן פון פלוצעמדיקן טויט; מוח־אויפטרייסלונגען בשעת פאָרפאַלן ביי דער אַרבעט; צעבראָכענע ציין (צוליבן „מנהג" פון די ס.ס.־לייט און „אָטע"־אויפזעער צו „געבן אין די ציין"); גוף־פאַרלעצונגען, ווי, למשל, צעבראָכענע הענט אָדער פיס, אַלס רעזולטאַט פון שטיוול־בריקעניש אָדער קלעפּ מיט קירקעס און אַנדערע מכשירים; אָנצינדונגען פון ביינער־מאַרך, אַרויסגערופן דורך קלעפּ געצילטע אין די ביינער; אונטערהויטיקע אָפט אינפעקטירטע בלוט־אויסגוסן, אַרויסגערופענע בעיקר פון שמיץ פון די נאַגייקעס איבערן נאַקעטן לייב; געווײנלעכע פאַרקילונגען; אַנגינעס; בייסעניש. מען דאַרף אויך דערמאָנען די אָפּגעפרוירענע פינגער פון די הענט און פיס, באַזונדערס נאָכן פלעקטיפוס; פאַרשידענע הויט־פּיגמענטאַציעס אַלס רעאַקציע אויפן לאַנגדויערנדיקן זיין אויסגע־

שטעלט אויף זון־באַשטראַלונגען בעת דער אַרבעט אויף די שאָסייען, ווי אויך פאַלן פון קינסטלעכע אַבאָרטן, אויפגעצווונגענע דורך די ס.ס.־דאָקטוירים.

די פאַרשפרייטסטע לאַגער־קראַנקייטן: אין פאַרשידענע צייט־אָפשניטן איז דער פלעקטיפוס געווען די פאַרשפרייטסטע קראַנקייט אין די עסטאָנישע לאַגערן, בעיקר — אין די ווינטער־חדשים, בעת דער שווערער אונטערדערנערונג. די פאַר־לייזיקונג איז געווען תמיד די אָנזאָגערין פון דער אָנקומענדיקער פלעקטיפוס־מגיפה.

אַ זייער כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג פון „עסטאָנישן פלעקטיפוס" איז געווען דאָס פאַרטונקלען פון באַוווסטזיין. מערערע עדות דערציילן, אַז די קראַנקע פלעגן בעתן הויכן פיבער שפּרינגען פון די פּריטשעס, זינגען לידער אויפן קול, דערציילן נישט־געשטויגענע מעשיות, ווי, למשל, וועגן אויסגעטראַכטע באַגעגע־נישן מיט פּאַרטיזאַנער.[2]

די עדות דערמאָנען די גאַנגרענעס פון די פינגער ביי טיפוס־קראַנקע, זיי האָבן געהאַט דאָס געפיל ווי די פיס וואָלטן ביי זיי אָנגעפרוירן געוואָרן און זיי קענען מער נישט באַוועגן זיי. דער קראַנקער האָט דערשפּירט אַ גרענעצלאָזע אָפּגעשוואַכטקייט ביזן פאַרלירן דעם זכרון און זיך געפינען אין אַ צושטאַנד פון וואַרטן אויפן טויט.[3]

אַ סך קראַנקע פלעגן זיך באַמיען מיט אַלע כוחות צו גיין צו דער אַרבעט אַפילו מיט 40 גראַד היץ.[3] פאַר זיי איז געווען קלאָר, אַז די שווערע פּראַצע בעת דער טיפוס־קראַנקייט איז ווייניקער געפערלעך ווי דאָס געפינען זיך אין לאַגער־רעוויר. מ'האָט מורא געהאַט, אַז ד"ר באָטמאַן וועט אַרויסטראָגן אַ טויט־אורטייל אויף אַלע טיפוס־קראַנקע, כדי צו „פאַרמיידן" די פאַרשפּרייטונג פון דער קראַנקייט.

אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן אַ געוויסע צייט צו זיין דער יידישער קאַצעטלער־דאָקטאָר פון קורעמע; ווען ס'איז אויסגעבראָכן די פלעקטיפוס־עפּידע־מיע, האָב איך, פאָרויסזעענדיק װעלכער גורל ס'דערוואַרט די קראַנקע ווען די דייטשע מאַכט וועט זיך דערוויסן דעם אמת וועגן זייער קראַנקייט, באַשלאָסן אויסצובאַהאַלטן די עקזיסטענץ פון פלעקטיפוס אין לאַגער. אין מיינע באַריכטן צום שעף־אַרצט פלעג איך איבערגעבן נאָר וועגן אַ „גריפּע־קראַנקייט" צווישן די קאַצעטלער; כ'פלעג דערביי פעלשן די טעמפּעראַטור־רשימות, בכדי מען זאָל ניט דערקענען דעם אמתן דיאַגנאָז.

איין מאָל איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע היץ־קראַנקע דאַרפן דורכמאַכן אַ בלוט־אַנאַליז וועגן פלעקטיפוס. דער „סאַניטעטער" (סאַניטאַר) שאַרפּעטער האָט ביי זיי גענומען בלוט פונעם אָדער. דער לאַגער איז באַהערשט געוואָרן פונעם פחד, טאָמער וועט איצט אַנטדעקט ווערן דער אויסבאַהאַלטענער פלעקטיפוס? מען האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם גורל, וואָס דערוואַרט די קראַנקע.

די בלוט־רורקעס זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן, ווי מען האָט זיך משער געווען, קיין טאַלין, אָדער קיין אוישוויץ. ווי גרויס איז געווען די פאַרווונדערונג ווען עס איז אָנגעקומען די תשובה כמעט ביי אַלעמען: „פלעקטיפוס נעגאַטיוו", און ביי אייניקע: „פּאַראַטיפוס פּאָזיטיוו". די קאַצעטלער האָבן צווישן זיך געשמועסט, אַז מן הסתם אַרבעטן אין דער לאַבאָראַטאָריע אַנטי־נאַצישע עלעמענטן, ווייל זיי האָבן אין זייער תשובה פאַרלייקנט דעם פלעקטיפוס, בכדי צו ראַטעווען די קאַצעטלער.[4]

זייער פאַרשפּרייט איז אויך געווען די שילשול־קראַנקייט, וואָס מ'האָט אין לאַגער גערופן „דיזענטעריע". די קראַנקע פלעגן אָפּגעבן 30—40 מאָל אַ טאָג אַ וואַסערדיקן און לסוף אַ בלוטיקן שטולגאַנג.[5]

ס'איז מיר באַקאַנט, אַז די דאָזיקע קראַנקייט האָט גורם געווען אין קורעמע אַ גרויסע שטערבלעכקייט צווישן די זקנים.[5] אַ שטאַרקע דיזענטעריע־מגיפה איז אויסגעבראָכן אין קלאָגע, אויגוסט 1944, אַ חודש פאַר דער ליקווידאַציע. געווען דאָרט אַ גרויסע צאָל קראַנקע.[6]

רעוויר, דאָקטוירים אין לאַגער און „שטרעקע־דאָקטוירים"

דער ס.ס.־מאַן ד"ר פאָן באָטמאַן איז געווען, ווי געזאָגט, דער הויפּט־דאָקטאָר פון אַלע קאַצעטן אין עסטאָניע. צו זיין דינסט זענען געשטאַנען אייניקע ס.ס.־לייט און סאַניטאַרן. אין יעדן לאַגער האָט זיך אָבער פאַרנומען מיטן באַהאַנדלען די קראַנקע אויך איינער אָדער עטלעכע דאָקטוירים־קאַצעטלער. די דייטשן פלעגן זיי נישט אָנרופן „אַרצט", נאָר „פלעגער"" (1), ד"ה „באַהאַנדלער", ווייל ס'איז פאַרווערט געווען צו טיטולירן אַ יידן מיטן נאָמען דאָקטאָר.

אין יעדן לאַגער איז געווען אַ ספּעציעלער קראַנקן־באַראַק וועלכן מ'האָט גערופן „רעוויר" (2), אָדער „קראַנקענבאַו" (3), אָדער בקיצור „ק.ב." (4), אָדער גאָר „העפטלינגסקראַנקענבאַו" (5), געקירצט „ה.ק.ב." (6), אין קלאָגע האָט מען עס גערופן „קראַנקענשטובע" (7); מען פלעגט עס אויך רופן „אַמבולאַטאָריום". דעם צענטראַלן שפּיטאָל אין וויוואַראַ (און שפּעטער אין קיוויאָלי) פלעגט מען אויך רופן „לאַזאַרעט", אָבער דער אָנגענומענער נאָמען איז געווען „רעוויר". נעבן צענטראַלן שפּיטאָל פאַר די קאַצעטלער איז אויך געווען אַ צענטראַלע אַפּטייק, ד"ה אַ צענטראַלער מאַגאַזין פאַר מעדיקאַמענטן.[7]

נישט אַלע לאַגערניקעס־דאָקטוירים האָבן געאַרבעט אין רעוויר. געווען אויך „שטרעקע־דאָקטוירים" („שטרעקן־פלעגער") (8), ד"ה דאָקטוירים, וועלכע האָבן געאַרבעט אויסערן לאַגער — „דאָקטוירים אין וועג". זייער אויפגאַבע איז געווען צו דערטיילן סאַניטאַרע הילף די קאַצעטלער ווען זיי פלעגן פאַרווונדעט ווערן בעת דער אַרבעט. די שטרעקע־דאָקטוירים פלעגן טייל מאָל וואַנדערן לענגאויס די

שאַסייען פון איין אַרבעטס־איינהייט צו דער צווייטער, בכדי צו דערלאַנגען די נייטיקע סאַניטאַרע הילף (באַנדאַזשירן, פאַרהאַלטן בלוט אד״גל). די מערהייט שטרעקע־דאָקטוירים פלעגן געוויינלעך אַרבעטן די שווערע פיזישע אַרבעט פונקט ווי אַלע אַנדערע לאַגערניקעס; זיי האָבן אָבער געהאַט דאָס רעכט און די פליכט צו טראָגן מיט זיך אַ טאָרבעלע מיט באַנדאַזש־מאַטעריאַלן און איבעררייסן די אַרבעט ביים טראָגן הילף וועמען עס איז געווען נייטיק.[8] ס'איז מיר נישט באַקאַנט צי די שטרעקע־דאָקטוירים האָבן פיגורירט אַלס אַזעלכע אויף דער אָפיציעלער לאַגער־ליסטע, אָדער זיי אַליין האָבן „אויסגעפונען" פאַר זיך אַזאַ אויפגאַבע בכדי „אויפצוהיטן זייער מעדיציניש אידענטישקייט". עס איז אויך באַקאַנט, אַז געוויסע דאָקטוירים האָבן געהאַט פּאַראַ־מעדיציניש אויפגאַבן, ווי „דעזינפעקטאָר" (ד״ר זיידלער אין קלאָגע) וכדומה.

די דאָקטוירים האָבן לכתחילה גערן אויפגענומען זייער מעדיציניש טעטיקייט אין די לאַגערן: זיי וועלן קענען אַרבעטן אין זייער אייגענעם באַרוף, און גלייכצייטיק טראָגן הילף זייערע חברים — לאַגער־אסירים. אָבער גיך האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז אין דער דאָזיקער מעדיצינישער אַרבעט ליגט אַ טראַגישער פּאַראַדאָקס און אַז דער הומאַניטאַרער ציל פון זייער מעדיצינישער טעטיקייט איז גאָר אַ היפוך פון דעם ציל פון ס.ס.־דאָקטאָר און זיינע מיטהעלפער, וועלכע זענען פאַראינטערעסירט נאָר אין מיטהעלפן דורכצופירן די נאַצישע פאַרניכטונגס־מעשים.

דער ס.ס.־דאָקטאָר — אַ רוצח; דער קאַצעטלער־דאָקטאָר — טראָגט הילף

אַלץ מער איז קלאָרער געוואָרן די קאַצעטלער־דאָקטוירים, אַז דער עצם־קיום פון די רעווירן איז אַ ריגעלע אין דער נאַצי־קייט פון פאַרבלענדן, אָפּנאַרן און פאַרפירן.

פאַרן אויג איז אַלץ אויפגעבויט געוואָרן מיט די בעסטע „הייל־כוונות"; אין יעדן לאַגער — אַ רעוויר, און ס'אַרבעטן דאָרט קאַצעטלער־דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטערס; און אינעם רעוויר — בעטן פאַר די קראַנקע; ביי יעדן רעוויר אַ קליין אַפּטייקל. פון צייט צו צייט קומט דער הויפּט־דאָקטאָר אויף „סאַניטאַרע אינספּעקציעס" און ער באַשטימט אויך אין יעדן לאַגער סאַניטאַרן, כדי צו העלפן אין דער סאַניטאַרער אויפזיכט. דאָס אַלץ רופט אַרויס דעם צוטרוי צו די געזונט־הייט־אַנשטאַלטן פונעם לאַגער, ווי אויך דעם ווילן פון זיי צו געניסן.

---

(1) Pfleger, (2) Revier, (3) Krankenbau, (4) K.B., (5) Häftlingskrankenbau, (6) H.K.B., (7) Krankenstube, (8) Strekenpfleger.

גיך ווערט אָבער קלאָר דער אמת, אַז דער ס.ס.־„הויפּט־דאָקטאָר“, דאַגהט גאָרנישט וועגן געזונט פֿון די קאַצעטלער און דער ענין רעוויר איז ביי אים נאָר אַ „סטראַטעגיש מיטל“, בכדי צונויפֿצוזאַמלען אין איין אָרט די קראַנקע און שוואַכע און דאָרט זיי סעלעקציאָנירן צום טויט; און די סאַניטאַרן זענען נאָר קליינע „באָטמאַנס“, וואָס זייער אויפֿגאַבע איז זוכן טויט־קרבנות.

דעם קאַצעטלער־דאָקטאָר איז קלאָר געוואָרן, אַזוי זיין מענטשלעכע אויפֿגאַבע באַשטייט אין טאָן דעם היפּוך פֿון דעם, וואָס עס פֿאָדערט פֿון אים דער ס.ס.־דאָקטאָר. פֿאַרקערט, ער דאַרף נישט מעלדן די אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן, וואָס וועלן גורם זיין דאָס דערמאָרדן די קראַנקע; ער דאַרף אַפֿילו וועגן דעם קיינעם נישט דערציילן. ער דאַרף פֿעלשן די באַריכטן, פֿאַרמאַסקירן די קראַנקייטן, וואָרענען די קראַנקע, אַז דאָס ליגן אין רעוויר איז פֿאַר זיי אַ סכנה, און אַז יעדע אָנשטעקנדיקע קראַנקייט קען גורם זיין, אַז זיי זאָלן ווערן סעלעקציאָנירט צום טויט. ס'איז זיין מאָראַלישע פֿליכט אָנצוזאָגן וועגן יעדער אינספעקציע וואָס קומט אָן. רופֿן די היץ־קראַנקע צו גיין צו דער אַרבעט, אינעם טאָג פֿון אַ דערוואַרטער אינספעקציע, אַפֿילו ווען זיי וועלן נישט קענען באַנעמען פֿאַרוואָס? — אַבי דער ס.ס.־דאָקטאָר זאָל נישט זען, אַז זיי זענען קראַנק.

דאָס מאַסקירן די קראַנקייטן: איינע פֿון די אויפֿגאַבן פֿון די קאַצעטלער־דאָקטוירים איז געווען צו שיקן יעדע צען טעג צום הויפּט־דאָקטאָר פֿון די לאַגערן, פֿראַנץ באָטמאַן, באַריכטן וועגן אַלע קראַנקייטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין זיין לאַגער („אינפֿעקציאָנסקראַנקענמעלדונג“). באַזונדערס האָט ער געמוזט מעלדן וועגן יעדן פֿאַל פֿון פֿלעקטיפֿוס, פּאַראַטיפֿוס, דיזענטעריע, שקאַרלאַטין, טובערקולאָז, אָנצינדונגען פֿון מוח־הייטל (מעניגגיט), רויזן, סיפֿיליס, טראַכאָמע. בראש פֿון דער רשימה איז געווען דער פֿלעקטיפֿוס, ווייל די קראַנקייט האָט זיך געקענט לייכט איבערגעבן אויך די ס.ס.־לייט, דער לאַגער־קאָמענדע און דער לאַגער־וואַך.[9]

דער קאַצעטלער־דאָקטאָר פֿעלשט די דיאַגנאָזעס און שיקט איבער צום שעפֿאַרצט פֿון די לאַגערן, ד״ר באָטמאַן, באַריכטן, אין וועלכע ס'איז אַפֿילו נישטאָ קיין רמז וועגן פֿלעקטיפֿוס, דיזענטעריע און אַנדערע אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן.[10] ביי די בעטן אין רעוויר געפֿינען זיך טעמפּעראַטור־קאַרטן; כדי דער ד״ר באָטמאַן זאָל זיך בעת זיין אינספעקציע נישט אָריענטירן, אַז ער האָט צו טאָן מיט פֿלעקטיפֿוס, פֿעלשט דער קאַצעטלער־דאָקטאָר אַלע געגעבענע וועגן דער טעמפּעראַטור און אויך די טעמפּעראַטור־דיאַגראַמע.[11] ער גיט די טיפֿוס־קראַנקע טאַבלעטן אויף אַראָפּצוואַרפֿן די טעמפּעראַטור, באַשמירט די טיפֿוס־פֿלעקן מיט דער רויטער פֿליסיקייט „סעפּסאָ“, מיט יאָד און מיט איכטיאָל־זאַלב, כדי ער זאָל נישט באַמערקן די כאַראַקטעריסטישע טיפֿוס־פֿלעקן.[10]

ד״ר באָטמאַן פֿלעגט האַלטן די קאַצעטלער־דאָקטוירים אין אַ צושטאַנד

פון טעראָר. פאַר דעם קלענסטן „חטא" פּאַטשט ער זיי אין פּנים און גיט זיי שמיץ. אַזוי טוען אויך די לאַגערפירערס.[11]

דאָס איזדיעקעווען זיך איבער קראַנקע און שוואַכע: די „רעקאָנוואַלעסצענטן", ס'הייסט די, וואָס זענען געזונט געוואָרן פון זייערע קראַנקייטן און בעיקר די, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם פלעקטיפוס, ווערן געצווינגען גלייך זיך צוריקצוקערן צו דער אַרבעט.[12] אַ סך האַלטן נישט אויס דעם דאָזיקן שווערן עקזאַמען. אָפט קומען פאַר מאַרשן פון איין לאַגער צום צווייטן. די טיפּוס־רעקאָנוואַלעסצענטן שטייען אָפּ בעת די דאָזיקע מאַרשן און די ס.ס.־לייט „פאַרענדיקן" מיט זיי אויפן וועג דורך אַ שאָס אין נאַקן.[13] אין קלאָגע פלעגט ראַטענבערג צווינגען די קראַנקע, וואָס האָבן אָקאָרשט דורכגעמאַכט אַ בויך־אָפּעראַציע זיי זאָלן גלייך גיין צו דער אַרבעט.[14] אין קורעמע זענען די קראַנקע געווען געצווונגען צו וואַשן די דילן פון רעוויר.[15]

די שפּייז־ראַציעס פאַר די קראַנקע זענען געווען אָפט נאָר „סימבאָלישע". אין דער אונטערשטער ערדאָ פלעגט מען זיי נישט געבן אַפילו די טעגלעכע פאָרציע זופּ. אַזוי אַרום זענען זיי פּשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער.[16]

די סאַניטאַרן: ווי ס'איז שוין נישט איין מאָל דערמאָנט געוואָרן, זענען די סאַניטאַרן געווען די שטעלפאַרטרעטערס פון ד"ר באָטמאַן און די אויספירער פון זיינע פאַראָרדענונגען. אָט זענען אייניקע נעמען פון די דאָזיקע סאַניטאַרן: ס.ס.־שטורמאַן העלמלינגער, ס.ס.־אָבערשאַרפירער העלוויג, אונטערשאַרפירער ערנסט רונדע און אונטערשאַרפירער עריך שאַרפעטער (די לעצטע צוויי האָט מען גערופן „קירקעניקעס", צוליב זייערע גרויזאַמע מעשים).

די יידישע דאָקטוירים אין די לאַגערן

מיר ווילן דאָ ברענגען די נעמען פון די יידישע לאַגערניקעס־דאָקטוירים פון עסטאָניע, וועלכע זענען דערמאָנט געוואָרן דורך פאַרשידענע עדות:[17]

אַבראַמאָוויטש אברהם (יוניאָר), אַבראַמאָוויטש אַלעקסאַנדער (סעניאָר), אי־וואַנטער אברהם לעאָן (סעניאָר), אַנטאָקאָלסקי־אַנטאָקאָלעץ יצחק.

בזשאַנסקי אליעזר (לאַזאַר), בוך רפאל, בערלין האַרי, בערנשטיין אהרון, בערגער, ברייטבאַרד מאַרקוס (צאָן־דאָקטאָר), ברייטבאַרד שמחה (קינדער־דאָקטאָר).

ג'יטל שלמה, גיטלזאָן (גיטלסאָן) שמעון, גייעצאָוו מיכאַל, גירשאָוויטש משה, גענדזל יוליוס, גראָדזענסקי דוד, גודזעניאַצקי זעליק, געלמאַן גדליה. גערשגאָרן שרה (גערשאָנאָוויטש).

דוואָרזשעצקי מאיר (מאַרק).

ווײַנריב אברהם, וואָלקאָוויסקי נח (לעאָן), וואָלפזאָן גריגאָרי (יוניאָר).

זאַלקינדסאָן יהושע (אָוסיי), פרוי זאַלקינדסאָן פּאַולינאַ, זאַלקינדסאָן בער־נאַרד, זיידלער סעווערין, זעלדאָוויטש סאָפיאַ.

חולם (כאַלעם), ליובאַ, חולם (כאַלעם) עמנואל, חורג (כורג), כאַנאָוויטש שמעון.

טראַצקי פּאַלק, טויבענהאַוז (משה).

יודין (פון ריגע), יאשפּאַן דוד, יוטאַן־טונקעל.

כץ אליהו, כץ זכריה.

לעווין רפאל, לופּטשפּרינגער הענריק, לידסקי אברהם, לערמאַן אפרים.

סלאָבאָדסקי (הענריק ?), סאַלאַנאַיץ־לופּטשפּרינגער (פון סאָסנאָוויץ).

עלטערמאַן (יצחק ?), עפּשטיין לאַזאַר, עפּשטיין עמנואל.

פּאָמעראַנץ לייב, פּאָטשטער וולאַדימיר, פינגערהוט לעאָן, פינקעלשטיין לאַזאַר, פּערעוואָזסקי אַלעקסאַנדער, פעלדשטיין (אָוסיי), פריד חיים הלל.

צוקערמאַן משה.

קאַלאָדנער בער, קאָסטשעניעווסקי, קאָניוכסקי אליהו, קאַמבער סאָפיאַ, קאָפּ־לאַן אַלעקסאַנדער, קשעמיאַנסקי אַבעל, קאַרנאָווסקי, ניקאַליי, קאָפּעלאָוויטש (שלמה).

רוטשניק יצחק, רעזניק נפתלי, ראָם מיכאַל, ראַשקעס לעאָ, ריווקינד לעאָ, ראָן גריגאָרי, רעכעס שמואל, (ד״ר ראָזענבליט אַלפרעד ?).

שאַפּיראָ קלמן, שומעליסקי זאב, שוואַרץ־גלאָבוס, שמושקאָוויטש אלכסנדער (יוסף ?).

צאָן־דאָקטוירים: אין די עסטאָנישע לאַגערן זענען אויך געווען אייניקע צאָן־דאָקטוירים, צווישן זיי די שוין דערמאָנטע סטאָמאַטאָלאָגן ד״ר בערלין (געפינט זיך אין ישראל), און די אומגעקומענע צאָן־דאָקטוירים: ד״ר בלאָך, ד״ר כץ, ד״ר נאַדעלמאַן, ד״ר פעלדשטיין (אָוסיי).

אַפּטייקערס: כמעט אַלע ווילנער פאַרמאַצעווטן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אין די עסטאָנישע לאַגערן. לויטן באַריכט וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין עסטאָניע נאָך דער באַפרייונג זענען אין קלאָגע גופא געווען 11 פאַרמאַצעווטן, צווישן זיי איינער פון די באַרימטע ווילנער פאַרמאַצעווטן מגר. יצחק פרומקין.

קראַנקנשוועסטערס: שווער זענען געווען די אויפגאַבן פון די קראַנקנשוועס־טער. צווישן זיי זענען געווען אייניקע, וועלכע האָבן נאָך פאַר דער מלחמה געאַרבעט אין שפּיטאָלן און אַמבולאַטאָריעס. געווען אויך אַזעלכע, וואָס דער גורל האָט זיי פאַר־וואַנדלט אין לאַגער־שוועסטער. אויף זיי איז געלעגן דער חוב פון טאָג־טעגלעכן באַהאַנדלען די קראַנקע. מאַכן די באַנדאַזשן, אויפקאָכן וואַסער פאַר די קראַנקע, די זאָרג פאַר זייער באַשפּייזונג און ריינקייט. זיי האָבן געדאַרפט מיטהעלפן דעם דאָקטאָר אין זיין זאָרג אָפּצוהיטן די קראַנקע פון די שלעכטע כוונות מצד דעם

מעדיציניש ס.ס.־פּערסאָנאַל. אין אַ סך לאַגערן האָבן מערערע אויסגעבילדעטע קראַנקנשוועסטער נישט באַקומען קיין אַרבעט אין זייער באַרוף און געמוזט אַר־בעטן ביי שווערער פיזישער אַרבעט.

פון די אויפגענומענע גביות־עדות זענען צו אונדז דערגאַנגען אייניקע נעמען פון קראַנקנשוועסטער: אין וויוויקאָני — צוויי שוועסטער פון קאָוונע, איינע פון זיי ליובאַ איגיעלקאָ;[18] אין וויוואַראַ (שפּעטער אויך אין קיוויאָלי): חיה תרשיש;[19] אין נאַרוואַ: ליובאַ צירינסקאַ;[20] אין קלאָגע: גיטע כיליסבערג.[21]

געוויסע עדות גיבן איבער, אַז אין איינעם פון די לאַגערן איז געווען טעטיק די באַקאַנטע ווילנער קראַנקנשוועסטער שפרה טייטעל־גרענאַדיר.

אין קורעמע האָט געאַרבעט אַלס „ברודער" דער קאָוונער פריזיער באָריס פורמאַן.[22] אַלע האָבן אים גערופן בערעלע. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין איבערגעגעבנקייט צו די קראַנקע. אויף זיינע פּלייצעס פלעגט ער טראָגן די אָפּ־געשוואַכטע צום רעוויר־קלאָזעט און פון דאָרטן צוריק.

דער צענטראַלער רעוויר אין וויוואַראַ: אין וויוואַראַ האָט לכתחילה עקזיס־טירט אַ קליינער רעוויר (אַן אַמבולאַטאָריע, אַ צימער פאַר קראַנקע און אַ קליין אַפּטייקל). די מגיפה פון פלעקטיפוס אין די עסטאָנישע לאַגערן האָט גורם געווען, אַז דער רעוויר אין וויוואַראַ זאָל זיך באַדייטנדיק פאַרברייטערן. די טיפוס־עפּי־דעמיע איז געווען אַזוי שטאַרק אין די לאַגערן, אַז די די ס.ס.־לייטונג פון די לאַ־גערן האָט זי נישט געקענט ליקווידירן דורכן דערמאָרדן די קראַנקע, ווייל זי וואָלט געמוזט דערמאָרדן די מערהייט קאַצעטלער. דעריבער האָט זי באַשלאָסן צו קאָנצענטרירן אַלע טיפוס־קראַנקע אין צענטראַלן רעוויר פון וויוואַראַ,[23] מיט דער כוונה, אַז די געזונטערע זאָלן זיך צוריקקערן צו דער אַרבעט און די שוואַכע זאָלן אויסשטאַרבן, אָדער אין רעוויר, אָדער בעת די מאַרשן באַלד נאָך זייער געזונט־ווערן. אַלס שעף פון די רעוויר־דאָקטוירים־קאַצעטלער איז באַשטימט געוואָרן ד"ר לאַזאַר פינקעלשטיין,[23] וועמען אַ סך פון די לעבנגעבליבענע דערמאָנען מיט גרויס אָנערקענונג פאַר זיין זאָרג פאַר די קראַנקע און זיין מסירת־נפש.

דאָס אַריבערפירן די טיפוס־קראַנקע קיין וויוואַראַ איז געוואָרן דורכגעפירט מיט גרויס אַכזריות. די קראַנקע זענען אַריבערגעפירט געוואָרן בשעת די שווערע קעלטן פון עסטאָנישן ווינטער אין אָפענע לאַסטאויטאָס, אָנגעטוענע בלויז אין זייערע דינע בגדים און דעקעס. פיל פון זיי האָבן דאַן געהאַט 40 גראַד היץ און נאָך מער.[24] די טיפוס־קראַנקע, וועלכע האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס אַרויספירן קיין וויוואַראַ איז פּאַקטיש גאָר אַן אָוועקפירן צום טויט און נישט געוואָלט גיין פרייוויליק אין די אויטאָס — זענען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. אַלע איבעריקע זענען שוין דאַן געגאַנגען פון אייגענעם ווילן (אין יעוויע האָט דערצו געהאָלפן די

בייטש פון שאַרפעטער).[24] דאַקעגן אין קורעמע, וווּ די טיפוס־קראַנקייט איז אויס־באַהאַלטן געוואָרן פון באַטמאַנען, איז קיין איין טיפוס־קראַנקער נישט אַריבער־געפירט געוואָרן קיין ווייוואַראַ[22] און די קראַנקייט איז אויסגעגאַנגען פון זיך אַליין במשך פון עטלעכע חדשים. וואַרשיינלעך זענען נישט פון אַלע לאַגערן די טיפוס־קראַנקע געפירט געוואָרן קיין ווייוואַראַ. אַזוי, למשל, איז אין אַאוואַראַ געווען אַ ספּעציעלער רעוויר פאַר טיפוס־קראַנקע.[25] צווישן די טיפוס־קראַנקע אין די עסטאָנישע לאַגערן זענען אויך געווען דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטער.[22]

דער צענטראַלער רעוויר איז געווען צעטיילט אויף צוויי חלקים: די אַמבולאַ־טאָריע, וווּ מען האָט אונטערזוכט די קראַנקע, אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע לאַגער־רעווירן, און אַן איזאָלאַציע־אָפּטיילונג, וווּ ס׳זענען געלעגן די טיפוס־קראַנקע.[19]

די מאַרשן פון די געזונט־געוואָרענע זענען געווען, ווי ס׳איז שוין דערציילט געוואָרן, גאַנץ אָפט פשוטע „טויטן־מאַרשן״. יעדער „אָפּגעשטאַנענער״ האָט באַקומען אַ קויל אין קאָפּ.[13]

ווען דער לאַגער ווייוואַראַ איז ליקווידירט געוואָרן, זענען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין קיוויאַלי סיי דער רעוויר און סיי די צענטראַלע אַפּטייק, וואָס פלעגט צעשיקן איבער אַלע לאַגערן די באַגרענעצטע צאָל מעדיקאַמענטן.[19]

דאָס קאָנצענטרירן די אָפּגעשוואַכטע אין ערעדאַ: ווען אין די לאַגערן האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל אָפּגעשוואַכטע, איז אָנגעקומען אַ באַפעל זיי אַלעמען צו קאָנצענטרירן אין ערעדאַ „צו באַהאַנדלונג און צום היילן״. אין אַלע לאַגערן האָט געהערשט אַן אומצוטרוי לגבי ערעדאַ אַלס „דערהאָלונגס־פּלאַץ״ פאַר די אָפּגע־שוואַכטע. ווען שאַרפעטער האָט באַשטימט, אַז ד״ר פינגערהוט דאַרף אַריבער־געפירט ווערן פון קורעמע קיין ערעדאַ אויף דערהאָלונג, האָט ער אויסגעטרינקען שלאָף־מיטלען מיטן ציל צו באַגיין זעלבסטמאָרד.[15] דער אומצוטרוי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר באַרעכטיקט. די שוואַכע און קראַנקע אין ערעדאַ, צונויפגע־זאַמלטע פון אַלע לאַגערן, האָבן דאָרט געלעבט אין שוידערלעכע באַדינגונגען, וואַרטנדיק אויף די אָפּטע טויט־סעלעקציעס. אַ גרויסער טייל פון זיי איז אַרויס־געשיקט געוואָרן מיטן טראַנספּאָרט פון פעברואַר 1944. ס׳זענען געווען קלאַנגען, אַז דער טראַנספּאָרט איז געשיקט געוואָרן קיין ריגע, פּאָנאַר און אוישוויץ.[26]

די אַרבעט אין די רעווירן: מען דאַרף פאַרצייכענען, אַז אין געוויסע לאַגערן זענען געווען צוויי רעווירן: אין אַאוואַראַ, וווּ איינער פון די רעווירן איז געווען פאַר טיפוס־קראַנקע; ערעדאַ, אויבן — אַ רעוויר פאַר באַשטימטע „צום לעבן״ און אונטן — אַ רעוויר פאַר די באַשטימטע צום טויט.[27] אין קלאָגע זענען געווען באַ־זונדערע רעווירן פאַר מענער און פרויען. פאַר מענער — אין מענער־בלאָק און פאַר פרויען — אין פרויען־בלאָק.[27]

ס׳איז געווען פאַרוועדט, אַז אין קראַנקן־צימער פון רעוויר זאָלן זיך געפינען

מער ווי 8 מאַן.[24] אָבער די לאַגער־דאָקטוירים האָבן נישט אָפּגעהיט די דאָזיקע נאָרמע און פלעגן דורך פאַרשידענע המצאות אַריינפירן דאָרט „אומלעגאַלע קראַנקע" און פלעגן זיי שפּעטער רופן צו פאַרלאָזן וואָס גיכער דעם רעוויר, ווען מען פלעגט זיך נאָר דערוויסן, אַז ס'גרייט זיך אַ סעלעקציע.[15] פאַרשטענדלעך, אַז אין די טיפוס־טעג זענען נישט אַלע „אומלעגאַלע קראַנקע" געווען ביכולת אויסצופאָלגן די דאָזיקע עצה.

בדרך כלל פלעגן אין רעוויר נישט אָנגענומען ווערן קיין קראַנקע מיט אַ טעמפּעראַטור נידעריקער פון 38 גראַד.[27] אין קורעמע האָט פּאַניקע פאַראָרדנט אָנצונעמען קראַנקע נאָר מיט אַ טעמפּעראַטור, העכער פון 39 גראַד.[15] אין קלאָגע, דערציילט מען, האָט מען געמעגט אָננעמען קראַנקע נאָר מיט אַ טעמפּעראַטור פון 40 גראַד און העכער. ווען ראָטענבערג פלעגט געפינען אין רעוויר אַ קראַנקן מיט אַ טעמפּעראַטור נידעריקער פון 39 גראַד, פלעגט ער אים געבן קלעפּ אין קאָפּ און שיקן צו דער אַרבעט.[14, 18]

אין די רעווירן פלעגן אָפט פאָרקומען רעוויזיעס. אויב מען פלעגט געפינען ביי אַ קראַנקן שפּייז־פּראָדוקטן אָדער ווערטזאַכן, פלעגט מען באַשטראָפן מיט שמיץ דעם קראַנקן, דעם דאָקטאָר און די שוועסטער.[14, 18]

ווען ד"ר באָטמאַן פלעגט אַריינגיין אין רעוויר, פלעגן די קראַנקע דאַרפן אויסשרייען „אַכטונג!" און אויסציען די הענט איבער די קאָלדרעס. ווער ס'פלעגט נישט באַווייזן עס צו טאָן, פלעגט אים ד"ר באָטמאַן באַשטראָפן מיט קלעפּ פון זיין שטעקעלע איבער די הענט.[29]

ד"ר בוזשאַנסקי דערציילט וועגן דער אַרבעטס־אָרדענונג אין רעוויר פון קלאָגע: „...די אַרבעט פלעגט זיך אָנהייבן 6 אַ זייגער פרי. דער מעדיציניש̈ער פּערסאָנאַל פלעגט דאַרפן אויפשטיין מיט אַ האַלבע שעה פריער, בכדי די וואָס פילן זיך קראַנק זאָלן באַווייזן זיך צו מעלדן צום דאָקטאָר און עווענטועל באַקומען אַ באַפרייונגס־צעטל. נאָכן באַקומען אַזאַ צעטל פלעגט דער קראַנקער אונטערזוכט ווערן דורכן ס.ס.־סאַניטאַר, וועלכער האָט באַדאַרפט פעסטשטעלן צי דער קראַנקער דאַרף באמת געניסן פון באַפרייונג..."[27] דער מנהג איז געווען איינגעפירט אין פאַר־שידענע לאַגערן. אין קורעמע, למשל, פלעגט שאַרפּעטער זיין אָנוועזנדיק בעת די אונטערזוכונגען — און האָבן דאָס לעצטע וואָרט וועגן באַפרייונגען.[15]

די מעדיקאַמענטן: אַ באַגרענעצטע צאָל מעדיקאַמענטן פלעגט אָנקומען פון צייט צו צייט אין די לאַגערן (פון דער צענטראַלער אַפּטייק אין ווייוואַראַ און שפּעטער אין קיוויאָלי). אין קורעמע האָבן ד"ר באָטמאַן און שאַרפּעטער נישט איין מאָל געוואָרנט, אַז מען זאָל וואָס ווייניקער אויסנוצן מעדיקאַמענטן, מען זאָל זיי פאַרשליסן אין אַן אַלמער, כדי דער רעזערוו פון די מעדיקאַמענטן זאָל זיין פול בעת יעדער אינספּעקציע.[15] עס האָט זיך געשאַפן אַ מאָדנע לאַגע: אין רעוויר

זענען פאַראַן מעדיקאַמענטן, אָבער דער לאַגערניק־דאָקטאָר האָט נישט קיין רעכט זיך צו באַנוצן מיט זיי לטובת די קראַנקע קאַצעטלער. דעריבער זענען די דאָקטוירים געווען געצווונגען צוצוגרייטן רפואות פון גראָז, געזאַמלטע אין דער אומגעגנט, אָדער זוכן וועגן ווי אַזוי זיי צו באַקומען אין די אַרומיקע אַפטייקן (אויפן וועג פון „שנאָריטע״).[30]

עס האָבן געפעלט די מינימאַלסטע כירורגישע אינסטרומענטן. דאָך פלעגן די דאָקטוירים זיך קליגלען און אָפט אויספירן זייער געלונגענע כירורגישע אָפּעראַציעס מיט די פּרימיטיווסטע מכשירים.[31]

אָפט פלעגן זיך שאַפן קאָנטאַקטן מיט מענטשן פון דער סביבה אַ דאַנק דער מעדיציניִשער הילף, וואָס זיי פלעגן אין געהיים באַקומען פון די לאַגער־דאָקטוירים.[32]

געווען פאַלן ווען די דאָקטוירים, אָנקומענדיק אין אַ נייעם לאַגער, האָבן אויסגעמיטן צו מעלדן וועגן זייער ספּעציאַליטעט אַלס מעדיצינער. דערמיט האָבן זיי געוואָלט אויסמיידן דאָס אויספירן עווענטועלע באַפעלן פון ד״ר באַטמאַן. נישט שטענדיק פלעגט זיך זיי דאָס איינגעבן, ווייל די קאַצעטלער, וועלכע האָבן זיי געקענט נאָך פון דער געטאָ־תקופה, זענען דווקא געווען פאַראינטערעסירט, אַז ביי זיין אין לאַגער זאָל זיין טעטיק אַ יידישער דאָקטאָר, און פלעגן אויפדעקן דעם סוד.[33]

מערערע גערעטעוועטע דערציילן מיט אָנערקענונג וועגן די אָנשטרענגונגען פון די קאַצעטלער־דאָקטוירים צו העלפן די קראַנקע: היילן זיי, דערמוטיקן און אויסבאַהאַלטן פון די ס.ס.־לייט און פון ס.ס.־דאָקטאָר אין טעג פון סעלעקציעס.[34]

„נאַטירלעכע שטערבלעכקייט״: די „נאַטירלעכע״ שטערבלעכקייט ד״ה דער טויט נישט אין רעזולטאַט פון סעלעקציעס אָדער מאָרד־מעשים, איז געווען גאַנץ קענטיק אין פאַרשידענע עסטאָנישע לאַגערן. די ערשטע צום שטאַרבן זענען געווען די אַ״ג „מוזולמענער״, די זייער אָפּגעשוואַכטע פון הונגער, סיי צוליב שווערער פּראַצע, בפרט נאָך די שווערע קראַנקייטן פון פלעקטיפוס און דיזענטעריע. אויך אַלע אַנדערע קאַצעטלער, וואָס האָבן נישט געקענט „אָרגאַניזירן״ זיך אַ צוגאָב באַשפּייזונג זענען געווען די שטענדיקע טויט־קאַנדידאַטן צו ליב כראָנישער אונטערדערנערונג. דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבן די טאָג־טעגלעכע קרבנות פון די רוצחישע קלעפּ מצד די ס.ס.־לייט און „אָטע״־מענטשן.

אַ סך קאַצעטלער גיבן איבער פּרטים וועגן דער גרויסער שטערבלעכקייט אין זייערע לאַגערן. „די קראַנקע פלעגן אויסגיין ווי וואַקסענע ליכט״, באַצייכענען עס אָפט קאַצעטלער אין זייערע עדות־זאָגונגען.

עדות פון אאַוואַראַ,[35] ערעדאַ,[36] נאַרוואַ,[37] [38] דערציילן וועגן דעם גרויסן שניט

פון טויט אין זייערע לאַגערן. וועגן הונגענבורג דערציילט איין עדות וועגן אַ זעקסטל פאַרשטאַרבענע במשך גאָר אַ קורצער צייט. אַ צווייטער עדות רעדט וועגן קרוב 90 פּראָצענט פאַרשטאָרבענע במשך פון די עטלעכע חדשים פון דער עקזיסטענץ פון לאַגער. [33], [39]

אין אייניקע לאַגערן זענען געווען ספּעציעלע באַראַקן פאַר „מוזולמענער", ס'הייסט פאַר קאַנדידאַטן צום נאָענטן „נאַטירלעכן" טויט. אין נאַרוואַ האָט דער בלאָק 6 געדינט אַלס „בלאָק פאַר מוזולמענער".[40] אין קורעמע איז לויטן באַפעל פון ד"ר באַטמאַן אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלער באַראַק „בכדי צו היילן און זיך מטפל זיין מיט די אַפּגעשוואַכטע". די קאַצעטלער פון יענעם באַראַק זענען שפּעטער געווען די קרבנות פון שאַרפעטערן, וואָס האָט זיי אומגעבראַכט מיט זיין קירקע.[15]

די גרויסע שטערבלעכקייט אין די לאַגערן האָט גורם געווען צום שאַפן זיך פון אַ נייעם פאַך — מתים־ברענער.

אין ערעדאַ איז געווען אַ ספּעציעלע בריגאַדע פון מתים־ברענער, וואָס האָט געציילט אַן ערך 20 מאַן.[41] ברענען די מתים פלעגט מען אין וועלדל הינטערן לאַגער. דאָס פייער פלעגט מען זען אין לאַגער, טעגלעך, במשך פון 8—9 שעה.[42] דער ריח פון די פאַרברענטע קערפּערס פלעגט ממש פאַרסמען די לופט אין ערעדאַ.[42] איינער פון די מתים־ברענער איז געווען וואַרשאַווטשיק פון ווילנער געטאָ, וועמען מען האָט אָפט געזען דאַווענען אין אַ טלית ביי די פאַרברענטע קערפּערס.[43]

עדות דערציילן וועגן ברענען קערפּערס ביי וויוואַראַ.[45] ווי אויך ביי קורעמע. אַלע הרוגים פון שאַרפעטערן זענען במשך פון איין טאָג פאַרברענט געוואָרן היב־טערן לאַגער.[15]

אין נאַרוואַ איז געווען אַ גרויסער אויוון צום ברענען די מתים.[43] די לעבנגע־בליבענע פון נאַרוואַ דערציילן וועגן „מתים־מאַגאַזין", ד"ה וועגן אַ באַראַק ווו מען פלעגט זאַמלען די מתים ביז וואַנען ס'איז אָנגעקומען זייער ריי צום פאַר־ברענען.[43] עדות דערציילן ווי אַזוי מען פלעגט אַריינלייגן די קערפּערס אין פלאַ־קערנדיקן אויוון און ווי אַזוי זיי פלעגן פאַרברענט ווערן.[43]

אין קלאָגע פלעגט מען די מתים צונויפלייגן אין אַ שייטער, באַגיסן מיט בענזין, און אַ „דייטש אין יום־טובדיקע קליידער" פלעגט אונטערצינדן דעם שייטער.[43א]

„קאַראַנטין": ווען ס'פלעגט אויסברעכן אַן עפּידעמיע פון פלעקטיפוס, פלעגט די ס.ס.־קאָמענדע שליסן דעם לאַגער און נישט אַרויסלאָזן די קאַצעטלער אויף אַרבעט אויסערן לאַגער. דאַן פלעגן קומען טעג פון שווערן הונגער.[44]

„רויטער קרייץ": אייניקע עדות דערציילן וועגן באַזוכן פון „רויטן קרייץ" אין די עסטאָנישע לאַגערן, ווי, למשל, ערעדאַ,[45] אילינורמע.[46] אָבער ס'איז נישט

קלאָר, וועגן וועלכן „רויטן קרייץ״ דערציילן זיי? וועגן „אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ?״ (ווי אַזוי איז ער דערגאַנגען אין די עסטאָנישע לאַגערן, אין דער צייט ווען די דייטשע מאַכט האָט אים נישט געגעבן קיין דריסת הרגל אין אַ סך נאָענטערע לאַגערן?). איז עס געווען דער דייטשער „רויטער קרייץ״?

אַזוי צי אַזוי, די עדות קענען נישט דערציילן וועגן וועלכע עס איז פאַרלייכטערונגען אין זייערע לעבנס־באַדינגונגען נאָך די כלומרשטע באַזוכן פון א״ג „רויטן קרייץ״.

*

די לאַגערן זענען געווען צוו אַנד. אַ שטענדיקע קאַמפּס־אַרענע צווישן די סיסטעמאַטיש־פּלאַנירטע נאַצי־כוונות אויסצונוצן דעם קאַצעטלער ביי שווערער אַרבעט לטובת די דייטשן ביזן לעצטן אַטעמצוג און דאַן אים פאַרניכטן („פּראָדוקטיווע פאַרניכטונג״) און דעם אינדיווידועלן, אינסטינקטיוון, אונטערבאַוווסטזיניקן קאַמף פון די לאַגערניקעס אויפצוהאַלטן זייער געזונט און זייער לעבן.

באַמערקונגען

1) זע וועגן די קראַנקייטן אין די לאַגערן:

אַאוּוואַראַ — אַנאַליק ג., קאַלמאַנאָוויטש; אַזאַרי — שעפּטעל; אילינורמע — סעגאַל; גאָלדפילץ — ד״ר דוואָרזשעצקי; וויוואַראַ — גאָלדשטיין, ד״ר דוואָרזשעצקי, קויפמאַן; יעוויע — גאָלדשטיין, קויפמאַן; לאַגעדי — ד״ר דוואָרזשעצקי; נאַרוואַ — אַרבאַך, באַראַס, האַרטען, ירושלמי, סלעפּאַק; ערעדאַ — ד״ר בוזשאַנסקי, פּערלעגער, פּערל קרייצער, קרעמער; קורעמע — ד״ר דוואָרזשעצקי; קלאָגע — באַלבערישסקי, גרינהאַלץ, דושאַנסקי, וואַפּניק, זיידל, סאַבינאָוויטש. מ. נאַדעל דערציילט, אַז אַרום 80 פּראָצענט פון די נאַרעווער קאַצעטלער האָבן דורכגעמאַכט פלעקטיפוס.

2) וועגן די דאָזיקע דערשיינונגען דערציילן: האַרטען, קאַראַפּאַנס, פּ. קרייצער, רודניצקאַ. מ. שעפּטעל דערציילט, אַז איינער פון די קאַצעטלער אין אַזאַרי פלעגט זינגען „אַ יידישע מאַמע״ בשעתן הויכן פיבער. ד״ר דוואָרזשעצקי דערמאַנט זיך, אַז נאָך דעם ווי ער האָט דורכגעמאַכט דעם פלעק־טיפוס אין קורעמע, האָבן אים די רעוויר־שכנים דערציילט, אַז האָבנדיק 41 גראַד פיבער, האָט ער זיך געשטעלט אין מיטן באַראַק און רעציטירט ביאַליקס ליד: „כולם נשא הרוח״ („אַלעמען האָט דער ווינט פאַרטראָגן״); ער דערמאָנט זיך אויך, אַז דער קאַצעטלער ברודנאַ (פון ווילנע) האָט בעת זיין הויכן פיבער אים דערציילט וועגן זיינע כלומרשטע באַגעגענישן מיט סטאַלין און רוזוועלט. דער קאַצעטלער לאַנדמאַן

פון קאָוונע פלעגט בקולי־קולות דערציילן וועגן זײַנע באַגעגענישן מיט פּאַרטיזאַנער אין די עסטאָנישע וועלדער.

3) אַט אַזוי באַשרײַבט סלעפּאַק איר צושטאַנד נאָכן פלעקטיפוס:

„...נאָכן טיפוס בין איך געווען זייער אָפּגעשוואַכט. אַליין האָב איך נישט געקענט גיין. כ׳האָב זיך געלערנט גיין האַרט בײַ דער וואַנט, ממש ווי אַ קליין קינד, וואָס הייבט זיך אָן לערנען גיין און ער זוכט וואָס־עס־איז זיך אָנצוהאַלטן, כדי נישט אומצופאַלן. אַחוץ דעם האָב איך קיין זאַך נישט געדענקט... די קראַנקע האָט מען נישט געגעבן קיין שום באַהאַנדלונג, נישט קיין עסן, נישט קיין מעדיקאַמענטן. דעריבער זענען די שוואַכע אויסגעשטאָרבן און די שטאַרקע זענען געוואָרן שוואַך... אייניקע טעג נאָך מײַן אַרויסגיין פון רעוויר, האָט מען מיך געשיקט צו וואַלד־אַרבעט. כ׳האָב נישט געהאַט קיין כוח אַפילו צו דערגיין פון לאַגער צום וואַלד, און אַוודאי נישט צו וועלכער עס איז אַר־בעט. בין איך געגאַנגען און געוויינט... איין מאָל, צוריקגייענדיק פון דער אַרבעט, האָב איך דערפילט, אַז מער האָב איך נישט קיין כוח ווייטער צו גיין. כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט אויפן מיטן וועג, אַוועקגעזעצט זיך אויפן שניי און געוויינט. כ׳האָב געוואָרט, אַז די באַגלייטנדיקע פּאָסטנס זאָלן מיר געבן אַ קויל אין קאָפּ... די פרויען, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט אין לאַגער האָבן מיך נישט געלאָזט אַזוי שטאַרבן און געהאָלפן מיר דערגיין ביזן לאַגער...״

4) דוואָרזשעצקי, זכרונות וועגן זײַן תקופה אין לאַגער קורעמע.

5) דוואָרזשעצקי, „בין הבתרים״, 45: „...כ׳האָב געוואָרט אויפן טויט, סוף האַרבסט 1943, אין לאַגער קורעמע, בלוטנדיק פון אַ שווערער דיזענטעריע...״

6) זיידל, 6.

7) לויט מערערע גביות־עדותן פון די געראַטעוועטע.

8) ד״ר בוזשאַנסקי (ב), 10, דערציילט, אַז אַ צאָל דאָקטוירים האָט געאַרבעט אויף דער „שטרעקע״ בײַ שווערער פיזישער אַרבעט און גלייכצייטיק ביים געבן מעדיציניש הילף די פאַרווונדעטע; אין גאָלדפילץ האָבן אַזוי געאַרבעט „אויף דער שטרעקע״ ד״ר ב. קאָלאָדנער און ד״ר מ. דוואָרזשעצקי (ליגום, דוואָרזשעצקי).

9) פאַטאָקאָפּיעס פון אַזאַ „אינפעקציאָנסקראַנקענמעלדונג״ איז צו געפינען אין די אַרכיוון פון „יד ושם״, בילה״ג, און ביים מחבר פון בוך.

10) דוואָרזשעצקי, „בין הבתרים״, 50: „...און ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מגיפה פון פלעקטיפוס, האָב איך אויסבאַהאַלטן די קראַנקייט פאַר דער לאַגער־מאַכט און כ׳האָב געפעלשט די דיאַגנאָזעס און די טעמפּעראַטור־ליסטעס; כ׳האָב מאַסקירט די טיפוס־פלעקן מיט פליסיקייטן און זאַלבן פון יאָד, סעפּסאָ און איכטיאָל...״.

11) ד״ר באַטמאַן האָט מיט זײַן „פּייטשע״ געגעבן שמיץ דעם ד״ר לאַזאַר פינקעל־שטיין אין לאַגער קיוויאָלי; פינקעלשטיין האָט פּרובירט באַגיין זעלבסטמאָרד (תרשיס, 2). דער מחבר פון בוך האָט אַליין געזען ווי ד״ר באַטמאַן האָט אין וויייוואַראַ געפּאַטשט דעם

ד״ר פינקעלשטיין בעתן אַפּעל און צעבראָכן אים דערבײַ זײַנע ברילן; דער לאַגער־פירער אין ווייוואַראַ פלעגט שלאָגן ד״ר פינקעלשטיין מיט אַ שטעקן און שפּייען אין פּנים דער פּרוי, ד״ר סאָפיע קאַמבער (נעמענטשיק). ד״ר באָטמאַן האָט געגעבן 25 שמיץ דעם מחבר פון בוך און צעבראָכן אים זײַנע ריפּן (דוואָרזשעצקי, „בין הבתרים״, 50). דער לאַגערפירער האָט שווער געשלאָגן ד״ר לאַזאַר עפּשטיין אין קלאָגע, ווײַל ער האָט בײַ אים געבעטן באַנדאַזשן (ראַטנער, מירקין). דער ס.ס.־דאָקטאָר קרעבס האָט אין וויוויקאָני שווער געשלאָגן ד״ר אליעזר בוזשאַנסקי, ווײַל ער האָט געוואָלט ראַטעווען אַ חולה פאַר־שרײַבנדיק אים אַ „לײַכטע דיאַגנאָזע״ (בוזשאַנסקי, ב, 3).

12) גאָלדשטיין, 3; דוואָרזשעצקי, קויפמאַן 7.

13) גאָלדשטיין, 14; קויפמאַן, 10.

14) מירקין, 2.

15) דוואָרזשעצקי.

16) מערערע גביות־עדות, בפרט פון ערעדאַ.

17) גענויע פּרטים אין דער זאַמלונג „דפּי עד״ וועגן גורל און אומקום פון די ווילנער דאָקטוירים, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין „יד ושם״ דורך ד״ר מ. דוואָר־זשעצקי, ד״ר מ. פייגנבערג, ד״ר אַל. ליבאָ; בנוגע ד״ר יודין, קאַרנאָווסקי, שוואַרץ־גלאָבוס, גערשגאָרן, איז נישטאָ קיין אַבסאָלוטע זיכערקייט אין די אָנגעגעבענע פּרטים.

לויט ש. קאַטשערגינסקי („חורבן ווילנע״) איז ד״ר בערגער אָנגעקומען פון סוויר אין ווילנער געטאָ; ש. ק. גיט אויך אָן די נעמען פון די פּאַרטריבענע קיין עסטאָניע: ד״ר דוד וואָלפּסאָן, שמעון כאַנאָוויטש, יוטמאַן־טונקעל, סלאָבאָדסקי און סאָלאָנאָיץ; ס׳איז מיר נישט געלונגען פעסטצושטעלן די ריכטיקייט פון דער ידיעה.

לאָמיר דאָ דערציילן כאָטש אין אַ פּאָר ווערטער וועגן אייניקע פון די אומגעקומענע דאָקטוירים:

איוואַנטער איז אין קורעמע דערהרגעט געוואָרן דורך שאַרפּעטער דעם קירקעניק; אַנטאָקאָלסקי איז אין געטאָ געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון „פאָלקסגעזונט״; אין ערע־דאַ אָרגאַניזירט ער די „לעבעדיקע צייטונגען״, אַנטלאָפן אין וואַלד בײַ ערעדאַ און דאָרט אומגעקומען; בוזשאַנסקי, מחבר פון ווילנער געטאָ־ליד „באָמבעס, פאַלט וואָס גיכער!״, געראַטעוועט פון דער קלאָגער שחיטה, נפטר געוואָרן אין תל־אביב, 1968; בערנשטיין איז דער ברודער פון דער באַוווסטער לערערין מירע, אָפּשטאַמיק פון ל. ליבערמאַן, רעד. פון „אמת״; גירשאָוויטש, איינער פון די באַרימטע ווילנער האַרץ־דאָקטוירים, געשטאָרבן אין קלאָגע פון אַ קרעבס־קראַנקייט; גראָדזענסקי, פּלימעניק פון הרב ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי; געווען טעטיק אין ווילנער געטאָ־שפּיטאָל; וואָלקאָוויסקי, באַרימטער לאַרינגאָלאָג, געוו. דאָצענט פון ווילנער אוניווערסיטעט (זײַן זון איז דער באַקאַנטער ישראלדיקער פּיאַניסט אלכסנדר תמיר); זאַלקינדסאָן יהושע, צווישן די באַקאַנטסטע כירורגן אין ווילנע; זײַן זון בערנאַרד האָט זיך גערעכנט אַלס עילוי אין מאַטעמאַטיק; זיידלער, נפטר געוואָרן אין

תל־אביב, 1970 ; לידסקי, כירורג, צווישן די „אַזע״־אַנפירער אין ווילנע ; עפשטיין לאַזאַר, אַנפירער פון דער סאַניטאַר־עפידעמיאָלאָגישער אָפטיילונג אין ווילנער געטאָ ; פּאַמעראַנץ, באַקאַנטער אינטערניסט און געזעלשאַפטלעכער טוער אין געטאָ ; פינקעלשטיין, באַקאַנטער קינדער־דאָקטאָר און ״אַזע״־טוער אין קאָוונע ; קאַמבער, קינדער־דאָקטאָרין און „אַזע״־טוערין אין קאָוונע, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין שטוטהאָף ; שפירא, געהאָלפן אַ סך די קראַנקע פון קלאָגע.

18) איגעלקא, 5.

19) תרשיס, 3.

20) שעפּטעל, 14.

21) כיליסבערג.

22) דוואָרזשעצקי.

23) גאָלדשטיין, 8 ; קויפמאַן, 12 ; תרשיס, 8.

24) מילשטיין, 28.

25) אַנאָליק ב., 4.

26) קלאַנגען וועגן פאַרשיקט ווערן קיין ריגע — זע : ד״ר פריד, 12 ; ווילנע — דבורז׳צקי „בין הבתרים״, 101—102 ; וועגן אוישוויץ דערציילן די גרעסטעוועטע פון יענעם ערעדער טראַנספּאָרט.

27) ד״ר בוזשאַנסקי.

28) רעזומע פון דער באַשולדיקונג, 7.

29) וויינטרויב, 15.

30) זכרונות פון ד״ר מ. דוואָרזשעצקי, ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון לאַגער קורעמע, בכדי צו לערנען ביי די אַרומיקע פויערים וועגן די הייל־סגולות פון די אָרטיקע גראָזן. אין קורעמע האָט ער צוגעגרייט, ביי דער מיטהילף פון דער קאַצעטלערין יאַכל קאַצענבערג (איצט אין אורוגוואַי) היילמיטלען קעגן היץ און בויך־ווייטיקן, און האָט אָנגערופן די רפואות מיט „ווירקנדיקע נעמען״, ווי למשל, „מיראַקולום״, אָדער „פאַנטאַ־טעראַפּיאַ״.

31) ד״ר אברהם לידסקי האָט אין ערעדאַ אויסגעפירט אַ קאָמפּליצירטע אָפּעראַציע פון אַן אייטערדיקן פלעוריט מיט דער הילף פון אַ שניידערישער שער, וואָס איז אָנגעברענט געוואָרן אויף אַ פייער. די אָפּעראַציע איז געלונגען און די קראַנקע איז געבליבן לעבן (ד״ר פריד, 12).

32) ווי ד״ר דוואָרזשעצקי, ד״ר לופּטשפּרינגער, ד״ר פריד א״אַ.

33) ווען דער מחבר איז אַריבערגעפירט געוואָרן פון ווייוואַראַ קיין קורעמע און האָט אויסבאַהאַלטן, אַז ער איז אַ מעדיצינער, האָבן עס אַנטדעקט די קאַצעטלער דעם לאַגערפירער, ווייל זיי האָבן געוואָלט האָבן אין לאַגער אַ דאָקטאָר, וואָס זיי האָבן נאָך געקענט פון ווילנע. נאָכן דורכמאַכן פלעקטיפוס אין קורעמע איז מיין אויסערלעכער אויסזען

אַזוי פאַרענדערט געוואָרן, אַז ס׳איז שווין געווען שווער מיך צו דערקענען, און ס׳האָט מיר „געגליקט״ אין די ווייטערדיקע לאַגערן צו אַרבעטן אַזוי ווי אַלע אַנדערע קאַצעטלער ביי פיזישע אַרבעטן.

34) אַלס מוסטער קען דינען דאָס עדות־זאָגן פון ח. תרשיס וועגן די לאַגער־דאָקטוירים אין וויווואַרא און קיוויאַלי, אַ גבית־עדות, וואָס איז אַ מין אַפּאָלאָגיע פאַרן יידישן דאָקטאָר אין די לאַגערן.

35) אַנאָליק נ., געשפּרעך, 1 ; קאַלמאַנאָוויטש, 4.

36) קאַראַפּאַנס, 4.

37) אַנאָליק ב., 2.

38) אָרבאַך, 16 ; האַרטען, 13 ; סקורקאָוויטש, 2.

39) ש. שוסטער דערציילט וועגן 50 טויטע צווישן 300 (ד״ה 1/6) ; קאַראַפּאַנס, 4, דערציילט וועגן 33 לעבנגעבליבענע צווישן די 300 ; סטראַזש דערציילט מינדלעך וועגן 25 לעבנגעבליבענע.

40) האַרטען, 13.

41) קרייצער פּערל, 15.

42) באַראַנאָווסקי, 3.

43) אָרבאַך ; האַרטען ; שעפּטעל.

43א) מערין, ב., 142.

44) אַנאָליק נ., געשפּרעך, 3.

45) איגעלקאָ, 5 ; פּערלעגער, 32 ; די ס.ס.־לייט, לויט די ווערטער פון די עדות, פלעגן ווייזן די מענטשן פון רויטן קרייץ נאָר די אויבערשטע ערעדאַ.

46) סעגאַל 25 : „...מען האָט אונדז געזאָגט, אַז ס׳וועלן קומען פאָרשטייער פון רויטן קרייץ. מען האָט אויפגערוימט דעם לאַגער, מען האָט אויסגעקאַלכט דעם באַראַק און אומעטום איינגעפירט גוטע אָרדענונג. יענעם טאָג האָט מען געגעבן אַלע קאַצעטלער בעסערע באַשפייזונג. אונדזער גרופּע האָט מען אַרויסגעפירט אויף אַרבעט אויסערן לאַגער. אָבער די וואָס זענען איבערגעבליבן אינעם לאַגער האָט מען באַפוילן צו זאָגן די פאָרשטייער פון רויטן קרייץ, אַז אין לאַגער איז אַלץ אין בעסטער אָרדענונג...״

די אַרבעט אין די עסטאָנישע לאַגערן

די קאַצעטלער און די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע האָבן געליפערט דעם „דרישן רייך" אַ זייער ביליקע אַרבעט, פּאַקטיש אַן שום לוין, חוץ דער הונגער־באַשפּייזונג און וווינען אין די לאַגער־באַראַקן ביי דער גרעסטער ענגשאַפט.

(היות מיר באַשעפטיקן זיך נישט אין אונדזער בוך מיט דער פאָרשונג פון די געפאַנגענע־לאַגערן, באַגנוגענען מיר זיך נאָר מיט דער פאַרצייכענונג פונעם פאַקט; און דאָס קאַפּיטל איז נוגע בלויז די אַרבעטס־פּראָבלעמען פון די לאַגערניקעס).

דער עיקר־ציל פון דער קאַצעטן־אַרבעט אין עסטאָניע, איז, ווי שוין געזאָגט, געווען פאַר די דרינגנדיקע נויטן פון דער ווערמאַכט. אין דעם ענין פלעגן פאָרקומען ענדערונגען לויט די באַדינגונגען פון דער צייט.

ווען ס'זענען געבראַכט געוואָרן די לאַגערניקעס קיין יאַגאַלאַ, נאָך דער שחיטה אין קאַלעווי־ליוואַ, איז זייער עיקר־באַשעפטיקונג געווען דאָס סאָרטירן די בגדים און ווערטזאַכן פון די דערמאָרדעטע[1]. די לאַגערניקעס זענען אויך באַשעפטיקט געווען ביים אָפּרייניקן די וועגן פון שניי, ווי אויך ביי וואַלד־ און לאַנד־אַרבעט אין דעם גוט קאָסטיווערע.[2] ווען יאַגאַלאַ איז ליקווידירט געוואָרן זענען זיינע לאַגערניקעס אַריבערגעפירט געוואָרן קיין טאַלין און דאָרט האָבן זיי געאַרבעט ביים אויפרוימען די חורבות נאָך סאָוויעטישע באָמבאַרדירונגען, ווי אויך ביים איבער־בויען די צעשטערטע בנינים.[3]

האַרבסט 1943, ערב די דעצידירנדיקע שלאַכטן צווישן ראַטנפאַרבאַנד און נאַצי־דייטשלאַנד אויפן לענינגראַדער פראָנט, ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די בענ־זין־זאַפּאַסן פונעם רייך זענען שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן; און ס'זענען פאַראַן גרויסע שוועריקייטן ביים צושטעלן בענזין צום צפון־פראָנט — האָט די אַרבעט פון די קאַצעטלער געהאַט צוויי נייע הויפּט־אויפגאַבן: א) אַרבעט אין די סלאַנייעץ־שאַכטן פאַר דער פּראָדוקציע פון סינטעטישן ברענשטאָף. ב) אַרבעט פאַרן געברויך פון דער דייטשער אַרמיי, ווי למשל, בויען שאָסייען, לייגן באַן־רעלסן, גראָבן טראַנ־שייען קעגן טאַנקן, אַרבעטן ביים אויפשטעלן בונקערס, ווי אויך פאַרשידענע בעטאָן־אַרבעטן.

לאָמיר מאַכן אַן איבערבליק איבער די עדות־זאָגונגען און די דאָקומענטן, כדי צו לערנען פון דעם, ביי וועלכע סאָרטן אַרבעט זענען די לאַגערניקעס

געווען באַשעפטיקט? וואָס איז געווען זייער חשיבות פאַר דער דייטשער אַרמיי? ס'וועט אונדז ווערן קלאָר צוליב וואָס איז די דייטשע מאַכט שוין אין יענער תקופה געווען גרייט מזכה צו זיין די קאַצעטלער מיט אַ צייטווייליק לעבן אַלס „באַלוינונג" פאַר זייער אַרבעט?

די עיקר־אַרבעט איז געווען געבונדן מיט דער פּראָדוקציע פונעם סינטעטישן ברענשטאָף אין די סלאַנייעץ־שאַכטן. ביי די דאָזיקע אַרבעטן זענען געווען באַשעפטיקט די לאַגערניקעס פון ערעדאַ, וויוויקאָני, קונדאַ און קיוויאָלי. אין די דאָזיקע שאַכטן האָבן געאַרבעט אַחוץ די יידן אויך טויזנטער סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע.

ביים צוגרייטן מיליטערישע באַפעסטיקונגען האָבן געאַרבעט די לאַגערניקעס פון ערעדאַ, הונגענבורג, וויוויקאָני, לאַגעדי און קיוויאָלי. די בעטאָן־פּראָדוקציע איז געווען פאַר די מיליטערישע באַפעסטיקונגען. דער בעטאָן פלעגט געשיקט ווערן פון קלאָגע קיין דייטשלאַנד, דווינסק און אַנדערע שטעט. אין קלאָגע איז מען אויך געווען ספּעציעל באַשעפטיקט ביי דער פּראָדוקציע פון אונטערוואַסער־מינעס.

קאַצעטלער פון אייניקע לאַגערן האָבן געאַרבעט ביים בויען באַן־וועגן פאַר מיליטערישע צוועקן; די לאַגערניקעס פון אַאַוואַראַ האָבן געבויט אַ באַן־וועג, וואָס האָט געזאָלט פאַראייניקן דעם פינישן אויסגוס מיט דער פּייפּוס־אָזיערע. די לאַגערניקעס פון אַזאַרי האָבן געלייגט רעלסן אויף אַ ליניע ביים פינישן אויסגוס. די פון אילינורמע האָבן געלייגט באַן־רעלסן אויף דער ליניע וויעליקיע לוקי—ריגע. מיטן לייגן באַן־רעלסן האָט מען זיך אויך באַשעפטיקט אין ערעדאַ, וויוויקאָני, ווייוואַראַ, סאַסקי. אין קורעמע האָט מען געבויט אַ שמאָלע באַן־ליניע, וועלכע האָט געפירט צום פּראָנט. אין קיוויאָלי האָט מען באַשעפטיקט די אַרבעטער ביים פאַרריכטן די באַן־ליניעס. אין וויוויקאָני אויך ביים אויפשטעלן פאַרצוימונגען, בכדי אָפּצוהיטן, אַז די באַן־ליניע זאָל נישט פאַרשאָטן ווערן מיט שניי אין די ווינטער־טעג.

מערערע לאַגערניקעס זענען געווען באַשעפטיקט ביי וואַלד־אַרבעטן, ביים שניידן ביימער און פירן זיי אין די זעגערייען, און פון דאָרטן אין די לאַגערן, ווו מען האָט דאָס געהילץ באַנוצט צו בוי־אַרבעטן און צום אויפשטעלן באַראַקן. וועגן דער אַרבעט אין די וועלדער האָבן דערציילט עדות פון די לאַגערן גאָלדפּילץ, וויוויקאָני, קורעמע, קיוויאָלי, ערעדאַ.

וועגן גרויסע זעגערייען, וועלכע זענען אויפגעשטעלט געוואָרן נעבן די לאַגערן האָבן דערציילט די עדות פון גאָלדפּילץ, וויוויקאָני, יעווע, קלאָגע.

וועגן די אַרבעטן וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן אויפשטעלן באַראַקן, האָבן דערציילט די עדות פון די לאַגערן וויוויקאָני, ערעדאַ, קורעמע און מערערע עדות פון קלאָגע.

אַ סך לאַגערניקעס זענען געווען באַשעפטיקט ביים בויען שאָסייען, ווי אינעם וואַלד נעבן יעוויע, ביים שאָסיי ווענסקי—נאַרוואַ—סאָסקי, ווי אויך ביים בויען אַ שאָסיי איבער די בלאָטעס פון פּוטקי.

וועגן גראָבן אַנטי־טאַנק־טראַנשייען דערציילן די עדות פון וויוויקאָני, לאַגעדי א׳, לאַגעדי ב׳. ביי די אַרבעטן וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן מאַסקירן די אַנטי־טאַנק־טראַנשייען, זענען געווען באַשעפטיקט די קאַצעטלער פון לאַגעדי א׳.

עדות דערציילן וועגן בויען בונקערס קעגן לופט־אַנגריפן און קעגן טאַנקען.

עס ווערט אויך דערציילט וועגן דער אַרבעט אין די בעטאָן־פאַבריקן פון נאַרוואַ און קיוויאָלי: אין דער אייל־פאַבריק פון נאַרוואַ, אין דער געווער־פאַבריק פון קיוויאָלי, אין דער שוך־פאַבריק און אין דעם וואַרשטאַט פאַר מיליטערישע שטיוול אין קלאָגע.

מערערע לאַגערניקעס פון יעוויע זענען געווען באַשעפטיקט ביים אויפשטעלן אַ מיליטעריש קריג־שפּיטאָל.

ביי פּאָרט־אַרבעטן זענען געווען באַשעפטיקט, נישט נאָר די טאַלינער קאַצעט־לער אין פּאָרט טאַלין, נאָר אויך פון סאָסקי אין האַראַדענקאָ, און די קאַצעטלער פון קלאָגע אין „באַלטיסקי פּאָרט״ (10 קילאָמעטער ביי קלאָגע).

מערערע לאַגערניקעס זענען אָפט געווען באַשעפטיקט ביים לאָדענען און אַרי־בערטראָגן משאות אין ערעדאַ, קלאָגע און יעוויע. אין קלאָגע איז צו דעם צוועק ספּעציעל אויפגעשטעלט געוואָרן אַ טראַנספּאָרט־בריגאַדע. די פרויען אין קלאָגע זענען געווען געצוווּנגען צו טראָגן שווערע משאות מיט שטיינער.

אַ צאָל קאַצעטלערינס זענען געווען באַשעפטיקט אין יעדן לאַגער ביי קיך־אַרבעטן: שיילן קאַרטאָפל און קאָכן. אין אייניקע לאַגערן זענען די קאַצעטלערינס געווען באַשעפטיקט אין די קיכן פון נישט־קאַצעטלער, וועלכע האָבן אָבער געהאַט אַ שייכות צו דער אַרבעט פון די קאַצעטלער, ווי אין דער האָלענדישער קיך אין וויוויקאָני, אין דער קיך פון די אינזשעניערן אין קיוויאָלי, אין דער קיך פון דער גרויסער פאַבריק אין קיוויאָלי, און אַפילו אין אַ מיליטערישער קיך פאַר אָפּגע־שוואַכטע זעלנער — אין גאָלדפילץ.

אין די שטיין־האַקערייען זענען געווען באַשעפטיקט די לאַגערניקעס פון אַזאַרי, וויוואַראַ. די אַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיט שטופּן וואַגאָנעטקעס מיט שטיינער.

ביי שניידער־אַרבעט פאַר די עסטאָנישע פאָסטנס זענען געווען באַשעפטיקט די פרויען פון לאַגער וויוויקאָני.

נישט ווייניק לאַגערניקעס זענען געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע רייני־קונגס־אַרבעטן: רייניקן די מיליטערישע און ס.ס.־קאַזאַרמעס אין קיוויאָלי, רייניקן

די וועגן אין קיוויאַלי, רייניקן די געביידעס אין קלאָגע. ביים אויסברוקירן דעם אַפּעל־פּלאַץ זענען געווען באַשעפטיקט די לאַגערניקעס פון קיוויאַלי.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז אַ געוויסע צאָל לאַגערניקעס געווען באַשעפטיקט אין די לאַגער־וואַרשטאַטן ביים צוגרייטן הילצערנע שיך און בגדים פאַר די לאַגערניקעס. אין קלאָגע זענען אויפגעשטעלט געוואָרן מערערע וואַרשטאַטן פאַר מיליטערישע צוועקן, ווי שלאָסערייען אויסצואַרבעטן טיילן פון מאַשינען, וואַרשטאַטן פאַר עלעקטרישע און ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, שניידער־וואַרשטאַטן פאַר מיליטער, סטאָליערייען, וואַרשטאַטן פאַר אייוועלעך, וואַרשטאַטן פאַר שילדן, פאַר וואַנט־מאָלעריי. ס׳זענען דאָרטן אויך געבויט געוואָרן וועשערייען פאַר די פּאָסטנס פון לאַגער און פאַר די קאַצעטלער.

אין וויוואַראַ זענען די לאַגערניקעס געווען באַשעפטיקט מיטן צושטעלן בענזין פאַר די אויטאָס, וואָס האָבן געפירט מאַטעריאַלן פאַר די לאַגערן.

אין אַ ריי לאַגערן בכלל און אין קאָטלאַ־יאַרווע (ביי ערעדאַ) בפרט, זענען די קאַצעטלער געווען באַשעפטיקט אַלס אויטאָ־מעכאַניקער, ס׳הייסט ביים פאַרריכטן באַשעדיקונגען פון מיליטערישע אויטאָס.

פונעם דאָזיקן איבערבליק איז צו זען, אַז די עיקר־אַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיט דער מיליטערישער אינדוסטריע און מיט די טאָג־טעגלעכע געברויכן פון מיליטער.

לאָמיר איצט איבערגעבן פּרטים, לאַגער נאָך לאַגער, כדי צו לערנען ווי אַזוי און אין וועלכע באַדינגונגען ס׳זענען אויסגעפירט געוואָרן די דאָזיקע אַרבעטן און וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן פאַרן דייטשן קריגס־פּאָטענציאַל.

אַאוווּאַראַ: די לאַגערניקעס האָבן געאַרבעט ביים אויפשטעלן אַ באַן־ליניע וואָס האָט געזאָלט פאַרבינדן די פּייפּוס־אָזיערע מיטן פינישן אויסגוס. פון דער נאָענטער סטאַציע פלעגט מען ברענגען זאַמד און שטיינער און די לאַגערניקעס זענען געשטאַנען ביז די קני אין דער בלאָטע, כדי אויסצוגלייכן דעם שטח.[4]

אזארי: מען האָט געאַרבעט אין שטיינהאַקערייען ביים פינישן אויסגוס פון באַלטישן ים [5] און ביים לייגן באַן־ליניעס [6].

אילינורמע: 150 לאַגערניקעס זענען געווען באַשעפטיקט 6 חדשים, ביז זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין קייזערוואַלד, ביים לייגן די באַן־ליניע ריגע—וועליקיע־לוקי [7]. ווען די לאַגערניקעס זענען אָנגעקומען קיין אילינורמע איז שוין געווען פאַרטיק אַ טייל פון דער דאָזיקער באַן־ליניע — דער אָפּשניט דאָרפּאַט—אילינורמע [8]. די לאַגערניקעס האָבן ווייטער ממשיך געווען די אַרבעט אין דער ריכטונג פון דער פּייפּוס־אָזיערע [8].

גאָלדפילץ: מערערע לאַגערניקעס, צווישן זיי דער מחבר פונעם בוך, האָבן

געאַרבעט אין דער זעגערײַ, ווי אויך בײַ אַרבעטן שײַכותדיקע צו דער זעגערײַ, ווי האַקן ביימער אין וואַלד (מענער), שנײַדן ווײַצעס (פרויען). די אָפּגעשניטענע ביימער האָט מען געברענגט אין דער זעגערײַ, דאָרט זײַ צעשניטן אויף ברעטער און אַריבערגעפירט צו דער נאָענטער באַן־סטאַציע. די ברעטער זענען אָנגעקומען אין פאַרשידענע לאַגערן פאַר באַראַקן־בוי [9].

אַ געווויסע צײַט האָבן זיך אין לאַגער גאָלדפילץ געפונען 1000 קאַצעטלער. מ'האָט זײַ צעטײלט אין 10 גרופּן, צו 100 מאַן אין אַ גרופּע. בראש פון יעדן הונדערטל איז געשטאַנען אַן אויפזעער, און בראש פון זײַ אַלעמען איז געשטאַנען אַן „אָטע"־מאַן, וואָס זײַן צונאָמען איז געווען „דאָס שיפּעלע" (צוליב זײַן היטל וואָס האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ שיפּעלע). אַ גרופּע פון 28 מאַן איז געווען באַשעפטיקט ביים טראָגן די רעלסן פון דער באַן־ליניע [10].

במשך פון דער צײַט איז געוואַקסן אין גאָלדפּילץ די צאָל פון אַלטע און שוואַכע. בכדי זײַ אָפּצוראַטעווען פון אַ סעלעקציע, האָט די יידישע לאַגער־אַדמיניסטראַציע אויפגעשטעלט פון זײַ אַ ספּעציעלע וואַלד־בריגאַדע. 150 זקנים און שוואַכע פלעגן יעדן פרימאָרגן אַרויסגעפירט ווערן אויף וואַלד־אַרבעט אויסערן לאַגער. אַ סך פון זײַ זענען באמת געווען קראַנקע פון רעוויר. זײַ פלעגן אַרומגיין באָרוועסע און שטענדיק געליטן הונגער. די לאַגערניקעס פלעגן זײַ רופן די „שווערע בריגאַדע". די יידישע „פאָראַרבייטער" פלעגן זיך באַמיען, אַז זײַ זאָלן דאָרטן טאָן די סאַמע לײַכטע אַרבעט, ווי טראָגן ווײַצעס. זייער גיין אויף וואַלד־אַרבעט איז פּאַקטיש געווען נאָר אַן אויסבאַהאַלטן זיך פון אַ דײַטשיש אויג.[11]

הונגענבורג: דאָרט האָבן געאַרבעט 300 לאַגערניקעס. די מערהייט פון ווילנער געטאָ און אַ ביסל פון קאָוונער געטאָ. זײַ פלעגן גיין צו דער אַרבעט יעדן טאָג עטלעכע קל"מ צופוס. דאַן פלעגן זײַ מוזן אַריבערשווימען דעם טײַך נאַרעוו אין אַ שיפּל אין משך פון צוואַנציק מינוט. די ענגשאַפט אינעם שיפּל איז געווען זייער גרויס, ווײַל דאָרטן איז געווען פּלאַץ נאָר פאַר הונדערט מאַן, און מען פלעגט אַריבערפירן מיט איין מאָל אַלע דרײַ הונדערט. אויפן אַרבעטס־פּלאַץ פלעגן די לאַגערניקעס ווערן צעטײלט אין צוויי קאָמאַנדאָס: איינע צו זעגן ביימער און די אַנדערע אויפצושטעלן בונקערס. בעתן אויפשטעלן דעם בונקער פלעגט מען באַצייכענען מיט ציפערן זײַנע פאַרשידענע טײלן, דאַן פונאַנדערנעמען דעם בונקער און אַריבערפירן די צענומענע חלקים — צום פראָנט. די לאַגערניקעס האָבן געהאַלטן, אַז דאָס זענען ספּעציעלע בונקערס, וועלכע זענען באַשטימט, אַז דאָרטן זאָלן זיך אויסבאַהאַלטן די אָפיצירן אויף די פראָנטן [11].

וויוויקאָני: די עיקר־אַרבעט איז געווען אין די סלאַנייעץ־שאַכטן [12] די מענער פלעגן אויפרײַסן מיט דינאַמיט די סלאַנייעץ־פעלדזן, די פרויען פלעגן פירן וואַגאָנעטקעס מיט די אויפגעריסענע שטיינער [13].

ביי וויוויקאָני איז געווען אַן עסטאָנישע פאַבריק, וואָס האָט אויסגעאַרבעט סינטעטישן בענזין פון טאָרף־שטיינער („לופעק"). די דאָזיקע פאַבריק האָט געהייסן „באַלט־אייל" (סילאַם) [14].

מערערע האָבן געאַרבעט ביי וואַלד־אַרבעט [15], ביים שניידן האָלץ [16], ביים בויען באַן־ליניעס [17], ביים אויפשטעלן פאַרקאַנעס, בכדי אָפּצוהיטן, אַז די באַן־ליניעס זאָלן אין די ווינטער־טעג נישט פאַרשאָטן ווערן מיט שניי [18], ביים בויען בונקערס און באַראַקן [19].

אַ גרופּע לאַגער־פרויען האָט געאַרבעט אין דער האָלענדישער קיך (פּאַראַלעל צום יידישן לאַגער איז אויך געווען אַ באַזונדערער באַראַק פאַר די האָלענדער).[20] אַ צווייטע גרופּע לאַגערניצעס האָט געאַרבעט ביים קאַרטאָפל־שיילן. אַ דריטע גרופּע פרויען איז געווען באַשעפטיקט ביים נייען פאַר די עסטאָנישע פאַסטנס [21].

אין וויוויקאָני פלעגט מען געבן אַ „צוגאָב פאַר גוטער אַרבעט" און דערמיט פלעגט מען באַווייגן די לאַגערניקעס זיי זאָלן אַרבעטן איבער זייערע כוחות [21]. אייניקע עדות דערציילן, אַז דער צוגאָב איז באַשטאַנען פון הונדערט גראַם ברויט אַ טאָג [21], און אַנדערע דערציילן, אַז פאַר אַרבעט איבער דער נאָרמע פלעגט מען באַקומען אַ צוגאָב פון אַ גוטער זופּ „מיט אַרבעס".[21] נאָכן צוריקקומען אין לאַגער פלעגן די קאַצעטלער מוזן ברוקירן דעם אַפּעל־פּלאַץ [22]

פּרטים וועגן דער סלאַנייעץ־אַרבעט גיט איבער י. ד. האַרמאַץ (5, 6): „...דער סלאַנייעץ האָט זיך געפונען אין גרויסע פעלדזן. מען פלעגט אויפרייסן דעם באַרג מיט דינאַמיט און די פעלדזן פלעגן זיך פונאַנדערפאַלן. די גרויסע שטיינער האָט מען געפירט קיין קאָטלאַ־יאַרווע, ביי ערעדאַ, כדי פון זיי אַרויסצוציען ברענשטאָף; מיט די קליינע שטיינדלעך, דעם ברוך, פלעגט מען אָנצינדן פייער אין די אייוועלעך. בעתן צושטעלן אַ ברענענדיק שפּענדל צום פייכטן שטיין, פלעגט ער זיך אָנצינדן און ברענען.

אַ געוויסע מענער־גרופּע האָט מען אָנגערופן „שאַכטיאָרן". זיי האָבן געאַרבעט 40 מעטער טיף אונטערן אויבערפלאַך. זיי האָבן עס אויפגעשטעלט די ערשטע שאַכטן פון סלאַנייעץ. זיי פלעגן זיך אויך פאַרנעמען מיטן אויפרייסן די פעלדזן און פירן די שטיינער. אין דער דאָזיקער גרופּע זענען געווען די יינגסטע און קרעפּטיקסטע בחורים.

אַ טייל מענער און פרויען האָבן געאַרבעט „אויבן" (דאָס האָט זיך גערופן „קאַריעראַ"). דאָרט פלעגט מען סעגרעגירן די שטיינער לויט זייער קוואַליטעט און זיי אָנלאָדן אויף וואַגאָנעטקעס. די „מייסטערס" (אַרבעט־אויפזעער) זענען געווען עסטאָניער. די סלאַנייעץ־שאַכטן זענען געווען דאָס גאָלד פון עסטאָניע. פאַר דער מלחמה האָט דער סלאַנייעץ געהערט צו אַ שווייצאַרישער פירמע.

וויִיוואַראַ: פון פרימאָרגן ביז אָונט האָט מען געאַרבעט ביים בויען אַ באַן־ליניע און ביים צוגרייטן מיליטערישע שוץ־גרובנס[23]. מען האָט געבויט לאַנגע אַנטי־טאַנק־טראַנשייען[24], אויך דאָקטוירים זענען דערביי געווען באַשעפטיקט[25] מען האָט געאַרבעט ביי וואַלד־אַרבעט צווישן די זומפן און ביים טראָגן קלעצער[26] מען איז געשטאַנען ביז די קני אין וואַסער און אַרויסגענומען וואָרצלען פון וואַסער.[27] אַנדערע זענען געווען באַשעפטיקט ביי שטיינהאַקעריי און ביים צעקלאַפּן די גרויסע שטיינער אויף ברוך.[28]

אייניקע זענען געווען באַשעפטיקט ביי דער בענזין־סטאַציע לעבן לאַגער. ווי שוין געזאָגט, איז וויִיוואַראַ געווען דער צענטראַל־לאַגער פון עסטאָניע. אַהינצו פלעגן אָנקומען פאַרשיידענע לאַסט־אויטאָס, וועלכע פלעגן דאָרט באַזאָרגט ווערן מיט די נייטיקע מאַטעריאַלן און פּראָדוקטן פאַר די איבעריקע לאַגערן. דאָ פלעגן די אויטאָס אויך באַזאָרגט ווערן מיט בענזין.[29]

אין וויִיוואַראַ זענען געווען וואַרשטאַטן; די דייטשן פלעגן עס אָנרופן „האַנט־ווערקערשטובע", אַנדערע — „שניידערשטובע". די שניידער, שוסטער, זייגערמאַכער און מאָלערס האָבן פאַרנומען אַ האַלבן באַראַק, די צווייטע העלפט — דער רעוויר פון לאַגער.[30]

אַחוץ דער נאָרמאַלער לאַגער־פּראָדוקציע, פלעגן אין די דאָזיקע וואַרשטאַטן אויסגעאַרבעט ווערן אין געהיים פון די עודף־שטאָפן פשוטע מלבושים און קאַשקעטן. די דאָזיקע „סחורה" פלעגן די לאַגערניקעס אַרויסשמוגלען פון לאַגער פאַרן אויסטויש־האַנדל מיט די פּויערים פון דער אומגעגנט.[30]

יעווע. די לאַגערניקעס זענען באַשעפטיקט געווען ביים אויפבויען אַ מיליטערישן שפּיטאָל.[31] זיי האָבן אויך געלייגט פונדאַמענטן פאַר אַנדערע געביידעס, און פאַרנומען זיך מיט פאַרשידענע טראַנספּאָרט־אַרבעטן, ווי אויסלאָדן קוילן־טראַנספּאָרטן, בויען באַן־ליניעס, שאָסייען־בוי און האָלץ־פאַרגרייט.[32]

לאַגעדי: אין לאַגעדי א' האָט מען סוף אויגוסט 1944 געאַרבעט ביים בויען בונקערס.[33] מע פלעגט גיין אַכט קילאָמעטער פון לאַגער, בכדי צו בויען לאַנגע טראַנשייען,[34] און מאַסקירן זיי מיט וויצעס.[35]

וועגן לאַגעדי ב' ווייסן מיר, אַז די אסירים האָבן געאַרבעט אויסערן לאַגער „אויף דער שטרעקע"[36] ביים גראָבן שוץ־טראַנשייען.[37] אייניקע יידן האָבן געאַרבעט אין דער ס.ס.־קיך, אַ קילאָמעטער ווייט פון לאַגער.[38]

נאַרוואַ: די עיקר־אַרבעט איז דאָרט געווען דאָס בויען שוצגראָבנס קעגן לופט־אַנגריפן און קעגן טאַנקן. די קאַצעטלער זענען געווען באַשעפטיקט אין די פאָלגנדיקע דייטשע פירמעס:[39]

לענץ, וואָס פלעגט בויען שוצגראָבנס („שוצגראַבענבאַו"); שרעדער, וואָס האָט געבויט שאָסייען („שטראַסענבאַו"); פּילצער, האָלץ־אַרבעטן; העבעל —

טראַנשייען קעגן טאַנקן („טאַנקענשוצגראַבען").[40] די לאַגערניקעס פלעגן רופן די שוצטראַנשייען בונקערס.[40] אַ טייל האָט געאַרבעט אין אַ צעמענט־פאַבריק און אַ טייל אין אַן אייל־פאַבריק.[41]

אַ ספּעציפישע אַרבעט איז געווען דאָס ברענען די מתים אין לאַגער־קרעמאַ־טאָריע אין נאַרווע. דאָס איז געווען אַ גרויסער אויוון אין קעלער אונטערן לאַגער.[42] אויך אין די אַנדערע לאַגערן פלעגט מען ברענען מתים, אָבער אויף אַ פּרימיטיוון אופן: אויף שייטערס אין נאָענטן וואַלד.[43]

סאַנדאַ: די אַרבעט איז געווען אונטערן אויפזיכט פון „אָטע". אין וואַלד האָט מען געשניטן ביימער, צעזעגט זיי אין דער זעגערײַ און געבויט פון דעם בונקערס פאַרן מיליטער. די בונקערס זענען געווען געבויט פון קלעצער. יעדער בונקער איז געווען 3—4 מעטער לאַנג; דריטהאַלבן מעטער ברייט; דריטהאַלבן מעטער הויך; די בונקערס פלעגט מען שיקן צום פראָנט מיט דער נאָענטער באַנסטאַציע ביי סאַנדאַ. די לאַגערניקעס האָבן אויך געאַרבעט אין פיר מיליטערישע שעכט־הייזער ביים טראָגן משאות.[44]

סאַסקי: אַ סך לאַגערניקעס זענען געווען באַשעפטיקט ביים בויען דעם שאָסיי פון סאָסקי ביז וועסקי־נאַרוואַ, אַ שטעטעלע ביי דער פּייפּוס־אָזיערע.[45] אַנ־דערע האָבן געבויט אַ שמאָלע באַן־ליניע.[45] דרייסיק מאַן האָבן געאַרבעט אין פּאָרט האַראַדענקאַ.[45]

ערעדאַ: די עיקר־אַרבעטן פלעגן אויסגעפירט ווערן דורך די לאַגערניקעס פון דער „אויבערשטער ערעדאַ"; ווי געזאָגט, זענען אין דער „אונטערשטער ערעדאַ" געווען קאָנצענטרירט די ניט־פעיקע צו אַרבעט. מען האָט זיך פאַרנומען מיט בויען אַ שמאָלע באַן־ליניע, מיט בויען שאָסייען,[46] מיט אויפשטעלן באַראַקן, און בעיקר מיט שאַכט־אַרבעטן.[46]

די בוי־אַרבעטן האָט געפירט די פירמע ראָבערט בעקער,[47] ווי אויך די פירמע האַן.[48]

מען האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט בויען אַ פּאָמפּע־סטאַציע,[49] און מיט בויען פעסטונגען ביים ברעג פון פינישן אויסגוס [50] (דאָס זענען געווען פּאָזיציעס פון אַרטילעריע און מעכאַניש געווער, אַן ערך 15—20 קילאָמעטער פון ערעדאַ).

נאָך דעם ווי מען האָט אַרויסגעפירט פון דער אונטערשטער ערעדאַ אַרבעטס־אומפעיִקע, האָט מען די איבערגעבליבענע (די אַזוי גערופענע אַרבעטס־פעיִקע) באַשעפטיקט ביי וואַלד־אַרבעט.[51]

מען האָט אויך געבויט אין דער „באַוּשטעלע" באַראַקן פאַר דייטשן.[52]

אָפט זענען די דיסטאַנצן צווישן דעם לאַגער און דעם אַרבעט־פּלאַץ געווען זייער ווייטע. אַזוי, למשל, פלעגן די לאַגערניקעס פון ערעדאַ גיין טאָג־טעגלעך

צופוס קיין קאַטלאַ־יאַרוואַ 10 ק"מ אַהין און 10 ק"מ צוריק.[53] צו די פעסטונגען פלעגט מען פירן 20 ק"מ אַהין און צוריק. [54]

די פרויען, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון יאַגאַלאַ אין דער טאַלינער תפיסה, און פון דאָרטן קיין ערעדאַ, האָבן געאַרבעט ביים שניידן און אַריבערטראָגן ביימער; ביים בויען באַראַקן; ביים אויסלאָדן וואַגאָנען; ביי וואַסער־רערן, ווי אויך ביי דער פּראָדוקציע פון סלאַנייעץ („אויסשאַכטען").[55]

לויט מערערע עדות איז די אַרבעט אין די שאַכטן פאַר דער פּראָדוקציע פון סינטעטישן ברענשטאָף געווען איינע פון די עיקר־אַרבעטן אין ערעדאַ.[100]

פּוטקי: די לאַגערניקעס זענען דאָ געווען באַשעפטיקט ביים אויפבויען אַ שאָסיי איבערן זומפּ.[55א]

קונדע (פּאָרט־קונדע): די מענער־קאַצעטלער האָבן געאַרבעט אין די שאַכטן ביים גראָבן שטיינער פאַר די פאַבריקן; די פרויען האָבן סאָרטירט די קוילן און אָנגעשאָטן זיי אין די וואַגאָנען.[56] די נאָרמע איז געווען לויט דער טעגלעכער פּראָדוקציע פון די עסטאָנישע אַרבעטער. ווינטער, אין די ליכטיקע נעכט, האָט מען געאַרבעט ביי טאָרף. די אַרבעט איז געווען אין דריי שיכטן, יעדע שיכט — 8 שעה. אַחוץ די שעהען פון גיין צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט. אייגנטלעך, האָט די פאַבריק „אָפּגעקויפט" די אַרבעט פון די לאַגערניקעס ביי די דייטשן, און די פאַבריק האָט טאַקע געצאָלט די דייטשן פאַר דער אַרבעט פון די יידישע לאַגערניקעס.[56א]

קורעמע: דאָ האָבן די לאַגערניקעס געאַרבעט ביים לייגן רעלסן פאַר אַ שמאָלער באַן־ליניע, וואָס האָט געפירט ביזן פּראָנט,[57] אין אַ בוישטעלע לעבן לאַגער [58] און ביי וואַלד־אַרבעטן;[59] אַ גרעסערע גרופּע האָט געאַרבעט אין די לאַגער־וואַרשטאַטן, בעיקר ביי שוסטעריי־אַרבעט און ביים צוגרייטן די קלומפּעס.[60]

קיוויאַלי: די וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון ווייוואַראַ האָבן דערציילט, אַז זיי זענען געווען באַשעפטיקט ביים אויפשטעלן אַ פאַבריק פון בעטאָן.[61] דאָרטן האָבן אויך געאַרבעט סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. די פון ערעדאַ האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געאַרבעט ביים גראָבן טראַנשייען און לייגן באַן־רעלסן.[62] די פרויען, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן פון ביסטריצאַ האָבן געאַרבעט ביים בויען בונקערס;[63] פּופּצן פון זיי האָבן געאַרבעט ביי וואַלד־אַרבעט; אַנדערע — אין די קאַזאַרמעס פון ס.ס. און מיליטער ביים רייניקן.[63]

מערערע עדות דערמאָנען די אַרבעט ביים סלאַנייעץ און אין דער פאַבריק פון סינטעטישן בענזין. דאָרטן האָבן אויך געאַרבעט סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע און ציווילע עסטאָניער.[64] אַרום דרייסיק קיוויאַלער לאַגערניצעס האָבן געאַרבעט אין קיך ביי דער פאַבריק פון ברענשטאָף, בעיקר ביים שיילן קאַרטאָפל[67]

אייניקע עדות דערמאָנען דאָס רייניקן די וועגן און עפנטלעכע פּלע־צער, נאָך דעם ווי די דייטשע מיליטערישע איינהייטן פלעגן דאָרט דורכגיין.[55]

אַ גרופּע קאַצעטלער האָט געאַרבעט אין דער קאַנטינע פון די אינזשיניערן. די מענער — ביים אָנגרייטן האָלץ פאַר דער קיך און די פרויען — ביים רייניקן די צימערן. אין דער קאַנטינע האָבן אויך געאַרבעט סאָוויעטישע קריגס־גע־פאַנגענע.[66]

אַ צווייטע גרופּע האָט געאַרבעט אין די לאַגער־וואַרשטאַטן ביי שניי־דעריי, שוסטעריי און היטלמאַכעריי. אַ גרופּע פרויען פלעגט פאַרריכטן העמדער פון די לאַגערניקעס.[66]

ק ל אָ ג ע: וועגן דער אַרבעט אין לאַגער קען מען אַ סך לערנען סיי פון די גביות־עדות פון די קלאָגער געראַטעוועטע, סיי פון נאַצישע דאָקומענטן, וואָס זענען געפונען געוואָרן אין קלאָגע נאָך דער שחיטה.

צוויי הויפּט־אונטערנעמונגען זענען געווען אין קלאָגע: די בעטאָן־ פּראָדוקציע (די אַזוי גערופענע „בלאָקן") און דער טאָרטאַק. די „בלאָקן" — דאָס איז געווען אַ ריין מיליטערישע אינדוסטרי — אויפצושטעלן פאַרפעסטיקונגען. דער טאָרטאַק האָט געדינט צוצוגרייטן געהילץ פאַר פאַרשידענע מיליטערישע צוועקן.

די מערהייט לאַגערניקעס דערמאָנען וועגן זייער אַרבעט ביי פאַרשידענע בעטאָן אויסאַרבעטונגען.[68] די עדות שטרייכן אונטער, אַז די אַרבעט איז געווען פאַר די מיליטערישע פאַרפעסטיקונגען.[69] די „בלאָקן" פלעגן אַריבערגעפירט ווערן צום טאַלינער פּאָרט, און פון דאָרט אויף שיפן אין פאַרשיידענע ערטער אין דייטשלאַנד. דער „בלאָק" איז באַשטאַנען פון אַ שטיק בעטאָן, אין וועלכן ס׳זענען געלעגן אייזערנע דראָטן, וואָס האָבן אים געגעבן שטאַנדהאַפטיקייט קעגן די באָמ־באַרדירונגען.[70] די עדות דערציילן אויך, אַז די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען אין אַ זייער שנעלן טעמפּאָ, אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון דייטשע און עסטאָנישע ס.ס.לייט.[69], [70] קרוק שרייבט: „די אַרבעט איז שרעקלעך".[71] ער ווייזט אָן, אַז די בעטאָן־אויסאַרבעטונגען פלעגן געשיקט ווערן אויך קיין דווינסק.[71]

דער עיקר פון דער בעטאָן־אַרבעט איז געווען אויסצוגיסן ציגל פאַר פונדאַ־מענטן צו געביידעס. ביי דער דאָזיקער שווערער אַרבעט האָבן אויך געאַרבעט פרויען. די ציגל זענען געווען גרויסע, 60 סענטימעטער די לענג און 25 סענטי־מעטער דיק. דער צעמענט פלעגט אָנקומען קיין קלאָגע אָן איבעררייס מיט ספּע־ציעלע באַנען. די אַרבעטער פלעגן דאַרפן שלעפּן אויף זייערע פּלייצעס זעק צו 50 קילאָ צעמענט.[72] עדות דערציילן, אַז פרויען, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביים טראָגן צעמענט זענען געווען געצוואונגען צו טראָגן די שווערע זעק במשך פון אַלע אַרבעט־שעהען, אָפט ביז 15 שעה אַ טאָג.[73] די זעק צעמענט פלעגט מען

דאַרפֿן טראָגן 150 מעטער פֿון דער באַן־סטאַציע ביז דער פֿאַבריק. דערביי פֿלעגן די וועכטער שלאָגן מיט שטעקנס.[74]

אָפֿט פֿלעגט מען אויפֿוועקן פּלוצעם, אין מיטן דער נאַכט, און צווינגען די לאַגערניקעס שלעפּן, אין געלויף, זעק מיט צעמענט פֿון 50 קילאָ.[75]

אין דער זעגעריי פֿון קלאַגע איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסער גאַטער (אַ מאַשין צו זעגן קלעצער). די אַרבעטער פֿלעגן שטיין אין וואַסער ביז די קני.[76] שפּעטער איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ גרויס „זעגעווערק". באַנען פֿלעגן אָן אויפֿהער ברענגען לאַדונגען פֿון קלעצער, וועלכע פֿלעגן דאָ צעזעגט ווערן אויף ברעטער,[76] פֿון וועלכע מען האָט אויפֿגעשטעלט סטאַנדאַרט־באַראַקן. די באַראַקן פֿלעגט מען אַריבערפֿירן פֿון קלאַגע אין אַנדערע לאַגערן.[78] מערערע באַראַקן זענען אויך געבראַכט געוואָרן קיין דאַרפֿאַט.[79]

די זעגעריי האָט זיך געפֿונען אין וואַלד לעבן לאַגער.[81] פֿון 4טן ביזן 10טן מאַי 1944, זענען אין דער זעגעריי געווען באַשעפֿטיקט 76 מענער און 50 פֿרויען[81]

אַ גרויסע אַרבעטס־איינהייט איז געווען באַשעפֿטיקט אין „באַראַקענבאַואָפּטיילונג". די מענטשן פֿון דער דאָזיקער איינהייט האָבן אין משך פֿון עטלעכע חדשים אויפֿגעבויט מערערע באַראַקן פֿאַר די אינדוסטריע־ און מלאכה־אַנשטאַלטן פֿון קלאַגע, ווי, למשל, פֿאַר דער אינדוסטריע פֿון קלומפּעס, פֿאַר די שניידער־ און שוסטער־וואַרשטאַטן, פֿאַר די מאַגאַזינען און פֿאַר די וווינונגען פֿון דייטשן און עסטאָניער.[82] בראש פֿון דער איינהייט איז אַ לענגערע צייט געשטאַנען דער אַכזריותדיקער אויפֿזעער פֿון אַאַכען, קאַראַל דוגאַרדען.

אין די „איינזאַץ־ליסטעס" פֿון קלאַגע ווערט די דאָזיקע איינהייט אָנגערופֿן „פֿעלדבאַראַקענבאַו". לויט דעם אַרבעטס־פּראָגראַם פֿון ערשטן ביזן צענטן מאַי 1944, זענען ביי דער אַרבעט געווען באַשעפֿטיקט 45 מענער און 310 פֿרויען;[81] פֿון דעם איז צו זען, אַז דאָס איז געווען אַן איינהייט פֿון זייער פֿיל פֿרויען, כמעט זיבן מאָל אַזויפֿיל ווי מענער.

פֿרילינג 1944 איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ נייע אָפּטיילונג צו פּראָדוצירן אונטערוואַסער־באָמבעס („ים־מינעס").[83] יעדע באָמבע האָט געוויגן אַן ערך אַ טאָן. די אַרבעט איז דאָ געמאַכט געוואָרן אין זייער אַ שנעלן טעמפּאָ. אָנגעפֿירט מיט דער אַרבעט האָט אַ זייער ווילדער און אַכזריותדיקער דייטש, וואָס מען האָט אים גערופֿן „חיה־רעה", אָדער „קרוציפֿיקס". די דייטשן פֿלעגן די איינהייט רופֿן „סיגנאַל־קיסטע"; די לאַגערניקעס — „סיגנאַלקאַ".[84] אין דעם דערמאָנטן אַרבעטס־פּראָגראַם ווערט די איינהייט גערופֿן מיטן נאָמען „סיגנאַלקיסטענבאַו". ביי דער דאָזיקער אַרבעט זענען געווען באַשעפֿטיקט 132 מענער און 138 פֿרויען[81] צווישן די פֿרויען זענען געווען יונגע מיידלעך און אויך עלטערע פֿרויען.[84] די אַרבעט פֿלעגט געמאַכט ווערן אין צוויי שיכטן: פֿון 2 ביינאַכט ביז 12 מיטאָג און

פון 12 ביז 10 אָוונט.[84] ביי דער „סיגנאַלקאַ״ האָט אויך געאַרבעט אַ קינדער־בריגאַדע אין עלטער פון 8 ביז 14 יאָר. זיי האָבן געמוזט, פּונקט ווי דערוואַקסענע, אויספירן אַלע שווערע אַרבעטן.[84] בכדי אויסצולאָדענען די באַנען, וואָס פלעגן אָנקומען יעדן טאָג, מיט קלעצער, צעמענט און אַנדערע מאַטעריאַלן, איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּע־ציעלע בריגאַדע, צו וועלכער ס׳זענען מאָביליזירט געוואָרן די שטאַרקסטע פון לאַ־גער, ממש „גבורים״.[86] די אָפּטיילונג האָט מען גערופן „טראַנספּאָרט־אַרבעטער״. אין אַרבעט־פּראָגראַם [81] ווערט זי אָנגערופן „טראַנספּאָרטקאָלאָנע״. אין דער איינ־הייט האָבן געאַרבעט 65 מענער און 50 פרויען, אָבער די עיקר אַרבעט, די טראַנספּאָרט־אַרבעט, איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די אַמאָליקע טרעגער־טראַנספּאָרטלער, וואָס האָבן געשמט פונעם פיזישן כוח זייערן און מ׳האָט זיי גע־רופן „די שטאַרקע״.[86]

אין אַ ספּעציעלער איינהייט האָבן געאַרבעט די שלאָסער און שמידן. אין דער אָפיציעלער ליסטע [81] האָט די איינהייט געהייסן „שמידע און שלאָסער״. די קאַ־צעטלער פלעגן עס רופן פשוט שלאָסעריי,[87] אָדער שלאָסער־וואַרשטאַטן. דאָ האָבן געאַרבעט אויסגעצייכנטע פאַכמענער; אין דער דאָזיקער איינהייט פלעגט מען אויך פאַרריכטן טיילן פון מאַשינען; דאָרט איז אויך געווען אַן אָפּטיילונג פאַר סטאָליעריי.[87]

אַ באַזונדערע חשיבות האָט געהאַט אַ קליינע אָפּטיילונג, אין וועלכער עס האָבן געאַרבעט 15 קאַצעטלער. דאָס זענען געווען די וואַרשטאַטן פאַר עלעקטריע און ראַדיאָ־אַפּאַראַטן.[87] אין זיינע רשימות וועגן קלאָגע שרייבט קרוק: [88] „...קלאָגע האָט שוין אייגענע עלעקטריע. די עלעקטריע איז אויפגעבויט געוואָרן דורך יידישע לאַגערניקעס״... די אויפגאַבע פון די עלעקטראָטעכניקער איז געווען אָפּצוהיטן די עלעקטריע זאָל פונקציאָנירן אין לאַגער ווי געהעריק. עס האָבן געטראָפן אין לאַגער צוויי פאַלן פון קורצשלוסן, האָט דער לאַגערפירער אַרויפגעוואָרפן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויפן טעכניקער דימענטשטיין (אָדער דימענטמאַן) און האָט אים באַשטראָפט מיט 25 שמיץ פאַר „סאַבאָטאַזש״; ער האָט אים אויך געדראָט מיט טויט־שטראָף, אויב אַזאַ פאַל וועט ווידער געשען.[87]

ראַדיאָ־אַפּאַראַטן זענען געווען נאָר אין דייטשע הענט; אָבער דאָס רעפּאַרירן איז איבערגעגעבן געוואָרן יידישע לאַגערניקעס, וואָס פלעגן דערביי הערן נייעס און פאַרשפּרייטן זיי אין לאַגער.[87] דער לאַגערעלטעסטער מעלצער האָט באַשטימט איין מאָל אין וואָך אַ צוגאָב־ראַציע פאַר די עלעקטראָטעכניקער, כדי צו הערן פון זיי די נייעס. „אפשר וועט עס העלפן אין אַן אומגליקס־טאָג״.[87]

ס׳איז אויך געווען אַן איינהייט, וואָס האָט געבויט אויוונס. אַלס פאַכמענער האָבן דאָרט געאַרבעט סאָוויעטישע „פּערעקולשטשיקעס״. די יידן זענען דאָרט

געווען באַשעפטיקט נאָר אַלס געהילפן. אַלס דערלאַנגער פון זאַמד, פון צעמענט און פון ציגל.[92]

אין דער וועשעריי האָבן געאַרבעט אַ סך פרויען. לכתחילה האָבן זיי געדאַרפט וואַשן די וועש פון די דייטשן און רוסן און דערנאָך ערשט פון די יידן. מיט דער צייט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסע וועשעריי און ס'איז אויך דערלויבט געוואָרן יידישע לאַגערניקעס אָפּצוגעבן איין מאָל אַ חודש צום וואַשן זייער וועש.[92]

אַ קליינע גרופּע מענטשן האָט זיך פאַרנומען מיט וואַנט־ און שילדן־מאָלעריי („מאַלערפערסאָנאַל").[81] דאָ האָט געאַרבעט דער טעאַטער־דירעקטאָר עפראַן און דער צייכענער יודל מוט, וואָס פלעגן צוגרייטן בילדער פאַר די דייטשן און פלעגן דערפאַר באַקומען פון זיי פּראָדוקטן אַלס מתנה.[92]

אַ ספּעציעלע בריגאַדע האָט זיך פאַרנומען מיט וואַשן און רייניקן די געביידעס און די באַראַקן, בעיקר מיט וואַשן די פּאָדלאָגעס. דערמיט האָבן זיך באַשעפטיקט די פרויען.[92]

קרוק דערמאָנט אויך אַ „פאַרבעריי", ווי אויך אַרבעט ביים בויען מאָטאָרן.[93] ביי שטיין־אַרבעט האָבן אויך געאַרבעט פרויען. זייער נאָרמע איז געווען אַריבער־צופירן 4 טאָן שטיינער טעגלעך.[94] אין דעם אָפיציעלן אַרבעטס־פּראָגראַם איז פאַרצייכנט, אַז אין די „בונקערשטיינע" זענען טעגלעך געווען באַשעפטיקט 36 מענער און 162 פרויען.[81]

פאַראַן עדות, וואָס דערציילן וועגן סעגרעגאַציע־אַרבעט ביי די בגדים פון די הרוגים אין עסטאָניע[85] און וועגן פאַרשידענע אַנדערע אַרבעטן.[101]

אין אונדזערע הענט געפינען זיך אייניקע טאַבעלן בנוגע דער אַרבעטס־פאַרטיילונג אין קלאָגע. פון דער טאַבעלע פונעם 5־טן מאַי 1944 לערנען מיר, אַז אין קלאָגע האָט מען געאַרבעט דעם גאַנצן מעת־לעת, אָן איבעררייס, אין דריי שיכטן: ערשטע שיכט — פון 3 פאַרטאָג ביז 12 בייטאָג (9 שעה אַרבעט); „טאָג־שיכט" — פון 5.30 פרי ביז 18.30 נ"מ. (13 שעה אַרבעט); „צווייטע שיכט" פון 12.00 ביז 21.00 (9 שעה אַרבעט).

	1טע שיכט 12.00—3.00	טאָג־שיכט 18.30—5.30	2טע שיכט 21.00—12.00	ס"ה
פרויען	359	182	182	723
מענער	325	118	116	559
ס"ה	684	300	228	1282

ד"ה דעם 11טן מאַי 1944 האָבן בסך־הכל געאַרבעט אין קלאָגע 1282 לאַ־גערניקעס: 723 פרויען; 559 מענער (אין קלאָגע איז די מערהייט לאַגערניקעס באַשטאַנען פון פרויען).

אין אַ שפּעטערדיקער טאַבעלע פון 7טן יולי 1944 געפינען מיר ווידער אַ צעטיילונג אויף דריי שיכטן:

ערשטע שיכט — אַרויסגאַנג פון לאַגער — 2.45 פרי; אָנהייב אַרבעט — 3.00 פאַרטאָג; סוף פון דער אַרבעט — 12 בייטאָג; אין מיטן אַ הפסקה פון אַ האַלבער שעה: 5.30—6.00.

די טאָג־שיכט גייט אַרויס פון לאַגער — 5.15; קערט זיך צוריק פון דער אַרבעט — 18.30; אַן הפסקה: 12.00—13.00 (במשך פון דער שעה פלעגט מען דאַרפן באַווייזן צו קומען אין לאַגער, באַקומען דעם מיטאָג־עסן און צוריקקערן זיך צום אַרבעטס־פּלאַץ).

די צווייטע שיכט פלעגט אַרויסגיין פון לאַגער 12.45 נ.מ. און צוריקקומען 10 אָוונט; מיט אַן הפסקה פון אַ האַלבער שעה.

ווי ס׳איז צו זען איז די צאָל אַרבעטס־שעהען געווען ענלעך איןביידע טאַבעלעס.

צווישן די דאָקומענטן, וועלכע זענען געפונען געוואָרן אין קלאָגע נאָך דער שחיטה, געפינען זיך אויך רשימות פון קלאָגער קאַצעטלער, וואָס פלעגן געשיקט ווערן אויף אַרבעט אין דער פיליאַלע־איינהייט לאַנקילע.[97]

עס פלעגן אַרויסגעפירט ווערן לאַגערניקעס אויף אַרבעט אין „באַלטיסקי פּאָרט״.[98]

אין דער קאַרטאָטעקע פון קלאָגע איז פאַרשריבן דער נאָמען פון יעדן לאַגערניק, אויך זיין פאַך (דאָס דעקלאַרירטע) און זיין אַרבעטס־פּלאַץ; פון דער קאַרטאָטעקע איז צו זען, אַז הערמאַן קרוק איז געווען פאַרשריבן אַלס „שאָסיי־אַרבעטער״ און געאַרבעט ביים „באַראַקנבאַו״; דער באַקאַנטער אַרטיסט שבתאי בלאַכער — פאַרשריבן אַלס עלעקטראָמאָנטער, און האָט געאַרבעט אין דער „טראַנס־פּאָרט־קאָלאָנע״; דער באַקאַנטער קאָמפּאָזיטאָר וואָלף דורמאַשקין — פאַר־שריבן אַלס טישלער — האָט אויך געאַרבעט ביים בויען באַראַקן.[99] דער לערער און שרייבער ישראל דימענטמאַן האָט געאַרבעט אין דער סטאָלעריי.[99]

פון דער זעלבער קאַרטאָטעקע קען מען לערנען וועגן די פאַכן וואָס די קאַ־צעטלער האָבן „אָפיציעל״ אָנגעגעבן, פאַרבאַהאַלטנדיק אַזוי אַרום זייערע ווירק־לעכע פאַכן. אַזוי געפינען זיך צווישן 2330 פאַרשריבענע פון 26סטן יוני 1944, אַזש 156 שניידער און 263 וועבער.

אין יעדן לאַגער פלעגן געוויסע מענטשן פון „לאַגערבעטריב״ נישט אַרויס־גיין פון לאַגער; זיי פלעגן אַרבעטן אינערהאַלב דעם לאַגער גופא. ס׳געפינט זיך אין אונדזערע הענט די ליסטע פון „לאַגערבעטריב״ אין דעם פרויען־לאַגער פון

קלאָגע, וועלכע ווייזט, אַז 40 פרויען פלעגן טאָג־טעגלעך אַרבעטן אין לאַגער גופא, און נעמלעך:

6 בלאָקפּערסאָנאַל (לאַגערעלטעסטע, בלאָקעלטעסטע) —	Blockpersonal
15 לאַגער־קיך —	Häftligsküche
2 באַקליידונגסקאַמער —	Bekleidungskammer
1 האַנטווערקער (נייטאָרין) —	Handwerker
4 רעוויר־פּערסאָנאַל —	Revier
12 לאַגעררייניקונגסקאָמאַנדאָ —	Lagerreinigungskommando
צוזאַמען — 40.	

לאָמיר דאָ אויך פאַרצייכענען אייניקע פון די באַשעפטיקונגען אינערהאַלב דער „לאַגעררייניקונגסקאָמאַנדאָ", און נעמלעך: „ס.ס.פוצפראַו" (די, וואָס האָט גערייניקט די צימערן פון די ס.ס.־לייט), „לאַגערפוצפראַו" (די, וואָס האָט גערייניקט דעם פרויען־לאַגער), „באַדעפראַו" (די וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין מרחץ), „קלאָזעטפראַו" (די וואָס האָט גערייניקט דאָס קלאָזעט). זע פאַטאָקאָפּיע ז...

די קלאָגער לאַגערניקעס האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג וועגן דער חשיבות פון דעם דאָזיקן לאַגער פאַר דער דייטשער ווערמאַכט. קרוק שרייבט אין זיינע רשימות, אַז קלאָגע איז „אַ וויכטיקער אינדוסטריע־פּונקט פון דער דייטשער אַרמיי".[88] איינע פון זיינע רשימות רופט ער טאַקע אָן: „קלאָגע, די מעטראָפּאָליע פון די יידישע אַרבעטס־לאַגערן אין עסטאָניע".

מיטן דייטשן צוריקצוג איז די „מעטראָפּאָליע" פאַרשניטן געוואָרן במשך פון איין טאָג.

באַמערקונגען

1) וועגן דעם האָבן דערציילט די עדות אויף די משפּטים פון טאַלין.

2) זע דאָס קאַפּיטל: יאַגאַלאַ.

3) זע דאָס קאַפּיטל וועגן די אויסגעזידלטע פון יאַגאַלאַ קיין טאַלין.

4) קאַלמאַנאָוויטש, 3; אינזש. גאָרדאָן, 3; גאָלדשטיין, 19; אַנאָליק, ב. (רעדע 3), גיט איבער, אַז מען האָט געאַרבעט 13 שעה, פון 6 פרי ביז 7 אָוונט.

5) אַרבאַך, 21; שעפּטעל, 10; סקורקאָוויטש, (ב.), 7; שוסטער, ש.; דראַבקין.

6) שעפּטעל, 10.

7) מירקין, 2.

8) סעגאַל, 17—18.

9) דוואָרזשעצקי.

10) האַלפּערן, 5—7.

11) קאַגאַן־מישעלסקי, 13.

11א) ליגום, 1.

12) איגעלקאָ, 5 ; טייטלמאַן, 1 ; חאַרמאַץ, 5—6.

13) רודניצקאַ, מ., 33 ; גאָלעמבאָ, 5.

14) ד״ר פריד, 18 ; קאראפאנס, 1.

15) רודניצקאָ, מ., 13 ; טייטלמאַן, 8 ; קאַגאַן־גראָדזענסקי, 2.

16) גאָלעמבאָ, 5 ; אָרבאַך, 5 ; קאַלמאַנאָוויטש, 1 ; קאַגאַן־גראָדזענסקי, 2.

17) אַנאָליק נ. (רעדע, 1) גאָלעמבאָ, 5.

18) רודניצקאַ, מ., 37 ; פּערלזינגער, 38.

19) האַרטען, 11.

20) סקורקאָוויטש, (ב), 2.

21) פּערלזינגער, 38.

22) קאַראַפּאַנס, 25.

23) באַראַס, 2.

24) ראָזענבערג (ב) ; ד״ר בוזשאַנסקי ; גאָרדאָנאָוויטש, 3.

25) ד״ר בוזשאַנסקי.

26) פּערל ק. 13 ; זי פלעגט גיין צו דער אַרבעט אָן שיך, ווייל זי האָט זיי פאַרלאָרן דעם טאָג ווען זי איז געכאַפּט געוואָרן (1943.8.6).

27) גאָרדאָנאָוויטש,3.

28) גאָרדאָנאָוויטש, 3 ; דוואָרזשעצקי.

29 ליליענהיים, 4.

30) דאַנציגער, 2—3.

31) די אַרבעטס־באַדינגונגען ביים בויען דעם שפּיטאָל זענען געווען זייער שווער ; דער אויפזעער, אַן „אָטע״־מאַן פלעגט זיין שיכור און שיסן אין יעדן וואָס האָט גע־פּרווט זיך דערווייטערן פון אַרבעטס־פּלאַץ : גאָלדשטיין, 11 ; מילשטיין, 27.

32) גאָלדשטיין, 11 ; מילשטיין, 23 ; ד״ר פריד ; פּערלעגער, 28.

33) דוואָרזשעצקי.

34) ד״ר פריד, 12 ; דוואָרזשעצקי.

35) פּערלעגער, 28 ; דוואָרזשעצקי.

36) קרוק, טאָגבוך פון לאַגעדי, 8.29 און 9.8 1944, „מורשת״ ב״ב, 58.

37) באַלבערישסקי, 567, דערציילט, אַז מיט דער אַרבעט האָבן אָנגעפירט „אָטע״־לייט, אַממערסטן פון מזרח־פּרייסן.

38) אַנאַליק, ב, 9.

39) האַרטמאַן, 63.

40) סקורקאָוויטש (ב), 3; האַרטמאַן, 3, רופט אָן די „פירמע „העבעל״ מיטן נאָמען „היינץ אונד העבעל״.

41) ראָזענבערג, 5, רופט אָן די אַרבעטן וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אויסערן לאַגער (ווי דאָס בויען די טראַנשייען קעגן טאַנקען) מיטן נאָמען „אויסענאַרבייטען״.

42) שעפּטעל, 9.

43) ד״ר ירושלמי, פּנקס שאַבלי, 298; שעפּטעל, 10.

44) רודניצקאַ, ממ., 45; שוסטער, ש., 3.

45) ווײַן, מ., נאָטיצן פון ה. קרוק, „מורשת״, ב״ב, 50.

46) גאָרדאָן, 7; גאָלדמאַן־שעסקין, 5.

47) באַלבערישסקי דערציילט, אַז די שאַכטן האָבן זיך געפונען 60 קילאָמעטער אונטערן אויבערפלאַך. וועגן דער אַרבעט אין די שאַכטן פון סלאָנייעץ דערציילט גאָלדשטיין, 23 און האַרטמאַן, 52 (ער דערציילט וועגן „סינטעטישן בענזין״ וואָס מען פּראָדוצירט פון „ברענענדיקע שטיינער״).

48) חאַרמאַץ, 13.

49) גאָלדשטיין, 19.

50) קאַראַפּאַנס, 7—8. די אַרבעט איז געווען 20 קילאָמעטער פון לאַגער.

51) מערינג, 4; אַרבעט אין בלאָטעס, 10 ק״מ פון לאַגער.

52) קאַראַפּאַנס, 7—8.

53) רודניצקאַ, מ., 2.

54) פּערלעגער, 5.

55) האַלפּערן, 17.

55א) ריווקינד, א.

56) גאָלדמאַן־שעסקין, 5; גאָרדאָן, מ., 7; די שוועסטערס כץ.

56א) די שוועסטערס כץ.

57) גרינבלאַט, 2—3; קאַגאַן־גראַדזוענסקי, 6.

58) האַרטמאַן, 57.

59) קאַגאַן־גראַדזוענסקי, 6.

60) דוואָרזשעצקי, ווי אויך מערערע עדות פון קורעמע: ביים מאַכן קלומפּעס איז געווען באַשעפטיקט קאַגאַן־גראַדזוענסקי, אין דער שוסטערײַ — די גאַנצע משפחה פונעם שוסטער אַבעל, ווי אויך דער טאַטע פון „בערעלע דעם זינגער״. אין דער שנײַדערײַ

האָט געאַרבעט דער אַלטער טאַטע פון דעם לאַגערעלטעסטן מענדעלעוויטש, דער שנייי־דער חנא א״א (גראָדזענסקי־קאַגאַן, 18).

61) אַרבאַך (ג), 18 ; סקורקאָוויטש (ד), 5.

62) מערינג, 3.

63) אַפּנבאַך, 4.

64) אַנאַליק ב., 5—6 ; אַנאַליק נ., (רעדע, 3) ; גאָרדאָנאָוויטש, 7 ; קאַראַפּאַנס, 6.

65) רודניצקא מ., 44.

66) דאַנציקער, 13, דערציילט: „אַלס שוסטער האָט דאָרט געאַרבעט איינער קצב, ווי אויך נאָך דריי שוסטערס; אַלס שניידער — זשורער; אַלס שטעפּער — איישישאַק, און איך — אַלס היטלמאַכער״.

67) גאָרדאָנאָוויטש, 7.

68) אַראָנאָוויטש, 11 ; גאַנז, 2 ; גרינהאַלץ א., 5 ; ווולף,84 ; קרוק, מורשת, ב״ב, 52.

69) שוסטער א., „ספר אַלשאַן״, 241.

70) אַראָנסאָן, 13.

71) קרוק, רשימה פון 1944.7.4 ; „מורשת״, ב״ב, 53.

72) באַלבערישסקי, ז״ז 536—537.

73) אַנאַליק נ., (רעדע, 4).

74) וויינטרויב, 2.

75) סעגאַל, 3.

76) באַלבערישסקי, 536.

77) אַראָנאָוויטש, 2 ; גאַנז, 2 ; ווולף, 4—6.

78) גרינהאַלץ, 5 ; דוואָרזשעצקי: „אַזעלכע באַראַקן זענען אויך אָנגעקומען קיין גאָלדפּילץ״.

79) קרוק, רשימה פון 1944.7.14, „מורשת״, ב״ב, 53.

80) זיידל, מעריב, אַפּריל, 1965.

81) Einsatz von Häftlingen für die Zeit vom 1 Mai bis 10 Mai 1944.

82) באַלבערישסקי, 534.

83) אַראָנאָוויטש, 1 ; אַראָנסאָן, 13 ; גרינהאַלץ, 5 ; וויינטרויב, 2.

84) באַלבערישסקי, 537.

85) גרינהאַלץ, 5 ; ראַבינאָוויטש, 2.

86) באַלבערישסקי, 537—538.

87) באַלבערישסקי, 540—541.

88) קרוק ה., „קלאָגע די מעטראָפּאָליע פון יידן־לאַגערן אין עסטלאַנד״, כתב־יד געשריבן אין קלאָגע, מיקראָפילם „יד ושם״, ירושלים.

89) באַלבערישסקי, 541.

90) זע הערה 88.

91) באַלבערישסקי, 538.

92) באַלבערישסקי, 536—541.

93) קרוק, רשימה פון 1944.7.14; מורשת, ב"ב, 53.

94) וויינטרויב.

95) אַראַנאָוויטש, 1.

96) אין די אַרכיוון פון „יד ושם" און בלה"ג געפינען זיך פאָטאָקאָפּיעס פון צוויי טאַבעלן וועגן דעם „אַרבעטס־איינזאַץ" פון די פרויען און איינע פון די מענער אין קלאָגע, מאַי 1944.

97) גרינהאַלץ א.: דער לאַגער איז געווען 8 ק"מ ווייט פון קלאָגע.

98) אַראָנסאָן, 13.

99) לויט דער קאַרטאָטעקע זענען אין קלאָגע געווען 33 דאָקטוירים, 9 אינזשיניערן, 2 אַגראָנאָמען, 15 טעכניקער, 6 בוכהאַלטערן, 37 קראַנקנשוועסטערס, 12 אַפּטייקערס, 39 פריזיערס, 35 וועשערינס, 147 טישלערס, 263 וועבער, 651 שניידערס (לויט דער „רעזומע פון דער באַשולדיקונג", 65).

100) 10 קילאָמעטער פון ערעדאַ האָט זיך געפונען קאָטלאַ (אָנגערופן דורך קאַצעטלער אויך „קאָכטלאַ" און „קאָטלאַ־יאַרוואַ"). דאָרט האָבן געאַרבעט אַן ערך 50 מאַן ביי שמידעריי און אויסאָ־רעפּאַראַציעס (אַ"ג „שמידעשטובע"). דאָרט האָט מען זיך אויך באַשעפטיקט מיטן אויפבויען־באַן־ליניעס צו די שאַכטן ערעדאַ. די אַרבעט איז געווען געלייטעט דורך דער פירמע האַן. אייגנטלעך זענען געווען שוויי שאַכטן: איינער פון זיי 50 מעטער אונטערן ערדפלאַך. דאָרט האָבן געאַרבעט אַן ערך 400 מאַן. קאַצעטלער האָבן אויך געאַרבעט ביים בויען אַ שאָסיי פון ערעדאַ קיין קאָטלאַ, אין זעגעווערק, אין וואַרשטאַטן, ביי הייזער־ און באַראַקן־בוי. אין קאָטלאַ־יאַרוואַ איז אויך געווען אַ גרויסע ראַפּינעריע. דאָרט האָבן געאַרבעט סאָוויעטישע געפאַנגענע. אויטאָס און מאַשינען פלעגן אַהערצו אָנקומען פון אַ רוסישן קאָמבינאַט ביי פּסקאָוו. דאָ פלעגן זיי רעפּאַרירט און אָפּגעשיקט ווערן קיין דייטשלאַנד (באַראַנאָווסקי, 4—7; שומעליסקי, 4—5).

101) אין קלאָגע איז אויך געווען אַ „האָלצשיך־פאַבריק, וווּ ס'האָבן געאַרבעט 26 מענער און 80 פרויען; אין שוסטער־וואַרשטאַט האָבן געאַרבעט 10 שוסטערס, צווישן זיי פישמאַן, געוו. מיטגליד פון ווילנער יודענראַט; אין קלאָגע זענען אויך געווען שניידער־וואַרשטאַטן, וווּ מען האָט אויסגעאַרבעט מונדירן פאַרן דייטשן מיליטער, ווי אויך טישלעריי־וואַרשטאַטן, וווּ מען האָט אויסגעאַרבעט פּריטשעס און „קלומפּעס" פאַר די קאַצעטלער און מעבל פאַר די דייטשן. קרוק („קלאָגע א"אַנד.), באַלבערישסקי, 534—538.

די סאָציאָלאָגישע פאַרענדערונגען אין די לאַגערן

צווישן די לאַגערניקעס אין עסטאָניע זענען געווען קאָנטיק סאָציאָלאָגישע אונטערשיידן, טראָץ דעם, וואָס עס קען זיך אויסדוכטן, אַז די לאַגער־באַפעלקערונג איז געווען האָמאָגען (איינאַרטיק). עס האָבן זיך צווישן זיי געשאַפן פאַרשידענע „שיכטן", הגם, בדרך כלל, איז אַלעמענס ענד־גורל געווען דער זעלבער: שווערע פראַצע ביז — „נאַטירלעכער פאַרמינערונג", אונטערדערנערונג, און ־טויט־סע־לעקציעס, איינע נאָך דער אַנדערער.

די „קלאַסן־אונטערשיידן", וואָס כ'וועל דאָ באַצייכענען, זענען על פי רוב נישט געווען קיין סטאַבילע. פאַרקערט, זיי האָבן זיך אָפט געענדערט. לאָמיר דעריבער אונטערשטרייכן דעם כאַראַקטעריסטישן פאַקט: די סאָציאָלאָגיע פון די עסטאָנישע לאַגערן איז תמיד געווען אין אַ לאַבילן צושטאַנד; די שיכטן וואָס האָבן זיך געשאַפן האָבן אין זיך נישט געהאַט קיין סטאַבילקייט. דער וואָס האָט היינט, צופעליק, אָנגעהערט צו אַ „העכערער, פּריווילעגירטער שיכט" — האָט געקענט צומאָרגנס פאַרלירן זיין פּאָזיציע צוליב דער קלענסטער „זינד", אָדער צוליב דער איבערזידלונג זיינער אין אַן אַנדערן לאַגער.

די „געזעלשאַפטלעכע אונטערשיידן" האָבן דעריבער נישט געהאַט קיין ממשות. להיפך, דאָס זענען על פי רוב געווען אילוזאָרישע, מאָמענטאַלע און עפעמערישע דערשיינונגען.[1]

די סאָציאָלאָגיע פון די לאַגערן איז שטענדיק געווען אין אַ דינאַמישן צושטאַנד; און טראָץ דעם וואָס די אַלע אונטערשיידן אין דער קאַצעטלער־געזעלשאַפט זענען נאָר אונטערשיידן פון אַ „צוואַנגס־געזעלשאַפט", קען מען פאַר־צייכענען די חשיבות פון דעם לאַגערניקס פערזענלעכע און גייסטיקע ווערטן; מוט, איניציאַטיוו, רעליגיעזער גלויבן, אָדער געטריישאַפט צו אַ פּאָליטישער אָנשויונג, מאָראַל, זעבסטהילף, סאָלידאַריטעט.

לאָמיר באַטראַכטן די צעטיילונג פון די קאַצעטלער מיט די פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דער דאָזיקער צעטיילונג:

א. פיזיש־ביאָלאָגישע צעטיילונג אויף אַרבעטס־פעיקע און אַרבעטס־אומפעיקע

גלייך אין די ערשטע טעג נאָכן אָנקומען אין לאַגער איז אַלעמען קלאָר געוואָרן דער עיקר־פּרינציפּ פון דער נאַצישער פּאָליטיק כלפּי די קאַצעטן: אין די לאַגערן איז נישטאָ קיין אָרט פאַר שוואַכע און פאַר אומפעיקע צו אַרבעט; ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ קאַצעטלער וואָס אַרבעט נישט („אינוואַליד"); זיין גורל איז „ליקווידאַציע", ד"ה טויט.

ס'האָט זיך געדוכט, לכתחילה, אַז עס זענען געבראַכט געוואָרן געזונטע און אַרבעטספעיקע עלעמענטן; אָבער גיך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין די לאַגערן געפינען זיך מענטשן, וואָס זייער אַרבעטס־פעיקייט איז שוין באַגרענעצט און ווערט קלענער פון טאָג צו טאָג. דאָס זענען: א) זקנים, ב) אָפּגעשוואַכטע, ג) קראַנקע, ד) די אַ"ג „רעקאָנוואַלעסצענטן" און ה) די קינדער.

אויפן „סאָציאָלאָגישן" שטח איז אָנגעגאַנגען אַ טאָג־טעגלעכער קאַמף פאַרן לעבן. דורך אַרבעטן איבער די כוחות און אַפילו ביז דערשעפּונג, ווייל נאָר אַרבעט האָט געגעבן אַ שאַנס צום לעבן; האָט מען זיך באַמיט, אַז די אַרבעטס־אויפזעער זאָלן דעם קאַצעטלער זען אַלס אַן „אַרבעטער"; אַרויסווייזן זיך כלפּי חוץ (כלפּי דעם „אָטע"־מאַן און ס.ס.־מאַן) שטאַרקער ווי מען איז, ווייל נאָר די קרעפטיקע און געזונטע האָבן געהאַט דעם שאַנס איבערצובלייבן בעת די טויט־סעלעקציעס.

די **זקנים** האָבן אַלץ געטאָן, כדי אויסצוזען יינגער פון זייער עלטער; זיי זענען געגאַנגען צו אַלע שווערסטע אַרבעטן, „כדי צו באַרעכטיקן זייער לעבן". אָבער די שווערע פּראַצע פלעגט זיי אַזוי אויסמאַטערן, אַז זייער אַלטקייט און שוואַכקייט פלעגט פון טאָג צו טאָג ווערן אַלץ בולטער, און פלעגט זיי דערפירן צו דער פאַטאַלער סעלעקציע.

די צאָל פון די **אָפּגעשוואַכטע** פלעגט וואַקסן פון טאָג צו טאָג, בעיקר צוליבן הונגער און דער שווערער פּראַצע. אין נאָרמאַלע צייטן וואָלטן זיי אפשר געקענט, ביי אַ געהעריקער און גוטער באַשפּייזונג, זיך צוריקקערן צו זייערע כוחות; אָבער אין די לאַגער־באַדינגונגען איז אומזיסט געווען זייער „מאַכן זיך יונג און געזונט". צוזאַמען מיט די זקנים זענען זיי געווען די ערשטע, וואָס זענען געשיקט געוואָרן צום טויט בעת די סעלעקציעס.

די **קראַנקע**. קראַנקייט איז געווען די סכנה, וואָס האָט געשוועבט תמיד איבער די קעפּ פון די קאַצעטלער. דער קראַנקער איז געווען דער זעלבסטפאַרשטענדלעכער קאַנדידאַט צום טויט; דעריבער האָבן אַלע קראַנקע געוואָלט אויסבאַהאַלטן זייער קראַנקייט; אַפילו קראַנקע אויף פלעקטיפוס מיט הויכן פיבער פלעגן זיך רייסן גיין צו דער אַרבעט. ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז די קאַצעטלער פון אַלע לאַגערן פלעגן נישט אַרויסגעבן אַ קראַנקן חבר אַפילו ווען זיין

קרענק איז געווען אָנשטעקנדיק. אָבער נישט אַלע מאָל פלעגט די קראַנקע געלונגען צו „שפּילן געזונטע״; און די סעלעקציעס פלעגן אָנגיין מיט אַ מעכאַנישער רעגולערקייט.

די רעקאָנוואַלעסצענטן: די לאַגער־מאַכט פלעגט זיי האַלטן אין רעוויר בלויז איניקע טעג נאָך דער קראַנקייט און גלייך אַרויסטרייבן אויף אַרבעט. על פּי רוב פלעגן די רעקאָנוואַלעסצענטן דאַרפן דורכמאַכן אַ מאַרש פון עטלעכע צענדליק קילאָמעטער — פון דעם לאַגער אין וועלכן זיי זענען געווען האָספּיטאַליזירט, ביז זייער אַרבעטס־לאַגער. דער מאַרש פלעגט פאַר אַ סך ווערן אַ טויטן־מאַרש, ווייל יעדער וואָס פלעגט אָפּשטיין, פלעגט באַקומען פון די ס.ס.־לייט אַ קויל אין קאָפּ.

די קינדער: די קינדער האָבן זייער גוט געוווסט, אַז דער גורל פון אַ יידיש קינד אין די לאַגערן איז טויט. דעריבער האָבן זיי זיך באַמיט מיט אַלע כוחות אויסצוזען ווי דערוואַקסענע. זיי פלעגן טאָן אַלע עבודות פרך; אָבער פאַר קינדער אין עלטער פון 12—14 יאָר איז די אַרבעט געווען צו שווער. בשעת די סעלעקציעס פלעגן זיי געכאַפּט און סעלעקציאָנירט ווערן גלייך צום טויט, אָדער געשיקט ווערן אין אַ קינדער־בלאָק, וואָס זיין ענדציל איז אויך געווען טויט — נאָר נאָך אַ געוויסער צייט.

דורך די אומאויפהערלעכע סעלעקציעס האָט די נאַצישע מאַכט געוואָלט דערגרייכן אַ ניוועלאַציע פון די לאַגערן, דאָס הייסט, פאַרוואַנדלען זיי אין אַ באַפעלקערונג וואָס איז איינהייטלעך אין פיזיש־ביאָלאָגישן זין — „אַ באַפעלקערונג פון אַרבעטס־פעיקע״. אָבער די טאָג־טעגלעכע ווירקלעכקייט פלעגט פאַרקלענערן די צאָל פון די אַרבעטס־פעיקע.

די פיזיש־ביאָלאָגישע צעטיילונג אויף אַרבעטס־פעיקע און אַרבעטס־אומפעיקע איז דעריבער געווען נאָר אַ צייטווייליקע חלוקה פון סעלעקציע צו סעלעקציע.

ב. טאָפּאָגראַפישע צעטיילונג: די וואָס אַרבעטן אין לאַגער און די וואָס אַרבעטן אויסערן לאַגער

מיטן אָנטשטיין פון לאַגער פלעגן גלייך די לאַגערניקעס צעטיילט ווערן אויף צוויי שיכטן: די אַבסאָלוטע מערהייט פלעגט אַרבעטן אויסערן לאַגער (מען פלעגט עס רופן „אויף דער שטרעקע״), און אַ מיעוט, וואָס פלעגט פאַרבלייבן אַרבעטן אין לאַגער („לאַגערבעטריב״) (1).

לאָמיר באַצייכענען די מעלות און חסרונות פון יעדער קאַטעגאָריע.

די וואָס האָבן געאַרבעט אויסערן לאַגער האָבן געמוזט אויספירן זייער אַרבעט אונטער אַלע באַדינגונגען פון שווערן עסטאָנישן קלימאַט (רעגן, קעלט

און שניי), און דאָס איז געווען דער ח ס ר ו ן פון זייער אַרבעט. דאַקעגן די וואָס האָבן געאַרבעט אין לאַגער, האָבן לרוב זיך געפונען אונטער אַ דאַך און אָפט אויך אין אַ ביסל אָנגעוואַרעמטע באַראַקן. דאָס איז געווען די מ ע ל ה פון זייער אַרבעט.

פון דער אַנדער זייט איז אין דער אַרבעט אינערהאַלב דעם לאַגער אויך געווען אַ קאָנטיקער חסרון: דער אַרבעטער, וואָס פלעגט זיך אָפט געפונען אונטערן אויג פון ס.ס.־מאַן, האָט געמוזט דורכמאַכן פאַרשיידענע אינספעקציעס פון ס.ס.־לייט, און געדינט אַלס ציל פאַר זייערע שיקאַנעס. דאַקעגן האָט דער אַרבעטער אויסערן לאַגער, געדאַרפט דורכמאַכן בלויז דאָס „לייכטערע" איזדיעקוווען זיך מצד די אַרבעטס־אויפזעערס. די אַכזריותדיקע אינספעקציעס פון די ס.ס.־לייט זענען געווען זייער זעלטן אין די איינהייטן פון אויסערן לאַגער.

די אַרבעט אויסערן לאַגער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ שווערע, וואָס צעברעכט דעם גוף און נעמט אַוועק די כוחות, און דאָס איז געווען איר חסרון. דאַקעגן די אַרבעט אינערהאַלב דעם לאַגער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ לייכטערע, וואָס עס קענען זי אויסהאַלטן אַפילו אָפּגעשוואַכטע און רעקאָנוואַלעסצענטן — און דאָס איז געווען איר מ ע ל ה.

וואָס שייך די שאַנסן צו „אָרגאַניזירן" פּראָדוקטן: דער קאַצעטלער וואָס האָט געאַרבעט אינערהאַלב דעם לאַגער האָט געהאַט גאָר ווייניק שאַנסן צו „אָרגאַני־זירן" עפּעס־וואָס פון קיך (אַ צוגאַבלעכן טעלער זופּ, אַ קאַרטאָפל, אַ בוריק אד"גל). דאַקעגן, דער וואָס האָט געאַרבעט אויסערן לאַגער און געהאַט אַ מעסיקן אַרבעטס־אויפזעער, אָדער אַזאַ איינעם, וואָס האָט מסכים געווען זיך צו טיילן מיט דעם קאַצעטלער מיט די דערוואָרבענע פּראָדוקטן, האָט געהאַט שאַנסן אַרויסצו־גיין אין נאָענטן דאָרף, אויסבייטן זאַכן אויף ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן, אָדער בעטלען (שנאָריטע) אויב ער האָט נישט געהאַט וואָס צו בייטן.

לאָמיר דאָ באַשרייבן די באַזונדערע קאַטעגאָריעס קאַצעטלער.

א י ן ל אַ ג ע ר. די, וואָס אַרבעטן אין לאַגער („לאַגערבעטריב") זענען אויך געווען צעטיילט אויף עטלעכע אונטערשיכטן:

„לאַגערפּערסאָנאַל", בלאָקפּערסאָנאַל" : (2)

דאָס איז געווען אַ מינימאַלע שיכט. אין יעדן לאַגער קוים עטלעכע מענטשן. צו דער שיכט האָבן געהערט: דער „לאַגערעלטעסטע" (דער קאַצעטלער וואָס איז נאָמינירט געוואָרן אַלס ראש פון לאַגער). און אייניקע מיטהעלפער — „בלאָק־עלטעסטע" (די שעפן איבער די באַזונדערע בלאָקן און באַראַקן); דער „בלאָקשריי־בער" (סעקרעטאַר פון בלאָק). זיי האָבן גענאָסן פון געוויסע שפּייז־ראַציעס, על פי רוב נישט געוווסט פון אונטערדערנערונג, געהאַט בעסערע וווינונגס־באַדינגונגען אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע לאַגערניקעס, ווי אַן „אייגענעם ווינקל", אָדער אַן „אייגענע פּריטשע", אָן שותפות מיט אַנדערע קאַצעטלער. זיי פלעגן אויך קיין מאָל

נישט אַרויסגיין אויף שווערער אַרבעט (מער פּרטים וועגן זייערע פּראָבלעמען זע: קאַפּיטל „אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט אין די לאַגערן").

באַדינונגען:

די אַרבעט אינערהאַלב דעם לאַגער ביי פאַרשידענע באַדינונגען, נייטיקע פאַרן לעבן פון לאַגער:

א) די קיך („העפטלינגסקיכע" (3)) דערצו האָבן געהערט די אָנפירער פון די קיכן, די האָלצהעקער, די הייצער פון די אויוונס, די וואָס רייניקן די פעסער און עמערס, די קאַרטאָפל־שיילער.

ב) „בעקליידונגסקאָמאַנדאָ" (4). די אַלע וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביים מאַגאַזינירן די בגדים, אָפּגענומענע פון קאַצעטלער, ווי אויך ביים פאַרטיילן בגדים פאַר די לאַגערניקעס, וואָס זייערע בגדים זענען שוין געווען לגמרי צעריסן.

ג) „לאַגעררייניקונגסקאָמאַנדאָ" (5). צווישן זיי זענען געווען אין פאַרשיידענע לאַגערן „ספּעציעלע גרופּן":

„לייכענקאָמאַנדאָ" (6). די קאָמאַנדאָ וואָס האָט זיך מתעסק געווען מיט די מתים; דאָס צונויפזאַמלען די טויטע קערפּערס פון די באַראַקן און בעת די אַפּעלן און דאָס ברענגען זיי צום פאַרברענען. געווען קאָמאַנדאָס צעטיילטע אין צוויי באַזונדערע גרופּן:

„לייכענטרעגער" (7), די וואָס טראָגן די טויטע קערפּערס.

„לייכענברענער" (8), די וואָס פאַרברענען זיי.

„קלאָזעטקאָמאַנדאָ" (9), „שייסקאָמאַנדאָ" (10), די וואָס האָבן גערייניקט די לאַגער־קלאָזעטן, די „לאַטרינעס".

„באַדעקאָמאַנדאָ" (11), די באַשעפטיקטע מיט דער לאַגערבאָד.

„וואַשקאָמאַנדאָ" (12), די אַרבעטער פון דער לאַגער־וועשעריי.

די „פריזיערס" (13), די וועלכע האָבן באַדאַרפט ראַזירן דעם ס.ס.־פּערסאָנאַל און פון צייט צו צייט — אויך די לאַגערניקעס.

ד) „רעווירפּערסאָנאַל" (14), דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטער פון לאַגער־רעוויר.

ה) „האַנטווערקער" (15), בעלי־מלאכות פון די לאַגער־וואַרשטאַטן (16).

---

(1) Lagerbetrieb, (2) Blokpersonal, Lagerpersonal, (3) Häftlingsküche, (4) Bekleidungskommando, (5) Lagerreinigungskommando, (6) Leichenkommando, (7) Leichenträger, (8) Leichenbrenner, (9) Klosetkommando, (10) Scheisskommando, (11) Badekommando, (12) Waschkommando, (13) Friseure, (14) Revierpersonal, (15) Handwerker, (16) Werkstäte.

די שניידער, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צו פֿאַרלאַטען די צעריסענע בגדים פֿון די קאַצעטלער.

די שוסטערס, וואָס האָבן פֿאַרריכט די צעריסענע שיך פֿון די לאַגערניקעס. אָפֿט פֿלעגן זיי זיך פֿאַרנעמען מיט צוגרייטן הילצערנע אָדער לייוונטענע שיך אויף האָלץ־זוילן („סאַנדאַלן").

די היטלמאַכערס, וועלכע האָבן געניייט די לאַגער־קעפּקעס („מיצן").

אַט די דריי מינים האָבן געאַרבעט אָפֿיציעל פֿאַר די לאַגערניקעס, אָבער פֿאַקטיש זענען זיי געווען באַשעפֿטיקט מיט צוגרייטן מונדירן און בגדים, שיינע שטיוול און היט פֿאַרן לאַגערפֿירער און פֿאַר די ס.ס.־לייט.

זייגערמאַכערס, וועלכע פֿלעגן פֿאַרריכטן די זייגערס פֿון די ס.ס.־לייט.

עלעקטראָטעכניקער, וואָס פֿלעגן פֿאַרריכטן די עלעקטריע אין די ס.ס.־בנינים, ווי אויך אין די לאַגער־פֿאַבריקן.

צו די דאָזיקע פֿאַכמענער דאַרף מען נאָך צורעכענען די וואַנט־מאָלערס, וועלכע פֿלעגן מאָלן די ווענט און טירן אין די ס.ס.־בנינים און באַראַקן; די שילדן־מאָלער, גלעזער, קירזשנער אַד"גל.

די דאָזיקע בעלי־מלאכות האָבן על פּי רוב געוואָהנט פֿון אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָפֿט פֿון אַ וואַרעמען צימער. די וועלכע האָבן געגרייט פֿאַר די ס.ס.־לייט און זייערע משפּחות בגדים, פֿוטערס, שטיוול, שיך, היט וכדומה, פֿלעגן פֿון צייט צו צייט באַקומען פֿון די ס.ס.־לייט מתנות: פּאַרציעס ברויט, סיגאַרעטן. זיי האָבן אויך געהאַט די מעגלעכקייט אָפּצוקאָכן זיך אַ טעלער זופּ אויפֿן אייוועלע פֿון וואַרשטאַט.

צייכנער פֿלעגן אַפֿילו באַקומען פֿון צייט צו צייט אייניקע אָפּרו־שעהען, אָדער אָפּרו־טעג, ווי אויך אַ בעסער עסן. די ס.ס.־לייט, פֿאַרבענקטע נאָך זייערע היימען, פֿלעגן דערלויבן די צייכנער איבערבלייבן אין לאַגער עטלעכע שעה, כדי קינסט־לעריש צו פֿאַרגרעסערן די קליינע פֿאָטאָס פֿון זייערע ווייבער און קינדער. די „נאָסטאַלגישע" קינדער־מערדער פֿלעגן צערטלעך אויפֿהענגען ביי זיך אין די צימערן די בילדער פֿון זייערע קינדער.

די קאַצעטלער פֿלעגן זען אין די וואַרשטאַטן־אַרבעטער די שיכט וואָס האָט „געהאַט מזל" און זוכה געווען צו אַ לייכטער לעבן, אָן דער נויטווענדיקייט אויס־צופֿילן די נאַצישע גרויל־כוונות לגבי זייערע חברים. דעריבער איז לגבי זיי נישט געווען קיין שום שנאה־געפֿיל. ווי שוין דערמאָנט, פֿלעגן די וואַרשטאַט־קאַצעטלער גנבענען שטיקלעך שטאָף און צוגרייטן פֿון דעם קאַשקעטן און בגדים, און עס אין געהיים אָפּגעבן די אַרבעטער וואָס גייען אַרויס צו דער אַרבעט. יענע פֿלעגן עס אויסטוישן מיט די עסטאָגיער אויף ברויט, קאַרטאָפֿל און אַנדערע פּראָדוקטן.

דער לאַגערניק־„פּראָדוצענט״ און דער לאַגערניק־„פאַרמיטלער״ פלעגן זיך דערנאָך טיילן מיט די פּראָדוקטן גלייך אויף גלייך.

די וואַרשטאַטן־קאַצעטלער פלעגן אָפט האָבן אַ מעגלעכקייט צו העלפן זייערע חברים מיט קאַרטאָפל, זופּ, ברויט, אָדער מיטן פאַרריכטן אַ שוך און אַ בגד.

אויסערן לאַגער:

די וואָס האָבן געאַרבעט אויסערן לאַגער זענען געווען די אַבסאָלוטע מער־הייט אין די עסטאָנישע לאַגערן; זיי זענען געווען די „שוואַרצע אַרבעטער״ אין די פאַבריקן, אין די סלאַנייעץ־שאַכטן, ביים בויען שאָסייען, ביים האַקן האָלץ אין די וועלדער, אין די טאָרטאַקן, ביים מאַכן בעטאָן־אויסאַרבעטונגען, ביים בויען בונקערס און אַנטי־טאַנק־טראַנשייען, ביים אויסלאָדענען און טראָגן משאות, ביים לייגן באַן־רעלסן אאַז״וו.

(וועגן די כל המינים אַרבעטן — זע קאַפּיטל „די אַרבעט פון די קאַצעטלער״).

אין דער אַרבעט אינערהאַלב דעם לאַגער איז געווען אַ מכלומרשטע סטאַביל־קייט. אַ געוויסער פּראָצענט פון זיי איז אַפילו געווען באַשעפטיקט ביי זייערע אַמאָלי־קע פאַכן. דאַקעגן פלעגט די אַרבעט אויסערן לאַגער זיך אָפט בייטן. אין אַ סך לאַגערן פלעגט די אַרבעטס־צוטיילונג פאָרקומען יעדן אין דער פרי, אויפן אַפּעל־פּלאַץ, און זעלטן ווער עס האָט געוווסט אין וועלכער אַרבעטס־איינהייט ער וועט מאָרגן אַרבעטן.

די לאַגערן אין עסטאָניע זענען אייגנטלעך געבויט געוואָרן בעיקר נאָר צוליב די אַרבעטן פון „אויסערן לאַגער״, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסע מילי־טערישע באַדייטונג; דאַקעגן זענען די פאַרשיידענע בעטאָן־ און האָלץ־אַרבעטן פון מיליטערישער באַדייטונג אין לאַגער קלאָגע אויסגעפירט געוואָרן דווקא אין לאַגער גופא.

ג. צופעליקע צעטיילונג: גוטע און שלעכטע אַרבעטס־איינהייטן

ביי די קאַצעטלער פון „לאַגערבעטריב״ האָט זיך גערעכנט אַלס אַ גוטע יעדע אַרבעט, וואָס האָט זיך נישט געפונען אונטער דער שטענדיקער קאָנטראָל פון ס.ס.־מאַן, און פון וועלכער מען קען נאָך האָבן וואָסערן פּרעזענלעכן נוצן, ווי די וואַרשטאַטן, וועגן וועלכע עס איז שוין דערציילט געוואָרן.

ביי די אַרבעטער פון אויסערן לאַגער איז אַ גוטע איינהייט געווען אַזאַ, בראש פון וועלכער ס׳איז געשטאַנען אַ גוטער אָנפירער („מייסטער״), אַן עלטערער מענטש, וואָס דערלויבט אַמאָל זיינע שקלאַפן אַרבעטן מיט אַ לאַנגזאַמערן טעמפּאָ, און אַרויסגיין „אָרגאַניזירן״ עפּעס עסנוואַרג. אויך האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גוטע אַרבעט אַזאַ, וואָס ווערט אויסגעפירט אונטער אַ דאַך אָדער צווישן וועלכע עס איז

וועגט. אַ דריטער סימן פון „גוטסקייט" איז געווען די אַרבעט נאָענט פון פייער, כדי זיך קענען אָנוואַרעמען, אויפקאָכן אַ ביסל וואַסער און אַ מענאַזשקע זופּ.

אַ „שלעכטע איינהייט" האָט געהייסן אַזאַ, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען אַ יונגער דייטש אָדער עסטרייכער, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון מיליטער אָדער פון וואַפן־ס.ס. צוליב אַ געוויסן מום — אַ שלעכטהאַרציקער, אַן אַנטיסעמיט, וואָס שלאָגט זיינע מענטשן, איזדיעקעוועט זיך איבער זיי, רייצט אַן אויף זיי זיינע הינט און לאָזט זיי נישט זיך אָפּרוען. אַזאַ מייסטער פלעגט מען געוויינלעך רופן „חיה־רעה". מ'דאַרף פאַרצייכענען, אַז צווישן די „אַטע"־לייט זענען געווען אַ סך אַכזריותדיקע מייסטערס (זע קלאָגע).

אויך דאָ האָט זייער אָפט געהערשט די צופעליקייט; אַן איינהייט, וואָס האָט זיך היינט גערעכנט פאַר אַ „גוטע" האָט צומאָרגנס געקענט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שלעכטע און להיפוך.

ד. צעטיילונג לויט דער איניציאַטיוו־פעיקייט

אין די לאַגערן פון עסטאָניע איז גיך קלאָר געוואָרן, אַז די קאַצעטלער־באַפעלקערונג טיילט זיך אין צוויי קאַטעגאָריעס:

א) אַזעלכע, וואָס באַזיצן איניציאַטיוו צו „אָרגאַניזירן" און אַריינגנבענען אין לאַגער וועלכע עס איז שפּייז־פּראָדוקטן. דאָס פלעגט זיך אויסדריקן אין פאַרשידענע מינים המצאות און איינפאַלן, ווי אַזוי דורכצופירן דעם אויסטויש־האַנדל מיט די פויערים און ווי אַזוי אַרויסצוקריגן פון זיי וואָס מער שפּייז־פּראָדוקטן.

ב) אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין איניציאַטיוו, און זייער גאַנצער קיום איז געווען אָפּהענגיק נאָר פון דער אָפיציעלער פאַרציע, וואָס זיי פלעגן באַקומען אין לאַגער. בעיקר איז עס געווען די אינטעליגענץ, שרייבער, לערער א"אַנד.

ה. צעטיילונג לויט דער גרייטקייט צו ריזיקירן

אַ סגולה צו איניציאַטיוו איז געווען דער מוט צו ריזיקירן. געווען צווישן די „ריזיקאַנטן" אַזעלכע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן דרייסטקייט נאָך אין די טעג פון די געטאָ־טראַנספּאָרטן קיין עסטאָניע. מיט סכנות נפשות האָבן זיי אַריינגעגנבעט אין די לאַגערן ווערטזאַכן, געלט און גאָלד. זיי פלעגן זייערע בריליאַנטן און פּערל אַראָפּשלינגען אויפן וועג צום טראַנספּאָרט און אָפּהאַלטן דאָס „אויסלײדיקן" זיך ביזן אָנקומען אין לאַגער, ווו זיי פלעגן זוכן זייערע אַראָפּגעשלונגענע ווערטזאַכן אין די עקסקרעמענטן, אַנדערע פלעגן דאָס געלט איינניען אין זייערע בגדים. אַ סך פון זיי זענען אַנטדעקט געוואָרן דורך די ס.ס.־לייט בעת די רעוויזיעס און באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן.

אויב אָבער עס פלעגט זיי געלינגען אַדורכצופירן די ווערטזאַכן, פלעגן זיי

ממילא פאַרוואַנדלט ווערן אין די „נגידים״, אין די „בורזשויען״ פון לאַגער, און געהאַט די מעגלעכקייט אין די שווערע הונגער־טעג צו קריגן פאַרן פרייז פון אַ גאָלדענער מטבע ברויט און אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן, אַפילו פון זייערע „אָטע״־אויפזעער. אין די טעג פון סעלעקציעס פלעגט זיי אַמאָל געלינגען זיך אויסצוקויפן ביי אַן ס.ס.־מאַן פאַר אַ גאָלדענעם זייגער. זייער אָפט פלעגט זיי געלינגען פאַרן פרייז פון אַ „מתנה״ צו קריגן אַ לייכטערע אַרבעט. אייניקע האָבן אין געוויסע לאַגערן געמאַכט אויסטויש־געשעפטן פון גרויסן פאַרנעם, אַדאַנק דער מיטהילף פון אונטערגעקויפטע דייטשן.

די וואָס האָבן נישט געוואָלט ריזיקירן בשעת די טראַנספּאָרטן און אין די לאַגערן, פלעגן זאָגן: „בעסער הונגערן, אַבי זיך נישט שטעלן אין סכנה; פון הונגער שטאַרבט מען נישט, אָבער פון אַ מערדערלעכן קלאַפּ קען מען פאַרלירן אויף שטענדיק יעדן שאַנס צו דערלעבן די פרייהייטס־טעג״.

ז. צעטיילונג לויט די אַרבעטס־שעהען

געווען לאַגערן, ווו די אַרבעט איז געווען געטיילט אין שיכטן. דאָקומענטאַלע באַווייזן וועגן די דאָזיקע שיכטן האָבן מיר בנוגע קלאָגע. דאָרט איז געווען אַ טאָגשיכט, וואָס האָט זיך געצויגן 13 שעה, פון 5.30 ביז 18.30, און איז געווען געבונדן מיטן געפירט ווערן פון אַרבעטס־פּלאַץ צו דער לאַגער־קיך אויף מיטאָג. ס׳זענען געווען צוויי שיכטן, צו 9 שעה אַ שיכט: פרי־שיכט — פון 3 פאַרטאָג ביז 12 מיטאָג, און אַ שפּעט־שיכט, וואָס פלעגט דויערן געוויינלעך פון 13 נ.מ. ביז 22 אָוונט.

הגם ביידע שיכטן האָבן געדויערט בלויז צו 9 שעה, און די טאָג־שיכט — 13 שעה, האָט די לעצטע זיך גערעכנט פאַר אַ לייכטערע; די וואָס האָבן געאַרבעט אין אַנדערע שיכטן, פלעגן זיך קלאָגן, אַז די אַרבעט אין נישט־נאָרמאַלע שעהען צעברעכט זיי.

ז. צעטיילונג לויטן מהות פון דער אַרבעט

במשך פון דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס זענען פאַראַן אַרבעטן שווערע, וואָס צעברעכן ממש דעם גוף, ווי דאָס פאַבריצירן בעטאָן, טראָגן קלעצער לויפנדיקערהייט, שפּאַלטן שטיינער במשך פון אַ גאַנצן טאָג, און געווען לייכטערע אַרבעטן ווי, למשל, זעגן האָלץ.

אין אַ סך לאַגערן האָט נישט עקזיסטירט קיין סטאַבילע צעטיילונג אויף קאָמאַנדאָס און יעדן פרימאָרגן פלעגן די אַרבעט־שעפן („אָטע״־לייט״) קלייבן מענטשן צו דער אַרבעט פאַר זייערע איינהייטן. דעריבער פלעגט יעדן פרימאָרגן זיך אָנהייבן אַ לויפעניש פון העפטלינגען צו די „לייכטע״ איינהייטן, נאָכן פאַר־

פולן דעם קאָמפּלעט זייערן, פלעגן שוין ממילא אַלע איבעריקע אַריינפּאַלן אין די „שלעכטע" איינהייטן.

דעריבער איז אין דער חלוקה אויף לייכטע און שווערע איינהייטן געווען אַ שטענדיקע אומסטאַבילקייט.

אין אַ סך לאַגערן פלעגט זיך אויך געפינען אַ קאָמאַנדאָ, וואָס אירע אַרבעטן זענען געווען די שווערסטע און זיי פלעגן דערשעפּן דעם מענטשן לחלוטין. דאָס איז געווען די „שטראָף־קאָמאַנדאָ", ווו עס פלעגן טאָג־טעגלעך אָנגעווענדט ווערן שווערע פיזישע שטראָפן, קלעפּ און שמייסערייען, און די צאָל פון די טויטע איז דאָ געווען אַ סך אַ גרעסערע ווי אין אַלע אַנדערע קאָמאַנדאָס פון לאַגער.

ח. צעטיילונג לויט די אָפּשטאַם־לענדער

אין אַ סך „אינטערנאַציאָנאַלע לאַגערן" איז געווען אַ קאָנטיקע צעטיילונג פון די קאַצעטלער לויט זייערע נאַציאָנאַליטעטן און אָפּשטאַם־לענדער. מענטשן פון זעלבן פאָלק פלעגן זיך בעסער פאַרשטיין, פלעגן זוכן דערמוטיקונג איינער ביים צווייטן און זיך העלפן קעגנזייטיק.

אין די לאַגערן פון עסטאָניע זענען געווען בלויז יידן. זיי זענען געבראַכט געוואָרן פון פאַרשידענע לענדער. דעריבער האָט מען אויך געקענט זען אין די עסטאָנישע לאַגערן אָפּשטאַמיקע פון טשעכיע, פון דייטשלאַנד, געבראַכטע פון ווילנע, פון קאָוונע, פון לאַטוויע, און זינט יוני 1944 אויך פון טראַנסילוואַניע. עס איז נאַטירלעך, אַז אָפּשטאַמיקע פון אַ געוויס לאַנד ווילן שטענדיק לעבן צוזאַמען.

די אָפּשטאַמיקע פון טשעכיע און פון דייטשלאַנד זענען געווען גאַנץ אָפּגעווייטערט פון דער יידישער קולטור, זייער דערציִונג האָבן זיי באַקומען אין שולן פון דער אַ"ג „מערב־קולטור" — און זיי האָבן טאַקע געלעבט כמעט באַזונדער. זיי האָבן אָבער מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מינימאַלן פּראָצענט פון דער לאַגער־באַפעלקערונג. דאַקעגן די אַבסאָלוטע מערהייט, קרוב 95 פּראָצענט פון די קאַצעטלער האָבן געשטאַמט פון ווילנע און קאָוונע; אין זייערע געבורט־שטעט האָבן זיי געלעבט אַ פולבלוטיק יידיש לעבן. אין די לאַגערן פון עסטאָניע האָבן זיי פאַקטיש מיט זיך פאַרגעשטעלט איין שיכט. צו זיי קען מען צורעכענען אויך די פּאָר הונדערט יידישע קאַצעטניקעס, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון קייזערוואַלד (לאַטוויע).

אַ באַזונדערע גרופּע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די פּרויען, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון טראַנסילוואַניע. זיי האָט מען גערופן די „אונגאַרישע פּרויען". די אָפּשטאַמיקע פון ווילנע און קאָוונע האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב צו זיין די „וועגווייזער" פון די אונגאַרישע.

אין אַלע גביות־עדות איז נישטאָ קיין סימן, אַז דער פֿאַרשידענער לאַנד־אָפּשטאַם זאָל האָבן געדינט אַלס מקור פֿאַר רייבונגען, קריגערייען אָדער פֿיינט־לעכער טעטיקייט פֿון איין טייל כּלפּי דעם צווייטן. עס זענען אָבער פֿאַראַן בולטע סימנים, אַז דער פֿאַרשיידנאַרטיקער לעבנס־שטייגער פֿון די אסירים האָט זיך אויפֿגעהיט אויך אין די לאַגערן. אַזוי דערציילן אין זייערע זכרונות די אָפּ־שטאַמיקע פֿון דייטשלאַנד און טשעכיע וועגן דער בענקשאַפֿט צו זייערע משפּחות, צו זייער היימלאַנד, וואָס פֿלעגט זיך דערוועקן דווקא אין דער ניטל־נאַכט; זיי פֿלעגן זיצן צוזאַמען און נאָסטאַלגיש אַרויסברענגען זכרונות פֿון זייער עבֿר; דאַקעגן די אָפּשטאַמיקע פֿון ווילנע, קאָוונע און לאַטוויע דערציילן וועגן זייערע פֿיל־צאָליקע פּרוּוון אָפּצוצייכענען כאָטש מיט וואָס עס איז חנוכּה, פּורים, פּסח, ראש־השנה, יום־כּיפּור, שׂמחת־תּורה.

ט. צעטיילונג לויט דער גערעדטער שפּראַך

די אָפּשטאַמיקע פֿון טשעכיע האָבן גערעדט צווישן זיך טשעכיש; די אָפּ־שטאַמיקע פֿון דייטשלאַנד — דייטש; די טשעכן האָבן אויך געקענט רעדן דייטש; דעריבער איז זייער בשותּפֿותדיקע שפּראַך געווען — דייטש.

די ווילנער און קאָוונער האָבן גערעדט צווישן זיך יידיש; אויך די אָפּ־שטאַמיקע פֿון לאַטוויע; אַ טייל פֿון זיי האָט אויך גערעדט און פֿאַרשטאַנען עבֿרית. ד״ה, די איבערוויגנדיקע מערהייט פֿון לאַגער (אַרום 95 פּראָצענט) האָט גערעדט צווישן זיך טאָג־טעגלעך יידיש. אַזוי אַרום האָט יידיש זיי פֿאַרוואַנדלט אין איין גרויסער האָמאָגענער גרופּע. ביי דער אַרבעט האָבן מערערע זיך באַנוצט אויך מיט עבֿרית, כּדי די דייטשן זאָלן זיי נישט פֿאַרשטיין. געוועזן צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס פֿלעגן זיך נוהג זיין אין די אָוונטן צו רעדן צווישן זיך עבֿרית, כּדי אַליין זיך איבערצייגן, אַז זיי האָבן נאָך נישט פֿאַרלוירן זייער האָפֿע־נונג אויסגעלייזט צו ווערן פֿון דער קנעכטשאַפֿט און דערגיין קיין ארץ־ישׂראל. אין די אָוונטן פֿלעגן זיי זינגען יידישע פֿאָלק־לידער און אויף העברעיִש — ציון־ און חלוצישע לידער.

די טראַנסילוואַניער פֿלעגן לכתּחילה רעדן צווישן זיך אונגאַריש, אָדער כּמעט אַלע האָבן אויך געקענט יידיש; ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז וועגן דעם וואָס עס קומט פֿאַר אין לאַגער קענען זיי זיך דערוויסן נאָר פֿון די וואָס רעדן יידיש, האָבן זיי אויך אָנגעהויבן צו רעדן צווישן זיך און מיט אַנדערע יידיש. אַזוי אַרום האָבן אין די עסטאָנישע לאַגערן כּמעט 100 פּראָצענט גערעדט יידיש. די געמיינזאַמע שפּראַך איז געוואָרן די בריק וואָס האָט פֿאַראייניקט אַלע־מען און האָט אויסגעמיטן אַלע מיספֿאַרשטייענישן, וואָס פֿלעגן דערשיינען אין די

אינטערנאַציאָנאַלע לאַגערן, ווו איין קאַצעטלער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם צווייטן.

כדאַי אויך צו פאַרצייכענען, אַז ס׳איז געווען נאָך אַ שפּראַך מיט וועלכער עס האָבן זיך באַנוצט די יידישע קאַצעטלער פון עסטאָניע — דאָס איז געווען רוסיש, אמת, נישט צום רעדן, נאָר צום זינגען. אין די אָוונטן, ווען מען פלעגט נישט זען די דייטשע אויפזעער, פלעגן די לאַגערניקעס אויך זינגען רוסישע לידער, דער עיקר פאַרטיזאַנער־לידער, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין די געטאָס פון ווילנע און קאָוונע דורך דער אונטערערדישער באַוועגונג.

י. צעטיילונג לויט די גייסטיקע אייגנשאַפטן: די וואָס קעמפן פאַר זייער לעבן און די וואָס זענען משלים מיטן גורל

פון דעם אויבנגעזאָגטן זעען מיר, אַז עס זענען געווען פאַרשידענע קאַנצעפּציעס פון קאַמף פאַרן לעבן. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געמיינט, אַז קעמפן פאַרן קיום קען מען נאָר דורך ריזיקע און דורך איניציאַטיוו־אַקציעס. געווען אָבער אַנדערע, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז דווקא דאָס אָפּהאַלטן זיך פון אומנייטיקע סכנותדיקע שריט פאַרזיכערט דעם קיום. געווען קאַצעטלער, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז יעדער שפּייז־פּראָדוקט פאַרגרעסערט די שאַנסן צו בלייבן לעבן. געווען, דאַקעגן, אַנדערע, וואָס האָבן אויסגעמיטן צעפּוילטע שפּייזן און פאַראומרייניקט וואַסער מיטן מאָטיוו, אַז די קאַליע־געוואָרענע שפּייזן דערנענטערן זייער סוף. אויך אויפן געביט פון באַוועגן זיך זענען די מיינונגען געווען צעטיילט: אַזעלכע וואָס האָבן געהאַלטן אַז יעדעס גיין אויסערן לאַגער ברענגט אַריין פרישע לופט אין די לונגען. אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן, אַז יעדער מאָמענט פון רו העלפט צו אויפצוהיטן די ענערגיע פון קערפּער.

לויט זייערע גייסטיקע אייגנשאַפטן, קען מען טיילן די קאַצעטלער אויף צוויי קאַטעגאָריעס:

אויף מענטשן, וואָס האָבן געגלייבט, אַז זיי וועלן בלייבן לעבן און געקעמפט פאַר זייער קיום מיט מוט און ווילן, יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן.

אַנדערע ווידער, האָבן משלים געווען מיטן גורל און מיט דער מחשבה, אַז לאַגער איז טויט. פון די דאָזיקע רייען זענען אַרויס די „מוזלמענער״, די מענטשן אויף דער גרענעץ צווישן טויט און לעבן — רעזיגנירטע מענטשן.

יא. צעטיילונג לויט מאָראַלישע און עטישע ווערטן

דער וואָס קוקט זיך צו רעטראָספּעקטיוו צום לעבן אין די לאַגערן, קומט צום געדאַנק, אַז יעדער גלויבן — אין רעליגיע אָדער אין אידעאַלאָגישע פּרינציפּן, האָט געהאָלפן די לאַגערניקעס איבערצוטראָגן די גרויליקע צייט פון יסורים און נויט.

די קאַצעטניקעס דאַרפן געטיילט ווערן אויף צוויי קאַטעגאָריעס:

אויף מענטשן פון דער אונטערערד, אָדער די וואָס האָבן געהאַט אַ פּאָליטישע אידעאָלאָגיע (ציוניזם, חלוציזם, סאָציאַליזם, קאָמוניזם), די וואָס האָבן געגלייבט, אַז דאָס מענטשלעכע געוויסן און יושר וועט סוף־כל־סוף מנצח זיין, און די וואָס זענען געווען יידן מאמינים באמונה שלימה. די אַלע האָבן בעסער אַריבער־געטראָגן דעם גרויזאַמען נסיון פון הונגער, נגישות און שיקאַנעס.

די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין גלויבן, אָדער די, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם גלויבן אין אַלץ, וואָס איז אַמאָל געווען פאַר זיי הייליק — זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן זיך איינגעבראָכן.

יב. צעטיילונג לויטן פּרינציפּ: קעגנזייטיקע הילף — אָדער איינזאַמקייט

סאָלידאַריטעט און גרייטקייט צו העלפן איינער דעם צווייטן, איז געווען אַ גרונט־פּרינציפּ, וואָס האָט צוגעהאָלפן די קאַצעטלער בייצושטיין די שווערע לאַגער־טעג.

אין דאָזיקן שטח קענען מיר ווידער צעטיילן די לאַגערניקעס אויף צוויי קאַטעגאָריעס:

די עלנטע, איינזאַמע און אָפּגעזונדערטע, וועמען ס׳איז נישט געלונגען צו פאַרבינדן זיך מיט וועלכן עס איז לאַגער־חבר, און אַזוי אַרום געלעבט און גע־ליטן אין אַבסאָלוטער איזאָלירטקייט — זיי זענען געווען די ערשטע צום איינ־ברעכן זיך.

שאַנסן אויף איבערלעבן האָבן געהאַט די, וואָס האָבן זיך פאַרבונדן אין „פריינדשאַפט־גרופּן״ — אין גרופּן פון קעגנזייטיקער הילף, און האָט זי געמעגט זיין די מינימאַלסטע (אַזעלכע גרופּן האָבן זיך גערופן: „חברשאַפטן״, „פריינד־שאַפטן״, „קאָלעקטיוון״, „קאָאָפּעראַטיוון״, „קאָמונעס״ אאַז״וו). געווען פאַלן, ווען אַזעלכע חברשאַפטן פלעגן געשלאָסן ווערן דורך אַ תקיעת־כף; חברים פון די דאָזיקע פאַרבינדונגען פלעגן זיך מתחייב זיין צו טיילן צווישן זיך גלייך אויף גלייך מיט אַלעם. זיי פלעגן זיך שטענדיק האַלטן צוזאַמען, וווינען אין איין בלאָק — ווען דאָס איז נאָר געווען אָפּהענגיק פון זיי — שלאָפן אויף איין פּריטשע, גיין צוזאַמען אויף די אַפּעלן, באַמיען זיך געהערן צו איין אַרבעטס־קאָמאַנדאָ, און תמיד זיך קעגנזייטיק אַרויסהעלפן.

*

דער דאָזיקער איבערבליק באַווייזט, אַז די קאַצעטלער, וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אויסערלעך איין שיכט, די שיכט פון פאַרפייניקטע, זענען פאַק־טיש געווען צעטיילט אויף פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן לויט אַ צעטיילונג

וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך די לאַגער־באַדינגונגען, און אין וועלכער ס'איז אויך אָפט געלעגן אַ נאַצישע כוונה — צעטיילן די פּאַרפּייניקטע, שאַפן צווישן זיי „צופרידענע" און אומצופרידענע, „זיכערע" און אומזיכערע, בכדי זיי צעטומלען און פאַרפירן, פּאַראַליזירן זייער מאָראַלישן ווידערשטאַנד און ברעכן זייער פּרווו פון אַקטיוון רעוואָלט.

ס'ווערט גלייכצייטיק קלאָר, אַז די מאָראַלישע ווערטן האָבן געהאַט גרויס חשיבות אינעם לעבן פון די קאַצעטלער. ס'פלעגט טרעפן, אַ צוויי מענטשן פון דעם זעלבן שיכט און פון דער זעלבער דערציִונג פון ערב־מלחמה (ד"ה מענטשן סאָציאָלאָגיש „אידענטישע") פלעגן אין לאַגער זיך צעטיילן: איינער פלעגט אַראָפּזינקן גייסטיק און דער צווייטער פלעגט זיך אויפהייבן אויף איבער־מענטשלעכע גייסטיקע הייכן פון חברשאַפט און מסירת־נפש.

באַמערקונגען:

1) אַלס מקור צום דאָזיקן קאַפּיטל האָבן מיר געדינט מיינע פּערזענלעכע זכרונות און באַאָבאַכטונגען במשך דער תקופה פון מיין געפאַנגענשאַפט אין די עסטאָנישע לאַ־גערן. כ'האָב זיך אויך באַנוצט מיט די מערערע רעפלעקסן, צעוואָרפענע אין די גביות־עדות פון די לעבנגעבליבענע.

די נעמען פון די פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס אַרבעטן האָב איך געבראַכט לויט די נאַצישע דאָקומענטן, וואָס זענען געפונען געוואָרן אין קלאָגע נאָך דער מאַסן־שחיטה, ווי אויך לויט די גביות־עדותן פון די, וואָס האָבן געאַרבעט אין די לאַגער־וואַרשטאַטן, ווי דאַנציגער, גראַדזענסקי־קאַגאַן, אַראַנסאָן א"אַנד.

2) לויט די טאַבעלן, אָפּגעפונענע אין קלאָגע, האָבן די אָנגעהעריקע צום בלאָק־פּערסאָנאַל, אויסגעמאַכט בערך אַ האַלבן פּראָצענט פון דער לאַגער־באַפעלקערונג.

די טאַבעלע נר. 67 גיט איבער, אַז דער בלאָק־פּערסאָנאַל פון פרויען־בלאָק, וואָס האָט געציילט 1.200 פרויען, האָט אויסגעמאַכט 6 פּערזאָן: איין לאַגערעלטעסטע, איין בלאָקעלטעסטע, איין שרייבשטובע, דריי „פאַרפּלעגונג". צוזאַמען אַ האַלבער פּראָצענט.

די טאַבעלע 81 דערציילט, אַז צום בלאָק־פּערסאָנאַל פוןביידע בלאָקן (מענער און פרויען), האָבן געהערט 33 פּערזאָן. עס ווערן דערצו אויך צוגערעכנט 3 פון קלאָזעט־פּערסאָנאַל, 4 פריזיערס און אַ „באַדעפראַו", אַן זיי איז עס 27 מאַן, וואָס מאַכט אויס עפּעס מער פון אַ 0.5 פּראָצ. פון דער אַלג. לאַגער־באַפעלקערונג, וועלכע האָט דאַן געציילט 2400 פּערזאָן.

3) וועגן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין די לאַגערן, וועגן דער סאָלידאַריטעט און פּרטים וועגן די „חברשאַפטן" — זע גענויער אין די געהעריקע קאַפּיטלען.

אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס אין די לאַגערן

די „זעלבסטפאַרוואַלטונג" פון די לאַגערניקעס: **בעת די פּראָצעסן קעגן די נאַצי־פאַרברעכער, ווען ס'ווערט גערעדט וועגן טאָג־טעגלעכן לעבן אין די לאַגערן, ווערט אויך אָפט דערמאָנט די „זעלבסטפאַרוואַלטונג" (1) פון די קאַצעטלער. אין דעם אויסדרוק ליגט עפּעס אויסטערלישס; ער דאַרף מרמז זיין אויף אַ כלומרשטער „אויטאָנאָמיע" פון די קאַצעטלער; אַז זיי האָבן געהאַט די פרייהייט אויסצוקלייבן אייגענע רעפּרעזענטאַנטן, וואָס זאָלן פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן. אָבער יעדער ווייסט דאָך, אַז דער רעזשים אין די לאַגערן איז געווען באַזירט אויף אַ שקלאַפן־געהאָרכזאַמקייט, ד"ה אויפן היפוך פון אויטאָנאָמיע.**

לאָמיר אָנווייזן אויפן מקור פון דעם דאָזיקן באַגריף אין אַלע לאַגערן בכלל און אין די עסטאָנישע בפרט.

אין נאַצישן לעקסיקאָן זענען איינגעוואָרצלט אויסדרוקן, וועלכע זעען אויס ווי הומאַנע, און זענען אָבער נישט מער ווי אַ מאַסקע פאַר אַ פאַרברעכערישן אינהאַלט. יעדער מענטש ווייסט היינט, אַז דער באַגריף „זאָנדערבעהאַנדלונג" (2), וואָס זיין געוויינלעכער באַדייט מיינט אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג פון אַ קראַנקן און אָפּגעשוואַכטן, כדי אים צוריקצוברענגען צו אַ נאָרמאַלן געזונט־צושטאַנד — האָט אין דער נאַצי־שפּראַך גאָר באַדייט אַ טויט־גזר. אין יענער תקופה האָבן די נאַציס געשאַפן אַ גאַנצן אוצר פון אויסערלעך אומשולדיקע ווערטער און באַגריפן, וועלכע זענען אָבער געווען קרימינעל אין זייער אינהאַלט. דעם דאָזיקן עניין זענען געווידמעט מערערע אָפּהאַנדלונגען. איינע פון די ביישפּילן פאַר דער דאָזיקער מאַסקירטער שפּראַך איז אויך די „זעלבסטפאַרוואַלטונג" פון די לאַגערניקעס.

די ס.ס.־ און „אָטע"־לייט האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויסצופילן אַלע פונקציעס אין די לאַגערן. אויף די טויזנטער לאַגערן, האָבן זיי באַדאַרפט אָפּרייסן פון די פראָנטן טויזנטער דייטשן און אָוועקזעצן זיי אויף אַד־מיניסטראַטיווע פּאָסטנס אין די קאַצעטן. דעריבער האָט דאָס „דריטע רייך" זיך

(1) Selbstverwaltung.

(2) Sonderbehandlung.

באַנוצט מיט די אסירים גופא, זיי זאָלן אויספילן די „אַדמיניסטראַטיווע אויפגאַבן" אין די לאַגערן. דער שטח פון די פונקציעס איז געווען פאַרשידנאַרטיק, אָנהייבנ־דיק פון „לאַגערעלטעסטע", וואָס אין געוויסע לאַגערן האָט ער אויך געהאַט קענטיקע מאַכט־פּרעראָגאַטיוון, און זיינע פאַרשידענע פאַרטרעטער און באַהעלפער.

די דאָזיקע אַלע פונקציעס, אַרויפגעלייגטע אויף די לאַגערניקעס זענען געווען אין די אינטערעסן פון דער ס.ס. און ווען ס'איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ פונקציע אויף אַ לאַגערניק, איז ער אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ שווערן און געפערלעכן געוויסן־עקזאַמען, דורך זיין האַנדלונג אונטער דער בייטש פון די נאַציס...

און הגם די אַלגעמיינע ליניע איז געווען אידענטיש אין אַלע לאַגערן, האָט מען דאָך געזען בולטע אונטערשיידן צווישן זיי. די אונטערשייד־ליניע איז געווען: ווער איז דער מענטש אויף וועמען ס'איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די פונקציע? צו וועלכער געזעלשאַפטלעכער שיכט האָט ער געהערט? וואָס זענען געווען זיינע מאָראַלישע ווערטן? ווי אַזוי האָט ער זיך אויפגעפירט? ווי האָט ער אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען?

די ס.ס.־לייט האָבן זיך באַמיט אויסצוקלייבן אַזעלכע לאַגערעלטעסטע און קאַפּאָס, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגען פון דער ס.ס. על פּי רוב האָט מען אין די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגערן אויסגעקליבן מענטשן, וואָס האָבן געהאַט הינטער זיך אַ קרימינעלע פאַרגאַנגענהייט („באַרופספאַרברעכער", „זיכער־הייטספאַרברעכער" (3); געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זענען שוין אָפּגעזעסן יאָרן אין פאַרשידענע טורמעס; דער רוב איז באַשטאַנען פון „רייכסדויטשן" (4), „פאָלקסדויטשן" (5). זיי האָבן זיך געהאַלטן אַלס „באַרופענע צום הערשן", ווייל זיי זענען דאָך אַריער. נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן אָפט צווישן די לאַגערעלטעסטע זיך געפונען קאַצעטלער פון די אָקופּירטע לענדער. אין דער תקופה פון יידישע מאַסן־אויסזידלונגען אין די קאַצעטן זענען אויך געווען פאַלן, ווען געוויסע יידישע קאַצעטלער האָבן באַקומען „אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס" אין די יידן־לאַגערן.

די מערהייט דייטשע קאַצעטלער, וועלכע זענען פאַרשיקט געוואָרן צוליב קרימינעלע פאַרברעכנס, האָבן אָנגענומען אַדמיניסטראַטיווע פּאָסטנס מיט צופרידנקייט. זיי האָבן דערין געזען אַ שאַנס פאַר פערזענלעכע פּראָפיטן, פאַר הערשאַפט איבער אַנדערע און פון קענען אויסלאָדן אויף זיי זייערע אינסטינקטן.

---

(3) Berufsverbrecher; Sicherheitsverbrecher.

(4) Reichsdeutsche.

(5) Volksdeutsche.

זייענדיק באַהערשט פון פאַראַכטונג צו יעדן שוואַכן, אַלטן, אָדער „מוזלמאַן״, האָבן אַ סך פון זיי אַליין געזוכט די דאָזיקע פונקציעס. אָן רחמנות פלעגן זיי שלאָגן די אָפּגעשוואַכטע לאַגערניקעס. זיי זענען געווען די באַלעבאַטים פון די צוגעטיילטע שפּייז־פּראָדוקטן פאַר די קאַצעטלער, און זיי פלעגן צורויבן פון זייערע פאַר־פייניקטע ברידער קאָנטיקע חלקים פון זייער ברויט, מעל, מאַרגאַרין און עס פאַר־קויפן אויסערן לאַגער פאַר פלייש, וווּרשט און בראָנפן. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די „הערשער איבערן לאַגער״. די דאָזיקע מאַכט האָבן זיי זיך דערוואָרבן אַדאַנק זייער בלינדן אויספילן אַלע נאַציסטישע באַפעלן, האָבן זיי געמעגט זיין ווי אַכזריותדיק. די קאַצעטלער האָבן אין זיי געזען דעם „אָפּפאַל פון מענטשלעכן מין״, די נעמען „לאַגערעלטעסטע״ און „קאַפּאָ״ זענען דעריבער פאַרוואַנדלט געוואָרן אינעם טאָג־טעגלעכן לשון פון די קאַצעטלער אין סינאָנימען פונעם באַגריף „רוצח״.

מען דאַרף אָבער זען אַן אונטערשייד צווישן די „לאַגער־הערשער״, וואָס האָב פון אייגענעם ווילן אויסגעקליבן צו זיין אויסנוצערס און אַפילו רוצחים פון זייערע חברים — און צווישן יענע קאַצעטלער, וואָס די דייטשן האָבן בעל־כרחו אויף זיי אַרויפגעלייגט אַדמיניסטראַטיווע, דאָס רוב מינדערווערטיקע, פונקציעס.

*

די לאַגערן אין עסטאָניע זענען אָפיציעל געווען אַרבעטס־לאַגערן און נישט קיין קאַצעטן. אַהער איז מען פאַרשיקט געוואָרן אויף אַרבעט און נישט אויף פאַרניכטונג; די פאַרניכטונג איז געקומען ממילא, ווי אַ רעזולטאַט פון דער שווערער פּראַצע, פון דער אונטערדערנערונג און פון די לאַגער־באַדינגונגען. די לאַגערן אין עסטאָניע האָבן געהאַט נאָך איין כאַראַקטעריסטישן שטריך — זיי זענען געווען לאַגערן פאַר ייִדן.

מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די ס.ס.־מאַכט אין די עסטאָנישע לאַגערן האָט נישט געגעבן קיין שום לאַגערעלטעסטן „דאָס רעכט צו טויטן און מאָרדן״; און אַוודאי איז דאָס נישט געגעבן געוואָרן צו די נידעריקערע שטאַפּלען פון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע, אָדער די „פאַראַרבייטער״.

מען דאַרף אויך באַמערקן, אַז די מאַכט־פונקציע פון „קאַפּאָ״, וואָס פלעגט פאַרוואַנדלען אים אין אַ מערדער, האָט נישט עקזיסטירט אין די עסטאָנישע לאַגערן. מען האָט דאָרט אַפילו דעם דאָזיקן נאָמען נישט געקענט.

ווי אַזוי־זשע זאָל מען דערקלערן דעם פאַקט, אַז אין די עסטאָנישע לאַגערן האָבן די ס.ס.־לייט נישט איבערגעגעבן דעם לאַגערעלטעסטן דאָס „רעכט צו טויטן״ און אַז די פונקציע זיינע האָט נישט געטראָגן קיין מאַכט־כאַראַקטער, נאָר אַן אַדמיניסטראַטיוון כאַראַקטער?

אפשר איז די סיבה פון דעם געווען דער פאַקט, וואָס דער לאַגערעלטעסטער

און זיינע מיטהעלפער זענען דאָ געווען נאָר יידן — און יידן האָבן זיי נישט גע־וואָלט איבערגעבן דעם „זכות צו מאָרדן", ווי אויך קיין שום אַנדערער הערשאַפטס־מאַכט, ווייל די דאָזיקע רעכט געהער נאָר צו „אַריער"? און אפשר איז די סיבה געווען אין דער נאָענטקייט צום לעניגראַדער פראָנט און צו די וועלדער אין דער סביבה און אין דער סכנה איבערצוגעבן די מאַכט אין די הענט פון יידן, וואָס קענען נאָך אַרויספירן די קאַצעטלער אין די וועלדער? און אפשר אינעם פאַקט, וואָס דער רוב קאַצעטלער אין עסטאָניע זענען געווען יידן פון ווילנער געטאָ און דאָרט איז שוין געווען אַן אויפשטאַנד נאָך בעתן ערשטן אַרויספיר קיין עסטאָניע און יוגנט־גרופן פון ווילנער געטאָ זענען אַרויס אין די וועלדער?

די דייטשע מאַכט האָט געוווּסט, אַז צווישן די לאַגערניקעס פון עסטאָניע געפינט זיך אַ באַדייטנדיקע צאָל פון ווילנער אונטערערד.

די נטיה צו הערשאַפט און רציחה ביי די לאַגערעלטעסטע אין די אינטערנאַ־ציאָנאַלע קאַצעטן האָט זיך בדרך כלל לגמרי נישט באַוויזן צווישן יידישע פונק־ציאָנערן אין די עסטאָנישע קאַצעטן. ווי זאָל מען דערקלערן די דאָזיקע דערשיי־נונג? אפשר איז איינע פון די סיבות געווען דער פאַקט, וואָס דער רוב קאַצעטלער האָט געשטאַמט פון זעלבן אָרט — ווילנע און קאָוונע — און אַ סך האָבן זיך געקענט פון זייערע קינדער־יאָרן, אָדער פון די געטאָ־טעג? און אפשר די בשות־פותדיקע שפראַך, די מאָראַלישע ווערטן, וואָס די קאַצעטלער האָבן מיטגעבראַכט פון די יוגנט־באַוועגונגען, צו וועלכע זיי האָבן געהערט פאַרן געטאָ און אַפילו אין געטאָ גופא?

*

די לאַגערניקעס פון עסטאָניע האָבן זיך נוהג געווען אָפּצושאַצן אַ מענטש נישט לויט דער פונקציע וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן, נאָר לויט דעם אופן ווי ער האָט זי אויסגעפילט: האָט ער אויסגענוצט זיין „אַמט" בלויז פאַר זיין אייגננוץ, פאַר זיינע עגאָאיסטישע צוועקן און האָט געזינדיקט מיט קאָלאַבאָ־ראַציע לרעה פון זיינע חברים? אָדער, להיפוך, ער האָט געדאגהט וועגן זיי און זיך באַמיט, לויט זיינע בעסטע מעגלעכקייטן, לייכטער צו מאַכן זיי די שווערע לעבנס־באַדינגונגען אין לאַגער?

דעריבער באַגעגענען מיר זיך זייער זעלטן מיט קריטישע באַמערקונגען פון די עדות כלפּי די לאַגערעלטעסטע. פאַרקערט, אַ סך פון זיי, אויף ווי ווייט זיי דערמאָנען זייערע לאַגערעלטעסטע, רעדן זיי וועגן די לעצטע מיט אַ געוויסער פאַרשטענדעניש און אָפּט אויך מיט אָנערקענונג כלפּי זייער אויספירן דעם שווערן און צווייפלהאַפטן אַמט. פיל עדות דערמאָנען אויך צום גוטן די אויפפירונג פון די פאָראַרבייטער און שטרייכן אָפּט אונטער פאָזיטיווע מאָמענטן אין דער

אויפפירונג פון די וואַרשטאַט־מענטשן און פון די מענטשן ביי פאַרשידענע אַנ־דערע אַרבעטן פון „לאַגערבעטריב״.

ווי אַזוי זענען נאָמינירט אָדער „געוויילט״ געוואָרן די לאַגערעלטעסטע? דאָס נאָמינירן קאַצעטלער אויפן אַמט פון לאַגערעלטעסטע פלעגט געוויינלעך פאָרקומען גאַנץ צופעליק. די „אַטע״־לייט, אין די ערשטע טעג פון די לאַגערן, און די לאַגער־פירער פון ס.ס. במשך דער גאַנצער צייט, האָבן בדרך כלל נישט געקענט די קאַצעטלער, וועמען זיי האָבן געגעבן דעם אַמט פון לאַגערעלטעסטע. מערערע עדות דערציילן, אַז אַלס לאַגערעלטעסטע פלעגן געוויינלעך אויסגעקליבן ווערן בעתן אַפּעל הויכע בחורים אָדער אַזוינע, וועלכע האָבן געטראָגן שטיוול, ד״ה לויט די אויסערלעכע סימנים וואָס האָבן געמאַכט אויף די דייטשן דעם רושם, אַז די נאָמינירטע וועלן קענען „האַלטן אָרדנונג״ אין לאַגער.

לויט דערציילונגען פון די עדות ווייזט זיך אַרויס, אַז אין אייניקע לאַגערן (ערעדאַ, קורעמע, קלאָגע), זענען די ערשטע טעג כלומרשט פאָרגעקומען „וואַלן״ אויפן אַמט פון לאַגערעלטעסטע. דער ענין זעט אויס פּאַראַדאָקסאַל, אָבער מען דאַרף אים דאָך פאַרצייכענען; דאָס איז פאָרגעקומען אין דער קורצער תקופה ווען בראש פון די לאַגערן זענען געשטאַנען „אַטע״־לייט.

ס׳זענען געווען פאַלן ווען פאָראַרבייטער זענען אויסגעקליבן געוואָרן דורך די יידישע לאַגערניקעס. דער מחבר פונעם בוך דערמאָנט זיך אַזאַ טראַגישן אויסוואַל. דאָס איז געווען דעם ערשטן טאָג אינעם לאַגער וויוואַראַ. דער „אַטע״־מאַן וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ קאָמאַנדאָ אויף דער שטרעקע, האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז די לאַגערניקעס זאָלן אויסקלייבן אַ פאָראַרבייטער. אויף דער פראַגע: „וואָס וועט זיין זיין אויפגאַבע?״ האָט ער געענטפערט: „אַכטונג געבן אויף די אַרבעטער, אַליין נישט אַרבעטן, עסן דער ערשטער״. היות צווישן די קאַצעטלער איז געווען דער אַלטער דאָקטאָר אַבראַמאָוויטש האָבן די לאַגערניקעס איינשטימיק אויסגעקליבן אים אויף דעם אַמט. אָבער ער איז געווען צו שוואַך, ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין כוח אויפצוהייבן זיין שטימע און שרייען. אָוונט־צייט איז קלאָר געוואָרן, אַז די נאָרמע, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די אַרבעטער איז נישט אויסגעפילט געוואָרן. דער „אַטע״־מאַן האָט דעם אַלטן דאָקטאָר געשלאָגן מכות רצח און דעם זעלבן אָוונט איז ער אויסגעגאַנגען.

ווי אַזוי קען מען דערקלערן דעם פּאַראַדאָקס פון די וואַלן? אפשר איז אין דעם געווען די כוונה פון די „אַטע״־לייט צו לאָזן די לאַגערניקעס קלייבן מענטשן צו וועלכע זיי האָבן צוטרוי, און דערמיט אַריינברענגען דיסציפּלין אינעם לאַגער? אפשר איז דאָס נאָר געווען אַ סטראַטעגיש מיטל פון אָפּנאַרן און פאַרפירן? זינט די ס.ס.־לייט האָבן איבערגענומען די לאַגערן ווייסן מיר נישט מער וועגן „וואַלן״.

*

די סיטואַציע פון די לאַגערעלטעסטע איז זייער אָפט געווען אַ טראַגישע. אין אַלע לאַגערן איז דער לאַגערעלטעסטער געשטעלט געוואָרן פאַר אַ שווערן עקזאַמען פון געוויסן. אַזוי איז אויך געווען אין די לאַגערן פון עסטאָניע. וועגן אייניקע פון זיי דערציילן די עדות מיט סימפּאַטיע, ווייל זיי זענען בייגעשטאַנען דעם נסיון און זיך באַמיט מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקענט, כדי צו העלפן זייערע ברידער, און אין אַ סך פאַלן האָבן זיי אַפילו באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן.

די לאַגערעלטעסטע אין די עסטאָנישע לאַגערן זענען נישט איין מאָל געווען קרבנות פון „אינספּעקציעס" מצד די לאַגערפירער, און זיי פלעגן פאַר דער קלענסטער „זינד" כאַפּן שמיץ, אַזוי ווי אַלע אַנדערע קאַצעטלער. מיטן אַריבער־פירן אַ לאַגער פון איין אָרט אין אַ צווייטן, פלעגן די לאַגערעלטעסטע זייער אָפט פאַרלירן זייער „אַמט". אין אַ נייעם לאַגער איז געוויינלעך געווען אַ נייער לאַגער־עלטעסטער. בעת פאַרשידענע אַקציעס פלעגן די לאַגערעלטעסטע געשיקט ווערן צום טויט פונקט ווי די איבעריקע (ווי למשל מעלצער און פרידע בייוואָל פון קלאָגע).

אונדז איז נישט באַקאַנט, אַז עמעצער פון די לאַגערעלטסטע אין די עסטאָ־נישע לאַגערן זאָל האָבן לעבנגעבליבן.

באַמערקונגען:

1) אויספירלעכע פּרטים וועגן דער התנהגות פון די לאַגערעלטעסטע און קאַפּאָס אין די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגערן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין די פּובליקאַציעס פון די געראַטעוועטע, אין פאַרשידענע שפּראַכן, גלייך נאָך דער באַפרייונג. אַ גרויסן אָפּקלאַנג האָבן געהאַט די באַשרייבונגען אין די ביכער פון עאוגען קאָגאָן (דייטש) און דאַוויד רוסע (פראַנצויזיש). אַ גרויסע ליטעראַטור אין דעם ענין איז שוין דערשינען און דערשיינט. צו די ביכער וואָס באַשרייבן אַ קאַפּאָ מיט אַן אַכזריותדיקן רעאַליזם, געהערט דאָס בוך „קאַפּאָ" פון דאָמיניק גוסטען (פראַנצויזיש, פּאַריז, 1966).

צווישן די געראַטעוועטע זענען באַקאַנט די באַשרייבונגען וועגן קאַפּאָס און לאַגער־עלטעסטע אין אוישוויץ־בירקענאַו. אין זייער בוך „בית חרושת למות אושביץ" שרייבן קראַוס־קולקאַ: „... פונקט ווי אין אַלע אַנדערע קאַצעטן, האָבן אויך די קאַצעטלער פון בירקענאַו געהאַט אַן אַפּאַראַט פון „זעלבסטפאַרוואַלטונג". דער אַפּאַראַט איז באַשטאַנען פון די גרעסטע פאַרברעכער, פון יענע „גרינע דייטשן", וואָס זענען אויסגעקליבן גע־וואָרן צווישן די שטראָף־קאָמאַנדאָס אין פאַרשידענע קאַצעטן. אַלע יענע קאַצעטלער האָבן אויפגעשטעלט אַן אַפּאַראַט פון דעספּאָטן־הערשאַפט..." (220 און ווייטער).

2) מען דאַרף פאַרצייכענען, אַז בדרך כלל דערמאָנען נישט די עדות פון די עסטאָ־נישע לאַגערן נישט וועגן די לאַגערעלטעסטע, און נישט וועגן זייערע באַהעלפערס. בשעת די פאַררעגיסטרירונגען אין געשפּרעכן פלעג איך דאַרפן נישט איין מאָל איבערחזרן די פראַגע וועגן די לאַגערעלטעסטע, כדי „אַרויסצוציען" פון דער פאַרגעסנקייט זייערע נעמען. אַ סך האָבן פשוט נישט געדענקט די נעמען פון די לאַגערעלטעסטע אין זייערע לאַגערן; נישט איינער פלעגט, אַנרופנדיק אַזאַ נאָמען, גלייך צווייפלען: אפשר געדענקט ער נישט גענוי דעם נאָמען? צי דאַרף מען זען אינעם פענאָמען פון נישט־געדענקען די לאַגערעלטעסטע אַ סימן, אַז אין די עסטאָנישע לאַגערן האָבן זיי געשפּילט אַ מינדערוויכ־טיקע ראָל? אָדער שטאַמט עס פון אומווילן צו מאַכן פאָרווורפן מענטשן וואָס לעבן שוין נישט? קען זיין, אַז די עדות האָבן אפשר יאָ צו דערציילן וועגן אַ נישט־חברישער התנהגות כלפּי וועמען עס איז פון זיי מצד דעם לאַגערעלטעסטן. אָבער זיי האָבן מורא נישט צו זיין איינזייטיק, ווייל זיי ווייסן דאָך נישט פון זיינע עווענטועלע גוטע מעשים לגבי אַנדערע חברים.

אייניקע עדות דערמאָנען ספּעציעל צום גוטן די התנהגות פון די לאַגערעלטעסטע שבתאי אַראָנאָוויטש אין וויוויקאָני (גאַלעמבאָ, 6; האַרמאַץ, 6; טייטלמאַן, 1); ישראל צעפּע־לעוויטש אין קיוויאָלי (אָפּנבאַך, 6—7); צווילינג אין ווייוואַראַ (דאַנציגער, 7—8); ראָכ־מאַן אין לאַגעדי (ה. קרוקס טאַגבוך).

מ. באַלבערישסקי דערמאָנט צום לויב די האַלטונג פון די לאַגערעלטעסטע מעלצער און פרידע בייוואַל פון קלאָגאַ אין טאָג פון דער מאַסן־שחיטה (500).

אויך איך פּערזענלעך דערמאָן זיך נישט וועגן אַ שווערער, סאַדיסטישער און אַכזריותדיקער התנהגות פון די לאַגערעלטעסטע אין די עסטאָנישע לאַגערן, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט. דאָקעגן באַגלייטן מיך זייער טרויעריקע זכרונות ווען איך דערמאָן זיך די לאַגערעלטעסטע און קאַפּאָס אין שטוטהאָף און דאַוטמערגען.

אויף דער פראַגע פאַרוואָס רעדן נישט די עדות קיין שלעכטס אויף די לאַגערעל־טעסטע פון די עסטאָנישע קאַצעטן? פלעגן זיי מיר געוויינטלעך ענטפערן: „מיר זענען דאָך געווען אַלע פון דער זעלבער שטאָט. איינער האָט דאָך געקענט דעם אַנדערן, ווי אַזוי־זשע האָבן זיי געקענט טאָן שלעכטס?". ס'איז כדאי צו פאַרשן, צי אויך אין אַנדערע לאַגערן האָבן לאַגערעלטעסטע „פון דער זעלבער שטאָט" נישט געטאָן קיין שלעכטס זייערע לאַנדסלייט?

די געשיכטע פון די קאַצעטן אין דער אָקופּיר'טער אייראָפּע האָט צו פאַרצייכענען די אַלגעמיינע דערשיינונג, אַז געוויסע מענטשן (ביי אַלע פעלקער) זענען געווען גרייט, צוליב אייגננוצן, צו עקספּלואַטירן, באַרויבן און פאַרקויפן זייערע ברידער; בעיקר האָט זיך עס אַרויסגעוויזן אין די גרויסע „אינטערנאַציאָנאַלע" לאַגערן, מיט קאַצעטלער פון פאַרשיידענע לענדער און פעלקער. אין די עסטאָנישע „מאָנאָ־נאַציאָנאַלע" יידן־לאַגערן האָט עס זיך נישט געמערקט. מעגלעך, אַז אַזאַ איז געווען דער מצב אויך אין

די אַנדערע „מאָנאָ־נאַציאָנאַלע" לאַגערן. שטעלט זיך די פראַגע: צי האָט טאַקע אויך אין אַנדערע לענדער דער פאַקט, אַז די קאַצעטלער זענען געווען קינדער פונעם זעלבן פאָלק — מיטגעווירקט דערצו, אַז דאָרט זאָלן קאַצעטלער גישט פאַרוואַנדלט ווערן אין מערדער פון זייערע ברידער־קאַצעטלער.

דער ענין לאַגערעלטעסטע און קאַפּאָס אין די פאַרשידנסטע לאַגערן, זייער ענלעכקייט און באַזונדערקייט, פאָדערט אַ פּילזייטיקע פאַרגלייכנדיקע פאָרשונג.

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין די לאַגערן

אין די לאַגערן איז אויך געווען אַ „געזעלשאַפטלעך לעבן". פאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז געווען אַ ספּעציפיש לעבן, אָפּהענגיק און אַרויסגערופן דורך די לאַגער־באַדינגונגען. דאָס „געזעלשאַפטלעכע לעבן" איז פאָרגעקומען בעיקר אין די שעהען צווישן „אָונט־אַפּעל" און „שלאָף־באַפעל".[1]

אין יענע שעהען פלעגן די לאַגער־באַראַקן „רוישן"; און ווער ס'פלעגט אַראָפּקוקן פון די פּריטשעס פלעגט זיך אים דוכטן, אַז דער גאַנצער באַראַק ווימלט מיט עפּעס אַ וויברירנדיק לעבן.

אין יענע „אָפּרו־שעהען" פלעגן די קאַצעטלער, נאָך אַ טאָג פון שווערער פּראַצע, דערליידיקן זייערע נייטיקע ענינים פון טאָג־טעגלעכן לעבן. איינער פלעגט אַרומלויפן בכדי איינצוהאַנדלען פאַר אַ פּאָרציע ברויט אָדער פאַר אַ זופּ — אַ בלעכערנע פּושקע, וואָס איז אים פאַרלוירן געגאַנגען; אַ צווייטער האָט זיך פאַרנומען מיט לייגן לאַטעס אויף זיינע צעריסענע בגדים, אָדער פאַרריכטן זיינע צעלעכערטע שיך. די לאַגער־„סוחרים" פלעגן גיין איבער די באַראַקן און פירן זייער „אויסטויש־האַנדל" — פאַרקויפן די פּראָדוקטן וואָס זיי איז געלונגען צו „אָרגאַניזירן"; די „בעלי מלאכות" פלעגן זיך אויסזעצן ביי זייערע פּריטשעס און מאַכן „רעפּאַראַציעס". ווער ס'האָט געהאַט אַ שטיק בלעך, פלעגט מאַכן „מענאַזשקעס" צום אויסטויש. ווער ס'האָט געהאַט אַ שטיק אייזן פלעגט עס שטילערהייט שאַרפן און פאַרוואַנדלען אין אַ מעסער; אַנדערע פלעגן בויען אַ „האַנטוואָג" צום וועגן דאָס צעשניטענע ברויט (אַ „וואָג", אַפילו אַזאַ פּרימיטיווע, איז געווען אין לאַגער אַ זייער נייטיקע זאַך, בכדי צו קענען „יושרדיק" פאַרטיילן די צעשניטענע ברויט־פּאָרציעס).

אין יענע שעהען פלעגן די זכרונות־שרייבער שרייבן אויף די פּריטשעס זייערע פאַרצייכענונגען. די וואָס האָבן אַריינגעבראַכט קאַרטאָפל פלעגן מאַכן פון זיי „קאַרטאָפליאַנקעס" אין בלעכענע פּושקעס („מענאַזשקעס"), וואָס מען פלעגט אַוועקשטעלן אויפן לאַגער־אויוועלע, אָדער איבער זיינע אָנגעגליטע רערן. אַנדערע פלעגן זיך גלייכצייטיק באַנוצן מיט די הייסע רערן פאַר דיזענפעקציע־צוועקן — צו פאַרברענען די אינזעקטן פון זייערע בגדים.

די דאָזיקע „פרייע שעהען" פלעגן די קאַצעטלער אָנרופן די „אידיליע־שעהען".

אַז מען פלעגט זיך דערוויסן אַז די ס.ס.־לייט זענען בגילופין, פלעגן די לאַגערניקעס אויסנוצן די שעהען צו „זינגען". געזונגען האָט מען געטאָ־ און לאַגער־לידער פון אַנאָנימע מחברים. קאָצעטלער, באַשאָנקענע מיט איניציאַטיוו האָבן צוגעגרייט געהיים אַ „קאָנצערט־פּראָגראַם" פון געזאַנג און דעקלאַמאַציעס (אַ קאָצעטלער פלעגט שטיין „אויף דער וואַך" ביים אַריינגאַנג פון באַראַק, בכדי אַכטונג צו געבן צי ס'דערנענטערט זיך נישט קיין ס.ס.־מאַן, וואָס וואָלט גלייך פאַרוואַנדלט די „אידיליע־שעה" אין אַ גרויל־שעה).

פרומע יידן פלעגן אין יענע שעהען מאַכן „מנינים" און דאַווענען צוזאַמען מנחה־ומעריב. אַ רב, אָדער אַ ישיבה־בחור, פלעגט אַ מאָל אויך זאָגן אויף אויסנ־ווייניק אַ פּרק משניות, און די אַרומיקע האָבן נאָכגעזאָגט זיינע ווערטער.

דאַן פלעגט מען זיך אויך איבערגעבן אין דער שטיל פון־אויער־צו־אויער די „פּראָנט־נייעס". געברענגט די נייעס האָבן ראַדיאָ־טעכניקער אָדער סתם־אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי די ס.ס.־לייט און האָבן צופעליק אויפגעכאַפּט אַ ראַדיאָ־ידיעה. אויך די, וועלכע האָבן צופעליק, אין מיסט, אָדער ביים ס.ס.־קלאָזעט, גע־פונען אַ שטיקל צייטונג — פלעגן זיך אַוועקזעצן אויף אַ מיטלסטער פּריטשע און איבערגעבן באַריכטן וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן (מ'האָט זיי גערופן „באַ־ריכטלער"). געווען צווישן זיי „קאָמענטאַטאָרן" — ממש ספּעציאַליסטן. זיי פלעגן קאָמענטירן ידיעות וועגן דייטשן צוריקצוג מיט גרויס התלהבות און מתיקות. געווען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך נוהג געווען מגזם צו זיין און דערציילט אויסגע־טראַכטע מעשיות וועגן נצחון פון די אַלייִרטע, ווייל זיי אַליין האָבן געהאַט דערפון הנאה, און אויך ווייל זיי האָבן געוואָלט דערמיט דערמוטיקן די לאַגערניקעס און דערוועקן ביי זיי אַ ביסעלע האָפענונג.

כ'געדענק אַזאַ התלהבותדיקן קאָמענטאַטאָר, חיטאָוויטש, וואָס האָט אין זיין קאָמענטירן די באַריכטן און באַשרייבן די צוקונפטיקע נצחונות פון די אַלייִרטע דערגרייכט גרויסע קינסטלערישע הייכן. מען פלעגט אים רופן חבריש: „דער נייעס־פאַרויסזאָגער".

אין יענע שעהען האָבן געהאַט גרויס הצלחה די, וועלכע האָבן געוווסט ווי אַזוי צו באַשרייבן די אַלע גוטע מאכלים פון די שלום־יאָרן; און געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך „אויסגעספּעציאַליזירט" אינעם שילדערן די וווּנדערבאַרע מאכלים וואָס זיי וועלן עסן אויף דער פריי און קהל פלעגט ממש „שלינגען" די דאָזיקע פאַנ־טאַסטישע שילדערונגען, וואָס זייער מקור איז געווען די פּסיכאָזע פון הונגער (וואָס שווערער די אונטערדערנערונג, אַלץ גרעסער די הצלחה פון די דאָזיקע סיפּורים. דער עולם פלעגט זאָגן: „לאָמיר אַ ביסל פאַנטאַזירן!").

משפּחה־מיטגלידער צעשיידטע און צעשפּרייטע איבער פאַרשידענע באַראַקן און אַרבעטס־איינהייטן, האָבן אין יענע אוונט־שעהען געפּרוווט אַריינגנבענען

זיך אינעם באַראַק פון אַ קרוב, צו דערוויסן זיך וועגן זיין צושטאַנד און אַרבעטס־באַדינגונגען, אָדער אים ברענגען עפּעס פון דעם. וואָס זיי האָבן הײַנט „אָר־גאַניזירט״.

אין יענע שעהען פלעגן לאַגערניקעס זיך אַרומדרייען צווישן די פּריטשעס, כדי זיך צו דערוויסן עפּעס־וואָס וועגן די יידן אין די אַנדערע לאַגערן, ווי אויך ווער ס׳האָט געאַרבעט אין אַ „גוטער איינהייט״, אָדער פאַרקערט, ווער פון די אויפזעער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס „חיה־רעה״.

אין יענע שעהען פלעגן אויך בסוד זיך באַראַטן די אָרגאַניזירטע און אונטער־ערדישע גרופּן, אָדער די, וואָס האָבן זיך צוגעגרייט צו אַנטלויפן אין די וועלדער און געווען געבונדן מיט אַ „תקיעת־כף״ צו אַ קאָלעקטיוו לעבן, צו טיילן צווישן זיך דעם „רויב״ פון טאָג.

קריגערייען צווישן די קאַצעטלער — און געווען אַ סך סיבות פאַרן אויס־ברוך זייערן — פלעגן אויסגעגליכן ווערן דורך ספּעציעלע דין־תורות. אין יעדן לאַגער פלעגן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן אַריינ־ברענגען שלום צווישן די צעקריגטע. מען פלעגט זיי רופן די „שלום־מאַכערס״. די צדדים האָבן פאַר זיי געבראַכט זייערע טענות און דער שלום־מאַכער, „אָנער־קענט״ דורך די צדדים, פלעגט אַרויסטראָגן זיין פּסק. אַזאַ פאַרהאַנדלונג האָט מען אָפט אָנגערופן „דין־תורה״.[3]

סכסוכים פלעגן אויסברעכן אויך אין די וואַגאָנען, בעת די דעפּאָרטאַציעס פון געטאָ אין די קאַצעטן.[3]

סכסוכים פלעגן אויסברעכן לרוב, ווען אין לאַגער פלעגט אָנקומען אַ טראַנספּאָרט מיט נייע קאַצעטלער. די ניי־אָנגעקומענע, וואָס פלעגן אויסגע־שטעלט ווערן אין אַפּעל־הויף צו דער קאָנטראָל פון זייערע פּעקלעך, פלעגן זיך נוהג זיין צו באַהאַלטן אינעם זאַמד גאָלדענע מטבעות און אַנדערע ווערט־זאַכן. נאָך דער רעוויזיע, אויב די חפצים האָבן זיך נישט אָפּגעפונען, פלעגן די אָקאָרשט־געקומענע חושד זיין די „אַלט־איינגעזעסענע״, אָדער די לאַגער־„פונקציאָנאַרן״, אַז יענע האָבן וואָרשיינלעך אויסגענוצט זייער צעטומלונג און צוגענומען זייערע חפצים. ס׳פלעגן זיך טאַקע טרעפן קאַצעטלער, וועלכע האָבן געטענהט, אַז „אין די לאַגערן זענען אַלע גלייך״ — און נישט געזען קיין שום חטא אינעם צונעמען פאַר זיך עפּעס פון יענעמס „פאַרמעגן״ („פאַרוואָס קומט יענעם צו האָבן מער פון מיר?״). געווען אויך פאַלן ווען „פונקציאָנאַרן פלעגן וואַרטן ביז די „נייע״ וועלן אַריינגעפירט ווערן אין די באַראַקן און דאַן אויס־זוכן דאָס פאַרשטעקטע און „זוכה זיין פון הפקר״.[3]

די קאַצעטלער האָבן זיך נוהג געווען אָפּצוהיטן דאָס אַ״ג „ירושה־געזעץ״. ווען ס׳פלעגט שטאַרבן אַ לאַגערניק, פלעגן די קאַצעטלער אָנזאָגן וועגן דעם

די קרובים פון נפטר (פאַטער, ברודער, שוועסטער, פרוי) אין אַנדערע באַראַקן, זיי זאָלן צונעמען פאַר זיך די חפצים פון נפטר, איידער די לאַגערמאַכט וועט זיך דערוויסן וועגן זיין טויט. אויב די קרובים פון נפטר האָבן זיך דעצידירט אַרויסצונעמען זיינע גאָלדענע ציין („פאַרוואָס זאָל דאָס גאָלד אַריינפאַלן אין די הענט פון די רוצחים?"), פלעגן די לאַגערניקעס זיי העלפן אין דעם, היטנדיק צי עס דערנענטערט זיך נישט צום באַראַק קיין ס.ס.־מאַן.[1]

כ'האָב געזען ווי אין לאַגער גאָלדפילין האָט אַ שטאַרבנדיקער פאַטער געבעטן זיין זון, ער זאָל אַרויסרייסן ביי אים זיינע גאָלדענע ציין איידער ער שטאַרבט, בכדי דער זון זאָל קענען פאַר דעם זיך קויפן ברויט („אפשר וועט זיך דיר איינגעבן לעבן צו בלייבן!").[1]

אויב עס איז ביינאַכט געשטאָרבן אַזאַ, וואָס האָט נישט געהאַט קיין קרובים, האָבן זיינע באַראַק־שכנים זיך נוהג געווען צו צעטיילן צווישן זיך די „ירושה" — אָפּט דורך וואַרפן גורל.[1]

ביים פאַרטרויען אַ חבר אַ חפץ צום פאַרקויפן אויסערן לאַגער, פלעגט זיין אַ מנהג אַרויפצולייגן די הענט אויפן אַקסל פון חבר און אים זאָגן: „כ'פאַרלאָז זיך אויף דיין געוויסן!".[1] מיר פעריזענלעך זענען נישט באַקאַנט קיין פאַלן פון נישט צוריקגעבן דעם ווערט פון פאַרקויפטן חפץ; דאַקעגן איז באַקאַנט אַ פאַל, ווען אין וויוויקאָני איז אַ לאַגערניק באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, נאָך דעם ווי אַן אַרבעטס־אויפזעער האָט ביי אים צוגענומען אַ העמדל וואָס אַ חבר האָט אים מיט־געגעבן צום פאַרקויפן און ער האָט נישט געהאַט וואָס אים אָפּצוגעבן.[1]

אין די עסטאָנישע לאַגערן, פונקט ווי אין אַלע אַנדערע, האָט זיך געשאַפן אַ ספּעציפישער פאָלקלאָר, בעיקר — וויצן וועגן טאָג־טעגלעכן לעבן אין לאַגער, וואָרענונגס־אויסרופן וועגן דערנענטערן זיך פון ס.ס.־לייט ווי אויך צונעמענישן.

ווער עס האָט באַמערקט ביי דער אַרבעט, אַז ס'דערנענטערט זיך אַ דייטשער שררה, ד"ה אַן ס.ס.־מאַן, אָדער אַן אַרבעטס־אויפזעער, פלעגט אַ געשריי טאָן: „יעלה ויבוא!" („ער קומט אָן!"), אין אַ פאַרקירצטער פאָרם — „יעלה!". שפּעטער האָט מען יעדן ס.ס.־מאַן אָדער „אָטע"־מאַן גערופן „יעלה". במשך דער צייט האָט מען אויך לאַגערניקעס וואָס האָבן געהאַט חשובע פונקציעס אין מאַגאַזין, אָדער אין קיך, אָנגעהויבן רופן מיטן זעלבן נאָמען („אָ, ער איז שוין אַ גאַנצער „יעלה"!).[1] מען האָט געזאָגט, אַז דאָס וואָרט „יעלה" איז מיטגעבראַכט געוואָרן פון קאָוונער געטאָ. געווען אויך וואָרענונגס־רופן ווי „זעקס!", אָדער „עפּל!" (וואָרשיינלעך געבראַכט פון ווילנע).[1]

אין קלאָגע פלעגט מען די געבראַכטע פון „גוטע לאַגערן" רופן „ענגלענדער";

זיי האָבן נאָך געהאַט אַ גוטן אויסזען; דאַקעגן די „אָרטיקע" דערשעפּטע פּלעגט מען רופן „אַראַבער", ווייל זייער אויסזען האָט דערמאָנט אין „מוזלמענער".[5]

שאַרפעטער האָט געטראָגן דעם שוידערלעכן צונאָמען „דער קירקעניק"[6] צוליב די רציחות, וואָס ער פלעגט אויספירן מיט זיין קירקע. אויך דער רוצח־סאַניטאַר ערנסט רונדע האָט אין זיינע לאַגערן געטראָגן דעם זעלבן נאָמען[7]

די לאַגערפירערס האָט מען גערופן „די יאַטקע"[8] צוליב די שחיטות, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט. דעם קאָמענדאַנט פון אַלע עסטאָנישע לאַגערן האָט מען גערופן „דער סאָרטאַוושטשיק",[8] צוליב זיין אָנטייל אין די סעלעקציעס. לאַגערפירערס און אַרבעטס־אויפזעערס האָבן אויך געהאַט איראָנישע צונעמען ווי „זשיראַפע",[9] „דער זעקספּיסיקער".[10] דעם לאַגערפירער פּאַניקע פלעגט מען אויך רופן „פּאַניקער", אָדער „פייניקער", צוליב די עינויים וואָס ער פלעגט אָנטאָן די לאַגערניקעס.[11] דער „אָטע"־מאַן אין לאַגער גאָלדפילץ האָט געהייסן „די שיפּעלע"; דער ס.ס.־מאַן — „סוכאָטניק"; און אין אַזאַרי האָט מען גערופן דעם עסטאָנישן פּאָסטן מיטן נאָמען: „אַבעלע דער תם"; אין קלאָגע האָט מען גערופן אַן „אָטע"־מאַן מיט דעם צונאָמען „חיה־רעה", אָדער „קרוציפיקס". ער האָט דערשאָסן אַ קינד, וואָס איז געגאַנגען „שנאָרעווען"; דעם לאַגער פלעגט מען רופן „דאַטשע" (שואג).

צווישן די ווערטער, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין עסטאָניע, וועלן מיר דער־מאָנען די באַגריפן וואָס האָבן אַ שייכות מיטן איינשאַפן זיך עסנוואַרג: „אָרגאַני־זירן", „שיסן", „שנאָרעווען", „שנאָריטע"; מעל־געקעכצן: „אַ בריי"; אַלע מינים קאַרטאָפל־זופּ אַ „קאַרטאָפליאַנקע"; אַ זופּ פון צעשניטענע ווערים: „זופּ מיט קאַלאָריעס"; אַלס וואָרענונגס־רוף, אַז מען דאַרף אינטענסיוו אַרבעטן — איז געווען „טירחהנען!"; ווי אַ סימן, אַז מען מעג אַרבעטן לאַנגזאַמער, ווייל דער אַרבעטס־אויפזעער שטייט אַ ביסל ווייטער, איז געווען: „חול המועד!"; אַ סימן אַז מען זעט בכלל נישט קיין דייטש, איז געווען: „יום־טוב!".

די נעמען פון די לאַגערן פלעגט מען געוויינלעך אויסרעדן לויטן ליטווישן יידיש, ניט נאַרוואַ, נאָר נאַרווע. אָפט פלעגן די לאַגערניקעס אָנרופן קורעמע — קוראָמיי. קלאָגאַ האָט מען אָנגערופן קלאָגע (אַ סימן פון „קלאָג"); אַאוואַראַ האָט מען גערופן אויוואַרע, כדי דער „אוי" זאָל זיך גוט הערן.

אין די לאַגערן האָבן זיך געשאַפן ספּעציפישע שבועות, ווי למשל: „כ׳זאָל אַזוי דערלעבן די פריי!", „כ׳זאָל אַזוי דערלעבן צו זען די מייניקע!".[11]

בעת אַ סכסוך צווישן לאַגערניקעס האָט מען געקענט הערן קעגנזייטיקע זידלווערטער, ווי „ביסט נישט בעסער פון זיי!", „זיי" האָט געמיינט — די דייטשן, דאָס איז געווען די גרעסטע באַליידיקונג.

אַ פאַרשפּרייטע קללה כלפּי די דייטשן איז געווען: „הלוואי זאָל מען זיי נישט קענען דעריאָגן" (בעת זייער צוקונפטיקן בהלהדיקן ריקצוג).

קיינער פון די לאַגערניקעס האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן צווייפל, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיט דער מפּלה פון די דייטשן. מען פלעגט זיך טרייסטן: „מ'יר וועלן זיין צו זיי בעסער!".

כ'דערמאָן מיך, אַז בעתן אַפּעל אין קורעמע האָט פּאַניקע זיך פּלוצעם געווענדט צו איינעם פון די קאַצעטלער מיט דער פראַגע: „ווי אַזוי וועסטו האַנדלען כלפּי מיר, ווען איך וועל זיין אין דיין מצב?". דער לאַגערניק האָט אים געענט־פערט: „בעסער" [11] (ס'הייסט, בעסער ווי ער)

וויצן־דערציילער זענען זייער גערן געזען געווען אין לאַגער; געווען אַפילו אַזעלכע וואָס פלעגן צאָלן מיט פּאַרציעס ברויט פאַר וויצן.[12] ס'זענען אויך באַליבט געווען זינגערס פון געטאָ־לידער; אַ סך דערמאָנען דעם נאָמען פון „בערעלע דעם זינגער".[1]

פאָלקלאָר בכלל, בפרט וויצן, זענען געשאַפן געוואָרן אין אַלע געטאָס און לאַגערן. דאָס איז געווען אַ מין אויסלאָדונג פאַר די העפטלינגען [13]

איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין די לאַגערן איז געווען דער רצון אויפצוהאַלטן די אידענטיטעט, ד"ה דער ווילן אויך אין די לאַגערן צו זיין דאָס, וואָס מען איז געווען פריער. אויב ס'איז וועמען געלונגען צו פאַרנעמען זיך, אויך אין קאַצעט, מיט זיין פריערדיקער באַשעפטי־קונג, האָט ער דערין געזען אַ גרויסע חשיבות. צווישן די קאַצעטלער, וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט פון צייט צו צייט ממשיך צו זיין זייער ערב־מלחמהדיקער באַשעפטיקונג, זענען געווען די מענטשן פון די וואַרשטאַטן: עלעקטראָטעכניקער, שניידער, שוסטער, גלעזער, היטלמאַכערס, ראַדיאָ־טעכניקער, מאָלער, דאָקטוירים, קראַנקנשוועסטערס א"אַ.

צום „אויפהיטן די אידענטיטעט" אין די לאַגערן קען מען פאַררעכענען דאָס ווען אויפהיטן דאָס רעליגיעזע לעבן מצד די פרומע, ווי אויך דער פאַרלאַנג אויפצוהיטן דעם ציוניסטישן אידעאַל, ווי, למשל, די געהיימע ציוניסטישע גרופּע „שאר ישוב",[14] די קאָנטאַקטן צווישן געוו. חלוצים, שומרים, ביתרים, בונדיסטן און קאָמוניסטן,[15] ווי אויך דאָס שטענדיקע שטרעבן אויפצוהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן די געוו. מיטגלידער פון אונטערערדישן געטאָ.[16]

ווי באַקאַנט, האָט דער לאַגער־מענטש פאַרלוירן זיין ווערט און מעמד, וואָס ער האָט געהאַט ערב דער מלחמה, און קיינער פון די לאַגערניקעס פלעגט זיך, בדרך כלל, נישט רעכענען דערמיט צי זיין שכן איז געווען אַמאָל אַ לערער, אַ שרייבער, אַ געזעלשאַפטלעכער טוער וכדומה. דעריבער איז כדאי צו דערמאָנען די אויפמערקזאַמקייט אין אייניקע לאַגערן לגבי רבנים, ישיבה־בחורים, לגבי דעם

באַקאַנטן שרייבער ז. ה. קאַלמאַנאָוויטש,[17] דעם דיכטער הירשקע גליק,[18] די געטאָ־דיכטערס כתריאל ברוידא און לייב ראָזענטאַל, דעם קאָמפּאָזיטאָר זאב דורמאַש־קין א״אַ. ס׳איז צו זען אין דעם אַ געוויסן קאָלעקטיוון רצון אויפצוהאַלטן די אידענטיטעט דורך אַכטונג צו די, וואָס מען האָט פריער געאַכטעט.

די גערעדטע שפּראַך אין די לאַגערן האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין ספּעציעלער איידלקייט. די זאַצן זענען געווען „קורץ און שאַרף״. אָפט פלעגט מען אויך הערן גראָבע אויסדרוקן און קללות. קיינער האָט דערפאַר נישט געהאַט קיין פּאַראיבל, להיפּך, אויב מען האָט באַמערקט, אַז אַ לאַגערניק הייבט אָן רעדן „איידל״, פלעגן די חברים זיך שרעקן, אפשר איז ער „צוזאַמענגעבראַכן״ און ער האָט שוין אונטערבאַוווסטזיניק מוותר געווען אויפן קאַמף פאַר זיין לעבן.[19]

באַמערקונגען:

1) פערזענלעכע זכרונות פונעם מחבר וועגן דער צייט ווען ער איז געווען אַ העפטלינג אין די עסטאָנישע לאַגערן.

2) זע: דבורז׳צקי מ.: „על תלמוד תורה בתקופת השואה״. קובץ העשור לאוניברסיטה בר־אילן, תשט״ז—תשכ״ה (ספר השנה ד׳—ה׳), 289—298.

3) באַלבערישסקי דערציילט, אַז אין זיין דעפּאָרטאַציע־וואַגאָן האָט דער אַרטיסט „בתאי בלאַכער, ווי אויך אָלייסקי, זיך פאַרנומען מיטן „מאַכן שלום״ און מיטן צוריקקערן די פאַרלאָרענע בעת דער רעוויזיע אין וואַגאָן חפצים. קלאַטשקאָ און באַלבערישסקי, 582, דערציילן אויך, אַז די „שטאַרקע״ האָבן געצווונגען דורך אַ „דין־תורה״ יענע וואָס האָבן בעתן טומל פון דער רעוויזיע זיך צוגעאייגנט פרעמדע זאַכן, זיי אָפּצוגעבן. קאַגאַן גראַדזענסקי, 50, דערציילט וועגן אַזאַ „שלום״, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן צווישן אים און לאַגער־עלטעסטן מענדעלעוויטש, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ לאַגער־דיקער „שלום־סעודה״.

4) אַנאָליק נ., געשפּרעך, 2.

5) אין קלאָגע פלעגן די „אַראַבער״ זיך פאַרנעמען ספּעציעל מיטן „טויש־האַנדל״. אין זיין קלאָגער טאָגבוך פון 1944.7.19 שרייבט ה. קרוק: „טאָג־טעגלעך קומען צוריק די „אַראַבער״ פון דער שטרעקע און ברענגען מיט זיך פון כל טוב. אין לאַגער שטעלט זיך אַ יריד, וואָס דערמאָנט אַ יריד אין שטעטל״. די לעבנגעבליבענע פון קלאָגע דערמאָנען אָפט אין זייערע גביות־עדות די ווערטער „ענגלענדער״ און „אַראַבער״.

6) דוואָרזשעצקי, ניעמענטשיק, 2; קאַגאַן־גראַדזענסקי, 6.

7) אָרבאַך; אַנטאָקאָליעץ, 25; זוהר, 5.

8) ה. קרוק, טאָגבוך פון 5.9.44.

9) קריגער (לאַגעדי), זוהר, 17; כאַנין, 63—64.

10) ווײַנטרויב ב., 2.

11) מערערע גביות־עדות פון לאַגערניקעס, ווי אויך פערזענלעכע זכרונות פונעם מחבר; איינער פון די קאַצעטלער — דער מחבר פונעם בוך.

12) טײַטלמאַן, 5.

13) זע: י. קאַפּלאַן, „דאָס פאָלקס־מויל אין נאַצי־קלעם", „פון לעצטן חורבן", נר. 1, 2, מינכען, 1946.

14) זע קאַפּיטל „אונטערערד אין די לאַגערן".

15) דערמאָנט אין די גביית־עדות פון די קלאָגער און אַנדערע לאַגערניקעס.

16) זע וועגן צווייטן באַטאַליאָן אין די עסטאָנישע לאַגערן.

17) זע גביות־עדות וועגן ז. ה. קאַלמאַנאָוויטש (שעפּטעל א"אַ).

18) זע: ד"ר דוואָרזשעצקי, „הירשקע גליק", קיום, פּאַריז, 1966.

19) אַ מעשה מיט ד"ר שמחה ברייטבאַרד. ער האָט פּלוצעם גענומען רעדן אין אַן איידעלן און העפלעכן טאָן, און זיינע חברים האָבן מורא באַקומען, צי ער האָט זיך נישט צוזאַמענגעבראָכן. נאָך אַ קורצער צייט איז ער טאַקע געשטאָרבן פון אַלגעמיינער דערשעפּונג.

20) ה. קרוק, „לאַגער קלאָגע, קאַפּיטל 10", 2.

21) ה. קרוק, „בוך 6, באַפרייונג", 3.

קאָנטאַקטן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג

די קאַצעטלער פון עסטאָניע זענען געווען אָפּגעריסן און איזאָלירט פון דער אַרומיקער וועלט. לאָמיר באַטראַכטן צי האָבן זיי דאָך געהאַט וועלכע עס איז קאָנטאַקטן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג? פון וועמען אייגנטלעך איז דאָן באַשטאַנען די דאָזיקע אַרומיקע באַפעלקערונג? וואָס זענען געווען די צילן פון די דאָזיקע קאָנטאַקטן?

די לאַגערניקעס האָבן זיך אָנגעטראָפן אין יענע טעג אויף מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער: עסטאָניער, רוסן, האָלענדער, דייטשן. גיך האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז פאַרשידן איז געווען די באַציִונג צו די יידן מצד פאַרשידענע עלעמענטן אינערהאַלב יעדער פאָלקסגרופּע. עס איז נישט געווען גלייך די אויפפירונג כלפּי די יידן פון אַן עסטאָניער, וואָס האָט געטראָגן אַן ס.ס.־מונדיר, צו דער באַציִונג פון אַן עסטאָנישן פּויער. עס איז נישט גלייך די התנהגות פון אַ מונדירטן האָלענדער צו נישט קיין מונדירטן אד״גל.

די קאַצעטלער האָבן אָנגעהויבן זוכן קאָנטאַקטן קודם כּל מיט די עסטאָניער פון דער אומגעגנט און מיט די האָלענדער. דאָס שאַפן קאָנטאַקטן מיט די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע איז געווען זייער שווער צוליב דער האַרבער אויפזיכט איבער די לאַגערן פאַר די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. דער ציל פון די געזוכטע קאָנטאַקטן איז געווען:

א) אפשר וועט מען דורך זיי קענען קריגן אַ פאַרבינדונג מיט די יידן אין אַנדערע לאַגערן?

ב) אפשר וועט מען אַדאַנק זיי קענען קריגן שפּייז־פּראָדוקטן?

ג) אפשר וועט מען קענען שאַפן קאָנטאַקטן מיט דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין עסטאָניע?

קאָנטאַקטן מיט די עסטאָניער

די עסטאָניער אין ס.ס.־מונדירן, זענען געווען באַוווּסט מיט זייער אַכזריות זינט די דעפּאָרטאַציעס פון ווילנער געטאָ אין די עסטאָנישע לאַגערן.[1] ס׳איז באַקאַנט, אַז די עסטאָניער ס.ס.־מענער האָבן געדינט אַלס וואַכלייט בעת די דאָזיקע דעפּאָרטאַציעס פון יידן.[2] דער פּחד פאַר די עסטאָניער ס.ס.־לייט, וואָס איז אַנט־

שטאַנען אין די טעג פון די דעפּאָרטאַציעס, האָט אָפּגעהאַלטן אַ סך לאַגערניקעס אַרויסצוגיין אין די וועלדער „צוליב דער סכנה צו זיין אַ לענגערע צייט אין די וועלדער אָן קיין שום מעגלעכקייט פון קאָנטאַקטן מיט די ציווילע עסטאָניער״,[3] אַפילו בלויז צוליב דער פרעמדקייט פון זייער שפּראַך.

די מונדירטע עסטאָניער, די פּאָסטנס פון די לאַגערן, זענען געווען זייער שטרענג לגבי די יידישע קאַצעטלער.[4] די אַנטלאָפענע פון די לאַגערן פלעגן אָפט פאַרהאַלטן ווערן אין די וועלדער דורך די דאָזיקע עסטאָניער, וועלכע האָבן געוואָלט זיי איבערגעבן אין די הענט פון געשטאַפּאָ (אָרבאַך,[4] גאָלדשטיין,[5] קויפ־מאַן[5]), נאָר דורך אַ נס, אָדער אַדאַנק שוחד האָבן זיי זיך געראַטעוועט פון יענע רוצחים.

דאָקעגן זענען פאַראַן מערערע גביות־עדות וועגן פּשוטע עסטאָניער, וואָס האָבן געהאָלפן די לאַגערניקעס מיט שפּייז־פּראָדוקטן, סיי אין דער פאָרם פון אויסטויש, און סיי ווי אַ געשאַנק, אָן קיין שום געצאָלט.

פאַראַן עדות וואָס אונטערשיידן צווישן עסטאָניער, וואָס רעדן רוסיש (אין צפון־מזרח־עסטאָניע און בעיקר לעבן פּינישן אויסגוס) און צווישן עסטאָ־ניער, וואָס האָבן נישט געקענט קיין רוסיש; לויט זיי איז די באַציִונג פון די ערשטע צו די קאַצעטלער געווען אַ מער פריינדלעכע און זייער אָפּרוף אין ענין שפּייז־פּראָדוקטן — אַ מער פּאָזיטיווע ווי פון די, וואָס האָבן גערעדט אויסשליס־לעך עסטאָניש.

צו דער דאָזיקער מיינונג דאַרף מען זיך באַציען מיט אַ געוויסן רעזערוו. ס׳קען זיין, אַז די סיבה פון זייער פריינדלעכער באַציִונג איז אויך געווען די בשותפותדיקע שפּראַך. די איבערוויגנדיקע מערהייט פון די קאַצעטלער האָט פאַרשטאַנען רוסיש. דאָקעגן דער מאַנגל פון אַ בשותפותדיקער שפּראַך צווישן די קאַצעטלער, וואָס פאַרשטייען לגמרי נישט עסטאָניש — מיט די עסטאָניעס וואָס קענען בלויז עסטאָניש, האָט געשאַפן צווישן זיי אַ מחיצה.

אייניקע עדות דערציילן וועגן גוטהאַרציקע עסטאָנישע פרויען, וואָס האָבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן זיי געהאָלפן.

אין מאַנכע גביות־עדותן איז פאַראַן אַן אָפּקלאַנג פון דער הילף פון אַן עסטאָניער פון ערעדער געגנט ביים אויסאַרבעטן די פּלענער פון זייער אַנטלויפן. אין טאָגבוך פון ה. קרוק ווערט איבערגעגעבן וועגן די קלאַנגען מכוח אַ געמיינזאַמען אַנטלויפן פון יידן און עסטאָניער אין קלאָגער אומגעגנט. דאָקעגן דערציילן מערערע עדות וועגן קאָנטאַקטן מיט די א״ג עסטאָנישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן נישט דערפירט צו אַ וועלכער ס׳איז קאָנקרעטער הילף ביים אַנטלויפן אין די וועלדער.

אַאוואַראַ: געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן כמעט יעדן טאָג פאַרלאָזן זייער אַר־בעטס־פּלאַץ אויף אַ שעה־צוויי און פאַרברענגען ביי אַן עסטאָנישער משפחה, וואָס

האָט גערעדט רוסיש. דאָרט פלעגן זיי קריגן עסן און וואַרעם וואַסער אַרומצוּוואַשן זיך.[4]

אזארי: נישט ווייט פון לאַגער האָט זיך געפונען אַן איינזאַמע הייזקע פון עסטאָניער. זיי פלעגן פון צייט צו צייט אַרויסהעלפן די לאַגערניקעס מיט פיש, קאַרטאָפל אד״גל.[6]

מ. נאַדעל (3) דערציילט: די האָלענדער האָבן זיך אויסערגעוויינלעך גוט באַצויגן. זיי פלעגן געבן די יידישע העפטלינגע פון זייער עסן, זייער באַציִונג איז געווען אַ האַרציקע, אַ ברידערלעכע.

גאָלדפילץ: דער אַנטלאָפענער פון לאַגער גאָלדפילץ, אָרבאַך, דערציילט, אַז עטלעכע מאָל איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן דורך עסטאָניער. איינער פון זיי האָט געוואָלט אים איבערגעבן אין די הענט פון געשטאַפּאָ, אָבער ער האָט עס נישט געטאָן צוליבן פּחד טאָמער האָבן די אַנטלאָפענע ביי זיך רעוואָלווערן.[4] איין מאָל איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַן אַנדערן עסטאָניער, וועלכער האָט אויך געוואָלט אים איבערגעבן צו די דייטשן; אָבער ער האָט זיך אויסגעקויפט מיט אַ גאָלדענער מטבע און אַ גאָלדענעם זייגער.[4] „די התנהגות פון די עסטאָנישע ס.ס.-לייט כלפּי די יידן איז געווען אַ שרעקלעכע. זיי פלעגן זיי שלאָגן מיט שטעקנס בשעת דער אַרבעט״.[4] לגמרי אַן אַנדערע איז געווען די באַציִונג מצד פּשוטע עסטאָניער. נאָך זייער אַנטלויפן פון גאָלדפילץ, בלאָנדזשענדיק אין וואַלד, פלעגן די קאַצעטלער אַריינגיין אין די הייזקעס פון די עסטאָנישע פּויערים. טייל מאָל פלעגט מע זיי מכבד זיין מיט שפּייז־פּראָדוקטן און אַפילו דערלויבן אויסבאַהאַלטן זיך אין שייער.[4] דער אַנטלאָפענער פון גאָלדפילץ, דראַבקין, דערציילט, אַז אין וואַלד האָט אים באַגעגנט אַן עסטאָניער; הגם יענער האָט אים געגעבן נאָר אַן עמער מיט אַ מעסער און געלאָזן אים אַליין אין וואַלד, האָט ער אויך דערין געזען אַן אויסדרוק פון גוטן ווילן.[7]

לאַגעדי: אין זיין טאָגבוך פון לאַגעדי פון 44.9.8, דערציילט ה. קרוק: „נעכטן מיטאָגצייט בין איך אַרויסגעגאַנגען פון לאַגער צו קריגן אַ ביסל וואַסער אַרומצוּוואַשן זיך. לעבן דער פּאָמפּע איז פאַראַן אַ באָד פאַר עסטאָנישע צוואַנגס־אַרבעטער. מיר זענען אַרויס פּינקטלעך מיטאָגצייט. ווען די אַרבעטער, מענער און פרויען, באַקומען מיטאָג, ווען זיי האָבן דערזען יידישע העפטלינגע האָבן זיי אונדז געהאָלפן, ווער מיט ברויט און ווער מיט סיגאַרעטן״.[8]

נאַרוואַ: ס׳ווערט דערציילט וועגן דער גוטער באַציִונג פון די עסטאָניער: „...כמעט שטענדיק, ווען מען פלעגט אונדז פירן צו דער אַרבעט דורך די גאַסן פון שטאָט, פלעגן זיך עפענען פענצטער און ס׳פלעגן פאַלן אויף אונדז פּעקלעך. אויך פאַרבייגייער אויף די גאַסן פלעגן אונדז טיילמאָל דערלאַנגען שפּייז־פּעקלעך. די קאַצעטלער פלעגן אין די פאַרנאַכטן זיך אַרויסגנבענען און גיין... „שיסן״. די

מענטשן פלעגן אונדז קיין מאָל נישט אַרויסלאָזן מיט ליידיקע הענט און קיין מאָל נישט געדראָט, אַז זיי וועלן עמעצן פון אונדז איבערגעבן צו די דייטשן...״ [9]

ערעדאַ: ווען גאָלדשטיין, קויפמאַן און זייערע חברים זענען אַנטלאָפן אין וואַלד, זענען זיי איין מאָל אַריין אין אַ הייזקע צו בעטן ברויט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט צו אַ מונדירטן עסטאָניער, וועלכער האָט געוואָלט זיי פירן אין דער פאָליציי. זיין מאַמע האָט זיך ביי אים געבעטן רחמים און אַ דאַנק דעם זיי געראַטעוועט. די מאַמע האָט זיי אויך געגעבן צידה לדרך אַ לעבל ברויט.[5] „יעדעס מאָל ווען מיר זענען געווען אין וואַלד, פלעגן מיר אַריינגיין אין אַ שטוב פון אַן עסטאָנישן פויער; ער פלעגט אונדז געבן אָפּצועסן״...[5] די אַנטלויפער פון ערעדע האָבן פריער אָנגעבונדן קאָנטאַקטן מיט פויערים פון דער סביבה. בעיקר האָבן זיי געהאַט קאָנטאַקטן מיט איינעם, וואָס זיי האָבן אים גערופן „וואָנסאַטי״ („דער מיט די וואָנצעס״). „מיר פלעגן קומען צו אים אין יעדער עת־צרה און זענען נישט אַרויס מיט ליידיקע הענט״.[5] ווען די אַנטלויפער זענען אָנגעקומען אין וואַלד, האָבן זיי זיך געטראָפן מיט יענעם „וואָנסאַטי״ עסטאָניער, וואָס האָט זיי אָנגעצייכנט אויף אַ שטיקל פאַפיר די מאַפּע פונעם וואַלד ביי ערעדאַ, ווי אויך פון די נאָענטע דערפער און האָט זיי מסביר געווען ווו עס איז דאָס זיכערסטע אָרט זיך צו באַהאַלטן.[5]

אויך אַנדערע עדות דערציילן, אַז די מונדירטע עסטאָניער זענען נישט געווען בעסער פון די דייטשן. זיי פלעגן שלאָגן און טרייבן מיט די קאָלבעס. דאַקעגן האָט די ציווילע באַפעלקערונג אָפט מאָל געהאָלפן.[10]

קונדאַ: וועגן אַ קאָנטראַסט־פאַרשידנאַרטיקער באַציִונג צו יידן מצד צוויי עסטאָניער, אַ דאָקטאָר און אַ קראַנקנשוועסטער, דערציילט סאָניע כץ (3): אַן עסטאָנישער כירורג, אַ דיקער און נידעריקער, אַן ערך 40 יאָר אַלט, האָט איר געמאַכט ברוטאַל אַן אָפּעראַציע פון פנים, אָן פאַרטויבונג און דערביי געזאָגט אויף רוסיש: „יידן און הינט טוט נישט וויי״. דאַקעגן די עסטאָנישע שוועסטער האָט איר אַרויסגעוויזן האַרציקייט, אַריינגענומען אין אַ זייטיק צימער און דערמעגלעכט איר אָפּצורוען זיך נאָך דער ווייטאָגדיקער אָפּעראַציע.

קורעמע: אַן עסטאָנישע פרוי, וואָס איר קראַנק קינד האָט באַקומען אַ מעדיצינישע באַהאַנדלונג פונעם מחבר פון בוך, האָט אַלס דאַנק דערלויבט די קאַצעטלער פון צייט צו צייט צו באַנוצן איר דאַמף־מרחץ.[11] עטלעכע מאָל האָט זי זיי געגעבן מילך, וואָס די קאַצעטלער־דאָקטוירים האָבן פאַרוואַנדלט אין איינשפריצונגען קעגן פאַרונקלען.[11] אַן עסטאָנישע פרוי, וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרן דורכן מחבר פון בוך, בעת זי איז געפאַלן אין חלשות, האָט אַלס דאַנק אַריבערגעפירט זיינס אַ צעטעלע קיין קלאָגע.[11]

עס זענען געשאַפן געוואָרן קאָנטאַקטן מיט עסטאָנישע פאַרטיזאַנער, אָבער

ביז היינט איז נישט קלאָר צי דאָס זענען טאַקע געווען אמתע פּאַרטיזאַנער, אָדער גאָר פּאַרפירער און אָפּנאַרער.[12]

אַן עסטאָניער פון קורעמע האָט זיך אין דאָרטיקן לאַגער אינטערעסירט מיטן גורל פון אַ משפּחה פון אַ לאַגערניק און האָט אויך איבערגעפירט זייערע בריוו פון קורעמע צו פּאַרט־קונדע און צוריק.[13]

קיוויאַלי: אייניקע פרויען האָבן געאַרבעט אין די באַראַקן פון עסטאָנישע אָפיצירן. זייער אויפפירונג איז געווען „אַ מענטשלעכע" און זיי פלעגן אַפילו שענקען די פרויען פּאַרציעס ברויט און סיגאַרעטן.[14]

קלאָגע: ס׳איז דאָ אַ גרונט אָנצונעמען אַז אין יולי 1944 זענען ביי קלאָגע אַנטלאָפן הונדערטער עסטאָניער, צווישן זיי אויך יידן. אין זיין קלאָגער טאָגבוך פון 1944.7.27 דערציילט ה. קרוק: „...נעכטן האָט זיך דאָ פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז 250 עסטאָניער זענען אַנטלאָפן פון די קאַזאַרמעס. נאָך דעם זענען געכאַפּט געוואָרן אין וואַלד 24 עסטאָניער און 6 יידן..."[15] אַן עסטאָניער, אָגוסטינאַ, האָט פּאַרגעלייגט אַריבערצופירן 100 קאַצעטלער דורכן באַלטישן ים קיין פינלאַנד. די זאַך איז נישט רעאַליזירט געוואָרן צוליבן פעלן פון דער נייטיקער סומע געלט.[16]

לאָמיר דערצו נאָך צוגעבן, וואָס די געראַטעוועטע פון יאַגאַלאַ אין טורמע־לאַגער טאַלין האָבן דערציילט וועגן דער הילף אין פּראָדוקטן, וואָס זיי פלעגן באַקומען פון עסטאָנישע פרויען (זע — יאַגאַלאַ).

פאַר די פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די פויערים, פלעגן די לאַ־גערניקעס צאָלן מיט העמדער, מלבושים, היטלען, ווי אויך מיט גאָלדענע מטבעות און דאָלאַרן, וואָס אייניקע פון זיי האָבן מיט סכנות־נפשות אַריינגעשמוגלט אין די לאַגערן. די עסטאָניער פון דער אומגעגנט פלעגן אויך טיילמאָל געניסן פון דער „אומלעגאַלער" מעדיצינישער באַהאַנדלונג מצד יידישע קאַצעטלער־דאָקטוירים (גביות־עדות פון ערעדאַ, קורעמע א״אַנד).

קאָנטאַקטן מיט די האָלענדער

מען דאַרף דורכפירן אַ שאַרפע שיידליניע צווישן די האָלענדער אין ס.ס.־מונדירן און צווישן יענע, וועלכע זענען מיט צוואַנג מאָביליזירט געוואָרן אַלס אַרבעטער ביים „אָסט־איינזאַץ". אַחוץ איין עדות — וועגן דער זייער האַרבער אויפפירונג מצד די מונדירטע האָלענדער אין לאַגער ערעדאַ — דערציילט די אַבסאָלוטע מערהייט עדות אַ סך פּרטים וועגן דער הומאַ־נער באַציִונג פון די נישט־מונדירטע האָלענדער צו די קאַצעטלער, וועגן זייערע צאָלרייכע פּרווון צוצוואַרפן אַ שפּייז־אונטערשטיצונג, וועגן אַריבערפירן בריוו און ידיעות פון לאַגער צו לאַגער, וועגן איבערגעבן דערמוטיקנדיקע ידיעות פון די

פּראָנטן. אין איינעם פון די לאַגערן (ווייוואַראַ) האָט זיך אָרגאַניזירט אַן אונטער־ערדישע יידיש־האָלנדישע גרופּע.

אזארי: די האָלענדער פּלעגן העלפן די לאַגערניקעס מיט שפּייז־פּראָדוקטן. זיי האָבן זיך אַפילו פון זיי אויסגעלערנט זינגען יידישע לידער, ווי „ווילנע, וויל־נע", „אַ יידישע מאַמע".[18] די האָלענדישע אַרבעטער, וועלכע זענען געווען אויפ־זעערס ביים אַרויספירן שטיינער אין קליינע וואַגאָנעטקעס, האָבן בכלל נישט מקפּיד געווען אויף דער פּינקטלעכער אויספירונג פון דער אַרבעט.[6] (איינער פון זיי, הוגאָ בעטער, האָט איינעם יאָר 1968 באַזוכט ישראל און איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פריינדשאַפט דורך די יידישע געוועזענע קאַצעטלער פון אַזאַרי).

וויוויקאָני: לעבן יידישן לאַגער איז אויך געווען אַ האָלענדישער לאַגער. די באַציִונג פון די האָלענדער צו די יידישע קאַצעטלער איז געווען „אַ מענטשלעכע, וואַרעמע און גוטע".[17]

ווייוואַראַ: נישט־מונדירטע האָלענדער האָבן געאַרבעט ביי דער שטיינהאַקעריי צוזאַמען מיט יידן.[18] זיי פּלעגן אָפט העלפן די יידישע אסירים מיט ברויט.[18] אין ווייוואַראַ האָט זיך אָרגאַניזירט אַן אונטערערדישע האָלענדיש־יידישע גרופּע, וואָס האָט אָנגעהויבן זאַמלען ברען־מאַטעריאַל, בכדי אונטערצוצינדן דעם לאַגער בעת זיין ליקווידאַציע און אַזוי אַרום דערמעגלעכן די קאַצעטלער דאָס אַנטלויפן.[19] אַ גרופּע האָלענדער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט יידישע קאַצעטלער ביי די באַן־רעלסן, און זיי פּלעגן זיך נוהג זיין צו וואַרפן לעבלעך ברויט פאַר די יידישע קאַ־צעטלערינס; ווען מען האָט זיי געפרעגט פאַרוואָס זיי העלפן מיט ברויט, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט צופיל, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי זענען נאָך יונג און ס'וועט זיי גאָרנישט שאַטן.[7]

יעוויע: אין יעוויע האָבן זיך די מאַכט־אינסטאַנצן באַנוצט מיט די האָלענדער אַלס שאָפערן; זיי האָבן עס אַריבערגעפירט די קראַנקע אויף פּלעקטיפּוס קיין ווייוואַראַ; זיי פּלעגן פאָרן, צוליב זייערע אויפגאַבן, פון לאַגער צו לאַגער. „אַדאַנק די דאָזיקע האָלענדער האָבן מיר געהאַט קאָנטאַקטן מיט די יידן פון אַנדערע לאַגערן; זיי פּלעגן אַרומפירן אונדזערע בריוו איבער די לאַגערן; אַ דאַנק דעם האָבן מיר געוווּסט ווו עס זענען צעשפּרייט געוואָרן די קאַצעטלער, און אַפילו געהאַט השערות וועגן דער צאָל יידן אין יעדן לאַגער.[20]

ערעדאַ: אין מאָל, ווען די האָלענדער זענען פאַרבייגעפאָרן ערעדאַ, זענען זיי אַראָפּ פון די וואַגאָנען, מכבד געווען די יידן מיט יי"ש און געזאָגט „לאָמיר לעבן ווי פרייע מענטשן!", „היטלער פּערעקע!".[21] די האָלענדער פּלעגן העלפן אָפט מיט שפּייז־פּראָדוקטן, מיט קאָנסערוון און ברויט".[22]

דאַקעגן די מונדירטע האָלענדער: „...זיי האָבן אונדז געהיט אין וואַלד בשעת

דער אַרבעט. זיי פּלעגן אונדז „דיריזשירן״ מיט בייטשן אין די הענט, אַזוי ווי אין אַ צירק״.[23]

קיוויאַלי: לעבן דעם יידן־לאַגער האָט זיך געפונען אַ באַראַק פון האָלענדער. זיי פלעגן פון צייט צו צייט צווואַרפן שפייז־פּראָדוקטן פאַר די לאַגערניקעס.[6]

קלאָגע: דער האָלענדער אָטאָ פלעגט ברענגען פון צייט צו צייט נייעס וועגן אַלץ וואָס קומט פאָר אויפן פראָנט. דעם 15־טן סעפּטעמבער 1944 האָט ער אָנגעזאָגט, אַז דער פראָנט איז דורכגעריסן געוואָרן דורך די סאָוויעטן.[6] די לאַגערניקעס פון קלאָגע פלעגן אָפט אַרבעטן אין „באַלטיסקי פּאָרט״ (אַ האַפן, 12 קילאָמעטער ווייט פון קלאָגע). „די האָלענדער פלעגן זיך באַציען צו אונדז ווי צו ברידער; זיי פלעגן פאַר אונדז גנבענען פאַרשיידענע פּראָדוקטן, און זיי צווואַרפן, בעיקר פאַר די פרויען״.[24]

אייניקע קאַצעטלער (ווי, למשל, שוסטער, 3) דערציילן וועגן לעטישע פּאָסטנס, וועלכע האָבן מערדערלעך געפּייניקט די קאַצעטלער. אַנדערע (ווי, למשל לייבל דאָלינסקי), דערציילן אויך וועגן בעלגיער, וועלכע זענען דורך די דייטשן אַריינגעצויגן געוואָרן אין „אָטע״. צווישן זיי זענען געווען גוטע און שלעכטע, אַזעלכע וואָס האָבן געהאָלפן מיט ברויט, און אַזעלכע (ווי אין סאָסקי), וואָס האָבן מוראדיק געשלאָגן די קאַצעטלער.

סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע

עסטאָניע איז געווען „פּאַרזייט״ מיט לאַגערן פון סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. מען שאַצט זייער צאָל אין מערערע צענדליקער טויזנטער,[25] אַפילו ביז 150.000 און די צאָל הרוגים און אומגעקומענע — בערך אַ העלפט (אַרום 64.000).[26]

די יידישע קאַצעטלער, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן אין די עסטאָנישע לאַגערן פלעגן אָפט געפינען סימנים, אַז זיי זענען אויפגעשטעלט געוואָרן דורך סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע (ווי יאַגאַלאַ), אָדער זיי האָבן פריער דאָרט געוווינט (וויוואַראַ, קלאָגע).[27] אַ קליינער חלק פון די רוסישע געפאַנגענע איז איבערגעבליבן אין לאַגער קלאָגע, בעיקר ספּעציאַליסטן, וואָס האָבן געהאַט פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס ביי דער פּראָדוקציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יידן־לאַגער.[28]

די לעבנס־באַדינגונגען פון די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע זענען געווען זייער שווערע און דערנידעריקנדיקע. דער מחבר פון דעם בוך דערמאָנט זיך וועגן די דאָזיקע באַדינגונגען, ווען ער האָט געאַרבעט אין גאָלדפּילץ און וויוואַראַ, בשכנות פון די לאַגערן פאַר קריגס־געפאַנגענע.

„...כ׳האָב געזען די עקלדיקע און שרעקלעכע לעבנס־באַדינגונגען פון די

קריגס־געפאַנגענע. כ'האָב געזען ווי זיי ליגן צונויפגעדריקטע איינער לעבן צווייטן אינעם לאַגער, וואָס איז געווען אַרומגעריגלט מיט שטעכלדראָט. ס'איז געווען שווער צו זען ווי מען איזדיעקעוועט זיך איבער זיי. דער לאַגערפירער האָט מיר געזאָגט: „זעסט, דאָס זענען די רוסן, קוק זיך צו!"...[27א]

בעלאָוו דערציילט, אַז זייער סימן אויף דער פּלייצע און אויף די הויזן איז געווען „ק.ג.", ד"ה קריגס־געפאַנגענער.

צווישן די קריגס־געפאַנגענע האָט זיך געפונען אַ געוויסע צאָל זעלנער, וועלכע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאָלאַבאָראַטאָרן מיט די דייטשן, וואָרשיינלעך צוליבן שווערן הונגער און דער עבודת פּרך. אין די עסטאָנישע לאַגערן האָט מען זיי גערופן „פערעקולשטשיקי", ווי אויך „פערעבעזשטשיקי" (איבערלויפערס, בוגדים). זיי זענען געוואָרן וואַכלייט איבער די לאַגערן און איבער די דעפּאָרטאַציע־טראַנספּאָרטן.[28]

געווען צווישן זיי הפקר־מענטשן; מען האָט זיי אָפט גערופן אין די געטאָס „וולאַסאָווצי", אויפן נאָמען פון קריגס־געפאַנגענעם סאָוויעטישן גענעראַל אַנדריי וולאַסאָוו, וואָס האָט אָרגאַניזירט אין די מלחמה־יאָרן אַ רוסישע, אַנטי־סאָוויעטישע אַרמיי אין דינסט פון די נאַציס.[29] (די וולאַסאָווצעס זענען וואָרשיינלעך נישט געווען אין צפון־אייראָפּע. די יידן האָבן די סאָוויעטישע בוגדים גערופן פערעקול־שטשיקעס, ד"ה „די וואָס האָבן זיך איבערגעקייקלט", בכדי אונטערצושטרייכן זייער פאַרראַט כלפּי דעם סאָוויעטנפאַרבאַנד). איינער פון די עדות דערציילט, אַז מען האָט זיי אויך גערופן קאַמינסקי־לייט.[29]

הונדערטער מונדירטע „פערעקולשטשיקעס" האָבן געדינט צו הילף די דייטשן אין עסטאָניע.[30] מען פלעגט זיי זען אַלס וואַך־פּאָסטנס ביי די לאַגערן, מען פלעגט זיי טרעפן אויף די שאָסייען;[31] אַ סך פון זיי זענען געווען אוקראַאינער. געווען צווישן זיי אויך גרוזינישע קריגס־געפאַנגענע (ביי סאַנדאַ און וואָרשיינלעך אויך ביי ערעדאַ). די באַציונג פון די „פערעקולשטשיקעס" צו די יידישע קאַצעטלער איז געווען בדרך־כלל אַ שלעכטע; ס'זענען אָבער געווען אויך פאַלן, ווען מען האָט די קאַצעטלער געפירט אין אָפענע וואַגאָנעס פון לאַגער צו לאַגער, און זיי האָבן געזונגען די סאָוויעטישע לידער, וואָס זענען דאַן געווען פּאָפּולער, ווי למשל, „יעסלי זאַווטראַ וואַינאַ", (אויב מאָרגן מלחמה, טאָ זיי שוין היינט צום קאַמף גרייט!"), און די „פערעקולשטשיקעס" פלעגן זיי נישט שטערן.[31א]

אין קורעמע האָבן די פּאָסטנס, די „פערעקולשטשיקעס", געמאַכט דעם איינ־דרוק, אַז זיי האָבן חרטה אויף זייער בגידה.[31א] אַ געוויסע נאַכט זענען זיי פאַר־שוווּנדן פון לאַגער. מען האָט דערציילט, אַז זיי זענען געכאַפּט און דערשאָסן געוואָרן אַלס אָנגעהעריקע צו אַן אַנטי־נאַצישע אונטערערד־אָרגאַניזאַציע.[31א]

וועגן דער גאַנצער פּרשה פון די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע

האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן, ברענגט בעלאָוו אין זיין בוך אַ סך פּרטים.[31ב] ער ברענגט אויך נעמען פון די רוסישע קאָלאַבאָראַטאָרן אין די עסטאָנישע לאַגערן פון קריגס־געפאַנגענע.[31ב]

יידישע קאַצעטלער דערציילן אין זייערע זכרונות וועגן דעם ווי אַזוי די נאַציס האָבן זיך איזדיעקעוועט איבער די סאָוויעטישע געפאַנגענע. אָרבאַך דער־ציילט, אַז טאָג־טעגלעך, בעת דער אַרבעט, פלעגט ער זען ווי „די דייטשן הרגענען אָוועק אין די טויזנטער סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, אויפן באַרג, אַנטקעגן אונדז״.[32]

מערערע באַשרייבונגען וועגן דעם איזדיעקעווען זיך איבער די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע ווערן געבראַכט אינעם בוך פון בעלאָוו.[32א] ער באַשרייבט די „באַרטאָלאָמעוס־נאַכט״, ווען ס׳זענען אויסגעהרגעט געוואָרן אַ סך סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. נאָך דער שחיטה האָט מען די לעבנגעבליבענע געצוווּנגען אויסצוטאָן די בגדים פון די דערהרגעטע חברים.[32ב] אויך דערציילט ער וועגן אַ מאַסן־מאָרד פון טויזנט קריגס־געפאַנגענע, וועמען מען האָט חושד געווען, אַז זיי זענען קראַנק געוואָרן אויף פלעקטיפוס.[32ג]

די קאַצעטלער פון עסטאָניע האָבן נישט געוווּסט צי צווישן די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע געפינען זיך אויך יידן, וועמען ס׳איז געלונגען אויסצובאַהאַלטן זייער יידישקייט בעת די סעלעקציעס פאַר זייער געשיקט ווערן אינעם לאַגער פון קריגס־געפאַנגענע. בדרך־כלל האָט מען געוווּסט, אַז די דייטשע מאַכט לאָזט נישט איבער ביים לעבן קיין שום יידישן קריגס־געפאַנגענעם.[33]

בעלאָוו דערמאָנט דרך־אגב אין זיין בוך וועגן דער מסירת־נפש פון יידישן קריגס־געפאַנגענעם כאַלפין, וועלכער האָט זיך מקריב געווען, כדי צו דערמעגלעכן דאָס אַנטלויפן פון זיינע חברים.[33א]

ער דערמאָנט אויך דעם יידישן קריגס־געפאַנגענעם מישאַ בליובכען פון סמאָלענסק, וואָס אויך אים איז געלונגען אויסצובאַהאַלטן זיין יידישקייט. „ער האָט געגאָסן פון צוטרוי מצד אַלע קריגס־געפאַנגענע״ און איז געווען אַ מיט־גליד פון זייערס אַן אונטערערדישער גרופּע אין איינעם פון די עסטאָנישע לאַגערן[34] נאָך דער מלחמה האָט מען זיך דערוווּסט, אַז צווישן די סאָוויעטישע געפאַנגענע אין עסטאָניע, איז אויך געווען אַ יידישער דאָקטאָר, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ נישט־ייד און איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג צווישן די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע אין עסטאָניע.[35]

די עדות דערמאָנען מערערע לאַגערן פון סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך געפונען בשכנות פון די יידן־לאַגערן. אַ סך קאַצעטלער דערציילן, אַז ווען זיי האָבן געאַרבעט אין די „סלאַנייעץ־שאַכטעס, האָבן זיי דאָרט געאַרבעט געמיינזאַם מיט די סאָוויעטישע געפאַנגענע. אין די גביות־עדות ווערן דערמאָנט

לאַגערן פּאַר סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע אין אַזאַרי,[36] אילינורמע,[37] גאָלד־פּילץ,[38] יעוויע,[39] נאַרוואַ,[40] סאָנדאַ,[41] סאָסקי,[42] ערעדאַ,[42]א קיוויאָלי,[43] קלאָגע.[44]

אין סאָנדאַ איז געווען אַ גרופּע פון סאָוויעטישע גרוזינישע קאָלאַבאָראַנטן מיט די דייטשן. זיי זענען געווען באַשעפטיקט אַלס אַרבעטס־אויפזעער אין יידן־לאַגער פון סאָנדאַ.[45]

בעלאָוו דערציילט זכרונות, אַלס עד־ראיה, וועגן די סאָוויעטישע געפאַנגענע אין די לאַגערן ביי וויוואַראַ, וויזענבערג, קיוויאָלי.[46]

אייניקע געוועזענע קאַצעטלער דערציילן אין זייער עדות־זאָגן, אַז צווישן די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע אין געוויסע לאַגערן האָט זיך געפילט אַן אומ־פריינדשאַפט צו די יידישע קאַצעטלער. דער אַקטיאָר ישראל סעגאַל דערציילט, אַז ווען יידישע קאַצעטלער פון אילינורמע פלעגן אַרויסגיין צו די פויערים פון דער סביבה בעטן שפּייז, פלעגן זיי מורא האָבן אַנצוטרעפן דאָרט אַ סאָוויעטישן קריגס־געפאַנגענעם. געווען פאַלן ווען די לעצטע, וואָס האָבן געאַרבעט ביי עסטאָ־נישע פויערים, פלעגן שלאָגן די יידישע קאַצעטלער און אָנרייצן אויף זיי הינט.[47] געווען פאַלן — דערציילט סעגאַל — אַז סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע אין אילי־נורמע האָבן געגעבן עצות די עסטאָנישע פויערים גאָרנישט צו געבן די יידן, ווייל „זיי האָבן אויף אייך געבראַכט היטלערן". דעריבער זענען מיר געווען זייער פאָר־זיכטיק צו באַגעגענען זיך מיט זיי. ספּעציעל אויפן וועג [48] (ווייזט אויס, אַז די נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע איז טיף אַריינגעדרונגען אין די געדאַנקען פון די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, אַז זיי האָבן געזען אין די יידן די סיבה פון היטלערס נצחונות; און אפשר זענען זיי שוין געווען „גייסטיקע פערעקולשטשיקעס"?).

אריה שעפּטעל דערציילט אין זיין גבית־עדות וועגן אַזאַרי, וואָס פאַר אַ טיפע אַנטוישונג עס האָבן ביי אים אַרויסגערופן די פיינטלעכע רייד כלפּי יידן מצד סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע: „כ'האָב באַקומען אַ שאָק, הערנדיק זייערע אַנטי־סעמיטישע רייד, כ'האָב זיך געפרעגט: 25 יאָר סאָוויעטישע דערציונג — און איין חודש דייטשע דערציונג, און דאָס זענען די רעזולטאַטן?".[49]

די לעבנס־באַדינגונגען פון די סאָוויעטישע געפאַנגענע זענען געווען זייער שווער. „זיי פלעגן פאַלן ווי די פליגן; צענדליקער פלעגן אויסשטאַרבן במשך פון איין נאַכט".[50]

ס'איז באַקאַנט וועגן אַ טראַנספּאָרט פון 300 סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע אינוואַלידן, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן אין אַ שווערן צושטאַנד קיין אוישוויץ־בירקענאַו, דעם 18־טן נאָוועמבער 1943.[51]

די יידישע קאַצעטלער פון די עסטאָנישע לאַגערן האָבן סימפּאַטיזירט מיט די סאָוויעטישע געפאַנגענע, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן די נאַציס און טיילן

איצט דעם גורל פון די יידישע העפטלינגען. אין די לאַגערן זענען געמאַכט געוואָרן צאָלרייכע פרוּוון זיך צו פאַרבינדן מיט זיי, שאַפן אַ געמיינזאַמע אונטערערדישע באַוועגונג — און גיין אין די וועלדער.[52] די לאַגערניקעס דערמאָנען זיך נישט וועגן וועלכע עס איז פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. אפשר איז עס געווען צוליב דער צו גרויסער קעגנזייטיקער פאַרזיכטיקייט? (גענויער וועגן די דאָזיקע פרוּוון זע קאַפּיטל „די אונטערערדישע באַוועגונג אין די לאַגערן״.

דייטשן

די דייטשן אין די ס.ס.־מונדירן, דער שעף־אַרצט ד״ר באטמאַן, וואָס זיין עיקרדיקע אויפגאַבע איז געווען טויט־סעלעקציעס, זיינע באַהעלפערס, די סאַניטאַרן, וואָס האָבן מיט קירקעס דערמאָרדעט זקנים און שוואַכע, די לאַגער־פירערס און די גרויזאַמע „אַטע״־לייט — זיי אַלע זענען פאַרבליבן אין זכרון פון די קאַצעטלער אַלס סימבאָל פון בעסטיאַלישקייט און בלוטדורשטיקייט. די קאַ־צעטלער, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון ווילנע און קאָוונע האָבן בדרך־כלל זיך אויסגעהיטן פון קאָנטאַקטן מיט זיי. מען האָט זיך אויך אויסגעהיטן פון קאָנ־טאַקטן מיט עלטערע „אַטע״־לייט, אַ חוץ אין פאַלן פון אונטערקויפן און טיילן זיך מיט זיי מיט די רעזולטאַטן פון דער „שנאָריטע״.

די קאַצעטלערינס פון יאַגאַלאַ און טאַלין, וואָס האָבן גערעדט דייטש, האָבן געזוכט צווישן די „אָסט־אַרבעטער״ אַ וועלכן עס איז לאַנדסמאַן, בכדי אויפצו־וועקן ביי אים אַ מענטשלעכן צוגאַנג צו זיי, צוליב לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם. און פאַקטיש, עס פלעגט טרעפן, אַז דער דאָזיקער סענטימענט פלעגט אַ מאָל „דער־וועקן מענטשלעכקייט״ אויך ביי דעם, וואָס איז שוין געוואָרן אַ נאַצי־ראָבאָט.

געווען פאַלן, ווען עמעצער פון די ס.ס.־לייט פלעגט זיך מאַכן ווי „אַ פריינד פון די קאַצעטלער״; אָבער אין טאָג פון דער ליקווידאַציע איז ער געווען פונקט אַזוי אַכזריותדיק ווי אַלע אַנדערע ס.ס.־לייט. „דער וואָס האָט אונדז געפירט צום ים ביי קלאָגע, איז געווען אַ זייער סימפּאַטישער ס.ס.־מאַן און פלעגט זיך פאַר־שטעלן אַלס פריינד פון די קאַצעטלער. אָבער אויך ער האָט אָנטיילגענומען אין דער שחיטה פון לאַגער, אַזוי ווי אַלע אַנדערע״.[54]א

באַמערקונגען

1) „ירושלים דליטא", יידיש, 331, 452.

2) ד"ר פריי דערציילט אין „ספר פשמישל", 330 א"ו, אַז די וואַכלייט ביי דער באַן בעת דער דעפּאָרטאַציע זענען געווען עסטאָניער. ירושלמי, 357: „די וואַכלייט אין יעוויע זענען געווען לעטן און שפּעטער, עסטאָניער. די לעצטע זענען געווען זייער אַכזריותדיק".

3) פריד, 22; אַפּנבאַך, 8—9; „מען האָט ניט געקענט אַנטלויפן, עס איז ניט געווען וווהין. די עסטאָניער זענען גרויסע אַנטיסעמיטן".

3ב) אַנאַליק, ב.

4) אָרבאַך, 20.

5) גאָלדשטיין, 44; קויפמאַן, 47.

6) סקורקאָוויטש (ב.), 7—6.

7) דראַבקין.

8) קרוק, טאָגבוך פון לאַגעדי, 1944.8.9; אויך באַלבערישסקי שטרייכט אונטער, אַז די אָרטיקע עסטאָניער האָבן געהאָלפן יידן מיט שפּייז, הן אַלס מתנות, הן פאַר אויסטויש־סחורות.

9) סקורקאָוויטש, 3.

10) שומעליסקי, 11; שוסטער, 3.

11) ד"ר דוואָרזשעצקי, אין זיינע גביית־עדות וועגן קורעמע, דערציילט וועגן דעם עסטאָנישן קינד און וועגן דער עסטאָנישער פרוי, וועמען ער האָט „אומלעגאַל" געגעבן הילף און דאָס „רעוואַנזשירן זיך" מיטן דאַמף־באָד, מיט דער מילך, און מיט דעם צעטעלע קיין קלאָגע.

12) זע קאַפּיטל וועגן אונטערערד; זע אויך ד"ר דוואָרזשעצקי: „הירשקע גליק", קיום, פּאַריז, 1966.

13) קאַגאַן־מישעלסקי, 9.

14) גאָרדאָנאָוויטש, 10.

15) קרוק, טאָגבוך פון לאַגעדי, 1944.8.27; „מורשת", ב"ב, 56.

16) זיידל, 5.

17) סקורקאָוויטש, 2.

18) ד"ר דוואָרזשעצקי; סלעפּאַק, 3.

19) ד"ר דוואָרזשעצקי: זע קאַפּיטל „אונטערערד אין די לאַגערן".

20) גאָלדשטיין, 22.

21) באַראַנאָווסקי, 6.

22) שומעליסקי, 2.

23 סלעפּאָק, 3.

24) אַראָנסאָן, 14.

25) לויט דער באַשולדיקונגס־רעדע אויפֿן טאַלינער פּראָצעס, 19 יאַנואַר 1946.

26) דאָרט: ס'ווערט געשאַצט, אַז 64.000 סאָוויעטישע קריגס־געפֿאַנגענע זענען אומ־געקומען אין עסטאָניע.

27) גביית־עדות פֿון געוו. קאַצעטלער פֿון יאַגאַלאַ, וויוואַראַ, קלאָגע; ספּעציעל: וואָלף, 4—6, וועגן קלאָגע.

27א) דאַנציגער, 13.

28) מערערע עדות פֿון ווילנער געטאָ און קאָוונער געטאָ דערמאָנען די נעמען „פּערע־בעזשטשיקי" און „פּערעקולשטשיקי". אַזוי, למשל, דערמאָנט אינזש. באַראַנאָווסקי, 6, דעם נאָמען „פּערעבעזשטשיקי"; דראַבקין, 22, דערציילט, אַז בשעתן אַנטלויפֿן פֿון גאָלדפּילץ אין די וועלדער, פֿלעגט ער דאָרט אָנטרעפֿן „בלאָנדזשענדיקע פּערעקולשטשיקעס".

29) אַנדריי װלאַסאָוו, אַ סאָוויעטישער גענעראַל וועלכער איז אַריבער אויפֿן דייטשן צד, און האָט אויפֿגעשטעלט (פֿון די סאָוויעטישע קריגס־געפֿאַנגענע) אַן אַרמיי, וואָס האָט געקעמפֿט קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד און קעגן די פּראָסאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער. פּרטים וועגן אים און זיין אַרמיי אין די ביכער:

Dallin Alexander, „German Rule in Russia (1941—1945)", London, 1957.

קאַמינסקי, ווי ס'ווייזט אויס, אַ סאָוויעטישער קאָמאַנדיר, וואָס איז געוואָרן אַ בוגד און אַ קאָלאַבאָראַטאָר; אין „טאָגבוך פֿון די ליפּיציאַנסקער וועלדער, ספר הפּארטיזאנים היהודים (באַנד ב')", ווערט דערציילט וועגן אַ קאָמאַנדיר פֿון די וולאַסאָווצעס, קאַינסקי, וואָס פֿלעגט קענען אַרויסשטעלן אַן ערך 40.000 רוסישע אַנטיסאָוויעטישע זעלנער קעגן דער פּראָסאָוויעטישער פּאַרטיזאַנקע אין די וועלדער.

30) שוסטער, ספר אַלשאַן, 244—245.

31) עדות פֿון א. שעפּטעל: בעלאָוו דערציילט וועגן אַ צוואַנגס־מאָביליזאַציע פֿון סאָוויעטישע קריגס־געפֿאַנגענע צו דער „וולאַסאָוו־אַרמיי" און וועגן זייער קאָנצענטרירונג ביי קאָכטלאַ־יאַרווע, 30 קילאָמעטער פֿון קיוויאָלי, 101.

31א) זכרונות פֿון מחבר וועגן זיינע טעג אין קורעמע.

31ב) בעלאָוו, 16, 32.

32) אַרבאַך ב., 18.

32א) בעלאָוו, 18, באַשרייבט ווי מען האָט געפֿירט די סאָוויעטישע קריגס־געפֿאַנגענע פֿון קוראַסאַאַרע קיין וויליאַנדי. „מען האָט אונדז געטריבן אַזוי ווי אַ סטאַדע בהמות".

ער באַשרייבט די סאָוויעטישע קריגס־געפֿאַנגענע אין די סלאַנייעץ־שאַכטעס ביי וויי־יואַראַ, 45. „מיר זענען געווען באַדעקט מיט בערד און מיט שמוץ. מיר האָבן געטראָגן אָפּגעריסענע און פֿאַרלאַטעטע בגדים. דאָס איז געווען דאָס „מלכות פֿון הונגער". די מענטשן האָבן געגעסן קאָרע פֿון די ביימער... יעדער פֿרעמדער האָט געקענט מיינען,

אַז דאָ לעבן נישט־נאָרמאַלע מענטשן, וואָס עסן אַפילו געפגרטע הינט...״. „...ס׳איז נישט לייכט צו באַשרייבן אויף ווי ווייט עס קען פאַרענדערט ווערן דאָס מענטשלעכע געשטאַלט פון דעם וואָס הונגערט חדשים און וואָס וואַרט אויפן אומפאַרמיידלעכן טויט...״, 40.

32ב) בעלאָוו, 15.

32ג) „ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מגיפה פון פלעקטיפוס, האָט מען צונויפגעזאַמלט אין קאַראַנטין אַן ערך 1000 קריגס־געפאַנגענע, וועלכע מען האָט חושד געווען, אַז זיי זענען אָנגעשטעקט מיט פלעקטיפוס. אַ געוויסע נאַכט האָבן די דייטשן אין אַ מאַסן־שחיטה זיי אויסגעהרגעט און שפּעטער פאַרברענט די באַראַקן פון קאַראַנטין״, 99—100.

33) באַפעל פון קייטעל פון 17 יולי 1941.

33א) בעלאָוו, 15.

34) דער ייד האָט געאַרבעט אין דער לאַגער־קיך פאַר די קריגס־געפאַנגענע, און ער פלעגט שטילערהייט אַריבערפירן שפּייז־פּראָדוקטן פאַרן אונטערערד, וואָס האָט געגרייט אַן אַנטלויפן פון לאַגער (בעלאָוו, 98—99).

35) שער דוד.

36) שעפּטעל, 18.

37 סעגאַל, 26.

38) דוואָרזשעצקי.

39) גאָלדשטיין, 10 ; אַ האַלבער לאַגער פון יעווויע איז באַשטאַנען פון סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע.

40) סקורקאָוויטש, ב., 6.

41) רודניצקאַ, מ., 45 ; שוסטער דערציילט, אַז דאָס איז געווען אַ לאַגער פון גרוזינער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי בעסערע באַדינגונגען, ד״ה אַלס ציוויל־אַרבעטער (מעגלעך, ווייל זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן).

42) קרוק ה., גבית־עדות פון מ. וויין, מורשת ב״ב, 52.

43) קרוק ה., טאָגבוך קלאָגע, 1944.7.27.

44) אָפּנבאַך, 8—9.

45) רודניצקאַ מ., 45.

46) בעלאָוו : ווייוואָראַ, 45 ; וויזענבערג, 66 ; קיוויאַלי, 82.

47) סעגאַל, 27.

48) סעגאַל, 28.

49) שעפּטעל, 18—21 ; „זיי זענען געווען בערך 25 יאָר אַלט. געפאַנגען געוואָרן ביי לענינגראַד ; ב. מערין, 152, דערציילט, אַז קיין לאַגעדי האָט מען געבראַכט אַ גרופּע רוסישע געפאַנגענע אַלס פאַרניכטונגס־קאָמאַנדע פאַר די יידן. צווישן זיי איז געווען אַ רוס, ניקיטין, וואָס האָט אים געוואָלט ראַטעווען.

50) שעפּטעל, 18—21.

51) אין Hefte von Auschwitz, Nr 6, 1966, ווערט איבערגעגעבן, אַז דעם 28סטן נאָוועמבער 1943 איז אָנגעקומען פון פּילין, עסטאָניע, קיין אוישוויץ אַ טראַנס־פּאָרט פון 334 סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע; זיי זענען באַצייכנט געוואָרן מיט די ציפערן 11.707 — 11.040 און אַוועקגעשיקט געוואָרן צום קאַראַנטין אין בירקענאַו. זיי אַלע זענען געווען שווער געליטענע קריגס־אינוואַלידן.

52) דוואָרזשעצקי, זע קאַפּיטל וועגן אונטערערד.

53) ה. קרוק, גבית־עדות פון מ. וויין, מורשת, ב״ב, 51.

54) מערערע גביות־עדותן פון געראַטעוועטע, בפרט פון סעגאַל.

54א) אַראָנסאָן.

געהיימע קאָנטאַקטן צווישן די לאַגערן

גלייכצייטיק מיט דער לעצטער דעפּאָרטאַציע פון ווילנער געטאָ אין די עסטאָנישע לאַגערן, האָט זיך איבערגעריסן יעדער בריוו־קאָנטאַקט צווישן זיי מיט רעשטלעך געטאָ־יידן, וואָס זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין די בלאָקן „ה.ק.פּ.” און „קייליס”. די דייטשע מאַכט האָט שוין מער דערצו נישט קיין שום אינטערעס. איצט זענען איבערגעבליבן די קאַצעטלער פון איין לאַגער לגמרי אָפּגעריסן פון אַלע אַנדערע לאַגערן. קיינער האָט נישט געוווּסט ווו עס געפינען זיך די אַנדערע לאַגערן פון עסטאָניע, וואָס איז זייער צאָל? און ווו אַהין זענען אַוועקגעפירט געוואָרן זייערע נאָענטע? די קאַצעטלער האָבן אָנגעהויבן מיט גרויסע אָנשטרענגונגען צו זוכן קאָנטאַקטן צווישן די לאַגערן. דער עיקר האָבן זיי באַקומען הילף פון די האָלענדישע אַרבעטער, וואָס פלעגן אַריבערפירן ידיעות פון לאַגער צו לאַגער. קאַצעטלער האָבן אויך אָנגעהויבן שרייבן „בריוו” אויף ברעטער, ווענטלעך פון באַראַקן, בעטאָן־זעק, וואָס פלעגן צעשיקט ווערן פון לאַגער צו לאַגער. ידיעות פלעגן זיך אויך פאַרשפּרייטן מיט יעדן אַריבערפירן קאַצעטלער פון לאַגער צו לאַגער.

גאָלדפילץ: בעת דער מחבר פון די שורות האָט געאַרבעט אין דער זעגעריי, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן בריוו, העברעיִשע און יידישע, אויף די ברעטער, וואָס זענען צעשיקט געוואָרן אין אַנדערע לאַגערן. אויף די ברעטער האָט ער אויך פאַרצייכנט נעמען פון גאָלדפילצער לאַגערניקעס. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען צוריקגעקומען פון קלאָגע טיילן פון ווענטלעך און אויף זיי נעמען און גרוסן פון די קלאָגער קאַצעטלער.[1]

וייוואַראַ: די טיפוס־קראַנקע, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון פאַרשידענע לאַגערן קיין וייוואַראַ, פלעגן דאָרט דערציילן דעם יידישן מעדיצינישן פּערסאָנאַל וועגן די געשעענישן אין זייערע לאַגערן. און אַ דאַנק דעם פלעגן זיך פאַרשפּרייטן די ידיעות אויך צווישן אַנדערע וייוואַראַ־מענטשן.[2] אין וייוואַראַ האָט זיך געפונען דער צענטראַלער שפּייז־מאַגאַזין פון אַלע לאַגערן. פון צייט צו צייט פלעגן דאָרט אָנקומען לאַסט־אויטאָס, בכדי אַרויסצופירן פּראָדוקטן. לויט די אויטאָס האָבן די

וויוואַרער געגענט, אַז אין עסטאָניע זענען דאָ 14 לאַגערן פאַרבונדענע מיט וויוואַראַ.[3]

יעוויע: די האָלענדישע שאָפערן וואָס פלעגן אַרויספירן די טיפוס־קראַנקע פון יעוויע קיין וויוואַראַ, זענען געוואָרן די פאַרבינדלער צווישן די קאַצעטלער פוןביידע לאַגערן.[4]

לאַגעדי: די וואַכלייט, וואָס האָבן באַגלייט דעם טראַנספאָרט פון לאַגעדי א׳ קיין שטוטהאָף, האָבן זיך צוריקגעקערט קיין לאַגעדי ב׳. פון זיי האָט זיך ה. קרוק דערוווּסט וועגן גורל פון די 2000 אַרויסגעפירטע.[5] פון זיי האָט ער זיך אויך דערוווּסט, אַז 80 יידן פון קלאָגע זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אין אַ נייעם לאַגער — לאַנקילע.[6] ווען פון קלאָגע זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן די אַ״ג „הינטישע בודקעס״ פאַר די אַסירים פון לאַגעדי (וואָס האָבן זיך געפונען טאָג און נאַכט אונטערן פרייען הימל), האָט מען געפונען אויף די ווענטלעך פון די „בודקעס״ מערערע גרוסן פון די קלאָגער קאַצעטלער.[7]

נאַרוואַ: ידיעות פון די קאַצעטלער אין נאַרוואַ זענען אָנגעקומען קיין שאַוול שוין דעם 30סטן אָקטאָבער 1943. געבראַכט די ידיעות האָבן עסטאָנישע פרויען, וואָס זענען אָנגעקומען קיין שאַוול מיט אַ דייטשן מיליטערישן טראַנספּאָרט.[8] קיין נאַרוואַ איז אויך אָנגעקומען אַ „גרוס״ פון די ווילנער אין די פאַרטיזאַנער־וועלדער. שפּעטער האָט אין נאַרוואַ זיך אָנגעטראָפן מיט אַ חבר פון פ.פּ.אָ., וואָס איז אַרויס אין נאַראָטשער וואַלד. ער האָט דאָרט באַקומען אַ באַפעל צוריקצוגיין קיין ווילנע מיט אַ פאַרטיזאַנישער שליחות צום ה.ק.פּ.־בלאָק. דאָרט איז ער בעת אַן אַקציע פאַרכאַפּט און דעפּאָרטירט געוואָרן קיין עסטאָניע.[9]

סאַנדאַ: אַ בשותפותדיקע באָד האָט באַדינט די קאַצעטלער פון סאַנדאַ און קיוויאָלי. דאָרט אין באָד פלעגן די קאַצעטלער פון קיוויאָלי זיך דערוויסן נייעס וועגן לעבן אין לאַגער סאַנדאַ.[10]

סאָסקי: דער לאַגער איז געווען נישט ווייט פון קורעמע. דער יידישער לאַגערעלטעסטע פון סאָסקי מיט זיינע מיטאַרבעטער, פלעגן פון צייט צו צייט קומען קיין קורעמע, כדי צו דערליידיקן טעכנישע ענינים. אַזוי אַרום פלעגן אויך איבערגעגעבן ווערן ידיעות פון סאָסקי.[11]

ערעדאַ: דער לאַגער איז געווען אָפּגעריסן פון אַלע אַנדערע לאַגערן. מען האָט אָבער געוווּסט, אַז נישט ווייט פון אים געפינט זיך דער לאַגער גאָלדפילץ. ברוך גאָלדשטיין האָט באַשלאָסן אָנצוקניפּן קאָנטאַקטן מיט גאָלדפילץ. ער איז אַרויס אויפן שאָסיי אַלס צעטיילער פון זופּ פאַר די קאַצעטלער, וואָס האָבן געאַרבעט לענגאויס דעם וועג. ווען ער איז דערגאַנגען צום לאַגער גאָלדפילץ האָט ער צופע־ליק אָנגעטראָפן דעם מחבר פון די שורות, וואָס האָט געאַרבעט אויף דער „שטרעקע״.

כ׳האָב אים צונויפּבאַגעגנט מיט צבי צעפּעלעוויטש.[12] אַזוי איז אַנטשטאַנען די פאַרבינדונג צווישן דער אונטערערד אין ערעדאַ מיטן אונטערערד אין גאָלדפּילץ.

קורעמע: די קאַצעטלער פון קורעמע פלעגן אַריבערפירן ידיעות צו די קאַצעטלער פון סאָסקי בשעת די באַזוכן פון יידישן לאַגערעלטעסטן.[13]

ס׳איז געווען אַ פאַל, ווען אַן עסטאָנישע פרוי האָט געחלשט בעת דער מחבר פון די שורות האָט געמאַכט אַ באַזוך אין דער אַפּטייק פון קורעמע. ער האָט איר אויפן אָרט דערטיילט הילף, און זי האָט דערפאַר אַריבערגעפירט אַ בריוועלע פון אים אין לאַגער קלאָגע.[13]

קיוויאָלי: מאַי 1944 איז אָנגעקומען פון קלאָגע קיין קיוויאָלי אַ טראַנספּאָרט ברעטער און אויף זיי מערערע נעמען פון קלאָגער קאַצעטלער.[14] אויף די זעק פון האָלץ־אָפּפאַל (אָפט אויך אין די זעק) פלעגן זיך געפונען יידישע צעטעלעך פון פאַרשידענע לאַגערן.[15] דער רצון צו שטיין אין קאָנטאַקט, דערוויסן זיך און לאָזן וויסן, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו אַרויסגעפירטע צום טויט האָבן נישט פאַרלוירן דעם ווילן מודיע צו זיין וועגן זייער גורל. אַזוי האָבן די אַרויסגעפירטע צום טויט אין קיוויאָלי און ערעדאַ, צווישן זיי ד״ר וואָלקאָוויסקי און דער לאַגער־עלטעסטער ישראל צעפּעלעוויטש, אָנגעשריבן מיט בלוט אויף די לאַסט־אויטאָס, אַז מען הרגעט זיי אויס.[16]

קלאָגע: ס׳איז שוין דערציילט געוואָרן וועגן די „ברעטער־בריוו", וואָס פלעגן אָנקומען פון גאָלדפּילץ קיין קיוויאָלי. בשעת דער עוואַקואַציע פון די לאַגערן קיוויאָלי, ערעדאַ א״אַנד (יולי־אויגוסט 1944), האָבן די עוואַקוירטע געמאַכט וועגן דעם אויפשריפטן אויף די צעמענט־זעק, וואָס זענען איבערגעבליבן אין די לאַגערן. די זעק זענען שפּעטער געשיקט געוואָרן קיין קלאָגע. אַזוי אַרום האָט מען זיך דאָרט דערוווּסט וועגן דער עוואַקואַציע פון די לאַגערן.[17] דער געהיימער קאָנטאַקט פון קלאָגע מיט די אַנדערע לאַגערן איז געווען גאַנץ אינטענסיוו. שוין אין ערשטן חודש פון דער עקזיסטענץ פון קלאָגע, האָט מען דאָרט געוווּסט וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין די לאַגערן.[18] די קלאָגער פלעגן זיך נוהג זיין צו שרייבן רשימות אויף די באַראַקן ווענטלעך וואָס פלעגן פאַבריצירט ווערן אין קלאָגע און צעשיקט ווערן אין די לאַגערן. אַזעלכע גרוסן זענען אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן אין ווייטע לאַגערן, ווי ריגע, און קייזערוואַלד. נאָך דער באַפרייונג האָט מען זיך דערוווּסט, אַז די „גרוסן" זענען דערגאַנגען.[19] גרוסן פון די אַרויסגעפירטע פון קיוויאָלי און לאַגעדי קיין שטוטהאָף זענען דערגאַנגען קיין קלאָגע דורך די ס.ס.־לייט, וואָס האָבן באַגלייט די טראַנספּאָרטן. די דאָזיקע גרוסן האָבן געווירקט באַרויִקנדיק אויף די קלאָגער קאַצעטלער און זיי איבערצייגט, אַז מען פירט נישט אַוועק צום טויט, נאָר וואָרשיינלעך ווידער אויף אַרבעט.[20] און אפשר איז געלעגן אין עצם אַריבערברענגען

די באַרויִקנדיקע ידיעות אַ נאַציש שפּיצל פון „פאַרפירן און באַרויִקן״? בעת דער מאַסן־שחיטה אין קלאַגע, ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרויספירן אין וואַלד די ערשטע גרופּן, האָט זיך אַרויסגעריסן אַ בחור, מאַקס, און געלאָפן אין לאַגער אָנזאָגן, אַז די אַרויסגעפירטע אין וואַלד ווערן אויסגעשאָסן.[21]

אָן עדות פונעם שטאַרקן ווילן, אַז דאָס וואָס עס קומט פאָר אין די לאַגערן זאָל ווערן באַקאַנט אויך די געטאָ־איינוווינער, איז דער סיפּור המעשה פון משה בן ברוך שבתל, וואָס איז אַנטלאָפן פון עסטאָנישן טראַנספּאָרט „צו זאָנדערבע־האַנדלונג״, וועלכער איז דורכגעפאָרן שאַוול. ער האָט דערציילט וועגן דעם שוידער־לעבן אין די לאַגערן וויוואַראַ, יעוויע און ערעדאַ.[22]

אָן עדות פונעם אינסטינקטיוון רצון, אַז די קומענדיקע דורות זאָלן וויסן, זענען אויך די טאָגביכער פון די לאַגערן; אַ חלק פון זיי איז באַגראָבן געוואָרן אין לאַגעדי, אין דער אָנוועזנהייט פון עדות, און איז שפּעטער אויפגעגראָבן געוואָרן דורך איינעם פון זיי, וואָס איז איבערגעבליבן ביים לעבן.[23]

באַמערקונגען

1) ד״ר דוואַרזשעצקי (א), 66; סעגאַל, 3.

2) תרשיס, 3.

3) תרשיס, 3; ליליענהיים, 6.

4) גאָלדשטיין, 8 א״ו; קויפמאַן, 36 א״ו.

5) און אָט אייניקע אויסצוגן פון קרוקס טאָגבוך, 44.8.29: „...די וואָך וואָס האָט זיך צוריקגעקערט (פון שטוטהאָף) האָט דערציילט, אַז אין לאַגעדי האָבן זיך געפונען 2000 יידן פון די עסטאָנישע לאַגערן, צווישן זיי — מאַרק. פון דאַנען זענען זיי אויף שיפן אָפּגעפאָרן קיין דאַנציג״. „מורשת״, ב״ב, 77. („מורשת״ פאַרצייכנט דאָרט אין דער באַמערקונג 13, אַז אונטערן נאָמען „מאַרק״ האָט ער געמיינט דעם ד״ר מאַרק דוואַרזשעצקי).

6) דאָרט, 58.

7) נעמענטשיק, 4.

8) ד״ר ירושלמי, פּנקס שאַוולי, 298; רשימה פון 1943.10.23.

9) שעפּטעל, 11.

10) מערערע עדות פון לאַגערניקעס.

11) גאָלדשטיין, 8 א״ו; קויפמאַן, 36 א״ו; דוואַרזשעצקי (א), 66 א״ו.

12) דוואַרזשעצקי, 66.

13) דוואַרזשעצקי, 66.

14) אַנאַליק, ב., 3 ; אַזוי האָט ער זיך דערוווּסט וועגן זיין פאָטער אין קלאָגע.

15) תרשיס, 5.

16) מערערע עדות פון קיוויאַלער קאַצעטלער.

17) תרשיס, 6.

18) סעגאַל, 8.

19) זיידעל, 5.

20) אָבעדזינסקי, 6.

21) אָבעדזינסקי, 6 ; זיידעל, 15.

22) ד"ר ירושלמי, 354—358 ; רשימה פון 44.2.27.

23) אַנאַליק, ב., די טאָגביכער און נאָטיצן פון ה. קרוק זענען אַנטדעקט געוואָרן אַ דאַנק דעם צופאַל וואָס איינער פון די אָנוועזנדיקע בשעתן באַגראָבן די מאַנוסקריפּטן, זיין ברודער ניסן אַנאַליק (אַנקולי) איז געבליבן לעבן.

דער גייסטיקער ווידערשטאַנד פון די קאַצעטלער

(די עמידה)

זעלבסטהילף און מסירות־נפש

די כוונה פון די נאַציס איז געווען צו באַרויבן דעם קאַצעטלער פון זיין מענטשלעך געשטאַלט, צעשטערן זיין פּערזענלעכקייט, אָפּטויטן ביי אים יעדן הומאַנעם געפיל און פאַרוואַנדלען אים אין אַ באַשעפעניש, וואָס איז גרייט צו פאַרראַטן זיין ברודער פאַרן פּרייז פון אַ שטיקל ברויט. דערצו האָט געדינט די גאַנצע טעראָר־אָרגאַניזאַציע פון די לאַגערן און דער גאַנצער קאַצעטן־סיסטעם. אָבער טראָץ דעם האָבן זיך די קאַצעטלער באַמיט, באַוווּסטזיניק און אונטערבאַ־ווּסטזיניק, ממש אינסטינקטיוו, אָפּצוהיטן זייער מענטשלעכע אידענטיטעט און די מאָראַלישע ווערטן.

אין די לאַגערן זענען געשטאַנען קעגן זיך די געזעלשאַפט פון די אונטערדריקער און די געזעלשאַפט פון די אונטערדריקטע. די אונטערדריקער זענען געווען אָרגאַ־ניזירט; זייער התנהגות איז דיקטירט געוואָרן לויט די באַפעלן פון זייערע קאָמענדאַנטן; אָבער די אונטערדריקטע האָבן נישט געהאַט, נישט קיין מנהיג און נישט קיין וועגווייזער. זייער התנהגות איז געווען בלויז אַ פּראָדוקט פון זייער מאָראַלישן באַגאַזש און פונעם רצון קעגנצושטעלן זיך דעם אונטערדריקערישן נאַצי־אַפּאַראַט. די וועגווייזער פאַר די קאַצעטלער זענען געוואָרן די, וואָס האָבן זיי געדינט אַלס ביישפּיל מיט זייער מאָראַלישקייט און מסירות־נפש. אויב מען קען אָנדייטן אויפן שאַפן זיך פון אַ מנהיגים־שיכט צווישן די קאַצעטלער — איז זי באַשטאַנען פון די יעניקע, וועלכע האָבן געמוטיקט זייערע חברים, גערופן זיי זיך נישט מייאש צו זיין, אָפּצוהיטן דעם צלם־אלקים און די האָפענונג אויף אויסלייזונג. צווישן זיי זענען געווען די אונטערערדלער און די וואָס האָבן געטרוימט וועגן לויפן אין די וועלדער.

דער וואָס האָט מיטגעמאַכט דאָס לאַגער־לעבן דערמאָנט זיך וועגן די אָפּטע דערשיינונגען פון דער „עמידה" ביי די קאַצעטלער: סאָלידאַריטעט, זעלבסטהילף און מסירת־נפש. אין די גביות־עדות, להיפך, געפינט מען דערפון נאָר אַ שוואַכן אָפּקלאַנג. די עדות מיינען, אַז דער עיקר פון זייער עדות־זאָגן ליגט אין דערציילן

וועגן די נאַצי־פאַרברעכנס: דעפאָרטאַציעס, סעלעקציעס, הונגער, איזדיעקעוועץ זיך. אין זייערע אויגן זענען די דאָזיקע דערשיינונגען דאָס ספעציפישע פאַר דער לאַגער־תקופה. אָבער וועגן דער מענטשלעכער הומאַנישער התנהגות — וואָס איז דאָ כדאַי צו פאַרצייכענען?...

דעריבער האָבן מיר זיך באַמיט אַרויסצונעמען פון זיי אַלע אַנטפּלעקונגען פון „עמידה", וואָס זענען, דרך־אגב, דערציילט געוואָרן. אַלץ וואָס דאָ וועט געבראַכט ווערן איז פאַקטיש בלויז אַ ברוכטייל פון די אַלע עמידה־דערשיינונגען, וואָס האָבן זיך מאַניפעסטירט אין די לאַגערן און זענען שוין פאַרשוווּנדן פונעם זכרון פון די עדות.

אין אַ געזעלשאַפט, ווו עס עקזיסטירן נישט קיין אינסטיטוציעס פון קעגנזייטיקער הילף, קען זאָרגן פאַרן הונגעריקן נאָר דער, וואָס באַזיצט מער פון אים.[1] אַזעלכע זענען אין די לאַגערן געווען די קאַצעטלער, וואָס האָבן ריזיקירט און געגאַנגען אויף דער אַ"ג „שנאָריטע". און, ווירקלעך, ס'דערציילן עדות, אַז נישט איינער פון די „שנאָרערס" פלעגט זיך טיילן מיט די לאַגער־חברים מיט זיינע „שנאָר"־רעזולטאַטן.[2] קאַצעטלער, וועלכע האָבן אַ געוויסע צייט געהאַט, צוליב וועלכע עס איז סיבות, „זאַפּאַסן" פון ברויט, פלעגן דערפון געבן חלקים פאַר זייערע חברים.[25] אַזוי האָבן אויך זיך נוהג געווען צו טאָן מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען מיט געטאָ־טראַנספּאָרטן און נאָך געהאַט ביי זיך ברויט־רעזערוון.[2] די וואָס האָבן געאַרבעט ביי דער ברויט-אויסלאָדונג, פלעגן אַראָפּוואַרפן לעבלעך ברויט פאַר די הונגעריקע.[3] געווען לאַגערן ווו קאַצעטלער פלעגן גיין אויפזאַמלען ברויט-נדבות פאַר די, וואָס האָבן צוליב געוויסע סיבות גאָר נישט געהאַט קיין ברויט.[7, 8] לאַגערניקעס, וואָס זייערע כוחות זענען אויסגעגאַנגען פלעגן אויך אָפּגעבן זייער ברויט פאַר אַנדערע קאַצעטלער וואָס דאָס ברויט קען זיי נאָך קרעפטיקן.[4] צווישן די ברויט־געבער פאַר הונגעריקע זענען אָפט געווען קאַצעטלער, וואָס האָבן געאַרבעט אין די לאַגער־וואַרשטאַטן — די שניידערס, שוסטערס, היטלמאַכערס, שילדן־מאָלערס אד"גל.[4, 14]

גרויס איז געווען דער ווערט פון נאָך אַ טעלער זופּ פאַרן קראַנקן און הונגעריקן. נישט איינער פון די קאַצעטלער, וואָס האָט צופעליק געהאַט אַ „רעזערוו" פון זופּ, פלעגט זי אָפּגעבן זיין חבר.

די דאגה פאַרן הונגעריקן פלעגט זיך אויסדריקן פאַרשידנאַרטיק: טייל מאָל דורך אַ „מתן בסתר" פון אַ פאָר שטיקלעך מערן.[12] ס'זענען געווען פרויען, וועלכע האָבן זיך געזאָרגט פאַר די וואָס עסן נאָר כשרס.[12] די „שטאַרקע", וועלכע זענען אין די נאָרמאַלע יאָרן געווען ווייט פון סאָציאַלן אַרט דענקען, האָבן זיך דווקא אין די לאַגערן אַנטפּלעקט אַלס פאַרזאָרגערס פון די נצרכים.[3] געווען פאַלן ווען דאָס אַריינגנבענען אַ פאָר קאַרטאָפל פאַר קראַנקע האָט גורם דעם טויט פאַרן

קאַצעטלער „קאָנטראַבאַנדיסט״.[1] ווען אַ לאַגערניק ווערט אַריינגעזעצט אין לאַגער־תפיסה געפינען זיך חברים וואָס גנבענען אים אַריין ברויט דורך די שפּאַלטן.[9] פרויען וואָס אַרבעטן אין קיך וואַרפן צו קאַרטאָפל פאַר די הונגעריקע סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע.[45]

געווען קאַצעטלער, וואָס האָבן געזאָרגט וועגן שוך און בגד פאַר זייערע חברים.[24] געווען פאַלן פון איבערשיקן בגדים פאַר חברים אין אַנדערע לאַגערן.[25]

אַ סך דערשיינונגען פון ברודערשאַפט און מסירת־נפש האָבן זיך אַנטפּלעקט בשעת די טויט־סעלעקציעס. געזונטע, וואָס זענען „סעלעקציאָנירט געוואָרן צום לעבן״, פלעגן זיך אַנשליסן, פון זייער אייגענעם ווילן, צו זייערע קראַנקע און שוואַכע משפחה־מיטגלידער, וואָס זענען סעלעקציאָנירט געוואָרן צום טויט; קינדער — צו זייערע עלטערן; אַ מיידל, וואָס איז סעלעקציאָנירט געוואָרן צום לעבן, קלייבט בעסער אויס צו שטאַרבן צוזאַמען מיט איר שוועסטער, וואָס איז באַשטימט געוואָרן צום טויט.[28], [42] ס׳איז באַקאַנט געווען אין אַלע לאַגערן, ווי אַזוי מאַמעס, געבראַכטע קיין וויזשוואַרא, האָבן אויסגעקליבן צו שטאַרבן צוזאַמען מיט זייערע קינדער, איידער צו בלייבן לעבן אָן זיי.[9]

אין מערערע גביות־עדות ווערט דערציילט וועגן לערערס, וואָס האָבן זיך מתעסק געווען מיט קינדער־דערציִונג אויך אין די לאַגערן, און וועגן דאָקטוירים־קאַצעטלער, וואָס האָבן געטאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך, כדי צו געבן מעדיצינישע הילף פאַר זייערע לאַגער־חברים, און האָבן אויסגעמיטן אונטערצושרייבן טויט־באַשייניקונגען בשעת נאַצי־רציחות איבער די קאַצעטלער.[39], [40]

ס׳איז געווען מסוכנדיק נישט אויסצופירן די נאַצי־פאַראָרדענונגען. אָבער ס׳זענען געווען פאַלן ווען לאַגערניקעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די פונקציע פון אַ לאַגערעלטעסטן[14] אָדער פון אַן אַרבעטס־אויפזעער.[11] ס׳איז נאָטירט אַ פאַל ווען אַ לאַגערניק איז אומגעקומען און ניט אַרויסגעגעבן פאַר וועמען ער פלעגט אַריינגנבענען ציטונגען אין לאַגער.[5]

אין פיזישער הינזיכט זענען די גייסט־מענטשן, די שרייבערס און די לערערס געווען די שוואַכסטע אין לאַגער. זיי זענען נישט געווען מסוגל צו „אָרגאַניזירן״ פאַר זיך אַ צוגאָב־באַשפייזונג. מערערע עדות שטרייכן אונטער די דערשיינונגען פון סימפּאַטיע אין אַלע לאַגערן כלפּי דיכטער, שרייבער, אַרטיסטן און לערער. קאַצעטלער זאָרגן אויסצובאַהאַלטן די כתב־ידן פונעם שרייבער, וואָס האָט אין געהיים נאָטירט די לאַגער־כראָניק.[16] אַ קאַצעטלערין העלפט מיט ברויט און וואַשט די וועש פון אַ לאַגערניק וואָס איז שווער קראַנק אויף דיזענטעריע, כדי ער זאָל קענען „פאַרשרייבן וואָס אונדזערע אויגן האָבן געזען״.[36]

געווען אין די לאַגערן אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָרגט, אַז עס זאָל געזאָגט ווערן „קדיש״ נאָך אַ נפטר און ס׳זאָל פאַר אים איינגעאָרדנט ווערן אַ „טראַדיציאָנעלע״

קבורה לויט די לאַגער־באַדינגונגען), און עס זאָל געמאַכט ווערן אַ הספד נאָכן מת, אויב ער איז געווען אָנגענומען צווישן די לאַגערניקעס.

מערערע עדות דערציילן וועגן דער עמידה פון דער מוטער און בכלל פון דער פרוי אינעם לאַגער. בעת די טראַנספּאָרטן האָט נישט איין פרוי אַריינגעגנבעט איר קינד אין לאַגער ,אויסבאַהאַלטנדיק עס אין אַ זאַק.[6] מוטערס האָבן זיך פריוויליק צוגעשטעלט אַרויסגעפירט צו ווערן צוזאַמען מיט זייערע קינדער בעת סעלעקציעס.[6] מוטערס האָבן „רעוואָלטירט" ווען זיי איז קלאָר געוואָרן, אַז דער גאַנצער ענין פון „משפחות־פאַרייניקונג" איז נאָר אַ פאַלשע אילוזיע.[12] מוטערס זאָרגן ערב זייער טויט וועגן גורל פון די יתומים וואָס וועלן בלייבן נאָך זיי.[35]

טראָץ די משונהדיקע לעבנס־באַדינגונגען אין לאַגער האָבן די קאַצעטלער זיך באַמיט אָפּצוהיטן דעם ווערט פון אַ צוזאָג, פון אַ תקיעת־כף. מיר האָבן שוין דערציילט וועגן זעלבסטמאָרד פון קאַצעטלער צוליבן נישט קענען צוריקגעבן אַ העמד, וואָס ער האָט גענומען ביי זיין חבר עס צו פאַרקויפן.[5]

דער ציל פון די לאַגערן איז געווען צו מאַכן פונעם קאַצעטלער אַ וואָלף כלפּי זיין חבר. אין יענע באַדינגונגען פון שקלאַפעריי און פון חרוב־מאַכן דאָס מענטשלעכע אינעם מענטשן — איז אין יעדן הומאַנעם אַקט פון סאָלידאַריטעט און מסירת־נפש, געווען אַ קעגנשטעלן זיך, אַן עמידה — קעגן די כוונות פון די נאַציס.

דאָס זענען נישט געווען קיין זעלטענע דערשיינונגען, קיין יוצאים־מן־הכלל; דאָס זענען געווען אָפטע, טאָגטעגלעכע מעשים; זיי זענען געווען די גורמים, וואָס האָבן געהאָלפן דעם לאַגער־מענטש צו בלייבןביים לעבן.

לאָמיר פאַרצייכענען די פאַקטן, לאַגער נאָך לאַגער, אַזוי ווי אונדז איז געלונגען זיי אויפצודעקן אין די ווערטער פון די עדות:

אַאוווואַראַ: ווען ס'איז אויסגעבראָכן די טיפוס־מגיפה איז פאַרבאָטן געוואָרן די קאַצעטלער אַרויסצוגיין פון לאַגער (אַזאַ „קאַראַנטין" איז אָנגענומען געווען אין מערערע לאַגערן). בלויז די מתים־ברענער האָבן געהאַט רעכט אַרויסצוגיין אויסערן לאַגער, כדי דאָרט צו פאַרברענען די מתים. זיי פלעגן זיך נוהג זיין אַרויסצופאָרן פון לאַגער אויף אַ שליטן, אויף וועלכן ס'זענען געווען פאַרלאָדן די מתים. היות אין לאַגער זענען געווען מערערע הונגעריקע קראַנקע, האָט דער אַלטער ווילנער מתים־ברענער שניאור (דונסקי?) געוואָלט אַריינגנבענען פאַר זיי אַ ביסל קאַרטאָפל. איין מאָל, ווען ער איז אַרויסגעפאָרן מיט אַ מתים־פאַרלאָדונג איז אים געלונגען צו קריגן אַ זאַק קאַרטאָפל, וועלכן ער האָט טאַקע אַריינגעלייגט אינעם שליטן. בעת דער רעוויזיע ביים לאַגער־טויער זענען די קאַרטאָפל אַנטדעקט געוואָרן. דעם זעלבן טאָג איז ער דערשאָסן געוואָרן אויף די אויגן פונעם גאַנצן לאַגער.[1]

אילינורמע: די „שטאַרקע", צווישן זיי געוועזענע ווילנער טראַנספּאָרטלער, ווי

אויך מענטשן פון דער אונטערוועלט, פלעגן מצליח זיין אַרויסצוגנבענען זיך פון לאַגער און ברענגען ברויט און פלייש צונויפגעזאַמלטע ביי די אַרומיקע פויערים. זיי האָבן זיך נוהג געווען אָפּצוגעבן אַ חלק פון זייער ״רויב״ פאַר די, וואָס האָבן נישט ריזיקירט אָדער נישט מצליח געווען. יענע, פון זייער זייט, פלעגן צוזאָגן, אַז זיי זעען אין דער דאָזיקער הילף נאָר אַן הלוואה און זיי וועלן עס ״צוריקגעבן נאָך דער מלחמה״.[2]

די זעלבסטהילף אינעם לאַגער האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע עטאַפּן. לכתחילה האָבן זיך קעגנזייטיק געהאָלפן נאָר די, וואָס זענען געגאַנגען אויף ״שנאַריטע״: ״די וואָס גייען היינט אויף ״שנאַריטע״ טיילן זיך מיט די, וואָס וועלן גיין מאָרגן״; ״שנאָרערס — פאַר שנאָרערס״.[2] מיט דער צייט פלעגן זיי צוטיילן פון זייער אַריינגעבראַכטער שפּייז אויך פאַר די, וואָס האָבן נישט מצליח געווען אַרויסצוגיין אויסערן לאַגער.[2] בעת די קאַצעטלער פלעגן אַרויסגיין אויף אַרבעט ביי די באַן־ליניעס און אַ מאָל באַקומען וועלכע ניט איז פּראָדוקטן פון די ציווילע עסטאָניער, פלעגן זיי בדרך־כלל זיך נוהג זיין צו ברענגען די פּראָדוקטן אין לאַגער אַריין און טיילן זיך מיט אַלע איבעריקע קאַצעטלער.[2] די קאַצעטלער האָבן אין די דאָזיקע מתנות פון די פויערים, געזען אַן אויסדרוק פון זייער אידענטיפיצירן זיך מיטן גורל פון דעם קאַצעטלער־כלל, און דערפון האָבן זיי אַרויסגעצויגן די מסקנה, אַז די ״שפּייז־מתנות״ געהערן צום כלל, הן צו די וואָס געפינען זיך אין לאַגער גופא און הן צו די וואָס אַרבעטן אויסערן לאַגער.[2]

גאָלדפּילץ: ווען ס׳האָט געהאַלטן ביים אָפּגיין אַ טראַנספּאָרט קינדער האָט ד״ר קאָלאָדנער איינגעשפּריצט מילך אַ מיידעלע, בכדי זי זאָל באַקומען הויכן היץ: יענע צייטן פלעגן די דייטשן נישט אַפּשיקן אין די טראַנספּאָרטן קראַנקע מיט הויכן פיבער.[3] אַזאַ איינשפּריצונג איז געווען מסוכנדיק פאַרן דאָקטאָר, אויב ס׳וועלן זיך וועגן דעם דערוויסן די ס.ס.־לייט.

הונגענבורג: געווען אין לאַגער קאַצעטלער, וואָס זענען אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז זיי האָבן שוין מער נישט געקענט עסן און פאַרדייען; זיי פלעגן אָפּגעבן פאַר זייערע חברים זייערע ברויט־ראַציעס.[4]

וויוויקאָני: אַ קאַצעטלער האָט גענומען ביי אַן אַנדערן קאַצעטלער זיין העמד צום פאַרקויפן עס אַן עסטאָניער אויסערן לאַגער. אַ דייטשער אַרבעטס־אויפזעער האָט עס באַמערקט און שפּעטער ביי אים צוגענומען דאָס ברויט פאַר דעם העמד. דער לאַגערניק האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו ברענגען זיין חבר, און צוליב זיין שולד־געפיל האָט ער זיך אַרונטערגעוואָרפן אונטער דער פאַרביילויפנדיקער באַן.[5]

דער קאַצעטלערין מאַלי אינגסטער איז געלונגען אַריינצוגנבענען אין אַ זאַק

איר צוויי־יאָריק מיידעלע, בשעת דעם טראַנספּאָרט פון פרויען און קינדער פון ווילנער געטאָ. ווען זי איז אָנגעקומען אין לאַגער, האָט זי אונטערגעקויפט מיט 10.000 רובל אַן ס.ס.־מאַן און אַנטלאָפן פון לאַגער צוזאַמען מיט איר מיידעלע. זי איז אָבער געכאַפּט געוואָרן אין אייניקע טעג אַרום און צוריקגעבראַכט געוואָרן קיין וויוויקאַני. דאָרט איז זי געווען די איינציקע פרוי מיט אַזאַ קליין מיידעלע. בכדי זי זאָל זיך קענען מטפל זיין מיט איר טעכטערל פלעגט זי זיך פאַרנעמען מיט רייניקן די באַראַקן און מיט דער אויפזיכט איבער די לאַגער־קינדער. בעת איר טעכטערל איז קראַנק געוואָרן אויף פלעקטיפוס, האָט זי עס אַרויסגעגנבעט פון קראַנקן־בלאָק און אַריבערגעטראָגן אין פרויען־בלאָק. די קאַצעטלערינס האָבן איר געהאָלפן אויסבאַהאַלטן דאָס מיידעלע אונטער דער פּריטשע. אין דער נאַכט ווען ס'איז פאַרגעקומען דער טראַנספּאָרט פון די קינדער קיין אוישוויץ, האָט שנאַבעל אַנטדעקט דאָס קינד און עס אָנגעשלאָסן צום טראַנספּאָרט. די מוטער האָט געקניט פאַר שנאַבלען און געבעטן רחמים פאַרן קינד, ביז שנאַבעל האָט מסכים געווען צו פאַרשיקן זי צוזאַמען מיטן קינד קיין אוישוויץ. בדרך־נס האָט די מוטער זיך געראַטעוועט פון אוישוויץ און לעבן געבליבן. זי איז געווען אַן עדות אינעם שנאַבעל־פּראָצעס.[6]

ווען ס'איז גרעסער געוואָרן די צאָל קראַנקע און שוואַכע, וואָס פלעגן נישט אַרויסגיין אויף אַרבעט אויסערן לאַגערן און דער הונגער האָט זיי געפּייניקט, האָבן קאַצעטלער אָנגעהויבן אויפצוקלייבן ברויט און פּראָדוקטן פאַר זייערע הונגעריקע חברים. מען האָט די ברויט־זאַמלונג אָנגערופן „אויסבעטן", „בעטן אַ צושטייער".[7] גאָלעמבאָ דערציילט וועגן אַ פרוי וואָס פלעגט תמיד ווידמען איר אָפּרו־צייט נאָך דער אַרבעט, בכדי צו זאַמלען ברויט־מתנות פאַר די הונגעריקע.[7] אויך דערציילט חאַרמאַץ וועגן דעם לאַגערניק משה קאַסאָוער, וואָס פלעגט גיין פון איין קאַצעט־לער צום צווייטן און צונויפזאַמלען שטיקלעך ברויט פאַרן רב, וואָס האָט אַליין נישט מצליח געווען צו „אָרגאַניזירן" וועלכע עס איז שפּייז־פּראָדוקטן, און דערמיט אַ סך אים פאַרלייכטערט אין די הונגער־טעג.[8]

וויוואַראַ: די פרויען פון ווילנער געטאָ, וואָס זענען מיטן טראַנספּאָרט פון 3טן סעפּטעמבער 1943 געקומען קיין עסטאָניע אַלס „פרייוויליקע", בכדי זיך צו פאַראייניקן מיט זייערע משפחות, זענען געבראַכט געוואָרן צו דער באַן־סטאַציע וויוואַראַ. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע. די פרויען אָן קינדער זענען איבער־געשיקט געוואָרן אין לאַגער קלאָגע. די קינדער, ווי אויך די פרויען וואָס האָבן זיך געמאָלדן אַלס זייערע מוטערס, האָט מען אָפּגעשטעלט אויף לינקס. פאַר די מוטערס איז געוואָרן קלאָר, אַז דער גורל פון זייערע קינדער איז — פאַרניכטונג; זיי האָבן אויך געוווּסט, אַז אויב זיי מעלדן זיך אַלס די מוטערס פון די קינדער, וועלן זיי טיילן דעם זעלביקן גורל. פונדעסטוועגן האָבן זיי אַלע אויסגעקליבן צו גיין אין

טויטן־טראַנספּאָרט, כּדי צו זיין צוזאַמען מיט די קינדער כאָטש נאָך אייניקע שעה אָדער טעג.[9]

דער צאָן־דאָקטאָר כץ האָט נישט געוואָלט גיין אויף אַרבעט אויסערן לאַגער. ער פלעגט זאָגן: „איך וועל ביי זיי נישט אַרבעטן״. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך שנאַבעלן.[10]

די לאַגערניקעס וואָס האָבן געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן זענען געוואָרן אַ קוואַל פון הילף פאַר די קראַנקע קאַצעטלער, וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַגער־רעוויר. די וואַרשטאַט־אַרבעטער פלעגן באַקומען טאַפּלטע זופּ־פּאַרציעס, ווי אויך באַדייטנדיק גרעסערע פּאַרציעס „קאַפּע״. ווי שוין דערמאָנט, האָט אַ האַלבער באַראַק געדינט אַלס „וואַרשטאַטן״ און די אַנדערע העלפט — אַלס רעוויר. דאָס דאָזיקע האָט דערמעגלעכט אַריבערצוגעבענען פאַר די קראַנקע פּאַרציעס זופּ און קאַפּע. אָבער ס׳איז געווען שטרענג פאַרבאָטן אַריבערצוגיין פון איין העלפט באַראַק אין צווייטן. נישט איין מאָל זענען פאַרן חטא פון אַריבערגעבענען די פּאַרציעס, געשלאָגן געוואָרן סיי די וואַרשטאַט־מענטשן, סיי די קראַנקע.[10]

דער לאַגערפירער האָט באַפוילן דעם שרייבער פון די שורות צו זיין אַן אַרבעטס־אויפזעער איבער דער „הויף־קאָלאָנע״. כ׳האָב אים געענטפערט, אַז כ׳ווייס נישט ווי אַזוי צו באַפעלן איבער אַנדערע. האָט ער מיך פאַרוואַנדלט אין אַ קלאָזעטן־רוימער פון לאַגער.[11]

אַ קאַצעטלערין פון ווייוואַראַ וואָס איז זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון פלעק־טיפוס, איז געצוווּנגען געוואָרן גיין צו דער אַרבעט. צוריקגייענדיק, האָט זי דער־פילט, אַז זי האָט מער קיין כוח נישט צו גיין. צוליב דער גרויסער שוואַכקייט איז זי געווען גרייט מוותר צו זיין אויפן לעבן און וואַרטן אויף אַ קויל אין קאָפּ. אָבער די פרויען וואָס זענען צוזאַמען מיט איר צוריקגעגאַנגען האָבן זי נישט געלאָזט שטאַרבן. זיי האָבן זי גענומען אונטערן אָרעם און צוריקגעבראַכט אין לאַגער.[3]

בשעת דעם עוואַקואַציע־מאַרש פון ווייוואַראַ האָבן די קאַצעטלער אַרויסגע־וויזן אַ סך סאָלידאַריטעט: די שטאַרקערע האָבן אונטערגעהאַלטן די שוואַכע, כּדי זיי זאָלן נישט אָפּשטיין אין גאַנג. אַלע האָבן געוווּסט, אַז די לאַגער־וועכטער און ס.ס.־לייט דערשיסן די „אָפּשטייערס״ פאַר אַלעמען אין די אויגן.[12]

די מענטשן פון צווייטן טראַנספּאָרט פון ווילנער געטאָ, ווען זיי זענען אָנגע־קומען קיין ווייוואַראַ און געהאַט מיט זיך ברויט־זאַפּאַסן, האָבן זיי דערפון געטיילט פאַר די הונגעריקע קאַצעטלער.[12]

די פרויען פון צווייטן טראַנספּאָרט זענען אָנגעקומען קיין ווייוואַראַ מיט דער האָפענונג צו פאַראייניקן זיך מיט זייערע משפחות, זייערע מענער זענען אַקוראַט נישט געווען אין לאַגער, ווייל זיי האָבן געאַרבעט אין די אַרבעטס־איינהייטן אויסערן לאַגער. היות די צאָל פון די געבראַכטע אין דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט איז

געוועזן צו גרויס און ס׳איז פאַר זיי נישט געוועזן גענוג פלעצער אין לאַגער, האָבן די דייטשן געוואָלט אַריבערפירן אַ טייל פון די געבראַכטע אין אַן אַנדער לאַגער, זעקס קילאָמעטער פון ווייוואַראַ (וויוויקאָני). ס׳איז אויסגעבראָכן אַ מהומה. די פרויען, וועלכע זענען געווען איבערצייגט, אַז זייערע מענער געפינען זיך אין ווייוואַראַ, האָבן נישט געוואָלט גיין אין קיין שום אַנדערן לאַגער. די לאַגער-מאַכט האָט אָנגעהויבן צו שיסן אין דער לופטן און דערביי אַרויסגעפירט די געבראַכטע פרויען. בשעת דער מהומה איז אייניקע פרויען געלונגען זיך אַרויסצוגליטשן און איבערצובלייבן אין לאַגער.[12]

נאָך דער סעלעקציע, ווען מען האָט אַרויסגעפירט די קינדער צו דער באַן־סטאַציע, זענען 5 פרויען אַוועק פרייוויליק אַלס זייערע באַגלייטערינס; איינע פון זיי איז געווען די פרוי איישישאָק.[10]

יעוויע: אַ שיכורער עסטאָנישער וואַכמאַן האָט נאָכגעיאָגט איינעם פון די קאַצעטלער, בענצקע. היות די עסטאָנישע וואַכלייט האָבן נישט געהאַט קיין רעכט אַריינצוגיין אין די בלאָקן פון די קאַצעטלער, האָט דער וואַכמאַן אים צוגעדריקט אויסערן בנין צום ווינקל־בלאָק און אָנגעצילט אויף אים די ביקס מיט דער כוונה צו דערשיסן. איינער פון די קאַצעטלער איז צוגעלאָפן צום שיכורן שומר, אַרויס־געכאַפּט פון אים די ביקל, אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט און נעלם געוואָרן.[13]

לאַגעדי 1: בעת אַן אַפּעל איז געפאַלן דער בליק פון שנאַבעלן אויפן קאַצעט־לער אינזש. ה. לילינהיים, און ער האָט אים באַפוילן צו ווערן לאַגערעלטעסטער. לילינהיים האָט אים געענטפערט, אַז ער איז נישט מסוגל צו הערשן איבער די קאַצעטלער און קען דעריבער נישט אָננעמען די פונקציע.[14] די דאָזיקע געשעעניש געדענקט דער מחבר פערזענלעך פון זיינע טעג אין לאַגעדי.

לאַגעדי 2: דער וואַרשעווער שניידער ראָכמאַן זאָרגט פאַרן שרייבער ה. קרוק און באַקומט פאַר אים אַ שטיקל זייף, אַ האַנטעך און אַ דעקע.[15] די לאַגערניקעס פון קלאָגע און לאַגעדי, אין דערוואַרטונג פון שווערע געשעענישן, בעתן דייטשן צוריקצוג, זאָרגן זיך וועגן אַריבערפירן קרוקס כתב־ידן פון קלאָגע קיין לאַגעדי און דאָרט זיי מקבר זיין. ס׳זענען ביי דעם אַנוועזנדיג געווען זעקס לאַגערניקעס.[10] צו מאָרגנס זענען אַלע קאַצעטלער דערמאָרדעט געוואָרן. אייניקע טעג פריִער, ווען אינעם לאַגער איז געשטאָרבן דער אַקטיאָר אליהו פּעסקין[17] האָבן אים מספּיד געווען זיינע חברים, דער שרייבער ישראל דימענטמאַן און דער קאָמפּאָ־זיטאָר וואָלף דורמאַשקין.

נאַרוואַ: ווען מען האָט געבראַכט אין לאַגער אַ טראַנספּאָרט פון ווילנע, איז געווען אַ קאַלטער און שנייִיקער טאָג. אַ 14־יאָריקער יוגנטלעכער, גרשון גרינשפּאַן, האָט דערקענט צווישן די געבראַכטע זיין געוועזענעם לערער, אריה שעפּטעל, און ער האָט אָנגעהויבן צו אים צו שרייען „לערער! לערער!”. ער האָט אַרויסגענומען פון

הינטער דער פּאָלע אַ האַלב לעבל ברויט און דערלאַנגט עס זיין לערער.[18] דער זעלבער יוגנטלעכער פלעגט אין נאַרוואַ ריזיקירן מיט זיין לעבן און ברענגען אין געהיים זופּ פאַר די קראַנקע.[19]

ווען פּאַניקע האָט אַריינגעזעצט אין „פאַרשפּאַרונג" דעם אַנטלויפער מאָטעלע ראָזענבערג און אים פאַרמשפּט צום טויט, פלעגן די לאַגערניקעס אים אַריינגנבענען באַשפּייזונג דורך די שפּאַרונעס פון תפיסה־צעל.[20]

אייניקע נאַרווער אַסירים דערציילן אין זייערע גביות־עדות וועגן פאַרשידענע מעשים פון קעגנזייטיקער הילף אינעם לאַגער.

נאַדעל דערציילט, אַז ווען ס'זענען אויסגעבראָכן קראַנקייטן אין נאַרוואַ איז ער אַרויס אין געהיים פונעם לאַגער פונעם לאַגער צוזאַמען מיט עטלעכע חברים און אַריין אין שטאָטישער אַפּטייק, כדי צו בעטן מעדיקאַמענטן פאַרשריבענע פון ד״ר אַבראַמאָוויטש. דער לאַגערפירער, פּאַניקע, האָט זיי געכאַפּט ביים צוריקקער און זיי מכבד געווען מיט שטאַרקע קלעפּ.[21]

דראַבקין דערציילט, אַז ווען ער האָט געהאַט אַן איבעריקע קאָלדרע, האָט ער זי אָפּגעגעבן זיינעם אַ חבר, וואָס האָט נישט געהאַט קיין קאָלדרע. ווען ער האָט געאַרבעט ביי דער „קאַטלאָוניע", האָט אים נישט געפעלט, פאַרשטענדלעך, קיין קאָכעדיק וואַסער. פלעגט ער אַריבערפירן עמערס „קאַפע". פאַר די קראַנקע פון רעוויר.[22] אַזוי באַצייכנט ער די קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן אין לאַגער: „ווילנער חברה! אַלע געהאַלטן זיך צוזאַמען!".[22] אין זעלבן נוסח דערציילט אויך נאַדעל:[21] „איין ייד האָט געהאָלפן דעם צווייטן, ביי יעדער קלענסטער מעגלעכקייט. זייער אָפט פלעגט מען זיך טיילן מיט וואָס נאָר מעגלעך".

סאַנדאַ: בשעת דער„ צענפּראָצענטיקער אַקציע", ווען מען האָט די פאַר־משפּטע צום טויט אַרויסגעפירט אויף די לאַסט־אויטאָס, איז די קאַצעטלער געלונ־גען אַרויסצוכאַפּן דעם יידן, יוסף, וואָס האָט זיך געפונען אַמנאַענטסטן, און זיי האָבן אים אַוועקגעשטעלט צווישן די געזונטע.[23] דאָס קינד, אברהמלע שואג, האָבן זיי אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער.[23]

אין לאַגער סאַנדאַ זענען געווען פיר פריזיערס — אפרים סופר, נחום קרוק, שמואל גאָפּשטיין (פון קאַלוואַריסקאַ־גאַס אין ווילנע) און שמואל שוסטער. זיי האָבן זיך פאַרפליכטעט צו גאָלן אומזיסט אַלע לאַגערניקעס, כדי זיי זאָלן האָבן „אַ מענטשלעכן אויסזען".[23]

שוסטער דערציילט, אַז אַרבעטנדיק אַלס פריזיער אין דער קיך, פלעגט ער אַלס באַלוינונג באַקומען 200 סיגאַרעטן אַ טאָג. ער אַליין רייכערט נישט, און יעדן אָוונט, צוריקגייענדיק פון דער אַרבעט, פלעגט ער די סיגאַרעטן צעטיילן, צו צוויי, פאַר יעדן קאַצעטלער. ער דערציילט אויך, אַז ער פלעגט באַקומען דעם אָפּפאַל פון פלייש און פלעגט עס אַוועקגעבן פאַר די לאַגערניקעס. אייניקע קצבים (שמואל

קורט און אַנדערע) פלעגן אויפשטיין אין מיטן דער נאַכט, אָפּרייניקן דאָס פליייש, די לונגען־חלקים, שטיקלעך קעפּ, און מאַכן דערפון אַ זופּ. אין דער פרי פלעגן די קאַצעטלער, אַנשטאָט אַ געשמאַקלאָזע זופּ, באַקומען גאָר אַ „בוליאָן" מיט שטיקלעך פליייש.[23]

ערעדאַ: מערערע עדות דערציילן וועגן מנהג פון קעגנזייטיקער הילף פון שפּייז־פּראָדוקטן צווישן די קאַצעטלער.[24] איך פערזענלעך האָב איין מאָל אומ־געריכט באַקומען אַ לעבל ברויט פון ערעדער, לייבל טאַראַשינסקי (געוו. אָנפירער פון „החלוץ" אין ווילנע).[25] אַן עדות דערציילט ווי אַזוי מען האָט ריזיקירט און איבערגעפירט אַ פאַרוווּנדעטן קאַצעטלער אין אַ דייטשן מיליטערישן שפּיטאָל, כדי ער זאָל דאָרט ווערן אָפּערירט.[26]

בשעת איינער פון די סעלעקציעס, איז דאָס יונגע מיידל גנעסיע באַשטימט געוואָרן צום טראַנספּאָרט; איר עלטערע שוועסטער סאָניע האָט זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן צום טראַנספּאָרט בכדי צו טיילן מיט איר צוזאַמען דעם זעלבן גורל.[27]

ווען פאַרביי ערעדאַ איז דורכגעגאַנגען דער קאָוונער טראַנספּאָרט, האָבן די ס.ס.־לייט באַפוילן זיי אַרויסצוגיין פון די וואַגאָנען און דאָרט איבערלאָזן זייערע חפצים. די ערעדער לאַגערניקעס איז באַפוילן געוואָרן אַריינצוברענגען די „איבער־געלאָזענע" חפצים אינעם לאַגער־מאַגאַזין. דאַן האָבן דריי בחורים צונויפגעשטעלט אַ רשימה פון די אַלע קאַצעטלער, וואָס נייטיקן זיך אין שיך און בגדים. די זאַכן זענען טאַקע פאַרטיילט געוואָרן לויט דער רשימה פון די נויטבאַדערפטיקע.[28]

פון צייט צו צייט פלעגן די קאַצעטלער אויסלאָדן ברויט וואָס איז אָנגעקומען אין לאַגער. די דאָזיקע אַרבעט פלעגט געמאַכט ווערן „אין אַ קייט", ד״ה די לעבלעך ברויט זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין אַ לאַנגער שורה פון האַנט צו האַנט. די קאַצעטלער פלעגן מאַנכעס מאָל אויך אויך אַראָפּוואַרפן אַ פּאָר לעבלעך ברויט פאַר הונגעריקע לאַגערניקעס. דער ענין איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע ריזיקע און מכות־רח מצד די „אָטע"־לייט.[29]

אַ יידישע קאַצעטלערין האָט איין מאָל דערקענט איר טעכטערל צווישן קינדער וואָס מען האָט געבראַכט פון אַן אַנדערן לאַגער. זי האָט עס געבראַכט צו זיך אין בלאָק. בשעת אַן אינספּעקציע האָט דער לאַגערפירער אַנטדעקט דאָס קינד און עס אַרויסגעפירט פונעם בלאָק, כדי עס אָנצושליסן אין אַ קינדער־טראַנספּאָרט. די מוטער האָט געבעטן רחמים פאַר איר קינד, געקושט די הענט פונעם לאַגערפירער און אויפגעפירט זיך ווי אַ וואַנזיניקע. לסוף האָט דער ס.ס.־מאַן מסכים געווען אָנצושליסן די פאַרצווייפלטע מוטער צום טראַנספּאָרט אַלס „פלעגערין". זי איז אַוועק צוזאַמען מיט איר קינד.[30] איינער פון די עדות איז זיך משער, אַז דער נאָמען פון דער פרוי איז געווען ווילִיאַן.[31]

בשעת אַ סעלעקציע ווען מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ פאָטער אין די שורות

„צום לעבן״, און דעם זון אין די שורות פון די באַשטימטע אָוועקגעפירט צו ווערן „ערגעץ־ווו״, האָט דער פאָטער באַפוילן זיין זון צו בייטן זיך מיט אים תיכף מיט די פלעצער. די זאַך איז פאָרגעקומען בליץ־שנעל, און דער זון איז לעבן געבליבן אַ דאַנק דער זעלבסטאָפּפערונג פון זיין פאָטער.[32]

דער לערער תנחום (ישראל?) בערמאַן פלעגט קריגן פּאַרציעס ברויט און זיי פונאַנדערטיילן צווישן קראַנקע און שוואַכע. „ער האָט זיך אויך געזאָרגט פאַר געוועזענע לערער און קולטור־טוער, וואָס זענען נישט געווען ביכולת זיך „איינצואָר־דענען״ אין לאַגער. אין די דאָזיקע מעשׂים זיינע האָט ער זיך ממש מקריב געווען״.[33]

קונדאַ: די אַלע, וואָס האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַקומען שפּייז־פּראָ־דוקטן מן הצד, פלעגן נישט נעמען פון קיך זייער זופּ און איבערלאָזן דאָס פאַר די, וואָס האָבן געליטן פון ווייניק באַשפּייזונג. „איינער האָט אונטערגעשטיצט דעם צווייטן״. באַציִונגען צווישן די אַסירים זענען געווען „גוטע און געטרייע״. אין לאַגער זענען נישט געווען קיין קריגערייען. דער עיקר האָט מען געטאָן וואָס מעג־לעך, כדי צו ראַטעווען די זקנים. די פרויען וואָס האָבן געאַרבעט אין קיך פלעגן גנבענען פּאָרציעס זופּ פאַר די זקנים און אָפּגעשוואַכטע פון לאַגער.[34]

קורעמע: אַ טיפוס־קראַנקע מאַמע רופט איר טאָכטער פאַרן טויט און בעט „זי זאָל היטן די קינדער״.[35] זי רופט אויך דעם בחור, וואָס האָט אַדאָרירט איר טאָכ־טער און בעט אים, אַז נאָך איר טויט זאָל ער זיך זען אַלס „אַפּוטרופּוס פון די קינדער״.[35]

די פרוי יאַכל קאַצענבערג, איצט אין אורוגווײַ, פלעגט וואַשן טאָגטעגלעך די בגדים פונעם שרייבער פון די שורות, וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען דער דאָקטאָר פון אירע קינדער, און איז אין לאַגער קראַנק געוואָרן אויף אַ בלוטיקנדי־קער דיזענטעריע (דורכפאַל). כ׳האָב זי געפרעגט: „יאַכל, פאַר וואָס טוט איר עס? כ׳האָב דאָך גאָרנישט מיט וואָס אייך צו באַצאָלן!״. האָט זי אויף דעם געענטפערט: „אפשר וועט איר איבערלעבן, וועט איר קענען באַשרייבן וואָס אונדזערע אויגן האָבן געזען!״.[36] שפּעטער בין איך קראַנק געוואָרן אויף פלעקטיפוס און מען האָט מיך אָוועקגעפירט אין רעוויר. יאַכל האָט דאַן געאַרבעט אַלס רוימערין אין צימער פון לאַגערפירער ענגסט. פלעגט זי ביי אים גנבענען ברויט און פלייש און עס אַריינוואַרפן פאַר מיר דורכן פענצטערל פון רעוויר, וואָס איז געווען אַקוראַט איבער מיין קאָפּ.[36] בשעת דער עוואַקואַציע פון קורעמע, ווען די ס.ס.־לייט פלעגן אויפן וועג דערשיסן יעדן „אָפּשטייענדיקן״, און בעתן שני־געווירבל האָב איך געפילט, אַז כ׳האָב שוין מער קיין כוח נישט און כ׳פאַל, האָט מיך יאַכל, צוזאַמען מיט צבי צעפּעלעוויטש, געכאַפּט פאַר די הענט און געפירט אונטער די אָרעמס, און אַזוי אַרום דערבראַכט קיין גאָלדפילץ.[37]

ווען אין קורעמע איז אויסגעבראָכן דער פלעקטיפוס, באַהאַלט אים אויס דער

שרייבער פון די שורות. כדי אויסצוהיטן די קראַנקע פון די שוידערלעכע רעזול־טאַטן, ווען מען וועט זיך דערוויסן, אַז זיי זענען קראַנק אויף פלעקטיפוס, כ׳פעלש די דיאַגנאָזע און די רשימה פון טעמפּעראַטורן. כ׳גיי אַרויס פון לאַגער אין שטעטל קורמע כדי דאָרט צו בעטן ביים עסטאָנישן אַפּטייקער אומזיסטע רפואות פאַר די קאַצעטלער.[37] צוזאַמען מיט יאַכל קאַצענבערג גרייטן מיר צו מעדיקאַמענטן פון צמחים אַרום לאַגער, כדי אַראָפּצוואַרפן די טעמפּעראַטור און שטילן די ווייטאָגן פון די קראַנקע. כ׳רוף אָן די פּרימיטיווע רפואות מיט קלינגענדיקע נעמען, ווי „מיראַקולום״ (ווונדער) און „פאַנטאַ טעראַפּיאַ״ (היילט אַלץ!). ווען כ׳דערוויס זיך, אַז דער שעף־דאָקטאָר פון די לאַגערן פראַנץ באַטמאַן דאַרף קומען אויף אַן אינספּעקציע, גיב איך אַלע קראַנקע אויפגעהיטע פּיראַמידאָן־טאַבלעטן, כדי אַראָפּ־צוּוואַרפן זייער היץ. כ׳פאַרשמיר אויף זייערע לייבער די טיפוס־פלעקן מיט רויטן סעפּסאָ (אַ מין יאָד). די „היצלאָזע״ קראַנקע רעדן אָבער נישט צו דער זאַך, מחמת דעם טיפוס, און ס׳העלפט נישט מיין תירוץ, אַז מיטן סעפּסאָ האָב איך אויס־געשמירט בראַנכיט־נעסטן, „נישט האָבנדיק קיין בעסערע מעדיקאַמענטן״. ד״ר באַטמאַן איז מכבד דעם שרייבער פון די שורות מיט 25 נאַגיי־שמיץ פאַר די אויגן פון גאַנצן לאַגער. און דער לאַגערעלטעסטער רפאל אָסטער איז געצוווּנגען אים צו האַלטן פאַר די הענט און פיס. היות כ׳שריי נישט, איז באַטמאַן מכבד מיט שמיץ אויך דעם לאַגערעלטעסטן, כדי צו הערן פון אים אַנטשולדיקונגס־געשרייען.

ווען דער שרייבער פון די שורות באַקומט אַ גלאָז מילך פון אַן עסטאָנישער פרוי וועמענס קינד ער האָט געהיילט אין געהיים, פאַרוואַנדלט ער די מילך אין איינשפּריצונגען קעגן פלעגמאָנעס.[37] דער מחבר גיט אַן עצה די קאַצעטלער, וואָס גייען אויף אַרבעט אויסערן לאַגער, זיי זאָלן דאָרט אונטערן שניי אויסזוכן „ברוסני־צעס״ און עס אויפעסן, און דערמיט פאַרמיידן די באַדראָענדיקע מחלה פון אַוויטאַמי־נאָזע־צע. די קאַצעטלער ברענגען אַריין די דאָזיקע ברוסניצעס אויך אין לאַגער פאַר די, וואָס האָבן נישט קיין מעגלעכקייט אַרויסצוגיין מחוצן לאַגער.[37]

ווען שאַרפּעטער זאַמלט צונויף די זקנים, כדי זיי צו דערמאָרדן מיט זיין קירקע, וואַרפט דער אַלטער גאַלאַמב אַרויס צום שרייבער פון די שורות דעם לערער־דיפּלאָם פון זיין טאָכטער, בעטנדיק איר עס אָפּצוגעבן נאָך דער באַפרייונג.[38] גאַלאַמב ראַנגלט זיך מיט שאַרפּעטערן, מיט זיינע נאַקעטע הענט, פאַרווונדיקט אים און וואַרפט אים אַרויס פון זקנים־בלאָק. שאַרפּעטער איז אָבער שטאַרקער און דערמאָרדעט לסוף דעם זקן מיט זיין קירקע.[38]

ווען דער לאַגערפירער ענגסט פאָדערט פונעם לאַגערניק־דאָקטאָר בער קאָ־לאָדנער צו חתמענען אויף אַ טויט־שיין פון אַ קאַצעטלער אַ „קראַנקייט״ אַלס סיבה פון זיין טויט, בעת אין דער אמתן איז ער געשטאָרבן דורך מכות־רצח פונעם לאַגער־פירער, זאָגט זיך ד״ר קאָלאָדנער אָפּ צו חתמענען דעם געפעלשטן טויט־שיין.[39]

ווען שאַרפעטער דער קירקעניק דערהרגעט מיט זיין קירקע די 22 זקנים און פאָדערט פון מיר אונטערצושרייבן אויסגעטראַכטע קראַנקייטן, אַלס די סיבה פון זייער טויט, זאָג איך זיך אָפּ עס צו טאָן.[40]

בשעת דעם עוואַקואַציע־מאַרש, אין שניי־שטורעם, פון קורעמע קיין גאָלד־פּילץ, העלפן די לאַגער־לייט זייערע אָפּגעשוואַכטע חברים, זיי זאָלן קענען דורכ־מאַכן דעם אויסמאַטערנדיקן מאַרש. אין יענעם עוואַקואַציע־מאַרש האָט אינזש. גאַרדאַן אונטערגעהאַלטן דעם קאָוונער פריזיער, וואָס איז אַלץ שוואַכער געוואָרן אין גאַנג.[41]

קיוויאַלי: ד״ר באַטמאַן האָט דורכגעפירט אין לאַגער אַ סעלעקציע צום טויט, און האָט גלייכצייטיק צוגעזאָגט די סעלעקציאַנירטע, אַז ער פירט זיי אין אַן אַנדער לאַגער, ווו זיי וועלן באַקומען לייכטע אַרבעט. אַ צוועלף־יאָריק מיידעלע האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער פירט זי אין אַ „גוטן לאַגער", ווו זי וועט שיילן קאַרטאָפל. דאָס מיידעלע האָט איינגעשטימט פון אייגענעם רצון אַוועקצוגיין אין „גוטן לאַגער". איר פאָטער, מוטער און שוועסטער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין טראַנספּאָרט בכדי צוזאַמען טיילן דעם גורל.[28]

ווען מען האָט בעת אַ סעלעקציע אַוועקגעשטעלט אַן אַלטן שניידער אין די שורות אויף צו ווערן אַרויסגעפירט פון לאַגער, זענען מיט אים מיטגעגאַנגען פון זייער אייגענעם ווילן אויך זיינע צוויי יונגע זין.[42] אַ יונג מיידל, וואָס האָט געאַרבעט אין קיך, איז בעת אַ סעלעקציע איבערגעלאָזן געוואָרן אינעם לאַגער, און איר עלטערער ברודער, דאַקעגן, איז סעלעקציאָנירט געוואָרן צום אַרויספיר. איז דאָס מיידל פרייוויליק אַוועק כדי צו טיילן דעם גורל צוזאַמען מיטן ברודער.[42] אין איינער אַ סעלעקציע פון „זקנים" (ד״ה עלטערע פון 40 יאָר), האָט זיך צווישן די פּאָר־משפטע געפונען דער באַקאַנטער אין גאַנצן לאַגער וויצן־דערציילער צוזאַמען מיט זיין פרוי; זייער אַכצן־יאָריקע טאָכטער האָט זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין טראַנספּאָרט און אַוועק צוזאַמען מיט די עלטערן.[42]

קאַצעטלערינס האָבן געאַרבעט אין קיך פון דער פאַבריק פון קינסטלעכן ברענשטאָף. זיי פלעגן אין געהיים צוואַרפן קאַרטאָפל די הונגעריקע סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער נאָענט.[45] פרויען וואָס האָבן געאַרבעט אין בגדים־מאַגאַזין פלעגן צושטעלן שטילערהייט און מיט דער הסכמה פון יידישן לאַגערעלטעסטן ישראל צפּעלעוויטש, בגדים פאַר די קאַצעטלער.[12]

לאַגערניקעס דערציילן, אַז ווען מען האָט אַרויסגעפירט ד״ר וואָלקאָוויסקי אין אַן „אַנדער לאַגער" האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער ווערט געפירט צום טויט און נישט דערלאָזן זיין זון אַלעקס זאָל זיך אָנשליסן אין טראַנספּאָרט (היינט איז אַלעקס דער באַקאַנטער אין ישראל פּיאַניסט אַלכסנדר תמיר).[12]

אין קיוויאַלי איז געווען אַ גרופּע ישיבה־בחורים וואָס האָבן צוליב כשרות בשום אופן נישט געוואָלט עסן די זופּ פון לאַגער־קעסל. לויט דער בקשה פונעם ראש־ישיבה האָבן די פרויען פון קיך זיך מתנדב געווען צוצוגרייטן פאַר די ישיבה־בחורים קאַרטאָפל, אָן קיין שום צוגאָבן, אין אַ באַזונדערן טאָג. די ישיבה־בחורים סלעגן אַריינגיין אין אַ פאַרבאָרגן צימערל ביי דער לאַגער־קיך, כדי דאָרט צו עסן זייער „געקעכטס". די פרויען פלעגן זאָגן: „אַפילו מיר זאָלן דאַרפן אַרבעטן נעכט אויף דעם, וועלן מיר עס גערן מאַכן, דאָס איז דאָך אַן ענין פון פּיקוח־נפש.[12]

אין קיוויאַלי זענען געווען צוויי ברידער פון אַ משפּחה „שטאַרקע". מען האָט זיי גערופן די „הונדערטער", ווייל זיי האָבן אויף איין פּלייצע געקאָנט לייכט טראָגן אַ משא פון 100 קילאָ. זיי האָבן אַ סך צוגעהאָלפן די לאַגערניקעס.[45] אַ קאַצעטלערין וואָס האָט געאַרבעט אין לאַגער גופא דערציילט, אַז אָפט פלעגט זי געפינען אויף איר געלעגער שטיקלעך מערן. דאָס איז געווען אַ מתן־בסתר פון אירע חברטעס וואָס האָבן געאַרבעט אויסערן לאַגער.[12]

קלאָגע: דאָ האָט זיך געגרינדעט אַ „געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט" מיטן ציל אַכטונג צו געבן אויף דער התנהגות פון די קאַצעטלער, פונקציאָנאַרן אין דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע. אָפּקלאַנגען דערפון איז צו געפינען אינעם טאָגבוך פון ה. קרוק.[43]

דער אַרבעטס־אויפזעער, דער „גרויזאַמער קאַראָל", האָט באַפוילן אייניקע קאַצעטלער צו דערווייטערן אַ פעלז פון זיין אָרט. די קאַצעטלער האָבן אָנגעהויבן צו ברעכן און צו שפּאַלטן דעם גרויסן שטיין מיט זייערע קירקעס, אָבער אָן דער־פאָלג און קאַראָל האָט זיי אָנגעהויבן צו שלאָגן מכות־רצח. דער יונגער קלאַטשקאָ איז צו זיי צוגעגאַנגען און תיכף אָנגעהויבן גראָבן אַ גרוב. ער האָט זיי דערקלערט, אַז דערווייטערן דעם פעלז קען מען אין די געגעבענע באַדינגונגען נאָר דורכן איינגראָבן אים אין דער ערד. אייניקע יידן האָבן גלייך אויסגעגראָבן אַ טיף גרוב, און דער שטיין האָט זיך דאָרט אַריינגעקייקלט און פאַרשוווּנדן געוואָרן.[44]

די וואַרשטאַט־אַרבעטער פלעגן אָפט געהיימערהייט אַריינפירן צו זיך אין באַראַק קאַצעטלער, בכדי זיי זאָלן קענען זיך אָנוואַרעמען און „אָפּכאַפּן די נשמה".[45] די „שטאַרקע", וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן מיט אַ ספּעציעלן טאַלאַנט צו „אָרגאַ־ניזירן" שפּייז־פּראָדוקטן, פלעגן נישט פאַרגעסן אָפּצוטיילן אַ חלק דערפון פאַר זייערע חברים פון דער פריטשע, ווי אויך פאַר די „אינטעליגענטן", וואָס האָבן נישט געהאַט די פעיִקייט צום „אָרגאַניזירן".[48] ווען די לאַגערניקעס האָבן אַ געוויסע נאַכט באַקומען אַ באַפעל צו טראָגן 50־קילאָדיקע צעמענט־זעק און דער אַרטיסט ראָטבלום איז נישט געווען בכוח צו טראָגן דעם שווערן צעמענט־זאַק, האָט אים דעריין אַרויסגעהאָלפן איינער פון די „שטאַרקע", וועמענס צונאָמען ס'איז געווען „די פאָמעלע". ער האָט אַרויפגענומען אויף דער פּלייצע נאָך אַ זאַק און צוזאַמען

געטראָגן אַ משא פון 100 קילאָ.[46] אַן ענלעכע געשיכטע ווערט דערציילט וועגן „שטאַרקן סאַמורע".[47]

איינער פון די עדות דערציילט, אַז דער לאַגערעלטעסטע מעלצער האָט געהאַט ביי זיך תמיד רעזערוו־באַשפּייזונג, און ער פלעגט זיך נוהג זיין צו געבן צוגאַב־ברויט און אַ צוגאַב־זופּ פאַר זקנים און קראַנקע.[44] שמואל עפראָן וואָס האָט געאַר־בעט אין קלאָגע אַלס שילדן־מאָלער פאַר דער דייטשער לאַגער־לייטונג, פלעגט אַלס באַלוינונג פאַר זיין אַרבעט באַקומען אַ בעסערע באַשפּייזונג, און ער פלעגט זיך נוהג זיין דערמיט אויך מהנה זיין אַנדערע לאַגערניקעס. יודל מוט, פון די שעפער פון ווילנער יידישן מאַריאָנעטן־טעאַטער, פלעגט זיך פאַרנעמען אין לאַגער מיט אייל־מאָלערייען פאַר די דייטשן. ער פלעגט דערפאַר באַקומען אַ בעסערע באַשפּייזונג, פון וועלכער עס האָבן אויך גענאָסן לאַגער־חברים.[44]

אַ פרוי פון ווילנער געטאָ, וואָס האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן אין געטאָ איר פינף־יאָריק קינד, האָט עס אַריינגעפּאַקט אין איר רוקזאַק און אַזוי עס אַריינגע־גנבעט אין קלאָגער לאַגער.[44]

דער לאַגערפירער האָט זיך דערוווּסט, אַז סאַמורע גנבעט אַריין אין לאַגער צייטונגען, האָט ער אים געפרעגט פאַר וועמען ברענגט ער עס (ס'איז געווען פאַר ה. קרוק). „גלייכצייטיק האָט ער אים געוואָרנט, אויב ער וועט אויסזאָגן פאַר וועמען, וועט ער יענעם פאַרשמייסן. אויב נישט, וועט ער אים, סאַמורען, פאַר־שמייסן".[42] סאַמורע האָט אָבער נישט געענטפערט און מיט אַ געהויבענעם קאָפּ אויפגענומען די שוידערלעכע קלעפּ ביז ער איז געפאַלן טויט. „יעדער פון אונדז האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז סאַמורע וויל פאַר אונדז דעמאָנסטרירן, ווי אַזוי אַ ייד דאַרף מיט שטאָלץ און ווירדע אומקומען אויף קידוש השם".[47]

ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרויספירן אין שחיטה־טאָג די שטאַרקע מענער, בכדי זיי זאָלן טראָגן קלעצער צום וואַלד, האָט איינער פון זיי, מאַקס, אַרויסגעריסן זיך פון די רייען און געלאָפן וואָרענען די קאַצעטלער, וואָס זענען געווען צונויפגעזאַמלט אויפן אַפּעל־פּלאַץ, שרייענדיק: „מ'גייט אונדז פטרן! ראַטעוועט זיך!" אַן ס.ס.־מאַן האָט אים דערשאָסן אויפן אָרט.[44]

גורל־פאַרבינדונג, חברשאַפט

אין די לאַגערן האָט זיך ספּאָנטאַניש געשאַפן אַ באַזונדער מין זעלבסט־הילף. חברים פלעגן זיך צונויפבינדן אין אַ „קאָלעקטיוו", בכדי צו העלפן איינער דעם צווייטן, ווי מעגלעך, צוזאַמען „אָרגאַניזירן", צוזאַמען קאָכן אַ זופּ, פאַרוואַנד־לען אין שותפותדיקן רכוש אַלץ, וואָס מען וועט „דעראָבערן", בכדי צוזאַמען דורכצוהאַלטן דיליידן פון לאַגער. די דאָזיקע לאַגער־פאַרבינדונגען האָבן געטראָגן פאַרשידענע נעמען: „לאַגער־קאָלעקטיוו", „לאַגער־קיבוץ", „לאַגער־קאָמונע", „גע־

טרייע חברים" אד"גל. וועגן דעם דערמאָנען אָפט די גערעטעוועטע פון עסטאָנישע לאַגערן. לאָמיר דאָ איבערגעבן בקיצור אַן עדות-זאָגן פון איינעם פון די געראַטע-וועטע וועגן אַ „קאָלעקטיוו" צו וועלכן ער האָט אָנגעהערט.[48] א. אַרבאַך דערציילט:

„...ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין וויוויקאָני האָבן מיר, אַכט חברים, באַשלאָסן צו שאַפן אַ „קאָלעקטיוו", בכדי צו העלפן און דערמוטיקן איינער דעם צווייטן אין די שווערע טעג. אויף מיר מיט שכנא האַמבורג איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע אַ וואַנדער צו טאָן אין די אַרומיקע דערפער און צונויפזאַמלען דאָרט פאַר אונדז שפייז־פּראָדוקטן. איינער פון אונדז, כאַנין, האָט געאַרבעט אינערהאַלב דעם לאַגער. מיר האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס גוטע זייגערמאַכערס און פלעגן נעמען ביי די דייטשן פון אויסערן לאַגער (ווערמאַכט וכדומה) זייגערס צו פאַרריכטן און זיי ברענגען צו האַמבורגן. מיר פלעגן צוריקברענגען די פאַרריכטע זייגערס און באַקומען ברויט פאַר די רעפּאַראַציעס. שלמה בעלסקי פלעגט קאָכן פאַר אונדז אויף דער „שטרעקע" און די מיידלעך פלעגן וואַשן אונדזערע וועש. מיר האָבן זיך זייער צוגעבונדן איינער צום צווייטן. אַלע פאַר איינעם, איינער פאַר אַלעמען. דאָס האָט אונדז געגעבן מוט אַדורכצוטראָגן די ליידן פון די לאַגערס... ווען מען האָט אונדז אַרויסגעפירט קיין נאַרוואַ האָבן מיר דאָרט ממשיך געווען אונדזער קאָלעקטיוו. בשעת דער אַרבעט פלעג איך אויפזוכן אַ באַהאַלטענעם ווינקל צווישן קלעצער און דאָרט קאָכן פאַר אונדז אַלעמען אַ „פּיורע" (געדיכטע קאַרטאָפל־זופּ) מיט מאַרגאַרין, און אין אָוונט — צעטיילן די זופּ פאַר קראַנקע חברים. אַן אָטע־מאַן האָט מיך איין מאָל געכאַפּט בשעתן קאָכן די קאַרטאָפל־זופּ און האָט מיך מיט זיין בייטש געשלאָגן איבערן פּנים ביז בלוט... מיר האָבן ממשיך געווען מיטן קאָלעק־טיוו אויך אין קיוויאָלי. מיר האָבן באַשלאָסן בעת דער סדר־נאַכט נישט צו עסן קיין ברויט, האָבן מיר זיך אויסגעקאָכט אַן אַרבעס־זופּ. געגעסן זי אויף דער פּריטשע און געזונגען. אַזוי האָבן מיר געפּראַוועט דעם „סדר".

אין אַזאַרי האָבן מיר צוזאַמען געפּלאַנט צו לויפן אין וואַלד, און ס׳איז געלונגען אונדזער קאָלעקטיוו אָפּצושפּאָרן 20 קילאָ ברויט. מיר האָבן עס באַהאַלטן אין אַ שייער, כדי צו האָבן אַ ברויט־רעזערוו בעתן אַנטלויפן. אָבער פּלוצים האָט מען אונדז אַלעמען אַריבערגעפירט קיין גאָלדפּילץ און אונדזער אַנטלויפן פון אַזאַרי איז שוין נישט צושטאַנד געקומען..."

אַזעלכע קאָלעקטיוון אין די לאַגערן זענען נישט געווען קיין זעלטנהייט.

אין פאַרשידענע עסטאָנישע לאַגערן, ווי גאָלדפּילץ און לאַגעדי, האָב איך געלעבט אין אַזאַ קאָלעקטיוו מיטן אינזש. ליליענהיים. דער דאָזיקער קאָלעקטיוו האָט ווייטער עקזיסטירט אויך אין שטוטהאָף און אין לאַגער דאַוטמערגען ביי באַצווייילער שטרוטהאָף.[49] ליליענהיים איז איין מאָל געכאַפּט געוואָרן דורכן אַרבעטס־אויפזעער ווען ער האָט געשריבן אַ ליד אין די אַרבעטס־שעהען. ער האָט אים

באַשטראָפט מיט קלעפּ. ווען איך בין אַרויסגעטראָטן מיט דער טענה צום אַרבעטס־אויפזעער הלמאַי ער שלאָגט ליליענהיימען פאַר אַזאַ קליינעם חטא ווי שרייבן אַ ליד, האָט דער אַרבעטס־אויפזעער מיך אַזוי צעשלאָגן, אַז מען האָט מיך גע־בראַכט אין לאַגער־רעוויר מיט אַ צעבראָכענער האַנט און מיט אַ בלוט־פאַרגיפ־טונג. ליליענהיים האָט זיך דאַן אַרויסגעגנבעט פון לאַגער און אין דער שטעטלשער אַפּטייק געקריגן פאַר מיר טאַבלעטן קעגן בלוט־פאַרגיפטונג. ליליענהיים איז אויף צוריקוועגס פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער לאַגער־וואַך; זיי האָבן אים צעשלאָגן און געבראַכט אַ צעממיתטן אין זעלבן רעוויר.[55] אין אייניקע לאַגערן האָבן געהערט צום קאָלעקטיוו אַחוץ ליליענהיימען און מיר, אויך דער קאָוונער לערער ד״ר ראָזענ־בלאַט און שערטאַק (אַ ווילנער סטודענט, אַ קרוב פון משה שרת). דער קאָלעקטיוו צווישן ליליענהיימען און מיר האָט אָנגעהאַלטן ביזן טאָג פון דער באַפרייונג.[49]

וועגן אַזאַ גרופּע אין וויוואַראַ, פון זעקס „געטרייע חברים״, דערציילט אין זיין גבית־עדות מאָטל ראָזענבערג.[50] וועגן אַזאַ גורל־פאַרבינדונג, אין וויוואַראַ, צווישן אים מיט איישישאָקן, האָט דערציילט משה דאַנציגער.[10] וועגן אַן אָרגאַני־זירטער „זעלבסטהילף צווישן קינדער״ אויך אין לאַגער נאַרוואַ, האָט דערציילט אין זיין גבית־עדות מאָטל ראָזענבערג. צו דער דאָזיקער זעלבסטהילף האָבן געהערט זעקס קינדער. פינף פון זיי געפינען זיך איצט אין ישראל. „ס'איז אומ־מעגלעך געווען אין יענע טעג, אַז אַ מענטש זאָל זיין איינזאַם. יעדער איינער האָט זיך געבונדן אין אַ פריינד״.[50]

וועגן אַזאַ „טראַגיקע פון געטרייע חברים״ אין קלאָגע האָט דערציילט אין זיין גבית־עדות כתריאל קלאַטשקאָ[51] „צוזאַמען איז לייכטער צו לעבן״. וועגן אַזאַ „קאָמונע״ אין קלאָגע האָט אויך דערציילט יחזקאל קרעמערמאַן. זיין פאָטער איז געווען אַ מומחה אין האָלץ־שניצעריי. אין קלאָגע האָט ער אויפגעשטעלט אַ האָלץ־שניצעריי, און די גאַנצע משפּחה איז אָפיציעל געווען צוגעטיילט צו דער האָלץ־שניצעריי. זיי פלעגן זיך צעטיילן מיט דער באַשפּייזונג. איינער פון די בחורים פלעגט קאָכן פאַר אַלעמען די זופּ. דער צווייטער פלעגט וואַשן וועש. דער דריטער פלעגט פאַר אַלעמען פאַרריכטן די בגדים. אין דער גרופּע זענען געווען צוויי ברידער, סטאָליערס. זיי ביידע זענען לעבן געבליבן, אָבער זייער פאָטער האָט פאַר־ענדיקט זיין לעבן אויף די שייטערס פון קלאָגע.[52]

וועגן אַ גרופּע חברים אין קלאָגע, וואָס האָבן „געשלאָסן צווישן זיך אַ בונד צו האַלטן זיך צוזאַמען״, שרייבט אויך ה. קרוק אין זיינע נאָטיצן.[53]

די דאָזיקע גורל־פאַרבינדונגען זענען געווען זייער אַן אָפטע דערשיינונג אין די לאַגערן. אפשר מער ווי מען שטעלט זיך פאָר. זיי זענען געווען אַ טרייסט און דערמוטיקונג פאַר די לאַגערניקעס, געהאָלפן זיי ביישטיין די טעגלעכע שוועריקייטן פון לאַגער, און דער עיקר אַרויסגענומען דעם קאַצעטלער פון זיין עלנטקייט.

באַמערקונגען

1) קאַלמאַנאָוויטש, 3; בנימין אַנאַליק, 4. אַ קאַצעטלער פון אַאוואַראַ דערציילט, אַז דער דאַרטיקער אַלטער קברן (ווי אויך מתים־ברענער) איז געווען זיין קוזין שניאור דונסקי. ווען אַנאַליק איז געלעגן אין לאַגער־רעוויר, האָט ער איין מאָל פּלוצים דערהערט אַ שאָס. שפּעטער האָט ער זיך דערוווּסט, אַז שניאור דונסקי איז דערשאָסן געוואָרן ביים לאַגער־טויער צוליב שפּייז־פּראָדוקטן וואָס ער האָט אַריינגעגנבעט אין לאַגער.

2) סעגאַל, 17.

3) קאַגאַן־גראָדזענסקי, 3.

4) האַלפּערן, 4.

5) אַנאַליק, ג., געשפּרעך, 4.

6) עדות אין שנאַבעל־פּראָצעס, אָפּגעגעבן אין העכינגען דעם 1965.7.26 און פאַרעפנט־לעכט אין „שטראַסבורגער צייטונג״ און „שטראַסבורגער נאַכריכטען״, 1965.7.28.

7) גאַלעמבאַ, 8.

8) האַרמאַץ, 6.

9) דער ענין מיטן טראַנספּאָרט פון די פרויען און קינדער האָט אויפגעשטורעמט די געמיטער פון די קאַצעטלער. לאָמיר דאָ ברענגען אייניקע גביות־עדות:

גבית־עדות פון ד״ר דוואָרזשעצקי (א), 76—76:

„...אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז מודיע געווען אין לאַגער ווייוואַראַ, אַז פון ווילנער געטאָ איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פון פרויען און קינדער. ווען מיר זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט האָבן מיר טאַקע געזען פון דערווייטנס, אַז ביי דער סטאַציע שטייט אַ לאַנגע באַן און נעבן איר — פרויען און קינדער. שפּעטער האָבן מיר געזען, אַז די באַן איז אָפּגע־גאַנגען. קריסטן, לאָקאָמאָטיוו־אַרבעטער, האָבן אונדז שפּעטער דערציילט: ווען די באַן איז אָנגעקומען אויף דער סטאַציע האָבן די דייטשן געמאָלדן די פרויען, אַז יעדע פרוי אָן קינדער זאָל גיין אויף רעכטס; די קינדער און פרויען מיט קינדער — זאָלן גיין אויף לינקס. די פרויען האָבן פאַרשטאַנען, אַז „גיין אויף לינקס״ וועט אויך דאָ האָבן דעם זעלבן טויט־באַדייט ווי בעת אַנדערע סעלעקציעס, און אַז די קינדער זענען פאַרמשפּט צום טויט. דאַקעגן, יעדע פרוי, וואָס דעקלאַרירט זיך אַלס „אַליינשטייענדיקע״, האָט שאַנסן אָוועקגעשיקט צו ווערן אויף אַרבעט אין אַ קאָנצלאַגער, אָבער פאַרט צום לעבן; און מאַמעס פון קינדער וועלן געשיקט ווערן צום טויט צוזאַמען מיט די קינדער.

טראָץ דעם, האָבן די מאַמעס געזאָגט: „דאָס איז מיין קינד און איך בין זיין מאַמע!״. קיינער האָט דאָס נישט פאַרלייקנט. און זיי זענען אַלע צוזאַמען אַרויסגעפירט געוואָרן אין אַ ספּעציעלער באַן קיין אוישוויץ. דאַקעגן די קינדערלאָזע פרויען זענען אָפּגעפירט געוואָרן מיט אַן אַנדער באַן, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט — קיין קלאָגע. די דאָזיקע גע־שעעניש האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אַלע לאַגערניקעס, און שפּעט אין

אָוונט, נאָך דער אַרבעט, פלעגן זיי רעדן און דערציילן וועגן דער גייסטיקער גבורה פון די פרויען, וואָס זענען פרייוויליק געגאַנגען צום טויט צוזאַמען מיט זייערע קינדער..."

גבית־עדות פון ד. חאַרמאַץ, 9—10:

„...נאָכן אָפּזיין אייניקע טעג אין וויוויקאַני זענען צו מיר דערגאַנגען קלאַנגען, אַז מען האָט אין ווייוואַראַ געבראַכט פון ווילנער געטאָ אַ טראַנספּאָרט פרויען מיט קינדער. כ'האָב געבעטן אַן עסטאָניער, וואָס כ'האָב זיך מיט אים באַקענט אין לאַגער, ער זאָל איבער־געבן אין ווייוואַראַ אַ בריוו צו מיין משפחה; אפשר זענען זיי אָנגעקומען מיט דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט. פאַרן גיין קיין ווייוואַראַ האָב איך אים געגעבן אַ מתנה. ער האָט זיך צוריק־געקערט, צוריקגעבראַכט די מתנה און געזאָגט אויף רוסיש: „מיין פריינד, די קינדערלאָזע פרויען האָט מען אַוועקגעפירט אויף אַרבעט, אָבער די פרויען מיט קינדער האָט מען אַוועק־געשיקט קיין פוילן". דאָס איז געווען דער לעצטער גרוס פון מיין פרוי און קינדער. אין אַ יאָר אַרום בין איך דערגאַנגען, אַז זיי זענען געווען אין יענעם טראַנספּאָרט... נאָך דער באַפרייונג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין אייגעם פון די לאַגערן געפינט זיך אַ פרוי, חאַרמאַץ. כ'האָב געוואָלט פאָרן זי אויפזוכן, אָבער מיין זון אַ געראַטעוועטער פון די לאַגערן, האָט מיר געזאָגט: „טאַטע, קענסטו דען זיך פאָרשטעלן, אַז די מאַמע וועט איבערלאָזן די קינדער אויף הפקר און אַליין „אַוועקגיין כדי בלייבן לעבן"? איך קען אין דעם נישט גלייבן!... גלייב! !..."

וועגן דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט דערציילט אויך האַלפּערן, 3. לויט לויט זיינע ווערטער האָט דער טראַנספּאָרט געציילט 2.000 פרויען מיט קינדער. ער ווייסט אויך, אַז פון טראַנספּאָרט האָט מען אַראָפּגעלאָזן אין ווייוואַראַ די פרוי פון ווינערן (וואָס איז דאַן געווען לאַגערעלטעסטער) און דעם זון פון פריזיער ניקונסקי.

10) דאַנציגער, 2—5.

11) ד"ר מ. דבורז'צקי, „בין הבתרים", 48: „...און אין עסטאָנישן לאַגער ווייוואַראַ, ווען דער לאַגערפירער האָט מיר באַפוילן צו זיין דער אַרבעטס־אויפזעער איבער דעם „הויף־דינסט", האָב איך אים געמאָלדן, אַז כ'וועל נישט טויגן צו דער דאָזיקער פונקציע, ווייל כ'בין נישט מסוגל צו באַפעלן אַנדערע, אַז זיי זאָלן אַרבעטן. בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס קלאָזעטן־רוימער; און אַנדערע האָבן שוין געפונען דעם וועג ווי אַזוי מיר צו געבן באַפעלן..."

12) גאָרדאָנאָוויטש, ג, 1—8.

13) קויפמאַן, 2.

14) ליליענהיים, 10—11.

15) ה. קרוקס טאָגבוך פון לאַגעדי, 8.17; 1944.8.29. „מורשת", ב"ב, 57—58.

16) לעצטע נאָטיץ אין קרוקס טאָגבוך פון לאַגעדי, 1944.9.17, „מורשת", ב"ב, 59.

17) קרוקס טאָגבוך פון לאַגעדי, 1944.8.9, „מורשת", ב"ב, 58.

18) אַ בריוו פון גיטע גרינשפּאַן־סוסק, 20 פעבר. 1966 וועגן איר ברודער גרשון גרינ־שפּאַן. דער פאַקט איז באַשטעטיקט געוואָרן אין אַ בריוו צו מיר פון א. שעפּטעל, 1966.3.7.

19) שעפּטעל, 18.

20) ראָזענבערג, 18.

21) נאַדעל, 3.

22) דראַבקין, 15—21.

23) שוסטער, ש., 3—9.

24) גאָלדשטיין, 28, דערציילט, אַז ווען אינזש. באַראַנאָווסקי האָט דערזען, אַז ער האָט נישט קיין שיך, פלעגט ער אים אַ געוויסע צייט אונטערשטיצן מיט אַ פערטל ברויט טעגלעך. גאָלדשטיין האָט דערפון צונויפגעזאַמלט 3 לעבלעך ברויט און זיי פאַרקויפט פאַר אַ פאָר שיך; גאָלדשטיין, 26, דערציילט אויך: „גרישע צעפּעלעוויטש האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין געבליבן אָן בגדים, כמעט נאַקעט, האָט ער מיר איבערגעשיקט אַ פּעקל בגדים. ס'דוכט זיך מיר, אַז דו, דוואָרזשעצקי, האָסט מיר, אויף דער שטרעקע, איבערגעגעבן דאָס פּעקל...“

25) דוואָרזשעצקי (א), 27.

26) האַרטמאַן פ., 53—54; „קאַפּלינסקי ברוך איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין שטערן, אויסערן לאַגער, מיט אַן אייזערנער רער. מען האָט אים אַוועקגעפירט קיין סאָסקי אין אַ דייטשן מיליטערישן שפּיטאָל, ווו מען האָט אים אָפּערירט און געהיילט“.

27) קרעמער, 3—4.

28) גאָרדאָן, אינזש., 32—33.

29) מילשטיין, 30.

30) פּעטראַסקאָוואַ, 48.

31) באַראַנאָווסקי, 11.

32) שומעליסקי, 13.

33) קאַפּלינסקי, אַדוו., 4.

34) די שוועסטערס געניע און סאָניע כּץ, 3.

35) קאַגאַן־מישעלסקי, א., 8, דערציילט, אַז איר מוטער האָט זיך געווענדט צום בחור און געזאָגט: „די קינדער זענען אַליין. קיין טאַטן האָבן זיי שוין נישט. איך גיי אַוועק. טו פאַר מיינע קינדער...“

36) ד״ר דוואָרזשעצקי, (א), 66 א״וו.

37) ד״ר דבורז׳צקי, „בין הבתרים“, 50: „...ווען ס'איז אויסגעבראָכן אין יענעם לאַגער די מגיפה פון פלעקטיפוס, האָב איך אויסבאַהאַלטן די מחלה פון דער מאַכט. כ'פלעג פעלשן די דיאַגנאָזעס און די טעמפּעראַטור־ליסטעס. כ'האָב פאַרמאַסקירט די טיפוס־פלעקן מיט שמירעכצן פון „סעפּסאָ“ און פון „איכטיאָל“...“; וועגן די פאַבריצירטע מעדיקאַמענטן און וועגן דעם ענין באַטמאַנס שמיץ, זע: דוואָרזשעצקי (א), 66, א״וו.

38) ד״ר דוואָרזשעצקי (א), 66, א״וו; ווי אויך אַנדערע זיינע גביות־עדות. בשעת דער

מאַסן־עליה דער מלחמה, איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל די טאָכטער פון יענעם גאַלאַמב. היות כ׳האָב אין קורעמע געניי דורכגעלייענט איר דיפּלאָם, און שפּעטער אים אויך פאַר־געדענקט, האָב איך וועגן דעם אָפיציעל עדות געזאָגט, כדי זי זאָל קענען אין לאַנד זיך פאַרנעמען מיט איר באַרוף.

39) נעמענטשיק, „מגילת עסטלאַנד״, 1946.

40) דוואָרזשעצקי, „בין הבתרים, 49.

41) גאָרדאָן, 12.

42) טייטלמאַן, 5.

43 קרוקס טאָגבוך פון קלאָגע, רשימות פון 7.14 און 1944.7.15.

44) אַראָנסאָן, 8.

45) אָבעדזינסקי, 4 ; זיידעל, 8.

46) דער אַרטיסט י. סעגאַל, 14—15, זאָגט : „...הגם מען האָט זיי אַמאָל אָנגערופן „אונ־טערוועלט״, דוכט זיך מיר, אַז מען מעג זיי איצט אָנרופן „אויבערוועלט״, ווײַלע אַזוינע מעשים איז נישט יעדער איינער מסוגל געווען צו טאָן...״

47) מערין, ב. 137, א״וו

48) דאָס זענען די נעמען פון די חברים פון יענעם „קאָלעקטיוו״ (א. אַרבאַך) : 1) שלמה בעלסקי (אומגעקומען אין לאַגער דאַוטמערגען, דרום־דייטשלאַנד), 2) אברהם כאַנין (אַנט־לאָפן פון גאָלדפּילץ צוזאַמען מיט הירשקע גליק און אומגעקומען אין וואַלד), 3) כאַנין (אַ ברודער פון אברהם), 4) שכנא האַמבורג (לעבט איצט אין אַמעריקע), 5) סימע סאַפּיר (ישראל), 6 געניע סאַפּיר (איצט אין שוועדן), 7) סאָניע בעלסקי (שוועדן), 8) אריה אַרבאַך (ישראל).

49) וועגן דעם דאָזיקן קאָלעקטיוו, זע גביות־עדות פון ד״ר דוואָרזשעצקי און אינזש. ליליענהיים ; זע אויך : ד״ר דוואָרזשעצקי, „בין הבתרים״, 45 : „...איין מאָל, כ׳וועל עס קיין מאָל נישט פאַרגעסן, האָט ער מיר געבראַכט אַ רעצעפּט קעגן בלוט־פאַרגיפטונג און דערמיט, יענע שעה, געשטעלט זיין לעבן אין סכנה״.

דער לערער ראָזענבלאַט איז אומגעקומען אין לאַגער דאַוטמערגען. ער האָט נישט אויסגעפירט אַ באַפעל פון אַ קאַפּאָ און יענער האָט אים אויפן אָרט דערהרגעט. שערטאָק — זיין גורל איז מיר אומבאַקאַנט ; דער אינזש. ליליענהיים לעבט איצט אין אַמעריקע.

50) ראָזענבערג, 7 ; ער דערמאָנט זיך 5 נעמען פון די זעקס : 1) בלאָזער חיים ; 2) זאַלקינד שלמה ; 3) סווירסקי מאיר ; 4) שואג אברהם ; 5) ראָזענבערג מרדכי.

51) קלאַטשקאָ, ב., 3 ; די חברים פון דער „טראַיקע״ : 1) ד״ר מישע ראָם ; 2) טאָבמאַן ; 3) קלאַטשקאָ.

52) בריוו פון יחזקאל קרעמערמאַן, 1966.10.17.

53) „...ס׳אָרגאַניזירן זיך דאָ גרופּעס מענטשן, וואָס האָבן צווישן זיך געשלאָסן אַ בונד צו האַלטן זיך צוזאַמען, אויב נישט, וועלן זיי גיין לאיבוד אין דער גראָבקייט און צעלאָזנקייט פון די מערסטע לאַגער־מענטשן...״

דאָס קולטור־לעבן אין די עסטאָנישע לאַגערן

טראָץ די שווערע באַדינגונגען פונעם לאַגער־לעבן האָבן די יידישע קאַצעט־לער זיך באַמיט אָנצוהאַלטן פּרוּוון פון „קולטור־לעבן" אויך אינערהאַלב די עסטאָנישע טויט־ און עינויים־לאַגערן.

אין די אָפּגעפונענע אָפיציעלע דאָקומענטן וועלן מיר דערפון נישט האָבן דעם מינדסטן אָפּקלאַנג; אָבער אין די עדות־זאָגונגען פון די געראַטעוועטע ווערט אָפט דערציילט וועגן „געהיימע קולטור־אָוונטן" אין די לאַגערן בשעת וועלכע מען פלעגט בציבור זינגען פאָלקס־לידער, בעיקר געטאָ־לידער, און מען פלעגט פאָרלעזן („דעקלאַמירן") פונעם זכרון לידער פון באַקאַנטע יידישע דיכטער. אין די גביות־עדות ווערט אויך אָפט דערמאָנט וועגן טאָגביכער, געשריבענע אין פאַרשידענע לאַגערן, ווי אויך וועגן פאַרשידענע גביות־עדות אויפגענומענע אין די לאַגערן, בכדי צו פאַראייביקן דאָס לעבן און די ליידן פון די קאַצעטלער. ס׳ווערט דערציילט אַפילו וועגן ליטעראַרישע שאַפונגען, פילאָזאָפישע און היסטאָרישע באַטראַכטונגען און וועגן מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס, וואָס זענען דאָרט געשאַפן געוואָרן.

ס׳ווערט אויך אָפט דערציילט וועגן לידער, וואָס זענען געשריבן געוואָרן דורך דיכטער־לאַגערניקעס. פון די לידער, וואָס זענען צופעליק איבערגעבליבן, איז צו זען, אַז צווישן זיי זענען פאַראַן לידער פון קאָנטיקן ליטעראַרישן ווערט. די דאָזיקע לידער, געשריבענע אין אַ פאָלקסטימלעכן טאָן, האָבן פאַר אונדז איצט בעיקר אַ היסטאָריש־דאָקומענטאַרן ווערט; זיי זענען אין די לאַגער־צייטן שטאַרק געזונגען געוואָרן און געדינט ווי אַ טרייסט און דערמוטיקונג פאַר די קאַצעטלער. ס׳זענען דאָ אויך גביות־עדות וועגן אַ „לעבעדיקע צייטונג", וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן געהיים אין איינעם פון די לאַגערן (ערעדאָ). [1].

וועגן געהיימע געזאַנג־ און דעקלאַמאַציע־אָוונטן ווערט דערציילט אין די עדות־זאָגונגען בנוגע נאַרוואַ [2] קורעמע [3] און קלאָגאַ [4]. וועגן סימפּאָזיומס פון פראַגן און תשובות ווערט דערציילט אין דער עדות־זאָגונג בנוגע אילינורמע [5].

דער דראַנג צו זינגען לידער, הן בעת די טראַנספּאָרטן פון איין לאַגער אין צווייטן, און הן ביי דער אַרבעט, און דער עיקר אין די אָוונטן, אין די א״ג „אָפּרו־שעהען" — איז געווען זייער אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג

אין די עסטאָנישע קאַצעטן. ווי נאָר ס'פלעגט זיך מאַכן די מינדסטע געלעגנהייט, פלעגט מען זינגען. בעיקר פלעגט מען אויסנוצן די נעכט, ווען די אַכזריותדיקע לאַגער־פירערס און לאַגער־אויפזעערס זענען געווען שיכור, אָדער זענען געווען אַ געוויסע צייט אויסערן לאַגער. תמיד פלעגן זיך געפינען „פרייוויליקע" צו שטיין „אויף דער וואַך" און אָפּהיטן צי ס'באַוויזט זיך נישט דער לאַגער־פירער. בעיקר פלעגט מען זוכן זיך אַ ביסל „אויסצוזינגען", „אַראָפּזינגען זיך פון האַרצן", אין די טעג פון אַ יום־טוב, ווי חנוכה, פורים. מען פלעגט זינגען פאָלקס־לידער אין יידיש, חלוצישע לידער אין העברעיש און פאַרטיזאַנישע לידער אין יידיש און רוסיש. אָט די געזאַנג־אויסברוכן זענען געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן לעבן אין די יידישע קאַצעטן פון עסטאָניע.[6]

טאָגביכער זענען געשריבן געוואָרן אין אַ ריי לאַגערן. ס'זענען באַקאַנט טאָג־ביכער וועגן אַאַוואַרע, גאָלדפּילץ, לאַגעדי, קורעמע, קלאָגע. פון די אַלע טאָג־ביכער זענען איבערגעבליבן נאָר פראַגמענטן. פון טאָגבוך פון הערמאַן קרוק אין קלאָגע, ווי אויך דאָס קורצע טאָגבוך זיינס פון לאַגעדי, ביזן טאָג ווען ער איז דערמאָרדעט געוואָרן (ס'איז אויך אַנצונעמען, אַז ס'איז איבערגעבליבן דאָס טאָגבוך פון ישראל דימענטמאַן; לויט געוויסע קלאַנגען געפינט עס זיך אין אויסטראַליע). עדות דערציילן וועגן מערערע טאָגביכער געשריבענע אין פאַרשידענע לאַגערן, בעיקר אין קלאָגע.

ס'איז אונדז אויך באַקאַנט, אַז ה. קרוק האָט פאַרנאָטירט אינעם לאַגער קלאָגע עדות־זאָגונגען וועגן דעם לעבן אין פאַרשידענע לאַגערן פון עסטאָניע. דאָס איז אים געווען מעגלעך, ווייל קיין קלאָגע פלעגן פון צייט צו צייט אָנקומען טראַנס־פּאָרטן יידישע קאַצעטלער פון די פאַרשידנסטע עסטאָנישע קאַצעטן. אין די חורבות פון קלאָגע זענען איבערגעבליבן אַזוינע עדות־זאָגונגען פון משה ווינן, ב. זאַלקינדסאָן, ציפּוק און ישראל קאַפּלאַן (וועגן דעם גענויער אין קאַפּיטל „די נאָטיצן פון הערמאַן קרוק").

אָט די עדות־זאָגונגען, פאַרשריבענע דורך אַ לאַגערניק און דערציילט דורך חברים־לאַגערניקעס, זענען אַן אויסדרוק פון דער איבערצייגונג וועגן דער נייטי־קייט צו פאַרשרייבן אויפן אָרט דאָס עדות־זאָגן פון קאַצעטלער פאַר די צוקונפטיקע היסטאָריקער פון די חורבן־טעג.

עס זענען צו אונדז דערגאַנגען קלאַנגען וועגן ליטעראַרישע שאַפונגען אין די עסטאָנישע לאַגערן. מיר ווייסן וועגן אַזעלכע אַרבעטן פון דוד האַלבערשטאַט אין וויוואַראַ, פּרץ צונזער אין קורעמע, ישראל דימענטמאַן און הערמאַן קרוק אין קלאָגע. די שאַפונגען זענען נישט איבערגעבליבן, אויסער אַ פּאָר כתבים (רעפלעקסן פון לאַגער־לעבן) פון הערמאַן קרוק. ער האָט אין קלאָגע אויך פאַרשריבן ווערטלעך, ברכות, קללות און וויצן פון לאַגער.

ס׳ווערט אויך דערציילט, אַז דער אומגעקומענער קאָמפּאָזיטאָר זאב (וואָלף) דורמאַשקין, וואָס איז אין ווילנער געטאָ באַקאַנט געווען אַלס זייער באַגאַבטער דיריגענט פון די געטאָ־כאָרן, האָט אויך אין לאַגער קלאָגע געשאַפן מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס.

אַ סך עדות דערציילן וועגן דיכטערישע שאַפונגען פון הירשקע גליק אין די עסטאָנישע לאַגערן. מען ווייסט אויך אָנצורופן אייניקע נעמען פון יענע שאַפונגען, ווי די פּאָעמע „דאָס גיהנום ביי לענינגראַד”, „דער פייף פון מאָטאָציקל”. די שאַפונגען זענען צו אונדז נישט דערגאַנגען.

אין די עסטאָנישע לאַגערן זענען געשאַפן געוואָרן, ווי געזאָגט, אויך לידער אין יידיש. גלייך נאָך דער באַפרייונג זענען דורך שמערקע קאַטשערגינסקי פאַרשריבן געוואָרן אייניקע פון די לידער, געשאַפענע אין עסטאָניע. בנוגע דעם ליד „לאָמיר שווייגן” [7] מיינט ש. קאַטשערגינסקי, אַז דער מחבר איז אפשר הירשקע גליק און אַז „ס׳איז געשאַפן געוואָרן אין קלאָגע”. הירשקע גליק איז אָבער אין קלאָגע קיין מאָל נישט געווען. דערלויב איך מיר אַרויסרוקן די השערה, אַז דער מחבר פונעם ליד איז אפשר לייב ראָזענטאַל, וואָס איז געווען אַ קאַצעטלער אין קלאָגע.

בנוגע דעם צווייטן ליד „סאָניע פון עסטאָניע [8], גיט אָן ש. קאַטשערגינסקי אַלס מחבר די קאַצעטלערין סאָניע רעזניק.

דאָס דריטע ליד הייסט „לאַגער וויוויקאָן”,[9] זיין מחבר איז אומבאַקאַנט.

ס׳זענען אויך איבערגעבליבן אייניקע לאַגער־לידער וואָס גאָלדע גאָרדאָנאָוויטש (וואָס לעבט איצט אין תל־אביב), האָט געשאַפן הן אינעם לאַגער קיוויאָלי, און הן בשעת דעם טראַנספּאָרט קיין שטוטהאָף. ס׳ווערן אויך דערמאָנט די נעמען פונעם מיידל קאַטיאַ און בחור חנוך [10] אַלס מחברים פון לאַגער־לידער.

אין אייניקע גרויסע לאַגערן האָבן זיך צופעליק געפונען גרופּן פון געוועזענע שרייבער, זשורנאַליסטן, אַרטיסטן און קינסטלער. זיי זענען עס געווען די שאַפער פון דער אַ״ג „קולטור־אַטמאָספער” אין די לאַגערן.

אַזוי האָט דער צופאַל צונויפגעבראַכט אין קלאָגע די שרייבערס הערש גוטגעשטאַלט, ישראל דימענטמאַן, הערמאַן קרוק, די אַרטיסטן אהרן באַסטאַמסקי, שבתאי בלאַכער, ראובן דובינסקי, בצלאל קרעמער, ישראל ראָטבלום, דעם קאָמפּאָזיטאָר וואָלף דורמאַשקין, דעם חזן שלמה שאַרף, דעם דעקאָראַציע־מאָלער שמואל עפּראַן, דעם שעפער פון ליאַלקע־טעאַטער אין ווילנע („מאַדים”) יודל מוט און דעם מחבר פון געטאָ־לידער לייב ראָזענטאַל.

אין לאַגער נאַרוואַ זענען געווען קאָנצענטרירט די שרייבער: זעליק הירש קאַלמאַנאָוויטש, הירשקע גליק, די אַרטיסטן מאַרק און פימע שאַפּירא, ווי אויך דער מחבר פון די געטאָ־לידער — כתריאל ברוידא.[10א]

אויסער די אויבנדערמאָנטע האָבן זיך געפונען אין די לאַגערן מערערע לערער, פּען־מענטשן און קינסטלער פון ווילנער און קאָוונער געטאָ.[46]

אַאַווואַראַ: בנימין אַנאָליק האָט דאָרט געפירט אַ טאָגבוך [11] (ב. אַנאָליק איז אַ חבר פון קבוץ „לוחמי הגיטאות״).

אילינורמע: דער לאַגער איז געווען נישט אונטער דער אויפזיכט פון ס.ס., נאָר פון „אָטע״. דאָרט פלעגן אָפט פאָרקומען „אָוונטן פון געזאַנג און דעקלאַמאַציע״ און אויך „סימפּאָזיומס״. דער אַרטיסט י. סעגאַל דערציילט [12]:

„...אין די אָוונטן פון דעם „פרייען טאָג״ (איין זונטיק אויף פיר וואָכן פלעגט אונדז געגעבן ווערן אַלס „פרייער טאָג״), פלעגן מיר זיך אַלע צונויפזאַמלען, מען פלעגט שטילערהייט זינגען „שירה בציבור״; מען פלעגט זינגען לידער פון ווילנער געטאָ־טעאַטער און אויך פאָלקסלידער ...רוסישע לידער פלעגט מען געווייגלעך זינגען, אָן ווערטער, בלויז די מעלאָדיע ...אָפט מאָל פלעג איך פון זכרון פאָרלייענען דערציילונגען פון שלום עליכם און פרץ, ביאַליקס לידער, פאָלקסטימלעכע און חסידישע דערציילונגען; פון דער רוסישער ליטעראַטור פלעג איך פאָרלייענען פּושקין און לערמאָנטאָוו. אין די אָוונטן פלעגן מיר זיך זאַמלען אַרום דעם לאַגער־אייוועלע. די וואָס פלעגן פאָרלייענען אָדער דערציילן, פלעגן זיצן אויפן טיש און זייערע פיס אויף דער באַנק; מיר פלעגן זיך אויסזעצן אויף די פּריטשעס, אָדער אויף דער פאָדלאָגע אַרום דעם אייוועלע...״

וועגן די „סימפּאָזיומס״ דערציילט י. סעגאַל[12]:

„...ווען מיר פלעגן זיך צוריקקערן פון דער אַרבעט פלעגן די חברים אַרומרינגלען די וועלכע זיי האָבן געהאַלטן פאַר מער געבילדעטע, און זיי פלעגן שטעלן פראַגן וועגן פאַרשידענע ענינים; מען קען זאָגן, אַז עס איז געווען אַ מין פאָלקס־אוניווערסיטעט. אַ מאָל פלעגט מען רעדן וועגן שלום־עליכם און פרץ, אַן אַנדערש מאָל אויף פּאָליטישע טעמעס. זיי פלעגן זיך צו אַלעם גוט צוהערן. אין לאַגער זענען געווען מענטשן מיט אָריענטאַציע, צווישן זיי דער געבילדעטער ייד פון וואַרשע, גאָלדרינג...״

אין אילינורמע האָט דער אינזשעניער וואָלף (זאב) קרינסקי, געוו. פאָרזיצער פון סוחרים־פאַריין אין ווילנע [12] געשריבן אַ טאָגבוך פונעם לאַגער־לעבן. נאָטיצן פלעגט אויך שרייבן דער לערער יצחק סעניצקי [12].

גאָלדפילץ: ד״ר מ. דוואָרזשעצקי האָט געפירט אַ טאָגבוך און פלעגט עס פאַרשרייבן אויף די פּאַפּירענע באַנדאַזשן, וואָס זענען גענוצט געוואָרן אין די רעווירן. די באַנדאַזשן פלעגט ער אַרומוויקלען אַרום זיין האַנט.[31] די פּאַפּירענע באַנדאַזשן זענען ערגעץ באַגראָבן געוואָרן אין לאַגער שטוטהאָף אין טאָג פון אַ סעלעקציע.

וויוויקאָני: די לעבנגעבליבענע טייטלמאַן דערציילט: „...מוצאי־שבת פלעגן

מיר זיך נוהג זיין צונויפזאַמלען און אָרגאַניזירן „קאָנצערטן"; מען האָט אויך געשריבן לידער. ווען ס'פלעגט פאָרקומען אַ קאָנצערט, פלעגט מען אָוועקשטעלן חברים אויף דער וואַך, צי ס'קומט נישט אָן דער לאַגער־פירער..." [14]. פון די דאָזיקע לידער איז אונדז נאָר באַקאַנט דאָס ליד „לאַגער וויוויקאָן" [9].

וויוואַראַ: דער שרייבער דוד האַלבערשטאַט, געוו. מיטאַרבעטער פון „ווילנער טאָג", האָט געשריבן אינעם לאַגער רשימות, עסייען, געדאַנקען; ער איז געווען פון די ערשטע „מוזולמענער", וואָס זענען אומגעקומען אין וויוואַראַ פון דער אַלגע־מיינער קערפּער־שוואַכקייט [15]; צווישן די ערשטע מוזולמענער אין וויוואַראַ, וואָס זענען געשטאָרבן פון דער הונגער־קראַנקייט איז אויך געווען דער פילאָזאָף ד"ר יעקב גאָרדאָן, [16] מיטאַרבעטער פון ייוואָ אין ווילנע.

לאַגעדי: הערמאַן קרוק האָט געפירט אַ טאָגבוך אין לאַגעדי, פון 1944.8.29 — ביזן טאָג פאַר דער מאַסן־שחיטה פון לאַגעדי 1944.9.17 [17]. אין זיין לעצטן לעבנס־טאָג האָט ער אויך באַקומען פון קלאָגע זיין טאָגבוך און ער האָט עס צוזאַמען באַגראָבן אינעם לאַגער אין דער אָנוועזנהייט פון זעקס קאַצעטלער; [18] צווישן זיי איז אויך געווען ניסן אַנאַליק, וואָס איז בדרך־נס ניצול געוואָרן פון דער שחיטה. נאָך דער באַפרייונג האָט ער אויסגעגראָבן די כתב־ידן פון ה. קרוק און זיי געבראַכט קיין ווילנע; פון דאָרט זענען זיי דערגאַנגען קיין ישראל, און געפינען זיך אין אָריגינאַל און מיקראָפילמען אין „מורשת" און אין „יד ושם", ירושלים.

נאַרוואַ: עדות דערציילן, אַז אינעם מענער־בלאָק פון נאַרוואַ פלעגן פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט ווערן „ליטעראַריש־קינסטלערישע אָוונטן". אין דער ליטע־ראַרישער אָפּטיילונג פלעגן זיך באַטייליקן דער שרייבער און געוו. פאָרזיצער פון יידישן פען־קלוב אין ווילנע, זעליק הירש קאַלמאַנאָוויטש, ווי אויך דער יונגער דיכטער הירשקע גליק. אין דער קינסטלערישער אָפּטיילונג פלעגן אויפטרעטן דער געטאָ־דיכטער און זינגער כתריאל ברוידא, סימע סקורקאָוויטש און דער אַר־טיסט פימע שאַפּירא [19]. ספּעציעלע אָוונטן פלעגן זיין געווידמעט סאַטירע און הומאָר. מען פלעגט דאָרט פאָרלייענען בראַדערזאָנס לידער: „אַ חלום פון אַן אַלטער מויד" און „יאַסעלע דער שוואַרצער". הירשקע גליק האָט דאָן אַ סך גע־שריבן, און ער פלעגט אין די אָוונטן אָפּט פאָרלייענען עפּעס נייעס פון זיינע שאַ־פונגען. פימע שאַפּירא איז געווען דער הויפּט־זינגער פון יענע אָוונטן [20].

הירשקע גליק האָט אין נאַרוואַ אָנגעשריבן אַ פּאָעמע וועגן דעם פּיינפולן לעבן אינעם לאַגער. די פּאָעמע האָט ער אַ נאָמען געגעבן „אין גיהנום ביי לענינגראַד" [21] (נאַרוואַ איז, ווי באַקאַנט, געלעגן נישט ווייט פון לענינגראַדער פראָנט). אַ. שעפּטעל דערציילט, אַז הירשקע גליק האָט אים אַמאָל פאַרטרויט, אַז ער וויל ווידמען איינס פון די קאַפּיטלען פון דער דאָזיקער פּאָעמע דער באַשרייבונג פון דער קרעמאַטאָ־ריע אין נאַרוואַ, און דעריבער האָט ער זיך צו אים געווענדעט אפשר קען ער אים

דערמעגלעכן בייצוזיין ביי איינעם פון די קערפּער־פאַרברענונגען אין דער דאָזיקער קרעמאַטאָריע [22]. אין נאַרוואַ האָט הירשקע אויך אָנגעשריבן אַ סאַרקאַסטיש ליד „דער פייף פון מאַטאַציקל״, ווו ער האָט באַשריבן דעם לאַגערפירער פּאַניקע, וואָס פלעגט מיט אַ פייף אָנקומען אויף זיין מאָטאָציקל אין לאַגער אַריין.[23] ער האָט אויך געשריבן לידער וועגן ווילנע און וועגן די געטאָ־באַהעלטענישן, די „מאַלי־נעס״. הירשקע פלעגט זיך נוהג זיין פאַרצולייענען זיינע לידער זיצנדיק אויף דער פּריטשע. אַרום אים פלעגן זיך דאָן צונויפזאַמלען הונדערטער צוהערער, חברים פון לאַגער־בלאָק [24].

דער באַקאַנטער שרייבער ז. ה. קאַלמאַנאָוויטש איז געוואָרן דער קלאָזעטן־רוימער פונעם לאַגער. וואָרשיינלעך האָבן זיינע פאַרערער צווישן די קאַצעטלער פאַר אים אויסגעפּועלט די „לייכטע אַרבעט״. וועגן אים האָט מען דערציילט אין די לאַגערן, אַז ער האָט מיט אַזאַ שטילקייט אויסגעפירט די דאָזיקע פליכט און פלעגט דערביי זאָגן צו די אַרומיקע: „איך קוש דעם קויט פון די הייליקע יידן״.[25] דאָס ווערטל האָט געוואָנדערט איבער די עסטאָנישע לאַגערן, און געמיינט צו זאָגן, אַז טראָץ דער קויטיקייט פון זייער לאַגער־לעבן, ליגט אַ הייליקייט אין זייערעליידן און אין זייער מענטשלעכער אויפפירונג. אין די לאַגערן האָט מען אַ סך דערציילט וועגן זיין שטילער און ווירדיקער האַלטונג אינעם לאַגער נאַרוואַ, ווו ער איז אומ־געקומען פון הונגער און שוואַכקייט.[26] מען האָט דערציילט, אַז פונעם לאַגער איז אים געלונגען אַרויסצושיקן אַ בריוו אין ווילנער געטאָ, אין וועלכן ער האָט געשריבן: „כ׳בין גליקלעך, וואָס כ׳בין צוזאַמען מיט די אייניקלעך פון אברהם אבינו״ [27]. אַן אַנדער קלאַנג האָט איבערגעגעבן, אַז פאַר זיין טויט האָט ער געשריען צו די דייטשן: „כ׳לאַך פון אייך, כ׳האָב אַ זון אין ארץ־ישראל!״ [27].

ש. קאַטשערגינסקי ברענגט אין זיין „חורבן ווילנע״, עמ. 109, אַן עדות־באַ־שרייבונג פון מאיר סליוועקין וועגן אַ חנוכה־אָוונט אין נאַרוואַ, מיט דער באַטייליקונג פון 300 קאַצעטלער: „גערעדט האָט קאַלמאַנאָוויטש כמעט אַ האַלבע שעה. ער האָט גערעדט וועגן אונדזער טרויעריקער לאַגע און האָט אונדז געגעבן האָפע־נונג, אַז מיר וועלן סוף כל סוף אַלץ איבערלעבן... הירשקע גליק האָט געלייענט צוויי גרעסערע לידער, אין וועלכע ר׳האָט געזאָגט, אַז גאָר אין גיכן וועלן מיר דער־לעבן די צייט, ווען די דייטשן וועלן אָפּטרעטן, און זיי וועלן וואַרפן זייער „העקל־פעקל״... אַ כאָר פון 8 מאַן (קאָץ, די אַקטיאָרן: פּימע און מאַרק שאַפּירא, כתריאל ברוידא א״א) האָבן געזונגען געטאָ־ און פאָלקס־לידער...״ [26]

מען דערציילט, אַז פּימע שאַפּירא וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס טאַלאַנטפולער זינגער האָט געראַטעוועט זיין ברודער מאַרק שאַפּיראָ פון פאַרשיקן אין אַן אַנדערן לאַגער, וואָס איז געווען ערגער אַפילו פון נאַרוואַ, אַ דאַנק דעם, וואָס זיין זינגען האָט „ווייך געמאַכט „פּאַניקעס האַרץ.[28]

ס׳איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פון ז. ה. קאַלמאַנאָוויטש צו געפינען זיך אויף איין פּריטשע מיטן שריפטשטעלער און פילאָלאָג משה לערער (אַ ייוואָ־אַקטיוויסט, וואָס האָט זיך פאַרנומען אויך אין ווילנער געטאָ מיטן זאַמלען געטאָ־פאָלקלאָר). אין דער ערב־געטאָ־תקופה זענען צווישן זיי געווען חילוקי־דעות. ווען לערער איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, האָט ז. ה. קאַלמאַנאָוויטש מיט אים זיך שטאַרק מטפל געווען. און ווען ער איז נפטר געוואָרן, געזאָגט נאָך אים קדיש.[28א]

ערעדאַ: דער ווילנער לערער ראובן האַרט האָט זיך באַזונדערס געזאָרגט פאַר די קינדער. ער איז געשטאַנען בראש פון אַ קינדער־קאָלאָנע אין בר־מצוה־עלטער. ער פלעגט זיי יעדן טאָג אַרויספירן צום שניידן האָלץ אין נאָענטן וואַלד, און דאָרט פלעגט ער פירן צווישן זיי אַ דערציערישע טעטיקייט. אין ערעדאַ פלעגן פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט ווערן אַ״ג „לעבעדיקע צייטונגען״. זייער אָרגאַניזאַטאָר איז געווען ד״ר י. אַנטאָקאָלעץ (אַנטאָקאָלסקי), מעדיצינער און שרייבער [29]. בשעת די לעבעדיקע צייטונגען פלעגט מען אויך זינגען לידער, צווישן זיי דעם פאַרטיזאַנער־הימן. ס׳פלעגן אויך פאָרקומען קורצע פאָרטראַגן [30].

אַ געוויסע צייט איז דאָרט געווען אויך ז. ה. קאַלמאַנאָוויטש, וואָס האָט געאַרבעט אין קיך אַלס וואַסערטרעגער ער איז זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און שוין לגמרי נישט געווען מסוגל צו אַרבעטן. ער האָט זיך נוהג געווען צו טרייסטן די אסירים און זיי זאָגן: „נצח ישראל לא ישקר!״.[30א]

קורעמע: דער קריטיקער פּרץ צונזער, מיטאַרבעטער פון די „פרייע שריפטן״, האָט אינעם לאַגער געשריבן אַ בוך וועגן די שיטות פון דעם רעזשים, וואָס דאַרף איינגעפירט ווערן אין דער וועלט נאָך דער מפלה פון די נאַציס [31]. ד״ר מ. דוואָרזשעצקי האָט אינעם לאַגער געשריבן אַ טאָגבוך אויף באַנדאַזש־פּאַפּיר [32].

קיוויאָלי: אין לאַגער קיוויאָלי פלעגן די קאַצעטלער איינאָרדענען זייערע „ליטעראַריש־קינסטלערישע אָוונטן״ ווי נאָר דער לאַגערפירער פלעגט זיין אָפּוועזנדיק. הירשקע גליק, וואָס איז פון נאַרוואַ פאַרשיקט געוואָרן קיין קיוויאָלי, פלעגט דאָרט פאַרלייענען זיינע לידער, דערונטער זיינס אַ סאַטיריש ליד „אַ בריוו פון האַנסן צו מאַרטען״, אין וועלכן ער האָט געשילדערט די דייטשע מפלה און דאָס בהלהדיקע אַנטלויפן פון דייטשן מיליטער [33]. כתריאל ברוידא און פימע שאַפּירא פלעגן זינגען דער עיקר געטאָ־לידער, [34]. פאַרשידענע קאַצעטלער־גרופּן פלעגן זיך צונויפזאַמלען ביי יעדער געלעגנהייט און פלעגן פאָרלייענען די דורך זיי געשאַפענע לידער אויף טעמעס פון לאַגער־לעבן. עטלעכע לידער פון פרוי גאָלדע גאָרדאָנאָוויטש זענען איבערגעבליבן (און זיי וועלן געבראַכט ווערן אינעם פּרק „לאַגער־לידער״.[34] צווישן די נעמען פון די שרייבערס פון די דאָזיקע לאַגער־לידער זענען שוין דערמאָנט געוואָרן דאָס מיידל קאַטיע און דער בחור חנוך.[16] אַלס טרעפפּונקט פלעגט אויך דינען דאָס צימער פון יידישן לאַגערניק־דאָקטאָר

אָדער פון יידישן דענטיסט. דאָרט פלעגן זיך צונויפזאַמלען אַ 50—60 קאַצעטלער און פאַרלייענען זייערע לידער [34].

קלאָגע: וועגן קולטור־לעבן אין קלאָגע זענען איבערגעבליבן מערערע פאַרצייכענונגען אין הערמאַן קרוקס טאָגבוך.[35] מען האָט אויך דערציילט, אַז די שרייבערס הערש גוטגעשטאַלט און ישראל דימענטמאַן האָבן געשריבן טאָגביכער אָדער זכרונות.[36] ביז היינט צו טאָג זענען זיי נישט אָפּגעפונען געוואָרן. מען דערציילט, אַז דער געטאָ־דיכטער לייב ראָזענטאַל האָט געשריבן לידער אין קלאָגע. ס'איז משער צו זיין, אַז ער איז דער מחבר פונעם ליד „לאָמיר שוויגן״ [7]. מען האָט אויך דערציילט, אַז דער קאָמפּאָזיטאָר וואָלף דורמאַשקין האָט אין לאַגער געשריבן קאָמפּאָזיציעס [37]; און ס'איז משער צו זיין, אַז ער איז דער מחבר פון דער מעלאָדיע צום ליד „לאָמיר שוויגן״ (אין „זעגעווערק״ פונעם לאַגער איז ביי אים אָפּגעשניטן געוואָרן אַ פינגער פון דער רעכטער האַנט. ער האָט זיך דערפון שטאַרק מצער געווען. האָבן די חברים אים געטרייסט: „דו בלייב נאָר לעבן, וועסטו נישט שפּילן אויפן קלאַוויר — וועסט שפּילן מיטן „שטעקעלע״).[37]

די שרייבער פון טאָגביכער פלעגן נאָטירן זייערע פאַרצייכענונגען אויף פאַרשידענע שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס זענען דאַן געווען בנמצא, און אַפילו אויף אָפּגעריסענעם פּאַפּיר פון די צעמענט־זעק (אין קלאָגע איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ גרויסע פּראָדוקציע פון צעמענט, וואָס פלעגט געפּאַקט ווערן אין זעק פון האַרטן פּאַפּיר; אָפּגעריסענע שטיקער פון דעם דאָזיקן צעמענט־פּאַפּיר האָבן עס געדינט פאַר די מחברים פון קלאָגע). אַ געוועזענער תלמיד פון דער ווילנער גימנאַזיע „תושיה״, פלעגט שרייבן זיינע נאָטיצן טאָג־טעגלעך און אַפילו פאַרנאָטירן די שעה פון שרייבן [37]. איינער פון די, וואָס האָבן געשריבן טאָגביכער אין קלאָגע איז געווען הלל זיידעל (איצט מיטגליד פון וועד הפּועל פון דער הסתדרות אין ישראל).[38]

די געראַטעוועטע פון קלאָגע דערציילן, אַז מען פלעגט דאָרט איינאָרדענען פון צייט צו צייט געהיימע „ליטעראַרישע אָוונטן״. אַזאַ ערשטער אָוונט איז פאָרגעקומען חנוכה; אַ צווייטער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן, ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז ווילנע איז באַפרייט [38]. די געראַטעוועטע דערציילן, אַז אינעם אָרגאַניזירן פון די דאָזיקע אָוונטן פלעגן זיך שטאַרק באַטייליקן שבתאי בלאַכער, אהרן באַסטאָמסקי, אהרן דובינסקי, משה עפּראָן, בצלאל קרעמער און דער חזן שלמה שאַרף. די אָוונטן פלעגן געווײנלעך צושטאַנדקומען אויפן אויבערשטן עטאַזש פון לאַגער־בנין; אַ שטרענגע וואַך פון די קאַצעטלער פלעגט שטענדיק אָפּהיטן, אַז מען זאָל נישט איבערראַשט ווערן פון די דייטשע אויפזעערס. [37], [38]

אַראָנסאָן האָט אונדז דערציילט אַ סך פּרטים וועגן אָוונט, וואָס איז פאָרגעקומען לכבוד דער באַפרייונג פון ווילנע. „דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר איז געווען דער אַרטיסט שבתאי בלאַכער; אויפן אָוונט זענען געזונגען געוואָרן אַלע

לידער, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין ווילנער געטאָ. איינס פון די קינדער האָט אויך געזונגען דאָס ליד „די מאַמע", וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין קלאָגע (דורך די קינדער ?). יענע נאַכט איז געווען אַ לופט־אַלאַרם און מען האָט געהערט ווי סאָוויעטישע עראָפּלאַנען לויפן איבער די הימלען פון קלאָגע" [37].

ה. קרוק באַשרייבט אַזוי אין זיין הקדמה צו די „מיניאַטורן פון קלאָגע" די באַדינגונגען פון שרייבן זיינע רשימות [39]:

„...אין די ווילדע און אַכזריותדיקע באַדינגונגען פון לאַגער קלאָגע ווערן געשאַפן די „מיניאַטורן", שרייבנדיק אויף די קני, אין שטענדיקן פּחד פאַר אַן אומגערופענעם גאַסט, אינעם שניידער־וואַרשטאַט, בשעתן קנעטן דעם צעמענט און אויסגיסן דעם בעטאָן, ביינאַכט אויף אַ האַרט נאַכט־בענקל...

עסטלאַנד, קאָנצענטראַציע־לאַגער קלאָגע, יאַנואַר 1944"

די לאַגער־לידער פון עסטאָניע

אין די עסטאָנישע לאַגערן זענען געשאַפן געוואָרן מערערע לידער אין יידיש. זייערע מחברים, ווי שוין געזאָגט, זענען אָפט פאַרבליבן אַנאָנים; אויך די מעלאָדיעס האָבן זיך אָפט באַזירט אויף די ניגונים פון שטאַרק געזונגענע געטאָ־לידער.

די לעבנגעבליבענע עדות דערמאָנען דריי באַקאַנטע געטאָ־דיכטער, וואָס האָבן געשאַפן זייערע לידער אויך אין די עסטאָנישע לאַגערן, און נעמלעך, כתריאל ברוידא, וואָס האָט זיך קונה שם געווען אין ווילנער געטאָ מיט די רעווי־ספּעקטאַקלען, וואָס זענען דורך אים געשריבן געוואָרן [40]; הירשקע גליק, וואָס האָט זיך איינגעקויפּט די אייביקייט מיט זיין ליד „זאָג נישט קיינמאָל"; האָט אָבער אויך געשאַפן אַנדערע לידער, ערב דער געטאָ־תקופה און אין די געטאָ־יאָרן [41], און לייב ראָזענטאַל, מחבר פון אַ ריי טעקסטן פאַר די רעווי־פאָרשטעלונגען אין געטאָ [42].

פון די מערערע לידער, געשאַפענע אין די עסטאָנישע לאַגערן זענען, ווי דערמאָנט, דריי לידער פאַרשריבן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך ש. קאַטשערגינסקי, גלייך נאָך דער מלחמה, דהיינו, „לאָמיר שוויגן", „לאַגער וויוויקאָן", „סאָניע".

זומער 1967, האָב איך אויף אַן אָוונט פון די ווילנער אין ישראל געהערט דעקלאַמירן פּרוי ג. גאַרדאָנאָוויטש (אַ געראַטעוועטע פון די עסטאָנישע לאַגערן), לידער געשריבענע דורך איר אין די לאַגערן פון עסטאָניע, נעמלעך „מיין פאָלק" (וואָס דערשיינט ביי ש. קאַטשערגינסקי בטעות מיט אַ באַמערקונג, אַז ס'איז געשריבן אין לאַגער רוסאָטשין) [43], און נאָך דריי אַנדערע, נאָך קיין מאָל נישט פאַרעפנטלעכטע לידער. כ'האָב די לידער אויפגענומען אויף אַ טייפּרעקאָרדער און ברענג זיי דאָ. די מחברין האָט דערציילט, אַז זי האָט אירע לידער, געשאַפענע אין די לאַגערן, אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק און גלייך נאָך דער באַפרייונג זיי

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי

אַריינגעשריבן אין אַ העפט. זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט דאָס אַלטע העפטל פון שלעכטן נאָכמלחמהדיקן פּאַפּיר. לויט אירע ווערטער, האָט זי דאָס ליד „מיין פאָלק״ פאַרפאַסט אין ווייוואַראַ; די לידער „דער וואַנדער־וועג״ אויף דער שיף וואָס האָט געפירט די יידישע קאַצעטלער פון עסטאָניע קיין שטוטהאָף.

מיר ברענגען דאָ די דערמאָנטע לידער:

א. לאָמיר שווייגן

לאָמיר שווייגן, ווייטער שווייגן
און קיין וואָרט גערעדט;
לאָמיר מיט פאַרמאַכטע אויגן
מורמלען אַ געבעט.
נישט די צוימען, נישט די דראָטן,
נישט די וואַך וואָס שטייט —
קיינער קען אונדז נישט פאַרבאָטן
וויינען שטילערהייט.

אונדז אַזוי ווי ביימער שטילע,
ווינטל, נישט פאַרמייד;
אפשר וועסטו אונדזער תפילה
גאָר פאַרטראָגן ווייט.
זאָלסט זיך ווינטל לאַנג נישט זאַמען,
טאָן וועסט עס געוויס —
צו מיין אַלטער קראַנקער מאַמען
טראָג מיין הייס געריס.

צווישן טויזנטער, מיליאָנען
אויגן אַלערליי —
וועסט מיין מאַמען גלייך דערקענען,
אַנדערש זענען זיי.
אירע אויגן רק פאַרטרערטע
ס׳טריקנט זיי קיין ווינט;
אין אַ לאַגער אַ פאַרצערטע
בענקט זי נאָך איר קינד.

ווייסע נעכט און שוואַרצע טעג

אייל זיך, ווינטל, שנעל געפלויגן —
איר מיין גרוס איך שיק.
ס'וועלן אירע קראַנקע אויגן
זען איר קינד צוריק...

לאַכט דאָס ווינטל, אפשר וויינט עס —
רוימט אַ סוד מיר איין...
איך פאַרשטיי ניט, אפשר מיינט עס:
ס'וועט מיין סוף דאָ זיין.

כ'וויל דעם ווינטל עפּעס פרעגן,
ס'דריקט דאָס האַרץ אַ טרער, —
איז דאָס ווינטל שנעל פאַרפלויגן
און קיין וואָרט נישט מער,
טאָ לאָמיר שווייגן, ווייטער שווייגן
און קיין וואָרט גערעדט;
לאָמיר מיט פאַרמאַכטע אויגן
מורמלען אַ געבעט.

דאָס ליד, געשאַפן דורך אַ טאַלאַנטפולן דיכטער, איז אַן עלעגיע פון לאַגער־לעבן, און ברענגט צום אויסדרוק די שטאַרקע בענקשאַפט פון קינד צו זיין מאַמען, וואָס מאַטערט זיך איך אַן אַנדערן אומבאַקאַנטן לאַגער. דאָס ליד מאָלט דעם גייסטיקן צושטאַנד פון די פאַרשיקטע, צווישן האָפענונג און יאוש („ס'וועלן אירע קראַנקע אויגן זען דאָס קינד צוריק" און „ס'וועט מיין סוף דאָ זיין").

ב. סאָניע

איך בין דאָ קיינמאָל נישט געוועזן
איך האָב עסטאָניע נישט געזען,
די גאַסן און די מענטשן ווער דערקענט,
איך קען פיל זאַכן נישט פאַרשטיין.
ס'האָט יעדע זאַך דאָ אַן אַנדער מיין,
ס'איז קאָמיש מיר און מאָדנע.

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי

אַלץ איז פרעמד,
ס׳געפעלט זיי נישט מיין גענגל,
ס׳געפעלט זיי נישט מיין גרויס,
אַז יעדער ווער ס׳דערזעט מיך,
פרעגט גלייך ווי איך הייס:

צוזינג:

כ׳הייס סאָניע, כ׳ווין אין עסטאָניע —
צי ווייסט איר, ווּ מיין אַדרעס מען געפינט?
כ׳הייס סאָניע, כ׳ווין אין עסטאָניע;
איך זוך אַ לאַגער ווי עס פּאַסט.
כ׳זוך אויף יעדן וועגל,
איך פרעג ביי יעדן דייטש:
„אפשר ווייסט איר ווּ די אַרבעט,
ווּ[3] מען שלאָגט נישט מיט קיין בייטש?״
כ׳הייס סאָניע, כ׳ווין אין עסטאָניע,
איך זוך אַ לאַגער מיט אַ נאַרע ווי עס פּאַסט.

אַ מאָדע דאָ: מען שיקט אַרויס.
איך לויף אַהער, מען שרייט: פאָרויס!
איך זאָג און באַדויער „כ׳וויל נישט פאָרן מער״,
דער שעף זאָגט: „פאָר אין וייטן וועג,
ס׳וועט דיר דאָרט אויך זיין נישט שלעכט״.
די דייטשן „גוטע״ — נאָר ס׳נעמט זיי נישט די ערד,
ס׳געפעלט מיר נישט עסטאָניע,
ס׳געפעלט מיר נישט דאָס לאַנד,
איך וויל צוריק נאָך ווילנע,
כ׳האָב דאָרט אַ שטאַרקע האַנט.

כ׳הייס סאָניע, איך ווין אין עסטאָניע...

דאָס ליד „סאָניע״ האָט זיך אָפּט אויך אָנגערופן „סאָניע פון עסטאָניע״. די אויטאָרין הייסט סאָניע רעזניק. דאָס ליד איז געשריבן לויטן מאָטיוו פון „פּעשע פון רעשע״ (טעקסט: לייב ראָזענטאַל, מוזיק: מ. וועקסלער), וואָס איז געזונגען געוואָרן אין רעווי־טעאַטער פון ווילנער געטאָ. פאַראַן אינעם ליד אייניקע אויסדרוקן

וואָס זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן מצב פון די קאַצעטלער, וועלכע פלעגן שטאַרק געשלאָגן ווערן דורך די דייטשע אַרבעטס־אויפזעער, די „אָטע״־לייט: „אפשר ווייסט איר ווו די אַרבעט, ווו מען שלאָגט נישט מיט קיין בייטש?״. עס האָט אין זיך אַ יוגנטלעכע נאַיִווקייט די „דעקלאַראַציע״: „ס׳געפעלט מיר נישט עסטאָניע, ס׳געפעלט מיר נישט דאָס לאַנד, איך וויל צוריק נאָך ווילנע!״. אינעם ליד קומט צום אויסדרוק די אַנטוישונג פון די ווילנער געטאָ־אַרבעטער, וואָס האָבן זיך איינגעגלויבט אין זייערע מכלומרשט „גוטע דייטשן״ (ד״ה נישט אין די ס.ס.־לייט, נאָר אין די אויפזעערס פון זייערע אַרבעטס־איינהייטן), די „שעפן״ וואָס האָבן „באַרויִקט״ די יידן, וואָס האָבן ביי זיי געאַרבעט, און זיי געראָטן פאָרן נאָך עסטאָניע: „ס׳וועט דיר דאָרטן אויך זיין נישט שלעכט!״.

ג. לאַגער וויוויקאָן

קענסטו מיין היימלאַנד פון וואַנען איך שטאַם!
ווו געלעבט האָב איך פריי, פריש און מונטער? —
די וועלדער, בערגלעך און טאָלן,
היינט באַדעקט זיי דער שנייִקער ווינטער...
ווער ס׳האָט די יוגנט־יאָרן דאָרט פאַרבראַכט,
ווער אַ לעבן דאָרט געמאַכט,
ווער אַ קינד איז דאָרט געווען...
איך ווער געמונטערט ווען נאָר איך דערהער
פון מיין שיינער, פיינער ווילנע, פון וואַנען כ׳קום אַהער.
פון ווילנע האָט מען מיך אין וויוויקאָן געבראַכט,
אין לאַגער מיך פאַרשפאַרט און גלייך נומערירט,
אין האַנט געגעבן מיר אַ קירקע מיט אַ לאָם,
און גלייך אונטער דער ערד אויף אַרבעט מיך געפירט. ——

דאָס ליד איז אַ געוויסע אימיטאַציע צום אַזוי באַקאַנטן ליד „קענסטו דאָס לאַנד ווו די ציטראָנען בליען?״. דער לאַגער וויוויקאָני איז אָפט אָנגערופן געוואָרן דורך די קאַצעטלער מיטן נאָמען „וויוויקאָן״. דער תוכן פון ליד איז די בענקשאַפט נאָך ווילנע. אין די לעצטע שורות פון ליד איז אויך צו באַמערקן אַ געוויסן אָפּקלאַנג פון די אַרבעטס־באַדינגונגען אין וויוויקאָני: „אין האַנט געגעבן מיר אַ קירקע און אַ לאָם״; די עיקרדיקע אַרבעט אין וויוויקאָני איז פאַקטיש געווען מיט אַ קירקע און מיט אַ לאָם אין די סלאַנייעץ־שאַכטן, ווו אַ סך קאַצעטלער האָבן געאַרבעט „אונטער דער ערד״.

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי

ד. מיין פאָלק *

עס ווייטיקט מיין האַרץ
און עס וויינט מיין נשמה,
איך האָב נישט קיין רו, קיין נחמה.
אַזוי ווי געשפענסטער,
פאַרביי דאָ מיין פענצטער,
זע איך ווי טאָג אַזוי נאַכט
מיינע שוועסטער און ברידער,
וואָס בלאָנקען אַרום
און זוכן דאָ שטום
זייערע נאָענטסטע און ליבסטע,
וואָס זענען געגאַנגען פאַרלאָרן,
ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געווען געבאָרן.

און די קינדער די קליינע,
מיט יידישע אויגן שיינע אַזוינע,
זיי פרעגן מיך מיט זייער בליק:
פאַרוואָס נישט באַשערט אונדז קיין גליק,
קיין וואַרעם בעט, קיין מאַמעס גלעט?
פאַרוואָס האָט מען אונדז די קינדהייט צעשטערט,
פריי טרוימען און וואַקסן פאַרווערט?
און סיי טאָג און סיי נאַכט,
ווען איך שלאָף, ווען כ׳בין וואַך,
נאָר איך טראַכט און איך קלער:
פאַרוואָס און ביז ווען?

איך וויין און איך קלאָג
אויף דיין גורל, מיין פאָלק,
וואָס געמאַכט האָט מען דיך
צו שאַנד און צו שפּאָט,
צעטראָטן, צעבראָכן, פאַרשקלאַפט און פאַרברענט,
הונדערטער שטעטלעך און שטעט,

* דער מחבר פון די וויטערדיקע פיר לידער איז גאָלדע גאָרדאָנאָוויטש.

ווייסע נעכט און שוואַרצע טעג

ווו אַ יידישער ישוב האָט געבליט אַזוי שיין,
האָט מען בליץ שנעל געמאַכט יידן־ריין..
ווו ס'האָט רוישיק און פריידיק
דאָס לעבן געפלאָסן,
האָט מען יונגע און אַלטע
און קינדער צעשאָסן.
עס בלוטיקט דאָס האַרץ,
און ס'טוט ווי מיין נשמה,
און כ'וואַרט אַזוי
אויף דעם טאָג פון נקמה,

ווען ס'וועט אויפשטיין מיין פאָלק,
די יוגנט די שיינע,
מיט יידישע אויגן,
גרויסע אַזוינע,
און וועט אַרויס צו דער וועלט
מיט שטאָלץ און עקשנות,
און נעמען נקמה אָן שום רחמנות;
און וועט מיט פויסטן געביילטע
וואַרפן די שונאים,
אָפן — אין פנים
די אַלע רציחות, רדיפות
און שרעקלעכע שחיטות,
און מאָנען און צאָלן
מיט בלוט פאַר בלוט,
פאַר דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע,
פאַר די הונדערטער, טויזנטער
לעבנס צעשאָסענע —
זיס וועט דאַן זיין מיין נקמה
פאַר דעם בלוט פון מיין מאַמען,
פאַר איר ריינער און שיינער נשמה.

דאָס ליד „מיין פאָלק" איז געשריבן לויטן מוסטער פון די אַזוי פאַרשפּרייטע ווילנער געטאָ־לידער, וואָס דערציילן וועגן יידישן צער אין געטאָ און וועגן די קינדער־ליידן. אָפט קומט אין דעם צום אויסדרוק דער נקמה־פאַרלאַנג: „און

כ׳וואָרט אַזוי אויפן טאָג פון נקמה״, „זיס וועט זיין מיין נקמה פאַר דעם בלוט פון מיין מאַמען״. פאַראַן אין דעם ליד אַן אַנדייט וועגן דער דייטשער פאַרפירערישער לאָזונג פון „פאַראייניקן די משפחות״ פון די אַרויסגעפירטע אין עסטאָניע מיט די פאַרבליבענע אין געטאָ: „מיינע שוועסטער און ברידער וואָס בלאָנקען אַרום, און זוכן דאָ שטום זייערע נאָענטסטע און ליבסטע, וואָס זענען געגאַנגען פאַר־לאָרן...״

ה. דער קריגס־געפאַנגענער

עס ציען זיך דראָטן און ס׳לויפן אויף זיי
וואַגאָנעטקעלעך קליינע צו צוויי און צו דריי
און זיי שיטן זיך אויס מיט גערויש
דאָרט אויפן באַרג, אין דער הויך.
די לופט איז פול מיט אַש
און די אַרבעט גייט דאָ ראַש.
פון די קוימענס שפּאַרט אַ רויך
און די רעדער קלאַפּן הויך.
און די קנעכט, איינגעשפּאַנט ווי פערד,
רייסן שטיינער פון דער ערד.

און אָט אַ מענטש ווי אַ שאָטן שלייכט זיך דאָ אַרום
און זיין שאָטן זאָגט מיר שטום:
איך וויל עסן, איך האָב הונגער,
וו קריגט מען דאָ אַ ביסל זופּ אין בונקער?
זיינע קליידער צעריסן,
זיין פּנים פון שטאַרקן ווינט אַזוי צעשמיסן,
אויף איין פוס — אַ שוך; אויפן צווייטן — אַ פּאַנטאָפל,
ליבע מענטשן, שענקט אַ שאָלעכץ פון קאַרטאָפל!

אויסגעלאָשן זיינע אויגן,
און די פּלייצע שטאַרק געבויגן,
פול מיט ווייטיק איז זיין בליק,
און אומזיסט זוכט ער דאָ גליק.

ווייסע נעכט און שוואַרצע טעג

„איך לייד הונגער קעלט און נויט,
איך האָב קיין ביסן ברויט...
שוועסטערל דו ליבע מיינע,
גיב מיר זופּ אַ ביסל
אין אָט דער מיין שיסל.
דאָרט אין מיין ווייטן שיינעם היימלאַנד,
דאָרט ביים טייכל, נעבן וואַלד,
שטייט אַ שטיבעלע אַ קליינע,
ווו עס וווינען מיינע קינדערלעך די שיינע,
ווי אויך מיין פרוי, אַ יונגע און אַ צאַרטע,
און מיין מאַמע, שוין גאָר אַן אַלטע...״

און אין זיינע בלויע אויגן,
וואָס ווייסן פון קיין שמייכל מער,
שטייט אַ גרויסע הייסע טרער.

דער גורל האָט אונדז ביידן דאָ צונויפגעבראַכט,
דו, אַ זון פון אַ גרויס לאַנד,
וואָס שס׳ט פון גבורה און פון מאַכט,
און איך, אַ טאָכטער פון אַן אָרעם פאָלק,
אַ געיאָגטס און געפּלאָגטס.
און כאָטש ביסט מיר אומבאַקאַנט,
דריק איך שטאַרק דיין האַנט,
דיר — דעם ברודער פון מיין פּיין.
שווער מיין גורל דאָ, אַזוי ווי דיין,
אָבער מוטיק זיי און שטאַרק,
טראַכט נישט מער וועגן הויכן שוואַרצן באַרג.
עס קומט אַ וועלט, אַ שיינע און אַ נייע,
און עס וועלן קלינגען לידער פרייע —
עס וועט פאַרביי די מאַכט פון טויט און שטיוול,
און דו וועסט ווידער זען דיין שטיבל,
ווו ביי דער טיר,
וועלן וואַרטן שוין אויף דיר
דיינע קינדערלעך די צוויי,

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי

און דיין פרוי די צאַרטע,
ווי אויך דיין מאַמע —
שוין גאָר אַן אַלטע.

דאָס אויבנגעבראַכטע ליד „דער קריגס־געפאַנגענער״ איז געשריבן געוואָרן לויט די ווערטער פון דער אויטאָרין, אין קיוויאַלי, ווען זי האָט געאַרבעט אין קיך („ווערק־קיכע״). „נישט ווייט פון דאָרט האָט זיך געפונען אַ לאַגער פון סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. זיי האָבן זיך געפונען אין באַדינגונגען, ערגערע אַפילו פון אונדזערע. ווען מיר פלעגן אַרויסטראָגן אויסערן קיך די קאַרטאָפל־שאָלעכץ, האָבן זיי זיך אויף דעם געוואָרפן בכדי צו קענען געניסן פון שאָלעכץ. אָבער די לאַגער־היטער האָבן זיי נישט צוגעלאָזט צו נעמען די שאָלעכץ. איין מאָל, בשעתן רייסן זיך נאָך די קאַרטאָפל־שאָלעכץ, האָבן די היטער דערשאָסן איינעם פון די געפאַנגענע. דאָס האָט אויף אונדז געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. אַ סך פרויען זענען אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. דער דייטשער „שעף״ האָט אונדז געפרעגט פאַרוואָס מיר וויינען, האָבן מיר אים דערציילט. פון דעמאָלט אָן האָט ער אונדז דערלויבט אַרויסצוטראָגן אַ ביסל זופ פאַר די געפאַנגענע, דאַן ווען די „פאָסטנס״ וועלן עס נישט זען. אַזוי פלעגן מיר טאַקע טאָן. און די געפאַנגענע פלעגן שטיין ביי דער קיך־טיר און וואַרטן אויף אַ שיסעלע זופ. דאַן האָב איך אָנגעשריבן דאָס ליד „דער קריגס־געפאַנגענער״.

ו. דער פרילינג

אויף דער גרויסער שיינער וועלט
איז דער פרילינג שוין געקומען
מיט זיינע דופטן, מיט זיינע בלומען.
די נאַטור האָט אויפגעוואַכט,
מיט איר צויבער, מיט איר פראַכט.

און די זון האָט אויפגעשטראַלט,
טיר און פענצטער אויפגעפראַלט ;
און די פייגל זיך צעזונגען,
הילכיק, הויך צעקלונגען :
דער פרילינג איז געקומען,
דער פרילינג איז שוין דאָ !

ווייסע נעכט און שוואַרצע טעג

און די קינדער אויף די גאַסן,
לויפן, שפּילן זיך און שפּאַסן,
און האַרציק־זיס איז זייער געלעכטער —
אַזאַ ליבער, אַזאַ עכטער.
אַלץ אַרום איז אַזוי שיין,
אַלץ איז מלא חן,
ווי די יוגנט מיט אירע טרוימען,
וואָס ווייסט נישט פון קיין צוימען.

און ביי אונדז אין די באַראַקן,
הינטער די דראָטענע קראַטן,
איז די זון נישט אויפגעגאַנגען,
און קיין געלעכטער נישט דערגאַנגען.
ס'איז אַרום אַזויפיל אומעט,
אַזויפיל פּיין,
און קיינער ווייס,
ווי לאַנג אונדזער לעבן
וועט אַזוי דאָ זיין,
אָן אַ מאָרגן, אָן אַ היינט,
אָן אַ היים און אָן אַ פריינד.
דער פיינט האָט אונדז צעבראָכן,
פריי לעבן אונדז פאַרבאָטן,
אונדזערע נעמען אויסגעמעקט
און אונדז נומערן צוגעקלעפּט.
פון באַגינען, ווי ס'הייבט נאָר אָן צו טאָגן,
טוט מען אונדז צו דער אַרבעט יאָגן,
צו די שטיינער, צו די ברעטער,
וועמען פריער, וועמען שפּעטער.

אָבער מיר פאַרלירן נישט דעם מוט,
און מיר זאָגן: אַל יאוש!
שטאַרק און מעכטיק איז אונדזער שורש.
ס'וועלן אויפוואַקסן נייע שטאַלצע דורות.
מיר קוקן אין דער צוקונפט מיט בטחון,
גאָר אָן מורא,

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי

און טראָגן טיף אין האַרצן
אַ שטילע תפילה צו דעם בורא:
אַז אינגיכן פאַלן זאָל דער שונא.

און אַז ס'וועט ווידער פרילינג קומען
אויף דער גרויסער וועלט דער שיינער,
וועט דאַן צו אונדזער גלייכן זיין קיינער.
די זון וועט אויפשיינען
אין אונדזער אַלט־נייעם היימלאַנד,
אַזאַ גרויסע, אַזאַ העלע,
אין יעדן אונדזער ווינקל,
אין יעדער אונדזער צעלע.
מיר וועלן קומען אומדערשיטערט,
און שטאַרק אין אונדזער גייסט,
וואָס נישט געבראָכן האָט די צייט.

מיר וועלן קומען
פול מיט האָפענונג, מיט בטחון,
פול מיט שטרעבן —
צו אַ נייעם פרייען לעבן,
פון אַרבעט, גליק און פרייד.

און די וועלט —
די וועלט וועט מיט וווּנדער
אויף אונדז קוקן,
און וועט זיך פאַר אונדז בוקן:
פאַר אונדזער גבורה,
פאַר אונדזער כוח!
פאַר דעם ווערט
פון אונדזער גייסט און מוח.

דאָס ליד „דער פרילינג״ איז, לויט די ווערטער פון דער אויטאָרין, געשריבן געוואָרן פרילינג 1944, אין לאַגער קיוויאָלי. דאָס ליד מאָלט דעם קאָנטראַסט צווישן „דער גרויסער, שיינער וועלט״ און צווישן — „ביי אונדז אין די באַראַקן, הינטער די דראָטענע קראַטן״. און טראָץ דעם לאַגער־לעבן פון „אויסגעמעקטע

נעמען און צוגעקלעפּטע נומערן״, איז דאָס ליד פול מיט אָפּטימיזם: „אָבער מיר פאַרלירן נישט דעם מוט!״, „ס׳וועלן אויסוואַקסן נייע שטאָלצע דורות״, „מיר וועלן קומען פול מיט האָפענונג, מיט בטחון״, און „די וועלט וועט מיט וווּנדער אויף אונדז קוקן״. די אויטאָרין האָט דעמאָלט געגלייבט, אַז די צוקונפטיקע וועלט וועט זיין פול מיט באַגייסטערונג „פאַר אונדזער גבורה, פאַר אונדזער כוח, פאַר דעם ווערט פון אונדזער גייסט און מוח...״

אויך אין דעם דאָזיקן ליד געפינען זיך ענלעכע מאָטיוון צו די האָפענונג־ און נחמה־לידער, וואָס זענען אין די צענדליקער געזונגען געוואָרן אין ווילנער געטאָ.

ז. דער וואַנדער־וועג

עס פאָרט אַ שיף מעכטיק און גרויס,
און עס וויגט זי דער ים
אַזוי שטיל אין זיין שויס;
עס לויפן די כוואַליעס,
אַזוי שטיפערש לייכט.
די לופט איז דאָ פריש און פייכט.
און דו זעסט דאָ קיין ברעג,
נאָר הימל און וואַסער,
און מיט זיי דער פרימאָרגן דער בלאַסער,
און זי שווימט דאָ די שיף,
סיי טאָג און סיי נאַכט,
דורך באַוואָפנטע זעלנער שטאַרק גאָר באַוואַכט,
און זי פירט אויף איר דעק,
פון אומעטום ווו די וועלט האָט נאָר אַ ברעג
טויזנטער שקלאַפן און קנעכט.
מענטשן וואָס האָבן אויף פריי לעבן קיין רעכט,
פון עסטלאַנד און לעטלאַנד,
פון אַ האַלבער וועלט־רונדע,
פון אומעטום, פון אַלע עקן,
צונויפגעטריבענע דורך פויסט און שטעקן.
עס פאָרן דאָרט מענער, פרויען און קינדער,
און עס טראָגט זיי די שיף
אַלץ שנעלער, געשווינדער.

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי

זיי זיצן און טראַכטן פול מיט זאָרגן
וועגן אומבאַוווּסטן זייער מאָרגן.
און זיי פאָרן און פאָרן —
עס ציען די טעג זיך ווי יאָרן.
עס איז אַזוי לאַנג נאָך דער וועג,
און אַזוי ווייט נאָך דער ברעג.

און ווי ס׳קומט נאָר די נאַכט,
בין איך שטענדיק דאָ וואַך,
און איך הער אין דער שטילקייט,
ווי עס קלאַפּט און עס רוישט דאָ אַ לעבן,
וווּ מענטשן קענען זיך פריי נאָך באַוועגן,
וווּ יעדער האָט זיין שטוב, זיין היים
און איז נישט ווי איך אַזוי איינזאַם אַליין.
און איך הער אין דער שטילקייט
פון דער לויטערער נאַכט,
ווי אַ קינד האָט זיך קלינגענדיק
הילכיק צעלאַכט,
ווי עס זינגט דאָרט אַ מאַמע
אַזוי האַרציק אַ ליד.
זי צערטלט איר קינד
און ווערט קיינמאָל נישט מיד.

און דאָרט פון דער ווייט
זענען פענצטער אַזוי העל שטאַרק באַלויכטן,
עס דערטראָגן זיך קלאַנגען
פון צאַרטער מוזיק.
עס טראָגן זיך פאָרן
מיט רייץ און מיט שיק.
און אויף דער גאַס שטייט אַ פּאָרל ביים טויער
און ער פליסטערט זיין מיידל
אַזוי שטיל אויפן אויער,
ער רעדט וועגן ליבע וועגן גרויסן גאָר גליק.
און איך דערמאָן זיך מיט יאָרן צוריק

ווייסע נעכט און שוואַרצע טעג

ווען איך בין געווען אַ מענטש נאָך אַ פרייער
און נעבן מיר — מיין חבר דער טרייער.

עס פאַרקלעמט אַזוי שטאַרק מיר מיין האַרץ
פול מיט ווייטיק און שרעקלעכן שמאַרץ;
אָבער קיינער הערט מיין געשריי,
קיינער פילט נישט מיט דאָ מיין וויי.
און אַליין ביי דעם באָרט דאָ איך שטיי.
און עס רינען אַראָפּ הייסע ברענענדע טרערן.
זיי פאַלן אַריין אין דער טיפקייט פון ים.

איך וויל אַזוי לויפן, צעברעכן דעם צוים,
און געפינען מיין גליק,
פון מיט יאָרן צוריק.

דאָס ליד „דער וואַנדער־וועג" איז לויט די ווערטער פון דער אויטאָרין, געשריבן געוואָרן אויף דער שיף, וואָס האָט געפירט די קאַצעטלער פון טאַלין קיין שטוטהאָף. די אויטאָרין באַשרייבט די שיף אויף וועלכער זי ווערט געפירט פון קאַצעט אויפן אומבאַקאַנטן וועג. די שיף וואָס „פירט אויף איר דעק... טויזנטער שקלאַפן... צונויפגעטריבענע דורך פויסט און שטעקן". זי, די אויטאָרין, שטייט אַליין ביים באָרט, זעט פאַר זיך אויספּאַנטאַזירטע בילדער פון דער פרייער וועלט. „איך וויל אַזוי לויפן, צעברעכן דעם צוים!"

(ס'איז משער צו זיין, אַז דאָס ליד איז געשאַפן געוואָרן די לעצטע וואָך פון אויגוסט 1944).

דאָס זענען די זיבן לידער וואָס עס איז אונדז געלונגען צונויפצוזאַמלען צווישן די פיל לידער וואָס זענען געשריבן געוואָרן דורך די עסטאָנישע קאַצעטלער און זענען געזונגען געוואָרן אין די לאַגערן. מיר האָבן זיי געבראַכט צוליב דער גאַמע פון לאַגער־שטימונגען וואָס ווערן אין זיי געשילדערט: בענקשאַפט נאָך די יוגנט־יאָרן, איינזאַמקייט, דורשט נאָך נקמה און האָפענונג אויף בעסערע צייטן.

דאָס טאָגבוך און די רשימות פון ה. קרוק אין די עסטאָנישע לאַגערן

דאָס רוב טאָגביכער און נאָטיצן וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין די עסטאָנישע לאַגערן זענען פאַרלאָרן געגאַנגען טיילווייז בשעת די מאַסן־שחיטות אין קלאָגע און לאַגעדי און ווייזט אויס אויך אין שטוטהאָף, בשעת מען האָט די קאַצעטלער צונויפגעזאַמלט אויפן לאַגער־פּלאַץ און זיי באַפוילן מאַרשירן נאַקעטע צום באָד, פון

וועלכן די וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט זענען שוין געגאַנגען נישט אין זייערע בגדים און נישט אין זייערע שיך נאָר אין דעזינפעקצירטע בגדים פון אַנדערע קאַצעטלער.

היינט צו טאָג געפינט זיך נאָר דאָס טאָגבוך פון ה. קרוק פון קלאָגע און לאַגעדי, ווי אויך די עדות־זאַגונגען, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט ביי אייניקע קאַצעטלער אין קלאָגע. אָט איז די רשימה פון די דאָזיקע כתבים:[44]

1) טאָגבוך וועגן די טעג פון דער געטאָ־ליקווידאַציע און וועגן דער לעצטער דעפּאָרטאַציע קיין עסטאָניע. דאָס טאָגבוך הייבט זיך אָן מיט דער דאַטע פון 23סטן סעפּטעמבער 1943, באַשרייבט דעם אַרויספיר פון געטאָ אויפן פּלאַץ פון ראָסאַ, די תליות, די רייזע קיין עסטאָניע. דער טעקסט איז געשריבן מיט טינט; האַנטשריפט פון ה. קרוק.

2) טאָגבוך פון קלאָגע. דאָרט געפינען זיך עלף נאָטיצן פון חודש יולי 1944 (און נעמלעך: 7, 14, 15, 16, 17, 18, 19, 20, 21, 27; 30); און צען נאָטיצן פון אויגוסט 1944 (5, 6, 7, 8, 9, 10, 12, 14, 15, 16).

איבערן טאָגבוך געפינט זיך אַ קעפּל „טאָגבוך נאָטיצן, המשך פון העפט קלאָגע". פון דעם איז צו דרינגען, אַז דער מאַנוסקריפּט שטעלט מיט זיך פאָר נאָר אַ טייל פון קרוקס טאָגבוך פון קלאָגע; וואָרשיינלעך איז דאָס טאָגבוך פון קלאָגע געווען אַ המשך פון די אויבנדערמאָנטע נאָטיצן וועגן דער געטאָ־ליקווידאַציע, און האָט זיך געצויגן פון אָקטאָבער 1943 ביז יולי 1944. סך הכל באַזיצט דער מאַנוסקריפּט 17 זייטן (15×21 ס"מ), געשריבן מיט טינט. האַנטשריפט פון ה. קרוק (דער דאָזיקער כתב־יד ווערט אָפט ציטירט אין אונדזער אַרבעט).

3) טאָגבוך פון לאַגעדי. 5 נאָטיצן (29 און 31 אויגוסט; 5, 8 און 17 סעפּטעמבער 1944); די לעצטע נאָטיץ איז געשריבן אַ טאָג פאַרן דערמאָרדעט ווערן פון מחבר; 6 זייטן געשריבענע מיט אַ בליישטיפט. האַנטשריפט פון ה. קרוק.

אַ חוץ די דריי דערמאָנטע טאָגביכער געפינען זיך אין די ישראל־אַרכיוון אויך פאַלגנדיקע אַנדערע כתבים פון ה. קרוק:

4) אַ כתב־יד וועגן לעבן אין לאַגער (וואָרשיינלעך קלאָגע), פאַרצייכנט „קאַפּיטל 10". דערפון איז צו לערנען, אַז עס איז נאָר אַ טייל פון אַ גרעסערן חיבור. 5 זייטן געשריבענע מיט טינט. כתב־יד פון ה. קרוק.

5) אַ כתב־יד א"ג „אַ לעבן אַ פּאַליאַטיוו", פאַרצייכנט „קאַפּיטל 6". מעגלעך ס'איז דאָס קאַפּיטל 6 פון אויבנדערמאָנטן חיבור. 13 זייטן געשריבענע מיט בליישטיפט. האַנטשריפט פון ה. קרוק.

6) אַ כתב־יד א"ג „בוך 6, באַפרייונג, קאַפּיטל 1 — קלאָגע די מעטראָפּאָליע

פון יידן־לאַגערן אין עסטלאַנד". 9 זייטן געשריבענע מיט טינט. האַנטשריפט פון ה. קרוק.

7) כתב־יד, געשריבן אויף דער אַנדערער זייט פון פריער־דערמאָנטן כתב־יד „קלאָגע די מעטראָפּאָליע אאַז"וו". דאָרט געפינען זיך ראשי־פּרקים צום פאָרוואָרט פון חיבור „קלאָגער מיניאַטורן" און אַ קאַפּיטל פון „דאָס ליד פון צער".

(„קלאָגער מיניאַטורן" זענען נישט אָפּגעפונען געוואָרן. וואַרשיינלעך זענען זיי געווען ענלעך צו זיינע „געטאָ־מיניאַטורן", וועלכע זענען געשריבן געוואָרן אין ווילנער געטאָ. זיי ווערן דערמאָנט אין „מורשת", אַפּריל, 1964).

אַ חוץ דעם געפינען זיך אין די ישראל־אַרכיוון אויך 4 עדות־זאָגונגען, וואָס זענען גענומען געוואָרן ביי לאַגערניקעס דורך ה. קרוק. ס'איז צו פאַרשטיין, אַז די אַלע עדות־זאָגונגען זענען גענומען געוואָרן אין קלאָגע. ה. קרוק פלעגט זיך נוהג זיין צו פאַרשרייבן דעם נאָמען פון עדות פאַרקערט. דאָס איז לייכט צו דע־שיפרירן: אָנשטאָט קופּיץ דאַרף מען לייענען: ציפּוק; אָנשטאָט ניוו דאַרף מען לייענען: ווין אאַז"וו.

8) אַ גבית־עדות וועגן דעם לעבן אין לאַגער וויוואַראַ, טיטולירט: „וויי־וואַרער לאַגער, דערציילט פון ווילנער שניידער קופּיץ (ציפּוק)". געשריבן מיט טינט. האַנטשריפט פון ה. קרוק (אין דעם עדות־זאָגן ווערט דערמאָנט דער טויט פון ז. ה. קאַלמאַנאָוויטש, משה לערער, ג. וויגיק, ד"ר ריווקינד).

9) עדות־זאָגונג „פון עסטאָנישע לאַגערן", פאַרנאָטירט לויט בערנאַרד זאַל־קינדזאָן. געשריבן מיט טינט. האַנטשריפט פון ה. קרוק.

(ב. זאַלקינדזאָן, „וואָוואַ") איז דער זון פון באַקאַנטן ווילנער כירורג יהושע (אָסיפּ) זאַלקינדזאָן. דעם יונגן זאַלקינדזאָן האָט מען געהאַלטן פאַר אַן עילוי אין מאַטעמאַטיק. אין געטאָ האָט ער אָנגעשריבן אַ מאַטעמאַטישע פאָרשונגס־אַרבעט און האָט זי איבערגעשיקט אויסערן געטאָ צום פּוילישן מאַטעמאַטיקער פּראָפ. רודניצקי. פון ווילנער געטאָ איז ער פאַרשיקט געוואָרן אין עסטאָנישן לאַגער ערעדאַ און פון דאָרט קיין קלאָגע, וווּ ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פאָטער דעם כירורג. ווי מען האָט דערציילט, איז זיין מוטער, די אָקוליסטין, ד"ר פאַולינע זאַלקינדזאָן, פאַרשיקט געוואָרן קיין מיידאַנעק בשעת דער ליקווידאַציע פון וויל־נער געטאָ. ס'איז אַ גבית־עדות רייך אין פּרטים און דאַטעס).

10) עדות וועגן דעם גורל פון צווייטן באַטאַליאָן פּ.פּ.אָ.. טיטולירט „דאָס פאַר־שיטן זיך פון פּ.פּ.אָ.־גרופּע אויף שפּיטאַלנע 6". דער עדות איז משה ניוו (ווין), וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון צווייטן באַטאַליאָן.

אין דער עדות־זאָגונג ווערט דערציילט וועגן דער פאַרכאַפּונג פון צווייטן פּ.פּ.אָ.־באַטאַליאָן און וועגן גורל פון זיינע מיטגלידער אין די עסטאָנישע לאַגערן: וויוואַראַ, ערעדאַ, נאַרוואַ, סאָסקי, קורעמע, גאָלדפילץ, קלאָגע.

11) עדות־זאָגונג „פון געטאָ ווילנע צו די עסטאָנישע לאַגערן״, גענומען פון ייִנגל ישראל קאַפּלאַן (נאַלפּאַק). האַנטשריפט פון ה. קרוק. 4 זייטן. 10/15.

12) עס געפינט זיך נאָך אַ קליינער כתב־יד, געשריבן מיט בליישטיפט, האַנטשריפט פון ה. קרוק, א״ג: „מאַכט אין געטאָ״ אונטערקעפל: „דע־מאָלט אַ פּראָקוראָר, היינט אַ פאַרזינדער״. ס׳איז נישט קלאָר ווען דער כתב־יד איז געשריבן געוואָרן, אין ווילנער געטאָ, אָדער אין קלאָגע.

דער פּראָקוראָר פון געטאָ־געריכט איז געווען טשעסלאַוו נוסבוים־אַלטאַשעוו־סקי, דער אַמאָליקער רעדאַקטאָר פון „זשעטשפּאָספּאָליטאַ״ אין לאָדזש. ער איז פון ווילנער געטאָ פאַרשיקט געוואָרן אין די עסטאָנישע לאַגערן (קלאָגע ?).

הערמאַן קרוקס טאָגביכער פון קלאָגע און לאַגעדי, זיינע רעפּאָרטאַזשאַרטיקע נאָטיצן וועגן קלאָגע און די עדות־זאָגונגען וועגן די לאַגערן, זענען אַ קאָנטיקער צושטייער צו דער פאָרשונג וועגן גורל פון די פאַרשיקטע יידן אין די עסטאָנישע לאַגערן.

ס׳איז נאָך צו האָפן, אַז אויך אַנדערע כתב־ידן, געשריבענע דורך די יידישע קאַצעטלער אין עסטאָניע וועלן אפשר מיט דער צייט נתגלה ווערן און דערגיין צו דער יידישער עפנטלעכקייט.

באַמערקונגען

1) האַרטען, 5.

2) אָרבאַך, סקורקאָוויטש, 4, שעפּטעל, 10.

3) דוואָרזשעצקי, מ., זכרונות — 66 א״ו.

4) אַראָנסאָן, 10 ; זיידל, 4.

5) סעגאַל, 12.

6) וועגן דעם דערציילן אַ סך עדות פון עסטאָניע, צווישן זיי אויך דער שרייבער פון די שורות.

7) „לאָמיר שוויגן״ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ש. קאַטשערגינסקיס „לידער פון געטאָ און לאַגערן״, עמ. 248—249.

8) „סאָניע״, זע: קאַטשערגינסקי, „לידער אאַז״וו״, עמ. 276—722.

9) „לאַגער וויוויקאָן״, זע: קאַטשערגינסקי, „לידער אאַז״וו״, עמ׳ 265. דאָרט ווערט אָנגעגעבן, אַז די איבערגעבערין פון ליד, לאה שאַראַפּיי, מיינט, אַז דאָס ליד זאָל האָבן געשריבן הירש גליק.

10) גאָרדאָנאָוויטש, 10—12.

10א) פּרטים וועגן די דערמאָנטע קען מען געפינען אין די ביכער וועגן ווילנער געטאָ פון ד״ר מ. דוואָרזשעצקי, ח. לאַזאַר, א. סוצקעווער, ש. קאַטשערגינסקי און רוזשקע, ווי אויך אין די טאָגביכער פון ז. ה. קאַלמאַנאָוויטש און ה. קרוק.

11) אַנאַליק, ב., 6.

12) סעגאַל, 12.

13) דוואָרזשעצקי, „ירושלים דליטא״ (יידיש), הקדמה, עמ׳ 19: „אין עסטאָניע האָב איך מיט אַ דינעם כעמישן בלייפעדער אויף פּאַפּיר־באַנדאַזשן, אין אַ שפּראַך פון רמזים, פאַרנאָטירט געשעענישן און פאַקטן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, און נעמען פון דערמאָר־דעטע און געפאַלענע ביי דער אַרבעט, און נעמען פון אונדזערע מערדערס. אין שטוטהאָף ביי דאַנציג ...דאָרט פאַרן גרויסן „מאָדערנעם״ באָד... דאָרטן ליגן אויך באַגראָבן באַנ־דאַזשן־זכרונות פון אַ שריד פון ירושלים דליטא...״

14) טייטלמאַן, 2.

15) דעם זשורנאַליסט דוד האַלבערשטאַט פלעג איך אָפט זען אין ווייוואַראַ, דאָרטן האָט ער מיר אויך געוויזן זיינע כתבים, געשריבענע אין ווייוואַראַ (זיין פרוי, אַ דענ־טיסטין, פון דער י. ל. פּרץ־משפּחה, איז לויט קלאַנגען אויך אומגעקומען אין עסטאָניע).

16) דער מחבר האָט אים געזען אין ווייוואַראַ אינעם מצב פון אַ „מוזולמאַן״. 1961 איז דערשינען אין תל־אביב זיין בוך „יחיד וחברה בהיסטוריה״, מיט אַ פאָרוואָרט פונעם פילאָזאָף ש. ה. בערגמאַן. אינעם בוך געפינט זיך אויך זיינס אַן עסיי „ייחודה של ההיס־טוריה״, געשריבן אין ווילנער געטאָ.

17) די 6 עמודים פון לאַגעדי־טאָגבוך זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער העב־רעישער איבערזעצונג, אין „מורשת״, אַפּריל 1964, עמ. 57—59.

18) וועגן באַגראָבן די מאַנוסקריפּטן דערציילט ה. קרוק אין דער לעצטער פאַרציי־כענונג פון לאַגעדי־טאָגבוך, 17 סעפּטעמבער 1944: „הייגט ערב ראש־השנה, אַ יאָר נאָך מיין קומען קיין עסטאָניע (לויטן יידישן לוח). בין איך קובר דעם כתב־יד אינעם לאַגער״. ב. אַנאַליק דערציילט אין זיין עדות־זאָגן וועגן דעם, ווי אַזוי זיין ברודער האָט אויסגע־גראָבן די מאַנוסקריפּטן אין לאַגעדי. וועגן דער דאָזיקער אויסגראָבונג ווערט אויך דער־ציילט אין נאָמען פון מ. באַלבערישסקי, אין דער ביאָגראַפיע פון ה. קרוק, געשריבן דורך פ. שוואַרץ „טאָגבוך פון ווילנער געטאָ״ פון ה. קרוק, עמ. XLV.

19) אַרבאַך; סקורקאָוויטש; שעפּטעל.

20) סקורקאָוויטש, 4.

21) שעפּטעל; זע אויך „הירשקע גליק״, ד״ר דוואָרזשעצקי, פּאַריז, 1966.

22) שעפּטעל א., אינעם בוך „הירשקע גליק״ פון מ. דוואָרזשעצקי, 57.

23) סקורקאָוויטש („הירשקע גליק״, 54), רופט אָן דאָס ליד מיטן נאָמען „אַ גרילץ פון מאָטאָציקל; אַרבאַך („הירשקע גליק״, 64), רופט אָן דאָס ליד מיטן נאָמען „דער רויש פון מאָטאָציקל״.

24) אָרבאַך („הירשקע גליק״, 54).

25) דוואָרזשעצקי, „ירושלים דליטא״, יידיש, 264; עברית, 245. וועגן דעם דערציילט אויך אין זיין עדות־זאָגן שעפּטעל.

26) קאַטשערגינסקי, „חורבן ווילנע״, 109—111.

27) ד״ר מ. דוואָרזשעצקי, „ירושלים דליטא״, יידיש, 264.

28) סקורקאָוויטש, 4.

29) האַרטען, 5.

30) גאָלדשטיין, 24.

31) פּרץ צונזער איז געווען אַ ליטעראַטור־קריטיקער. זיינע אַרבעטן האָט ער פאַרעפנטלעכט אין די „פרייע שריפטן״ און אין „ווילנער טאָג״. דער מחבר פון דעם בוך איז געווען צוזאַמען מיט צונזערן אין לאַגער קורעמע און דאָרט האָט אים צונזער דערציילט וועגן בוך וואָס ער שרייבט אין קורעמע.

32) דוואָרזשעצקי, „ירושלים דליטא״, יידיש, 19.

33) סקורקאָוויטש.

34) גאָרדאָנאָוויטש, 10—12.

35) זע ווייטער וועגן די כתבים פון ה. קרוק.

36) אַראָנסאָן, ראַטנער, סעגאַל.

37) אַראָנסאָן, 10.

38) זיידל, 4.

39) „מורשת״, אַפּריל 1964, 59.

40) ברוידאָ (ברוידע) כתריאל, געבוירן אין ווילנע 1907, געענדיקט די גמנסיה עברית תרבות, און זיך אָפּגעגעבן מיט שפּילן טעאַטער, געווען מיטגליד פון דער ווילנער העברעישער דראַמאַטישער סטודיע. אין קאַטשערגינסקיס זאַמלבוך פון ווילנער געטאָ געפינען זיך מערערע טעקסטן פון זיינע לידער, געשאַפענע אין געטאָ. פון זיינע באַקאַנטסטע לידער: „ביי אונדז איז שטענדיק פינצטער״, „געטאָ״, „משה, האַלט זיך!״, „ראַזשינקעס מיט מאַנדלען״, „דער רייטער״ און אַנדערע.

לויט קלאַנגען, איז ער אומגעקומען אין יאַנואַר 1945 (איבערגעפירט קיין שטוטהאָף און פון דאָרט קיין דייטשלאַנד, ווו ער איז צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע יידן אַריינגעוואָרפן געוואָרן דורך די דייטשן אין ים, ביי קעניגסבערג).

41) זע גענויע באַשרייבונג פון גליקס לעבן און שאַפן אין 1) נ. מייזיל: „הירש גליק, לידער און פּאָעמעס״ (ניו־יאָרק, איקוף, 1953); 2) נ. מייזיל: „הירש גליק און זיין ליד אַזױ״ (ניו־יאָרק, איקוף, 1949); 3) ד״ר מ. דוואָרזשעצקי, „הירשקע גליק״ אַזױ״, פּאַריז, פאַרלאַג „אונזער קיום״, 1966.

42) לייב ראָזענטאַל, געבוירן אין ווילנע, 1916. שטאַמט פון דער באַקאַנטער ווילנער

דרוקער־משפּחה ראָזענטאַל. געשאַפֿן אין ווילנער געטאָ אַ סך לידער. פֿון זיי די מער באַקאַנטע: „שאָטנס", „בעגער־ליד", „איך וואַרט אויף דיר", „איך בענק אַהיים", „ישׂראליק". זיינע לידער האָט אויסגעפֿירט אין געטאָ בעיקר זיין שוועסטער די אַרטיסטין חיהלע ראָזענטאַל. לויט קלאַנגען איז ער אומגעקומען אין יאַנואַר 1945, צוזאַמען מיט כתריאל בראָידאָ.

43) קאַטשערגינסקי, „לידער אַז"וו", 318—319; וואָרשיינלעך האָט קאַטשערגינסקי געשריבן וועגן „מיין פֿאָלק", אַז ס'איז געשאַפֿן געוואָרן אין לאַגער רוסאָטשין, ווייל פֿון שטוטהאָף איז די אויטאָרין דאָרט פֿאַרוואַלגערט געוואָרן און אָנגעשריבן אַ ליד „לאַגער רוסאָטשין", פֿאַרעפֿנטלעכט אין קאַטשערגינסקיס לידער־בוך, עמ' 266—268.

44) די כּתבים געפֿינען זיך אין „מורשת", מיקראָפֿילמען אין „יד ושם", ירושלים.

45) וועגן נוסבוים־אַלטאַשעווסקי, זע: ה. קרוק, טאָגבוך פֿון ווילנער געטאָ, 262, 392, 558; מ. באַלבערישסקי, 421, דערציילט, אַז ער איז געווען שעף־רעדאַקטאָר פֿון דער גרויסער פּוילישער צייטונג אין לאָדזש „רעפּובליקאַ".

46) פֿון ווילנער געטאָ: די לערערס אַניספעלד, גדליה בושעל, ישׂראל בערמאַן, לייב טורבאָוויטש (דירעקטאָר פֿון דער געטאָ־גימנאַזיע), ישׂראל לובאָצקי און זיין פֿרוי, אַלטע קלויזנער, ברוך לובאָצקי, ד"ר נפֿתלי ליבער, חיים סטאָליצקי, בצלאל פּיעטוכאָווסקי, זעליק קאַבאַטשניק (פֿון די אָנפֿירער פֿון „יוגנט־קלוב" אין געטאָ), זלמן און חיים ראַסקין; זשורנאַליסט ש. בינדער, אַרטיסט לייזער גורוויטש („די באָמבע"), פּיעסן־שרייבער: מאָטל גילינסקי („באַטקאָ"), קינסטלערין ליזע דייכעס, פּיעסן־שרייבער באָריס האַלפּערן, עסייאיסט נפֿתלי ווייניק (נאָרבערט ראָזע), יעקב און פּייוול טרופּיאַנסקי, אברהם סלעפּ (דיריגענט פֿון ווילביגכאָר), ד"ר צמח פֿעלדשטיין (באַקאַנטער קולטור־טוער פֿון געטאָ), דוד קאַפּלאַן קאַפּלאַנסקי (געזעלשאַפֿטלעכער טוער), שרייבער דוב קאַרנאָ, אַרטיסט ישׂראל ראָטבלום, זשורנאַליסט יצחק ריקליס, צייכענער יעקב שער.

פֿון קאָוונער געטאָ פֿאָלגנדיקע לערער: אברהם ברוך גאָטליב, חנה וואַרשאַווסקי, שמעון ווייַנשטיין, מרים ציטל־טשערטאָק, חיה כוואָס־לעווין, משה לעווין, ראובן נוח, עמנואל סאָנראָק, סעסיצקי, ראָזענבלאַט, יהודה לייב שוחטמאַן (לויטן אַרטיקל פֿון י. קאַפּלאַן „קאָוונער שול און לערערשאַפֿט אין אומקום" אין „לעצטן חורבן", מינכען, 1948, נר. 9). דער לערער ראָזענבלאַט וואָס ווערט דאָ דערמאָנט האָט אין גאָלדפֿילץ אָנגעהערט צו דער גרופּע „שאר ישוב".

דאָס רעליגיעזע לעבן אין די לאַגערן

פון די עסטאָנישע לאַגערן זענען כמעט נישט געבליבן לעבן קיין רבנים, וועלכע זאָלן קענען פאַרצייכענען אין זיין גאַנצן היקף דאָס רעליגיעזע לעבן אין די לאַגערן.[1] וועלן מיר זיך דעריבער באַמיִען אַרויסצונעמען פון די גביות־עדות אייניקע פּרטים, אין וועלכע ס'איז דרך אגב דערמאָנט געוואָרן וועגן רעליגיעזן לעבן אין די לאַגערן.

מערערע עדות דערציילן וועגן רצון פון די קאַצעטלער אָפּצוגעבן די מתים און הרוגים זייער לעצטן כבוד דורך זאָגן קדיש צו זייער אָנדענק (אילינורמע, ווייוואַראַ, נאַרוואַ, קורעמע).

אין אייניקע לאַגערן האָט מען צוגעגרייט, ביי זייער פּרימיטיווע באַדינגונגען מצות לכבוד פּסח. דאָס איז געמאַכט געוואָרן פון צונויפגעזאַמלטע ביסלעך מעל (גאָלדפילץ, סאָנדאַ, קורעמע, קלאָגע). רעשטלעך פון משפחות און חברים־גרופּן פלעגן אַפילו צוזאַמען פּראַווען סדרים, זאָגנדיק אויף אויסנווייניק די הגדה, אין עצבות און אין האָפענונג (גאָלדפילץ, סאָנדאַ, ערעדאַ, קיוויאָלי, קלאָגע).

אין אייניקע לאַגערן האָט מען צוזאַמען אָפּגעריכט תפילות פון ראש־השנה (לאַגעדי ב', קלאָגע). אין אַנדערע — יום־כּיפּור ביינאַכט (ווייוואַראַ, קלאָגע). אין מערערע לאַגערן האָבן די קאַצעטלער געפאַסט יום־כּיפּור (ווייוואַראַ, וויוויקאָני, קלאָגע).

עדות דערציילן וועגן געהיימע חנוכה־אָוונטן (נאַרוואַ, קורעמע, קלאָגע), וועגן אַ פּורים־אָוונט אין קלאָגע, וועגן שמחת־תורה אין קלאָגע, וועגן מנינים, וועגן קאַצעטלער, וואָס האָבן אָפּגעהיט זייער טלית־און־תפילין, זייערע סידורים און תנ"ך־ספרים. אין איין לאַגער איז אַפילו געווען אַ קליינע ספר־תורה (קלאָגע). געווען פאַלן ווען דער יידישער לאַגערעלטעסטע, אָדער דאָקטאָר, האָבן געהאָלפן דעם רב נישט צו גיין שבת צו דער אַרבעט (ערעדאַ, וויוויקאָני, קיוויאָלי). פאַראַן עדות, וואָס דערציילן וועגן די אָנשטרענגונגען פון רעליגיעזע יידן מקפּיד צו זיין נישט צו עסן פון קעסל צוליב כשרות (ערעדאַ, קורעמע, קיוויאָלי), ווי אויך העלפן אָפּהיטן יאָרצייט נאָך קרובים (קורעמע).

רעליגיעזע יידן האָבן אין דעם געזען אַ שטרעבונג אָפּצוהיטן כאָטש ווי עס איז

די אמונה־פּרינציפּן. די וואָס האָבן אָפּגעהיט די יידישע טראַדיציע, אָדער „סתם־יידן", האָבן אויך געזען אין דעם אַ שטרעבונג און אַ קאַמף אָפּצוהיטן די יידישע אידענטישקייט, אַפילו אין שווערע באַדינגונגען פון לאַגער־לעבן.

בדרך כלל זענען די תפילות, די צוזאַמענקונפטן און דאָס קדיש זאָגן, ווי אויך די „סדרים", פאָרגעקומען געהיים.

אילינורמע: ווען ס'איז געשטאָרבן דער אינזשיניער זאב קריגסקי, האָבן די קאַצעטלער אים איינגעאָרדנט אַ לוויה, אויסגעגראָבן אַ קבר לעבן לאַגער, און זיין זון האָט געזאָגט קדיש.[2]

גאָלדפּילץ: ערב פּסח זענען בסוד־סודות געבאַקן געוואָרן מצות אויף די אָנגעגליטע בלעכענע רערן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון די באַראַק־אייוועלעך. מען האָט זיך באַנוצט מיט קאָרנמעל, וואָס איז ביסלעכווייז געזאַמלט געוואָרן במשך פון וואָכן.[3] אין דער סדר־נאַכט איז גראָד געווען אַן אָנפאַל פון סאָוויעטישע עראָ־פּלאַנען איבער גאָלדפּילץ,[4] דאָך האָבן יידן אויך אין יענער נאַכט געפּראַוועט סדרים.[5]

וויוויקאָני: די ס.ס.־לייט האָבן איין מאָל געפונען ביי אַ קאַצעטלער אַ טלית; האָבן זיי אים אַרויסגעפירט צום לאַגער־טויער און באַפוילן אים שטיין אַ לענגערע צייט ביים טויער מיטן טלית איבערן קאָפּ.[6] צווישן די לאַגערניקעס איז אויך געווען אַ רב („דער רב פון סמאָרגאָן"). אין די באַראַקן זענען איינגעאָרדנט געוואָרן מנינים פון פרייטיקצונאַכט און מוצאי־שבת. דער יידישער רעוויר־דאָקטאָר האָט דעם רב אַרויסגעגעבן אַ קראַנקייט־באַשטעטיקונג און האָט אים באַפרייט פון גיין צו דער אַרבעט ראש־השנה און יום־כיפור.[7] מערערע קאַצעטלער האָבן געפאַסט יום־כיפור.[7א]

וויוואַראַ: יום־כיפור ביינאַכט איז פאָרגעקומען אַ געהיימע תפילה. דערביי האָבן די יידן שטאַרק געהיט, אַז דער לאַגערפירער זאָל זיי נישט טרעפן בעת דער תפילה. היות די מתפללים האָבן נישט געהאַט קיין טלית, האָט דער מחבר אַרויסגעגנבעט פון בגדים־מאַגאַזין אַ טלית, און אים אָפּגעגעבן אַ זקן, וואָס האָט אין יענער כל־נדרי־נאַכט גענומען אויף זיך צו זיין דער חזן.[8]

ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע „נאַטירלעכע" טויט־פאַלן פון די „מוזולמענער", און ווען די לאַגער־מאַכט האָט אָנגעהויבן אַרויסשיקן די קערפּערס צום פאַרברענען אין נאָענטן וואַלד, האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע קדיש־זאָגערס. ביינאַכט פלעגן זיי זיך אין געהיים אַרויסגנבענען פון לאַגער, בכדי צו זאָגן קדיש ביים קערפּער פון פאַרשטאָרבענעם, איידער ער וועט געשיקט ווערן צום פאַר־ברענען. צווישן די קדיש־זאָגערס זענען געווען נישט בלויז רעליגיעזע, נאָר אויך סתם־יידן. דאָס געהיימע קדיש־זאָגן ביינאַכט אין וואַלד, אויסערן לאַגער, איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סכנה, אָבער די קדיש־זאָגערס פלעגן דערקלערן זיך

אַליין: אויב מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט אָפּצוהיטן דעם כבוד פון לעבעדיקן, לאָמיר כאָטש אָפּגעבן דעם טויטן זיין לעצטן כבוד.[9]

צווישן די קאַצעטלער איז געווען אַ חזן, וואָס פלעגט זיך נוהג זיין צו גיין פון באַראַק צו באַראַק און זינגען די תפילה „הבט משמים וראה". איין מאָל איז ער אַרויס אויפן אַפּעל־פּלאַץ און אַנגעהויבן מיט דביקות צו זינגען זיין ליד. אים האָבן אַרומגערינגלט הונדערטער קאַצעטלער. אַן ס.ס.־מאַן האָט אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער און אים דערשאָסן אויפן אָרט.[10]

לאַגעדי ב': אין דער נאַכט פון ראש־השנה האָבן די יידן זיך צונויפגעזאַמלט אין איינעם פון די פינישע באַראַקן און ביים ליכט געדאַוונט מעריב.[11]

נאַרוואַ: ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן וועגן דעם חנוכה־אָוונט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין לאַגער. די מנורה, וואָס איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אויף דער וואַנט פון באַראַק איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון לעפל און גאָפּל. צו זיי זענען צוגעקלעפּט געוואָרן קליינע ליכטעלעך, וואָס מען האָט ווי עס איז באַקומען אין אַן אַרבעטס־איינהייט אויסערן לאַגער. צונויפגעשטעלט די חנוכה־מנורה האָט דער ווילנער גראַווירער מ. ליפּשיץ. געבענטשט אויף די ליכט האָט אַ ווילנער ייד יצחק צוקערמאַן. דער שרייבער זעליק הערש קאַלמאַנאָוויטש האָט געהאַלטן טרייסט־רעדעס, סיי פאַר מעריב־דאַווענען און סיי נאָכדעם. הירשקע גליק האָט געלייענט זיינע לידער. אַ כאָר פון אַכט מאַן (צווישן זיי דער דיכטער כתריאל ברוידאָ, די אַרטיסטן: פימע און מאַרק שאַפּירא, כץ און אַנדערע) האָבן געזונגען חנוכה־לידער. נאָך דעם האָט מען זיך געזעצט צו דער חנוכה־סעודה, וואָס איז באַשטאַנען פון דער ברויט־ און קאַווע־פּאַרציע.[12]

ווען ס'איז געשטאָרבן אין נאַרוואַ דער זון פון כתריאל ברוידאָ, האָט ער דאָרט אויסגעגראָבן אַ קבר פאַר זיין זון און געזאָגט קדיש.[13]

סאַנדאַ: אין לאַגער איז געווען אַ גרופּע רבנים (צווישן זיי הרב מורינו). ערב פסח האָבן זיי באַקומען פון די יידן אין דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע אַ פּאַר־ציע מעל און זיי האָבן געבאַקן מצות. זיי האָבן געטיילט אַלעמען צו שטיקלעך מצה און געזאָגט די הגדה פון אויסנווייניק. בדרך כלל האָט זיי די יידישע לאַגער־אַדמיניסטראַציע דערמעגלעכט נישט צו עסן פון קעסל און אַנשטאָט זייער פּאַרציע זופּ פלעגן זיי באַקומען מעל און זיי האָבן זיך אַליין געגרייט דאָס עסן.[14]

ערעדאַ: הרב מורינו פלעגט זיך אין די שבתים אויסבאַהאַלטן און נישט גיין צו דער אַרבעט.[15] איינער דערציילן, אַז ער האָט דאָס געטאָן אַדאַנק דעם יידישן לאַגערעלטעסטן, און אַנדערע — אַ דאַנק דעם לאַגער־דאָקטאָר, וואָס האָט אים באַזאָרגט מיט אַ קראַנקייט־באַשטעטיקונג.

דער פאַרברענער פון די מתים איז געווען וואַרשאַווטשיק (געהאַט אַ בעקע־ריי אין ווילנער געטאָ). די קאַצעטלער דערציילן, אַז זיי פלעגן אים אָפּט זען

שטייענדיק ביי דעם ברענענדיקן מתים־שייטער אָנגעטאָן אין אַ טלית און דאַ־ווענען מיטן פּנים צו מזרח.[16] אויף אים זאָגט מען אויך, אַז ער האָט זיך אָנגע־גרייט מצות אויף פּסח און האָט אין לאַגער קיין מאָל נישט געגעסן עפּעס וואָס האָט אין זיך אַ חשש פון טריפות.[17] אויך ווערט דערציילט אַז מענדל ראַטנער, דער פאָטער פון יצחק ראַטנער, האָט קיין מאָל נישט געגעסן זיין זופּ־פּאַרציע צוליבן זעלבן חשש. נאָכן אָפּזיין אייניקע חדשים אין לאַגער איז ער געשטאָרבן פון שוואַכקייט.[16] איינער פון די עדות דערציילט, אַז אין זייער באַראַק האָט מען געהיים געפּראַוועט אַ סדר.[17]

קונדאַ: יידן האָבן זיך שטילערהייט צונויפגעזאַמלט פּסח ביינאַכט, בכדי צוזאַמען פּראַווען אַ סדר, אָן מצות. פּלוצעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ לופט־אָנגריף, מיט באָמבעס און ליכט־ראַקעטן. די לאַגערניקעס האָבן דאַן מיט פרייד געזונגען דאָס ליד „באָמבעס, באָמבעס, פאַלט וואָס גיכער!".[17]א

קורעמע: עדות דערמאָנען זיך וועגן קדיש־זאָגן אין לאַגער. ווען ס'איז גע־שטאָרבן אַ פּרוי פון פלעקטיפוס האָבן אירע זין געזאָגט קדיש און צוזאַמען מיט די טעכטער געזעסן „שבעה".[18] ווען איינער האָט געהאַט יאָרצייט האָבן די קאַ־צעטלער איינגעאָרדנט אַ מנין, בכדי ער זאָל קענען זאָגן קדיש נאָך זיין פאָטער.[19]

רעליגיעזע יידן האָבן אין לאַגער זיך באַמיט איינצואָרדענען אין אָוונט, נאָך דער שווערער פּראַצע, אַ מנין, בכדי צו דאַווענען מעריב בציבור.[20]

געוועזן יידן, וואָס פלעגן זיך שטעלן אין סכנה יעדן פרימאָרגן: זיי פלעגן אָנטאָן דעם טלית און שטעלן זיך דאַווענען שחרית. ווען ס'איז נאָך געווען פינצ־טער, ד"ה נאָך פאַרן פרימאָרגן־אַפּעל, וואָס פלעגט זיך געוויינלעך אָנהייבן 4 אַ זייגער פאַרטאָג. איינער פון זיי דערציילט: „אָבער איך אַליין האָבן נישט געוואָלט דאַווענען שחרית ווען ס'איז נאָך פינצטער, פלעג איך אַריינלייגיין מיינע תפילין אין קעשענע מיט דער כוונה צו דאַווענען שחרית בעת דער בייטאָגיקער קור־צער מיטאָג־הפסקה. און היות כ'האָב געאַרבעט אין וואַלד ביים האַקןביימער, פלעג איך בעת דער האַלב־שעהדיקער הפסקה זיך דערווייטערן פון מייסטער, לייגן תפילין און דאַווענען.[20]

דאָס אויפהיטן די תפילין איז געווען גאַנץ שווער. פון צייט צו צייט, ביים צוריקגיין פון דער אַרבעט, פלעגט דער לאַגערעלטעסטער בודק זיין די קעשענעס פון די קאַצעטלער. „כ'האָב זייער מורא געהאַט טאָמער וועט ער ביי מיר אַנטדעקן די תפילין און זיי צונעמען, ס'איז מיר אָבער דאָך געלונגען אויפצוהיטן די תפילין ביזן פאַרשיקט ווערן פון עסטאָניע קיין דייטשלאַנד".[20]

געווען בחורים, שומרי־מצוות, וואָס האָבן זיך זייער מצער געווען צוליבן נישט קענען אין לאַגער אָפּהיטן כשרות; זיי האָבן געשטעלט זייער שאלה דעם לאַגער־רב: ווי זאָלן מיר האַנדלען אין ענין כשרות אין די לאַגער־באַדינגונגען?;

„כ'דערמאָן מיך, איין מאָל, צוריקגייענדיק מיט הרב מאַרקוס פון דער אַרבעט, איז צו אונדז צוגעגאַנגען אַ בחור פון אַ יאָר 14—15, און האָט געפרעגט דעם רב: רבי, כ'האָב דאָ נישט קיין מעגלעכקייט אָפּצוהיטן כשרות, וואָס זאָל איך טאָן?

דער רב האָט אים מקיל געווען, כ'האָב געזען, אַז זיינע פיס זענען געשוואָלן פון הונגער".[20]

דאָס פּראָבלעם פון שערן און ראַזירן איז אין די לאַגערן געווען זייער קאָמפּליצירט. אַלע האָבן געוואָלט זיין געשאָרן און ראַזירט וואָס אָפטער, צוליב דער שטרעבונג אויסצוזען יינגער — מחמת די פּערמאַנענטע טויט-סעלעקציעס. געווען לאַגערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ „לאַגער-פריזיער", און ער פלעגט שערן אָדער ראַזירן אין באַשטימטע ווייטע צייט-אָפּשטאַנדן. ס'זענען אָבער געווען לאַגערן ווו ס'זענען נישט געווען קיין „אָפיציעלע" לאַגער-פריזיערס. דאָרט פלעגן די פריזיערס, וועלכע ס'איז געלונגען אַריינצוגנבענען אַ שער-מאַשינקע, אָדער אַ ראַזיר-אַפּאַראַט, שערן און ראַזירן פאַר אַ פּאַרציע ברויט.

געווען אין לאַגער קורעמע יידן, וואָס האָבן אויך דאָרט נישט געוואָלט זיך ראַזירן צוליב רעליגיעזע טעמים און זיי פלעגן זיך באַנוצן בלויז מיט אַ שער-מאַשינקע, וואָס זיי האָבן אַריינגעגנבעט אין לאַגער, אַנקומענדיק פון געטאָ. אָפט פלעגט דער לאַגערעלטעסטער אָסטער מאַכן רעוויזיעס און צונעמען ביי די קאַצעטלער אַלץ וואָס ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט. כ'האָב געבעטן אָסטערן ער זאָל מיר דערלויבן האַלטן ביי זיך אַ שער-מאַשינקע — און ער האָט עס מיר דער-לויבט.[20]

חנוכה האָט מען אָנגעצונדן חנוכה-ליכטלעך אין באַראַק. דער וואָס האָט געבענטשט די חנוכה-ליכט איז געווען אַן אַלטער ייד פון קאָוונע „די ליכטלעך איז געווען שווער צו קריגן, אָבער מען האָט געקריגן".[20]

געווען אויך מענטשן וועמען ס'איז געלונגען אַריינצוגנבענען אין לאַגער אַ קליין תנכ"ל. ווען ס'איז אויסגעבראָכן די פלעקטיפוס-עפּידעמיע, האָט מען מיט-גענומען דאָס תנכ"ל אין רעוויר און דאָרט האָבן אים געלייענט די קראַנקע.[20]

דער ס.ס.-דאָקטאָר פאָן באָטמאַן האָט געפונען ביים מחבר אַ טלית, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון ווייוואַרע (ער האָט דעם טלית אַרויסגעגנבעט פון מאַגאַזין פאַרן חזן צו דער כל-נדרי-תפילה) האָט אים ד"ר באָטמאַן צעבריקעט מיט זיינע שטיוול, צעבראָכן אים אייניקע ריפּן, פון וואָס ער האָט באַקומען אַ פלעווריט.[21]

פּסח האָבן אייניקע ישיבה-בחורים געבאַקן מצות אויף די הייסע רערן פון די לאַגער-אייוועלעך. מעל האָבן געשאַפן די „שטאַרקע", אָנגערופן „הונדערטער".[22]

קיוויאַלי: הרב מורינו איז לכתחילה געווען אַ לאַגערניק אין קיוויאַלי 1, פון דאָרט האָט מען אים אַריבערגעפירט אין קיוויאַלי 2. „ער האָט נישט געוואָלט גיין שבת צו דער אַרבעט. מען דערציילט, אַז דער יידישער לאַגערעלטעסטער האָט

אים דערמעגלעכט די שבת־מנוחה. מען האָט דערציילט וועגן רב, אַז ער האָט פּסח געפּראַוועט דעם סדר און אָפּגעהיט יום־טובים.[22]

אין קיוויאַלי איז געווען אַ גרופּע ישיבה־בחורים פון דער „חפץ חיים"־ישיבה אין ראַדון. צוזאַמען מיט זיי איז געווען זייער ראש־ישיבה. זיי האָבן נישט געוואָלט עסן קיין טרפות און האָבן דעריבער נישט געגעסן פון קעסל. זיי האָבן געגעסן נאָר ברויט, מאַרגאַרין (ווען ס'איז געווען) און געטרונקען וואַסער. זייער אויסזען איז געווען זייער שלעכט. זיי זענען גענומען געוואָרן צום טויט בעת דער קינדער־אַקציע.[22]

קלאָגע: אין קלאָגע איז געווען אַ רב און די פרומע יידן האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום אים.[24] אויך סתם־יידן האָבן אים זייער געשעצט און מען האָט אים געהאָלפן, ווי ווייט מעגלעך אין די לאַגער־באַדינגונגען, צו פירן אַ רעליגיעז אַרט לעבן. „אַנטקעגן מיר אויף דער פּריטשע איז געלעגן דער רב, וואָס האָט געהאַט אַ טלית און פלעגט אין אים מתפּלל זיין. מיר אַלע האָבן געמאַכט אַנשטרענגונגען, בכדי אים צו דערמעגלעכן מקיים צו זיין די תרי"ג מצוות.[25] מערערע עדות דערציילן, אַז מען האָט אים גערופן „דער רב פון זאַוולס שול".

אין לאַגער זענען געווען אייניקע טליתים, תפילין, ווי אויך סידורים און חומשים.[24] ווייזט אויס, אַז דאָס אַלץ איז אַרויסגענומען געוואָרן פון בגדים־מאַגאַזין, וווּ ס'זענען געווען אָפּגעלייגט אַלע זאַכן וואָס זענען צוגענומען געוואָרן ביי די געטאָ מענטשן צו זייער אָנקומען אין לאַגער. דער אַרטיסט שבתי בלאַכער ווערט דערמאָנט אַלס איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן „געגנבעט" אַ פּאָר תפילין פון לאַגער־מאַגאַזין און זיי געבראַכט פאַר די פרומע קאַצעטלער.[26] דער לאַגערפירער און די ס.ס.־לייט האָבן איין מאָל איינגעאָרדנט אַ רעוויזיע, ווען אַלע קאַצעטלער זענען געווען מחוץ לאַגער און געפונען עטלעכע אויסבאַהאַלטענע טליתים. דער לאַגערפירער האָט באַפוילן מעלצערן, דעם יידישן לאַגרעלטעסטן זיך איינצוּוויקלען אין אַ טלית און פויזען אויף דער ערד „אויף אַלע פיר".[27]

אין לאַגער־מאַגאַזין איז אויך געווען אַ קליין ספר־תורהלע, וואָס איז דורכן חזן שלמה שאַרף אַריינגעגנבעט געוואָרן פון ווילנער געטאָ, אין אַ קליין זעקל. דאָס זעקל איז אויך געווען צווישן די קאָנפיסקירטע זאַכן וואָס זענען אָפּגעלייגט געווען אין לאַגער־מאַגאַזין.[26]

אין דער פרי, פאַרן גיין צו דער אַרבעט, פלעגן גרופּן יידן זיך נוהג זיין צו דאַווענען שחרית אין טלית־און תפילין.[24] ווען אין לאַגער איז געווען נאָר איין פּאָר תפילין, האָבן זיך מיט זיי באַנוצט די יידן לויט אַ ריי — איינער נאָכן צווייטן.[26] אין די אָוונטן, נאָכן צוריקקערן זיך פון דער אַרבעט, פלעגן פרומע יידן אַריינכאַפּן אַ שטילן מעריב. חזן איז געווען שלמה שאַרף.[26]

יעדן פרייטיק־צו־נאַכט פלעגט דער רב לערנען די סדרה ביים טיש פון באַראַק.[26]

ראש־השנה 1943 איז דורכגעגאַנגען „צעטומלטערהייט" צווישן די אין יענעם טאָג געבראַכטע פון ליקווידירטן ווילנער געטאָ.[24] אָבער די פרויען וואָס זענען אָנגעקומען אין קלאָגע מיט די פרי־ערדיקע ווילנער טראַנספּאָרטן און זענען שוין געווען באַשעפטיקט אין דער לאַגער־קיך, האָבן צוגעגרייט פאַר די ניי־אָנגעקומענע אַ ספּעציעלן יום־טוב־צימעס פון קאַרטאָפל מיט מערן.[28]

אין אַ יאָר אַרום, 1944, איז אום ראש־השנה פאָרגעקומען די מאַסן־שחיטה אין קלאָגע.

יום־כיפור איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ תפילה בציבור. שלמה שאַרף האָט געזאָגט קדיש. מ. באַלבערישסקי האָט געזאָגט אַ פּאָר ווערטער מעניבי דיומא.[24]

קלאָטשקאָ דערציילט: דער רב אין קלאָגע, געוו. רב פון זאַוולס שול אין ווילנע, וואָס איז געווען אין לאַגער צוזאַמען מיט זיין איינִיקל, אַ ישיבה־בחור, האָט זיך געווענדט ערב יום־כיפור צו די לאַגער־יידן און האָט זיי געזאָגט: „יידן, איך בעט אייך, פאַסט נישט, איר האָט דאָך אַ גאַנץ יאָר געפאַסט. אייער אַלעמענס עבירה נעם איך אויף זיך! אַז איך וועל קומען אויפן עולם האמת, וועל איך זאָגן: „איך נעם אויף זיך די שטראָף פאַרן חילול יום־כיפור דורך! דער יידישער עדה אין קלאָגע! איך האָב אַזוי גערופן נישט צום פאַסטן, בכדי זיי זאָלן ביישטיין די שוידער־טעג, וואָס דערוואַרטן זיי נאָך אין לאַגער און כדי ס'זאָל נאָך איבער־בלייבן אַ שארית־ישראל! איך נעם אויף זיך דעם חטאת הקהל!".[28]

יענעם יום־כיפור האָבן אַ סך געזאָגט „יזכור" בעת דער אַרבעט אין די אַר־בעטסס־קאָמאַנדאָס.[24]

ווען ס'האָט זיך דערנענטערט שמחת־תורה איז געלונגען דעם שוישפּילער שבתי בליאַכער, וואָס איז דעמאָלט געווען באַשעפטיקט אין „לאַגערדינסט" און אין בגדים־מאַגאַזין, אַרויסצונעמען געהיים אַ ספר־תורה און איבערגעבן זי דעם חזן שאַרף. אויפן אויבערשטן שטאָק פון מענער־לאַגער האָט דער חזן שלמה שאַרף געמאַכט די הקפות פון שמחת־תורה. די „שטאַרקע" האָבן מודיע געווען, אַז זיי זענען גרייט מוותר צו זיין אויף זייער אָנטייל אין די הקפות, און שטיין אונטן, אויף דער וואַך און אַכטונג געבן ציִ ס'קומען נישט אָן קיין ס.ס.־לייט. אָבער זיי האָבן געבעטן פון שאַרפן און פון די לאַגער־מענטשן אַ תקיעת־כף, אַז זייער שטיין אויף דער וואַך וועט זיי פאַררעכנט ווערן אין הימל פאַר אַ מצווה, פּונקט ווי די מצווה פון שמחת־תורהדיקע הקפות.[26] דער עדות דערציילט, אַז יענעם טאָג האָבן די קאַצעטלער נאָך נישט געהאַט קיין טליתים, האָט שלמה שאַרף זיך איינגעוויקלט אין אַ לאַגער־קאָלדרע און נאָך אייניקע האָבן געטאָן ווי ער; און אַזוי האָבן זיי שטילערהייט מקיים געווען די הקפות פון שמחת־תורה.[26]

חנוכה האָבן זיי איינגעאָרדנט געהיים אַן אָוונט, געזונגען פֿאָלקס־לידער, געבענטשט חנוכה־ליכט, און דער רב האָט געדרשנט וועגן נס חנוכה.[24] דאָס איז פּאַקטיש געווען אַן אָוונט געשאַפֿן דורך דעם אונטערערד, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ טעטיקייט אין קלאָגע.[25]

עס איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פּורים־אָוונט מיט דעקלאַמאַציעס און שטילן קאָלעקטיוון געזאַנג.[24]

פּסח האָבן אַ סך נישט געגעסן קיין חמץ; אָנשטאָט ברויט האָבן זיי געגעסן בוריקעס, קאַרטאָפֿל, קרוטשקע.[24] אייניקע בחורים האָבן זיך ספּעציעל מתעסק געווען מיטן ענין פֿון צוגרייטן מצות. במשך פֿון מערערע טעג האָבן זיי געזאַמלט מעל און צוגעגרייט זיך אין די וואַרשטאַטן אַ „מצה־רעדל". אייניקע נעכט האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אינעם דעזינסעקטאָר און דאָרטן געהיים געבאַקן מצות. גרופּן קאַצעטלער האָבן געפּראַוועט אַ געמיינזאַמען סדר; יעדע גרופּע איז באַשטאַנען פֿון עטלעכע מענטשן.[24]

די לאַגערניקעס דערמאָנען אין אייניקע גביות־עדות די נעמען פֿון די רבנים און ראשי־הישיבות, קאַצעטלער אין די עסטאָנישע לאַגערן: הרב זעליק סלאָ־דזינסקי פֿון פּינסק, רב אין סמאָרגאָן, ביי ווילנע (מען האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען דער איידעם פֿון סאָקאָלאָווער רב אין ווילנער געטאָ — לערער פֿון רע־ליגיע אין די געטאָ־שולן); הרב יצחק מאַרקוס (אויך ער איז געווען רב אין סמאָרגאָן. ער האָט דורכגעמאַכט די עסטאָנישע לאַגערן קורעמע און גאָלדפּילץ); ר' ראובן כהן (געהאַלטן אין ליטעראַטן־פֿאַראיין פֿון ווילנער געטאָ אַ פֿאָרטראָג אד"ט „ירושלים דליטא — די שטאָט פֿון ווילנער גאון"; כ'האָב אים געטראָפֿן אין לאַגער קורעמע; דאָרט איז ער אומגעקומען פֿון דערשעפּונג); הרב מורינו (לעבט וואַרשיינלעך איצט אין פּוילן); לייבל ניעבאָשטשיק־נאַבאָרשטשיק (אַ ישיבה־בחור, לערער אין געטאָ־חדרים; אומגעקומען אין לאַגער דאָומערגען);[24]א

די אַלע דערמאָנטע תּפֿילות, סדרים, יום־טובֿים זענען איינגעאָרדנט געוואָרן בסוד־סודות פֿאַר דער דייטשער מאַכט. קאַצעטלער, וועלכע האָבן אַליין נישט באַקומען קיין רעליגיעזע דערציִונג און אַליין נישט געפֿירט קיין רעליגיעז אָרט לעבן, האָבן דאָך זיך באַמיט צו העלפֿן זייערע פֿרומע חברים מקיים צו זיין די תּפֿילות, און האָבן אָפּט זיך באַטייליקט אין די מנינים, בכדי צו דערמעגלעכן זייערע חברים צו זאָגן קדיש בציבור.[27]

דאָס רעליגיעזע לעבן אין די לאַגערן: די תּפֿילות, די יום־טובֿים, אַפֿילו אין זייער באַגרענעצטער פֿאָרעם, איז געווען אַ דערמוטיקונג פֿאַר די גלוביקע (על פּי רוב עלטערע יידן, איבער וועלכע ס'האָט געשוועבט די אימה פֿאַר די סע־לעקציעס — און האָט זיי געשטאַרקט אין זייער גלויבן און האָפֿענונג אַריבער־צוטראָגן די שווערעליידן פֿון יענע טעג.[28]

באַמערקונגען

1) אַחוץ הרב מורינו, וועלכער געפינט זיך איצט, וואָרשיינלעך, אין פּוילן.

2) סעגאַל, 24 ; זאב וואָלף קרינסקי, געוו. פאַרזיצער פון ווילנער יידישן סוחרים־פאַרבאַנד ; זיין זון — אינזש. יעקב קרינסקי.

3) דוואָרזשעצקי מ., „בין הבתרים", 66 : „און ביינאַכט זענען געשלאָפן פאַרמאַטערטע יידן אויף די באַראַקן־פּריטשעס, און זיי האָבן געמאַכט אַ ברכה איבער די רויטינקע ראַקעטן־ליכט פון עראָפּלאַנען, וואָס זענען אויפגעהאַנגען געוואָרן איבער די הימלען ווי פייערלעך, וואָס האָבן זיך פּלוצעם אָנגעצונדן אויף די שוואַרצע עסטאָנישע הימלען ; טויזנטער מנורות... און אין דער שפּעטער נאַכט, ווען אין די יידישע ישובים, אין דער וועלט־אָן־דראָטן, איז שוין פאַרשוויגן געוואָרן די שטים פון „לשנה הבאה" — האָבן יידן שטיל געגעסן מצה־קוכנס, וואָס זענען בסודי־סודות אויסגעבאַקן געוואָרן אויף די אייזערנע רערן פון די לאַגער־אויוועלעך, מצות פון קאָרנמעל, וואָס איז געקליבן געוואָרן, הויפן נאָך הויפן, אין לאַגער־קיך, וואָכן נאָך וואָכן".

4) דאָרט.

5) פּאָטאַשעוויטש, וואָס האָט צוזאַמען מיטן מחבר דורכגעמאַכט די לאַגערן קורעמע, גאָלדפּילץ און לאַגעדי, און אַרבעט היינט אין בית־דין רבני פון פּתח־תקוה, דערציילט, וועגן פּסח אין גאָלדפּילץ, 3 : „כ'דערמאָן זיך, אַז אייניקע קאַצעטלער האָבן זיך געשטעלט אין סכנה און געבאַקן מצות אין לאַגער. מיין פרוי, רבקה, האָט צו דעם צוועק פאַרקויפט איר קלייד דורך די מתים־ברענער, וועלכע האָבן עס אַרויסגעפירט אויסערן לאַגער און באַקומען פאַר דעם 5—6 „ביקסעס" (קאָנסערן־פּושקעס) מעל. כ'פלעג ברענגען פון וואַלד שטיקלעך האָלץ. ביינאַכט פלעגט מיין ווייב אָנהייצן דאָס באַראַקאויוועלע, און מיר פלעגן באַקן קליינע מצות... כ'האָב זיך פאַרשאַפט אַ טשוואָק, כדי צו מאַכן לעכער אין די מצות. אַ פלאַש האָט אונדז געדינט צום וואַלגערן די מצות... כ'דערמאָן זיך, אַז צווישן די וואָס האָבן געבאַקן מצה אין גאָלדפּילץ איז געווען דער סמאַרגאָנער רב, מאַרקוס, און נאָך אַ פּאָר קאָוונער יידן. דעם סדר האָב איך געפּראַוועט אין פרויען־באַראַק, וווּ ס'האָט זיך געפונען מיין פרוי ; בשעתן סדר פלעגן די פרויען פון צייט צו צייט אויסברעכן אין אַ געוויין. זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן אַמאָליקן לעבן. דאָס געדענקען דעם אַמאָל, ווי אויך דעם סדר — האָט זיי דווקא געשטאַרקט".

6) גאָלעמבאָ, 18 ; טייטלמאַן, 2.

7) טייטלמאַן, 4.

7א) דראַבקין, ש., 19.

8) דוואָרזשעצקי, זכרונות וועגן לעבן אין די עסטאָנישע קאַצעטן. דער „גנב" פונעם טלית אין מאַגאַזין איז געווען אברהם פינטשוק, געוו. סעקרעטאַר פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ווילנע, און פרעזידיום־מיטגליד פונעם געזעלשפאַטלעכן הילפס־קאָמיטעט אין ווילנער געטאָ. דעם טלית האָט ער געבראַכט דעם שרייבער פון די שורות, וועלכער האָט אים איבערגעגעבן דעם קאַצעטלער, וואָס האָט געזאָלט זאָגן כל נדרי אין ווייוואַראַ. היות ס'איז געווען ממש אוממעגלעך צוריקצוטראָגן דעם טלית אין מאַגאַזין, האָט דער שרייבער פון די שורות געטראָגן דעם טלית אין זיין פעקל, און אָנגעקומען מיט אים אין לאַגער קורעמע. דאָרט האָט ד"ר באָטמאַן בעת אַ רעוויזיע גע־פונעם דעם טלית, און אַלס שטראָף צעבראָכן מיר די ריפּן־ביינער.

9) כ'דערמאָן מיך דעם נאָמען פון איינעם פון די קדיש־זאָגערס: נאָזשיק, פון שני־פּישאָק אין ווילנע (זיין טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט איינעם פון די יאַקאָבסאָנס, וואָס זייער פאָטער איז געווען שוחט און געוווינט אויף נאָווגאָראָד). אויך דער שרייבער פון די שורות איז געווען איינער פון די געהיימע קדיש־זאָגערס.

10) זע: דבורז'צקי, ספר השנה, 1965, 365, מוסד הרב קוק, ירושלים. דאָס ליד איז געווען פאַרשפּרייט איבער פאַרשיידענע לאַגערן, אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן. כ'דערמאָן מיך נאָך אַ פראַגמענט פונעם ליד:

„הבט משמים וראה! / אוי, גאָט, גיב אַ קוק פון אויבן, / ווי דיינע קינדער יאָגט מען, / ווי דיינע קינדער פּלאָגט מען, / ווי מען מאַכט פון זיי אַ תל. / אוי, הבט משמים וראה! / אוי, גאָט, נעם ראַכע געשווינד, / פאַר דיין איינציק קינד".

11) באַלבערישסקי, 535.

12) קאַטשערגינסקי ש., חורבן ווילנע, 109—110; יצחק צוקערמאַן איז געווען פאַר דער מלחמה אַ באַקאַנטער האָלץ־סוחר אין ווילנע.

13) סעגאַל, 13.

14. ש. שוסטער.

15) קאַגאַן־גראָדזענסקי, 6.

16) באַראַנאָווסקי, 12

17) שומעליסקי, 12.

17א) די שוועסטערס כץ.

18) קאַגאַן־גראָדזענסקי, 6.

19) דוואָרזשעצקי.

20) פּאָטאָשעוויטש, 2—6.

21) פּאַטאַשעוויטש, 2—6 ; גאָרדאָן, מ. ; ב. פורמאַן.

22) דאַנציגער, 14.

23) גאָרדאָנאָוויטש, 8.

24) באַלבערישסקי.

24א) די זאָרג פאַרן קינד אין געטאָ האָט מיך פאַרבונדן מיט ניעבאַשטשיק־נאַבאַרשטשיק, וואָס איז געווען לערער אין געטאָ. פריינדשאַפט האָט געהערשט צווישן אונדזביידן אויך אין די לאַגערן. ווען מען האָט מיך געפירט אין רעוויר מחמת אַ בלוט־פאַרגיפטונג, האָט ער מיך געטרייסט און צוגעזאָגט צו זאָגן נאָך מיר קדיש, אויב כ׳וועל ניט בלייבן ביים לעבן. ווען כ׳בין אַרויס פון רעוויר איז ער שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע.

25) זיידעל, 15 ; ב. מערין, 133, 136. ער רופט אים אָן „דער שניפּישקער רב״.

26) סעגאַל, 6.

27) ראַטנער, 12.

28) קלאַטשקאָ, 3.

29) די אויסדריקן פון סאָלידאַריטעט מצד די א״ג „פרייע״ יידן כלפי די פרומע און דאָס העלפן זיי צו קענען היטן דעם רעליגיעזן אופן לעבן, האָבן זיך מאַניפעסטירט אין פאַרשיידענע ערטער. לאָמיר דאָ דערמאָנען דעם קאָלעקטיוון סאָלידאַריטעט־אויסדרוק פון יום־כיפור, 1944, אין שטוטהאָף, ווען אַלע יידישע לאַגערניקעס (און צווישן זיי אויך נישט קיין גלויביקע) האָבן דעמאָנסטראַטיוו מוותר געווען אויפן עסן (וואָס איז זיי אויף־צו־להכעיס געגעבן געוואָרן דורך די דייטשן אין זייער אַ „לאָקנדיקער״ פאָרעם: פלייש מיט אַ שמעקעדיקער זופּ פון מייערן און קאַרטאָפל), זע, ד״ר דבורז׳צקי, „בין הבתרים״, 9. אויך האָב איך געהערט, אַז אין פראַנקרייך, אין לאַגער פּיטיוויע, האָבן יידישע „פרייע״, צווישן זיי קאָמוניסטן, געהאָלפן די פרומע אין זייער קאַמף פאַר אַ בית־מדרש אינעם לאַגער. הרב שמעון הובערבאַנד דערציילט אין זיינע כתבים „קידוש השם״, 25, אַז אין פּיאָטרקאָוו האָט אברהם וויסהאָף, איינער פון די אָנפירנדיקע חברים פון „בונד״, אָרגאַ־ניזירט חברים זיי זאָלן ראַטעווען ספרי־תורות, וואָס זענען פאַרשוועכט געוואָרן דורך די דייטשן.

30) באַלבערישסקי שרייבט אין זיינע זכרונות וועגן קלאָגע, אַז „די יידן מאמינים זענען געווען די גליקלעכסטע פונעם לאַגער״.

די אונטערערד און די אַנטלויפֿעניש

אין די עסטאָנישע לאַגערן האָט עקזיסטירט אַן אַנטי־נאַצישע אונטערערדישע באַוועגונג. אירע מיטגלידער האָבן אין ווילנער געטאָ געהערט צו פ.פ.אָ. און צו דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע „יחיאל". ס׳זענען צווישן דער אונטערערדישער באַוועגונג אין די קאַצעטן געווען אויך אַ סך חברים פֿון ווילנער געטאָ און פֿון קאָוונער געטאָ, וואָס האָבן פֿריִער נישט אָנגעהערט צו קיין שום אונטערערדישער באַוועגונג.

די נאַצי־מיטלען כּדי צו פֿאַרמיידן אַן אונטערערדישע באַוועגונג

דער עצם־סיסטעם פֿון די קאַצעטן בכלל און פֿון די עסטאָנישע קאַצעטן בפּרט, וואָס זענען געווען גאָר נאָענט צום לענינגראַדער פֿראָנט, איז געווען באַזירט אויף מיטלען וואָס האָבן געצילט אויסצומיידן יעדן עווענטועלן אויפֿקום פֿון אַן אונטערערדישער באַוועגונג:

א) די פּלאַנירטע איזאָלאַציע פֿון די לאַגערן. די לאַגערן זענען געווען אָפּגע־ריסן איינער פֿון אַנדערן. אָפֿט פֿלעגן אַדורך לאַנגע חדשים ביז אַ ידיעה וועגן דעם וואָס עס קומט פֿאָר אין איין לאַגער פֿלעגט דערגיין צום צווייטן לאַגער. די דאָזיקע כמעט אַבסאָלוטע איזאָלאַציע פֿון די לאַגערן און דאָס כמעט שטענדיקע נישט־וויסן וואָס עס קומט פֿאָר אין דער זעלבער צייט אין אַנדערע לאַגערן, טראָץ אַלע באַ־מיִונגען פֿון די קאַצעטלער וועגן קעגנזייטיקער קאָמוניקאַציע — דאָס אַלץ האָט געווירקט שטענדיק צום פֿאַרמיידן דעם אויפֿקום פֿון אַן אָרגאַניזירטער און קאָנ־צענטרירטער אונטערערדישער באַוועגונג.

ב) די אומענדלעכע איבערזידלונגען פֿון איין לאַגער אין צווייטן. אַלע עדות דערציילן וועגן דעם פֿאַקט, אַז זיי זענען אַריבערגעפֿירט געוואָרן פֿון לאַגער צו לאַגער מערערע מאָל (דער מחבר איז געפֿירט געוואָרן איבער זיבן לאַגערן; אַנדערע — נאָך מער). דאָס איז געווען דער רצון פֿון די נאַציס, נישט צו דער־מעגלעכן די קאַצעטניקעס זאָלן זיך אַקלימאַטיזירן און שאַפֿן קאָנטאַקטן מיט די מענטשן פֿון דער אומגעגנט בכלל און מיט דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג בפּרט.

ג) דער סיסטעם פֿון די קאַצעטן איז געווען באַזירט אויף טעראָר, איזדיע־קעווען זיך, שטראָפֿן און רציחות. ס׳איז געווען קלאָר פֿאַר יעדן קאַצעטניק, אַז אויב די מאַכט וועט זיך דערוויסן, אַז ער געהערט צו וועלכער עס איז אונטער־

ערדישער גרופּע, וועט ער באַקומען טויט־שטראָף, אַן אויספאָרשונגען און אַן וועלכן עס איז געריכט.

ד) די שווערע פּראַצע און די אונטערדערנערונג האָבן קאָנצענטרירט די מחשבות פון לאַגערניק נאָר צו זיין מאָמענטאַנער דאגה: ווי אַזוי זיך אָפּצורוען פון דער עבודת־פּרך און ווי אַזוי זיך איינצושאַפן היינט עפּעס צום עסן. פאַר די אויגן פון אַלע קאַצעטלער זענען געשטאַנען די געשטאַלטן פון זייערע חברים וואָס ווערן פון טאָג צו טאָג אַלץ שוואַכער, וואָס פאַרלירן זייער אַרבעטס־פעיִקייט, ווערן פאַרוואַנדלט אין „מוזלמענער״ און ווערן פאַרשיקט „ערגעץ־ווו״. זייער טאָג־טעגלעכע דאגה איז געווען ווי אַזוי היינט נישט אויסצוגיין פון הונגער, ווי אַזוי היינט נישט צעבראָכן צו ווערן. ווי אַזוי היינט זיך צוריקצוקוקערן אַ לעבעדיקער פון דער אַרבעט און נישט באַקומען קיין טויט־קלעפּ בעתן איזדיעקוועון זיך פון די ס.ס.־לייט. די דאָגה פאַרן היינט האָט ביי אַ סך צוגענומען יעדע מחשבה און יעדע איניציאַטיוו בנוגע דעם מאָרגן.

און טראָץ דעם אַלעם האָט עקזיסטירט אין אַלע עסטאָנישע לאַגערן אַן אונטערערדישע באַוועגונג און ס׳איז געווען אַן אומאויפהערלעכע שטרעבונג צו שאַפן קאָנטאַקטן מיט די פאַרטיזאַנער אין די וועלדער. עס זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַנטלויפונגען, סיי פון יחידים און סיי פון גרופּן.

אין וואָס האָט זיך געקענט אויסדריקן אַן אונטערערדישע אַנטי־נאַצישע טעטיקייט אין די לאַגערן? אַלע זענען געווען ביי דער מיינונג, אַז דער עיקר פון אַזאַ טעטיקייט איז די פאַרבינדונג מיט די פאַרטיזאַנער; דאָס אַוועקגיין אין די וועלדער, בכדי אָנצושליסן זיך אין דער פאַרטיזאַנקע און מיטהעלפן אין קאַמף קעגן די נאַציס.

אָבער דאָ זענען אויפגעשוווּמען אייניקע עיקרדיקע פראַגן:

ווי אַזוי געפינט מען די קאָנטאַקטן מיט די פאַרטיזאַנער אין די עסטאָנישע וועלדער?

ווי אַזוי קען מען פעסטשטעלן וועד עס זענען די פאַרטיזאַנער? צי זענען עס רוסן, געוו. סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי, וואָס זענען איבערגעבליבן אין עסטאָניע? אָדער סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די לאַגערן פאַר קריגס־געפאַנגענע? אָדער אַנטינאַצישע עסטאַניער, וואָס זענען אַרויס אין די וועלדער?

די זוכענישן פון קאָנטאַקטן מיט די פאַרטיזאַנער

די רוסן, וועלכע די לאַגערניקעס האָבן פאַר זיך געזען, זענען געווען, ווי שוין אויבן געזאָגט, צעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: א) סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך געפונען אין די לאַגערן פאַר קריגס־געפאַנגענע, אָפּט

קוים אייניקע קילאָמעטער פון די יידן־לאַגערן, אָבער די שמירה פון די ס.ס.־לייט איבער זיי איז געווען אַזאַ שטרענגע, אַז עס איז ממש נישט געווען מעגלעך אַנצובינדן מיט זיי קאָנטאַקטן. ב) די לאַגער־„פּאָסטנס", וועמען די קאַצעטלער האָבן גערופן „וולאַסאָווצעס". זייער מערהייט איז באַשטאַנען פון אוקראַינער, וועלכע די געטאָ־מענטשן פון ווילנע און קאָוונע האָבן גוט פאַרגעדענקט פון זייער אַכזריות בעת די דעפּאָרטאַציעס קיין עסטאָניע. בדרך כלל האָבן די קאַצעטלער נישט געהאַט צו זיי קיין צוטרוי. מען האָט דאָך זיי געזען ווי „פּאַרקויפטע צו די דייטשן". צווישן זיי זענען געווען אויך רוסן און גרוזינער. די יידישע אונטערערד איז געשטאַנען פאַר דער פראַגע: צי זאָל זי זוכן מיט זיי קאָנטאַקטן? אפשר זענען פאַראַן צווישן זיי אויך אַזעלכע וואָס גרייטן זיך צו אַן „אַליבי" צום טאָג פון סאָוויעטישן נצחון — דעם פאַקט פון זיין „אַנטי־נאַציס אין נאַצישע מונדירן"? אָבער ווי אַזוי קען מען דאָס בודק זיין?

די עסטאָניער. מיטן גרעסטן טייל עסטאָניער האָבן די קאַצעטלער בכלל זיך נישט געקענט צונויפרעדן צוליב דער פרעמדקייט פון זייער שפּראַך („די שפּראַך איז פרעמד און די מענטשן זענען פרעמד"). צוזאַמענרעדן האָט מען זיך געקענט נאָר מיט יענע עסטאָניער וואָס האָבן גערעדט רוסיש. מען האָט געוווּסט, אַז צווישן די עסטאָניער זענען פאַראַן אַ סך וואָס האָבן קאָלאַבאָרירט מיט די דייטשן. פון זיי טאַקע האָבן זיך רעקרוטירט די עסטאָנישע „פּאָסטנס", וועלכע מען האָט תמיד געזען ביים לאַגער־טויער, אָנגעטאָן אין זייערע מונדירן. זיי פלעגן עס פירן פונעם לאַגער צו דער אַרבעט. נישט דורך זיי האָט מען געקענט האָפן אויף קאָנטאַקטן. האָט מען געדאַרפט זוכן פאַרבינדונגען מיט די עסטאָנישע פויערים פון דער אומגעגנט. אָבער מען האָט זיי געהאַלטן פאַר „שווייגערס": ווען מען גייט אַריין צו זיי בעטן אַ שטיקל ברויט גיבן זיי און אָפט בסבר פנים יפות. אָבער ווי אַזוי קען מען דערגיין ווער פון זיי איז אַ פּאַרטיזאַן, אָדער האָט וועלכע עס איז פאַרבינדונגען מיט די פּאַרטיזאַנער? און אויב ער וועט זיך אַרויסגעבן פאַר אַ פּאַרטיזאַן, ווי אַזוי קען מען זיך איבערצייגן צי ער וויל נישט פאַרפירן דעם קאַצעטלער און אים איבערגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ?

מיר האָבן נישט קיין גביות־עדות פון וועלכע מען זאָל קענען לערנען, אַז עס האָבן עקזיסטירט זיכערע פאַרבינדונגען צווישן די יידישע קאַצעטלער פון עסטאָניע מיט דער אָרגאַניזירטער און אָפיציעל אָנערקענטער עסטאָנישער אָדער סאָוויעטישער פּאַרטיזאַנקע אין עסטאָניע. אָבער מען קען זאָגן, אַז עס האָבן עקזיסטירט צופעליקע פּערזענלעכע קאָנטאַקטן מיט אָרטיקע איינוווינער, וואָס האָבן צוגעזאָגט צו העלפן, אָדער וואָס האָבן געוואָלט העלפן די קאַצעטלער, אָנווייזנדיק אויף ערטער ווו מ'קען אַנטלויפן און אויסבאַהאַלטן זיך אין די אַרומיקע וועלדער, און מיטן העלפן זיי צו באַקומען שפּייז ווען זיי זענען געווען אין וואַלד.

די האָלענדער. די באַציונג פון דער מערהייט ציווילע האָלענדער, מאָביליזירטע אויף אַרבעט אין עסטאָניע איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ גוטע צו די יידישע קאַצעטלער. אָבער אויך זיי האָבן נישט געהאַט קיין זיכערע קאָנטאַקטן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג. אויך זיי פלעגן אָפט איבערטראַנספּאָרטירט ווערן פון אָרט צו אָרט. אונדז איז באַקאַנט נאָר איין לאַגער, וויוואַראַ, ווו ס'האָט זיך אָרגאַניזירט אַ געמיינזאַמע יידיש-האָלענדישע אונטערערדישע גרופּע מיטן ציל אונטערצוצינדן דעם לאַגער און דערמעגלעכן דאָס אַנטלויפן פון די קאַצעטלער.

אַלגעמיינע ליניעס פון דער אונטערערד אין די עסטאָנישע קאַצעטן

א. מען קען נישט זאָגן אַז עס איז געווען וועלכער עס איז צענטראַלער שטאַב פון די אונטערערדישע גרופּן, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין די עסטאָנישע קאַצעטן. אָבער מען דאַרף פאַרצייכענען, אַז די רעשטלעך פון צווייטן באַטאַליאָן פון פ.פּ.אָ., וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן דעם 1טן סעפּטעמבער 1943 און פאַרשלעפּט געוואָרן קיין עסטאָניע, און וועלכע זענען צעשיקט געוואָרן איבער די פאַרשידענע עסטאָנישע לאַגערן, האָבן צווישן זיך אָנגעהאַלטן קאָנטאַקטן אין אייניקע לאַגערן, ווי ערעדאַ, סאַסקי, גאָלדפּילץ, קלאָגע, און האָבן זיך געזען אין אַ געוויסער מאָס געבונדן מיט די אָנווייזונגען אָדער עצות פון זייער געוועזענעם קאָמענדאַנט צבי צעפּעלעוויטש. ער האָט אויך פּלאַנירט דאָס אַריבערפירן די רעשטלעך פון צווייטן באַטאַליאָן אין אייניקע לאַגערן, כדי דאָרט אויפצושטעלן אונטערערדישע קעמערלעך. אָבער די מערהייט אונטערערדישע גרופּן אין די לאַגערן זענען אַנטשטאַנען פון זיך זעלבסט און האָבן אָרגאַניזירט זייער אַרבעט און דאָס אַנטלויפן לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו. אפשר איז סאַסקי דער איינציקער לאַגער ווו ס'איז אַנטשטאַנען אַן אונטערערדישע גרופּע אויסשליסלעך אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון די רעשטלעך פון צווייטן באַטאַליאָן.[1]

די ספּאָנטאַנישקייט פון שאַפן זיך פון אונטערערדישע קעמערלעך אָן דירעקטיוון פון וועלכן עס איז שטאַב, און על פּי רוב אָן שום קאָנטאַקט מיט אַנדערע לאַגערן און אָן זייער איניציאַטיוו, און אַפילו אָן שום קאָנטאַקט מיט דער אָרטיקער עסטאָנישער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג — דאָס איז איינע פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער אונטערערד-באַוועגונג אין די יידן-לאַגערן פון עסטאָניע.[2]

ב. מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די קאָנספּיראַציע און די פאָרזיכטיקייט האָט גורם געווען, אַז אַ סך קאַצעטלער האָבן נישט געוווּסט, אַז עס עקזיסטירן אונטערערדישע גרופּן אין זייער לאַגער, ווי אויך פונעם פאַקט, אַז אין דעם זעלבן לאַגער האָבן עקזיסטירט אייניקע אונטערערדישע קעמערלעך, וואָס איינע האָט נישט געוווּסט וועגן דער צווייטער (קורעמע, גאָלדפּילץ).

ג. מען דאַרף רעדן הן וועגן אינדיווידועלע ווידערשטאַנד־אַקטן און הן וועגן קאָלעקטיווע.

די אינדיווידועלע ווידערשטאַנד־אַקטן האָבן זיך אויסגעדריקט הן אין מעשים פון מסירות־נפש, קעגנזייטיקער הילף, גייסטיקן און מאָראַלישן ווידער־שטאַנד, ווי אויך — און אפשר בעיקר — אינעם אַנטלויפן פון די לאַגערן (גאָלדפילץ, ערעדאַ, וויוויקאָני, וויוואַראַ, יעוויע, סאָסקי, קורעמע, קיוויאָלי, קלאָגע), אינעם אַנטלויפן פון די אומקום־פעלדער (אַזאַרי, לאַגעדי ב׳, קלאָגע), אינעם איינ־שטעלן געהיימע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן (אַזאַרי), אינעם געראַנגל מיט די רוצחים בשעת די רציחות (אַזאַרי, קורעמע).

די קאָלעקטיווע אָרגאַניזירטע ווידערשטאַנד־מעשים האָבן זיך אויסגעדריקט אין עצם־אָרגאַניזירן אונטערערדישע גרופּן אין אַלע לאַגערן, טראָץ דער סכנה וואָס איז דערמיט פאַרבונדן; אין די געהיימע צוזאַמענקונפטן; אינעם זוכן קאָנטאַקטן מיט דער עסטאָנישער און סאָוויעטישער פּאַרטיזאַנקע; אינעם זוכן קאָנטאַקטן מיט די קאַצעטלער פון די אַרומיקע לאַגערן; אין די פּלענער און מעשים פון סאַבאָטאַזש (סאָסקי), אין די אונטערציינדונגס־פּלענער (וויוואַראַ); אינעם זאַמלען געווער און צוגרייטן בונקערס אין וואַלד; אינעם אָרגאַניזירטן, קאָלעקטיוון אַנט־לויפן (גאָלדפילץ, ערעדאַ, וויוויקאָני).

דער געמיינזאַמער אויסדרוק פון אינדיווידועלן און קאָלעקטיוון ווידערשטאַנד, זענען געווען די צוגרייטונגען, פּרוווון, און די פּאַקטישע אַנטלויפונגען.

מיר וועלן דאָ געבן אַן איבערבליק וועגן די פּרוווון אויפצושטעלן אַן אונטער־ערד, וועגן די פּרוווון צו פאַרבינדן זיך מיט דער אונטערערד פון דער סביבה (סאָוויעטן און עסטאָניער). וועגן די פּרוווון פון לויפן אין וואַלד, ווי אויך וועגן די אויפטועון פון דער אונטערערד און וועגן די צושטאַנדגעקומענע אַנטלויפונגען. געווען פּרוווון וואָס האָבן מצליח געווען און געווען דורכפאַלן; זיי זענען ווידער באַגייט געוואָרן און זיך געענדיקט אַ מאָל מיט הצלחה און אַ מאָל מיט אַ דורכפאַל. מיר וועלן דערציילן וועגן די דערגרייכונגען און אויך וועגן די כשלונות און אַנטוישונגען פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, ווייל אַזאַ איז געווען דער וועג פון דער אונטערערד אין די לאַגערן.

אויב מיר וועלן זיך פרעגן היינט־צו־טאָג וואָס איז געווען דער בייטראַג פון דער אונטערערד און פון די אַנטלויפענישן פון די עסטאָנישע לאַגערן צום אַלגע־מיינעם קאַמף קעגן נאַצי־רייך (און אַזאַ פראַגע קען דאָך געשטעלט ווערן בנוגע דער אונטערערד פון יעדן געטאָ און פון יעדן לאַגער) — וועלן מיר אויף דעם ענטפערן:

א. די אונטערערד־באַוועגונג און די אַנטלויף־פּרוווון האָבן געצווונגען די

ס.ס.־לייט צו קאָנצענטרירן אַרום די לאַגערן מערערע כוחות, און אַזוי אַרום אָפּגעצויגן זיי פון די קריגס־פראָנטן.

ב. די אונטערערד־באַוועגונג איז געווען איינע פון די בולטסטע אויסדרוקן פון „באָן־קאָנפאָרמיזם" צווישן די קאַצעטלער, געדינט זיי אַלס דערמוטיקונג און האָפענונג, און געהאָלפן זיי אויסהיטן זייער מענטשלעך געשטאַלט און זייער מענטשלעכע אידענטיטעט.

מיר וועלן איצט מאַכן אַן איבערבליק איבער די ווידערשטאַנד־אַקטן פון די אונטערערד־גרופּן און בנוגע די פּרוון צו אַנטלויפן; מיר ווילן דערביי אונטער־שטרייכן, אַז די געברענגטע פאַקטן זענען נאָר אַ טייל פון די צושטאַנד־געקומענע, ווייל אַ סך פון די „אַנטלויפערס" זענען געכאַפּט און דערמאָרדעט געוואָרן; אויך זענען מערערע פון דער אונטערערד־באַוועגונג שוין אויסגעשטאָרבן.

אַאוואַראַ: ווען דער טראַנספּאָרט פון די קאָוונער יידן איז אָנגעקומען קיין אַאוואַראַ האָבן אייניקע יונגעלייט אָנגעהויבן אַנטלויפן, און זיי אַלע זענען דער־שאָסן געוואָרן. וועגן דעם דערציילט א. שוסטער: [3]

„...אַזוי זענען מיר געפאָרן פינף טעג. אויפן זעקסטן טאָג, אין פרימאָרגן, זענען מיר אָנגעקומען אויף אַ וויסטן און פוסטן פּלאַץ. די רוצחים האָבן באַפוילן אַרויסצוגיין פון די וואַגאָנעס. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז די לעצטע סטאַציע פון לעבן. עטלעכע יונגעלייט האָבן זיך געלאָזט לויפן, אָבער זיי זענען געפאַלן פון די קוילן, וואָס די וולאַסאָווצעס האָבן אין זיי געשאָסן. אָנווייזנ־דיק אויף זייערע טויטע קערפּערס, האָט דער קאָמענדאַנט פון צוג, אַן ס.ס.־אָפּי־ציר, מיט ווילדע קולות אויסגערופן: „ווער ס'וועט וואַגן צו מאַכן אַ טריט אַן דערלויבעניש, דערוואַרט אים אַזאַ סוף". צו פיר אין אַ ריי, האַלטנדיק איינער דעם צווייטן פאַר די הענט, אַרומגערינגלט פון אַ שטאַרקער וואַך, האָט מען געטריבן פון אָרט..."

דער דאָזיקער מאָרד גלייך ביים אָנקומען אין לאַגער, איז געווען אַ וואָרענונגס־לעקציע פאַר אַלע קאַצעטלער וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט זיי פאַר יעדן פּרוו צו אַנטלויפן.

אזאָרי: דער לערער פון ווילנער טעכניקום, זעליק גאָלדבערג, האָט אויפגע־שטעלט אַ געהיימען ראַדיאָ [4] אַ דאַנק וועלכן די קאַצעטלער האָבן געוווּסט וועגן די געשעענישן אויף די פראָנטן. ווען מען האָט אַרויסגעפירט די זקנים מיט די קינדער פון אַזאָרי (בעת דער צען־פּראָצענטיקער אַקציע, זומער 1944) און גע־בראַכט זיי אויפן מאָרד־פּלאַץ ביי ערעדאַ, איז פון אומקום־פּלאַץ אַנטלאָפן אַ יונגער בחור (באַראַנאָווסקי ?); ער האָט דערציילט, אַז די פאַרוווּנדעטע האָבן זיך געראַנגלט מיט פּאַניקע, און בשעת דער מהומה איז אים געלונגען צו אַנטלויפן.[4]

גאָלדפּילץ: אין גאָלדפּילץ איז געווען אַ גרויסע קאָנצענטראַציע פון קאַצעט־לער. אַהערצו זענען געבראַכט געוואָרן אַלע לאַגערניקעס פון סאָסקי און פון קורעמע, ווי אויך פון וויוואַרא און פון וויוויקאָני. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן קאַצעטלער־גרופּן, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט אויף איר אייגענער האַנט, זייער אָפט נישט וויסנדיק וועגן דער עקזיסטענץ פון די אַנדערע גרופּן, געזוכט קאָנטאַקטן מיט עסטאָנישע אָדער סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער. די דאָזיקע גרופּן האָבן אַליין זיך גערופן „וואַלד־גרופּן", אָדער „פּאַרטיזאַנער־גרופּן".[5] צווישן זיי איז אויך געווען די גרופּע פון די רעשטלעך פון צווייטן באַטאַליאָן.[6] זי איז אָבער נישט געווען די איינציקע, נאָר איינע צווישן מערערע גרופּן. בעיקר האָט זיך פאַרמערט די צאָל פון די גרופּן, וואָס האָבן געזוכט אַ וועג צום וואַלד, זומער 1944, ווען ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן דער פאַרויסגייענדיקער סאָ־וויעטישער אָפענסיווע. די גרופּן זענען באַשטאַנען פון 5—6 מאַן יעדע איינע. מערערע פון די גרופּן האָבן געגלייבט, אַז זיי האָבן געפונען קאָנטאַקטן צו די עסטאָנישע פּאַרטיזאַנער. אין טאָג פון דער לאַגער־עוואַקואַציע האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די פאַרבינדונגען זענען געווען נאָר אילוזאָרישע.[5]

ס'האָט זיך געשאַפן אַ קאָנטאַקט צווישן דעם אונטערערד פון ערעדאַ מיט די רעשטלעך פון צווייטן באַטאַליאָן אין גאָלדפּילץ (זע: ערעדאַ). אָבער קיין שום קאָנקרעטע זאַך איז נישט אַרויסגעקומען פון דאָזיקן קאָנטאַקט. די מענטשן פון ערעדאַ האָבן געוואָרט, אַז די אונטערערד פון גאָלדפּילץ וועט זיי העלפן אַרויסגיין אין די וועלדער. ווען דאָס איז נישט רעאַליזירט געוואָרן, זענען די גרופּן פון ערעדאַ אַליין, אויף אייגענער האַנט, אַרויס אין וואַלד.[5]

אויך איז נישט צושטאַנד געקומען דאָס אַרויסגיין אין וואַלד פון דער גאָלד־פּילצער גרופּע פון „צווייטן באַטאַליאָן".[6] די צוגעזאָגטע הילף מצד די עסטאָניער, וועלכע האָבן זיך פאַרגעשטעלט אַלס פּאַרטיזאַנער — איז זיי נישט געגעבן גע־וואָרן. זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן, ווי אַלע אַנדערע, צוזאַמען מיטן גאַנצן לאַגער קיין לאַגעדי. ווי עס ווייזט אויס איז נישט געלונגען (דעם „דזשינדזשי") צו שאַפן אַ וועלכן ס'איז ממשותדיקן קאָנטאַקט מיט די עסטאָנישע אָדער סאָוויע־טישע פּאַרטיזאַנער און דאָס וואַרטן אויף זייער הילף האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פאַרפירעריש פאַר די רעשטלעך פון צווייטן באַטאַליאָן. (וועגן „דזשינדזשי", זע ווייטער: ערעדאַ).

נאָכן עוואַקוירן דעם לאַגער גאָלדפּילץ זענען אַהינצו געבראַכט געוואָרן די קאַצעטלער פון אַזערי. אין דעם נאָכמיטאָג און אָוונט, ווען ס'זענען צו זיי דער־גאַנגען קלאַנגען וועגן אַ נאָענטער ליקווידאַציע פון לאַגער, האָבן זיי ספּאָנטאַן זיך אָרגאַניזירט אין גרופּן און אַרויס אין וואַלד, אָן שום פריִערדיקע קאָנטאַקטן מיט וועלכע עס איז פּאַרטיזאַנער. צווישן די אַרויסגייער אין וואַלד זענען געווען

סיי אַזעלכע וואָס האָבן בשעתו געהערט צו דער אונטערערד פון ווילנער געטאָ און סיי אַזעלכע וועלכע זענען פריער געווען ווייט פון יעדן אונטערערדישן קאָנטאַקט.

אין איינער פון די גרופּן האָט זיך געפונען דער דיכטער־פּאַרטיזאַן הירשקע גליק מיט נאָך אַכט חברים.[7] קיינער פון דער גרופּע איז נישט לעבן געבליבן. לויט קורסירנדיקע קלאַנגען, האָט די גרופּע געבלאָנדזשעט אין וואַלד אַ סך טעג און צום סוף האָבן אַלע 9 זיך געזען אַרומגערינגלט אין אַ שייער און דערשאָסן געוואָרן. יש אומרים, אַז ס׳זענען גראַד געווען טעג פון אַבלאַוועס אויף פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. די ניין קאַצעטלער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ שייער, די דייטשן האָבן אַנטדעקט די באַהעלטעניש און געעפנט אויף זיי אַ פייער. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַטאַלער קאַמף פון אומבאַוואָפנטע קאַצעטלער מיט די איבער די אויערן באַוואָפנטע ס.ס.־לייט. אַלע ניין קאַצעטלער זענען געוואָרן דערהרגעט און צווישן זיי אויך הירשקע גליק.[7]

אַ צווייטע גרופּע איז באַשטאַנען פון אריה אָרבאַך (וואָס לעבט און אַרבעט אין דער אָפּטיילונג קעגן די נאַצי־פאַרברעכער ביי דער ישראלדיקער פּאָליציי); דער „אַלטער" וויינער (אַ פריזיער פון ווילנע) און אַ לאָדזשער ייד רעמז (געפינט זיך אין קאַנאַדע). זיי זענען אַרויס גלייך נאָכמיטאָג נישט וואַרטנדיק אויף די אַנדערע גרופּן. בשעת די וואַנדערונגען אין וואַלד איז וויינער דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן.[7]

אַ גרעסערע גרופּע פון אַ 40 מאַן איז אַרויס אין וואַלד נאָכן אַדורכרייסן די דראָט־צוים פון לאַגער. 20 פון זיי זענען געכאַפּט געוואָרן אין וואַלד. מ׳האָט זיי שטאַרק צעשלאָגן (צווישן זיי, יצחק דראַבקין, וואָס האָט געכאַפּט פון פּאַניקע 25 שמיץ). די דאָזיקע גרופּע איז באַקאַנט צווישן די קאַצעטלער פון עסטאָניע ווי „די אַנטלויפערס פון גאָלדפילץ". אייניקע פון די לעבנגעבליבענע פון דער דאָזיקער גרופּע געפינען זיך אין ישראל.[8]

אויפן סמך פון די גביות־עדות פון אריה אָרבאַך און די ברידער העשל און שמואל דראַבקין, האָבן מיר פאַרצייכנט אייניקע נעמען פון די גאָלדפילצער אַנטלויפערס: 1) אריה אָרבאַך (לייב), ישראל; 2) דבורה באַראַוויק (ווילנע), אַמעריקע; 3) גלעזער (אומגעקומען); 4) הירש גליק (אומגעקומען); 5) יצחק גראָדזענסקי (אומגעקומען); 6) העשל דראַבקין (ישראל), 7) חיים דראַבקין (דער טאַטע, נפטר געוואָרן אין ישראל); 8) יצחק דראַבקין (אַנטווערפּן); 9) שמואל דראַבקין 10) דראַבקין שרגא, 11) יצחק האַלפּערן (אומגעקומען), 12) וויינער (אומגעקומען), 13) כאַנין אברהם (אומגעקומען), 14) לעוויט הערשל (אַמעריקע), 15) לעוויט יאַנקל (יעקב) (אַמעריקע), 16) ליפּע קלאַט, 17) יאַנקל (יעקב) ראָזענבערג (אומגעקומען), 18) רעמז (אַמעריקע). מען האָט אויך דערמאָנט די נעמען: 19) ברוך תרח (אַמעריקע); אריה אַרבאַך און העשל דראַבקין לעבן איצט אין ישראל.

„שאר ישוב": ווען ס'האָבן זיך פאַרמערט אין גאָלדפּילץ די קלאַנגען וועגן דער סאָוויעטישער אָפענסיווע און וועגן די אויסזיכטן, אַז די מלחמה ענדיקט זיך, האָט זיך דאָרט אָרגאַניזירט אַן אונטערערדישע ציוניסטישע גרופּע א"נ „שאר ישוב" (לויט יהושע: „דער איבערבלייב וועט זיך אומקערן"). אין נאָמען פון דער גרופּע האָב איך געשיקט בריוו (געשריבענע אויף שטיקער בעטאָן־זעק) צו חברים אין פאַרשידענע לאַגערן, אַז אויב זיי וועלן איבערלעבן — זאָלן זיי רופן די געראַ־טעוועטע נישט צוריקקערן זיך אויף די ערטער, ווו ס'זענען פאַרשניטן און צעשטערט געוואָרן זייערע משפחות און היימען, נאָר זוכן בשותפות וועגן עולה צו זיין קיין א"י.[9] כ'דערמאָן זיך, אַז אַזוינע בריוו זענען דערגאַנגען צו לייב טאַ־ראַשינסקי, ד"ר צמח פעלדשטיין, יעקב רייפער, זעליג קאַבאַטשניק.[9]

וויוויקאַני: איינע פון די עדות אין שנאַבעל־פּראָצעס, אינגסטער מאללי (וווינט איצט אין אַמעריקע), האָט דערציילט בשעתן משפט, אַז ווען זי איז אָנגעקומען אין וויוויקאַני, צוזאַמען מיט איר פינף־יאָריק טעכטערל, איז זי מיט איר אַנטלאָפן פון לאַגער; אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום איז זי געכאַפּט און צוריקגעבראַכט געוואָרן אין לאַגער (אין וויוויקאַני האָט זי געריייניקט די באַראַקן און אַכטונג געגעבן אויף די קינדער און אַזוי אַרום געהאַט אַן אויפזיכט אויך אויף איר טעכטערל, ביז צו דער קינדער־אַקציע).[10]

אַ גרופּע פון יונגע קאַצעטלער, בעיקר אַן משפחות, האָט זיך אָרגאַניזירט כדי צו אַנטלויפן. צווישן זיי איז געווען אַ יוגנטלעכער פון שטעטל מיכאַלישקי, בנימין לודאַנסקי. זיי זענען אַנטלאָפן פון לאַגער, אָבער געכאַפּט געוואָרן. בשעתן אַפּעל האָט מען זיי אַכזריותדיק געשלאָגן. ווען לודאַנסקיס שוועסטער האָט געזען ווי מען שמייסט איר ברודער, איז זי אַראָפּ פון זינען און אירע האָר זענען גרוי געוואָרן. בלויז איינער פון די אַנטלויפערס האָט מצליח געווען און נישט געכאַפּט געוואָרן. מען האָט געשמועסט, אַז אַן עסטאָנישע פּרוי האָט אים אויסבאַהאַלטן.[11]

ווייוואַראַ: אין ווייוואַראַ האָט עקזיסטירט במשך פון אייניקע וואָכן (סעפּטעמ־בער — אָנהייב אָקטאָבער 1944) אַ יידיש־האָלענדישע אונטערערדישע גרופּע.[12] דער פּלאַן איז געווען צו דערמעגלעכן די קאַצעטלער, בעת דער ליקווידאַציע פונעם לאַגער, צו אַנטלויפן אין די נאָענטע וועלדער. צו דעם צוועק האָבן די חברים פון דער גרופּע געזאַמלט ברענשטאָף, וואָס האָט זיך געפונען אויף די אַרבעטס־פּלע־צער, בעיקר בענזין, און אויסבאַהאַלטן עס אין פושקעס צווישן די קליינע קוסטעס אַרום דעם לאַגער. מיט דעם ברען־מאַטעריאַל האָבן זיי געהאַט בדעה אונטערצו־צינדן דעם לאַגער, אָנגעמענדיק, אַז ווען דאָס פייער וועט אַרומכאַפּן דעם לאַגער, וועט זיין אַ שאַנס צו לויפן אין נאָענטן וואַלד. אָבער די האָלענדער זענען פּלוצעם אַוועקגעפירט געוואָרן פון לאַגער אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. אין עטלעכע טעג אַרום זענען פון ווייוואַראַ אויך די יידן אַרויסגעפירט און צעשאָטן געוואָרן אין

פאַרשידענע לאַגערן. צווישן אַנדערע האָבן צו דער גרופּע געהערט: ברעסלאָ, גאַרבער, ד״ר דוואָרזשעצקי.

אין ווייוואַראַ זענען קאָנצענטרירט געוואָרן „אַנטלויפערס״ פון פאַרשידענע לאַגערן. זיי האָבן געמוזט טראָגן אויף זייערע בגדים די רויטע לאַטע, וואָס האָט באַצייכנט די אַנטלויפערס. ווען ס׳איז אָנגעקומען פון נאַרוואַ אַ טראַנספּאָרט פון אַלטע און שוואַכע, אויף אומצוברענגען זיי אין וועלדל ביי ווייוואַראַ, האָבן צו זיי באַדאַרפט אָנגעשלאָסן ווערן אויך אַכט אַנטלויפערס. צוליב מאַנגל פון פּלאַץ אינעם טויטן־אויטאָ, זענען די אַנטלויפערס אין אים נישט אַריינגעבראַכט געוואָרן.[13]

יעוויע: וועגן אַנטלויפענישן פון יעוויע דערציילט ד״ר ירושלמי אין „פּנקס שאבלי״. „די שטראָף פאַר פּרוּוון אַנטלויפן איז באַשטאַנען אין עפנטלעכע שמיץ״. איינער וואָס איז אַנטלאָפן דריי מאָל, האָט אַריינגעכאַפּט 185 שמיץ. דער געכאַפּטער האָט געדאַרפט טראָגן אַ בגד מיט אַ רויטער לאַטע אויף דער פּלייצע און אויף די קני, און מער האָט ער נישט געקענט אַרויסגיין פון לאַגער...״[14]

גערשטיין פון ווילנע, וואָס האָט געאַרבעט אין בנין פון שפּיטאָל אין יעוויע, איז אַנטלאָפן, און מער האָט מען פון אים נישט געהערט.[15]

די אונטערערד פון ווילנער געטאָ האָט געשאַפן אַ גרופּע וואָס אירע חברים זענען געשטאַנען איינער מיטן אַנדערן אין ענגן קאָנטאַקט.[15]

לאַגעדי ב׳: הערמאַן קרוק דערציילט וועגן צוויי פאַלן פון קאַצעטלער וואָס זענען דערהרגעט געוואָרן אויף דער „שטרעקע״ צוליבן דערוווּסטערן זיך פון אַרבעטס־פּלאַץ.[16] באַלבערישסקי גיט איבער, אַז דער לאַגערניק יפה האָט זיך געראַנגלט מיטן עסטאָנישן פּאָסטן איידער ער איז דורך אים דערשאָסן געוואָרן.[17]

וועגן אַן אַנטלויפן פון לאַגעדי דערציילט בלאָושטיין אין זיין עדות־דערקלערונג: איין מאָל, ווען ער איז אַרויס פון לאַגער צו זוכן וואַסער האָט ער באַשלאָסן צו אַנטלויפן. אַכט טעג האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. די פּויערים האָבן אים געגעבן עסן. ביז ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער עסטאָנישער פּאָליציי און געבראַכט געוואָרן אין טאַלינער טורמע.[18]

אוריאל שימאַנאָוויטש, נאָך דעם ווי ער איז געשאָסן געוואָרן אין דעם שחיטה־טאָג פון לאַגעדי (9.14. 1944) און איז געבליבן לעבן, האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט פונעם שייטער, אויף וועלכן ס׳זענען פאַרברענט געוואָרן די קערפּערס פון די הרוגים, און געלאָפן אין וואַלד.[19]

דער זייגערמאַכער רייטבאַרד, וואָס איז געווען צווישן די אַרויסגעפירטע צו דער שחיטה אין לאַגעדי און געכאַפּט נאָר אַ קויל אין נאַקן, איז אַנטלאָפן אין וואַלד, אייניקע טעג זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַן עסטאָנישער פּויערטע און איז שפּעטער געבראַכט געוואָרן קיין קלאָגע.[20]

נאַרוואַ: **דער יוגנטלעכער פון ווילנע, מרדכי ראָזענבערג, איז באַקאַנט געווען אין די לאַגערן אַ דאַנק זיינע אָפטע אַנטלויפענישן (לעבט און אַרבעט אין ישראל, אין „אל על"). מיר ברענגען דאָ בקיצור אייניקע פּרטים פון זיין גבית־עדות וועגן זיינע אַנטלויפענישן:**

בעת זיין ערשטער אַנטלויפעניש האָט אים אַן עסטאָנישע פרוי אויסבאַהאַלטן אין אַ חורבה. דאָרט איז ער געשלאָפן און צו איר אין שטוב פלעגט ער קומען עסן. זי איז געווען אַ זייער פרומע קאַטוילישע פרוי און פלעגט אים צורעדן ער זאָל בייטן זיין רעליגיע. נאָכן אָפּזיין ביי איר אַן ערך זעקס וואָכן, האָט ער באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין שטאָט נאַרוואַ און דאָרט זוכן אַרבעט. ער האָט נישט געהאַט קיין כאַראַקטעריסטישן יידישן אויסזען. ער איז אָבער פאַרהאַלטן געוואָרן בעתן אַריינגיין אין אַ שטוב זוכן אַרבעט. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ רוסיש יינגל וואָס איז איבערגעבליבן פון די קינדער־טראַנספּאָרטן וועלכע פלעגן אַריבערגעפירט ווערן פון רוסלאַנד קיין דייטשלאַנד, דורך נאַרוואַ. ער איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין נאַרוואַער טורמע, ווו ער האָט געאַרבעט אין קיך; אָבער ווען ס'איז אויפגעדעקט געוואָרן אַז ער איז אַ ייד — איז ער צוריקגעפירט געוואָרן אין לאַגער נאַרוואַ.

און ווידער איז ער אַנטלאָפן פון לאַגער, ווידער אַוועק צו דער קריסטלעכער פרוי, און פון דאָרט האָט אים גענומען אַן עסטאָניער, בכדי אַריבערצופירן אין אַ שטעטל ביי דער גרענעץ. ער האָט געגלייבט, אַז אים וועט געלונגען אַריבערצוגיין די גרענעץ. אין שטעטל איז ער אַריין צו אַן עסטאָניערין, וואָס האָט אים געגעבן עסן און אויך צוגעזאָגט צו געפינען פאַר אים באַשעפטיקונג. אָבער ווען ער האָט באַמערקט, אַז זי וויל אים פאַרהאַלטן, איז ער אַרויס דורכן פענצטער און זיין גאַסטגעבערין האָט אים נאָכגעשאָסן. ער איז אַריין אין אַ צימער פון אַן אַלטער פרוי און זיך באַהאַלטן אונטער איר בעט. דייטשן און עסטאָניער האָבן אים דאָרט געפונען צעממיתט און צוריקגעפירט קיין נאַרוואַ. צוזאַמען מיט זיי אין שליטן איז געפאָרן אַן עסטאָנישע פרוי וואָס האָט אויף אים געהאַט רחמנות און פאַרבאַנדאַזשירט זיינע וווּנדן. זי האָט אים אויך געגעבן אַ מאַנטל צום צודעקן זיך. ווען זיי זענען אַריין אין דער שטאָט נאַרוואַ איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון שליטן און זיך צוריקגעקערט צו דער קאַטוילישער פרוי. איין מאָל ווען ער איז אַרויס אין שטאָט, בכדי צו קריגן אַ זעג האָט אים צופעליק געטראָפן פאַניקע און אים צוריקגעבראַכט אין לאַגער.

פאַרן חטא פון זיינע אַנטלויפענישן פלעגט ער, טראָץ זיין יונגן עלטער, שווער באַשטראָפט ווערן. פאַניקע האָט באַפוילן אים אויפצוהענגען ביי די פיס, מיטן קאָפּ אַראָפּ. ווען ער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און געחלשט, האָט פאַניקע געהייסן גיסן אויף זיין קאָפּ עמערס קאַלט וואַסער. מען האָט אים נאָך דעם אַריינגעזעצט אין

לאַגער־תפיסה, אָן עסן, בכדי ער זאָל אויסגיין פון הונגער. אָבער זיינע חברים פלעגן פאַרבאָרגענערהייט אים צושטעלן שפייז. טראָץ אַלע עינויים איז ער געבליבן לעבן און איז אַרויס צו דער אַרבעט. ס׳איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן די שטראָף צו טראָגן אויף זיינע בגדים אַ רויטע לאַטע.[21]

אין יאַנואַר 1944 איז אין נאַרוואַ אויפגעהאַנגען געוואָרן אַ ייד פאַר אַ פּרווו צו אַנטלויפן.[22] נאָך אַ נישט־געלונגענער פּרווו איז געמאַכט געוואָרן דורך אריה אַרבאַך, יצחק פּאַרטנאָי און שכנא האַמבורג. זיי זענען געכאַפּט געוואָרן בעתן אַנטלויפן ביי די באַן־רעלסן און אַכזריותדיק געשלאָגן געוואָרן.[23]

נאָכן אָפּזיין אַ האַלב יאָר אין נאַרוואַ זענען פון דאָרט אַנטלאָפן די יידישע קאַצעטלער מענדל קרעמער און משה לובאַצקי. זיי זענען געכאַפּט געוואָרן דורך עסטאָנישע פּאָסטנס און מ׳האָט זיי איינגעזעצט אין דער נאַרווער טורמע. פון דאָרט האָט מען זיי צוריקגעברענגט אין נאַרוער לאַגער. פּאַניקע האָט זיי אַכזריות־דיק געשלאָגן און זיי באַפוילן צו טראָגן דעם שאַנד־צייכן — די רויטע לאַטע.[24]

סאַנדע: מען האָט דערציילט, אַז עס איז אַנטלאָפן אַן אָרגאַניזירטע גרופּע פון 12—15 מאַן. צוויי האָט מען געכאַפּט און דערשאָסן. איינער פון די אַנטלאָפענע — אַ ווילנער קצב, לייבע, — האָט זיך באַהאַלטן ביי אַ קריסט ביז דער באַפרייונג. מען האָט דערציילט, אַז עס איז אַנטלאָפן דער שוואָגער פון ווילנער צייטונגס־פאַרקויפער, בערגער. מען האָט אים געכאַפּט און דערשאָסן (ש. שוסטער).

סאָסקי: וועגן דער אונטערערד אין סאָסקי האָבן מיר די גבית־עדות פון משה ווײַן, וואָס איז פאַרשריבן געוואָרן נאָך אין יאָר 1944 דורך הערמאַן קרוק, ווי אויך פון איינזש. מ. גאָרדאָן, גמליאל דאַלינסקי, לייבל דיסטעל און פייוול האַרטמאַן.

לויטן גבית־עדות פון מ. ווײַן זענען קיין סאָסקי אָנגעקומען צוועלף חברים פון פּ.פּ.אָ. ד״ה פון צווייטן באַטאַליאָן.[25] צווישן זיי דערמאָנט ער די נעמען פון גאָלדמאַן, גאַנטאָוויניק, יאָשפּה, ווײַן. ס׳איז אונדז אויך באַקאַנט, אַז צווישן זיי זענען געווען נאָך מענטשן פון צווייטן באַטאַליאָן: גמליאל דאַלינסקי (איצט אין תל־אביב), לייבל דיסטעל (איצט אין קיבוץ יפעת), ווי אויך אברהם לייבאָוויטש.[26]

במשך פון דער צייט האָבן זיי געהאַט אויפגעשטעלט אַן אונטערערדיש קעמערל, צו וועלכן מען האָט צוגעצויגן נאָך קאַצעטלער, וואָס האָבן אין ווילנער געטאָ נישט געהערט צו פּ.פּ.אָ. לויט ווײַנען איז זייער צאָל דערגאַנגען צו 20, לויט דאַלינסקין — ביז 30.

אין די אויבן דערמאָנטע גביות־עדות געפינען מיר 15 נעמען פון די אָנגעהע־ריקע צו דער אונטערערדישער גרופּע פון סאָסקי, און נעמלעך: 1) ישראל בערמאַן, 2) מרדכי גאָלדמאַן, 3) אברהם גאַנטאָוויניק, 4) מאַרק גאָרדאָן, 5) גמליאל דאַלינסקי, 6) לייב דיסטעל, 7) פייוול האַרטמאַן, 8) משה ווײַן, 9) מאָטל יאָשפּה,

10) פייוול סווירסקי, 11) צבי (גרישאַ) צעפּעלעוויטש, 12) יהושע פּומפּיאַנסקי, 13) פּראַט (ענדקע, עלקע ?), 14) רודניק (פון סמאַרגאָן), 15) אברהמל לייבאָוויטש.

לויט דאַלינסקין האָבן צעפּעלעוויטש, גאַנטאָווניק און יאָשפה מיט זיך פאַרגע־שטעלט אַ מין שטאָב פון דער אונטערערדישער גרופּע.

לאָמיר דאָ איבערגעבן דעם אויסשניט פון ווייִנס עדות־זאָגן וועגן אונטער־ערד אין סאָסקי (אַזוי ווי ס'איז פאַרעפנטלעכט אין „מורשת", ב"ב, 51), און דערצו מוסיף זיין אייניקע אויפקלערונגען פון די לעבנגעבליבענע עדות:

די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט [פונעם אונטערערד] אַנטוויקלט זיך

„...נאָכן אָפּזיין צוויי וואָכן אין סאָסקי, איז אָנגעקומען אַ פאָדערונג פון „אָ־טע" וועגן נאָך דרייסיק אַרבעטער פאַרן פאָרט פון האָראָדענקאָ. צווישן די דרייסיק געפינט זיך אויך יאָשפה. ער פאָרט בכדי אויסצופאָרשן דעם אַרבעטס־פּלאַץ. די רעזולטאַטן פון דער אויספאָרשונג: אויף דער צווייטער זייט נאַרוואַ, אַכט קילאָ־מעטער פונעם פאָרט, ד"ה פון פאָרט גדאָוו, געפינט זיך אַ פּאַרטיזאַנישע איינהייט. גלייך מאַכט מען אַ פּרווו מיט איר זיך צו פאַרבינדן.

פּאַר אַ באַלוינונג אין גאָלד קומט אָן אַ פויער פון יענער סביבה, און דורך זיין פאַרמיטלונג ווערט געזוכט אַ מעגלעכקייט פון אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַרטי־זאַנער. נאָך דריי טעג ווערט געשאַפן דער קאָנטאַקט. ביידע צדדים זענען זייער פאַרזיכטיק. מען באַשליסט צו שאַפן נאָך אַ קאָנטאַקט, בכדי צו קאָנטראָלירן די זיכערקייט פונעם ערשטן. משה ווייִן ווערט געשיקט צו אַן אַרבעט צו דער ס.ס.־וואַכע, וואָס באַשטייט פון די איינוווינער פון דער סביבה, וועלכע זענען פאַרן פרייז פון זייער אָנשליסן זיך צו ס.ס. באַפרייט געוואָרן פון געשיקט צו ווערן אין אַ לאַגער. דער קאָמענדאַנט פון דער וואַכע איז באַלעכאָוו. אַ געוו[עזענער] באַלש[עוויסטישער] אָפיציר. חבר ווייִן הייבט דאָרט אָן זיין אַרבעט. ער באַשליסט צו רעדן אָפן מיט איינעם פון זיי, אַ געוויסער באָריס. דאָס געשפּרעך קומט פאָר ביים טויער פון דער וואַכע, וואָס איז דאַן דורך יענעם געהיט געוואָרן. די רעזול־טאַטן: יענער גיט איבער, אַז פון דער צווייטער זייט געפינט זיך אַן אָפּטיילונג, און אַז די וואַכע פירט אַ טעטיקייט, און אַז דער קאָמענדאַנט פון דער וואַכע איז אַ פאַרטרויונגס־מאַן. זייער פּלאַן איז בשעת זייער אַוועקגיין מיטנעמען אַ 10 געזונטע פונעם לאַגער. דעם זעלבן אָוונט קומט פאָר אינעם לאַגער־באָד די ערשטע זיצונג פון דער גרופּע פון די צען. באַשלוסן: צוויי חברים ווערן געשיקט אויף דער צווייטער זייט [פונעם טייך] בכדי צו קריגן פאַרבינדונגען, באַקומען אָנווייזונ־גען און ממשיך זיין די טעטיקייט. ח' ווייִן ווערט צוגענומען פון דער וואַכע און ער ווערט באַשטימט אַלס נאַכט־הייצער ביי דער באַן. זיין פּלאַץ פאַרנעמט דער ח' דיסטעל. דעם ח' ווייִן ווערט געגעבן די מעגלעכקייט אַריינצוגיין אין לאַגער

יעדע צייט, בייטאָג און ביינאַכט, ווי אויך נאָכצופאָרשן די נאַכט־באַוועגונג אויפן שאָסיי.

סאַב[אָטאַזש־טעטיקייט]

צומאָרגנס נאָך דער זיצונג קומען אָן די ערשטע באַפעלן צו פירן סאַבאָ־טאַזש־טעטיקייט. דער ערשטער אויפטו איז דאָס ליקווידירן צוויי דיזל־לאָקאָמאָ־טיוון, וואָס זענען באַשטימט פאַר דער קליינער באַן. ס׳צייכנט זיך אויס ביי דעם אַקט דער ח׳ אברהמל לייבאָוויטש. ס׳דערנענטערט זיך דער גערעדנק־טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. נאָך 10 מאַן שליסן זיך אָן צו דער טעטיקייט, און זיי נעמען אָנטייל אין דער פייערלעכער זיצונג וואָס קומט פאָר יענעם [טאָג] אין באָד. אין טאָג־באַפעל לייענט איבער דער קאָמענדאַנט פון באַטאַליאָן, צעפּעלע־וויטש, אַ קורצן סטאַטוט און טיילט פונאַנדער די אויפגאַבן. מען באַשליסט צו אַנטלויפן ביי אַ געלעגנהייט. דער קאָנטאַקט איז אין אָרדענונג, ער קומט פאָר אין וואַלד, ווו עס אַרבעט אַ גרופּע יידישע לאַגערניקעס, וואָס איר צוזאַמענשטעל איז באַשטימט געוואָרן דורך פ.פּ.אָ. אָן ערך אָנהייב פעברואַר 1944 באַשליסט מען ענדלעך וועגן אַנטלויפן. צוליב דער שנעלער עוואַקואַציע פונעם לאַגער ווערט דער פּלאַן נישט רעאַליזירט. דער לאַגער מאַרשירט צו פוס 20 קילאָמעטער ביז קוראָמיי און דאָרט גיסט ער זיך צונויף מיט אַ צווייטן יידישן לאַגער. אַזוי ווערט איבערגעריסן די טעטיקייט פון פ.פּ.אָ. און פון דער גרופּע פון די 20 געפינען זיך צוזאַמען נאָר די ערשטע צען. אָבער מען פירט נישט קיין טעטיקייט. אַ חודש שפּעטער, בערך דעם ערשטן מערץ, מאַכט דער לאַגער צופוס אַ 60־קילאָמעטער־דיקן מאַרש אין דער ריכטונג פון גאָלדפּילץ״.

לויטן עדות־זאָגן פון ווייך, איז נישט קלאָר ווער ס׳זענען געווען די ס.ס.־לייט, וואָס האָבן געפירט די פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט? מען קען משער זיין, אַז זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גרופּע רוסיש־ריידנדיקע עסטאָניער, אָדער אַ גרופּע רוסן, עסטאָנישע בירגער. אויך לייגט זיך אויפן זינען, אַז דאָס זענען געווען רוסי־שע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו ס.ס. בכדי נישט צו טיילן דעם שווערן גורל פון אַלע אַנדערע סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע (ד״ה, אַז צווישן זיי זענען געווען „פּערעקולשטשיקעס״, וואָס האָבן געוואָלט אויסקויפן זייער בגידה).

דאָלינסקי דערציילט אין זיין גבית־עדות, אַז דער קאָמענדאַנט פון דער וואַכע איז געווען אַ רוסישער לייטענאַנט. מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ קריגס־געפאַנגענער סאָוויעטישער לייטענאַנט, וועלכער איז פון דער דייטשער געפאַנגענשאַפט אַנטלאָפן אין די וועלדער, ער האָט דאָרט נישט געקענט עקזיס־

טירן, איז ער פריוויליק אַריבער אין דינסט פון די דייטשן. ער האָט געטראָגן אַן ס.ס.־מונדיר, אָבער נישט דעם גרינעם מונדיר פון די א״ג וולאַסאָווצעס.

לויט דאַלינסקין זענען די מענטשן פון דער וואַכע געווען רוסן פון דער אומגעגנט: האַראַדענקאַ, יאַמאַ, סאַסקי. דער לאַגער גופא איז געלעגן ביי דער שאָסייען־קרייצונג פון דער סביבה.

וואָס שייך באַריסן, וועלכער ווערט דערמאָנט אין ווייס עדות־זאָגן, דערציילט וועגן אים דאַלינסקי, אַז ער פלעגט אָפט אַריינקומען אינעם יידן־לאַגער, און דאָרט שפּילן אויפן אַקאָרדעאָן, און אַלע פלעגן זינגען צוזאַמען. דאַלינסקי דערציילט, אַז באַריס, צוזאַמען מיט נאָך איינעם פון דער וואַכע, איז אַנטלאָפן פון דער וואַכע, געכאַפּט און דערשאָסן געוואָרן.

מען קען נישט וויסן די ממשות פון דעם קאָנטאַקט מיט די צווייפלהאַפטע פּאַרטיזאַנער (רוסן אין ס.ס.־דינסט וואָס האָבן ״חרטה״). דער פּלאַן צו אַנטלויפן צוזאַמען מיט זיי אין טאָג פון דער לאַגער־ליקווידאַציע, איז לגמרי נישט רעאַלי־זירט געוואָרן.

אברהם לייבאָוויטש איז שפּעטער אַריבערגעפירט געוואָרן מיט די איבעריקע אין די לאַגערן קורעמע און גאַלדפילץ. לויט דיסטעלן האָט אברהמל געהאַט רויטע האָר און האָט אויסגעזען ווי אַן אַריער,[28] און ער איז עס דער „דזשינדזשי״ וועגן וועלכן צעפּעלעוויטש האָט דערציילט, אַז ער שטייט אין קאָנטאַקט מיט סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער.[28א]

וועגן די אונטערערדישע באַגעגענישן, וועלכע פלעגן פאָרקומען אין לאַגער, און וועגן די טאָג־באַפעלן וואָס צעפּעלעוויטש פלעגט פאַרלייענען אויף יענע באַ־געגענישן, דערציילט אין זיין גבית־עדות אינזש. מ. גאָרדאָן.[27] פּיווול האַרטמאַן דערציילט, אַז אַלע מענטשן פון דער גרופּע האָבן געלעבט צווישן זיך „ווי אין משפּחה״.[28]

ערעדאַ: ערעדאַ האָט געהאַט צו פאַרצייכענען צוויי תקופות פון דער אונטער־ערד: די ערשטע תקופה האָט געדויערט בערך אַ חודש, זינט עס איז אָנגעקומען קיין ערעדאַ דער טראַנספּאָרט פון ווילנער געטאָ (צווישן זיי די מענטשן פון צווייטן באַטאַליאָן). וועגן יענער קורצער תקופה ווערט דערציילט:

„...נאָך זייענדיק אין וועג, האָבן מיר שוין אָנגעהויבן רעדן וועגן אָרגאַניזירן אַ טעטיקייט אויפן אָרט, וועגן לויפן אין די וועלדער, וועגן שאַפן קאָנטאַקטן מיט דער אָרטיקער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג (אויב אַזעלכע עקזיסטירט). נאָך אין ערעדאַ האָבן מיר באַקומען די ידיעה, אַז ס'איז דאָ אַ קאָנטאַקט מיט ווילנע. צבי צעפּע־לעוויטש, וואָס איז דאַן געווען אַ לאַגערניק אין ערעדאַ, האָט איבערגעגעבן, אַז ער האָט באַקומען אַ קאָנטאַקט מיט דער עסטאָנישער אונטערערד אַ דאַנק דער פאַרמיטלונג פון אַ ווילנער מענטש... אָבער אין אַ חודש אַרום האָט מען פּלוצעם

אַרויסגעפירט אַ 150 מאַן פונעם ערעדאַ־לאַגער. כמעט די גאַנצע אָרגאַניזירטע גרופּע האָט פאַרלאָזן דעם לאַגער...״ [29]

וועגן דער דאָזיקער קורצער תקופה דערציילט אין זיין גבית־עדות מ. וויין: „... די פּ.פּ.אָ.־גרופּע געפינט זיך צוזאַמען אין באַראַק 12. דער חבר פון פּ.פּ.אָ. מרדכי גאָלדמאַן ווערט דער בלאָק־עלטעסטער״. [30]

לויט איינעם פון די דאָקומענטן האָבן זיך די פּ.פּ.אָ.־חברים דאָרט אָרגאַניזירט אין אַ שותפות־קאָלעקטיוו. [31]

מיטן אַרויספירן די 150 ערעדאַ־מענטשן קיין סאָסקי (און צווישן זיי 12 מאַן פון צווייטן באַטאַליאָן) ווערט דאָס אָרגאַניזירן זיך פון אונטערערד אין ערעדאַ איבערגעריסן און די טעטיקייט טראָגט זיך איבער קיין סאָסקי.

לויט דער עדות פון ב. זאַלקינדסאָן (פאַרשריבן דורך ה. קרוק), זענען אין יענער תקופה אַנטלאָפן 4 קאַצעטלער פון ערעדאַ. זיי זענען אַלע געכאַפּט געוואָרן.

צווייטע תקופה: אין אייניקע חדשים אַרום, נאָך דער סאָוויעטישער אָפענסיווע פון פעברואַר־מערץ 1944, ווערן אין ערעדאַ קאָנצענטרירט קאַצעטלער פון פאַרשידענע עוואַקויִרטע לאַגערן, צווישן זיי אויך געוו. מיטגלידער פון דער ווילנער אונטערערדישער באַוועגונג, וואָס זענען נאָך געכאַפּט געוואָרן בשעתן ערשטן טראַנספּאָרט (1943.8.6).זיי ווערן דאָן געבראַכט קיין יעוויע און פון דאָרט אַלס קראַנקע אויף פלעקטיפוס, קיין וויוואַרע. פון וויוואַרע — אַלס „רעקאָנוואַלעסצענטן״ קיין זיוויקאָני, און שפּעטער, מיטן עוואַקואַציע־מאַרש קיין ערעדאַ.

די לאַגערן ערעדאַ און גאָלדפילץ האָבן זיך געפונען אויף איין שאָסיי, אָבער ווייט איינער פונעם אַנדערן אייניקע צענדליק קילאָמעטער. ברוך גאָלדשטיין פון ערעדאַ האָט איניציאירט אַ קאָנטאַקט מיט גאָלדפילץ. מיט פאַרשידענע תחבולות איז ער אַרויס אויפן שאָסיי אַלס זופּ־פאַרטיילער פאַר די ערעדער קאַצעטלער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין פאַרשידענע איינהייטן לענגאויס דעם שאָסיי. דאָרט האָט ער צופעליק באַגעגנט אַ גאָלדפילצער, וואָס האָט געאַרבעט אויף דער „שטרעקע״, דעם מחבר פון בוך, אַ חבר פון אַן אונטערערדישער גרופּע אין גאָלדפילץ, וואָס האָט צונויפגעפירט ברוך גאָלדשטיין מיט צבי צעפּעלעוויטש און אַבראַשע גאָנטאָווניק. [32] פון זיי האָט זיך גאָלדשטיין דערוווּסט, אַז די גאָלדפילצער, געוועזענע חברים פון צווייטן באַטאַליאָן, זאָלן האָבן אַ קאָנטאַקט מיט אַ געוויסן „דזשיבדזשי״, וואָס האָט זיי צוגעזאָגט צו פאַרבינדן מיט עסטאָנישע פּאַרטיזאַנער און אַרויסצופירן אין די וועלדער. [33]

די דאָזיקע ידיעה האָט אויפגעוועקט די ערעדער צו אָרגאַניזירן אַן אונטערערדישע גרופּע, וואָס האָט, לויט איינעם פון די עדות, געציילט אַן ערך 100 מאַן. בראש פון דער גרופּע זענען געשטאַנען ברוך גאָלדשטיין, פּייוול האַרטמאַן, יצחק

קויפמאַן. צווישן די טעטיקע זענען געווען די ברידער גאָרדאָן און לייב טאַראַ־שינסקי (אָנפירער פון החלוץ אין ווילנע). זיי האָבן געגלייבט צו זען אין דער אונטערערד פון גאָלדפילץ די אויטאָריטאַטיווע גרופּע, און האָבן געוואַרט אויף אָנווייזונגען פון דאָרט און אויף ידיעות בנוגע קאָנטאַקטן מיט פּאַרטיזאַנער.[34]

נאָך וואָכן פון אומזיסטער דערוואַרטונג אויף אַ ווייטערדיקער פאַרבינדונג מיט גאָלדפילץ, האָבן זיי זיך אַנטוישט אין דער מעגלעכקייט צו קריגן קאָנטאַקטן מיט עסטאָנישע פּאַרטיזאַנער דורך דער גרופּע אין גאָלדפילץ.[34]

לויט די ווערטער פון גאָלדפילצער לאַגערניק משה שומעליסקי, אַ געוועזענער מיטגליד פון צווייטן באַטאַליאָן, האָט זיך ביי אַ טייל חברים פון צווייטן באַטאַ־ליאָן, אַרויסגעפירטע קיין ערעדאַ, אויפגעוועקט, נאָכן דורכפאַל פון דער „פּאַרכאַ־פונג" (סעפּט. 1943), ספקות וועגן די אָנפירונגס־קאַפּאַציטעטן פונעם באַטאַליאָן־שטאַב. זיי האָבן באַשלאָסן מער זיך נישט צו פאַרלאָזן אויף „אָרגאַניזירטע, קאָ־לעקטיווע" פּרוּוון פון גיין אין די וועלדער און באַשלאָסן צו זוכן אַן אויסוועג אויף דער אייגענער האַנט (זע גבית־עדות פון מ. שומעליסקי).

אָבער אַנדערע חברים האָבן ווייטער געפירט אַן אָרגאַניזירטע אונטערער־דישע אַרבעט, און געזוכט אין ערעדאַ, נישט פאַרלאָזנדיק זיך מער אויף גאָלד־פילץ, קאָנטאַקטן מיט אָרטיקע פּאַרטיזאַנער בכדי צו אָרגאַניזירן אַן אַנטלויפונג.[34]

ס׳זענען אויפגעשטעלט געוואָרן „פינפטלעך". צווישן זייערע אָרגאַניזאַטאָרן זענען געווען אברהמל קריין און חיים צאַך. ס׳איז אויך געלונגען צו קריגן אַ ביסל געווער: האַנט־גראַנאַטן, וואָס די לאַגערניקעס האָבן אַראָפּגעצויגן פון די עסטאָ־נישע פּאָסטנס בעת זיי האָבן גערייניקט זייערע צימערן.[34] אברהם קריין און דוד האַמבורג פאַרבינדן זיך, בעת זייער אַרבעט אויסערן לאַגער, מיט אַן עסטאָניער, וואָס זאָגט זיי צו הילף צו קריגן אַן אָרט אין וואַלד פאַר אַ קליינער גרופּע קאָ־צעטלער.[34]

דערווייל קומען אָן ידיעות וועגן דער באַגייטער סאָוויעטישער אָפענסיווע. אין ערעדאַ ווערן בולט די סימנים פון דער עוואַקואַציע וואָס דערנענטערט זיך. אַ געוויסן טאָג איז מען נישט אַרויס צו דער אַרבעט און דער לאַגערפירער האָט אָנגעזאָגט, אַז „מאָרגן גייט מען אַוועק קיין טאַלין און פון דאָרטן וועט מען פאָרן אויף שיפן קיין דייטשלאַנד".[35]

לויט די עדות איז נישט געווען אין ערעדאַ קיין סטאַבילע קאָמענדע פון דער אונטערערד, נאָר אַ גרופּע אַקטיוויסטן, וואָס פלעגט זיך צונויפקומען אויף באַראַ־טונגען, און וואָס האָט געהאַט אַ השפעה אויף די איבעריקע חברים.

אין דער נאַכט ווען מען האָט זיך דערוווּסט וועגן דער נאָענטער עוואַקואַציע האָבן די חברים פון דער אונטערערד באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון לאַגער.[36] לויט דער דערקלערונג פון גאָלדשטיינען זענען געווען גרייט צום אַנטלויפן אַן ערך

80 מאַן, אָבער ווען זיי האָבן אָנגעהויבן זיך צו דערנענטערן צום פּאַרקאַן, האָט די ס.ס.־וואַכע געעפנט אויף זיי אַ שיסעריי.[37]

ס׳איז געווען קלאָר, אַז אַ מאַסן־אַנטלויפן איז נישט מעגלעך בשעת דער עוואַקואַציע. „דער גאַנצער לאַגער איז געווען אַרומגערינגלט מיט דייטשן יעדע דריי מעטער״.[37] די אונטערערד־אַקטיוויסטן האָבן איינגעזען, אַז אַ מאַסן־אַנטלויפן אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז אַ „קאָלעקטיווער זעלבסטמאָרד״.[37] קיינער האָט נישט געוואָלט אין די באַדינגונגען נעמען אויף זיך די אַחריות פאַרן אָרגאַניזירן אַ מאַסן־אַנטלויפן וואָס איז פון פאָרויס פאַרמשפּט דורכצופאַלן. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז „יעדער איינער זאָל האַנדלען אויף אייגענער האַנט״.[32]

אין דער פרי זענען אַרויס, אָן קאָנטאַקט צווישן זיך, דריי גרופּן:

אַ גרופּע, וואָס האָט געציילט 11 מאַן, בראש מיטן אינזש. מ. גאָרדאָן און פּיפּי האַרטמאַן. די דאָזיקע גרופּע האָט נאָך באַצייטנס געהאַט צוגעגרייט, מיט דער הילף פון אַן עסטאָניער, אַ באַהעלטעניש אין וואַלד. קומענדיק אין וואַלד האָבן זיי זיך גלייך געווענדט צו יענער באַהעלטעניש.[37]

די צווייטע גרופּע האָט געציילט 3 מאַן: ד״ר יצחק אַנטאָקאָלעץ, ברוך גאָלד־שטיין און יצחק קויפּמאַן. זי איז אַרויס אין וואַלד אָן אַ צוגעגרייטער באַהעלטע־ניש.[37] די מענטשן פון דער ערשטער גרופּע זענען אַרויס פון זייער באַהעלטעניש אין וואַלד, בכדי צו זוכן נאָך אַנטלויפערס, און זיי האָבן אָנגעטראָפן די מענטשן פון דער צווייטער גרופּע, וועלכע האָבן זיך גלייך צו זיי אָנגעשלאָסן און צוזאַמען אויפגעשטעלט אַ בונקער. דאָרט זענען זיי געווען 56 טעג, ביזן טאָג פון דער באַפרייונג. ד״ר אַנטאָקאָלעץ איז אַרויס זוכן אַ קאָנטאַקט מיט פּאַרטיזאַנער און האָט זיך מער נישט אומגעקערט.[37]

אין די גביות-עדות פון גאָלדשטיין, האַרטמאַן און קויפּמאַן זענען דערמאָנט 10 אַנטלויפערס פון ערעדאַ. דאָס זענען: 1) ד״ר יצחק אַנטאָקאָלעץ, 2) ברוך גאָלדשטיין, 3) אינזש. מאַרק גאָרדאָן, 4) פייוול (פּיפּי) האַרטמאַן, 5) דוד האַמ־בורג, 6) פייוול מילשטיין, 7) יענקעלע צאָך (היינט ברוש יעקב), 8) יצחק קויפּמאַן, 9) בארקע, 10) נחקע. צוויי פון די עדות, גאָלדשטיין און קויפּמאַן, דערמאָנען זיך אין נאָך צוויי נעמען: 11) אברהם קריין און 12) חיים צאָך.

ס׳איז אויך באַקאַנט געווען אַ דריטע גרופּע פון 5 מאַן. ס׳זענען געווען קלאַנגען, אַז זיי זענען געכאַפּט געוואָרן. זיי האָבן נישט אויסגעגעבן די נעמען פון די אַנדערע אַנטלויפערס און זענען דעמאָרדעט געוואָרן.[37]

עדות דערציילן, אַז אַחוץ די דריי גרופּעס, זענען יענעם טאָג אַנטלאָפן נאָך יחידים, צווישן זיי ווערט דערמאָנט דער נאָמען קלאָט.[38]

פון די דערקלערונגען פון די פינף עדות, וואָס האָבן זיך צוזאַמען געפונען

אין בונקער (גאָלדשטיין, גאַרדאַן, האַרטמאַן, מילשטיין, קויפמאַן), קאָן מען זיך שאַפן אַ בילד פונעם לעבן און פּראָבלעמען פון די אַנטלאָפענע ביי ערעדאַ:

די גרופּע פון די ערשטע 11 איז געווען פאַראינטערעסירט צו קאָנצענטרירן אויף אַלע איבעריקע אַנטלאָפענע. דעריבער זענען זיי אַרויס פון דער באַהעלטעניש צו זוכן בלאָנדזשענדיקע אַנטלויפערס.[39] האַמבורג און האַרטמאַן האָבן געקריגן ביי אַן עסטאָנישן פּויער אַן אָבסערוואַציע־פּונקט אויפן דאַך פון זיין שייער. פון דאָזיקן פּונקט האָבן זיי דערזען ווי אַנטאָקאָלעץ, גאָלדשטיין און קויפמאַן באַהאַלטן זיך צווישן די פעלדער. זיי האָבן די דריי אַריינגעבראַכט אין שייער, פון דאָרט אַוועקגעפירט זיי אויפן זאַמל־אָרט, וווּ ס׳איז שפּעטער אויפגעשטעלט געוואָרן דער בונקער.[39]

די ערשטע טעג איז דער אָנפירער פון דער גרופּע געווען גאַרדאַן. אין אייניקע טעג אַרום האָט, לויט דער בקשה פון גאַרדאַנען, איבערגענומען די קאָמענדע פון דער גרופּע האַרטמאַן.[39] עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ פונקציע־צעטיילונג לויט אַ ריי. יעדער לויט זיין ריי האָט באַדאַרפט אויספירן זיין פונקציע, ווי ברענגען קאַרטאָפל, הייצן דאָס אייוועלע אד״גל.[40]

אַלס די ערשטע דרינגענדיקע אויפגאַבע האָבן אַלע געזען אינעם אויפשטעלן אַ בונקער. מען האָט אים אויפגעשטעלט פוןביימער. דאָס אויפבויען דעם בונקער האָט געדויערט אייניקע טעג. דער בונקער איז געווען גענוג גרויס. דריטהאַלבן מעטער די הייך און 5 מעטער די לענג. ווי אַרבעטס־אינסטרומענטן האָבן געדינט די העק, וואָס מען האָט מיטגעבראַכט פון לאַגער.[39]

דער בונקער איז געווען גוט פאַרמאַסקירט. אַריינגיין און אַרויסגיין פון בונקער פלעגט מען דורך אַ פאַרצווייגטן בוים, פון וועלכן מען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ לייטער. די הייך פון בונקער האָט דערמעגלעכט סיי צו זיצן און סיי צו שטיין.[39]

די קאַצעטלער האָבן געבראַכט מיט זיך עטלעכע לעבלעך ברויט און אייניקע פּושקעס סאַרדינען. לכתחילה האָבן זיי געמיינט, אַז דאָס וועט זיי סטייען — די סאָוויעטן קומען דאָך אין די נאָענטסטע טעג. אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער ענין באַשפּייזונג געוואָרן גאַנץ שאַרף. די עיקר־דאגה איז איצט געווען: ווי אַזוי צו באַקומען עסן אין די בונקער־באַדינגונגען?

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם האָט מען געלייזט אויף צוויי אופנים: מ׳האָט געגנבעט ביינאַכט קאַרטאָפל פון די אַרומיקע פעלדער און מ׳איז געגאַנגען צו די פּויערים פון דער סביבה בעטן אַ ביסל שפּייז.[38]

דער צווייטער וועג איז געווען פאַרבונדן מיט מערערע סכנות. איין מאָל, ווען זיי זענען אַריין אין אַן עסטאָנישער שטוב, האָט דער באַלעבאָס אין ס.ס.־בגדים,

געוואָלט זיי פירן אין דער פּאָליציי, און נאָר אַ דאַנק דעם עקשנותדיקן בעטן פון זיין מוטער זענען זיי געראַטעוועט געוואָרן פון דער סכנה.[40]

מען האָט געדאַרפט צוגרייטן קאַרטאָפל פאַר 14 מאַן אויף אַן אומבאַגרע־נעצטער צייט. יעדער איינער האָט געמוזט אין אָוונט אַרויסגיין ברענגען אַ זאַק קאַרטאָפל (אַן ערך 50 ק״ג). זיי האָבן געמאַכט אַ חשבון, אַז זיי נייטיקן זיך אין 12—13 טאָן קאַרטאָפל.[19] אין דער סביבה האָט מען געפונען שוואָמען. יעדן טאָג האָבן גרופּעס צו 2—3 חברים געמוזט גיין צונויפזאַמלען שוואָמען.[40]

די ערשטע עלף חברים האָבן געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט אַן עסטאַניער, וועמען זיי האָבן גערופן „דער וואַנסאַטער״.[40] זיי האָבן דערציילט, אַז ער האָט פאַר זיי אָנגעצייכנט (אויף אַ שטיקל פּאַפּיר) דאָס אָרט אין וואַלד, ווו ס׳איז צומפּאַסיקסטן אויפצובויען אַ בונקער. אויך שפּעטער, ווען זיי זענען שוין געזעסן אין בונקער, פלעגן זיי צו אים קומען פון צייט צו צייט, און ער פלעגט זיי העלפן מיט שפּייז.[40]

די בונקער־מענטשן האָבן זיך ווייניק אָריענטירט אין שטח. גאָלדשטיין דער־ציילט וועגן זיך, אַז ביינאַכט פלעגט ער פאַרלירן די אָריענטאַציע אינעם שטח[19] ד״ר אַנטאָקאָלעץ איז איין מאָל אַרויס אין אָוונט פון בונקער. צו מאָרגנס אין דער פרי האָט מען אים געפונען זיצנדיק 6 מעטער פון בונקער; אויף דעם אָרט איז ער אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט, ווייל ער האָט נישט געוווּסט וווהין צו גיין און ווו ס׳געפינט זיך דער בונקער.[40]

אויפן 56סטן טאָג האָבן זיי זיך אָריענטירט, אַז דער שטח געפינט זיך אין סאָוויעטישע הענט און אַרויס אויף דער פריי.

פּאָרט קונדאַ: צוויי קאַצעטלערינס זענען אַנטלאָפן פון לאַגער אין נאָענטן וואַלד. ווען זיי זענען אַריין אין אַ שטוב פון אַן עסטאַניער, האָבן זיי דאָרטן גע־טראָפן דעם לאַגערפירער אַדאָלף קליי. מען האָט געבונדן זייערע הענט מיט שטריק און געפירט איבער די גאַסן פון טאַלין. דאַן זענען זיי צוריקגעפירט גע־וואָרן אין לאַגער ווו מען האָט זיי אָפּגעשוירן די האָר.[41] דער לאַגערניק־דאָקטאָר (פּימע) האָט אויך געמאַכט אַ פּרווו צו אַנטלויפן אין וואַלד, נאָר נישט געפינענדיק קיין קאָנטאַקטן מיט פּאַרטיזאַנער, האָט ער זיך צוריקגעקערט אינעם לאַגער.[41]

קורעמע: אין קורעמע איז געווען אַ לאַגערניק פון קאָוונע, לאַנדמאַן. לויט זיינע ווערטער איז ער געווען אַ מיטגליד פון קאָוונער געטאָ־אונטערערד. ער האָט געשאַפן אין קורעמע אַן אונטערערדישע גרופּע, צו וועלכער עס האָבן צוו. אַנד. געהערט ד״ר לופּטשפּרינגער און ד״ר דוואָרזשעצקי, וואָס האָבן אים געהאָלפן זוכן קאָנטאַקטן מיט עסטאַנישע פּאַרטיזאַנער.[42] די גרופּע האָט צוגעגרייט מאַלינעס אונטער דער פּאָדלאָגע פון לאַגער־רעוויר און אויפן דאַך פון לאַגער־בנין. דאָרט האָט מען אָנגעגרייט לעבלעך ברויט, זעגלעך, מעסערס און שטריק,

אויפֿן פּאַל פֿון לויפֿן. מען האָט נאָר געוואָרט אויפֿן „סיגנאַל" פֿון די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער. אַזאַ סיגנאַל איז אָבער קיין מאָל נישט געקומען.[42]

ד"ר הענריק לופּטשפּרינגער איז געווען דאָקטאָר אויף דער „שטרעקע" און האָט געזוכט צווישן די מענטשן פֿון דער אומגעגנט קאָנטאַקטן מיט עסטאָנישע פּאַרטיזאַנער.[43] די וואָס האָבן זיך אים דערקלערט אַלס פּאַרטיזאַנער האָבן אים צוגעזאָגט אַ געוויסע נאַכט אָפּצוואַרטן די אַנטלויפֿערס; פֿריער וועלן זיי געבן אַ סיגנאַל פֿון נאָענטן וואַלד. אַזאַ סיגנאַל איז קיין מאָל נישט געקומען.

אַן עסטאָנישע פֿרוי, וואָס איר קינד איז „אומלעגאַל" געהיילט געוואָרן דורכן מחבר פֿון בוך, האָט אים אַלס אויסדרוק פֿון דאַנק צוגעזאָגט צו שאַפֿן קאָנטאַקטן מיט עסטאָנישע פּאַרטיזאַנער. ס'האָט געזאָלט אַפֿילו פֿאָרקומען אַ באַגעגעניש מיט זיי אין איר דאַמפּבאָד־כאַטע. ס'איז אָבער פֿון דעם גאָרנישט אַרויסגעקומען.[44] דער מחבר האָט זיך פֿאַרבונדן מיט אַן עסטאָנישן אַפּטייקער, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן איידלקייט און צוגעזאָגט צו שאַפֿן אים קאָנטאַקטן מיט עסטאָנישע פּאַרטיזאַנער. ער האָט געזאָלט זיי באַגעגענען אינעם הויף פֿון אַפּטייקער. דער ענין האָט זיך געענדיקט מיט אַן אַנטוישונג. אַנשטאָט פּאַרטיזאַנער האָט ער פֿון דער ווייטנס דערזען ס.ס.־לייט.[45]

זינט דער עוואַקואַציע פֿון קורעמע קיין גאָלדפּילץ האָט מען לאַנדמאַנען מער קיין מאָל נישט געזען. צי האָט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט פֿון דער עוואַקואַציע און געלאָפֿן אין די וועלדער? אָדער איז ער אפֿשר גאָר דערשאָסן געוואָרן דורך אַן ס.ס.־מאַן צוליב זיין „אָפּשטיין" בשעתן עוואַקואַציע־מאַרש?

קאַגאַן־גראָדזענסקי דערציילט וועגן אַן אַנטלויפֿונגס־גרופּע, וואָס האָט זיך געשאַפֿן אין קורעמע, און וואָס אירע מיטגלידער זענען געווען לויט זיינע ווערטער סיי חברים פֿון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע, סיי פֿון אונטערערד, אַנגעקומענע פֿון סאָסקי און סיי סתם לאַגערניקעס.[46] קיין שום קאָנקרעטס איז דערפֿון נישט אַרויסגעקומען צוליב דער אומדערוואַרטער עוואַקואַציע פֿון לאַגער.

ווי עס ווייזט אויס, זענען עס געווען צוויי גרופּן, וואָס איינע האָט נישט געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פֿון דער צווייטער.

משה ווייך, וואָס האָט אין זיין גבית־עדות באַשריבן דעם גורל פֿון די רעשטלעך פֿון צווייטן באַטאַליאָן אין עסטאָניע, דערציילט, אַז אין קורעמע האָבן זיי נישט באַוויזן צו אַנטוויקלען אַ זעלבשטענדיקע טעטיקייט.[47]

קיוויאָלי: געווען אַ פּאַל ווען אַן אַנטלויפֿונג פֿון אַ קאַצעטלער האָט געמאַכט אויפֿציטערן דעם גאַנצן לאַגער. די ס.ס.־לייט האָבן איינגעאָרדנט אַן אַפּעל און געפֿאָדערט מען זאָל זיי איבערגעבן אין וועלכער איינהייט עס האָט געאַרבעט דער אַנטלאָפֿענער. די קאַצעטלער האָבן מורא געהאַט אַז אַלע פֿון דער זעלבער איינהייט וועלן שווער באַשטראָפֿט ווערן און גאָרנישט דערציילט. אַלס

שטראָף האָבן זיי אַלע באַקומען צו 25 שמיץ. די געשרייען האָבן זיך געהערט איבערן גאַנצן לאַגער. „אין איינציקע טעג אַרום האָט דער אַנטלויפער זיך צוריקגעקערט און זיך אויפגעהאַנגען."[48]

מען דערציילט, אַז נאָך איינציקע מענטשן זענען אַנטלאָפן פון קיוויאַלי. איינציקע פון זיי זענען געכאַפּט געוואָרן און באַקומען טויט־שטראָף. איינעם פון די אַנטלויפערס, פּראַבע, אַ ווילנער, איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אין וואַלד. וואַרשיינלעך געפינט ער זיך איצט אין פּאַריז.[49] מען דערציילט, אַז ער איז געלאָפן דורך אַ קאַנאַל, וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן דורך קאַצעטלער. דער גאַנצער לאַגער איז באַשטראָפט געוואָרן — בשעתן אַפּעל האָבן אַלע געמוזט שטיין אין מצב פון „קניבויגן", האַלטנדיק די הענט הויך אויפגעהויבן.[50]

ערב דער דעפּאָרטאַציע קיין שטוטהאָף זענען פון קיוויאַלי אַנטלאָפן אַן ערך 15 מאַן, צווישן זיי — סליוזקין. נאָר געציילטע פון זיי זענען געבליבן לעבן. זיי זענען אַנטלאָפן אין דעם טאָג ווען ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מען גייט ליקווידירן אָדער עוואַקויִרן דעם לאַגער. זיי האָבן דורכגעבראָכן די צוים פון שטעכלדראָט און אַנטלאָפן.[51]

ש. דראַבקין דערציילט, אַז פון קיוויאַלי איז אַנטלאָפן אין וואַלד יקותיאל קלאַגע (מען האָט אים אויך גערופן קושקע, קושל). בעתן עוואַקויִרן דעם לאַגער, האָבן די קאַצעטלער געזען דעם אַנטלאָפענעם קלאַגע ווי ער טראָגט מעשה־פּויער אַ פּאַק בלומען און שטייט און קוקט זיך צו ווי מען פירט זיי אַרויס פונעם לאַגער. ער איז מסתמא געווען איבערצייגט, אַז קיינער וועט אים נישט אויסגעבן.[52]

קלאַגע: איינציקע עדות דערציילן וועגן אַנטלויפונגען און פּרוּוון פון אַנטלויפונגען אין קלאָגע. ס'ווערט דערציילט וועגן אַ פרוי וואָס איז אַנטלאָפן און געכאַפּט געוואָרן. זי האָט געמוזט אויף איר ברוסט טראָגן דעם אויפשריפט: „הוראַ, הוראַ, איך בין ווידער דאָ!".[53]

וועגן צוויי פרויען וואָס זענען אַנטלאָפן און נישט צוריקגעקערט זיך, וועגן דריי פרויען וואָס זענען אַנטלאָפן און יאָ זיך צוריקגעקערט, און וועגן זעקס אַנטלאָפענע יידן וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן דערציילט ה. קרוק אין זיין טאָגבוך פון קלאָגע:

1944.7.18. „...ס'זענען אַנטלאָפן צוויי פרויען. די מוטער און די טאָכטער סאָלאָנאָיץ פון ווילנע... נעכטן זענען ווידער אַנטלאָפן דריי פרויען. היינט האָבן זיי זיך צוריקגעקערט, מכלומרשט זענען זיי געגאַנגען האַנדלען..."

1944.7.27. „...נעכטן האָט דאָ קורסירט אַ קלאַנג וועגן 200 אַנטלאָפענע עסטאָניער פון די קאַזאַרמעס. שפּעטער זענען געכאַפּט געוואָרן אין וואַלד 24 עסטאָניער און 6 יידן...".[54]

אין דער קאַרטאָטעקע פון די קלאָגער קאַצעטלער איז באַצייכנט אויף דער

קאַרטע פון יצחק גאָרדאָן, אַ ווילנער שניידער, געבוירן אין יאָר 1902 (ד״ה ער איז דאַן אַלט געווען 42 יאָר): „אַנטלאָפן, 1944.8.26״.

וועגן אַנטלויפן פון צוויי לאַגערניקעס, הלל זיידעל, היינט חבר פון דער ועדה המרכזת של ההסתדרות העובדים, און זיין חבר חיים (אַבראַשע), דערציילט זיידעל הן אין זיין עדות־זאָגן און הן אין זיין אַרטיקל.[55]

אינזש. י. ראַטנער דערמאָנט זיך וועגן אייניקע אַנטלויפונגען, ערב דער ליקווידאַציע פון קלאָגע, אָבער ער דערמאָנט זיך נישט קיין נעמען.[56] ער דערציילט וועגן אַ מוטער מיט איר טאָכטער, וואָס זענען אַנטלאָפן [58] און געאַרבעט אַלס קעלנערינס אין אַ טאַלינער רעסטאָראַן. איינער פון די „אָטע״־לייט האָט זיי דערקענט, צוריקגעבראַכט אין לאַגער און אויפגעהאָנגען אויף זיי אַ שילד: „הוראַ, הוראַ, איך בין ווידער דאַ!״.

אַ יונגער ווילנער בחור, שענקער, איז אַנטלאָפן פון לאַגער. לויט כתריאל קלאַטשקאָ איז זיין אַנטלויפן געווען דער גורם פון דער אַקציע פון די „300 מאַן״.[57] י. ראַבינאָוויטש דערציילט וועגן אַנטלויפן פון דריי קאַצעטלער. נאָך דעם איז פאָרגעקומען די „אַקציע פון די 300 מאַן״.[58]

אין טאָג פון דער מאַסן־שחיטה זענען אַנטלאָפן פון אַפּעל־פּלאַץ און אויסבאַהאַלטן זיך אין פאַרשידענע באַהעלטענישן אַן ערך 85 מאַן. זיי זענען איצט די עדות פון דעם קלאָגער גרויל.[59]

ס׳זענען געווען מערערע אַנטלאָפענע פון אומקום־פּלאַץ אין וואַלד, ביי קלאָגע. די קוילן פון די ס.ס.־לייט האָבן זיי אָבער דעריאָגט. אייניקע טעג נאָך דער שחיטה, ווען די סאָוויעטן זענען אַריין קיין קלאָגע, האָבן זיי אויפן שטח געפונען 18 קערפּערס, דערשאָסענע בעתן אַנטלויפן.[60] צווישן די אַנטלאָפענע וואָס זענען געבליבן ביים לעבן, וועלן מיר דאָ דערמאָנען 4 נעמען: א. וואַפּניק, ד״ר ס. זיידלער, י. אָשעראָוויטש און געניאַ אָלקעניצקאַ.[61]

דער אונטערערד אין קלאָגע: מערערע אָפּקלאַנגען וועגן אונטערערד אין קלאָגע געפינען מיר סיי אין טאָגבוך פון ה. קרוק און סיי אין אייניקע גביות־עדות.

לויט הלל זיידעל האָט די אונטערערדישע גרופּע געהאַט אויפגאַבן פון זעלבסטהילף און קולטור־אַרבעט. די וואָס האָבן געטראַכט וועגן אָרגאַניזירן אַ מאַסן־אַנטלויף האָבן פאַר זיך געזען גרויסע שוועריקייטן. „דער מענער־לאַגער און דער פרויען־לאַגער זענען יעדער באַזונדער געווען אַרומגערינגלט מיט עלעקטריזירטן שטעכלדראָט און ביידע צוזאַמען — מיט נאָך אַ בשותפותן עלעקטריזירטן שטאָל־דראָט.[62] דעריבער האָט די אַבסאָלוטע מערהייט קאַצעטלער, וואָס האָט געאַרבעט אינערהאַלב דעם לאַגער גופא, נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט פון אַנטלויפן. „נאָר אַ קליין הייפל מענטשן האָט געאַרבעט אויסערן לאַגער און אויך איבער זיי איז געווען אַ גרויסע שמירה״.[62] לכתחילה איז די אונטערערד

אָרגאַניזירט געווען לויט די אַרבעטס־אײנהייטן, אָבער ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שטענדיקע אַריבערוואַרפונגען פון די קאַצעטלער פון איין איינהייט אין דער צווייטער, זענען זיך צעפאַלן די קעמערלעך פון די איינהייטן. קיין קאָמענדע פון דער אונטערערד איז נישט געווען.[26]

לויט הלל זיידעל האָט זיך די אונטערערד אָנגערופן „קאַמפּס־גרופּע״. פון אָנהייב האָט זי געציילט אַן ערך 80 מאַן. אירע אָרגאַניזאַטאָרן: ישראל דימענטמאַן, הערמאַן קרוק, הערש גוטגעשטאַלט, זאב דורמאַשקין. ער דערמאָנט אויך דעם נאָמען פון בנימין ווײַנטרויב.[62]

אַראָנסאָן דערציילט, אַז ער געדענקט די נעמען אָבעדזינסקי, מאיר טרינאָפּאָלסקי און בנימין ווײַנטרויב אַלס אָנגעהעריקע צו דער אונטערערד. „זייער לעבעדיקער גייסט איז געווען מאַקס, אַ דײַטשער ייד, אַ לאַגערניק פון קלאָגע. ער איז געווען דער איניציאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פון אַלע קאָנספּיראַטיווע מעשים״. ער דערציילט אויך: „מערערע קלאָגער לאַגערניקעס האָבן געוווינט אין אַ לאַנגן זאַל. בײַ די ראַנדן פונעם זאַל זענען געשטאַנען הויכע אויוונס. אין די אויוונס האָבן די אונטערערד־מענטשן באַהאַלטן זייערע רעוואָלווערן. אָבער דער אַרויספיר איז אָנגעקומען פּלוצעם און אַ סך פון זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין לאַגעדי. אַזוי זענען די רעוואָלווערן איבערגעבליבן אין די אויוונס ביזן טאָג פון דער מאַסן־שחיטה״.[63]

לויט קלאַטשקאָ האָט דער אונטערערד עקזיסטירט אייניקע חדשים פאַר דער ליקווידאַציע פון קלאָגע. ער האָט זיך עס דערוווּסט פון ה. קרוק. ער מיינט, אַז קרוק איז דאָרט געווען איינער פון די אַקטיוויסטן. אַלס אַ „פּרווו״ צי ער איז צוגעפּאַסט צו זיין אַן אונטערערדלער איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צו זיצן אַ נאַכט בײַ איינעם פון די לאַגער־פענצטערס און אָבסערווירן צי ס׳קומט גאָרנישט פאַר אין לאַגער. קרוק איז אייניקע מאָל געקומען און קאָנטראָלירט צי ער שטייט אויף זיין פּאָסטן.[64]

געווען אַ פּלאַן מצד אַן עסטאָניער צו אָרגאַניזירן אַן אַנטלויפן קיין שוועדן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ מיטגליד פון דער עסטאָנישער אונטערערד. בכדי צו רעאַליזירן דעם דאָזיקן פּלאַן האָט מען זיך געניייטיקט אין גרעסערע געלט־סכומים. אָבער מערערע האָבן געצווייפלט אין דער מעגלעכקייט דורכצופירן דעם פּלאַן, און ער איז טאַקע נישט רעאַליזירט געוואָרן.[65]

פון ווײַנס גבית־עדות דערוויסן מיר זיך, אַז אין אַפּריל 1944 האָבן זיך אָנגעשלאָסן אייניקע חברים פון פ.פ.אָ. (וויין, פריצמאַן, שרייבער) צום טראַנספּאָרט פון גאָלדפילץ קיין קלאָגע, מיט דער כוונה צו אָרגאַניזירן דאָרט אַן אונטערערדישע טעטיקייט.[66]

אין קרוקס טאָגבוך ווערט אָפּט דערמאָנט די עקזיסטענץ פון אַן אונטערערד־

דישער אָרגאַניזאַציע אין קלאָגע. ער רופט זי אָן „פּ.אָ״. אָדער „פּ.פּ.אָ.״ (פּאַראַיי־ניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע), לויטן נאָמען פון אונטערערד אין ווילנער געטאָ. לויט זיין טאָגבוך פון 1944.7.18 ווייזט זיך אַרויס, אַז צו די אונטערערד־אַקטיווויסטן האָבן זיך אָנגעשלאָסן נאָך צוויי גרופּן, און זי האָט געציילט 15 פינפ־טלעך, ד״ה צוזאַמען 75 מאַן.[67]

מיר וועלן ברענגען די אויסצוגן פון קרוקס טאָגבוך, וועלכע דערציילן וועגן דער אונטערערד:

1944.7.14. „...ס׳איז דאָ אַ סך אַרבעט אין לאַגער. די אַרבעט פון פּ.אָ רויבט צו אַ סך צייט. דער אַקטיוו איז שטאַרק באַשעפטיקט. פּ.אָ. ציילט שוין 56 חברים. דער אַקטיוו — 20״. „...פּ.פּ.אָ. איז גרייט צו יעדער מעגלעכקייט. דער גאַנצער לאַגער הייבט די אויגן צו די גרופּן. די גרופּן קריסטאַליזירן זיך....״

1944.7.18. „...פּ.פּ.אָ. האָט פּאַראייניקט איר אַקטיוו מיט נאָך צוויי גרופּן. יעדע גרופּע זאַמלט אויף אירע פינפטלעך. די פּאַראייניקטע אַקטיוון האָבן געציילט אין ערשטן טאָג 15 דעקלאַרירטע פינפטלעך...״

1944.7.20. „...די פּ.פּ.אָ.־גרופּן שטייען אויף דער וואַך..״

אין זיין נאָטיץ „דאָס לעבן אין לאַגער, קאַפּיטל 10״, דערציילט ה. קרוק: „דאָ איז פאַראַן אַן אָרגאַניזאַציע. אַ פאַראייניקונג פון מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַלס ציל זיך צו באַוואָפענען, שטיין אויף דער וואַך פון די לאַגער־יידן, שאַפן קאָנטאַקטן. און אין אַן אומגליקס־פאַל לויפן אין וואַלד...״

פון לאַגער האָט מען נישט געקענט אַנטלויפן אָן אַן אויפשטאַנד, אָבער ווי אַזוי אָרגאַניזירט מען אַן אויפשטאַנד אָן געווער? דעריבער איז געווען שטאַרק דער רצון צו קריגן געווער פאַר דער אונטערערד אָדער אַפילו פאַר יחידים. דער האָלענדער אָטאָ האָט איין מאָל געבראַכט אַ רעוואָלווער, „אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז פון פאַבריקן יאָרהונדערט״.[68] במשך פון דער צייט האָט מען געקראָגן פונעם האָלענדער שווערדן און האַנט־גראַנאַטן, און דאָס אַלץ איז באַהאַלטן געוואָרן אין וואַלד.[68]

באַלבערישסקי דערציילט, אַז ער האָט זיך דערוווּסט נאָך דער באַפרייונג, אַז אין קלאָגע האָט עקזיסטירט אַ קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אַז צו איר האָבן אויך געהערט „די שטאַרקע״,[69] און אַז די קאַצעטלער האָבן געהאַט צוויי רעוואָלווערן. אויך דערציילט ער, אַז דער רוסישער קריגס־געפאַנגענער „פעדקע דער פּערעקול־שטשיק״ האָט באַקומען פון די לאַגערניקעס 40 גאָלד־רובל אויף איינצוקויפן געווער, אָבער ער האָט שוין נישט באַוויזן און דאָס געלט איז ביי אים געבליבן (דאָרט). ער מיינט אויך, אַז דער לאַגערעלטעסטער, מעלצער, האָט געגעבן דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַ געלט־אונטערשטיצונג (דאָרט).

פון די דאָזיקע אַלע אָפּגעריסענע ידיעות שאַפט זיך אַ געוויס בילד וועגן דער

עקזיסטענץ פון אַן אונטערערד אין קלאָגע, וואָס איז געווען געבויט לויט פינפטלעך (15 פינפטלעך), און אַז צווישן זיינע אַקטיוויסטן זענען געווען אונטערערדלער פון ווילנער געטאָ. זיי האָבן געהאַט אַ פּאָר רעוואָלווערן און האַנט־גראַנאַטן. אייניקע עדות האָבן אויך דערציילט וועגן איינעם, מאַקס, וואָס האָט געזאָלט זיין די „לעבע־דיקע נשמה״ פון דער אונטערערד און וואָס איז געלאָפן אַנזאָגן וועגן דער שחיטה.

אָבער מיר ווייסן נאָך גאַנץ ווייניק וועגן גורל פון דער אונטערערד אין קלאָגע. צי זענען אַ סך פון זיינע חברים פּלוצעם אַריבערגעפירט געוואָרן קיין לאַגעדי? און ווער צווישן זיי זענען געווען די, וואָס זענען איבערגעבליבן אין קלאָגע אין טאָג פון דער שחיטה? צי זענען זיי צופעליק אויך געווען צווישן די שטאַרקערע, וואָס זענען די ערשטע אַרויסגעפירט געוואָרן פון לאַגער, און זיי האָבן עס געדאַרפט טראָגן די קלעצער און זיין צווישן די ערשטע קרבנות?

אויך פון קלאָגער נעבן־לאַגער לאַנקילא איז פאָרגעקומען אַן אַנטלויפונג. (וועגן דעם דערציילט ה. קרוק, אין זיין קלאָגער טאָגבוך, דעם 12טן אויגוסט 1944).

די לעצטע אַנטלויפונג וועגן וועלכער ס׳ווערט דערציילט איז שוין פאָרגע־קומען אויף דער שיף, וואָס האָט געפירט די עסטאָנישע קאַצעטלער קיין שטוטהאָף. פון דער שיף איז געשפּרונגען אין ים אַריין לייבקע שעווטשיק. די ס.ס.־לייט האָבן אויף אים געשאָסן און דערהרגעט אויפן ים.[70]

*

דער איבערבליק וועגן דעם אונטערערד פון די יידישע קאַצעטלער אין עסטאָניע באַווייזט, אַז עס איז נישט געלונגען דער נאַצישער מאַכט איר פּלאַן אין גאַנצן צו צעברעכן די קאַצעטלער און זיי פאַרוואַנדלען אין אַ ציבור פון קנעכט, אָן קיין שום מחשבות פון קעגנשטעלן זיך.

דער ווידערשטאַנד אין אַלע זיינע פאָרמען, די אונטערערד אין אירע אַלע אומוואַנדלונגען, די אָפטע אַנטלויפונגען זאָגן עדות, אַז פאַקטיש איז די וועלט פון די קאַצעטלער געווען אַ וועלט פון נאָן־קאָנפאָרמיסטן, וואָס האָט נישט מקבל געווען דעם דין און נישט געצווייפלט אין דער זיך דערנענטערנדיקער מפּלה פון נאַצי־רייך.

אַ סך גביות־עדות דערציילן וועגן אומאויפהערלעכע אָנשטרענגונגען און פּרווון מצד יידישע קאַצעטלער אָנצוקניפּן וועלכן ס׳איז קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג; און ס׳איז שווער היינט צו באַשטימען, צי די קאָנטאַקטן זענען טאַקע געווען ווירקלעכע און די הילף מצד די פּאַרטיזאַנער האָט זיך נאָר תמיד פאַרשפּע־טיקט, באַזונדערס אין די טעג פון דעפּאָרטאַציעס, סעלעקציעס, עוואַקואַציעס און

רציחות, אָדער די דאָזיקע פאַרבינדונגען זענען גאָר געווען אויספאַנטאַזירטע, אָדער גאָר פּאַרפירערישע ?

מיר האָבן נישט קיין דאָקומענטן וואָס זאָלן דערציילן וועגן אָנשטרענגונגען מצד די עסטאָנישע פּאַרטיזאַנער אָנצובינדן קאָנטאַקטן מיט די קאַצעטלער, אַרויס־צופירן זיי אין וועלדער און פאַרוואַנדלען זיי אין פּאַרטיזאַנער. נאָר דער פאָרשער, וואָס וועט וועגן דעם דאָזיקן ענין האָבן וועלכע ס'איז דאָקומענטן, וועט קענען ענטפערן אויף דער פראַגע.

מיר האָבן זיך באַמיט, אויפן סמך פון די עדות, ווי ווייט מעגלעך איבערצוגעבן וועגן יעדן פּרווו פון די קאַצעטלער צו זוכן פאַרבינדונגען מיט פּאַרטיזאַנער פון דער סביבה, און אין וואָס עס האָבן זיך אויסגעדריקט די דאָזיקע פּרוּוון.

*

דאָס קאַפּיטל וועגן אונטערערד אין די לאַגערן, וועגן אַלע פּרוּוון, שטרויכלונ־גען, אַנטוישונגען און באַנייטע, נישט־רעאַליזירטע פּרוּוון צוליב די שטענדיקע דעפּאָרטאַציעס, און וועגן דעם לויפן פון יחידים און גרופּן אין די וועלדער — איז אַ קאַפּיטל וועגן אומגעבראָכענעם גייסט און געראַנגל פון יידישן קאַצעטלער פאַרן צלם־האדם אין תהום פון פאַרשקלאַפונג.

באַמערקונגען:

1) דער ענין פון דעם „צווייטן פ.פ.אָ.־באַטאַליאָן" ווערט באַשריבן אין גבית־עדות פון משה ווײַן, וואָס איז אַליין געווען צווישן יענע פאַרכאַפּטע. די גבית־עדות איז פאַר־שריבן געוואָרן זומער 1944, אין לאַגער קלאָגע, דורך ה. קרוק און איז פאַרעפנטלעכט אין „מורשת", אַפּריל 1964. לויט דעם דאָזיקן עדות האָט דער צווייטער באַטאַליאָן געציילט קרוב 150 מאַן און געווען אָרגאַניזירט אין אייניקע גרופּן. בעתן פירן זיי צום טויער פון געטאָ איז געלונגען אַן ערך 30 מאַן צו אַנטלויפן. די פאַרכאַפּטע מענטשן פון דער צווייטער בריגאַדע זענען געפירט געוואָרן אין צוויי לאַסט־אויטאָס צום פּלאַץ ראָסאַ. אַ טייל פון זיי איז פאַרלאָדן געוואָרן אינעם ערשטן באַן־וואַגאָן און אַן אַנדער טייל אין די ווייטערדיקע. „דריי שעה שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ רעוויזיע, בעיקר צווישן די מענטשן פון די ערשטע וואַגאָנען. ביים חבר יענקל פון ערשטן וואַגאָן איז געפונען געוואָרן אַ רעוואָלווער, און ער איז אַרויסגעפירט געוואָרן דורך געסטאַפּאָ. 15 מינוט שפּעטער איז אַרויסגעפירט געוואָרן דער חבר וועלוול רייכל. אין צווייטן וואַגאָן ווערן צעבראָכן די „לעמפּלעך" פון חבר גאַרדאָן. די פּאָסטנס דערשמעקן אַ זויערן ריח און מעלדן וועגן דעם זייער אָפיציר. און די טיר פון וואַגאָן ווערט געשלאָסן אויף דריי שעה בערך. עס באַווייזן זיך צוויי געשטאַפּאָ־לייט, וועלכע פאָרשן, אַן רעזולטאַטן, וועגן די צוויי לעמפּלעך. מען געפינט נישט דעם שולדיקן".

מ. ווײַן דערציילט אין זײַן גבית־עדות, אַז צווישן די פּאַרכאַפּטע זענען געווען גרישע צעפּעלעוויטש, דער קאָמענדאַנט פון צווייטן באַטאַליאָן, אַנפירערס פון אָפּטיילן אין פ.פ.אָ.: ישראל אַנאַליק, משה ווײַן, אברהמל גאַנטאָווניק, מאָטל יאָשפּה און איינער יצחק. קעמפער: שרייבער, זשאַרזשיק, לייב גלעזער, יאַנקל ראָזענבערג, זעליג ווײַנער, דאַלינסקי און דיסטעל (אונדז איז באַקאַנט, אַז צווישן זיי האָט זיך געפונען דער דיכטער הירשקע גליק, דער מחבר פון פּאַרטיזאַנער־הימן).

נאָך אַ רייזע פון דריי מעת־לעת ק.מט אָן דער דאָזיקער טראַנספּאָרט, וואָס האָט געציילט בערך 1.500 מאַן, קיין ווײַוואַראַ. 500 מאַן פון זיי ווערן אַרײַנגעבראַכט אין וואַגאָנען (צווישן זיי צעפּעלעוויטש און אַן ערך 40 מאַן פון פ.פ.אָ.). די באַן קומט אָן קיין קאַטלע ביי ערעדאַ. „די פ.פ.אָ־גרופּע געפינט זיך צוזאַמען, אינעם באַראַק 12, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין בעסטן בלאָק פון לאַגער. דער מיטגליד פון פ.פ.אָ. מרדכי גאָלדמאַן ווערט דער בלאָק־עלטעסטער״.

אין אַ חודש אַרום, ד״ה בערך דעם 1טן אָקטאָבער 1943, ווערן 750 מאַן פון צווישן זיי אַריבערגעפירט קיין נאַרוואַ; 25 פון זיי ווערן אַריבערגעפירט קיין סאַסקי; צווישן זיי — 12 מאַן פון פ.פ.אָ. אין סאַסקי אָרגאַניזירן זיך די לעצטע אין אַן אונטערערדישער גרופּע (זע: סאַסקי). בעת דער פלוצעמדיקער עוואַקואַציע, ווערן זיי אַלע אַריבערגעפירט קיין קורעמע. אין אַ חודש אַרום ווערן זיי אַריבערגעפירט קיין גאָלדפילד. אַפּריל 1944, דערציילט מ. ווײַן, ווערן 150 מאַן פון גאָלדפילד אַריבערגעשיקט קיין קלאָגע. צוזאַמען מיט זיי גייען אַוועק קיין קלאָגע, לויטן פאַרשלאַג פון צעפּעלעוויטשן, אייניקע פ.פ.אָ.־חברים (צווישן זיי ווײַן, פריצמאַן, שרייבער א״אַנד), בכדי „דאָרט צו אָרגאַניזירן די אונטערערד״. ווי אונדז איז באַקאַנט, בלייבט אַ טייל אין גאָלדפילד (צעפּעלעוויטש, גאַנטאָווניק).

2) זע די פּרטים וואָס ווערן ווייטער געבראַכט וועגן אַלע לאַגערן.

3) שוסטער, א., ספר אולשאַן, 245.

4) גבית־עדות פון נאַדעל און סקורקאָוויטש.

5) וועגן דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין גאָלדפילד, זע אויך אינעם בוך „הירשקע גליק״ פון ד״ר מ. דוואָרזשעצקי.

6) האַרטמאַן, 57 א״וו. דערציילט וועגן דער גרופּע וואָס האָט זיך אין גאָלדפילד קאָנצענטרירט אַרום צעפּעלעוויטשן: „...צעפּעלעוויטש, גאַנטאָווניק און גאָלדמאַן האָבן אונדז דערציילט, אַז זיי האָבן אין גאָלדפילד נישט פאַרלאָרן די אַנגעקניפּטע פאַרבינדונגען מיט די פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אָרגאַניזירן אַ גרויסן טייל פון די גאָלדפילצער צום אַנטלויפן. איך ווייס נישט, און כ׳קען נישט זאָגן, אויב דאָס אַלץ איז באמת געווען באַזירט אויף פאַקטן, אָדער דאָס איז נאָר געווען אַ פּראָדוקט פון זייער ווילן צו הייבן די מאָראַל אין דעם מצב־רוח פון די מענטשן. אָבער צעפּעלעוויטש האָט מיר

אייניקע מאָל געזאָגט, אַז „דער קאָנטאַקט עקזיסטירט אויף הונדערט פראָצענט, און מיר וואַרטן נאָר אויף דער פּאַסיקער צייט". אין די ווינטערדיקע באַדינגונגען פון עסטאָניע איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט צו לויפן הן צוליבן ווינטער, הן צוליבן נישט קענען די עסטאָנישע שפּראַך, און אויך צוליבן נישט קענען דעם שטח. אָבער ווען ס'וועט זיך דערנענטערן דער פרילינג און דער מלחמה־מצב פון די דייטשן וועט זיך פאַרערגערן, וועט זיין די בעסטע צייט צו אָרגאַניזירן זיך און אַנטלויפן..."

לויט דאַלינסקין האָט אין גאָלדפילץ עקזיסטירט אַן ענגע גרופּע וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מין קאָמענדע פון די חברים פון געוו. צווייטן באַטאַליאָן, און נעמלעך: צעפּעלעוויטש, גאָנטאַוואָניק און יאָשפּה. ער דערמאָנט אויך נאָך צוויי אַקטיוויסטן פון דער גרופּע: אַנאַליק (נ. ?) און שעווטשיק.

7) גבית־עדות פון אריה אַרבאַך וועגן די אַנטלויפונגען פון גאָלדפילץ (א), 3—5. לויט קלאַנגען האָבן צו דער גרופּע געהערט גלעזער, כאַנין און יאַנקל ראָזענבערג.

8) העשל דראַבקין דערציילט אין זיין גבית־עדות, אַז יענעם טאָג, בערך 4 אַ זייגער נ"מ איז צו אים צוגעגאַנגען הירשקע גליק און זיין חבר יאַנקל ראָזענבערג און אים דער־ציילט, אַז אין לאַגער געפינען זיך בערך 40 מאַן, וואָס גרייטן זיך נאָך היינט צו אַנטלויפן. און ווירקלעך, אין אַ קורצער צייט אַרום איז דאָס אַנטלויפן צושטאַנדגעקומען. אין געוויסע צייט־אָפּשניטן זענען די גרופּעס אַרויס דורכן טיפן קאַנאַל (נעבן לאַגער־צוים), וואָס האָט געדינט אַלס לאַטרינע פון לאַגער. מען איז געגאַנגען איינער נאָכן צווייטן, ווי „זשאַבעס", אַנגעשפּאַרט מיט די הענט אין די ווענט פון קאַנאַל. דער קאַנאַל האָט זיך געענדיקט טיף אין וואַלד. דערגייענדיק צום סוף פון קאַנאַל, האָבן זיי זיך צעשפּרייט אין פאַרשידענע ריכטונגען. ער, און זיין פאָטער, חיים, זענען אַרויס די לעצטע. זיי האָבן אייניקע טעג אַרומגעבלאָנדזשעט אין וואַלד, ביז וואַנען זיי האָבן זיך געטראָפן מיט לעוויטן און זיין זון, הירשעלע, וואָס זענען אַרויס פון לאַגער גאָלדפילץ, שוין נאָך זיין ליקווידאַציע. זאַל־בעפערט זענען זיי אָפּגעווען אין וואַלד בערך 6 וואָכן. אין די נעכט פלעגן זיי זיך אַריינ־גנבענען אין אַ דאָרפישן שייער און איבערשלאָפן די נאַכט. זיי פלעגן אויפקאָכן וואַסער פון די זומפּן און שפּייזן זיך מיט אַלעם וואָס פלעגט זיי אַריינפאַלן אין די הענט. אַ מאָל פלעגן זיי אויפקאָכן ווערים, און אַ מאָל עסן שוואַרצע יאַגדעס, מאַלינעס אָדער שוואָמען, וואָס האָבן אויסגעזען שיין, נאָר געווען זייער ביטער. איין מאָל זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין אַ דאָרף צו בעטן עסן, ווי נאָר אָבער זיי האָבן באַמערקט, אַז די דאָרפסלייט שיקן אַרויס אַ יינגל אַנצוזאָגן וווּ־עס־איז וועגן זייער קומען, זענען זיי גלייך נעלם געוואָרן אין טיפן וואַלד. נאָך דער באַפרייונג זענען זיי אַוועק קיין קלאָגע, וווּ ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט די געראַטעוועטע פון די לאַגערן.

שמואל דראַבקין דערציילט, אַז ער איז אַנטלאָפן צוזאַמען מיט יצחק גראָדזענסקי. שפּעטער אין וואַלד האָבן זיי באַגעגנט ליפּע קלאַט און ווערא (דבורה) באַראַוויק. זיי האָבן אויסגעגראָבן אין וואַלד אַ בשותפותדיקע „זעמליאַנקע" און דאָרט אָפּגעווען אַ געוויסע

צייט, ביז וואַנען זיי האָבן דערזען אין וואַלד אַ גרופּע סאָוויעטישע סאָלדאַטן. דאַן האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז די דייטשן האָבן שוין געליטן זייער גרויסע מפּלה אין עסטאָניע. זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז די געראַטעוועטע יידן קאָנצענטרירן זיך אין קלאָגע, און זיי זענען דאָרט אַוועק. אין דער באַפרייטער קלאָגע זענען זיי דורכגעגאַנגען אַ פאַרהער פאַר אַ ספּעציעלער קאָמיסיע. איינע פון די פראַגן וואָס עס איז זיי ספּעציעל געבליבן אין זכרון איז געווען: „קאָק ווי אָסטאַליס זשיט׳?״ (ווי אַזוי זענט איר געבליבן לעבן?). פון דער דאָזיקער פראַגע האָט זיך געטראָגן דער ריח פון חשד כלפּי די געראַטעוועטע. וועגן דעם דערציילן אין זייער גביית־עדות אויך אַנדערע געראַטעוועטע קאַצעטלער.

9) דער מחבר פונעם בוך איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער גרופּע „שאָר ישוב״. צווישן די חברים פון דער גרופּע דערמאָנט ער זיך די נעמען פון קאָוונער לערער ד״ר ראָזענבלאָט און פון ווילנער סטודענט שערטאָק (אַ קרוב פון משה שרת ז״ל — שערטאָק). זיי זענען שפּעטער געווען חברים אין אַ „לאַגער־שותּפות״ מיטן מחבר פון בוך און מיטן אינזש. ליליענהיים. דער שפּעטערדיקער גורל פון שערטאָקן איז מיר נישט באַקאַנט. דער לערער ראָזענבלאָט איז דערהרגעט געוואָרן אין רעוויר פון לאַגער דאַוטמערגען דורכן רוצחישן פּוילישן קאַפּאָ פון רעוויר. צום „שאר ישוב״ האָבן אויך געהערט די צוויי חברים פון ציוניסטישן אונטערערד פון ווילנער געטאָ ברעסלאַ (גורל אומבאַקאַנט) און גאַרבער (וואַרשיינלעך אומגעקומען אין קראַנקן־טראַנספּאָרט פון דאַוטמערגען קיין בערגען־בעלזען, 1945). זיי ביידע האָבן אויך געהערט צום יידיש־האָלענדישן אונטערערדישן קע־מערל אין וויוואַראַ.

לייב טאַראַשינסקי, געוועזענער פירער פון „החלוץ״ אין ווילנע, חבר פון פ.פּ.אָ. (גורל אומבאַקאַנט); ד״ר צמח פעלדשטיין, געוו. דירעקטאָר פון דער העברעישער רעאַל־גימנאַזיע אין קאָוונע (אומגעקומען אין דאַוטמערגען), יעקב רייפער, העברעישער לערער, וואַרשיינלעך אומגעקומען אין קראַנקן־טראַנספּאָרט פון דאַוטמערגען קיין בערגען־בעלזען, 1945; זעליק קאַבאַטשניק, העברעישער לערער, חבר פון פ.פּ.אָ., אומגעקומען, 1945, אין קאָנצענטראַציע־לאַגער דאַוטמערגען.

10) עדות פון אינגסטער מאַלי אין שנאַבעל־פּראָצעס. „שטראַסבורגער נאַכריכטען״, 1966.7.28.

11) רודניצקי, פערלזינגער, 40—41.

12) ד״ר דבורז׳צקי, :שיחה מוקלטת על התנגדות יהודי ליטא במלחמת העולם השניה״. המראיין, דוב לוין; המרואיין: ד״ר מ. דבורז׳צקי, 65.1.12, סרט 92; המשך: 65.4.1, סרט 629, אוניברסיטה ירושלים.

13) קרעמער, 3.

14) ירושלמי, פנקס שאַבלי, 357.

15) גאָלדשטיין, 31.

16) טאָגבוך פון ה. קרוק 1944.9.8: „...מיטוואָך דער זעקסטער אין חודש, ד״ה דעם

זעקסטן סעפּטעמבער, איז אויך דער „שטרעקע" דערשאָסן געוואָרן דער לאַגער־מענטש יאָפּע. ער האָט באַקומען אַ קויל צוליבן דערוווייטערן זיך פון זיין אַרבעטס־פּלאַץ. ער איז אומגעקומען אויפן אָרט. אויפן זעלבן אופן איז אומגעקומען דער לאַגערניק פינקעלשטיין, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן מיט אַ טאָג שפּעטער, דאָנערשטיק אין דער פרי. יאָפּע איז באַגראָבן געוואָרן אין וואַלד, אויפן אָרט פון פאַרפאַל. פינקעלשטיין — אין לאַגער..."

17) באַלבערישסקי

18) בלאַושטיין דערציילט, אַז בעת דעם צוריקצוג פון די דייטשן איז געעפנט געוואָרן די טורמע אין טאַלין. ער איז געווען צווישן די באַפרייטע, און איז אַוועק קיין לאַגעדי. דאָרט האָט ער שוין קיינעם נישט געפונען. די אָרטיקע האָבן אים דערציילט, אַז אַלע לאַגערניקעס פון לאַגעדי זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן, צוויי ק"מ הינטער טאַלין.

19) שימאַנאָוויטש, 6—7. פּרטים וועגן זיין אַנטלויפן זע: ב. מערין, 157.

20) אַראָנסאָן, 11.

21) ראָזענבערג מרדכי, 3—6 ; אָרבאַך (1), 2 ; ש. שוסטער דערמאָנט זיך, אַז נאָך ראָזענ־בערגס אַנטלויפן, זענען אין ווייוואַראַ באַשטראָפט געוואָרן אַלע זיינע חברים פון דער שורה מיט 25 שמיץ, פאַר זייער כוונה אויסצובאַהאַלטן דעם ענין פון זיין אַנטלויפן ; יעדע שורה האָט געציילט 20 מענטשן.

22) סקורקאָוויטש, 40.

23) אָרבאַך, (א), 17.

24) קרעמער, מ., 31.

25) גביית־עדות פון מ. ווינן וועגן צווייטן באַטאַליאָן, פאַרנאָטירט אין קלאָגע דורך ה. קרוק („מורשת" ב"ב, 51).

26) גביית־עדות פון דאַלינסקי און דיסטעל.

27) אינזש. מאַרק גאָרדאָן דערציילט אין זיין גבית־עדות, 8—9:

„... אין סאָסקי האָבן איך זיך געטראָפן מיט גרישע צעפּעלעוויטש און אַבראַשקע גאָנטאָוניק. גרישע האָט מיך אַריינגענומען אין אונטערערד. דאָרט איז ער געווען דער קאָמענדאַנט... די באַגעגענישן פון „אָטריאַד" פלעגן פאַרקומען לויט אַלע כללים פון אונטערערד. מיר פלעגן זיך באַגעגענען ביי נאַכט אין לאַגער־מרחץ... און גרישע צעפּעלעוויטש פלעגט פאַרלייענען דעם טאָג־באַפעל. איין מאָל האָט ער פאַרלאָרן אַלע אָנגעשריבענע טאָג־באַפעלן, און איך האָב עס געפונען אין לאַגער... ער פלעגט רעדן אין אַ באַמבאַסטישער פאָרם: „מיר גייען אַנטקעגן דער באַפרייונג פון דער וועלט, מיר גייען פאַרניכטן די נאַציס". ער האָט זייער גוט געשריבן.. ער פלעגט דערציילן, אַז ער איז אין ענגן קאָנטאַקט מיט עסטאָנישע און רוסישע פּאַרטיזאַנער. זיין רעכטע האַנט איז געווען גאָנטאָוניק, וואָס פלעגט תמיד דערשיינען מיט אַ וועלכן ס'איז מעסער..."

28) „... אין סאָסקי איז די גרופּע פון ערעדאַ ממשיך צו באַגעגענען זיך. איינער הייבט

די מאָראַל פון צווייטן. מיר לעבן צווישן זיך ווי אַ משפחה. דאָס שפּירט זיך אויף אַלע געביטן. ביי דער אַרבעט העלפט איינער דעם צווייטן. די שוואַכע גיט מען נישט קיין איבעריק שווערע אַרבעט. דאָס עסן ווערט צעטיילט אויף אַ גערעכטן אופן...״ (האַרטמאַן, 54).

28א) דאָלינסקי, 5.

29) האַרטמאַן, 53.

30) „מורשת״, ב״ב, 50. דאָלינסקי מיינט, אַז גאָלדמאַן האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע פון לאַגערעלטעסטן לויט דער עצה פ׳ון צעפּעלעוויטשן, וועלכער זאָל האָבן גע־האַלטן, אַז די אַדמיניסטראַציע פון לאַגער דאַרף ליגן אין די הענט פון דער אונטערערד. לויט זיינע ווערטער איז צעפּעלעוויטש געווען בלאָקעלטעסטער אין איינעם פון די באַראַקן.

אַן ענלעכע סברא זאָגט אַרויס אין זיין גבית־עדות אַדוו. קאַפּלינסקי, וועלכער האָט דערציילט, אַז נאָך אין טראַנספּאָרט פון ווילנער געטאָ קיין עסטאָניע, שאַפן עטלעכע חברים אַ גרופּע, מיטן צוועק זי זאָל אַדמיניסטראַטיוו אָנפירן מיטן לאַגער, ווו זיי וועלן געבראַכט ווערן, און אַריינברענגען אין אים אַ סדר. לויט זיינע ווערטער איז צעפּע־לעוויטש געווען דער אידעאָלאָג פון דער דאָזיקער קאָנצעפּציע. איינער האָט געצויגן דעם צווייטן צו פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין דער אַדמיניסטראַציע פון נייעם לאַגער. לויט זיינע ווערטער האָבן צו דער גרופּע געהערט: צעפּעלעוויטש, גאָלדמאַן, וואַפּניק, קענסקי, האַרטמאַן און ער, קאַפּלינסקי. ער דערמאָנט זיך, אַז גאָלדמאַן איז געווען באַשעפטיקט מיט ענינים פון אַרבעטס־פאַרטיילונג, וואַפּניק און ער האָבן געזאָרגט פאַר דער קיך. אַדוו. קאַפּלינסקי זאָגט, אַז אים איז נישט באַקאַנט צי דאָס פאָרמירן זיך פון דער גרופּע איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ באַשלוס פון דער אונטערערד.

31) „מ׳ורשת״. ב״ב, 58. אויך דאָלינסקי דערציילט וועגן אַזאַ „קאָלעקטיוו״, וואָס האָט עקזיסטירט אַ געוויסע צייט אין באַראַק 12.

32) גבית־עדות פון גאָלדשטיין, 19—21: „...כ׳בין געווען זייער אָפּגעשוואַכט. כ׳האָב געוויגן קוים פערציק קילאָ. ד״ר דוואָרזשעצקי דערמאָנט זיך זיכער, ווי ער האָט מיך געזען און נישט דערקענט. איך גיי צו אים צו און פרעג: דאָקטאָר, דאָס ביסטו? פרעגט ער מיך: און ווער ביסטו? ער האָט דאַן געזאָגט צו גרישען, אַ חבר פון ווילנער געטאָ־אונטערערד: „גיי, זע ברוכן״ (19)... דאָ הייבט זיך אָן אונדזער אונטערערד אין ערעדאָ. כ׳האָב זיך דערוווּסט בשעת דעם געשפּרעך מיט גרישען, אַז זיי האָבן קאָנטאַקטן מיט עסטאָנישע פּאַרטיזאַנער... בין איך געקומען אין לאַגער און דערציילט מייני חברים, קויפמאַן און האַרטמאַן און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן מיט דער זאַך...״, 20.

33) גאָלדשטיין, 19, 21, דערציילט פּרטים וועגן דער באַגעגעניש מיט דער אונטערערד אין גאָלדפילץ: „...כ׳באַגעגן מיך דאָרטן, אויב מיין זכרון פאַרפירט מיך נישט, מיט אַבאַראַשע גאַנטאָוניק און גרישע צעפּעלעוויטש... זיי דערציילן מיר, אַז זיי האָבן אַ קאָנטאַקט מיט אַ געוויסן „דזשינדזשי״, ווייזט אויס אַ ייד, וואָס האָט זיי צוגעזאָגט פאַר־בינדונגען... ווען ס׳וועט זיין נייטיק וועט ער קומען זיי אַרויסנעמען פון לאַגער. ער וויל

אָרגאַניזירן פּאַרטיזאַנער אין עסטאָניע דורכן אַרויספירן זיי צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. ער ווייסט שוין וועגן פּ.פּ.אָ. לכתחילה וויל ער אַרויסנעמען דווקא די קעמפער (ד"ה פון פּ.פּ.אָ.), דאַן וועט ער אַרויספירן פּשוטע יידן, כדי אַלע זאָלן זיך אַנשליסן אין דער זאַך... ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט פאַרבינדונגען, און ווען ער וועט זיך דערוויסן, אַז די דייטשן גייען ליקווידירן די לאַגערן, וועט ער קומען און אָנזאָגן וועגן דעם. איך האָב געבעטן אַ באַגעגעניש מיט אים, האָט ער מיר צוגעזאָגט, אָבער ס'איז דערפון גאָרנישט נישט אַרויס... דערווייל האָבן מיר אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַניזירן צום טאָג פון אַנטלויפן..."

אין זיין גבית־עדות מיינט דיסטעל, אַז דער „דזשינדזשי" איז געווען דער קאַצעטלער פון גאָלדפּילץ, אברהמל לייבאָוויטש, וואָס האָט געהאַט אַן „אַרישן" אויסזען און אויף וועמען מען האָט אַרויפגעלייגט די אויפגאַבע צו זוכן קאָנטאַקטן מיט די פּאַרטיזאַנער אין די אַרומיקע וועלדער.

34) וועגן דער אָרגאַניזירונג פון דער אונטערערד אין ערעדאַ ליגן פאַר אונדז אייניקע גבית־עדות:

„...מיר זענען געווען אַרום 100 מאַן, גרייטע צום ווידערשטאַנד. מיר האָבן אָנגעהאַלטן צווישן זיך אַ שטענדיקן קאָנטאַקט. אָבער מיר האָבן געוואַרט אויף יענעם מאַן, אויפן „דזשינדזשי", און ער איז נישט געקומען... האָבן מיר אָנגעהויבן זיך צו גרייטן צום טאָג פון אַנטלויפן. מיר האָבן אַפילו איינגעשטעלט צווישן זיך אַ סדר, ווער עס וועט גיין דער ערשטער און ווער דער צווייטער... ווו גיין האָבן מיר נישט געוווסט... סתם אַנטלויפן... (גאָלדשטיין, 19—21).

„...אין ערעדאַ האָט אונדז דערציילט גאָלדשטיין וועגן זיינע פאַרבינדונגען מיט די מענטשן פון אונטערערד אין גאָלדפּילץ (גרישקע און גאַנטאָוויק)... שפּעטער, אַז ס'איז נישט געווען קיין המשך פון די קאָנטאַקטן מיט גאָלדפּילץ, האָבן די ערעדער געטראַכט, אַז די פאַרבינדונג פון גאָלדפּילצער אונטערערד מיט פּאַרטיזאַנער האָט אין זיך נישט קיין ממשות... האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אויפשטעלן אין ערעדאַ גופא אַ גרופּע, וואָס איז גרייט צו לויפן. מען האָט אָנגעהויבן פאַרבינדן זיך מיט פּיפּי (פּייוול) האַרטמאַן, לייב טאַראַשינסקי, שיקאַראַ... זייער צאָל איז דערגאַנגען צו עטלעכע צענדליק..." (קויפמאַן, 39—40).

„... מיר האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן זיך אין פינפטלעך. צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן דערמאָן איך זיך די נעמען פון אברהם קריין (אברהמל) און חיים צאַך. מען גרייט צו אַ ביסל געווער סיי אין דער גרופּע פון אברהמל קריין און סיי פון חיים צאַך און מיר באַזיצן אייניקע האַנט־גראַנאַטן... די גראַנאַטן האָבן געגנבעט אייניקע חברים וואָס האָבן גערייניקט די צימערן פון עסטאָניער. דער מענטש פון גאָלדפּילץ, אויף וועמען מיר האָבן געוואַרט, האָט לויטן פּלאַן געדאַרפט אונדז פאַרבינדן מיט די פּאַרטיזאַנער. און

געבן אָנווייזונגען וואָס צו טאָן. אָבער דער מענטש איז נישט געקומען. די פאַרבינדונג מיט גאָלדפילץ איז געווען זייער שווער...״ (האַרטמאַן, 57—58).

35) גאָלדשטיין, 14; גאָרדאָן, 15.

36)״...ווען מען האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז מאָרגן קומט פאָר די עוואַקואַציע פון לאַגער, האָב איך זיך אין דער זעלבער נאַכט געטראָפן מיט פּייוול האַרטמאַן, און מיר האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפן...״ (גאָרדאָן, 15). „... מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסגיין אין וואַלד אין פרימאָרגן פון דער עוואַקואַציע... דאָס איז געווען דער וועג פון זיכערן זעלבסטמאָרד... קיינער האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די אַחריות משפיע צו זיין אויפן צווייטן... אין די דאָזיקע באַדינגונגען זאָל יעדער האַנדלען לויט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד...״

37) זע גבית־עדות פון גאָלדשטיין, גאָרדאָן, האַרטמאַן, מילשטיין, קויפמאַן.

38) האַלפּערן, 15, דערציילט, אַז פון ערעדאַ זענען אַנטלאָפן 19 מאַן. ער דער־ציילט, אַז צווישן זיי איז געווען איינער באַרקע, וואָס אַרבעט איצט אין שעכטהויז פון תל ־אביב.

39) האַרטמאַן, 61—62

40) גאָלדשטיין, 42—47.

41) העניע בלאָזער־טשעפּעלונסקי: „פון לאַגער צו לאַגער״, ספר אָלשאַן, 262—263. דער נאָמען פון איינער פון די געכאַפּטע לאַגערניצעס איז געווען „ליפּקע״. וועגן דעם דאָזיקן אַנטלויפן דערציילן אויך די שוועסטערס געניע און סאָניע כ״ץ. לויט זייערע ווערטער געפינט זיך איינע פון די אַנטלאָפענע אין אשדוד. ביידע שוועסטער דערציילן אויך וועגן אַנטלויפן פון ד״ר פּימע.

42) גבית־עדות פון ד״ר דוואָרזשעצקי: „אין שעהן פון פאַרלירן דעם באַוווסטזיין צוליבן הויכן פיבער, פלעגט ער דערציילן די אַר׳מיקע לאַגערניקעס וועגן זיינע פאַר־בינדונגען מיט עסטאָנישע פאַרטיזאַנער. אין יענער צייט בין איך אַליין געוואָרן קראַנק אויף פלעקטיפוס. כ׳האָב נאָך נישט באַוויזן „קומען צו זיך״, ווי ס׳איז אָנגעקומען דער פלוצעמדיקער אַרויספיר פון קורעמע קיין גאָלדפילץ. מער האָב איך אים נישט געזען, און ס׳איז מיר נישט באַקאַנט זיין גורל״. 66א״וו.

43 ד״ר דוואָרזשעצקי, 77.

44) ד״ר דוואָרזשעצקי, 77. „די עסטאָנישע פּרוי האָט מיר צוגעזאָגט אַ קאָנטאַקט מיט פאַרטיזאַנער. מיר אַלע האָבן אויף דעם געוואָרט מיט אומגעדולד. פון צייט צו צייט פלעגט זי קומען און דערציילן, אַז זי „האָט געהערט... זי האָט גערעדט...״ אַז דאָס וועט פאַרנעמען נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג. — ס׳וועלן קומען מענטשן און אונדז אַרויס־נעמען; זיי וועלן אונדז געבן אַ פּאַראָל. אָבער ס׳איז פון דעם גאָרנישט אַרויסגעקומען״...

45) ד״ר דוואָרזשעצקי, 79: „...כ׳בין אַריין אין אַפּטייק און געזאָגט דעם אַפּטייקער, אַז כ׳בין פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. ער האָט מיך געפרעגט אויף מיין נאָמען, האָב איך

געזאָגט, אַז מיין נאָמען איז ד״ר דוואַרזשעצקי. דאַן האָט ער מיך געפרעגט צי איך האָב אַ קרוב, אַן אַפּטייקער, איזידאָר דוואַרזשעצקי? האָב איך געענטפערט, אַז יאָ, דאָס איז מיין פעטער און ער געפינט זיך אין ארץ־ישראל (ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1965). האָט ער מיר געזאָגט: „כ׳האָב צוזאַמען מיט אים געלערנט פאַרמאַציע אין מאָסקווע". „אפשר — האָב איך געפרעגט — ווייסטו מיר געפינען אַ פאַרבינדונג מיט עסטאַ־נישע פּאַרטיזאַנער?" האָט ער מיר געזאָגט: „קום דעם נאָענטסטן זונטיק". כ׳בין געקומען. ער האָט מיר געגעבן די מעדיקאַמענטן וואָס איך האָב געבעטן. קיין געלט האָט ער נישט גענומען. ער האָט מיר געזאָגט: „גיי אַראָפּ אין מיין וווינונג, דאָרט געפינען זיך איצט די עסטאָנישע פּאַרטיזאַנער". אין מיין גרויסער נאַיִוקייט בין איך אַראָפּ אין זיין דירה. כ׳בין געגאַנגען לאַנגזאַם. כ׳האָב געעפנט די טיר. און כ׳זע: דאָרט זיצן ס.ס.־לייט מיט פלעשער וואָדקע. זיי זענען האַלב־שיכור. זיי זינגען און הוליען. איך האָב גלייך צוגעמאַכט די טיר און זיך צוריקגעקערט. פון יענעם טאָג אָן האָב איך שוין מער נישט געזוכט ביי יענעם אַפּטייקער קיין שום קאָנטאַקטן מיט וועמען עס איז. וואָס דאָרט איז געווען באמת, איז מיר אוממעגלעך צו פאַרשטיין: צי האָט ער מיך געוואָלט פאַרפירן? אָדער דאָס זענען געווען פּאַרטיזאַנער, פאַרקליידט אַלס ס.ס.מענער?

46) קאַגאַן־גראָדזענסקי גיט איבער אין זיין גבית־עדות נעמען פון דער גרופּע צווישן זיי פאַקטישע אונטערערדלער, ווי צבי צעפּעלעוויטש און אַבראַשע גאָנ־טאָוניק; דער לאַגערעלטעסטער רפאל אָסטער און זיין געהילף מענדעלעוויטש; נעמען פון קאָוונער יידן, ווי נעמענטשיק (וואָס איז געווען דער ממונה אויף דער לאַגער־באַ־שפּייזונג), דער לערער ראָזענבלאַט. ער (קאַגאַן־גראָדזענסקי), חאַניע, אַ ווילנער שניידער. לויט זיינע ווערטער האָבן זיי געפונען אַ פאַרבינדונג מיט אַן עסטאָנישער פאַמיליע וואָס האָט זיי צוגעזאָגט הילף בעת זייער אַנטלויפן. זיי האָבן פּלאַנירט צו אַנטלויפן אין דער ריכטונג פון דער אַזיערע פּייפּוס... ס׳איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען".

דער דערמאָנטער נעמענטשיק איז דער מחבר פון אייניקע קאַפּיטלען זכרונות „מגילת עסטלאַנד". ראָזענבלאַט איז שפּעטער געווען מיטגליד פון דער גרופּע „שאר־ישוב" און האָט קיין מאָל נישט דערציילט וועגן דער אויבנדערמאָנטער גרופּע אין קורעמע.

47) מ. וויין, „מורשת", ב״ב, 51.

48) אַפּנבאַך, 8—9.

49) תרשיס, 11.

50) גאָרדאָנאָוויטש, 2.

51) דאַנציגער, 7.

52) דראַבקין, 12.

53) וויינטרויב, 2, 5.

54) טאָגבוך פון ה. קרוק, „מורשת", ב״ב, 50.

55) דער האַלענדער, אַטאַ, האָט דעם 15טן סעפּטעמבער 1944 אים געזאָגט, בעת דער אַרבעט אויסערן לאַגער, אַז די סאָוויעטן האָבן דורכגעבראָכן דעם פראָנט. זיידעל דערציילט, אַז שאַנסן צום אַנטלויפן האָבן געהאַט נאָר די וואָס האָבן געאַרבעט אויסערן לאַגער, ד״ה ביים זעגן האָלץ. זיידעל און זיין חבר אַבראַשע (חיים) זענען אַרויס דעם 17טן סעפּטעמבער אויף אַרבעט אין דער בריגאַדע פון דער זעגעריי. זיי האָבן געבעטן דעם „אַטע״־מאַן ער זאָל זיי דערלויבן אַרויסגיין צו אַ פויער אין נאָענטן וועלדל, בכדי אויסצובייטן בגדים אויף פוטער, און זיי האָבן זיך דערווייטערט פון לאַגער צענדליקער קילאָמעטער. אין צוויי טעג אַרום איז דער לאַגער אין קלאָגע ליקווידירט געוואָרן (זיידעל, „מעריב״, אַפּריל 1965).

56) ״...כ׳דערמאָן זיך, אַז אַ פרוי מיט איר טאָכטער זענען אַנטלאָפן, אין זיי האָבן געאַרבעט אַ געוויסע צייט אין טאַלין אַלס קעלנערינס, אָבער שפּעטער איז אַריין אין דעם רעסטאָראַן איינער פון די „אָ־טע״־לייט, וואָס האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט די פרויען אין קלאָגע, און ער האָט זיי דערקענט און גלייך זיי אומגעקערט אין לאַגער, און מען האָט זיי אויפגעהאָנגען די שילד „הוראַ, הוראַ, איך בין ווידער דאָ!״. אַזוי זענען זיי אַרומגעגאַנגען עטלעכע טעג מיט די אויפגעהאָנגענע שילדן...״ (ראַטנער).

57) קלאַטשקאַ, 5. לויט ד״ר אל. ליבאַ איז דער דערמאָנטער שענקער אַ זון פון דער וואָליגער אויגן־דאָקטאָרין ברכה שענקער.

58) ראַבינאָוויטש, 6.

59) עדות פון מערערע געראַטעוועטע פון קלאָגע.

60) זע גבית־עדות פון די קלאָגער געראַטעוועטע; זע די פאָטאָס פון הריגה־שטח אין קלאָגע, פאַרזייט מיט די קערפּערס פון די דערשאָסענע ביים אַנטלויפן. זע אויך דעם באַריכט פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע צו פאָרשן די נאַצי־פאַרברעכנס אין עס־טאָניע, טאַלין, 1944.

61) זע וואָפּניק (רעדע אויף דעם צוזאַמענקום אין בלה״ג, צום 20סטן יאָרטאָג פון קלאָגע); זע גביות־עדות פון ד״ר זיידלער, י. אַשעראָוויטש.

62) ה. זיידעל, 10—12. פון זיידעלס גבית־עדות איז צו זען, אַז ער איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אונטערערדישער גרופּע. אָבער ער באַצייכנט, אַז די אונטערערד האָט נישט געהאַט קיין שטאַב.

63) אַראָנסאָן, 8.

64) קלאַטשקאַ, 4.

65) זיידעל, רעדע אין בלה״ג, אויף דער קלאָגע־פאַרזאַמלונג, ווי אויך אין זיין גבית־עדות.

66) „מורשת״, ב״ב, 52.

67) קרוקס טאָגבוך, „מורשת״, ב״ב, 52.

68) זיידעל, 13. 69) באַלבערישסקי, 563. 70) נאַדעל, 3.

די ליקווידאַציע פון די לעצטע לאַגערן דורך טאָטאַלער פאַרניכטונג

די מאַסן־שחיטה אין לאַגעדי. 1944.9.18

אין מיטן אויגוסט 1944 איז דער לאַגער לאַגעדי עוואַקויִרט געוואָרן קיין טאַלין און מיט אים — די אַהינגעבראַכטע לאַגערניקעס פון גאָלדפילץ און ערעדאַ. זיי אַלע זענען אַריבערגעפירט געוואָרן דורכן באַלטישן ים קיין שטוטהאָף. אין עטלעכע טעג אַרום איז קיין לאַגעדי ווידער אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פון 500 יידישע קאַצעטלער, דאָס מאָל פון קלאָגע. אַמוואָרשיינלעכסטן איז עס פאָרגעקומען דעם 22סטן אויגוסט 1944.[1]

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע סאָוויעטישע אָפענסיווע. דעם 15טן סעפּטעמבער 1944 האָבן די סאָוויעטן אָנגעהויבן די לעצטע און דעצידירנדיקע שלאַכט, כדי צו פאַרנעמען עסטאָניע און דעם 16טן סעפּטעמבער האָט זיך אָנגעהויבן דער בהלהדיקער דייטשער צוריקטריט. דעם 17טן סעפּטעמבער ווערט שוין דער צוריקצוג באַגלייט פון אַ פּאַניק. אין יענע טעג איז אויך דורך דער דייטשער מאַכט באַשלאָסן געוואָרן צו ליקווידירןביידע לעצטע יידן־לאַגערן: לאַגעדי און קלאָגע, דורכן דערמאָרדן אַלע קאַצעטלער.

דעם 18טן סעפּטעמבער 1944 איז קיין לאַגעדי אָנגעקומען דער אָבערשטורמ־פירער אָטאָ ברענאייזען, דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון אַלע עסטאָנישע לאַגערן, נאָך אַאומייערן, ווי אויך דער שטורמפירער קרעבסבאַו, און זיי האָבן, אין דער אָנוועזנ־הייט פון אַלע קאַצעטלער, געמאָלדן ענגסטן, דעם לאַגערפירער פון לאַגעדי ב׳: „דאָ אין לאַגער איז קאַלט, די קאַצעטלער האָבן נישט קיין וואַרעמע בגדים. מען דאַרף זיי אַריבערפירן אין אַ וואַרעמערן לאַגער".[2]

מען האָט אָנגעהויבן אַרויספירן די קאַצעטלער אויף לאַסטאויטאָס. פאַרן אָפּפאָרן האָבן זיי באַקומען אַ לעבל ברויט, מאַרגאַרין, מאַרמעלאַדע, צוקער.[2] דערמיט האָבן די ס.ס.־לייט אָפּגענאַרט און פאַרפירט די קאַצעטלער: מען זאָרגט זיך וועגן זייער באַשפייזונג, אַ סימן, אַז ס׳איז אַ נאָרמאַלער טראַנספּאָרט אין אַ נייעם לאַגער.

אַ לאַסטאויטאָ האָט געוואַרט אַן ערך 200 מעטער מחוצן לאַגער. אַהינצו האָט מען אַריבערגעפירט די פּאַרטיעס קאַצעטלער, יעדע פּאַרטיע צו 50 מאַן. דאָרט

זענען זיי איינגעשטיגן אין דעם אויטאָ. אַן אַנדער אויטאָ מיט דייטשן איז ווי אַ וועגווייזער געפאָרן פאַרן אויטאָ מיט די קאַצעטלער.[2]

אַזוי זענען אַ גאַנצן טאָג, גרופּן נאָך גרופּן קאַצעטלער אַרויסגעפירט געוואָרן אין די אויטאָס. די לעצטע צוויי אויטאָס האָבן זיך „פאַרשפּעטיקט״. די סיבה פון דער פאַרשפּעטיקונג איז געווען אַ דעפעקט אין מאָטאָר פון אויטאָ, וואָס האָט געפירט אַ גרופּע פרויען. די קאַצעטלער האָבן געוואַרט אַרום צוויי שעה ביז דער מאָטאָר איז פאַרריכט געוואָרן. זיי זענען אָנגעקומען אין אַ וואַלד ווען ס׳איז שוין געווען גוט פינצטער. פון וואַלד איז אַרויס אַ דייטשער פּאָסטן און געזאָגט צום טראַנספּאָרט-פירער: „די אַרבעט איז צו ענדע. ברענג זיי קיין טאַלין אין אַ האָטעל, און פון דאָרטן וועלן זיי געפירט ווערן קיין דייטשלאַנד״. זיי האָבן איבערגענעכטיקט אין דער טאַלינער טורמע און צו מאָרגנס אַריבערגעפירט געוואָרן קיין קלאָגע, אונטער אַ באַגלייטונג פון 50 באַוואָפנטע דייטשן פון טאַלינער טורמע, וואַרשיינלעך, מענטשן פון דער „זאָנדערקאָמאַנדאָ״.[2]

לויט דער גבית־עדות פון א. גאַנז,[3] זענען די קאַצעטלער פון לאַגעדי אַרויס־געפירט געוואָרן צו פאַרניכטונג אין אַן אָרטשאַפט, וואָס איז געלעגן אַן ערך 40 קילאָמעטער פון לאַגעדי. דאָרט איז געווען צוגעגרייט אַ גרויסער שייטער פון האָלץ. די דייטשן האָבן צונויפגעבונדן אַ 10—12 מאַן און געהייסן זיי אַרויפגיין אויף די קלעצער. דאָרט זענען זיי דערשאָסן געוואָרן. נאָך דעם האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דעם שייטער. די מאָרד־אַקציע האָט געפירט דער אַרבעטסלייטער („אַרבייטסאיינזאַצלייטער״), אונטערשטורמפירער עלבינג, ווי אויך נאָך אַן ס.ס.־מאַן — שפּאַס. די מאָרד־אַקציע האָט געדויערט פון 11 פרי ביז אָוונט.[3]

אַרויס מיט לעבן זענען נאָר צוויי נישט־צום־טויט־דערשאָסענע: אוריאל שי־מאַנאָוויטש, וואָס איז פון שייטער אַנטלאָפן אין וואַלד און אייניקע טעג אַרומגע־וואַנדערט אין דער אומגעגנט און דער זייגערמאַכער רייטבאַרד,[3] אַ פאַרוווּנדעטער איז אים געלונגען אַראָפּצוגליטשן זיך פון שייטער און אַנטלויפן אין דער נאַכט־פינצטערניש אין נאָענטן וואַלד. ער דערגייט קיין קלאָגע שוין אייניקע טעג נאָך דער דאָרטיקער שחיטה.

עס געלינגט אויך צו אַנטלויפן אליהו גאַנז פון ווילנע און גאָלדהיים פון לאָדזש. זיי אַנטלויפן פון פאַרניכטונגס־פּלאַץ און באַהאַלטן זיך אויס אין אַ באַראַק,[3] באַלבערישסקי און זיין זון האָבן זיך געראַטעוועט אַדאַנק דעם, וואָס זיי האָבן געאַרבעט מחוץ לאַגער און זיי זענען געפירט געוואָרן אין אַן אויטאָ, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט.[4] זיי זענען געבראַכט געוואָרן קיין טאַלין און פון דאָרט קיין קלאָגע, און געראַטעוועט זיך דאָרט אויף אַ בוידעם.

די קאַצעטלער פון לאַגעדי, וואָס האָבן איבערגענעכטיקט אין טאַלין, האָבן

דאָרט געהערט, אַז אין יענע טעג זענען פון טאַלין אַרויסגעפירט געוואָרן אַן ערך 1.000 מאַן, צווישן זיי 500 פון פראַנקרייך (ווייזט אויס פראַנצויזישע יידן).[2]

אַחוץ די 74 מאַן פון לאַגעדי, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן קיין קלאָגע, און וואָס זייער מערהייט איז דאָרט דערשאָסן געוואָרן צו מאָרגנס 1944.9.19, זענען אַלע איבעריקע 426 קאַצעטלער פון לאַגעדי דערמאָרדעט געוואָרן אויפן אומקום־פּלאַץ ביי לאַגעדי.

די ליקווידאַציע פון לאַגעדי איז דורכגעפירט געוואָרן לויט דער „נאַצי־שיטה": אָפּנאַרן און פאַרפירן (דער באַפעל אַרויסצופירן אין אַ „וואַרעם אָרט" און די פאַר־אָרדענונג מיטצוגעבן שפּייז), און דאַן — נישט צו דערמעגלעכן קיין אַנטלויפן און קיין רעוואָלט, דורך דעם, וואָס די קרבנות זענען צום אומקום־פּלאַץ נישט געפירט געוואָרן צוזאַמען נאָר גרופּנווייז צו אַ פּאָר צענדליק מאַן אין אַ גרופּע, אין קענטיקע צייט־אָפּשטאַנדן אַזוי, אַז איין אַרויסגעפירטע גרופּע האָט נישט געוווסט וועגן גורל פון דער פריערדיקער גרופּע. דאָס צוזאַמענבינדן צו 10 מאַן פאַרמשפּטע, אויף זייער וועג צום שייטער האָט געהאַט דעם ציל נישט צו דערמעגלעכן דאָס אַנט־לויפן פון יחידים.

די מאַסן־שחיטה אין קלאָגע. 1944.9.19

אַ געשפּאַנטע דערוואַרטונג האָט באַהערשט די קאַצעטלער פון קלאָגע, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די סאָוויעטישע אָפענסיווע; ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנ־גען, אַז די קאַצעטלער וועלן אַריבערגעפירט ווערן אין אַ לאַגער קיין דייטשלאַנד. ס'האָבן אויך קורסירט קלאַנגען, אַז אַלע קאַצעטלער דערוואַרט בקרוב אַן אַלגע־מיינע פאַרניכטונג.[5]

דעם 19טן סעפּטעמבער 1944, 4 אַ זייגער פאַרטאָג, איז דער לאַגער אַרומגע־צעטלערינס, וואָס האָבן געאַרבעט ביי בעטאָן, אַז אַ מאַסן־שחיטה איז גאָר נאָענט. ווען דער קלאַנג איז דערגאַנגען צום ס.ס.־מאַן אַרמין ראָטענבערג, האָט ער געהייסן דערהרגענען אייניקע פּרויען צוליבן „פאַרשפּרייטן פּאַניק און סאַבאָטאַזש". ער האָט מסכים געווען מוותר צו זיין אויפן אויספירן זיין מאָרד־באַפעל, נאָר נאָכן באַקומען אַ געהעריקן שוחד פון געלט און ווערטזאַכן.[6]

דער לאַגער קלאָגע איז באַשטאַנען, ווי שוין דערמאָנט, פון צוויי בלאָקן, דער מענער־בלאָק און דער פרויען־בלאָק.[2] אַן ערך צוויי וואָכן פאַר דער שחיטה האָט מען אַריבערגעפירט אַלע מענער אין פרויען־בלאָק,[7] מעגלעך בכדי אַלע זאָלן זיין קאָנצענטרירט אין איין בנין, וואָס וועט פאַרמינערן די שאַנסן פון אַנטלויפן.

דעם 19טן סעפּטעמבער 1944, 4 אַ זייגער פאַרטאָג, איז דער לאַגער אַרומגע־רינגלט געוואָרן דורך דייטשע און עסטאָנישע ס.ס.־לייט. זיי האָבן באַפוילן אַלעמען

אַראָפּצוגיין אויפן אַפּעל־פּלאַץ. אויף יעדע צוויי מעטער אַרום דעם לאַגער זענען געווען אויסגעשטעלט ס.ס.־לייט באַוואָפנטע מיט קוילנוואַרפער.[9]

איינער פון זיי (לויט איינציקע עדות — דער לאַגער־קאָמענדאַנט), האָט געהאַלטן אַ רעדע און אָנגעזאָגט, אַז מען שטייט איצט פאַר אַן עוואַקואַציע קיין דייטשלאַנד, ווייל אין קלאַגע איז שוין מער נישטאָ קיין אַרבעט.[10] ראַטענבערג האָט מודיע געווען, אַז היינט איז „בלאָק־שפּערע;".[11]

ס׳זענען אויסגעקליבן געוואָרן 300 פון צווישן די שטאַרקסטע אין לאַגער, און די ס.ס.־לייט האָבן זיי באַפוילן צו טראָגן קלעצער אין וואַלד אַריין, און דערמיט צוגרייטן די עוואַקואַציע־אַרבעט.[12] די מענטשן זענען אַרויס אונטער אַ שטאַרקער ס.ס.־באַוואַכונג. לכתחילה האָט דער ענין אַרויסגערופן ביי די לאַגערניקעס אַ געוויסן פאַרדאַכט, ווייל תמיד איז מען געפירט געוואָרן אונטער אַן עסטאָנישער באַוואַכונג; אָבער אַז מען האָט געזען ווי מען שלעפט די קלעצער אין וואַלד, איז דער פאַרדאַכט פאַרשוווּנדן.[13] נאָך דעם ווי די 300 „שטאַרקע" האָבן פאַרלאָזן דעם לאַגער, האָט מען אַלע אויסגעשטעלט אין קאָלאָנעס צו 100 מאַן.[14]

11 אַ זייגער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג, אַז די קיך זאָל צוגרייטן מיטאָג פאַרן גאַנצן לאַגער, אויך פאַר די 300 קלעצער־טרעגער.[15] צו דעם צוועק זענען 40 מאַן געשיקט געוואָרן אין קיך.[16] אין דעם איז ווידער געלעגן אַן אָפּנאַרונגס־כוונה: ווען די לאַגערניקעס וועלן זען, אַז מען זאָרגט זיך פאַר זייער באַשפּייזונג, וועלן זיי זיכער זיין, אַז ס׳דראָט זיי נישט קיין שום סכנה.

אַלע קאַצעטלער האָט מען באַפוילן צו זעצן זיך „טערקיש", ד״ה מיט אויפגעהויבענע הענט.[17] פון דערווייטנס האָט מען געזען ווי די שטאַרקע טראָגן די קלעצער אין דער ריכטונג פון וואַלד. פּלוצעם האָט מען דערזען ווי איינער פון די לאַגערניקעס, מאַקס, וואַרפט אַראָפּ זיין קלאָץ, לויפט צוריק אין לאַגער און שרייט: „יידן, ראַטעוועט זיך, מען הרגעט אונדז אויס!". ער איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן דורך אַן ס.ס.־מאַן. די זאַך האָט געדויערט קוים אַ רגע, און איז כמעט נישט דערגאַנגען צום באַוווּסטזיין פון די צונויפגעזאַמלטע אויפן אַפּעל־פּלאַץ.[18] פון ד׳ערווייטנס האָבן זיך דערהערט שאָסן; אַ סך האָבן געמיינט, אַז סאָלדאַטן איבן זיך אין שיסן.[19]

פּלוצעם איז אָנגעקומען אין לאַגער אַ דייטש אויף אַ מאָטאָציקל און האָט עפּעס איינגערוימט אויפן אויער דעם לאַגער־קאָמענדאַנט.[20] גלייך נאָך דעם האָט מען אָנגעהויבן אַרויספירן איינע נאָך דער אַנדערער גרופּן צו 25[21] ביז 40 מאַן.[22] אַ טייל קאַצעטלער איז געפירט געוואָרן צו אַ נידעריק הייזל לעבן וואַלד[22] און די מערהייט — דירעקט אין וואַלד.[23]

מען האָט זיי אַרויסגעפירט פון לאַגער צו צוויי אין אַ שורה, אַרומגערינגלט

דורך אַ שווערער ס.ס.־וואַך. לכתחילה האָט מען אַרויסגעפירט די מענער און דער־נאָך די פרויען.[23] אַרמין רוטענבערג האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַקציע.[22]

מיטאָג־צייט האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די יידן פון די אַרומיקע לאַגערן: א) די רעשטלעך פון לאַגעדי, וואָס זענען אָנגעקומען פון טאַלין, אַ העלפט מענער און אַ העלפט פרויען, באַגלייט פון בערך 50 מאַן פון אַ זאָנדערקאָמאַנדאָ.[24] זיי זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין דער לעצטער ריי. ב) די גרופּע פון די קלאָגער קאַצעטלער, וואָס האָט געאַרבעט אין לאַנקילאַ.[25] ג) שפּעטער איז אויך געבראַכט געוואָרן אַ גרופּע סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע.

די לעבנגעבליבענע פון קלאָגע דערמאָנען אין זייערע גביית־עדות די ס.ס.־לייט אויפן אַפּעל־פּלאַץ, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט און דורכגעפירט דאָס אַרויס־פירן די קאַצעטלער צום טויט, האַלטנדיק אַ מוראדיקע דיסציפּלין צווישן די וואַרטנדיקע אויפן טויט. דאָס זענען: אָבערשאַרפירער באַק,[26] אָבערשטורמפירער אָטאָ ברענאייזען,[27] אונטערשאַרפירער ווילהעלם גענט,[28] העלוויג,[92] מאַקס דאַהל־מאַן,[30] לאַגערפירער ווילהעלם ווערלע,[31] ראַטנפירער לאַנצע,[32] אונטערשאַרפירער „אַרבייטסאיינזאַצלייטער" שוואַרץ,[33] אַרמין רוטענבערג.[34]

מקורות באַצייכענען אויך די אָנוועזנהייט פון ס.ס.־האָופּטשטורמפירער האַנס בוכנער, שעף פון דער פערטער אָפּטיילונג פון דער זיכערהייטספּאָליציי (זאָנדער־קאָמאַנדאָ) פון טאַלין.[35]

די ערשטע קרבנות זענען געווען די 300 שטאַרקסטע, וואָס האָבן געטראָגן די קלעצער אין וואַלד. זיי זענען געפירט געוואָרן דורך די ס.ס.־לייט אין קליינע גרופּן. מען האָט זיי געהייסן אויסלייגן זיך אויף די קלעצער און דאָרט זענען זיי דערשאָסן געוואָרן. אַ טייל, ווי שוין אויבן דערציילט, איז אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ הייזל נעבן וואַלד און דאָרט דערשאָסן געוואָרן.[36], [37] אַ דריטער טייל איז אַוועקגעפירט געוואָרן אין די לאַגער־וואַרשטאַטן. נאָך דער באַפרייונג האָט מען דאָרט געפונען זייערע דערשאָסענע קערפּערס.[22]

דער אופן פון דער דערמאָרדונג איז געווען אַזאַ: יעדער איינער מוז זיך אויסטאָן, מוז אַרויפגיין אויף אַ קלאָץ, אַוועקלייגן זיך מיטן פּנים צום קלאָץ. ער באַקומט באַלד אַ נאַקן־שאָס. דאַן ווערט אַרויפגעלייגט אויף דער שיכט הרוגים אַ נייער שיכט קלעצער און ווידער אַ מענטשן־שיכט און — נאַקן־שאָס. אַזוי האָט זיך געצויגן דער גאַנצער טאָג. איינער נאָכן אַנדערן זענען די קרבנות געווען געצווונגען אַרויפצוגיין אויף די קלעצער און זיך אויסלייגן. דאָרט האָט זיי געטראָפן די קויל.[23] אין דער הייזקע האָבן די לעבעדיקע געמוזט זיך לייגן אויף די קערפּערס פון די דערשאָסענע, מיטן פּנים אַראָפּ, און באַקומען זייער נאַקן־שאָס.

אַן אָפיציעלער דאָקומענט פון עסטאָניע, נאָך דער באַפרייונג דערציילט, אַז 700 עסטאָנישע אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן זיך נישט פאַרשריבן אַלס פרייוויליקע

אין עסטאָנישן ס.ס.־לעגיאָן, זענען אויך געווען געצוווּנגען צו טראָגן קלעצער צום שחיטה־פּלאַץ.[36]

די ס.ס.־לייט זענען אַריין אין רעוויר און דאָרט אויסגעהרגעט אַלע קראַנקע, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט באַוועגן. אַלע איבעריקע האָבן זיי געהייסן אַרויס־גיין און זיי דערשאָסן צוזאַמען מיט אַלע.[37] צענדליקער און הונדערטער זענען דערשאָסן געוואָרן אין די קאָרידאָרן צווישן די פּריטשעס.[36]

בעת דער מאַסן־שחיטה אין קלאָגע זענען דערמאָרדעט געוואָרן אַחוץ יידישע קאַצעטלער אויך סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע און עסטאָנישע אַרעסטאַנטן. לויטן חשבון פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע צו פאָרשן די נאַצי־פאַרברעכנס אין עס־טאָניע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 12טן נאָוועמבער 1944 אין טאַלין, זענען בעת דער קלאָגער שחיטה דערמאָרדעט געוואָרן 73 סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע און עסטאָנישע אַרעסטאַנטן,[36] צווישן זיי אַ דריי־חדשימדיק קינד, צוזאַמען מיט זיין מאַמען.[38] ב. אַנאַליק האָט דערציילט אין זיין גבית־עדות וועגן בערך 100 דערמאָרדעטע סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע אין קלאָגע, און צווישן זיי דאָס קינד. וועגן דער דערמאָרדונג פון די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע דערציילט אויך א. שוסטער אין זיינע זכרונות.[40] די דערמאָרדונג פון די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע איז, לויט די עדות, פאָרגעקומען אין די דורכגענג צווישן די פּריטשעס.

די שחיטה האָט זיך געצויגן פון מיטאָג־צייט ביז 11 ביינאַכט.[40] דאַן האָט מען געגאָסן בענזין אויף די קערפּערס פון די דערמאָרדעטע הן אין וואַלד און הן אין דעם קליינעם הייזל. גרויסע פלאַמען האָבן באַדעקט די דערמאָרדעטע.[40]

ס׳זענען נישט פאַראַן קיין שום עדות וואָס זאָלן באַשטעטיקן, אַז די מענטשן פון דער אומגעגענט זאָלן זיך האָבן אַריינגעריסן אין וואַלד, אָדער אין לאַגער, כדי צו ראַטעווען די קאַצעטלער און די קריגס־געפאַנגענע פון מאַסן־מאָרד. ס׳איז אויך נישטאָ קיין שום עדות, וואָס זאָל באַשטעטיקן וועגן פּרווון פון פּאַרטיזאַנער צו קומען צו הילף די אומגליקלעכע. אפשר האָבן די מענטשן פון דער סביבה נישט געוווּסט וועגן דער מאַסן־שחיטה אין קלאָגע? און אפשר איז די אימה פאַר די נאַציס געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן מורא געהאַט צו באַצאָלן מיטן לעבן פאַר דער הילף וואָס זיי וועלן געבן די צום טויט געפירטע?

די צאָל דערמאָרדעטע יענעם טאָג ווערט געשאַצט אויף 2000—2400 מאַן.

טראָץ דער גרויזאַמער אַטמאָספער בשעת דער מאַסן־שחיטה, און טראָץ דעם פעלן פון דער מינדסטער האָפענונג לעבנצובלייבן — זענען דאָך געווען אייניקע פאַלן פון אַנטלויפן אין סאַמע טאָג פון דער שחיטה, הן אין לאַגער גופא און הן אויפן אומקום־פּלאַץ.

אַבעדזינסקי דערציילט וועגן צוויי פּרויען, וואָס זענען אַנטלאָפן אין קיך און

דאָרט געזוכט אַ באַהעלטעניש. איינע פון זיי איז אַריין אין גרויסן קעסל וואַסער און דאָרט אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצן מעת־לעת.[41] אַנדערע פרויען זענען געלאָפן אין די וויק־צימערן און זיך אויסגעלייגט אויף די אונטערשטע פריטשעס, זיך צוגע־דעקט מיט די צעוואָרפענע קאָלדרעס און געוואַרט אויף זייער גורל: אָדער זיי וועלן אַנטדעקט ווערן דורך די דייטשן און געפירט ווערן צום טויט, אָדער זיי וועלן אפשר געראַטעוועט ווערן.[41] עטלעכע צענדליק לאַגערניקעס האָבן זיך געראַטעוועט אין דער סומאַטאָכע, וואָס האָט געהערשט יענעם טאָג. זיי זענען אַנטלאָפן אין די בלאָקן און פון דאָרט אַרויף אויף די ביידעמער און אויסבאַהאַלטן זיך. לויט די עדות האָבן זיך פון דער שחיטה אין קלאָגע געראַטעוועט 85 מאַן.[42]

געווען נישט־דערשאָסענע צום טויט, אַנטלאָפענע פונעם שייטער און פון דעם שחיטה־הייזל. דער אָפיציעלער באַריכט פון דער עסטאָנישער קאָמיסיע דערציילט, אַז אויפן שטח זענען געפונען געוואָרן 18 קערפּערס פון אַנטלאָפענע פונעם שייטער. די קערפּערס זענען געווען צעשפּרייט איבערן גאַנצן שטח אַן ערך 200 מעטער ווייטער פונעם שייטער.[43] אויך דערציילן עדות וועגן מערערע טויטע קער־פּערס, צעשפּרייטע איבערן גאַנצן שטח אַרום שייטער.[44]

יצחק אַשעראָוויטש פון אַשמענע (היינט אין ישראל), איז געפירט געוואָרן צו דעם שחיטה־הייזל. מען האָט אים באַפוילן אויסצוציען זיך איבער די קערפּערס פון די הרוגים. ער האָט באַקומען אַ נאַקן־שאָס, וואָס איז געווען נישט געניי גע־צילט, נאָך דעם ווי מען האָט באַגאָסן מיט בענזין די קערפּערס פון די הרוגים און אויך איבער זיין קערפּער, איז ער אַנטלאָפן דורך אַן אָפן פענצטערל, אַרויפ־געשפּרונגען אויף אַ בוים און געוואַרט דאָרט אַ גאַנצן מעת־לעת. שפּעטער האָט ער אַרומגעוואַנדערט עטלעכע טעג אין די וועלדער פון דער אומגעגנט ביזן אָנ־קומען פון די סאָוויעטן.[45]

צווישן די נישט־דערשאָסענע, וואָס זענען אַנטלאָפן פון הייזל איז אויך געווען אברהם וואַפּניק, וואָס האָט באַקומען צוויי קוילן אין נאַקן, ווי אויך דער לאַ־גערניק ליפּנהאָלץ.[46]

ד״ר ס. זיידלער איז אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין, דאָרט האָט ער זיך אַרומגע־בלאָנקעט ביז דער באַפרייונג.[47]

צווישן די וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די הרוגים אין בלאָק און סי־מולירט אַ טויטן, איז געווען אויך געניאַ אַלקעניצקאַ.[48]

אין זייערע זכרונות וועגן יענעם שוידערלעכן טאָג אין קלאָגע, דערציילן געראַטעוועטע: „...די אַלע וואָס האָבן זיך געפונען אויפן פּלאַץ און געוואַרט אויף זייער ריי דערמאָרדעט צו ווערן, זענען פּאַר אַלעמען אין די אויגן אַזוי פאַר־ענדערט געוואָרן, אַז מען האָט זיי נישט דערקענט. אַ טייל פון זיי האָט הויך גע־וויינט, אַנדערע זענען אַראָפּ פון זינען און געלאַכט און געזונגען. געווען אַזעלכע,

וואָס זענען געלאָפן צום דראָט־צוים און געבליבן הענגען אויף אים, דערשאָסענע דורך די וואַך־פּאָסטנס. אַנדערע זענען געשטאַנען אין גאַנצן שטיל: נישט געוויינט, נישט געכליפּעט, נישט געטענהט, נישט געשריִען, נאָר גלייכגילטיק זיך געזעגנט מיט דער וועלט... געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך צעקושט און געטרייסט איינער דעם צווייטן, אַז זיי זענען נישט בעסער פון זייערע אומגעקומענע ברידער. אַנדערע ווידער זענען מיט אויפגעהויבענע קעפּ געגאַנגען אַנטקעגן דעם טויט...״ [49]

מ. באַלבערישסקי דערציילט, אַז דער לאַגערעלטעסטע פון מענער־בלאָק, מעלצער, און די לאַגערעלטעסטע פון פרויען־בלאָק, פרידע בייוואַל, האָבן גערופן די מענטשן פון קלאָגע „צו גיין מיט אַ געהויבענעם קאָפּ צום טויט״.[50]

זעקס טעג האָבן זיך אויסבאַהאַלטן די געראַטעוועטע אויפן בוידעם. די גאַנצע צייט איז קלאָגע געווען אָן אַ בעל־הבית. די געראַטעוועטע האָבן געזען דורך די שפּאַלטן פון דער באַהעלטעניש, ווי אָפּטרעטנדיקע דייטשע סאָלדאַטן שטראָמען אָן אויפהער אין דער אומגעגנט. זיי האָבן אויך געזען ווי עסטאָניער דרייען זיך אַרום איבער די פאַרלאָזענע בנינים, זוכן צווישן די זאַכן, אפשר וועלן זיי געפינען ווערטזאַכן און בגדים פון די הרוגים.[51] ווען ס׳זענען אַריבער עטלעכע טעג און די אויסבאַהאַלטענע אויפן בוידעם האָבן צווישן די שפּאַלטן מער נישט געזען קיין דייטשע זעלנער, האָבן זיי באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון דער באַהעלטעניש. זיי האָבן אין לאַגער נישט געפונען קיין שום דייטש, אָבער אויך די רוסן זענען נאָך נישט געווען.[52]

זיי האָבן דערזען דאָס אימהדיקע בילד פון שייטער אין וואַלד, די פאַרברענטע קערפּערס פון זייערע פריינד און משפּחה־מיטגלידער און די צעשפּרייטע איבערן שטח קערפּערס פון די אַנטלאָפענע.[43, 44]

די געראַטעוועטע זענען אַוועק צו די נאָענטע קאַזאַרמעס, וווּ ס׳האָבן פריער געוווינט די ס.ס.־לייט און דייטשע זעלנער און פון דאָרטן צוגענומען איבערגעלאָזן געווער. „מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר געפינען זיך אין אַן אָרט, וואָס געהערט נישט צו קיינעם און ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די דייטשן קענען זיך נאָך צוריק־קערן״. אייניקע קאַצעטלער האָבן זיך דערווייל אַריינגעקליבן אין אַ צימער פון אַ דייטשן אָפיציר און דאָס געווער אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט. „טאָמער טרעפט עפּעס, זאָל מען האָבן מיט וואָס זיך צו שיצן״.[52]

דעם 25סטן סעפּטעמבער זענען די סאָוויעטן אַריין קיין קלאָגע.[53] אַלע קאַ־צעטלער זענען אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן. במשך פון אַ קורצער צייט איז קלאָגע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטראַלן זאַמלפּונקט פאַר אַלע יידישע אַנט־לאָפענע קאַצעטלער. זיי האָבן געוואָלט אָנהייבן פון דאָס ניי אַ יידיש לעבן. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָבן אַן ערך הונדערט יידישע געזו. קאַצעטלער פאַרלאָזן דעם טויטן־לאַגער קלאָגע און זיך צוריקגעקערט אין אַ בשותּפותדיקן טראַנספּאָרט

קיין ווילנע.[54] אַ קענטיקער טייל פון זיי, ווי אויך פון אַנדערע געוועזענע קאַצעט־לער אין די עסטאָנישע לאַגערן, אַרויסגעפירטע קיין שטוטהאָף, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם יסורים־וועג פון די דייטשע לאַגערן, פון ווייטע דעפּאָרטאַציעס איבער יבשה און ים און דעם וועג פון אַנטלויפן אין די וועלדער — זענען אַוועק אויף אַ ווייטערדיקן וועג פון נע־ונד, פון גיין איבער גרענעצן... זיי זענען איצט צעשפּרייט איבער פאַרשידענע לענדער. אַ סך פון זיי געפינען זיך אין ישראל.

באַמערקונגען

1) באַלבערישסקי, 554, גיט איבער, אַז ער איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין לאַגעדי דעם 22סטן אויגוסט 1944, אין אַ טראַנספּאָרט פון 500 קאַצעטלער פון קלאָגע (250 מענער און 250 פרויען). אין דער קאַרטאָטעקע פון קלאָגע, ביי דער קאַרטע פון וואָלף דורמאַשקין, איז אויך פאַרצייכנט: „אַריבערגעפירט אין אַ.ל. (אַרבעטס־לאַגער) לאַגעדי דעם 1944.8.22". אָבער אַנאָליק, ג., געשפּרעך, 4, גיט אָן, אַז ער איז אַריבערגעפירט געוואָרן דעם 18טן אויגוסט פון קלאָגע קיין לאַגעדי; באַלבערישסקי גיט אויך אָן, אַז אַ וואָך פאַר זיין אָנקומען קיין לאַגעדי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן די קאַצעטלער (פון לאַגעדי א') קיין טאַלין, ד"ה אין מיטן אויגוסט 1944.

2) די פּרטים געבראַכט לויט אַנאָליק ב., 10, אַנאָליק ג., געשפּרעך, 4, און מ. באַלבערישסקי, 554. לויט באַלבערישסקי זענען געווען 40 פרויען אין איין אויטאָ און 34 מענער אין צווייטן אויטאָ. ער, וואָס איז געווען אין מענער־אויטאָ, באַשרייבט, אַז ער האָט געהערט ווען זיי זענען אָנגעקומען: „זי זינד צו שפּעט געקאָממען, קאָממען זי מאָרגען!". זע אויך ב. מערין, 155

3) גאַנז, 3.

4) באַלבערישסקי, 554.

5) באַלבערישסקי, 556, גיט אָן, אַז צווישן די הרוגים זענען געווען הערמאַן קרוק, דער דיכטער ל. ראָזענטאַל, דער קאָמפּאָזיטאָר וואָלף דורמאַשקין, ד"ר חאָלעם, ד"ר קאַרנאָווסקי. פון די 74 לאַגעדי־קאַצעטלער, וואָס זענען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין קלאָגע, זענען לעבנגעבליבן קוים אַכט פּערזאָן: די צוויי ברידער אַנאָליק, בנימין און ניסן, מענדל באַלבערישסקי און זיין זון טעאָדאָר, טרינאָפּאָלסקי מאיר חיים, וויינטרויב בנימין, ראַבינאָוויטש יוסף בייניש, אָלקעניצקאַ געניאַ (באַלבערישסקי 584—586). מ. באַלבערישסקי איז מיט צוויי יאָר צוריק נפטר געוואָרן.

6) אַראָנאָוויטש, 2.

7) אַראָנסאָן, 6; דושאַנסקי, 6; וואָפּניק, 2; ראַטנער, 2.

8) בורג, 2; אראָנסאָן, 7; דויטש, 5. 9) ראַבינאָוויטש, 7.

10) „...דער לאַגערפירער האָט מודיע געווען: היות דער פראָנט דערנענטערט זיך, זענען מיר געצוווּנגען, צוליב זיכערהייטס־טעמים, דורכצופירן אַן עוואַקואַציע־אַקציע קיין דייטשלאַנד. כדי דורכצופירן דעם דאָזיקן באַשלוס מוזן מיר איצטער אויסלאָדן אַ טראַנס־פּאָרט האָלץ; אין די וואַגאָנען, וואָס וועלן אויסגעליידיקט ווערן, וועט אַ טייל פון אייך אַריבערגעפירט ווערן צום פּאָרט קונדאַ ביים פינישן אויסגוס...״ (שוסטער, א., „ספר אַלשאַן״, 248). 11) אַראָנאָוויטש, 2.

12) באַלבערישסקי, 557; דויטש, 6; לויט אַנאַליק נ., געשפּרעך, 6, האָט מען זיי געזאָגט, אַז זיי וועלן טראָגן קלעצער צום פּאָרט פּאַלטין.

13) אַראָנאָוויטש, 2; 14) דויטש, 2; ראַבינאָוויטש, 8. 15) באַלבערישסקי, 559. 16) אַראָנאָוויטש, 2. 17) אין אַלע עסטאָנישע לאַגערן האָבן דאָס אויפגעצוווּנגענע זיצן מיט די הענט אַרויף, די קאַצעטלער גערופן: „פּאַ טורעצקו״ (טערקיש). 18) אַבעדזינסקי, 4. 19) אַראָנסאָן, 12; באַלבערישסקי, 558. 20) ד״ר בוזשאַנסקי. 21) אַנאַליק, נ., געשפּרעך, 4; באַלבערישסקי, 588. 22) דושאַנסקי, 7. 23) לויט מערערע עדות פון קלאָגאַ. 24) אַנאַליק, נ., געשפּרעך 4—5; באַלבערישסקי, 557; ראַבינאָוויטש, 7. 25) אַבעדזינסקי, 7; אַראָנסאָן, 6.

26) בורג, 2; דושאַנסקי, 2; וואָפּניק, 3; ראַבינאָוויטש, 2; גאָלעמבאַ, 5, חאַרמאַץ, 5.

27) אַנאַליק, נ. רעדע, 4; זיידעל, „מעריב״, 1965.

28) וואָפּניק, 2; זיידל, מעריב, 1965.

29) גאַנז, 2; דושאַנסקי, 9.

30) ד״ר בוזשאַנסקי; זיידל, מעריב, 1965.

31) בורג, 2; דושאַנסקי, 9; וואָפּניק, 2; זיידל, מעריב, 1965.

32) דושאַנסקי,7; וואָפּניק, 2.

33) גאַנז, 2; דושאַנסקי, 7; זיידל, מעריב; וואָפּניק, 2; נעמענטשיק, 4.

34) אַדעלאַ גרינוואַלד און סטעלאַ זאַלקינד, 2; דושאַנסקי, 2.

35) Zentrale Stelle der Landesjustizverwaltungen, 7. AR-Z; 233/59, Ludwigsburg, 7.9.1961; p. 8.

36) רעזומע פון דער באַשולדיקונג, 10. 37) אַבעדזינסקי; וואָפּניק, 2; שוסטער, ספר אַלשאַן, 250. 38) רעזומע פון דער באַשולדיקונג, 10; אַנאַליק ב., 12. 39) אַנאַליק נ., באַשולדיקונגס־רעדע, 5. 40) ספר אַלשאַן, 252. 41) אַבעדזינסקי, 6.

42) באַלבערישסקי ברענגט אין זיין בוך די רשימה פון די געראַטעוועטע פון קלאָגאַ. עדות דערציילן, אַז אייגנטלעך האָבן זיך פון קלאָגע געראַטעוועט נאָר 85 מאַן; שפּעטער זענען צוגעקומען געראַטעוועטע פון אַנדערע לאַגערן, האָט זיך געשאַפן דער סכום פון 100.

43) דין־וחשבון פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע, טאַלין, 1944.

44) אַבעדזינסקי, 2; ד״ר בוזשאַנסקי, 2; דושאַנסקי, 4.

45) אַשעראָוויטש, 4; באַלבערישסקי, 575, גיט אָן בטעות דעם נאָמען יצחק אָוסעיאָוויטש.
47) ד״ר זיידלער, 4. 48) באַלבערישסקי, 563. 49) אַראָנסאָן, 12. 50) באַלבערישסקי 573.
51) באַלבערישסקי, 569. 52) ראַטנער, 14. 53) אַנאַליק, ב., 4.

54) מערערע עדות צווישן די געראַטעוועטע פון קלאָגע.

רשימה פון די קלאָגער געראַטעוועטע

בכדי פעסטשטעלן ווער עס זענען די געראַטעוועטע פון קלאָגע האָבן מיר זיך באַנוצט מיט דריי ליסטעס: 1) אָנגעשריבן לויטן זכרון דורך אברהם אַראָנסאָן, 2) פאַרעפנטלעכטע אינעם בוך פון מ. באַלבערישסקי, ז״ז 484—486 (87 נעמען), 3) אַ ליסטע אויף רוסיש, איבערגעגעבן מיר דורך ניסן אַנאַליק. איר אָריגינאַל, וואָס געפינט זיך אין בילה״ג שטאַמט פון יאָר 1944 (109 נעמען). דאָס זענען ליסטעס פון די, וואָס האָבן פאַרלאָזן קלאָגע אין חודש נאָוועמבער 1944, בכדי צו פאָרן קיין ווילנע. אין די פּערזענלעכע באַשטעטיקונגען, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן די אַרויספאָרערס איז געווען געשריבן, אַז דער בירגער... „האָט זיך געפונען אין קאַצעט, און האָט זיך צופעליק געראַטעוועט פון אומקום און פאָרט צוריק אַהיים״.

די נעמען, וואָס פיגורירן אין אַלע דריי ליסטעס, וועלן דאָ נישט פאַרצייכנט ווערן מיט קיין שום סימן; די אַנדערע נעמען וועלן באַצייכנט ווערן מיטן סימן [א] (= אַראָנסאָן), [ב] (= באַלבערישסקי), [ר] (= רוסיש).

א בעדזינסקי אברהם (הענריק); אַבעלעוויטש גרישע (צבי); אָוסעיעוויטש יצחק; איסגור יצחק [א]; אולעם מינע [א]; אַלייסקי לאַזאַר (אין ישראל = בן־נחום); אַלקיע־ניצקי (=שעסקין) געניאַ; אַנאַליק בנימין; אַנאַליק ניסן; אָס מרדכי (מאָטל); אַפּפּעלבאַום הענריק [ב ר]; אַקסעלראָד ראָיע [ב ר]; אַראָנסאָן אברהם; אַראָנאָוויטשביילע [ב ר]; אַראָנאָוויטש נחמה (נעכע) [ב ר]; אַרבאַך אריה.

ב אַלבערישסקי טעאָדאָר; באַלבערישסקי מענדל; בוזשאַנסקי אליעזר (לאַזאַר); בורג געניע [א]; בלאַכער נחמה [א]; בלוישטיין הירש [ב ר]; בלומענטאַל ליזע [א ר]; בעז־פּראָזוואַני דאָראַ [ב].

ג אָלדבערג יעקב; גאָלדשטיין (שפירא) רחל [ב ר]; גאַנטאָווניק אברהם; גאַנז אליהו [ב ר]; גאָרדאָן ציליסבערג; גורוויטש (גורוויטש) גיטע; גדעון אריה [א]; גורוויטש אסתר [ב ר]; גלאַזער חיים [א]; גלאָס פריידע [ב ר]; געגדזל מאַטליאַ; גרינהאָלץ (יאָכעלסאָן אַדעלאַ; גרינהאָלץ אָרבאַך.

ד אַנדעס פייוול; דאַנדעס פאַניאַ [ר]; דאַרבאָוויטש פאַלק [ב]; דויטש דאָראַ [א]; דושאַנסקי קלמן (קאַלקע [ב ר]; דזשינגאַם [ב] (דושינאַט) לזייער [ר]; דערטשון לאה [ב]; ליזאַ [ר]; דראַבקין חיים [ר]; דראַבקין העשל [ר]; חנן [א]; דראַבקין שמואל [ב ר].

ה אָפּמאַן (?) טאַליאַ [ר].

וואַפּניק אברהם; ווייַנטרויב בנימין (וואַליס) [א] ווייסקאָפּ העניאַ [ב]; ווישניאַק רחל [א].

זאַלקינד [ר] (זעלקינד [ב]) ראָזע; זאַמאָשטשיק חיה; זאַרכי פּעסיאַ [ב ר]; זאַרכי (איזראַעליס) רבקה [ב ר]; זיסקינד דאָראַ [ב]; זיידעל הלל [ר]; זיידלער סעווערין; זעלצער הירש [ר]; זעלצער מאָטע [ר].

חזנאָוויטש פאַלק [א ר].

טיבריס (?) לאה [ר]; טורגעל אידאַ [ר]; טורגעל מיראַ [ב ר]; טורגעל רחל [ר]; טייץ יוליאַ [ב ר]; טייץ נאַדיאַ [ב ר]; טרינאַפּאָלסקי מאיר; טרינאַפּאָלסקי שלמה [א ר]; (טורנער סאָל [א]).

יאָכעלעוויטש אריטאַ [ב] (יהודית [ר]). כגן בוניאַ [א]; כץ צבי [ב ר].

לאַפּידוס שיינע [ב ר]; ליאַכאָוויצקי זלמן; ליאַכאָוויצקי בנימין; לייבמאַן אידע [ב ר]; לייבמאַן חיים [ב ר]; לייבטאָק סאָניאַ [ר]; ליכטער נחמה [ב ר]; ליפשיץ לייב [ב ר].

מאַבעט [ב] (מאַלעט [ר]) רבקה; מאַטושעוויטש שאַיע [ב ר]; מאַליאַט נאָטע (מאַגאַט [ב ו']; מאָסטאָוויטש יוסף [ב ר]; מייטעס אַבעל [ב ר]; מיכיילאָווסקאַ אידאַ [ר]; מיליי־קאָווסקי אידאַ [ב]; מעצעק הינדע [ב]; מערין באָריס (ברוך) [ר].

סלאָצקי שאול [ב ר].

פּאַטראָן סלאַווע [ב]; פרידמאַן (קראַוט) געניע (גיטע); פּיקיעלסקי גרוניאַ; (פּיקיע־לישסקי); פּיקיעלישקי געניאַ [ב ר]; פּערעלמאַן ראַיאַ [ר].

צאַדיקאָוו בתיה; צאַדיקאָוו שמואל; ציטרינאָווסקי שלום [ב] (שמואל [א]) יוסף [ב ר]; ראָמאַן ליזאַ [א].

קאַגאַן ליאָוואַ [ר]; קאָזלאָווסקי העניאַ (געניאַ) [ב ר]; קאַטשערגינסקי ישראל [ב ר]; קאַלמאַנאָוויטש שמואל [א]; קאַנטאָראָוויטש רחל [ר]; קאַססעל נפתלי [ב ר]; קאַפּולסקאַ (בליט [א]) צילע; קאָפּעליאַנסקי הירש [ב ר]; קוניגיס פאַניאַ [א ר]; קלאַטשקאָ יצחק; קלאַטשקאָ כתריאל; קלאָט [ר].

ראַטנער ר. (יאַגאָווערסקי [א]; ראַטנער ירמיה [ר]; ראַבינאָוויטש יוסף [ב ר]; ראָמאַן ליזאַ [א].

שאַפּירא ליובאַ [ב ר]; שוואַרץ משה [א]; שוחט מרדכי [א]; שוסטער אהרן [א ר]; שימאַנאָוויטש אוריאל; שלאָסבערג חנה [א]; שלעזינגער וויגדאָר [ב ר]; שטערנבליט [ר].

אין דער רוסישער ליסטע זענען נאָך דאָ דריי שווער לייענבאַרע נעמען, פון וועלכע צוויי לאָזן זיך אָפּשיפרירן, וואָרשיינלעך אַלע „בערלין״.

ס'איז אָנצונעמען, אַז די נעמען, וואָס ווערן אָנגעגעבן אין אַלע דריי ליסטעס, זענען זיכער געווען צווישן די, וואָס זענען געפאָרן אין באַן פון קלאָגע קיין ווילנע; נעמען, וואָס ווערן אָנגעגעבן אין צוויי ליסטעס שיינען צו זיין ריכטיקע; מען דאַרף זיך באַציען מיט רעזערוו צו נעמען וואָס זענען אָנגעגעבן נאָר אין איין ליסטע.

מען דאַרף אויך געדענקען, אַז אינעם וואַגאָן זענען געווען אויך אייניקע אַנטלאָפענע פון אַנדערע לאַגערן, וואָס זענען קאָנצענטרירט געוואָרן אין קלאָגע, שוין נאָך דער שחיטה (ווי, למשל, א. אָרבאַך, די דריי דראַבקינס). עס קען אויך זיין, אַז צווישן די נעמען, וואָס פיגורירן נישט אין דער ליסטע פון בילה״ג, האָבן זיך אַריינגעגליטשט נעמען פון געראַטעוועטע פון עסטאָנישע לאַגערן נאָך דער עוואַקואַציע קיין שטוטהאָף.

די עוואַקואַציע קיין שטוטהאָף און דער גורל פון די אַרויסגעפירטע

דעם 23סטן יוני 1944 האָבן די סאָוויעטישע אַרמייען אָנגעהויבן די אָפענסיווע אויפן באַלטישן און ווייסרוסישן פראָנט. דעם 8טן יולי איז געוואָרן באַפרייט פאָ־לאָצק. דעם 11טן יולי האָט זיך אָנגעהויבן די סאָוויעטישע אָפענסיווע אויף דווינסק. דעם 13 יולי איז באַפרייט געוואָרן ווילנע. צו מאָרגנס האָט מען שוין וועגן דעם געוווּסט אין אַלע עסטאָנישע לאַגערן.[1] דעם 17טן יולי האָט זיך אָנגע־הויבן די סאָוויעטישע אָפענסיווע אויף דער אָזיערע פייפוס. דעם 20סטן יולי איז פאָרגעקומען דער אַטענטאַט פון די גענעראַלן אויף היטלערן. צו מאָרגנס האָט מען וועגן דעם געוווּסט אין די עסטאָנישע לאַגערן.[2] מען האָט דערוואַרט, אַז עס וועט זיך אָנהייבן אַן עוואַקואַציע, און כלפּי די יידן וועלן פאָרקומען שטראָף־ און נקמה־אַקטן. דעם 23סטן ווערט באַפרייט פסקאָוו. דעם 24סטן הייבט זיך אָן די אָפענסיווע אויפן געביט פון נאַרוואַ. דעם 26סטן ווערט נאַרוואַ איינגענומען דורך די סאָוויעטן. גלייכצייטיק קומט פאָר אין אַלע עסטאָנישע יידן־לאַגערן די „צענ־טראַליזאַציע אַקציע". דורך אַ טייל לאַגערניקעס ווערט זי אויסגעטייטשט אַלס „נקמה־אַקט" פאַרן אַטענטאַט אויף היטלערן, און דורך אַנדערע, אַלס צוגרייטונג צו אַן עוואַקואַציע (בשעת וועלכער יעדער „באַלאַסט" פון אָפגעשוואַכטע לאַגער־ניקעס איז פאַר די דייטשן צו שווער...). דעם 28סטן יולי 1944 קומט פאָר די עוואַקואַציע פון די לאַגערן ערעדאַ און גאָלדפילץ. מען ברענגט זיי קיין קלאָגע; דאָרט איז די ס.ס.־לייטונג נישט געניגט זיי אויפצונעמען. מען ברענגט זיי צום פאָרט פון טאַלין. מען הייבט אָן זיי אויפצולאָדענען אויף שיפן, און מען לאָדנט זיי ווידער אויס (צוליב אומקלאָרע סיבות), און מען פירט זיי אַוועק קיין לאַגעדי.[3] נאָך דריי וואָכן, דעם 18טן אויגוסט, ווערן זיי ווידער אַרויסגעפירט קיין טאַלין. דאָרט באַגעגענען זיי זיך מיט די אַרויסגעפירטע פון סאָנדאַ, קיוויאָלי, אַזאַרי (וועלכע זענען אָנגעקומען קיין גאָלדפילץ שוין נאָך דער עוואַקואַציע פון די גאָלדפילצער קאַצעטלער קיין לאַגעדי). קיין טאַלין קומען אויך אָן אַרום 400 עלטערע און שוואַכערע קאַצעטלער, אַרויסגעפירטע פון קלאָגע. צוזאַמען ווערן זיי אָפגעפירט מיט אַ שיף איבערן באַלטישן ים, אונטער זייער שווערע באַדינגונגען פון שמוץ, ענגשאַפט און איזדיעקעווען זיך מצד די ס.ס.־לייט.[4] דעם 24סטן אויגוסט, אוונט, פאַרשפרייט זיך אויף דער שיף אַ ידיעה, אַז פאַריז איז געפאַלן.[5] אין עטלעכע טעג

אַרום קומט אַן די שיף קיין דאַנציג (גדאַנסק) און די לאַגערניקעס ווערן אויף באַרקעס אַריבערגעפירט קיין שטוטהאָף. דאָרט הייבן זיך אָן פּאַר זיי די שוידער־לעכסטע טעג פון זייער קאַצעטן־לעבן; זייער גורל ווערט דער זעלבער ווי דער גורל פון אַלע יידישע קאַצעטלער אין שטוטהאָף.[6]

האַרבסט 1944, נאָך יום־כיפור (וואָרשיינלעך דעם 29סטן סעפּטעמבער) איז אַוועק אַ טראַנספּאָרט פון די געוו. עסטאָנישע לאַגערניקעס, בערך 1000 מאַן, אין לאַגער דאַאוטמערגען (ביי־לאַגער פון נאַצווייליער שטרוטהאָף, דרום־דייטשלאַנד).[7] דאָרט האָבן זיי צוזאַמען מיט מערערע פּוילישע קאַצעטלער, געבראַכטע פון וואַרשע (בעיקר נאָכן וואַרשעווער אויפשטאַנד), ווי אויך מיט נאָרוועגישע קאַצעטלער — געאַרבעט ביי דער פּראָדוקציע פון קינסטלעכן ברענשטאָף, געשעפּן פון באַרג־שטיינער (אייגנטלעך אַן ענלעכע אַרבעט צוי די גראַבונגען פון סלאַנייעץ אין עסטאָניע). דאָרט, און אין די אַרומיקע לאַגערן, האָבן געווילדעוועט שנאַבעל, וואָס איז זיי שוין געווען באַקאַנט פון זיינע אַכזריותן אין עסטאָניע, ווי אויך ס.ס.־לייט און נאַצישע קאָלאַבאָראַטאָרן, ווי עאוגען ווירט, פראַנץ האַפּמאַן, סטעפאַן קרוט א״אַנד. די שטערבלעכקייט פון די יידישע קאַצעטלער איז געווען זייער גרויס. די מערהייט איז אויסגעשטאָרבן.[8] צו זיי איז צוגעקומען אַ טראַנספּאָרט יידישע לאַגערניקעס פון גראָסראָזען.[9] סוף מערץ און אָנהייב אַפּריל 1945, ווען ס'האָט זיך דערנענטערט דער שנעלער סוף פון „דריטן רייך״, האָט מען זיי אַרויסגעפירט אויף אַן אויסמאַטערנדיקן פוס־מאַרש אין דער ריכטונג פון די טיראָלער בערג (וואָר־שיינלעך מיט דער כוונה אויסצונוצן זיי אַלס שקלאַפן־אַרבעטער ביי דער „היט־לער־פעסטונג״ אין די טיראָלער בערג). 83 פון זיי זענען געלאָפן אין וואַלד ביים דייטשן שטעטל סאַלגאַו (צווישן זיי דער מחבר פונעם בוך).[10] לבסוף איז דער גאַנצער שטח באַפרייט געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער אַרמיי, און צווישן זיי די 83 אַנטלאָפענע.[10] מערערע הונדערטער פון די לאַגערניקעס, וואָס זענען פון דאַאוטמערגען געפירט געוואָרן אין דער ריכטונג פון טיראָל אויף אַ „טויטן־מאַרש״, ווי אויך פון אַנדערע לאַגערן, זענען געלאָפן אין די אַרומיקע וועלדער. אַ טייל, צוזאַמען מיט אַנדערע לאַגערניקעס אַנטלאָפענע בעת די „טויט־מאַרשן״, זענען געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער שארית־הפליטה אינעם באַפרייטן דייטשלאַנד; אַנדערע ווידער האָבן זיך דורכגעריסן ביז פראַנקרייך און געווען צווישן די אויפבויער פון יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פראַנק־רייך. היינט צו טאָג זענען די דאָזיקע אַלע אַנטלאָפענע צעזייט איבער פאַרשידענע לענדער. אַ טייל אין אַמעריקע; אַ קאָנטיקער טייל איז אַוועק מיט דער מאַסן־עליה קיין ארץ־ישראל.

אַן ערך 1000 קאַצעטלער געבראַכטע פון עסטאָניע קיין שטוטהאָף (אַמיינסטן

ווילנער), זענען פון דאָרט אָפּגעשיקט געוואָרן בעיקר אין 5 קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון מזרח־פּרייסן (אַ״ג ״יידישע אויסן־קאָמאַנדאָס פון שטוטהאָף״) : קעניגסבערג, שיפּענבייל, הייליקענבייל, יעזאַו, סעראַפּעען. אייניקע הונדערט זענען געבליבן אַרבעטן אין שטוטהאָף גופא.[11]

דעם 25סטן יאַנואַר 1945 האָט זיך אָנגעהויבן די שטופּנווייזע עוואַקואַציע פון שטוטהאָף.

זייער טראַגיש איז געווען די עוואַקואַציע פון די יידישע לאַגערניקעס. מען האָט די יידן פון אַלע ״יידישע אויסן־קאָמאַנדאָס״ געבראַכט קיין קעניגסבערג אין אַ ספּעציעלן ״זאַמללאַגער״. פון דאָרט זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אַן ערך 10.000 מאַן (פרויען, מענער און קינדער).[12] אויף אַ מאַרש אין דער ריכטונג פּאַלמניקען, פּילנאַו, פישהאַוזען און אָסטזעע. די ״טראַנספּאָרטן״ זענען אַרויס דעם 25סטן יאַנו־אַר, דעם 27סטן אאַ״וו. בשעתן מאַרש האָבן זיי געליטן הונגער, די אָפּגעשוואַכטע זענען בשעתן מאַרש דערשאָסן געוואָרן דורך די ס.ס.־פּאָסטנס. קיין פּאַלמניקען זענען אָנגעקומען קוים 3.000 מאַן.

דעם 31סטן יאַנואַר ביינאַכט האָט מען זיי אַרויסגעפּירט אויף אַ מאַרש לענג־אויס דעם ברעג פון באַלטישן ים. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ מאַסן־שחיטה און אַ מאַ־סן־דערטרינקען אינעם ים. בשעתן מאַרש האָבן די ס.ס.־לייט געיאָגט די קאַצעטלער אין דער ריכטונג פון ים, אויף זיי געשאָסן און געוואָרפן די דערשאָסענע אין ים אַריין. מערערע לאַגערניקעס זענען אין דער נאַכט־פינצטערניש געלאָפן אין די אַרומיקע דערפער. די דאָרטיקע איינוווינער, בעיקר דייטשן, האָבן זיי נישט געוואָלט אויסבאַהאַלטן, און זיי זענען געכאַפּט געוואָרן דורך די ס.ס.־לייט און אויסגעשאָסן געוואָרן. לעבן געבליבן זענען קוים אַ פּאָר צענדליק מאַן.[12]

די שוידערלעכע שחיטה אויפן ברעג פון באַלטישן ים, צוזאַמען מיט דער מאַסן־שחיטה פון קלאָגע און לאַגעדי. איז איינס פון די גרויליקסטע קאַפּיטלען פון דער נאַציהערשאַפט אין די באַלטישע לענדער.

איבער צוואַנציק טויזנט יידישע קאַצעטלער זענען געווען אין די לאַגערן פון עסטאָניע. זייער איבערוויגנדיקע מערהייט איז אומגעקומען. געבליבן איז פון זיי נאָר דער אָנדענק פון זייערע ליידן ביזן אומקום, פון זייער טאָגטעגלעכן געראַנגל פאַרן לעבן און דער זכר פון זייער אויפהיטן דעם צלם־האדם, אויך אין די אָפּרונטן פון פאַרשקלאַפונג און דערנידעריקונג.

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי

באַמערקונגען

1) דעם 14טן יולי 1944 שרייבט ה. קרוק אין זיין קלאָגער טאָגבוך: „...דעם 13טן איז ווילנע געפאַלן נאָך אַ לענגערן קאַמף... מיר געפינען זיך אויף דער גרענעץ פון לעבן און טויט...״. די געראַטעוועטע פון קלאָגע דערציילן, אַז זיי האָבן איינגעאָרדנט אַ געהיימע „שמחה״ מיט געזאַנג און דעקלאַמאַציעס לכבוד דער באַפרייונג פון ווילנע. דער מחבר געדענקט, אַז אין גאָלדפילץ האָט ער שוין דעם 14טן יולי געוווסט, אַז ווילנע איז באַפרייט.

2) ה. קרוק שרייבט וועגן דעם אין זיין טאָגבוך פון 21סטן יולי: „... פון אין דער פרי גייען אַרום קלאַנגען וועגן אַן אַטענטאַט אויף היטלערן... מען באַגריסט זיך שטילערהייט...״ דער מחבר געדענקט, אַז אויך אין גאָלדפילץ האָט מען וועגן דעם געוווסט שוין דעם 21סטן יולי. וואָרשיינלעך האָבן די יידישע לאַגערניקעס, וואָס האָבן געאַרבעט ביים פאַרריכטן ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, וועגן דעם זיך דערוווסט.

3) זע די זכרונות פון אַלע אַרויסגעפירטע פון ערעדאַ און גאָלדפילץ קיין לאַגעדי.

4) וועגן דעם דערציילן אַלע אַרויסגעפירטע פון עסטאָניע. דער מחבר פונעם בוך האָט דורכגעמאַכט די עוואַקואַציע פון גאָלדפילץ קיין לאַגעדי, און פון דאָרט קיין שטוטהאָף.

5) זכרונות פון מחבר פונעם בוך, וועלכער איז אַליין געווען צווישן די אַרויסגעפירטע פון לאַגעדי קיין שטוטהאָף.

6) די געשיכטע פון די יידן אין שטוטהאָף בכלל און פון די יידישע קאַצעטלער פון עסטאָניע, פאַרשיקטע קיין שטוטהאָף. בפרט, ווי אויך זייער שפּעטערדיקער גורל אין פאַר־שידענע לאַגערן און בשעת די עוואַקואַציע־מאַרשן — פאָדערט נאָך איר גענויע וויסנ־שאַפטלעכע אויספאָרשונג, און עס ליגט נישט אין די ראַמען פון אונדזער אַרבעט וועגן די יידן־לאַגערן אין עסטאָניע. דאָך ווען מיר, כדי צו דערגענצן דאָס אַלגעמיינע בילד, ברענגען וועגן דעם ענין אייניקע פּרטים.

דער שטוטהאָפער לאַגער איז געגרינדעט געוואָרן סעפּטעמבער 1939. לכתחילה האָט ער געטראָגן דעם נאָמען „ציווילקריגסגעפאַנגענלאַגער״. זינט 1942 — „קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער״. סוף 1942 אַנטשטייט אין שטוטהאָף אַ קרעמאַטאָריע; אין האַרבסט 1943 הייבט מען דאָרט אָן בויען אַ גאַזקאַמער. אין די ערשטע יאָרן איז די מערהייט אסירים פון שטוט־האָף באַשטאַנען פון פּאָליאַקן.זינט יולי 1944 זענען 80 פּראָצענט פון די אסירים געווען יידן. יוני 1944 זענען אָנגעקומען טראַנספּאָרטן אונגאַרישע פרויען, שפּעטער טראַנס־פּאָרטן פון קאָוונע, ריגע, עסטאָניע, לאָדזש און אַנד. דורך שטוטהאָף זענען דורכגע־גאַנגען קרוב 120.000 אסירים. מען שאַצט אָפּ, אַז אין שטוטהאָף און זיינע ביילאַגערן, ווי אויך אויף די עוואַקואַציע־מאַרשן זענען אומגעקומען בערך 65.000 קאַצעטלער. די צאָל יידן וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן קיין שטוטהאָף ווערט געשאַצט אויף 60.000 בערך.

7) פּרטים וועגן דאַאוטמערגען, זע אין די אַקטן פון שנאַבעל־פּראָצעס אין העכינגען און פון דער רעוויזיע פון פּראָצעס, באַשולדיקונגס־אַקטן, צאָלרייכע עדות, פּסק־דין.

8) די רשימה פון די יידישע אויסגעשטאָרבענע קאַצעטלער פון דאַאוטמערגען איז בשעתו פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך מרדכי בערנשטיין אין „פאָרווערטס", און שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ ספּעציעלער בראָשור פון די ווילנער אין אַמעריקע. זיי אַלע זענען באַערדיקט געוואָרן צוזאַמען מיט די נישט־יידישע קאַצעטלער פון דאַאוטמערגען אין איין געמיינזאַמען מאַסן־קבר. דאַאוטמערגען געפינט זיך אין דער פראַנצויזישער זאָנע פון דייטשלאַנד.

9) זכרונות פונעם מחבר. צווישן די אָנגעקומענע איז אויך געווען אַ ראַדאָמער ייד, ווייסמאַן (ווייצמאַן ?), וואָס האָט דערציילט, אַז ער איז אַן אָנטיילנעמער פון אוישוויצער אויפשטאַנד, ווען ס׳איז געלונגען צו אַנטלויפן.

10) זכרונות פון מחבר, פאַרעפנטלעכט 1945—1946, אין פּאַריזער „אונזער וואָרט".

11) די געשיכטע וועגן גורל פון די אַרויסגעפירטע קיין שטוטהאָף איז באַזירט אויף די גביות־עדות פון די אַרויסגעפירטע פון עסטאָניע; אויפן אַרטיקל: „יידן האָבן זיי דער־טרונקען אין באַלטישן ים", פון משה ראָטשילד („מיר וועלן זיי ניט פאַרגעסן!", יזכור־שריפט, פאַרבאַנד פון די ווילנער אין מאָנטרעאָל, 1963); אויפן קאַפּיטל: „אויפן ברעג פון באַלטישן ים", דערציילט פון עדות לייבע ראַדזעלי („חורבן ווילנע" פון ש. קאַטשער־גינסקי, 110—115); ווי אויך אויפן אַרטיקל פון ר. פּיקהאָלץ־האַרניטש, ידיעות יד ושם, נר 43, אַפּריל 1965). (זע אויך ב. מערין, 162).

12) ראַדזעלי דערמאָנט צווישן די דערהרגעטע דעם ווילנער דאָקטאָר יאַשפּאַן; ראָט־שילד דערמאָנט די דערהרגעטע: הלל ראָטשילד, ד"ר אַבראַשע אַבראַמאָוויטש, שלמה און אברהם פעלדמאַן, קענסקי, גאָלדמאַן, סאָלץ, כאַיעט און איזראַעלעוויטש. מערערע קאַצעט־ניקעס דערמאָנען צווישן די דערהרגעטע די נעמען פון די דיכטער כתריאל ברוידא, לייב ראָזענטאַל, די אַרטיסטן מאַרק און פּימע שאַפּירא. ראָטשילד דערמאָנט צווישן די געראַ־טעוועטע: גרשון קאַראַפּאַנס און יחזקאל וויטקין,ביידע אין ישראל; די פרויען אולנער און אַבראַמאָוויטש (ניו־יאָרק).

רשימה פון די עדות לויטן א״ב

פאַמיליע, נאָמען	שפּראַך	דאַטע	אָרט	באַמערקונג
אָבעדזינסקי אברהם	יידיש	1965.12.8	תל־אביב	ט״ר
אָבעדזינסקי אברהם	פּויליש	1961.1.9	תל־אביב	
אָבעלאָוויטש צבי	פּויליש	1961	תל־אביב	
אַבראַמאָוויטש בתיה	דייטש	46.9.10	מינכען	ה.ק.
אולעם מינע	פּויליש	1961	תל־אביב	
איגעלקאַ (פּרומאַן) ליובאַ	יידיש	1959	תל־אביב	
איזגוד יוסף	פּויליש	1961	תל־אביב	
אַנאָליק בנימין	יידיש	44.12.12	ווילנע	
אַנאָליק בנימין	דייטש	48.9.3	מינכען	ה.ק.
אַנאָליק בנימין	פּויליש	1961	תל־אביב	
אַנאָליק בנימין	עברית	64.9.19	בלה״ג	ט״ר
אַנאָליק בנימין	עברית	66.1.12	תל־אביב	ט״ר
אַנאָליק ניסן	יידיש	44.12.12	ווילנע	
אַנאָליק ניסן	רוסיש	יאַנ. 46	ריגע	רעדע
אַנאָליק ניסן	רוסיש	יאַנ. 46	ריגע	געשפּרעך
אַנטאָקאָליעץ הירש	פּויליש	1961	תל־אביב	
אָפּענבאַך מינדל	יידיש	46.6.6	פראַנקפורט	ה.ק.
אַראָנאָוויטש בעלאַ	דייטש	50.1.30	האַוואַנאַ	
אַראָנסאָן אברהם	פּויליש	1961	תל־אביב	
אַראָנסאָן אברהם	יידיש	64.9.19	בלה״ג	ט״ר
אַראָנסאָן אברהם	עברית	65.12.25	תל־אביב	
אָרבאַך אַריה	יידיש	64.3.12	תל־אביב	פּרעגבויגן
אָרבאַך אַריה	יידיש	אויגוסט 64	תל־אביב	
אָרבאַך אַריה	פּויליש	1965	תל־אביב	
אָרבאַך אריה	יידיש	65.12.8	תל־אביב	פּרעגבויגן
באַזיליאַן נתן	יידיש	1962	תל־אביב	
באַראַס שרה	יידיש	1957	תל־אביב	
בוזשאַנסקי, ד״ר אליעזר	יידיש	1946	פּאַקינג	ה.ק.
בוזשאַנסקי, ד״ר אליעזר	פּויליש	1961	תל־אביב	
בוזשאַנסקי, ד״ר אליעזר	רוסיש	1960	תל־אביב	
בוזשאַנסקי, ד״ר אליעזר	פּויליש	1960	תל־אביב	
בורג געניע	פּויליש	1961	תל־אביב	
בלאַושטיין גרשון	דייטש	46.8.13	וואַלדשטאַט	ה.ק.
בליץ חיה	דייטש	49.7.8	טאַראָנטאָ	
באַראַנאָווסקי שלמה	עברית	67.9	תל־אביב	ט״ר
גאַנז אליהו	דייטש	46.9.16	וואלפראטס־האַוסען	

פאַמיליע, נאָמען	שפּראַך	דאַטע	אָרט	באַמערקונג
גאָלדבלום שרה	יידיש	49.9.17	טאָראָנטאָ	
גאָלדבלום שרה	יידיש	48.9.2	ברוקלין	
גאָלדבערג יעקב	יידיש	64.9.19	בלה"ג	ט"ר
גאָלדשטיין ברוך	עברית	66.3.25	תל־אביב	ט"ר
גאָלעמבאָ רעיה	יידיש	65.10.25	תל־אביב	ט"ר
גאָלסמאַן ציפּע	פּויליש	1961	תל־אביב	
גאָלסמאַן ציפּע	יידיש	46.1.6	תל־אביב	פּרעגבויגן
גאָרדאָן מרדכי	עברית	65.1.18	תל־אביב	ט"ר
גאָרדאָנאָוויטש גאָלדע	יידיש	67.9.14	תל־אביב	ט"ר
גאָרין משה	יידיש	66.3.9	תל־אביב	ט"ר
גורוויטש גיטע	פּויליש	1961	תל־אביב	
גערמאַנישסקי שבתאי	פּויליש	1966	תל־אביב	
גערמאַנישסקי שבתאי	פּויליש	1966	תל־אביב	
גריליכעס גיטע	פּויליש	1961	תל־אביב	
גריליכעס גיטע	פּויליש	1966	תל־אביב	
גרינבלאַט זאב	יידיש	48.7.19	היידנהיים	ה.ק.
גרינבלאַט (גרינהאָלץ) אַדעלאַ	יידיש	47.1.26	לאַנדסבערג	ה.ק.
גרינבלאַט (גרינהאָלץ) אַדעלאַ	ענגליש	49.10.20	ברוקלין	
גרינוואַלד טאָלאַ	ענגליש	49.10.20	ברוקלין	
גרינשפּאַן גיטע	עברית	66.2.20	תל־אביב	פּרעגבויגן
דאַנציגער משה	פּויליש	1961	תל־אביב	
דאַנציגער משה	יידיש	66.1.6	תל־אביב	ט"ר
דאַנציגער משה	פּויליש	1966	תל־אביב	
דאָליגסקי גמליאל	עברית	1969.6.7	תל־אביב	ט"ר
דאָראָן רעיה	פּויליש	1961	תל־אביב	
דאָראָן רעיה	עברית	64.9.19	בלה"ג	ט"ר
דאָראָן רעיה	עברית	1969	תל־אביב	
דוואָרזשעצקי מאיר	עברית	65.3.25	תל־אביב	ט"ר
דוואָרזשעצקי מאיר	עברית	64.9.19	תל־אביב	ט"ר
דוואָרזשעצקי מאיר	עברית		תל־אביב	ט"ר
דוואָרזשעצקי מאיר	עברית		תל־אביב	ט"ר
דוואָרזשעצקי מאיר	פּויליש	1966	תל־אביב	ט"ר
דויטש דאָרע	פּויליש	1961	תל־אביב	
דושאַנסקי קלמן	דייטש	48.9.30	מינכען	ה.ק.
דושאַנסקי קלמן	פּויליש	1961	תל־אביב	
דושאַנסקי קלמן	עברית	64.9.19	בלה"ג	ט"ר
דיסטעל לייבל	עברית	1967.11.2	תל־אביב	ט"ר
דערעטשין מאיר	פּויליש	1968	תל־אביב	
דראַבקין יצחק	פּויליש	1966	תל־אביב	

פאַמיליע, נאָמען	שפּראַך	דאַטע	אָרט	באַמערקונג
דראבקין העשל	יידיש	1969.2.10	תל־אביב	ט״ר
דראבקין שמואל	יידיש	1969.2.10	תל־אביב	
האַלפערן אברהם	פויליש	1961	תל־אביב	
האַלפערן אברהם	יידיש	66.8.2	תל־אביב	ט״ר
האַלפערן איטע	פויליש	1961	תל־אביב	
האַלצמאַן רחל	פויליש	1966	תל־אביב	
האַרטמאַן פייוול	עברית	64.3.25	תל־אביב	ט״ר
האַרטען שושנה	פויליש	1961	תל־אביב	
וואַפניק אברהם	יידיש	44.12.12	ווילנע	
וואַפניק אברהם	יידיש	1961	תל־אביב	
וואַפניק אברהם	יידיש	64.9.19	בלה״ג	ט״ר
וולץ אידע	יידיש	47.5.30	לאַנדסבערג	ה.ק.
וויטקין פנינה	עברית	1967	תל־אביב	
וויינטרויב בנימין	יידיש	44.12.12	ווילנע	
זאַלקינד ראָזע	יידיש	1947.8.27	רעגענסבורג	ה״ק
זאַלקינד ראָזע	ענגליש	1947.9.29	וויניפעג	וו״ל
זוהר יצחק	יידיש	1968	תל־אביב	
זיידעל הלל	עברית	1969.9.19	בלה״ג	ט״ר
זיידעל הלל	עברית	1967.8.30	תל־אביב	
זיידלער סעווערין ד״ר	פויליש	1961	תל־אביב	
חזנאָוויטש פאַלק	פויליש	1961	תל־אביב	
חארמאַץ יעקב	יידיש	1965.8.2	תל־אביב	ט״ר
טאַרענבערג מרדכי	פויליש	1961	תל־אביב	
טייטעלמאַן עטל	יידיש	1961.21.20	תל־אביב	
טייטעלמאַן עטל	יידיש	1966.1.2	תל־אביב	פרעגבויגן
טראַבסקי שמעון	פויליש	1966	תל־אביב	
יפה חוה	דייטש	1947.5.71	לינץ	ה״ק
יפה לאה	דייטש	1947.5.71	לינץ	ה״ק
כיליסבערג גיטע	יידיש	1969	תל־אביב	
ליגום ראָזע	יידיש	1969	תל־אביב	ט״ר
ליליענהיים הענריק	פויליש	1969	תל־אביב	ט״ר
לעווין כאַצקל	פויליש	1966	תל־אביב	
לעווין משה	פויליש	1966	תל־אביב	ט״ר
מוצניק שלמה	דייטש	1947.6.17	לינץ	ה״ק
מילשטיין פייוול	עברית	1965.1.18	תל־אביב	
מיעלניק יוסף	פויליש	1966	תל־אביב	
מיצמאַכער שרה	יידיש	1957	תל־אביב	
מיצמאַכער שרה	דייטש	1966	תל־אביב	
מיראַנסקי פרץ	יידיש	1965.5.23	תל־אביב	ט״ר

פאַמיליע, נאָמען	שפּראַך	דאַטע	אָרט	באַמערקונג
מירקין לייזער	דייטש	1950.1.16	טאָראָנטאָ	ט״ר
מערינג גיטע	יידיש	1946.2.24	לאַנדסבערג	ה״ק
נאדעל מישאָ	יידיש	1969.6.3	תל־אביב	ט״ר
נארקונסקי אייזיק	פּויליש	1964	תל־אביב	
נארקונסקי אייזיק	דייטש	1966	תל־אביב	
סאָלץ זוסמאַן	פּויליש	1966	תל־אביב	
סאַפּיר סימע	ענגליש	1948	אונטאריא	וו״ל
סלאַצקי שאול	עברית	1966.1.9	תל־אביב	פרעגבויגן
סלעפּאק גיטע	פּויליש	1966	תל־אביב	
סעגאל ישראל	עברית	1965.21.27	תל־אביב	ט״ר
סקורקאָוויטש סימע	יידיש	1964.3.4	ירושלים	פרעגבויגן
סקורקאָוויטש סימע	יידיש	1966	ירושלים	פרעגבויגן
פאָטאָוויטש יואל	עברית	1967.4.6	תל־אביב	ט״ר
פופקע איטע	יידיש	1966.5.23	תל־אביב	ט״ר
פיקעלטשיק לייזער	פּויליש	1966	תל־אביב	
פעטראסקאָווא אירמא	דייטש	1962	פּראַג	
פעלקא לאה	פּויליש	1965	תל־אביב	
פערלעגער העלגאַ	דייטש	1949	לאָנדאָן	וו״ל
פריד חיים הלל, ד״ר	פּויליש	1962	תל־אביב	
פריד חיים הלל, ד״ר	דייטש	1965	תל־אביב	
צאך חיים	פּויליש	1966	תל־אביב	
צייטלין איטע	עברית	1966.1.9	תל־אביב	פרעגבויגן
קאגאן־גראָדזענסקי הירש	יידיש	1965	תל־אביב	פרעגבויגן
קאגאן־מישעלסקי אסתר	יידיש	1965.12.23	שטוטגאַרט	ה״ק
קאלמאנאָוויטש מאיר	עברית	1969	תל־אביב	ט״ר
קאלמאנאָוויטש שמואל	פּויליש	1961	תל־אביב	
קאַפּלינסקי ברוך	רוסיש	1961	תל־אביב	
קאראפּאנס גרשון	עברית	1965.3.25	תל־אביב	ט״ר
קויפמאַן יצחק	פּויליש	1961	תל־אביב	
קייצער פּערל	פּויליש	1961	תל־אביב	
קלאָט הירש	יידיש	1969.12.31	תל־אביב	
קלאָט הירש	פּויליש	1961	תל־אביב	
קלאטשקאָ כתריאל	יידיש	1966.6.17	תל־אביב	פרעגבויגן
קנוט גניא	יידיש	1965.4.30	תל־אביב	ט״ר
קראסאָווסקי זשעניע	יידיש	1965.4.30	תל־אביב	ט״ר
קרעמער יהודית	פּויליש	1961	תל־אביב	
קרעמערמאַן יחזקאל	פּויליש	1966	תל־אביב	
ראַבינאָוויטש יוסף	פּויליש	1961	תל־אביב	

פאַמיליע, נאָמען	שפּראַך	דאַטע	אָרט	באַמערקונג
ראַטנער יצחק	פּויליש	1961	תל־אביב	
ראַטנער יצחק	עברית	1965.12.27	תל־אביב	ט״ר
ראָזענבערג מרדכי	פּויליש	1961	תל־אביב	
ראָזענבערג מרדכי	יידיש	1965.7.12	תל־אביב	ט״ר
ראָזענבערג מרדכי	יידיש	1966	תל־אביב	
ראָזענהאָלץ דבורה	דייטש	1965	תל־אביב	
רודאמינער משה	יידיש	1969	תל־אביב	
רודניצקא מאשא	יידיש	1947.7.23	וואַסעראַלפינגען	ה.ק.
רודניצקא מאשא	פּויליש	1963	תל־אביב	
רודניצקא עטל	יידיש	1947.1.23	וואַסעראַלפינגען	ה״ק
רודניצקא עטל	יידיש	1947.2.23	וואַסעראַלפינגען	ה״ק
רוכאָוויטש שמעון	פּויליש	1966	תל־אביב	
רייכעל רבקה	פּויליש	1961	תל־אביב	
רעדליך פאַני	דייטש	1965	תל־אביב	
שואג אברהם	יידיש	1969	תל־אביב	ט״ר
שומעליסקי משה	יידיש	1969	תל־אביב	ט״ר
שוסטער שמואל	יידיש	1969	תל־אביב	ט״ר
שילמאָוער פּעסיע	פּויליש	1965	תל־אביב	
שמוקלער חנה	פּויליש	1966	תל־אביב	
שעסקין יעקב	פּויליש	1966	תל־אביב	
שעפּטעל אריה	עברית	1965.7.12	תל־אביב	ט״ר
תרשים חיה	יידיש	1966	תל־אביב	פרעגבויגן

ה״ק — באַדייט, אַז דאָס עדות־זאָגן שטאַמט פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע ביי דער שארית הפליטה אין דייטשלאַנד; וו״ל — ווינער ליברערי; בילה״ג — גביות־עדות פאַרשריי־בענע אויפן טייפּרעקאָרדער אין בית לוחמי הגיטאות (1964.9.19); ט״ר — גביות־עדות פאַרשריבענע אויפן טייפּרעקאָרדער דורכן מחבר; פרעגבויגן — גביות־עדות צוגעשיקט שריפטלעך אַלס תשובה אויף אַ פרעגבויגן. אַלע אַנדערע גביות־עדות זענען פאַרשריבן געוואָרן דורך די דאָקומענטאַציע־צענטערן אין ישראל.

נאַצי־פאַרברעכער (דייטשן און עסטאָניער) וואָס זענען דערמאָנט געוואָרן אין בוך

מיר ברענגען ז'אַ געגעבענע וועגן נאַצי־פאַרברעכער, וועלכע זענען דערמאָנט געוואָרן אינעם בוך. מיר ווען נישט ברענגען קיין פרטים וועגן „וועלט־באַרימטע" נאַצי־פאַרברעכער, ווי הימלער וכד' הגם זיי זענען דערמאָנט אינעם בוך, אָבער וועגן זיי איז פול די תקופה־ליטעראַטור. דאַקעגן ברענגען מיר וואָס מער פרטים וועגן די מערדער, וועלכע האָבן געהאַט אַ דירעקטע שייכות צו די יידישע לאַגערן און יידן־אויסמאָרדונג אין עסטאָניע.

אַאומייער האַנס

ס.ס.־אָבערשטורמפירער, קאָמענדאַנט איבער אַלע יידן־לאַגערן אין עסטאָניע בשעת דער נאַצי־תקופה.

אַאומייער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער נאַצי־פאַרטיי מיט פיל יאָרן איידער היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט. ער איז געווען טעטיק אין דער הויפט־אָנפירונג פון דער נאַצי־פאַרטיי אין מינכען. שפעטער געווען טעטיק אין דאַכאַו, דערגאַנגען דאָרט צו דעם גראַד פון ס.ס.־אָפיציר און באַשטימט געוואָרן אַלס שעף פון אַן אויסשולונג־אָפטיילונג אין דאַכאַו. (אין זיין אָפטיילונג און אונטער זיין אָנפירונג, האָט זיך אויך געפונען, בערך אַ האַלב יאָר, רודאָלף פערדינאַנד העס, וואָס איז שפעטער געוואָרן דער הויפט־קאָמענדאַנט פון אוישוויץ). אין יאָר 1935 איז ער נאָמינירט געוואָרן אַלס אָנפירער פון אַן ס.ס.־אָפטייל אין עלסווערגען, דאַן אין ליכטענבורג, שפעטער אין בוכענוואַלד. פון דאָרט איז ער געשיקט געוואָרן קיין פלאָסענבורג אַלס שוצהאַפטלאַגערפירער. פון יאַנואַר 1942 איז ער שוצהאַפטלאַגערפירער אינעם לאַגער אוישוויץ 1, ד"ה בעת דער תקופה ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע יידישע פאַרניכטונג אין אוישוויץ. דעם 15טן סעפטעמבער 1943 ווערט ער אָפיציעל נאָמינירט אַלס הויפט־קאָמענדאַנט פונעם לאַגער וייוואַראַ (ד"ה פון אַלע יידן־לאַגערן אין עסטאָניע). ווען ס'הייבט זיך אָן די ליקווידאַציע פון די עסטאָנישע לאַגערן ווערט ער נאָמינירט אַלס קאָמענדאַנט פון אַן אַרבעטס־לאַגער אין לאַנדסבערגער געביט. יאַנואַר 1945 ווערט ער באַשטימט אַלס קאָמענדאַנט פון אַ לאַגער וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין גריני, ביי אָסלאָ (נאָרוועגיע). ער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל צוזאַמען מיט אַנדערע ס.ס.־לייט אינעם אַר־

גאַניזירן און אויספירן די טויט־סעלעקציעס אין די עסטאָנישע לאַגערן.

פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך אַ פּויליש געריכט אין קראָקע. דער פּסק־דין איז אויסגעפירט געוואָרן דעם 22סטן דע־צעמבער 1947.

איסעלהאָרסט

ס.ס.־אָבערשטורמפירער. שעף פון דער איינזאַצקאָמאַנדאָ 1 (פריער צ־1), וואָס איר שליטה איז געווען איבער צפון־עסטאָניע און קראַסנאָגוואַרדייסק. באַקומען טויט־שטראָף אין פראַנקרייך נאָך דער מלחמה.

בער ווילהעלם

ס.ס.־אונטערשאַרפירער. די קאַצעטלער פון קלאָגע באַשולדיקן אים אין אויספירן רציחות בכלל און אינעם טויטן קינדער בפרט.

באָטמאַן פראַנץ, ד״ר

לויט אַנדערע אויך: ד״ר פרייהער פאָן באָדמאַן.

ס.ס.־אָבערשטורמפירער. הויפּט־דאָקטאָר פון אַלע לאַגערן אין עסטאָניע („לאַגער־אַרצט״). איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַ־טאָרן פון די טויט־סעלעקציעס. ער באַ־טייליקט זיך פּערזענלעך אין די עקזעקו־ציעס. ער פלעגט זיך נוהג זיין צו געבן די יידישע דאָקטוירים 25 שמיץ מיט אַ גו־מענעם נאַגאַי פאַר דער מינדסטער „זינד״. מען רופט אים „דער מענגעלע פון עסטאָ־ניע״. לויט קלאַנגען איז ער אַרעסטירט געוואָרן און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין אַרעסט אַ חודש נאָך דער מפּלה פון רייך. (1945.5.25 אין פינגאָו).

באָך

ס.ס.־אָבערשאַרפירער. געווען לאַגער־פירער פון וויוויקאָני און שפּעטער לאַגער־פירער פון קלאָגע. עדות דערציילן, אַז מען האָט אים געזען אויפן „אַפּעל־פּלאַץ״ פון קלאָגע בעתן אָרגאַניזירן די מאַסן־שחיטה 1944.9.19.

ברענאייזן (ברענאייז) אָטאָ

ס.ס.־אָבערשטורמפירער. מ׳האַלט, אַז ער איז געווען דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון די עסטאָנישע לאַגערן, נאָך אומייערן. דעם 18טן סעפּטעמבער 1944 איז ער געקומען קיין לאַגעדי און געמאָלדן די קאַצעטלער, אַז זיי דאַרפן אַריבערפאָרן אין „אַ בעסערן לאַגער״ (ד״ה צום נאָענטן וואַלד — צו דער מאַסן־שחיטה). מען האָט אים געזען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער מאַסן־שחיטה אין קלאָגע 1944.9.19.

דעם 1959.7.27 איז ער דערקלערט גע־וואָרן אַלס געשטאָרבענער דורכן געריכט פון נוישטאָט ביי וואַלדנאַאָב.

גאַרסטענס

ס.ס.־האָופּטשטורמפירער. פאַרטרעטער פון מאַרטין זאַנדבערגער, דעם שעף פון דער „זאַנדערקאָמאַנדאָ א־1״. ער האָט דורכגע־פירט דעם מאָרד איבער 500 עסטאָנישע יידן וואָס זענען געווען קאָנצענטרירט אין כאַר־קו (סעפּטעמבער 1941). לויט קלאַנגען איז ער נאָך דער מלחמה באַגאַנגען זעלבסמאָרד.

גענט ווילהעלם

ס.ס.־אונטערשאַרפירער. געב׳ 1918 אין מאַנהיים (מען מיינט, אַז ער געפינט זיך

איצט אין העלמשטאַט). ער איז געווען ס.ס.־סאַניטעטער אין פאַרשידענע לאַגערן. אין קלאָגע האָט מען אים גערופן „אַנטעק״ אָדער „אַנטאַש״. די קאַצעטלער פון קלאָגע באַשולדיקן אים אין אומברענגען פרויען און קינדער דורך טויט־איינשפּריצונגען.

גערעטס ראַלף

געבוירן 1905 אין עסטאָניע. דאָרט געענדיקט זײַנע לימודים. בעת זײַן משפט אין טאַלין, געוווינט אין עסטאָניע.

1941 אָנגעשלאָסן זיך צו דער „אָמאָקייטסע״־אָרגאַניזאַציע. אינעם יאָר 1942 איז ער אַרײַן אין דער עסטאָנישער זיכערהייטספּאָליציי און באַשטימט געוואָרן אַלס וויצעלאַגערפירער פון יאַגאַלאַ. אויגוסט 1942 איז ער געפאָרן צוזאַמען מיטן לאַגערפירער פון יאַגאַלאַ, לאַאַק, קיין ריגע בכדי דאָרט זיך צו לערנען די שיטות פון מאָרד־אַקציעס איבער יידן. ער האָט זיך באַטייליקט פערזענלעך אינעם אויספירן די יידן־רציחות אין קאַלעווי־ליוואַ. ער האָט זיך באַטייליקט פערזענלעך אין דער אויסמאָרדונג פון די יאַגאַלער אינוואַלידן (נאָוועמבער 1942) און אינעם מאָרד איבער ציגיינער (מערץ 1943). סעפּטעמבער 1943 — סעפּטעמבער 1944, האָט ער געאַרבעט אין דער צענטראַלער תפיסה פון לאַגעדי. נאָך דער מלחמה, ביזן אַרעסטירט ווערן, איז ער געווען באַשעפטיקט אַלס אַדמיניסטראַטיווער לייטער פון שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע אין טאַרטו.

פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט אין טאַלינער פּראָצעס, 1961.

דאַהלמאַן מאַקס

ס.ס.־האַופּטשאַרפירער. געבוירן וואַרשיינלעך אין 1912 אין שטוטגאַרט. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמענדע פון וויייוואַראַ, און שפּעטער אַריבערגעפירט געוואָרן אַלס ביוראָ־לייטער פון דער לאַגערקאָמענדע אין קלאָגע. מען האָט אים געזען אויפן אַפּעל־פּלאַץ פון קלאָגע צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן און אויספירער פון דער מאַסן־שחיטה פון 1944.9.19.

דעם ערשטן מאַי 1945 האָט זײַן משפחה געמאָלדן וועגן זײַן טויט.

העלוויג

ס.ס.אָבערשאַרפירער. געווען באַשעפטיקט אין די מאַגאַזינען פון וויייוואַראַ, און פלעגט זיך באַטייליקן אין אַלע „קליינע אַקציעס״, סעלעקציעס און הריגות, וואָס פלעגן פאָרקומען אין וויייוואַראַ. ער האָט זיך אויך באַטייליקט צוזאַמען מיט ד״ר באָטמאַן און ווילהעלם ווערלע אין דער טויט־סעלעקציע פון 50 לאַגערניקעס אין קיוויאָלי.

מען האָט אים געזען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן און אויספירערס פון דער מאַסן־שחיטה אין קלאָגע, 1944.9.19.

העלמלינגער

ס.ס.שטורמאַן, סאַניטעטער אינעם לאַגער וויייוואַראַ. ער האָט זיך באַטייליקט דאָרט צוזאַמען מיט אַנדערע ס.ס.־לייט אין טויט־סעלעקציעס און אין רציחות.

וויאַלאָן פרידריך קאַרל

אָבערעגירונגסראַט ביים פינאַנס־מיניסטעריום פונעם רייך; לייטער פון פינאַנס־

דעפּאַרטאַמענט אין רייכסקאָמיסאַריאַט אָסט־לאַנד. ער האָט זיך פאַרנומען מיטן אָרגאַ־ניזירן די באַרויבונג פון יידישן רכוש אין די אָסטלאַנד־לענדער. אויף דער באַזע פון הימלער־באַפעל (פון 21סטן יוני 1943) האָט ער איבערגעשיקט אַמטלעך אַ געהיימען באַ־פעל (31סטער יולי 1943) צו קאַרל ליצמאַן, דעם גענעראַל־קאָמיסאַר פון עסטאָניע, בנוגע דעם אַריבערפירן יידן פון אָסטלאַנד אין די קאַצעטן פון לאַטוויע און עסטאָניע. ער האָט אויך באַפוילן די געביטס־קאָמיסאַרן פון די באַלטישע לענדער זיי זאָלן אַריבער־שיקן די געלטער פון די לאַגער־יידן דורך דער רייכסבאַנק אין ריגע צו זיין ווירט־שאַפטס־קאַסע.

נאָך דער וועלט־מלחמה איז ער געווען באַשעפטיקט אַלס שטאַטסעקרעטאַר אין דער אָפּטיילונג פאַר עקאָנאָמישער קאָאָפּע־ראַציע אין מערב־דייטשלאַנד.

וויזנער

ס.ס.־אָבערשאַרפירער. פון דער ס.ס.־קאָ־מענדע אין לאַגער וייוואַראַ. ער פלעגט זיך איזדיעקעווען איבער די קאַצעטלער און זיי באַפעלן שטיין שעהן נאַקעט, נאָכן אַרויס־גיין פון באָד אין די שווערע עסטאָנישע פרעסט.

ווייק יאַן

געבוירן אין עסטאָניע, 1916. סעפּטעמבער 1942 זיך אָנגעשלאָסן אין דער זיכערהייטס־פּאָליציי און ס.ד. פון נאַצי־עסטאָניע. זינט דעם דריטן סעפּטעמבער 1942 ביז אַפּריל 1943, איז ער געווען אַ פּאָסטן אין יאַגאַלאַ. ער איז געווען צווישן די וואָס האָבן גע־האַלטן וואַכע בעת די רציחות אין קאַלעווי־ליוואַ, און זיך פערזענלעך באַטייליקט אין די רציחות און אין די רויב־מעשים ביי קאַ־לעווי־ליוואַ. פאַרמשפט געוואָרן צום טויט אין טאַלינער פּראָצעס, 1961.

וויקם ערווין ריכאַרד וואָלף

געבוירן מאַי 1897 אינעם שטעטל וועסקי, קרייז טאַרטו, עסטאָניע. אין יאָר 1940 איז ער געווען טעטיק אַלס קאָמיסאַר פון דער פּאָליטישער פּאָליציי אין קוראַסאַרע, עס־טאָניע. נאָך דעם ווי די נאַציס האָבן אָקו־פּירט עסטאָניע איז ער געווען דער שטעל־פאַרטרעטער פונעם קאָמענדאַנט פון דער „ספּעציעלער אָפּטיילונג" אינעם לאַגער טאַרטו. ער האָט זיך פערזענלעך באַטייליקט אינעם מאָרד פון המונים עסטאָנישע ביר־גער, וועלכע זענען אויסגעשאָסן געוואָרן אין די טאַנקן־גראָבנס (4 ק״מ פון טאַרטו).

ענדע 1941 איז ער נאָמינירט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון דער פּאָליטישער פּאָ־ליציי אין דער פּרעפעקטור טאַלין־האַריו. אונטער זיין לייטונג זענען דאָרט דערשאָסן געוואָרן ביז פעברואַר 1942 1499 מאַן און אַן ערך 6,000 זענען איינגעזעצט געוואָרן אין די תפיסות און לאַגערס. נאָך דעם ווי ס׳זענען צוזאַמענגעגאָסן געוואָרן די עסטאָ־נישע פּאָליציי־דינסטן, איז ער נאָמינירט געוואָרן אַלס שעף פון דער פערטער אָפּ־טיילונג ביי דער זיכערהייטספּאָליציי און ס.ד. אין עסטאָניע. ער האָט געהאַלטן דעם דאָזיקן אַמט ביז דער באַפרייונג פון עס־טאָניע. ער איז געווען צווישן די וואָס פלעגן אַרויסגעבן די טויט־אורטיילן און האָט זיך פערזענלעך באַטייליקט אין זיי.

דער שעף פון דער זיכערהייטספּאָליציי אין עסטאָניע, איין מערע, פלעגט אין דער צייט פון זיין אַפּוועזנהייט אים איבערלאָזן אַלס זיין פאַרטרעטער.

בעת דער נאַצי־מפּלה איז ער אַנטלאָפן קיין אויסטראַליע און לויט קלאַנגען, גע־פינט ער זיך איצט אין סידניי. ער איז גע־שטעלט געוואָרן, אין זיין אַפּוועזנהייט, פאַר אַ געריכט אין טאַלין, צוזאַמען מיט די עסטאָנישע נאַצי־קאָלאַבאָראַטאָרן. יוריסטע און לינאַס. דעם 20סטן אַפּריל 1962 — פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.

ווירקע

ס.ס.־ראַטענפירער. געווען טעטיק אַלס לאַגערפירער פון קיוויאָלי 2. אינעם יאָר 1944/43 האָט ער אָפּט דורכגעפירט טויט־סעלעקציעס, און אויך פערזענלעך זיך באַ־טייליקט אין די רציחות. ווען ער פלעגט זיך צוריקקערן מיט די אויטאָס, וואָס האָבן אַרויסגעפירט די סעלעקציאָנירטע, פלעגן זיינע בגדים זיין פאַרשמירט מיט בלוט.

ווערלע ווילהעלם

ס.ס.־אָבערשאַרפירער. געבוירן דעם 1907.5.10 אין וואָרמס. געווען טעטיק אַלס לאַגערפירער פון קיוויאָלי 1; זיך באַטיי־ליקט צוזאַמען מיט ד״ר באָטמאַן אין דער טויט־סעלעקציע פון 50 מאַן (די צענפּראָ־צענטיקע אַקציע אין קיוויאָלי). מען מיינט, אַז ער איז געווען דער לאַגערפירער פון קלאָגאַ בשעת דער ליקווידאַציע פון קלאָגאַ. ער האָט זיך פערזענלעך באַטייליקט אין אָרגאַניזירן די מאַסן־שחיטה פון קלאָגאַ, דעם 1944.19.19.

זאַנדבערגער מאַרטין, ד״ר

ס.ס.־שטאַנדאַרטענפירער (נר. 272495). שעף פון דער זאַנדערקאָמאַנדאָ א־1 ביי דער איינזאַצגרופּע א׳ און „בעפעלסהאָבער״ פון דער זיכערהייטספּאָליציי און ס.ד. אין עס־טאָניע (1941—1942). מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער יידן־שחיטה אין פּסקאָוו. אָקטאָ־בער 1944 איז ער געוואָרן שעף פון גע־שטאַפּאָ אין וועראָנאָ (די הויפּטשטאָט פון דער „סאָציאַלער איטאַליענישער רעפּוב־ליק״, געפירט דורך מוסאָליני, נאָך זיין „רעטונג״, סעפּטעמבער 1943). דאָרט האָט ער צוו״אַנד אַרויסגעגעבן שווערע פאַראָר־דענונגען קעגן יידן.

בשעתן פּראָצעס קעגן די „איינזאַצגרופּן״ אין נירנבערג (פּראָצעס 9), איז ער פאַר־משפּט געוואָרן צום טויט (8 אַפּריל 1948). שפּעטער איז זיין אורטייל געמילדערט גע־וואָרן אויף אייביקער תּפיסה (31 יאַנואַר 1951). דאַן איז ער לגמרי באַגנעדיקט גע־וואָרן. מען האַלט, אַז ער לעבט איצט אין שטוטגאַרט.

יעקעלן פראַנץ

ס.ס.־אָבערגרופּנפירער, העכערער ס.ס. און פּאָליצייפירער פון דער „העכערעסגרופּע נאָרד״ (אָסטלאַנד). נאָך פּריצמאַן (ד״ה אָנ־הייבנדיק פון 1941.10.31). מיטפאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דער רציחה פון טויזנטער יידן אין ריגע. מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אויסמאָרדונג פון 500 עסטאָנישע יידן אין פּסקאָוו.

לויטן פּסק־דין אין ריגער משפּט עקזע־קוטירט געוואָרן אויפן שטח פון געווע־

זענעם ריגער געטאָ, דעם 3טן פעברואַר 1946.

יאָסט הײנץ

ס.ס.־בריגאַדעפירער און גענעראַל־מאַיאָר פון דער פּאָליצײ. אין זײן ציווילן לעבן האָט ער זיך ספּעציאַליזירט אין יוסטיץ און עקאָנאָמיע. ער האָט שטודירט אין די אוני־ווערסיטעטן פון גיזען און מינכען. פעברואַר 1928 זיך אָנגעשלאָסן אין דער נאַצי־פּאַר־טײ, שפּעטער מיטגליד אין ס.אַ. און ס.ד. נאָך דעם ווי שטאַלעקער איז דערמאָרדעט געוואָרן איז ער נאָמינירט געוואָרן אַלס „בעפעלסהאַבער" פון דער זיכערהײטספּאָ־ליצײ און ס.ד. (BdS) אין אָסטלאַנד און שעף פון אײנזאַצקאָמאַנדאָ א'. אין יענער תקופה איז ער געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די רציחות אין עסטאָניע. אין דרײ חדשים אַרום האָט ער פאַרלאָזן דעם אַמט און געוואָרן פאַרבינדונגס־אָפיציר צווישן אַלפרעד ראָזענבערג און פעלדמאַרשאַל קלײסט (זײן „יורש" אַלס „בעפעלסהאַבער" פון זיכערהײטס־פּאָליצײ און ס.ד. אין אָסט־לאַנד, איז זינט האַרבסט 1942, געווען ד"ר אַכאַמער־פּיפּראַצער).

דעם 10טן אַפּריל 1948 איז ער פאַרמשפּט געוואָרן אויף אײביקער תפיסה. 1951 איז זײן שטראָף געמילדערט געוואָרן אויף 10 יאָר. דאַן איז ער לגמרי באַפרײט געוואָרן. איצט טעטיק אין דײטשלאַנד אַלס „ווירט־שאַפטסיוריסט".

לאוב

שאַכמײסטער. „אַטע"־מאַן. פלעגט זיך איזדיעקעווען איבער די לאַגערניקעס פון קלאָגע.

לאַנץ (לאַנצע)

ס.ס.ראַטענפירער. געווען צווישן די אָר־גאַניזאַטאָרן פון דער מאַסן־שחיטה אין קלאָגע, 1944.9.19.

לאָהזע הײנריך

ס.ס.־גרופּנפירער. רײכסקאָמיסאַר פון אָסטלאַנד. יאַנואַר 1948 פאַרמשפּט גע־וואָרן אין בילעפעלד אויף 10 יאָר תפיסה. 1951 באַפרײט געוואָרן „צוליב קראַנקײט". לעבט אין דײטשלאַנד און באַקומט אַ פּענ־סיע.

ליצמאַן קאַרל זיגמונט

אָבערגרופּנפירער ס.אַ. און ס.ס., געביטס־קאָמיסאַר פון עסטאָניע. ער האָט אַרויסגע־געבן די פאַראָרדענונג לויט וועלכער די פּאָליטישע און קרימינעלע פּאָליצײ פון עס־טאָניע זאָלן זיך צונויפגיסן אין אײן זיכער־הײטספּאָליצײ.

מאַנג פראַניק

ס.ס־אָבערשאַרפירער. געבוירן אין אָבער־לויטנאַנטסדאָרף, קרײז בריקס. געווען באַ־שעפטיקט אין פאַרשידענע עסטאָנישע לאַ־גערן אַלס „דענטיסט". ער פלעגט זיך בעי־קר פאַרנעמען מיט אַרויסרײסן די גאָלדענע צײן פון די מתים און דערמאָרדעטע אין די לאַגערן.

פאַניקע קורט

ס.ס.־האַופּטשאַרפירער, שטאַמט פון וויר־טענבערג. געווען טעטיק אַלס לאַגערפירער אין וויוואַראַ און נאַרווא (אָקטאָבער 1943

— יאַנואַר 1944), קורעמע יאַנואַר־פעברואַר 1944), אַזאַרי (פרילינג 1944 — אויגוסט 1944), גאָלדפּילץ (אויגוסט 1944). ער האָט זיך פּערזענלעך באַטייליקט אין די טויט־סעלעקציעס אין נאַרוואַ און וואייוואַראַ, ווי אויך אין די רציחות. אַ סך לאַגערניקעס דערציילן וועגן די רציחות וואָס ער האָט דורכגעפירט אין דער ניטל־נאַכט, 1943, אין נאַרוואַ, צוזאַמען מיט שנאַבלען. ער פלעגט זיך איזדיעקעווען איבער די שוואַכע און זיי וואַרפן אין קאַנאַל ביי נאַרוואַ.

פּרוזירט

ס.ס.־אָבערשאַרפירער. געווען צווישן די רוצחים פון קלאָגע.

פּריצמאַן

ס.ס.אָבערגרופנפירער, העכערער ס.ס. און פּאָליציי־פירער (HSSPF) צפון 101. זיצאָרט: ריגע. דערהרגעט. נאָך אים איז געקומען יעקעלען.

קליי אַדאָלף

לאַגערפירער אין וואייוואַראַ און אין קונדע. ער פלעגט זיך איזדיעקעווען איבער די קאַצעטלער, בעיקר איבער די מענער. ער פלעגט זיי ביינאַכט אַרויסטרייבן נאַקעטע אויפן אַפּעל־פּלאַץ און באַפעלן זיי צו זינגען ביזן פרימאָרגן.

קנאָט היינריך

ס.ס.־אָבערשטורמפירער. געבוירן 8.23. 1911 אין ציטאַו. געווען „קוואַרטירמייסטער" ביים ס.ס.ווירטשאַפטלער אין ריגע. אַפּריל 1944 האָט ער אָנגעפירט מיטן ביוראָ פאַר יידישער אַרבעט אויפן נאַרוואַ פראָנט. מאַי 1944 איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן קיין וואייוואַראַ און דאָרט געווען באַשעפטיקט אַלס אַדיוטאַנט פון אַאומייער.

קריגער

ס.ס.־מאַן (צונאָמען „זשיראַפע"). יוני־אויגוסט 1944 שטעלפאַרטרעטער פון לאַגערפירער אין אַזאַרי.

קרעבס, ד"ר

פאַרטראָטן ד"ר באָטמאַן בשעת זיין אָפּוועזנהייט.

קרעבסבאַך

שטורמבאַנפירער. אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט ברעגנאַייזען די מאַסן־שחיטה פון לאַגעדי, 1944.9.18.

רייזינג

ס.ס.־אָבערשאַרפירער. געווען טעטיק אין דער ס.ס.־קאָמאַנדע פון די לאַגערן סאַסקי (אַ געוויסע צייט אין דער פונקציע פון לאַגערפירער) אין ערעדאַ און קיוויאָלי.

רונגע ערנסט

ס.ס.־אָבערשאַרפירער. אָקטאָבער 1943 — יאַנואַר 1944 — סאַניטעטער אין נאַרוואַ. יאַנואַר—מאַי 1944 — סאַניטעטר אין קיוויאָלי. אין אַ געוויסן צייט־אָפּשניט אויסגעפירט פונקציעס פון לאַגער־פירער אין קיוויאָלי. צוליב זיינע רציחות מיט אַ קירקע, האָט ער אויך געהאַט דעם צונאָמען „דער קירקעניק". ער האָט זיך פּערזענלעך באַטייליקט אין די טויט־סעלעקציעס פון קיוויאָלי. ער פלעגט זיך איזדיעקעווען אי־

בער די קאַצעטלער. ער פלעגט טויטן קאַצעטלער מיט זיין קירקע. ער פלעגט געבן טויט־איינשפריצונגען די אָפּגעשוואַכטע און קראַנקע אין רעוויר. ער האָט מיטגעהאָלפן שנאַבלען און פּאַניקע אין זייערע מערדערייען בשעת דער ניטל־נאַכט 1943, אין גאַרוואָ.

רוטענבערג אַרמין

ס.ס.־ראַטענפירער. באַקאַנט פון זיינע אַכזריותן אין קלאָגע. זיך פּערזענלעך באַטייליקט אין דער מאַסן־שחיטה פון קלאָגע, 1944.9.19.

שנאַבעל העלמוט

ס.ס.־אָבערשאַרפירער, איינער פון די הויפּט־נאַצי־פאַרברעכער פון די עסטאָניש קאַצעטן. ער איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געריכט אין העכינגען (מערב־דייטשלאַנד) און פאַרמשפּט געוואָרן אויף 13 יאָר תפיסה. אויפן קאַסאַציע־פּראָצעס 1969 האָט דאָס געריכט איינגעפונען, אַז מען איז געווען צו אים צו שטרענג און מ׳האָט זיין שטראָף פאַרקלענערט ביז 6 יאָר.

אין באַשולדיקונגס־אַקט ווערט איבערגעגעבן: געבוירן דעם 26סטן אויגוסט 1912 אין האַסלבאַך פון טירינגען. צו 21 יאָר האָט ער זיך אַנגעשלאָסן אין ס.אַ. (1933.9.1). אין צווייי יאָר אַרום איז ער שוין געווען וואַכמאַן אין קאַצעט באַד שולצען (אין טירינגען). אין יאָר 1937 איז ער געוואָרן וואַכמאַן אין בוכנוואַלד ביי ווייסמאַר. אין יאָר 1938 איז ער געוואָרן ס.ס.־שאַרפירער. אין יאָר 1940 איז ער נאָמינירט געוואָרן אַלס ס.ס.־אָבערשאַרפירער. אין יאָר 1941 איז ער געווען טעטיק אין דער ס.ס.־קאָמענדע פונעם לאַגער נויענגאַמע. אין יאָר 1942 איז ער געווען באַשעפטיקט אַלס „פערוואַלטונגספירער״ פונעם לאַגער דעוויקאַ ביי קראָקע.

זינט 1943 איז ער געווען באַשעפטיקט אין דער ס.ס.־קאָמענדע פון די עסטאָנישע לאַגערן: עטלעכע וואָכן אַלס לאַגערפירער אין וויוויקאָני. סעפטעמבער—פעברואַר 1944 אַלס לאַגערפירער אין וויוואַראַ. פעברואַר—יולי 1944 אַלס לאַגערפירער אין ערעדאַ, דאַן אַלס לאַגעפירער אין לאַגעדי.

במשך דער עסטאָניע־תקופה איז זיין פונקציע געווען „שטעלפערטרעטענדער לאַגער־ און קאָמאַנדאָפירער פאַן אַרבייטס־לאַגערן דעס ק.ל. וויוואַראַ־סאָקי״. פון לאַגעדי איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן דורך טאַלין און באַלטישן ים קיין שטוטהאָף און פון דאָרט אין לאַגער נאַצוויילער־שטרוטהאָף אין עלזאַס. סעפּטעמבער 1944 איז ער געווען קאָמאַנדאָפירער פונעם לאַגער שעמבערג, „אויסענלאַגער״ פון נאַצווילער. פון יאַנואַר ביזן 17טן אַפּריל 1945 איז ער געווען לאַגערפירער און קאָמאַנדאָפירער פון פייהינגען) וואָס איז געווען אַן אויסנלאַגער פון נאַצוויילער. בשעתן טויטן־מאַרש קיין טיראָל האָט ער במשך פון 8 טעג באַגלייט דעם מאַרש. אין אַלגאַו האָט ער זיך אַרויסגעגליטשט פון די ס.ס.־רייען און אַנטלאָפן, איבערגעטאָן אין זעלנערישע בגדים. ער האָט געעפנט אַ האָטעל אין געביט פון האַנאָווער ביזן אַרעסטירט ווערן דעם 20סטן פעברואַר 1962.

שטיינבערגער

ס.ס.שטורמפירער. אַרבייטסלייטער אין קלאָגע. ער פלעגט שלאָגן די קאַצעטלער מיט זיין שטעקן און מיט אייזערנע שטאַבעס.

שטיוועץ (סטעפאַן)

ראַפּאָרטפירער אין אוישוויץ. האַרבסט 1941 פלעגט ער אויספירן צוזאַמען מיטן ראַפּאָרטפירער ס.ס.־האַופּטשאַרפירער גערהאַרד פּאַליטש די עקזעקוציעס אין אוישוויץ, אין הויף פון בלאָק 12, ביי דער „טויטן־וואַנט".

ער איז געווען לאַגערפירער אין ווייוואַראַ ווינטער 1943, זומער 1944. ער איז אויך געווען אין דער ס.ס.־קאָמענדע פון לאַגעדי און מוראדיק זיך איזדיעקעוועט איבער די קאַצעטלער.

שוואַרץ (שוואַרצע) וואַלטער

ס.ס־אונטערשאַרפירער (אַנדערע באַצייכענען אים אַלס אָבערשאַרפירער). געבוירן 1909 אין לייפּציג. אָנגעקומען אין לאַגער קלאָגע אַ צוויי חדשים פאַר זיין ליקווידאַציע. ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער „אַרבייטסאייַנזאַצקאָלאָנע". מען האָט אים אויך גערופן „אַרבייטסאייַנזאַצלייטער". אַ ריי עדות באַצייכענען אים אַלס אַדמיניסטראַטיוון לייטער פון קלאָגע. ער האָט אָרגאַניזירט די מאַסן־שחיטה פון לאַגעדי. ער איז אויך געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער מאַסן־שחיטה אין קלאָגע. אין דער דייטשער פּרעסע זענען געווען ידיעות, אַז ער זאָל האָבן געשטאָרבן דעם 1959.1.19.

שטאַבע קורט

ס.ס.־האַופּטשטורמפירער. ער פלעגט זיך איזדיעקעווען איבער די קאַצעטלער פון קלאָגע.

שאַרפּעטער עריך

ס.ס.־אונטערשאַרפירער. ס.ס.־סאַניטעטער אין לאַגער קורעמע: דאָרט דערהרגעט מיט זיין קירקע 22 קראַנקע און זקנים און באַקומען דעם צונאָמען „דער קירקעניק". ער האָט געגעבן טויט־איינשפּריצונגען אייניקע קאַצעטלער פון יעוויע. געווען טעטיק אין דער ס.ס.־קאָמענדע פון לאַגעדי (א). לויט קלאַנגען איז ער אַנטלאָפן קיין מצרים.

שטאַלעקער פראַנץ, ד"ר

ס.ס.־בריגאַדעפירער. שעף פון דער אָפּטיילונג א' אין ר.ז.ה.א. אין קריגס־צייט שעף פון דער איינזאַצגרופּע א'. זיינע ברייטע באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פון זיין איינזאַצגרופּע, זאָגן עדות וועגן די גרויזאַמע מערדערייען, וואָס די איינזאַצגרופּע א' האָט דורכגעפירט אונטער זיין לייטונג. מערץ 1942 איז ער דערמאָרדעט געוואָרן דורך עסטאָנישע פּאַרטיזאַנער אין קראַסנאָגוואַרדייסק.

ד"ר מ. דוואָרזשעצקי

כראָנאָלאָגיע

דאַטע	אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן און קריגס־טעטיקייט אין די „מזרח־לענדער"	געשעענישן אין די עסטאָנישע לאַגערן
	1941	
6.22	אָנפאַל פון דריטן רייך אויפן ראַטנ־פאַרבאַנד (אַקציע „באַרבאַראָסאַ").	
7.13	דייטשן איינגענומען די עסטאָנישע שטאָט טאַרטו (דאָרפּאַט).	
7.17	היטלערס באַפעל וועגן דער פּאָליטישער לייטונג אין די אָקופּירטע שטחים פון מזרח: די שטחים וועלן זיך צעטיילן אויף „רייכסקאָמיסאַריאַטן"; דאַן — אויף „גענעראַל־באַצירקן", די לעצטע — אויף „קרייז־געביטע". די פּאָליציייִשע זיכערקייט איבערגעגעבן אין די מזרח־לענדער הימלערן. אַלפרעד ראָזענבערג נאָמינירט אַלס מיניסטער פון די באַזעצטע געביטן אין מזרח־אייראָפּע.	
3 סעפּטעמבער	דייטשן איינגענומען טאַלין.	
		לויט דער פאַראָרדענונג פון גאַרסטענס, דערשאָסן 500 יידן פון לאַגער כאַרקו.
	1942	
פעברואַר 9.1 (?)		לויט דער פאַראָרדענונג פון יעקעלען, דערשאָסן 500 עסטאָנישע יידן פאַרשיקטע קיין פּסקאָוו. פון טערעזיענשטאָט גייט אַרויס דער טראַנספּאָרט קיין עסטאָניע (בערך 500 יידן).
9.4 ?—9.6 ?		ס'קומט אָן קיין ראַזיקו (עסטאָניע) דער יידן־טראַנספּאָרט פון טערעזיענשטאַט. סעלעקציאָנירט אַן ערך 90% צום טויט אין קאַלעווי־ליוואַ, און 10% — אויף אַרבעט אינעם לאַגער יאַגאַלאַ.

דאַטע	אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן און קריגס־טעטיקייט אין די „מזרח־לענדער״	געשעענישן אין די עסטאָנישע לאַגערן
9.10		אַ יידן־טראַנספּאָרט גייט אַרויס פון רייך (בערלין און פראַנקפורט) קיין עסטאָניע; וואַרשיינלעך 1.000 מאַן (מעגלעך 1.500) דעם 10טן סעפּטעמבער (אָדער לויט אַנדערע דעם 9.24 אָדער 9.26).
וואַרשיינלעך 9.13 (לויט אַנדערע: ענדע סעפּטעמבער)		קיין ראַזיקו קומט אָן דער יידן־טראַנספּאָרט פונעם רייך. 90% סעלעקציאָנירט צום טויט אין קאַלעווי־ליווואַ און 10% ווערן געשיקט אויף אַרבעט אינעם לאַגער יאַגאַלאַ.
דעצעמבער		גרופּן פון יאַגאַלער פרויען ווערן געשיקט צום טויט אין קאַלעווי־ליווואַ. גרופּן פרויען ווערן איבערגעשיקט אין דער טורמע טאַלין.
	1943	
1.18—12	סאָוויעטן געלינגט איבערצורייסן די דייטשע בלאָקאַדע ביי לענינגראַד.	
5.21		הימלערס באַפעל אַריבערצופירן די אַרבעטס־פעיקע יידן פון אָסטלאַנד אין קאַצעט ריגע, ווי אויך אין „איילשיפער״־געביט (ד״ה קיין עסטאָניע).
7.31		בריוו פון קאַרל וויאַלאַן וועגן די צוגרייטונגען צו רעאַליזירן הימלערס באַפעל פון 21סטן יוני 1943.
8.6		פלוצעמדיקע כאַפּעניש פון יידן אין ווילנער געטאָ און זייער דעפּאָרטאַציע קיין עסטאָניע („דער ערשטער טראַנספּאָרט קיין עסטאָניע״).
		אויפשטאַנד פון די אַרויסגעפירטע. הונדערטער הרוגים און פאַרוווּנדעטע. קיין עסטאָניע קומען אָן בערך טויזנט מאַן.

דאַטע	אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן און קריגס־טעטיקייט אין די „מזרח־לענדער״	געשעענישן אין די עסטאָנישע לאַגערן
8.11	היטלער גיט אַרויס אַ באַפעל אויפ־צושטעלן די שוץ־ליניע „די וואַנט פון מזרח״, לענגאויס מזרח־אייראָפּע: פון נאַרוואַ אין עסטאָניע — ביזן האַלב־אינדזל קערטש אין קרים.	
8.24		אַרויס פון ווילנער געטאָ דער „צווייטער טראַנספּאָרט״ (קרובים, פרעמדע, אַרבעטסלאָזע).
1—9.4		אַרויס דער „דריטער טראַנספּאָרט״ פון ווילנער געטאָ. אַרויסגעפירט אַן ערך 7.000 מאַן. יחיאל שיינבוים געפאַלן אויף די געטאָ־באַריקאַדן. דער צווייטער באַטאַליאָן פון פ.פ.אָ. ווערט אַרויסגעפירט קיין עסטאָניע.
9.15		אָפיציעל אויפגעשטעלט דעם לאַגער וויוואַראַ.
23—9.26		ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ („פערטער טראַנספּאָרט קיין עסטאָניע״). אַרויסגעפירט בערך 8.000 מאַן. עטלעכע טויזנט יידן אַרויסגעפירט קיין קייזערוואַלד, ביי ריגע. עטלעכע הונדערט פּאַרטיזאַנער גייען אַרויס אין די וועלדער פון רודניקי און נאַראָטש.
סוף סעפּטעמבער		געקע פאָדערט פון עלטעסטנראַט אין קאָוונער געטאָ צוצוגרייטן אַ רשימה פון 3.500 יידן אויף אַריבערצופירן קיין אַזאַרטשיי.
10.26		טראַנספּאָרט פון קאָוונער יידן קיין עסטאָניע. אַן ערך 2.800 יידן פאַרשיקט קיין עסטאָניע אַנשטאָט אַזאַרטשיי.

דאַטע	אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן און קריגס־טעטיקייט אין די „מזרח־לענדער"	געשעענישן אין די עסטאָנישע לאַגערן
10.28		ביז 11.1, נאָך דער „עסטאָניער אַקציע", גייען אַרויס אַן ערך 100 פּאַרטיזאַנער פון קאָוונער געטאָ אין די וועלדער פון אויגוסטאָווע.
12.26		אַקציע פון איזדיעקעווען זיך און רציחות איבער די לאַגערניקעס פון נאַרוואַ (ניטל־נאַכט).

1944

דאַטע	אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן און קריגס־טעטיקייט אין די „מזרח־לענדער"	געשעענישן אין די עסטאָנישע לאַגערן
יאַנואַר		עטלעכע הונדערט יידן פון לאַטוויע געבראַכט אין די עסטאָנישע לאַגערן.
1.14	די אַרמייען פון ראַטנפאַרבאַנד גייען אַרויס אין אָפענסיווע קעגן דער דייטשער אַרמיי אויפן פראָנט לענינגראַד—וואָלכאָוו.	
1.30		די סאָוויעטישע אַרמיי באַפרייט לענינגראַד פון דער בלאָקאַדע.
2.4	די סאָוויעטישע אַרמיי דערגייט צום אויסגוס ביי נאַרווע.	ערשטע כוואַליע פון לאַגער־עוואַקואַציעס; זיי ווערן אַריבערגעפירט אין אַרטשאַפטן ווייטע פון פראָנט.
2.13		אַן ערך 800 יידישע קאַצעטלער פון עסטאָניע ווערן אַרויסגעפירט פון ערעדאַ אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.
2.18		דער טראַנספּאָרט פון די 800 (20 וואַגאָנען) גייט דורך שאַוול קיין לייטע. אין שאַוול דערוויסט מען זיך, אַז זיי ווערן געשיקט אויף „זאַנדער־באַהאַנדלונג".
2.22		קיין אוישוויץ קומט אָן דער טראַנספּאָרט פון עסטאָנישע יידן. נאָך אַ סעלעקציע ווערן 24 מענער און 24

דאַטע	אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן און קריגס־טעטיקייט אין די „מזרח־לענדער״	געשעענישן אין די עסטאָנישע לאַגערן
		פרויען געשיקט אויף אַרבעט אין לאַגער. די איבעריקע ווערן געשיקט אין די גאַז־קאַמערן.
3.24		עוואַקואַציע פון לאַגער אילינורמע קיין קייזערוואַלד.
6.13		1.000 יידישע פרויען פון ביסטריצע, דעפּאָרטירטע קיין אוישוויץ, ווערן אַריבערגעפירט קיין ריגע.
6.20		500 פון די ביסטריצער פרויען ווערן אַריבערגעשיקט קיין עסטאָניע (לאַגער קיוויאָלי). פון דאָרט ווערן זיי צעשיקט איבער פאַרשידענע לאַגערן.
7.11	אָנגעהויבן סאָוויעטישע אָפּענסיווע אויפן געביט פון דווינע.	
7.17	אָנגעהויבן סאָוויעטישע אָפּענסיווע קעגן די דייטשע כוחות ביי דער מזרח־גרענעץ פון עסטאָניע (אָזיערע פּייפּוס).	
7.22	נישט געלונגענער גענעראַלן־רעוואָלט קעגן היטלערן.	
7.23	סאָוויעטן באַזעצט פּסקאָוו ביי דער דרום־גרענעץ פון פּייפּוס.	
7.24	אָנהייב פון דער סאָוויעטישער אָפּענסיווע אויף צפון־עסטאָניע (ראַיאָן נאַרווע).	
7.25	איינגענומען די שטאָט טאַרטו.	
7.26	סאָוויעטן איינגענומען די שטאָט נאַרווע.	

דאַטע	אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן און קריגס־טעטיקייט אין די „מזרח־לענדער"	געשעענישן אין די עסטאָנישע לאַגערן
סוף יולי אָנהייב אויגוסט		„10־פראַצענטיקע אַקציע" אין אַלע עסטאָנישע לאַגערן.
7.28		עוואַקואַציע פון די לאַגערן גאָלד־פילץ און ערעדאַ קיין לאַגעדי.
		15 יידן פון ערעדאַ אַנטלויפן אין וואַלד.
8.4		אָנגעהויבן די גרויסע אַקציע איבער שוואַכע און קינדער אין קיוויאָלי.
8.18		טויזנטער קאַצעטלער פון לאַגעדי ווערן אַרויסגעפירט קיין טאַלין. דאָרט ווערן קאָנצענטרירט יידן פון אַלע אַנדערע עסטאָנישע לאַגערן, זיי ווערן אַלע אָפּגעשיקט דורכן באַלטישן ים קיין שטוטהאָף. פון גאָלדפילץ אַנטלויפן בערך 40 מאַן אין וואַלד.
8.22		עוואַקואַציע פון 400 קלאָגער קאַ־צעטלער קיין לאַגעדי ב׳.
8.25	די סאָוויעטן פאַרנעמען טאַרטו.	
9.14	אָנגעהויבן זיך דער דעצידירנדיקער קאַמף צווישן די סאָוויעטישע און דייטשע אַרמייען וועגן גורל פון עסטאָניע.	
9.16	ס׳הייבט זיך אָן דער דייטשער צו־ריקצוג פון עסטאָניע.	
9.18		מאַן־שחיטה אין לאַגעדי. (אַן ערך 426 דערמאָרדעטע).
9.19		מאַסן־שחיטה אין קלאָגע (דערמאָר־דעט אַן ערך 2.400 יידן און אַן ערך 100 סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע)
9.22		באַפרייונג פון עסטאָניע.

ביבליאָגראַפיע

אין אָנהייב פון בוך (קאַפּיטל: „די מקורות), האָבן מיר אויסגערעכנט אַלע ביכער מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַנוצט (זכרונות וועגן די געטאָס ווילנע און קאָוונע, ווי אויך ביכער און אַרבעטן ווו ס׳זענען געבראַכט געוואָרן פּרטים וועגן די אַרויספירונגען קיין עס־טאָניע און וועגן לעבן אין די דאָזיקע לאַגערן).

מיר ווילן דאָ ברענגען אַ רשימה פון ביכער, וואָס גיבן בעיקר די „פּאַן" פון די געשעע־נישן. אַ ברייטע ליטעראַטור אין פאַרשידענע שפּראַכן איז געווידמעט דעם סיסטעם פון נאַצי־טעראָר, דעם סיסטעם פון דעפּאָרטאַציעס און דער שיטה ווי אַזוי ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן דאָס שקלאַפן־לעבן אין די לאַגערן, ווי אויך די פּראָבלעמען פון גייסטיקן ווידער־שטאַנד און עמידה פון די געטאָ־מענטשן, קאַצעטלער, אונטערגרונט און פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. דער לייענער וואָס אינטערעסירט זיך מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען וועט געפינען אַ ברייט, פילזייטיק מאַטעריאַל אין דער ביבליאָגראַפישער ביכער־סעריע וועגן די חורבן־יאָרן, העברעיש, יידיש און אַנדערע שפּראַכן, אַרויסגעגעבן דורך „יד ושם", ירושלים, און „ייוואָ", ניו־יאָרק:

Guide to Jewish History under nazi impact, by J. Robinson and Ph. Friedman with foreword by Prof. B. Dinur and S. W. Baron, N.Y., 1960.

ביבליוגרפיה של הספרים העבריים על השואה ועל הגבורה, בעריכת ד"ר פ. פרידמן, הקדמה מאת פרופ. ב. דינור, ירושלים, 1960.

השואה והגבורה באספקלריה של העתונות העברית, בעריכת מ. פייקאז, בהשתתפות ב. צ. אופיר, ו. ארד; כרך ראשון, הקדמה מאת ד"ר י. רובינסון; כרכים א׳, ב׳, ג׳, ד׳, 1966.

ביבליאָגראַפיע פון אַרטיקלען וועגן חורבן און גבורה אין דער יידישער פּעריאָדיק, יוסף פרידמאַן, „יד ושם", ירושלים און „ייוואָ", ניו־יאָרק; הקדמות: ד"ר י. ראָבינסאָן, י. גאַר, ל. לערער. ניו־יאָרק.

ביבליאָגראַפיע פון אַרטיקלען וועגן חורבן און גבורה אין דער יידישער פּעריאָדיק, יוסף גאַר. הקדמות: ד"ר י. ראָבינסאָן, י. גאַר. ניו־יאָרק, באַנד א׳, 1966; באַנד ב׳, 1969.

The Hungarian Jewish Catastrophe. A Selected and Annotated Bibliography by R. L. Braham. N.Y., 1962 (Foreword: dr J. Robinson).

אַ לויפנדיקע ליטעראַטור וועגן דער חורבן־תקופה לויט אירע אַלע פּראָבלעמען, איז צו געפינען אין די זאַמלביכער פון „יד ושם" (קובצי מחקרים בפרשיות השואה והגבורה) און אין די פּעריאָדישע ביולעטינען „ידיעות יד ושם"; אין די „דפים לחקר השואה והמרד" (בית לוחמי הגיטאות); אין די „ילקוטי מורשת" („מורשת" און ספרית הפועלים); אין דער צייטשריפט געווידמעט דער דאָקומענטאַציע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה:

La Revue d'Histoire de la Deuxième Guerre Mondiale, P.U.F. (Comité d'Histoire de la Deuxième Guerre Mondiale).

וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך דעם קאָמיטעט פאַר דער פאָרשונג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין פאַריז און דערשיינט אונטער דער רעדאַקציע פון ה. מישעל, ווי אויך אין די פעריאָדישע ביולעטינען פון יענעם קאָמיטעט; אין דער צייטשריפט, וואָס ווערט אַרויס־געגעבן אין פאַריז דורך דעם צענטער פון היינטצייטיקער יידישער דאָקומענטאַציע:

La Revue du Centre de Documentation Juive Contemporaine. Le Monde Juif, Paris

ווי אויך אין די ביולעטינען און צייטשריפטן אין פאַרשידענע שפּראַכן, וואָס דערשיינען דורך די אינסטיטוטן צו פאָרשן די צווייטע וועלט־מלחמה, דעם נאַציזם, זיינע שורשים און תוצאות.

מיר וועלן דאָ אויך דערמאָנען די פאַרצייכענישן פון נייע ביכער דערהאַלטענע אין „יד ושם", וואָס דערשיינען איינציקע מאָל אין יאָר; פאַרצייכענישן אין „גשר" און „בתפוצות ישראל" אין צוזאַמענהאַנג מיט פאָרשונגען וועגן יידישע ישובים אין די תפוצות.

צוליב די טויזנטער ביכער און חיבורים וועגן דער תקופה, מוזן מיר זיך דאָ באַגרענעצן און ברענגען נישט קיין אויסשעפּלעכע, נאָר אַן אויסדערוויילטע ליטעראַטור פון וויכטיקע ביכער בנוגע דער תקופה, וואָס זענען דערשינען אין פאַרשידענע שפּראַכן, דאַן אַ רשימה אין העברעיש און יידיש וועגן ביכער פון דער דאָזיקער תקופה. דאָס זענען ביכער, וואָס קענען אונדז געבן צו פאַרשטיין דעם מהות פון די געשעענישן.

ביכער און חיבורים וועגן יידן אין די אָקופּירטע באַלטישע לענדער

(רדיפות, געטאָס, דעפּאָרטאַציעס, קאַצעטן, יידישער גייסטיקער ווידערשטאַנד, אונטערערד און פּאַרטיזאַנישע קאַמפן)

אורן ב. מווילנה דרך יפאן אל העולם החופשי. ילקוט „מורשת", חוב' יא. נובמבר 1969.
אייזען א. דאָס גייסטיקע פּנים פון געטאָ. מעקסיקע, יידישער קולטור־צענטער, 1950.
אַלמאַנאַך פון ריגער רעליף. ניו־יאָרק, 1946, 1947, 1948.
באַלבערישסקי מ. ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ (פּויליש). וואַרשע, 1946.
באַלבערישסקי מ. שטאַרקער ווי אייזן. פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1968.
ביילוף א. דריי יאָר אין טויט־לאַגערן. (רוסית). טולע, 1961.
בלעטער וועגן ווילנע. פאַרבאַנד פון ווילנער יידן אין פּוילן. רעד. פון ל. ראַן און ל. קאָריסקי, לאָדזש, 1947.
בראַון א. צ., לוין ד. תולדותיה של מחתרת. „יד ושם", ירושלים, 1962.
ברלס ח. מיבצע עליית ליטא. דפים לחקר השואה והמרד. בית לוחמי הגיטאות, 1969.
גאַר יוסף. אומקום פון דער יידישער קאָוונע. מינכען, 1948.
געלבורט שמואל. דאָס געטאָ אין פלאָמען. מינכען, 1948.
גרינהויז ש. די יידן אין עסטאָניע. יידישע ענציקלאָפּעדיע, באַנד 10, ניו־יאָרק, 1964.
גרפונקל ל. קובנא היהודית בחורבנה. הוצ' „יד ושם", ירושלים, 1949.
דאַווידסאָן־סעגאַלאָוויטש רבקה. פרויען אין געטאָס און לאַגערן. אין „לעבן און אומקום פון אָלשאַן". תל־אביב, 1965.
דאַלניצקי ש. אַ טאָג הינטער שטעכיקע דראָטן. „ליטע", באַנד 1, ניו־יאָרק, 1961.
דבורז'צקי מ. אירופה ללא ילדים. „יד ושם", ירושלים, 1958.

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי

דבורז׳צקי מ. בגיטו וילנה ובמחנות הריכוז שבאסטוניה. היועץ המשפטי לממשלה נגד אדולף אייכמן, עדויות א׳, עמ׳ 321, מרכז ההסברה במשרד ראש הממשלה, ירושלים, 1963.

דבורז׳צקי מ. בין הבתרים. קרית־ספר, ירושלים, 1956.

דבורז׳צקי מ. המשטר באסטוניה הנאצית. ילקוט „מורשת״, חוב׳ י״ב, אוגוסט, 1970.

דבורז׳צקי מ. הסתגלות העצירים לחיי הגיטאות והמחנות והסתגלותם לחיי החופש. „יד ושם״, קובץ ה׳, ירושלים, 1962.

דבורז׳צקי מ. העמידה היהודית היומיומית בתקופת השואה. ספר הכנס העולמי לבעיות העמידה היהודית. „יד ושם״, ירושלים, 1970.

דבורז׳צקי מ. הרעב המתוכנן, השיטה המתוכננת הנאצית של חוסר־תזונה ורעב בארצות הכיבוש, בגיטאות ובמחנות הריכוז. „ניב הרופא״, חוב׳ 7—8, אוגוסט 1958.

דבורז׳צקי מ. השמדת יהודי אסטוניה. ילקוט „מורשת״, חוב׳ י״א, נובמבר, 1969.

דבורז׳צקי מ. ירושלים דליטא במרי ובשואה. תלאביב, מהדורה א׳, 1950. מהדורה ב׳, 1952.

דבורז׳צקי מ. ניתוק או רציפות בוועדי הקהילות בתקופה נאצית? על דרכיה של מועצת היהודים בגיטו ווילנא. החוג לידיעת עם ישראל בתפוצות בבית נשיא המדינה. המכון ליהדות זמננו. האוניברסיטה העברית בירושלים. עמ׳ 21—28 ירושלים, 1967.

דבורז׳צקי מ. על תלמוד תורה בתקופת השואה. קובץ העשור אוניברסיטה בר אילן. ספר השנה ד׳—ה׳, עמ׳ 289—298.

דבורז׳צקי מ. תיכנון וביצוע שיטות הטירור הנאצי בארצות הכיבוש במזרח. ילקוט „מורשת״, חוב׳ ט׳, אוקטובר, 1968.

דוואָרזשעצקי מ. אײראָפּע אָן קינדער. „יד ושם״, ירושלים, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1961.

דוואָרזשעצקי מ. הירשקע גליק דער מחבר פון פּאַרטיזאַנער־הימן. אונדזער קיום, פּאַריז, 1966.

דוואָרזשעצקי מ. ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום. ייד. פאָלקס־פאַרבאַנד פראַנקרייך און ייד. נאַצ. אַרבעטער־פאַרבאַנד אין אַמעריקע, פּאַריז, 1948.

דוואָרזשעצקי מ. דאָס קולטור־לעבן אין די עסטאָנישע לאַגערן. צוקונפט, נר 8, 1969.

דוואָרזשעצקי מ. ווילנער וואָס זענען געלאָפן. די גאָלדענע קייט, תלאביב, נר. 57, 1969.

דוואָרזשעצקי מ. נישט פאַרלירן דעם צלם האדם. גײסטיקע און מאָראַלישע פּראָבלעמען פון אַדאַפּטירן זיך צום לאַגער־לעבן. צוקונפט, נר. 10, ניו־יאָרק, 1969.

הלמן י. לראשיתה של המחתרת החלוצית בפולין הכבושה. מכתבי פעילים ושליחים. בית לוחמי הגיטאות, 1969.

יהודות לטביה. ספר זכרון, איגוד יוצאי לטביה ואסטוניה בישראל. תל־אביב, תשי״ג (די זייטן 312—365 זענען געווידמעט דער חורבן־תקופה).

יהדות ליטא. שלושה כרכים (כרך ב׳: חורבן יהדות ליטא). עם הספר. הוצאת אגודת יוצאי ליטא, 1969—1967.

יזכור־שריפט צום 20סטן יאָרצייט פון דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ. פאַרבאַנד פון ווילנער אין מאָנטרעאַל, 1963.

ירושלמי אליעזר. פנקס שאבלי. יומן מגיטו ליטאי (1941—1944), „יד ושם״ ומוסד ביאליק, ירושלים, 1958.

סוצקבר אברהם. גיטו וילנה. מיידיש נ. ליבנה. „שכוי״, תל־אביב, 1947.

סוצקעווער אברהם. ווילנער געטאָ. 1941—1944. פאַרבאַנד פון די ווילנער אין פראַנקרייך, פּאַריז, 1946.

ספר מלחמת הגיטאות. הוצאת הקיבוץ המאוחד ובית לוחמי הגיטאות. עורכים י. צוקרמן, מ. בסוק, 1954.

ספר הפרטיזנים היהודים. כרכים א׳, ב׳. ספריית פועלים, 1959.
נוסח ווילנע. מימעאָגראַפירטע ביולעטינען, וואָס ווערן פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן דורך „נוסח ווילנע״, ניו־יאָרק.
פייגנבערג מ., ווייסבערג מ. ווילנע אונטערן נאַצי־יאָך. לאַנדסבערג, 1946.
פיקהולץ־בארניטש מ. א. פינויו של מחנה הריכוז שטוטהוף. ידיעות יד ושם, מס׳ 35, 1965.
קאַגאַנאָוויטש מ. די מלחמה פון די יידישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע. צוויי בענדער. בוענאָס־איירעס, 1956.
פריינקל־זאַלצמאַן. העפטלינג נומער 49771. מאָנטרעאל, 1947 (זכרונות פון דווינסק, ריגע, קייזערוואַלד, שטוטהאָף וכו׳).
קורצ׳אק רייזל (רוז׳קה). להבות באפר. מהדורה ג׳, „מורשת״, 1965.
קרוק ה. טאָגבוך פון ווילנער געטאָ. ייוואָ, ניו־יאָרק, 1961.
קרוק ה. יומן קלוגא ויומן לאגדי׳ וכן עדותו של ויין משה. ילקוט „מורשת״, שנה ב׳, חוברת ב׳ (ב״ב), אפריל, 1964.
כהנוביץ מ. מלחמת הפרטיזנים היהודים במזרח אירופה. עיינות. תל אביב, 1954.
לזר חיים. חורבן ומרד. תל אביב, 1950.
„ליטע״, באַנד א׳, ניו־יאָרק, 1951 ; באַנד ב׳, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1965.
מערין ברוך. במדבר. פערנוואַלד. 1946.1.1 ; 1946.3.7.
מערין ברוך. פון ראַקעוו ביז קלאָגע. צוגעגרייט צום דרוק ב. כהן. ניו־יאָרק. פאַרבאַנד „נוסח ווילנע״, 1969.
נעמענטשיק י. מגילת עסטלאַנד. לאַנדסבערגער צייטונג, 1946.
נעמענטשיק י. פון עסטלאַנד דורך שטוטהאָף קיין בוכנוואַלד. לאַנדסבערגער צייטונג, 1946.
קאַטשערגינסקי ש. חורבן ווילנע. ציקאָ, ניו־יאָרק, 1947.
קאַטשערגינסקי ש. איך בין געווען אַ פּאַרטיזאַן. בוענאָס־איירעס, 1952.
קאַטשערגינסקי ש. פּאַרטיזאַנער גייען. צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס־איירעס, 1947.
קאַטשערגינסקי ש. לידער פון געטאָס און לאַגערן. ציקאָ, ניו־יאָרק, 1948.
קאַלמאַנאָוויטש ז. ה.. ווילנער טאָגבוך. ייוואָ־בלעטער.
קאַנטאָראָוויטש נ. די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פוילן. ניו־יאָרק, 1967.
ראָן לייזער. אַש פון ירושלים דליטא. ווילנער פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1965.
ראסען י. מיר ווילן לעבן. ניו־יאָרק, 1949 (זכרונות פון דווינסקער געטאָ און לאַגער קייזערוואַלד).
רודניצקי, טייטעלבוים ע. פון קימעלישאק איבער טויט־לאַגערן. ב׳ : „ספר זכרון לאיזור שווינציאן״. תל־אביב, 1965.
רולניק מ. אני חייבת לספר (עברית ל. לויתן). אחיעבר, ירושלים, 1965.
שוסטער א. מיינע איבערלעבונגען אין אַלשאַן און דייטשע אויסראָטונגס־לאַגערן. ב׳ : „לעבן און אומקום פון אַלשאַן״, ת״א, 1965.
שעפטעל ל. אָסטלאַגער קיוויאַלי, ערשטן מאַי 1944. דאָס נייע לעבן, לאָדזש, 1946.
Binkiene S. **Ir be Ginkio Kariai.** Vilnius, 1967.
Dvorjetski (=Dworzecki) M. **Ghetto à l'Est.** Paris, Robert Marin, 1950.
Dvorjetski (=Dworzecki) M. **La Victoire du Ghetto.** Paris, France Empire, 1962.

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי

Dworzecki M. **Histoire des Camps nazis en Estonie,** 1941-1944. Thèse pour le Doctorat de l'Université de Paris (Histoire Contemporaine). **Paris** 1967.

Kovalski I. A. **Secret Press in Nazi Europe.** New York, Central Guide Publishers, 1969.

Kruus Raul. **People, be watchful!** Tallin, Estonian State Publishing House 1962.

Lenik K. Martinson A. "12000". Tallin, 1962.

Martinson A. **Slugi Swastiki.** Tallin 1962.

"**Maski Sorvany,**" Tallin, 1961.

Masines Zudynes Lietuvoye. Vilnius, 1966.

Staras P. **Partizaninis Judijimas Lietuvoje.** Didziojo Tevynes Karo Metais. Vilnius, 1966.

ביכער וועגן נאַצי־טעראָר און פעלקער־מאָרד

Akten zur deutschen auswärtigen Politik, 1918-1945. Baden Baden. 1950-1953.

Anders, Wladyslaw. **Hitlers defeat in Russia. Chicago,** 1953.

Aroneanu, Eugène. **Le crime contre l'humanité, Dalloz,** 1961.

Bayle François, Dr. **Psychologie et Ethique du Nationalsocialisme,** P.U.F. Paris,1953.

Bezymenski L. **Les généraux allemands avec Hitler et sans lui.** Traduit du russe par V. Joukov, Editions du Progrès. Moscou. 1962.

Billig Joseph. **L'Allemagne et le Génocide.** C.D.J.C., Paris, 1960.

Bonte, Florimond, **Six millions de crimes.** Ed. Sociales. Paris. 1964.

Brissaut, André, **Les S.S.** Bibliothèque de culture historique 1968.

Buchheim, Hans. **Die S.S. in Verfassung des dritten Reiches.** Vierteljahrschrifte für Zeitgeschichte.

Buchheim, Hans; **des S.S. Staates.** Band I-IL Gutachten des Institut für Zeitgeschichte. Walter Verlag, Olten und Freiburg, 1965.

Bullock, Allan, **Hitler ou les mécanismes de la tyrannie. Morabout Université,** Paris, 1963.

Calic Edouard. **Himmler et son Empire.** Stock. Paris, 1966.

Dalling, **German Rule in Russia,** 1941-1944, New York, 1957.

Delarue, Jacques. **Histoire de la Gestapo.** Fayard, 1962.

Documents and materials relating to the eve on the second world war 1937-1939. Moscou, 1948.

Documents on german foreign policy 1918-1945. Series B. 1937-1945. Washington.

Dokumenty Obwiniayouth. Moscou, 1945.

Fest Yoachim. **Les Maîtres du III Reich,** Grasst, 1965.

Frumkin, Gregory. **Population changes in Europe since 1939.** New York, 1953.

Gilbert, Felix. **Hitler directs his war.** New York, 1950.

Henkys Reinhard. **Die Nationalsozialistischen Gewaltsverbrecher.** Kreuz Verlag. Stuttgart Berlin, 1964.

Helder F. **Hitler als Feldherr.** Munich, 1955.

Istorija Welikoj Oteczestvennoj Woyny Sovetskovo Sojuza 1941—1945. Moskva. T.I. — T. VI. 1963-1967.

Hilberg Raul, **The Destruction of the European Jews.** Quadrange Books. Chicago, 1967.

Höhne Heinz. **L'ordre noir. Histoire de la S.S.,** Ed. de Minuit, 1948.

Jarman T.L. **The rise and the fall of nazi Germany.** New York, 1961.

Jaspers Karl. **La culpabilité allemande.** Ed. du Minuit, 1948.

Kempner, Robert, Hänsel Carl. **Das Urteil im Wilhelmstrasse Prozesse.** Münich, 1950.

Kleist, Peter, **Zwischen Hitler und Stalin,** Bonn, 1950.

Langbein, Hermann. **Im Namen des deutschen Volkes.** Zwischenbilanz der Prozesse wegen nationalsozialistischen Verbrecher. Europa Verlag, 1967.

Nazi-Soviet relations 1939-1941. Documents from the archives of the German Foreign Office, Washington, 1948.

Manvelle Roger, Fraenkel Heinrich, **Le crime absolu.** Stock., 1967.

Manvelle Roger, **Heinrich Himmler sans pitié ni remords,** Stock., 1965.

Poliakov Leon; Wulf Joseph. **Le III Reich et les Juifs,** Gallimard, Paris, 1959.

Poliakov Leon, **Breviaire de la Haine,** Calman Levy, 1951.

La politique allemande. Documents secrets du Ministère des Affaires Etrangères d'Allemagne. Paris, 1946-1947.

Reitlinger, Gerald. **The Final solution.** New York, 1959.

Reitlinger, Gerald. **The S.S. Alibi of a Nation.** N.Y. Viking Press, 1954.

Russel of Liverpool, Lord. **The Scourage of the Swastika.** New York 1954.

Schwarz Leo. A. **The Root and the Bough.** New York, 1949.

Seifert, Herman Erich. **Der Jude an der Ostgrenze.** Berlin, 1940.

Steinberg L. **La Révolte des Justes.** Fayard, Paris, 1970.

Tenenbaum Joseph. **Race and Reich.** Twayne Publisher N.Y. 1956.

Schnabel Reimund. **Le Dossier des S.S.** Librairie Academique, Perrin, 1957.

Adler, H. G. **Theresienstadt 1941-1945.** Tübingen, 1955.

Adler, H.G.; Langbein, H.; Ligens Reiner. Auschwitz, Zeugnisse und Berichte, Europäische Verlagsanstalt, 1962.

Billig Joseph. **L'Hitlerisme et le Système Concentrationnaire.** Paris, P.U.F., 1967.

Blumental, N. **Obozy.** Lodz, 1946.

Buchmann, Erica. **Frauen in Konzentrazionslager.** Stuttgart, 1946.

Bulawko, Henri. **Le Procès d'Auschwitz n'a pas eu lieu.** Paris, Presses du temps présent, 1965.

Camps de Concentration, Documents pour servir à l'histoire de la guerre, Paris, 1945.

Catalogue of Camps in Germany and German-Occupied Territories; International Tracing Service, Arolsen (Vol. I, 1949; II, 1950; III, 1951).

Cohen Elie A. **Human Behavior in the Concentration Camp.** New York, Norton and Company, 1953.

La Déportation. Ouvrage collectif. Préface de Louis Martin Chauffier. Paris, F.N.D.I.R.F., 1967.

Désoille, H. **Assassinat Systhématique.** In: La Presse Médicale, Paris, 13.X., 1946.

Deutschkorn, Inge. **Tel était leur enfer;** Les enfants dans les camps de concentration, Paris, La Jeune Parque, 1965.

Kogon Eugon. **Der S.S.-Staat.** Berlin, 1947.

Rousset David. **L'Univers Concentrationnaire.** Paris, Edition de Minuit, 1946.

Temoignages Strasbourgeois. De l'Université aux Camps de Concentration. Paris, Belles Lettres, 1956.

Wellers Georges. **De Drancy à Auschwitz.** Paris, C.D.J.C., 1946.

Wormser -Mugot, Olga. **Le système concentrationnaire nazi 1933-1945.** Poris, P.U.F., 1968.

Wormser, Olga; Michel, Henri. **Tragédie de la Déportation.** Paris, Hachette. 1956.

אינדעקס פון נעמען

אאוּא קאַרל 128
אַבעדזינסקי אַברהם 112 130 172 274 300 364 382 386 387
אומייער האַנס 64 120 123 251־131 399 405
אַבעל 227
אַבעלאָוויטש צבי
אַבראַמאָוויטש אברהם ד״ר 199 393
אַבראַמאָווסקי דוב, יעקב רחל נחמה 5
אַבראַמאָווסקי שרה רבקה, שמריהו, כיענע, יענטע, נחום, חנה געלע 5
אַבראַמאָווסקי שלום, נחום 5
אַבראַמאָווסקי אַלעקסאַנדער ד״ר 199
אַבראַמאָוויטש אַברהם ד״ר 199 248
אַבראַשע (חיים) 376
אַגוסטינאַ 264
אַדאַמאָווא אַרמילאַ 51 55 58
אואיבאַ 56 58
אולנער 393
אַדלער ה. ג. 51
אָוסיעאָוויטש (?) יצחק 387
אופיר ד״ר 414
אַלייסקי 258
אכאַמער פּיפּראַדער 404
אולמאַן ד״ר (ס.ס) 37
אולעם מינאַ 394
אַטאַ 365 376
איזראַעלעוויטש 393
אַלקיעניצקאַ געניאַ 363 383 385
אַסטער רפאל 291 334 375
אַפּענבאַך מינדל 103 152 228 250 375
איגעלקאַ ליובאַ 129 149 150 159 160 200 208 210 226
איוואַנטער אברהם ד״ר 151 199 208
איזגור יוסף 129 149
אייקע טעאָדאָר 118 135
איישישאָק 228 287 296
אינגאַ 130
אינגסטער מאַללי 149 160 284 349 370
איסופּ 128
איסעלהאָרסט (ס.ס.) ד״ר 35 400
אַלטמאַן טאַסיע 97
אַלייסקי 258
אַלענדאָרף אַטאַ 37 40
אַנאַליק בנימין 41 122 129 130 149 171 192 208 209 227 228 279 297 304 317 385 387
אַנאַליק ישראל 368
אַנאַליק ניסן אנקולי 19 129 130 148 150 171—173 185 206 209 225 226 228 279 297 305 382 385—387
אַנטאַקאַליעץ הירש 130 153 258
אַנטאַקאַלסקי (אַנטאַקאַלעץ ?) יצחק ד״ר 119 208 307 358 359
אַנילעג 57
אַגיספעלד 329
אַסקאַ י. 57
ארד י. 414
אַראַנאָוויטש בעלאַ 150
אַראַנאָוויטש שבתאי 157 193 228 250 385 386
אַראַנסאַן אברהם 112 141 149 159 160 185 228 229 243 300 308 326 328 364 371 376 385—387
אַרבאַך אריה (לייב) 101 129 130 139 149 150 159 161 171 173 206 209 225—227 258 262 268 295—300 326—328 348 352 369 371
אַשעראָוויטש יצחק 366 376 383

באַזיליאַן נתן 96 97
באַטמאַן פראַנץ ד״ר 125—131 135 140 143 145—148 152 153 169 195 196 198 199 203 204 207 270 292 296 299 334 339 400 401 403 405
באַכל עדוואַרד 122
באַלבערישסקי טעאָדאָר 159 378 385
באַלבערישסקי מענדל 22 59 97 99 102 103 112 129 130 143 150 159 171—173 185 186 192 206 226—228 250 327 329 336 339 340 350 365 376 384 387

באַלינסקי מ. 95
באַסטאַמסקי אהרן 303 307
באַק 125—131 141 157 381 400
באַראַוויק דבורה 348 369
באַראַן (אליהו ?) 93
באַראַנאַווסקי (אַזאַרי) 463
באַראַנאַווסקי שלמה 129 209 299 339 346
באראס שרה 129 193 206 226
באַרי̄ס 353 355
באַרישאַנסקי (דוואָרזשעצקי) מכלה, גוטע, חוה, שמריהו 5
באַלעכאַוו 353
באַרקע 358 365 374
בוזשאַנסקי אליעזר (לאַזאַר) ד"ר 129 148 173 203 206 209 226 386 387
בוך רפאל 199
בוכנער האַנס 122 127 381
בורג געניאַ 130 150 386
בושעל גדליה 329
בייוואַל פרידע 249 250
ביעלאַוו א. ה. 25 267 268
בינדער ש. 329
ביק אסיא 84
בלאַבעל פּאַול 40
בלאַושטיין (בלוישטיין ?) גרשון 350 371
בלאַזער חיים 300
בלאַזער־טשעפּלינסקי העניאַ 93 103 130 374
בלאַך ד"ר 200
בלאַכער שבתאי 224 258 303 308 335 336
בלובכען מישאַ 268
בליץ חיה 141
בן־חור (אַבראַמאַווסקי) סימע 5
בעטער הוגאַ 265
בעניאַקאַנסקי ברוך (בעניא) 83
בענצקע 287
בער ווילהעלם (אונטערשאַרפירער) 125 131 400
בערגמאַן ש. ה. פּראָפ. 327
בערגער ד"ר 119 208 352
בעלסקי סאַניע 300
בעלסקי שלמה 295 300
בערלין האַרי ד"ר 119 200
בערמאַן ישראל (תנחום) 329 290 352
בערנשטיין אברהם 208
בערנשטיין אהרן ד"ר 119 208
בערנשטיין לעאַן 98
בערנשטיין־שיינבוים פּעסיע 98
בערנשטיין מירע 208
בערנשטיין מרדכי 393
בערעלע דער זינגער 257
בערעלע (דוב) פורמאַן פון קאַוונע 165
בראַדערזאַן 305
בראַודע מאַניע 137
בראַון צ. 24
בראַנד שלמה 98
ברודני 206
ברוידא כתריאל 78 258 303 305 307 309 328 329 332 393
ברוך העברי, פּראָפ. 12
ברייטבאַרד מאַרקוס ד"ר 119
ברייטבאַרט שמחה ד"ר 119 259 378
ברעגמאַן ס.ס. 47 50
ברעסלאַ 350 370
ברענאַייזן אַטאַ 125—131 377 381 311 400

גאַטליב אברהם 329
גאַלאַמב 152 291 300
„גאַלאַשייקע" (קריגער ?) 129 143
גאַלדבלום שרה 150
גאַלדבערג זעליק 346
גאַלדבערג יעקב 156
גאַלדהיים (פון לאָדזש) 378
גאַלדין 151
גאַלדרינג 304
גאַלדמאַן 103 129 130 149 352 356 368 372 393
גאַלדמאַן שעסקין 129 227
גאַלדשטיין ברוך 93 94 99 100 129 149 172 185 206 208 225—227 261 263 276 278 299 356—360 370 372—374
גאַלינסקי לייבל 226
גאַלסמאַן ציפּע 394
גאַלעמבאַ (גערשאטאר) ראַיאַ 129 157 171 226 250 275 297 339 386

גאַנז אליהו 94 129—131 151 228 378 385 386
גאַנטאַוניק אברהם 102 352 353 357 368 369 371—373 375
גאַפּשטיין שמואל 288
גאַר יוסף 24 414
גאַרבער 350 370
גאַרדאַן (ברידער) 93 357
גאַרדאַן יצחק 363
גאַרדאַן יעקב ד״ר 305
גאַרדאַן מאַרק אינזש. 148 149 151 173 225 227 292 299 300 340 352 355 358 359 367 371 374
גאַרדאַנאַוויטש גאָלדע 94 100 112 159 172 185 192 193 226 228 298 303 307 309 314—323 326 328 340 375
גאַרסטענס 35 400
גאַרפונקל ל. 24
גודזעניאַצקי זעליק ד״ר 119
גוטמאַן 149
גוטגעשטאַלט הירש 303 308 364
גוססען דאָמיניק 149
גורוויטש גיטע 130 150
גורוויטש לייזער 329
גורין משה 39
גוריאַן סאַוואַ 98
גורעוויטש אַלטע 137
גיטעל שלמה ד״ר 119
גיטעלזאָן שמעון ד״ר 119
גילינסקי מאטל 329
גילקאָוויטש ל. ד״ר 33
גינזבורג (דוואַרזשעצקי) סימע 5
גיעצאָוו מיכאל ד״ר 119
גירשאָוויטש משה ד״ר 119 208
גלאַזמאַן יוסף 71 98
גליק הירשקע 102 218 259 303 305 306 309 326 328 332 348 369
גליקס ריכאַרד 118
גלעזער (אַנטלאָפן פון גאָלדפילד, אומגע־קומען) 348
גלעזער לייב 368
געזע 46 49
געלבורט שמואל 24
געלמאַן גדליה ד״ר 119
געלמאַן ליוסיע 84
גענזעל יוליוס 119
גנעסיע 289
גענט ווילהעלם („אַנטעק״, „אַנטאַש״) 125—131 141 142 150 381 400
גענס יעקב 83 102
געצאָוו ד״ר 150
געקע ווילהעלם 64 85 86 87 410
גערלאַך 64
גערעטס ראַלף 19 46 47 49 51 52 57 128 301
גערשגאָרן שרה (גערשאָנאָוויטש) 119
גערשטיין (אַנטלויפער פון יעוויע) 350
גפן טוביה 5
גפן צבי 5
גראָסמאַן חיה 97
גראָדזענסקי דוד 199 208
גראָדזענסקי חיים עוזר, הרב 208
גראָדזענסקי יצחק 369
גראָדזענסקי־קאַגאַן זע: קאַגאַן־גראָדזענסקי
גריליכעס גיטע 129 130 150
גרינבלאַט זאב 150 151 227
גרינהאָלץ (גרינוואַלד) אַדעלאַ און טאָלאַ 94 103 131 206 228 229 386
גרינהויז שמואל 24
גרענאַדיר־טײַטעל שפרה 201
גרינשפּאַן גרשון 287 299
גרינשפּאַן־טאַסק גיטע 299

דאַהלמאַן מאַקס 125—131 381 401
דאַווידסאָן־סעגאַלאָוויטש רבקה 23
דאַלינסקי גמליאל 352 354 355 368 369 371 372
דאַלניצקי ש. ד״ר 24
דאַנדע פּרץ 160
דאַנציגער משה 128 130 149 150 152 160 185 192 243 296 298 340 375
דאַראַן רעיה 130
דויטש דאַראַ 112 130 172 386
דורמאַשקין זאב (וואָלף) 224 258 287 303 308 364 385

דושאַנסקי קלמן 112 130 131 141 149 150 193 206 385—387
דובאָווא האַנקאַ 47
דובינסקי ראובן 303 308
דוגאַרדען קאַראַל 221
דוואָרזשעצקי איזידאָר 5 375
דוואָרזשעצקי דוב 12
דוואָרזשעצקי הסיה 12
דוואָרזשעצקי יעקב, העלענאַ, וויטע 5
דוואָרזשעצקי מאַרק (מאיר) ד״ר 22 23 39 40 69—105 130 140 148 151 159 160 167 171—173 185 186 191 193 195 189 206—209 226 228 258 259 278 289—292 296—298 300 304 307 326—329 338 340 349 350 356 360 368 370 372 374 375 זע אויך „מחבר פונעם בוך“, „מחבר פון די שורות“
דוואָרזשעצקי (קויפמאַן) מרים 5
דוואָרזשעצקי צביה 12
דוואָרזשעצקי שפרה 5
דונסקי שניאור 279
„דזשינדזשי“ 347 356 372 373
דייכעס ליזאַ 329
דימענטמאַן ישראל ד״ר 224 266 270 287 302 303 307 364
דימענטשטיין (דימענטמאַן ?) 222
דינור ב. פראָפ. 414
דיסטעל לייב 101 172 352 353 355 368 371 373
דעסלער סאַלעק 83 102
דראַבקין ש. 129 362
דראַבקין 225 262 288
דראַבקין העשל 129 184 369 384
דראַבקין חיים 369
דראַבקין יצחק 137 348
דראַבקין שמואל 148 348 369
דראַבקין שרגא (פייוול) 348
דראַז זשאַן פראָפ. 12
דראַזין (טרויזין) 131—251
דיראַזעל פראָפ. 12

האַלבערשטאַט דוד 302 305 327
האַלפּערן אברהם 129 171 192 194 226 227 297 298 329 374
האָפמאַן באָריס 329
האַלצמאַן 129 149
האַמבורג דוד 357 359
האַמבורג שכנא 295 300 352
האָפמאַן פראַנץ 390
האַרט ראובן 156 307
האַרטמאַן פייוול (פיפי) 129 130 173 227 299 352 355 356 358 359 368 372—374
האַרטען שושנה 129 171—173 193 206 209 226 326 328
הובערבאַנד שמעון הרב 340
היימאַן יוסף 40
היידריך ריינהאַרדט 36 48
היימאַן 76
הייסמייער אַגוסט 118
היטלער 52 115 390 408 410
הימלער 59 60 62 402 409
העלוויג 125—131 141 147 199 381 401
העלמלינגער 125—131 199 401
העלער מ. ד״ר 95 96
העס רודאָלף פערדינאַנד 123 399

וואָלפסאָן גריגאָרי ד״ר 199
וואָלפסאָן דוד ד״ר 208
וואַלקאָוויסקי אַלעקס 292
וואַלקאָוויסקי לעאָן ד״ר 147 152 199 208 277 292
„וואַנסאַטי“ 263 360
וואַפּניק אברהם 122 130 131 150 193 206 363 372 376 383 385—387
וואַרשאַווטשיק 205
וואַרשאַווסקי חנה 329
וויאַלאַן פרידריך קאַרל ד״ר 62 63 89 401 409
וואָלף אידאַ 153 154
וויזנער 204 125 131
וויטענבערג יצחק 71 98 99
וויטקין יחזקאל 393
וויין משה 94 172 227 302 325 352—354 356 361 364 367 368 371 375
ווייק יאַן 19 402

ווײַנטרויב בנימין 112 142 148—150 173 228 258 364 375 385
ווײַניק נפתלי 325 329
ווײַנער 348 368
ווײַנריב אברהם ד״ר 199
ווײַנשטיין משה 40
ווײַנשטיין שמעון 329
ווײס מאַרטין 68
ווײסבערג משה 22
ווײסהאָף אברהם 340
ווײסמאַן (ווײַצמאַן ?) 393
ווילע 68
וויגער 298
וויספום 128
וויקס ערווין ריכאַרד וואָלף 19 128 204
ווירט עוגען 390
ווירקע 125—131 403
וולאַסאָוו אַנדריי גענ. 267
וועליטשקער (וועלס) 40
וועקסלער מ. 362
ווערלע ווילהעלם 125—131 147 381 401 403

זאַכריי חיים 45
זאַלצבערג (ראַמאַנאָוו) לאה, משה אליהו 5
זאַלקינד סטעלאַ 386
זאַלקינד ראָזע 131
זאַלקינד שלמה 300
זאַלקינדסאָן בערנאַרד 115 199 208 302 325 356
זאַלקינדסאָן יהושע (אָוסיי) ד״ר 199 208 325
זאַלקינדסאָן פּאָולינאַ ד״ר 199 325
זאַמפּקאָוואַ עמי 51 57 58
זאַנדבערגער מאַרטין ד״ר 36 37 40 400 403
זוהר יצחק 129 130 149 150 258
זײַדעל הלל 112 129 130 131 172 206 207 228 279 300 308 326 328 340 363 364 370 386
זײַדלער סעווערין ד״ר 112 130 197 199 208 363 376 383 387
זעלדאָוויטש סאָפיאַ 199
„זעקספּיסיקער״ 140
זשורער 228
„זשיראַפאַ״ 125 129
זשאַרזשיק 360

חאַרמאַץ יעקב דוב 94 130 150 172 216 226 227 259 285 297 298 386
חולם ליובא ד״ר 199 385
חאַנאָוויטש (כאַנאָוויטש) שמעון ד״ר 199 208
חורג (כורג) ד״ר 199
חזן בעלאַ 98
חזנאָוויטש 130
חיים (אַבראַשאַ) 363
חייט (כאַיעט) 393
חייטאָוויטש 253
חלפין 168
חאַנע דער שנײַדער 227
חאַניע פון קאָוונע 375
חנוך 303 307

טאַבמאַן 300
טאגאסאאר 128
טאַדט פריץ 123 (זע: „אָטע״)
טאַראַשינסקי לייב 289 349 357 370 373
טויבנהויז (משה) ד״ר 199
טוך ה. ד״ר 48
טורבאָוויטש לייב 329
טייטלמאַן ע. 145 151 172 226 250 259 300 304 327 339
טיקטין זיאַמקע 93
טענענבוים יוסף ד״ר 39
טענענבוים־טאַמאַראָוו מרדכי 69 96
טראָצקי פּאַלק 199
טרופּיאַנסקי יעקב 329
טרופּיאַנסקי פּייזל 329
טרינאַפּאָלסקי מאיר 364 385
טשעך דאַנוטאַ 151

יאַבראָוו יעקב (יאַנקל ?) 94 367
יענקל (יעקב יאַבראָוו ?) 94 367
יאָסט היינץ 404
יאַרוויגאַ 57
יאשפאַן דוד ד״ר 199

יודין ד״ר 199 208
יוטאַן־טונקעל ד״ר 199 208
יוריסטאָ יאָהאַן 19 128 304
יוסף (פון סאַנדע) 288
יפה 350 371
יעקאָבסאָן 339
יעקעלען פראַנץ 36 403 405 408
ירושלמי אליעזר ד״ר 21 103 129 150 151
158 171 172 206 227 278 279 350 370
יאָשפע מאטל 353 368 369 393

כאַנין אברהם 300 348
כאַנין (ברודער פון אברהם) 300
כאַנין 129 258 368
כאַנין (וויוויקאַני) 295
כהן ראובן 337
כוואָיניק אברהם 84 98
כוואַס־לעווין חיה 328
כיליסבערג (גאָרדאָן) גיטע 200 208
כץ אליהו 200
כץ זכריה 200
כץ ציין־דאָקטאָר 137 149 200 286
כץ געניע און סאָניע 140 172 190 227 263
299 374

לאַטס האַנס 40
לאַאק אַלעקסאַנדער 46 47 52 56 128 401
לאָהזע היינריך 33 404
לאָוב 125—131 404
לאַזאַר חיים 22 96 97 99—101 131 327
לאַנדמאַן 206 360 361
לאַנץ (לאַנצע) 125—131 381 404
לאַקנער 71
לובאַצקי ברוך 329
לובאַצקי ישראל 329
לובאַצקי משה 352
לודאַנסקי בנימין 349
„לויזענפויקער" 126
לוריע (דוואָרזשעצקי) סימע 5
לופטשפרינגער הענריך 200 209 360 361
ליבאַ אַלעקסאַנדער ד״ר 208 301 376
ליבער נפתלי ד״ר 329
ליבערמאַן זאב 5
ליבערמאַן סאָניע 5
ליבערמאַן ל. 208
ליגום ליזא 207
לידסקי אברהם 103 200 208 269
לייבאָוויטש אברהם 352—355 373
לייבע (קצב) 352
לייד ניקאָליי 128
לייוואַק ערנסט 40
ליליענהיים הענריק 107 185 226 278 287
295 296 300 370
לינאָס קאַרל 19 128 403
ליפּנהאָלץ 383
ליפקע (קונדאַ) 374
ליפשיץ מ. 332
ליפשיץ זאב, ליזע (דוואָרזשעצקי) מאדיע 5
ליצמאַן קאַרל זיגמונט 33 62 402 406
לעווין־בראַון 125
לעווין דוב 24 98 370
לעווין גרישאַ 84
לעווין משה 329
לעווין (רומאַנאָוו) רחל 5
לעווין רפאל 299
לעוויט הערשל 369 348
לעוויט יענקל 348
לעוויצקאָ־זובעלעוויצקאָ 95
לעמיק ק. 20
לערמאַן אפרים 200
לערנער („אָטע") 140
לערער משה 307 325

מאַנג פראַנץ 125—131 404
מאַנס אַנטאָנין ד״ר 191
מאַע היאַלמאַר 33
מאַקס 278 294 364 366 380
מאָרגענשטערן 25 160
מאָרדקאָווסקי שמואל 89
מאַרטינסאָן א. 20 41
מאַרקוס יצחק הרב 337 339
מאשאָווא מאַרקעטאָ 51
מגיד אלחנן 80 98
מוט יודל 223 294 303
מורינו הרב 332 334 337 338
מורער פראַנץ 71 96

מושקאַט יוסף 156
מחבר פונעם בוך = ד״ר דוואָרזשעצקי 263
356 390 392 393
מייזיל נחמן 328
מייסנעראָווא אַרנאַשטקאַ 51 55 112
מייער 71 (געשטאַפּאָ, ווילנע)
מיכקעלסאָאַ 128
מילער (אָבערשטורמפירער) 68
מילער היינריך 60
מילער (פון קאָוונע) 85
מילשטיין פייוול 159 160 208 226 299 358
359 374
מיצמאַכער שרה 129 159
מירקין לייזער 112 141 142 207 208 226
מישעל העברי פראָפ. 12
מעלצער זכריה 222 249 250 294 335 365
מענדעלעוויטש 227 258 375
מערין ברוך 23 24 112 173 186 209 300
340 371 385 393
מערינג 172 227 228
מערע איין 19 37 47 50 52 57 403

נאַדעל מישאַ 139 148 149 206 288
299 368 376
נאדעלמאַן ד״ר 200
נאַזשיק 339
נאַסאָוו שמואל (נאַסיקאָוו ?) 112
נאַרקונסקי אייזיק 152
נודעל 130
נויגעבאָוער 71 74 99
נוסבוים־אַלטאַשעווסקאַ 326 329
נח ראובן 329
נח׳קע 358
ניבאָווסקי קאַראַל 140
ניעבאַשטשיק־נאַבאַרשטשיק לייבל 337 340
ניטשינסקאַ 137 149
ניקונסקי 298
ניעמענטשיק יצחק 24 25 112 130 131 151
171 172 207 258 278 300 375 386

סאַלאַמיאַנסקי 137
סאַלאַנויץ 362
סאַמורע 294
סאַנדאַק עמנואל 329
סאַניע (ערעדאַ) 289
סאַלאַנויץ־לופּטשפרינגער ד״ר 200 208
סאַלץ־ זוסמאַן 149 393
סאַפּיר געניע 300
סאַפּיר סימע 300
סווירסקי פייוול 353
סופר אברהם 288
סוצקעווער אברהם 22 96 97 100 327
סטאַליצקי חיים 329
סטאַלין 100 206
סטופעל 96
סטראַזש 209
סלאָבאָדסקי (הענריק ?) ד״ר 200 208
סלאָדזינסקי זעליק הרב 337
סליווקין מאיר 304 306 362
סלעפּ אברהם 329
סלעפּאַק גיטע 129 149 150 159 160 171 206
סמילג אַדוואָקאַט 94
סעגאַל ישראל 3 103 112 129 172 173 185
186 192 210 226 268 278 279 297 300
304 326 327 328 338—340
סעגאַלאָוויטש 172
סעניצקי יצחק 304
סעסיצקי 329
ספּאַס 125—131 378
סקורקאָוויטש סימע 129 130 148—150 152
159 171 173 191 209 225—227 305 326—
328 368 371

עלבינג 125—131 378
עלטערמאַן יצחק ד״ר 200
ענגסט אַלפרעד 125—131 291 377
ענדלין נחמיה 89
עפראַן שמואל 223 294 303 308
עפשטיין לאַזאַר ד״ר 142 200 207
עפשטיין עמנואל ד״ר 78 101 200
עפשטיין שבתאי ד״ר 109

פּאַדוואָרסקי 97
פּאָהל אָסוואַלד 60
פּאַטאַשוועטש יואל 172 338 340
פּאַטאַשעוויטש רבקה 338

פאַטשטער זאב (וולאַדימיר) ד״ר 200
פאַליטש גערהאַרד 407
„פאַמעלע״ 293
פאַמעראַנץ לייב ד״ר 200 208
פאַניקע קורט 121 125—131 137—139 143 144 157 158 256 288 306 346 348 351 352 404 406
פואוסעפ עלמאַר 40
פומפיאַנסקי יהושע 353
פורמאַן באַריס (בערעלע) 201 340
פייגענבערג משה ד״ר 22 90 99 100 208
פימע ד״ר 360
פינגערהוט לעאָן ד״ר 146 200 202
פינטשוק אברהם 339
פינקעלשטיין (לאַגעדי) 371
פינקעלשטיין ירחמיאל משה 41
פינקעלשטיין לאַזאַר 148 160 200 201 207 208
פיעקאַזש 404
פיקהאָלץ־באַרניטש 393
פיקיעלטשיק לייזער 129
פישער (נאַסאַוו ? נאַסיקאַוו ?) 112
פלאַטניצקאַ פרומקע 98
פעדקע דער פערעקולשטשיק 365
פעטוכאָווסקי בצלאל 329
פעטראַסקאָוואַ אירמאַ 45 51 58 112 130 149 165 170 172 185 299
פעדאַיאַס 128
פעלדמאַן אברהם 393
פעלדמאַן שלמה 393
פעלדשטיין אָוסיי ד״ר 200
פעלדשטיין צמח ד״ר 66 150 329 349 370
„פעלצקראַגן״ 125
פעסקין אליהו 287
פערל 129
פערל ק. 129
פערלזינגער 129 159 179 226
פערלעגער העלגאַ 48 49 51 57 58 146 148 189 193 206 210 226 227
פערעזאָווסקי אַלעקסאַנדער 200
פראַבע 362
פראַט (ענדקע ? עלקע ?) 353
פרוזווירט 125—131 405
פרומקין יצחק מגר. 200
פריד חיים הלל ד״ר 129 130 145 151 172 200 208 209 226
פריצמאַן קאַרל 364 368 403 405 414

צאַך חיים 357 358 373
צאַך יעקב 358
צווילינג 250
צונזער פרץ 302 307 328
צוקערמאַן יצחק (ווילנע) 293 330 332 339
צוקערמאַן משה ד״ר 200
ציטל־טשערטאָק מרים 329
ציפוק 302 325
צירינסקאַ ליובאַ 200
צעפעלעוויטש ישראל 147 152 158 250 277 292
צעפעלעוויטש צבי (גרישע) 80 102 277 290 299 344 353—356 368 369 371—373 375

קאַבאַטשניק זעליק 329 349 370
קאַגען עאוגען 249
קאַגאַן נח 348
קאַגאַן־גראַדזענסקי הירש 130 149—151 160 226 227 258 297 339 340 361 375.
קאַגאַן־מישעלסקי אסתר 159 160 186 226 299
קאָוואַלסקי יצחק 23
קאָוואַרסקאַ קלאַראַ 84
קאָוונער אבא 71 98 99
קאַזיבראַדסקאַ ליאַניאַ 98
קאַטיאַ 303 308
קאַטשערגינסקי שמערקע 23 97 103 303 306 309 325—328 339 393
קאַלאַדנער בער ד״ר 200 207 384 291
קאַלאַקאַס הילדאַ 40
קאַלמאַן געאָרג 41
קאַלמאַנאָוויטש זעליק הירש 21 96 99—101 129 148 206 209 225 226 258 259 303 305—307 327 332
קאַלמאַנאָוויטש מאיר 384
קאַמבער סאָפיאַ ד״ר 200 207 208
קאַמינסקי 267

קאָניוכסקי קוניס אליהו ד״ר 200
קאָסאָוועד משה 285
קאָשטשעניעווסקי ד״ר 200
קאָפּל אַלטער 38
קאַפּלאַן אַלעקסאַנדער ד״ר 200
קאַפּלאַן ישראל 302 326
קאַפּלאַן יעקב 84 259
קאַפּלאַן י. 259 329
קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי דוד 329
קאַפּלינסקי ברוך 299 372
קאַפּעטשקאָווא רות 51
קאַפּעלאָוויטש (שלמה) ד״ר 200
קאַץ 306
קאַץ (פרוי) 160
קאַצענבערג יאַכל 209 290 201
קאַראַל (ניבאַווסקי) 140 239
קאַראַפּאַנס גרשון 130 172 173 206 209 226 —228 393
קאַרנאַווסקי ניקאָליי ד״ר 200 208 385
קאַרנאַ דוב 329
קויפמאַן יצחק 93 94 129 149 171 206 208 261 263 278 298 357—359 372—374
קורט שמואל 288—289
קיהן לעאָניד 41
קיהן קאַטערינאַ 41
קיטעל 71 74 82 83
„קירקעניק (זע: רונדע, שאַרפּעטער)
קלאַגע יקותיאל 362
קלאַט ליפּע 129 348 369
קלאַטשקאַ כתריאל 103 130 147 153 172 186 258 293 296 300 336 340 363 364 376
קלויזנער אַלטע 329
קליי אַדאָלף 126—131 140 360 405
קלייסט פעלדמאַרשאַל 404
קלענקאָווא חנה 44 51 58
קלעצקי בעלאַ 40
קלעצקי לעאַ 40
קנאַט היינריך 131 152 405
קענסקי 372 393
קראַווזע 46 47 51
קראַוס־קולקאַ 249
קראַסאָווסקי זשעניאַ ד״ר 94
קרוט סטעפאַן 380
„קרוזיפיקס״ 221
קרוק הערמאַן 41 66 95—97 103 166 172 180 189 191 193 211 220 223—229 250 258 259 261 262 264 276 278 279 287 289 292 296 298 300 302 305 307 309 323— 329 350 352 356 362—366 370 375 376 385 392
קרוק נחום 288
קריגער („זשיראַפּאַ״, „גאַלאַשייקע״) 125— 131 258 405
קריין אברהם 130 357 358 373
קרינסקי וואָלף אינזש. 304 331 338
קרייצער פּערל 146 151 172 293 206 209
קרעבס ד״ר 405
קרעבסבאַך נאַצי־ד״ר 405
קרעמער בצלאל 303 308
קרעמער יהודית 148 171 172 192 206 299
קרעמער מענדל 352 370 371
קרעמערמאַן יחזקאל 296 300
קשעמיאַנסקי אַבעל 200

ראַבינאַוויטש יוסף 112 129 130 141 147— 149 153 193 206 208 363 376 385 386
ראַבינסאַן יעקב ד״ר 31 414
ראַדזועלי לייבע 393
ראַזענבלאַט ד״ר 296 300 329 370 375
ראַזענבערג אַלפרעד 33 61 404 408
ראַזענבערג יענקל 348 368 369
ראַזענבערג מרדכי 94 99 130 149 150 154 156 160 171 185 226 227 288 351 371
ראַזענהאָלץ דבורה 129
ראַזענטאַל באָריס 137
ראַזענטאַל חיה 329
ראַזענטאַל לייב 77 303 309 312 329 385 393
ראַטבלום ישראל 293 303 329
ראַטנער יצחק 112 130 131 150 185 207 328 333 340 363 376 385 387
ראַטנער מענדל 333
ראַטשילד הלל 393
ראַטשילד משה 393
ראַכמאַן 250 287
ראַמאַנאָוו פּנחס ד״ר 5

ראָזענבליט אַלפרעד ד״ר 200
רודניצקאָ מאַשאַ 130 145 185 190 193 226
—228
רודניצקאָ עטיאַ 24 159
רייטבאָרד זייגערמאַכער 350
רייטליגגער 25 48 99
רייכעל וועלוול 94 129 150 367
רייפער יעקב 349 370
רילסקי 28
רינדזונסקי 99 100
ריקליס יצחק 329
רישע שאַרל פּראָפ. 197
רעדליך פאַני 129
רעזניק ניסן 98
רעזניק נפתלי ד״ר 200
רעזניק סאָניאַ 303 312
רעכעס שמואל ד״ר 200
רעמז 348
רוכאָוויטש שמעון 398
ראָם מיכאל (מישאַ) 200 300
ראָן גריגאָרי ד״ר 200
ראָסקין חיים 329
ראָסקין זלמן 329
ראָשקעס לעאָ ד״ר 200
רובין דאָראַ 201
רודניצקאָ 130 145 172 185 190 193 226—
228
רודניצקי פּראָפ. 325
רודניק 353
רוזשקע 23 96 97 99 101 327
רוטשניק יצחק ד״ר 143 200 208
רוטענבערג אַרמין 112 125—131 141 150
199 203 379 381 406
רונדע ערנסט 125—131 139 199 405
רוסע דוד 249
ריווקינד לעאָ 200 227 325
רייד ווילעם 40
רייזיג 125—131 405

שאַטקוס 125 131
שאַיעוויטש בענאַ 07
שאראפּיי לאה 326
שאַרף שלמה 303 308 335 336

שאַרפּעטער עריך („דער קירקעניק״) 125—
131 138 146 149 151 152 195 199 201—
203 205 208 256 291 292 407
שבתיל בן ברוך 151 158 159 278
שואג אברהם 288 300
שוואַרץ (שוואַרצע) וואַלטער 125—131 152
327 381 407
שוואַרץ־גלאָבוס ד״ר 200 208
שוחטמאַן יהודה לייב 329
שולצע (לאַגעדי) 173
שומעליסקי זאב ד״ר 200
שומעליסקי 299 339
שומעליסקי 357
שוסטער אהרן 25 228 368 382 386 387
שוסטער שמואל 137 171 209 225 227 266
288 299 352 371
שור בערל 38
שור חיים 38
שור 100
שטאָכע קורט 125 131 407
שטאָלעקער פראַנץ 35 36 39 40 124 404 407
שטיגליץ באַראָן פאָן 171
שטיוועץ סטעפאַן 125—131 407
שטיינבערג לוסיען 51
שטיינבערג (אָטע) 140
שטיינבערגער 125 131 406 407
שטייץ 68
סטראָזש 250
שיינבוים יחיאל 70 71 80 81 98 101 410
שיינקער ברכה 363 376
שיינקער (אַנטלויפער) 363
„שיפעלע״ 125 215
שיקאָראַ 373
שמושקאָוויטש אַלעקסאַנדער ד״ר 200
שמידט 125—131
שמערקאָוויטש 138
שימאַנאָוויטש אוריאל 350 371 378
שנאַבעל העלמוט 20 121 125—131 137 139
143 144 149 157 158 172 285—287 370
390 405 406
שניאור (דונסקי ?) 283
שניידמאַן תמרה 98
שניפּישאַק חיה 158

שעכטער־ציישלין גיטע 132
שערנער (גענעראַל) 115
שעפּע וואַלטער 125—131
שעפּטעל אַריה (לייב) 24 129 130 139 149 160 171—173 206 208 209 225 228 268 276 278 287 299 305
שעווטשיק לייבקע 366 369
שער יעקב 329
שערטאַק 296 300 370
שפּיראַ מאַרק 303 332 393
שפּיראַ פּימע 303 305 307 332 393
שפּיראַ קלמן ד״ר 200 208
שרייבער 364 368
שרת משה 296 370
תּרח ברוך 148
תרשיס חיה 129 147 148 152 200 207 208 209 278 279 375
תמיר אלעקסאַנדער 208

אַחוץ די נעמען וואָס זענען געבראַכט אין דער ביבליאָגראַפיע, זע אויך די ליסטעס:

א) רשימה פון די געראַטעוועטע פון קלאָגע ז״ז 387—388.
ב) רשימה פון עדות ז״ז 394—398.
ג) רשימה פון מחברים (פון ביכער און אַרבעטן וועגן דער תקופה פון די געטאָס און לאַגערן, העברעיש, יידיש און אַנד. שפּראַכן) ז״ז 414—420.

אינדעקס פון ערטער

אַאַכען 221 138 171 179 185 192 201 202 204 206 212 214 255 261 262 283 297 301 304
אַבערלויטנאַנטסדאָרף 404
אויגוסטאָווע 89
אויסטראַליע 403
אונגאַרן 16 91 103
אושוויץ 13 31 44 51 90 103 123 125—131 142 144 146 151 154 157—160 191 202 209 249 285 297 393 399 407 411 412
אושוויץ־בירקענאַו 151 249 269
אַזאַרי 113 116 122—131 143 155 157 206 261 265 269 295 345—347 389 405
אַזאַרציאַי 86 87 410
אַאוּוואַראַ 25 94 113 114 125—131 135 137
איזביצע 48
אייראָפּע 21
אילינורמע 113 114 122—131 147 148 160 161 167 179 185 188 189 205 206 268 269 283 301—304 330 331 412
אַלגאַו 406
אַלשאַן 251
אַלעקסאַט (פּלי־פּלאַץ) 87
אַמעריקע 21
אַסטזועע 391
אַסטלאַנד 13 14 18 33 60 62 63 402—404 409
אַשמענע 96 158
אַרשע 60

באַד שולצען 406
באַבי־יאַר 44
באַהעמיע־מאַראַוויע 50
באַלטישער ים 14 115 116 214 377 289 391
באַלטישע לענדער 13 14 34 402
„באַלטיסקי פּאַרט" 113 213 224 266
באַראַנאָוויטש 34
בוכנוואַלד 25 399 400
בילעפעלד 404
בידגאָשטש 45
ביעלאַרוסיע 13 33
ביסטריצע 90 114 219 412
בעזדאַן 71 94
בערגען־בעלזען 370
בערלין 13 18 48 64 68 79 84 120 409

גאַטשין = קראַסנאַגוואַרדייסק 34
גאָלדפילץ 25 90 113—117 125—131 137 143

150 155 157 170 206 212—215 228 255
262 268 269 275—277 284 292 295 300
301 304 325 329 330 331 337 338 344
345 347 349 354 355 357 361 364 368
369 373 374 377 389 392 405 413
גדאָוו 353
גודאַגאַי 70
גיססען 404
גראָסראָזען 390
גריני 309

דאָוטמערגען 20 250 295 300 337 370 390
392 399
דאַכאַו 118 399
דאַנציג 389
דאָרפּאַט 32 34 214 221 408
דווינסק = דינאַבורג 212 220 389
דווינע 115 412
דניעפּר 60
דעוויקאָ 408
דערעטשין 130
דרעזדען 45

האַמעל 60
האַנאָווער 406
האַזעלבאַד 406
האָראָדענקאָ 213 218 353 355
הונגענבורג 113 114 117 162 171 189 204
212 215 250 284
הייליקענבייל 391
העכינגען 20 297 392 406
העלמשטאַדט 401

וואָלגאָ 32
וואָלדנאַאַב 400
וואַרשע 48 390
וויוויקאַני 113 114 117 125—131 136 137
143 148 155 157 161 162 171 173 189
200 212 213 215 216 250 255 256 284 285
287 298 304 313 330 331 345 347 349 356
400
וויזענבערג = ראַקווערע 25 32 268
וויטעבסק 60

ווייוואָראַ 25 63 64 83 90 100 101 113—115
117 120 125—131 135 137 138 144 148
150 155 157—159 161 162 179 185 189
200—203 205 207 209 212—214 217 219
250 265 266 275 276 278 282 285 287
296 298 302 305 310 327 330 331 334
345 347 349 350 356 360 364 370 371
399 401 402 404—407 410
ווייוואָראַ־סאַקי 120 121 125—131 149 406
ווילאַנדי = פעלין 25 32
ווילנע 13 34 38 40 54—107 147 152 208
215 239 240 247 308 328 355 385 389
392 (זע אויך געטאָ־ווילנע)
ווירטענבערג 404
ווייסרוסלאַנד. זע ביעלאָרוסיע
וועליקיע לוקי 212 214
וועסקי 213 218 402
ווערענאָ 403

זאַפּישקיס = סאַפּיזישאָק 85
זשעזשמאַר = זעזמער 85

חארקו 35 36 400

טאַלין (תפיסה, לאַגער) 19 20 32—38 40
41 47 56 113 114 116 122—131 165 173
189 195 211 213 219 225 264 270 323 357
363 371 376—379 381 385 387 389 406
408 413
טאַלין־כאַריו 204
טאַרטו 34—36 115 124—131 148 178 401
402 408 412 413
טילזיט 45
טיראָל 406
טיראָל 390 406
טערעזיענשטאַט 13 25 36—38 44—47 51
130 408
טשעכאָסלאָוואַקיי 16 50
טראַנסילוואַניע 13 90 239 240
טרעבלינקע 51

יאַגאַלאַ 46 49 50—58 113 131—154 165

170 173 178 211 219 225 266 270 401
402 408 409
יאַמאַ 355
יעגאַלאַ (טייך) 53
יעוויע 113 114 125—131 138 161 162 185
201 206 212 213 217 265 276 278 287
345 350 ת״3 401
יעזאָר 391
ישראל 21 385

לאַגעדי (א׳ און ב׳) 15 21 22 113—117 125—
131 136 138 145 149 150 155 158 161
163 166 171 173 189 206 212 213 217
250 258 262 276—278 287 295 298 302
305 324 326 332 338 345 350 371 377—
379 385 389 392 400 401 404 407 408
414
לאָדזש 44 392
לאַטוויע 16 32—34 61 63 89 90 114 239
240 402 411
לאַנדסבערג 399
לאַנקילאַ 113 125—131 4 22 276 366 381
לובלין 14 44 51
לוגאַ 34
לוקישקי 66
ליטע 32—34 68 79 83 141
לייפּציג 407
ליכטענבורג 399
לעמאַטיס 35
לענינגראַד 14 59 114 305 409 411

מאַנהיים 400
מאַסקווע 14
מאַשקוציאַי (באַן־סטאַציע) 94 151
מיידאַנעק 14 44 325
מיכאַלישאָק 66 67 96 349
מינכען 118 404
מינסק 34 44 48 51 68
מצרים 407

נאָווגאָראָד 114
נאַראַטשער וואַלד 99
נאַרווע (שטאָט, לאַגער) 25 32 34 60 113—
115 117 125—131 136 138 143—145 149
155 158 159 161—163 167 168 170 200
204 206 213 217 256 262 263 269 276
287 288 295 301 303 305 325 330 332
350 351 368 389 404—406 410 412
נאַרווע (טייך) 215
נאַצווייַלער־שטרוטהאָף 133 295 390 401
נוישטאָט 400
ניי־ווילייקע 74
נירענבערג 403
נעוואַל 60

סאָזש 60
סאַל 66 67
סאלגאו 390
סאַנדאַ 113 116 125—131 145 161 163
172 179 185 186 218 264 267 276 288
330 332 352 356 389
סאַסקי 113 114 117 125—131 161 163 212
213 218 266 276 277 299 325 344 345
348 352—354 356 361 368 371 405
סאַקי 121 125—131
סווענציאַן = שווענציאַן 66 67 96
סלאַבאַדקע = ווילִיאַמפּאָלי 85
סמאַרגאָן 337
סידניי 403
סעראַפּעען 391

עסלוערגען 399
ערעדאַ 23 47 90 113—116 125—131 136
142 143 145 146 148 151 152 155 158—
163 165 166 169 178 179 185 188
199 204—206 208 210 212—214 216
218 219 248 263—265 269 276—278
289 301 301 325 330 332 344 346 347
355—357 368 371—374 377 389 392 405
406 411 413

פּאַלאַצק 389
פּאַלטין 396
פּאַלעמאָן 88
פּאַלמניקען 391

פאַנאַר 40 42 44 65—69 71 93 94 97 103 142 147 152 202
פאַפעליאַן 94
פאַרובאַנעק (לופטפאַרט און איינהייט) 72 73
פאַריז 51
פויזן 45
פוטקי 113 116 125—131 213 219
פוילן 45 51
פיאַטרקאָוו 340
פייפוס 60 115 121 214 218 375 389 412
פיאַרנו 32 34 36
פיטיווע 340
פינישער אויסגוס 60 114 117 212 214 218 386
פינלאַנד 38
פישהאַוזען 391
פלאַסענבורג 399
פסקאָוו = פלעסקאַו 34 36 60 115 389 403 408 412
פעלין = וויליאַנדי 32
פראַג 45
פראַנקפורט אַם־מיין 13 48 409
פראַנקרייך 16 38 400
פרייסן (מזרח) 391

קאָבערנעמע 36 50
קאָוונע 13 24 25 34 38 85 220 206 215 239 240 247 ; זע געטאָ־קאָוונע ; קאָוונער לאַ־גער 63 64
קאַטוואַ 151
קאַטלאַ־יאַרוואַ 25 163 214 216 219
קאַטלע 368
קאַלעווי־ליוואַ 36 37 46—52 56 57 221 401 402 408 409
קאַסטיוועראַ 51 57 211
קונדאַ 113 116 125—131 139 155 158 163
קאַשידאַר 85 190 212 219 263 264 290 330 333 360 386
קוראַסאַרע 25 402
קורלאַנד 32
קורעמע 24 25 101 113 114 117 125—131 140 146 148 155 156 160 162 164 171 185 196 199 201—203 205—209 212 219 227 248 256 257 263 264 267 276 277 290—292 301 302 307 325 330 337 339 344 345 347 354 355 360 361 368 374 375 405 407
קיוויאַלי 23 25 90 113 114 116 117 125—131 142 147 148 155 158 161 164 179 186 192 200 202 203 212—214 219 250 264 266 269 276 277 292 293 295 303 307 318 320 330 334 335 345 361 362 389 401 403 405 412 413
קיידאַן 88
קייזערוואַלד 38 41 63 89 214 239 277 401 402
קיעוו 42
קלאָגע 15 19 21—23 25 41 47 90 112—114 116 121—123 125—131 135 136 140—142 144 147—149 155 156 158 160—164 166 169—171 173 179 180 185 186 189 190 192 196 197 199 200 202 203 205—207 212—214 220—222 229 236 244 848—250 256 258 259 264 266 267 269 270 276—279 285 287 293 294 296 300—302 305 308 309 324 326 330 335—337 340 344 345 350 362 363 366 368 371 376—378 389 400 401 403—407 413
קענע 71
קעניגסבערג 328 391
קערטש 60 401
קראַסנאַגוואַרדייסק = גאַטשין 34 400 407
קראַסנאַיע־סעלאָ 34
קרים 60 410

ראַדאַם 335
ראַקווערע =וועזענבערג 32
ראַע 36
ראַזיקו 45—51 408 409
ראַטנפאַרבאַנד 13 14 37 59
ראַסאַ (פלאַץ) 81 84 92 94
רוסאַטשין 309 329
ריגע 13 37 45 49 51 60 61 63 72 77 90 94 122 142 145 202 208 214 277 392 401—403 405 409 412 ; זע געטאָ ריגע

שאַוול 20 21 34 88 90 91 94 276 278 411 ; זע געטאָ שאַוולי
שאַטענבערג, באַד 34
שאַנץ 88
שוועדן 364
שטוטגאַרט 401 403
שטוטהאָף 20 25 47 90 116 117 125 131 148 149 159 250 276—278 281 293 295 303 304 310 323 327—329 340 362 377 385 389 392 406 413
שיפּנבייל 391
שעמבערג 406

ענינים

אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס אין די לאַגערן 244—251
אוניווערסיטעט דאָרפּאַט 33 39
אַוויטאַמינאָזע 291 — זע קראַנקייטן
אוקראַינער 84 87 91 121 153 172 267 343
אונטערערדישע באַוועגונג יידישע: ווילנער געטאָ 69—71 ; קאָוונער געטאָ 24 153 ; עסטאָנישע לאַגערן 277 341—376
אויסטויש־מסחר אין די עסטאָנישע לאַגערן 176—177
אויפשטאַנד פון די אַרויסגעפירטע פון ווילנער געטאָ 15 72—74 409
אויפשטאַנד פון ביאַליסטאָקער געטאָ 98
„אָ־טע" (אָרגאַניזאַציע, אויפזעער) 121 123 124 126 218 226 238 244 248 270 289 295 304 313 353 376 404
אַטענטאַט קעגן היטלערן 392 412
איבערזידלונגען פון לאַגער צו לאַגער 44 341
אידעישע גרופּירונגען אין די עסטאָנישע לאַגערן, חלוצים, שומרים, ביתרים, ציוניסטן, בונדיסטן, קאָמוניסטן 257 ; זע „שאר ישוב"
איזדיעקעווען זיך 55
איילשיפּער־געביט. זע: סלאָניעץ
איינזאַצגרופּן 14 18 19 34 37 85 400 401 403 407
איינזאַצקאָמאַנדאָס: צוויי 34 ; דריי 34 85
„אָמאַקייטסע" 35 38 401
אַנטיסעמיטיזם: ביי די סאָוויעטשע קריגס־געפאַנגענע 269 ; אין עסטאָניע 33 39
אַנטלאָפענע פון באַנען („טראַנספּאָרטן") 15 93—95 136 138 ; עסטאָנישע לאַגערן 341 376—413 ; אומקום־ערטער אין עסטאָניע: אַזאַרי, לאַגעדי, קלאָגע 345 ; פּאַנאַר 93 103—104
אָסט־איינזאַץ 264
אָסט־אַרבייטער 270
אָסט־געביטן 61
אָסטמיניסטעריום 33
„אָסטער"־אַקציע 115
אָפּגעשוואַכטע 60 231
אַפּעלן 112 132 133
אַקציעס: אין ווילנער געטאָ 65 81 82 ; „קאָוונע־פּאַנאַר" 67—69 72 86 94 ; קאָוונער געטאָ 86—88 ; שאַוולער געטאָ 88 ; עסטאָנישע לאַגערן 82 399—407
ארץ־ישראל (ישראל) 390
„אַראַבער" 188 192

„באַדינגונגען אין די לאַגערן 234. זע „לאַגערבעטריב"
באָק (קאַזיאַל) 135 137
באַרבאַראָסאַ (=מלחמה) 14 18 34 39 42 408
באַריקאַדע אויף סטראַשון. זע: יחיאל שיינבוים 12 80 101
באַשפּייזונג 55 185 187—193
בויטנלאַגער 73
בונדיסטן 340
בורבישקי (איינהייט) 73 93
ביבליאָגראַפיע (פונעם בוך) 414—420
בית לוחמי הגיטאות (=בילה"ג) 64 159 207 229 376 387 414
ביתר אין ווילנער געטאָ 99
בלאָקעלטעסטע 233 243 ; בלאָקפערסאָנאַל 243 ; בלאָקשרייבער 233

בעלגיער 266
בעלי מלאכות (זע: וואַרשטאַטן) 167 175 217 234 235 257 281 286 293
בערלינער שטאַטישער הלוואות־אַנשטאַלט 37
בריוו פון אַרויסגעפירטע אין די לאַגערן 76 80—91
„ברעטער־בריוו" (זע: געהיימע קאָנטאַקטן)
ברענען מתים 218
בריגאַדירן יידישע 15

„גורל־פאַרבינדונגען" 294—296
גייסטיקער ווידערשטאַנד פון די קאַצעטלער (מסירת־נפש, סאָלידאַריטעט, עמידה) 280—300
„גימנאַסטישע איבונגען" 133—134
געהיימע קאָנטאַקטן צווישן די לאַגערן 275—279
געז. הילפסקאָמיטעט ג' ווילנע 99 293
געטאָ ווילנע 13 15 20 59 63 65—85 90 107 113 120 137 154 155 157 159 165 171 196 205 206 275 285 297 298 303 306 312 325 327 329 336; בריגאַדירן 74—76; „געטאָ־ידיעות" 66 82 202; ווידערשטאַנד (זע: ווידערשטאַנד־באַוועגונג און פּאַרטיזאַנער); פּאָליציי 68 75 76 82 84 90; תפיסה 66
געטאָס: אָסטלאַנד 60 61 63; אָשמענע 66 67; גראָדנע 98; ביאַליסטאָק 98; וואַרשע 98; לאָדזש 48; מיכאַלישאָק, סאָל 66; 97; סוויר 97; סווענציאַן 97; פּאָניעוועזש 66 97; שאַוול 63 97 155; ריגע 66 62
געטאָ קאָוונע 13 15 24 59 66 67 85—89 97 113 141 154 157 166 186 346 410
גענעראַלקאָמיסאַר: טאַלין 62; ריגע 63
געשאַפּאָ 60 67 71 73 78 85 87 89 188 261 262 343
„געשטאַפּאָ" (ד"ה יידן פיזישע אַרבעטער ביי) 82
גרוזינער 172 343

דאָקומענטאַציע־צענטער, פּאַריז 414
דאָקטוירים אין ווילנער געטאָ 80
דאָקטוירים יידישע אין די לאַגערן 194—199 282 400; „שטרעקע דאָקטוירים" 196
„דין תורה" 254 258
דינאַמיק פון די לאַגערן 114
דעפּאָרטאַציעס 13 42—58 59—107 261

האָלענדער 16 17 260 264—266 275 276 344
האָלענדישע יידישע אונטערערדישע גרופּע 265 344 349 370
האַנטווערקער, (זע: בעלי־מלאכה) 217 234 235
הונגער 176—178
החלוץ אין ווילנע 289 357
היינץ און העבעל (פירמע) 227
„הינטישע בודקעס" 161—163 276
העכערער ס.ס. און פּאָליצייפירער 60
ה.ק.פ.־בלאָק 82 275 276

וואַלדבריגאַדע 215
וואַנזעע־קאָנפערענץ 36 40 48
וואַסער 178־187
„וואַפּס" 33
וואַרשטאַטן (זע: בעלי־מלאכה)
ווידערשטאַנד־אַקטן אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע 345 א"וו
ווידערשטאַנד־באַוועגונג: ווילנער געטאָ 15 66 69—74 81 85 409; זע: אַנטלאָפענע; קאָוונער געטאָ 24 153; לאַגערן 277 341—376
ווייסע נעכט, פּאָלאַרע נעכט 170
„וולאַסאָווצעס" 17 87 94 121 267 343 355
ווילנער אין אַמעריקע 393; מאָנטרעאַל 393; ישראל ...
וועלדער: אויגוסטאָווער 15 24 89 411; נאַראַטשער 83 99 276 410; רודניצקער 83 99 410; עסטאָנישע 341—376; גיין אין די 102
ווערמאַכט = דייטשע אַרמיי 18 34 59 114 115 211 403

„זאַמל־לאַגער" 391
זאַנדערבעהאַנדלונג 38 41 224 278

זאַנדערקאָמאַנדאָס: א־1 14 19 34 37 51 400 403; ב־1 34
זאַנדערקאָמאַנדאָ פון טאַלין 403
זיכערהייטספּאָליציי און ס.ד.: טאַלין 40; ליטע 79; עסטאָניע 37 47 403
זכרונות־ביכער 18
זעלבסטמאָרד־אַקטן 48 202 207 283 362 400
„זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די לאַגערניקעס" 244
זקנים 60 84 231 346; אַקציע 142—148 292 294

חברשאַפטן 243
חלוצים אין ווילנער געטאָ 98
טאַגביכער זע: קולטור־לעבן
„טאָג פון יחיאל שיינבוים" 80 81
טאַלינער פּראָצעסן 37 40 49 51 128 400—403
טויט־בריגאַדע „נר. 1005" 401
טויטן־מאַרש 390
טיפוס־קראַנקע 275; טיפוס־מגיפה 283
טראַנספּאָרטן (זע: דעפּאָרטאַציעס); פון ווילנער געטאָ און קאָוונער געטאָ 59—107; טערעזיענשטאַט 44—55; רייך 52—58; אָסטראָוויעץ, גודאָגאַי, מיכאַלישאָק, סאָל, סווענציאַן 67

יד ושם 19 21—24 62 102 151 172 186 207 208 229 305 393 404
יודענראַט: אָשמענע 97; ווילנע 84
יום־כיפור (זע: רעליגיע)
„יחיאל" קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע 70 83 341
ייד. דאָקומענטאַציע־צענטער, פּאַריז 51
יידיש־האָלענדישע גרופּע (זע: האָלענדישע יידישע אונט. גרופּע 49
יידן: אָשמענער 67; ביסטריצער 103; בערלינער 48; דייטשע 49 234—240; ווילנער (זע: ווילנע, ווילנער געטאָ); טראַנסילוואַניער 90; טשעכישע 49 239 240; לאַטווישע 89 90; עסטאָנישע 13 24 32—41; קאָוונער (זע: קאָוונע, קאָוונער געטאָ); „אַרבעטספּעציקע" 60; „נישט־נייטיקע" 60
ייוואָ 414

כראָנאָלאָגיע 408—413

לאַגערן
אינטערנאַציאָנאַלע 239 249 250; „מאָנאָ־נאַציאָנאַלע" 251; לאַגערן אין ווילנער אומגעגנט: ביאַלעוואָקע, בעזדאַן, וועוויע, זשעזמער, ניי־ווילייקע, רעשע, זשאָסלי, קענע 97; יידן־לאַגערן אין עסטאָניע: אַאוואַרע, אַזאַרי, אילינורמע, גאָלדפילץ, הונגענבורג, וויוויקאָני, וויוואַרע, טאַלין (=לאַגער), יאַגאַלאַ (מיט ביי־לאַגער קאָסטיווערע), יעוויע, לאַגעדי א׳, ב׳, נאַרוואַ, סאַנדאַ, סאָסקי, ערעדאַ, קונדאַ (פּאָרט־קונדאַ), קורעמע, קיוויאָלי (א׳, ב׳, ג׳), קלאָגע (ביי־לאַגער לאַנקילאַ). זע וועגן יעדן איינעם לויטן א"ב אינעם שליסל פון די ערטער.
לאַגערן לויט זייערע קאַטעגאָריעס: „יידן־לאַגערן" (זע אויבן), געמישטע לאַגערן, אַרבייטס־לאַגערן, שטראָף־לאַגערן, פאַרניכטונגס־לאַגערן, פרויען־לאַגערן (יאַגאַלאַ), איבערגאַנג־לאַגערן (וויוואַרע), ביי־לאַגערן, „זאַמל־לאַגערן"
לאַגערן „די־פּי" אין דייטשלאַנד
לאַגערן פון סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע (זע: סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע)
„לאַגערבעטריב" 232 233 236 248 168 173
לאַגערעלטעסטע 233 243 245 246 248—251 276 277
לאַגערפירערס 124—131
לאַגערפערסאָנאַל 233
„לאַגער־קיבוץ", „לאַגער־קאָלעקטיוו", „לאַגער־קאָמונע" („געטרייע חברים") 294—296
לאַגער־תפילה 352
לאַנדסקאָמיסאַריאַט: ביעלאָרוסיע, לאַטוויע, ליטע, עסטלאַנד 33
לופט־אַנגריפן 170 333
לוקישקי (תפיסה) 90
לידער 301—329 296
לידער, פּאַרטיזאַנישע 241
ליטווינער 72 85
ליטעראַרישע שאַפונגען 301 302

ליטווישע דיוויזיע 38
לעבנס־באַדינגונגען אין די לאַגערן 160—173
ליקווידאַציע פון די לעצטע לאַגערן 377—387
לעונינגראַדער פראָנט 59 114 119 161 211
לעבעדיקע צייטונג 301
לעטן 72
לערערס 282
לעבנגעבליבענע פון קלאָגע

„מאַר״, לאַגער 143
מאַראַלישע ווערטן 182—185 241—243 245 247
„מוזלמאַן״ 43 165 181 184 185 194 204 241 246 305 327 331
„מזרח־וואַנט״ 59 60 410
מחבר פון בוך (= ד״ר דוואָרזשעצקי) 276 277
מחברים פון ביכער וועגן געטאָס און קאַצעטן (זע: ביבליאָגראַפיע) 415—420
מייסטערס 236 237
„מיליטערישער שפּיטאָל״, ווילנע 82
מלבושים 166 167
מנינים (זע: רעליגיע)
מעדיקאַמענטן 203
מצב אויף די פראָנטן 113—117
מרחץ אין די לאַגערן 179 180
משפטים קעגן קריגספאַרברעכער 18
מתים־ברענער 205 283
מתים־טרעגער 170

„נאַטירלעכע פאַרמינדערונג״ 230
נאַראָטשער פושטשע 83
נומערירונג 168
נאַצי־פאַרברעכער אין עסטאָניע 407—499
נאָרוועגישע קאַצעטלער 390

סאָוויעטישע אָפענסיווע 114—117 142 347 356 377 378 389 411—413; מיליטער 51 370 קריגסגעפאַנגענע 9 13 14 16 17 25 38 52 85 171 172 191 211 212 219 266— 270 282 292 318 324 343 381 413
סאַבאָטאַזש־טעטיקייט 354
סאָלדאַטן „ניקאָלאַיעווער״ 32
סאָלידאַריטעט 182—185; פון קינדער 154—160
סאַניטעטרס 125
סאָציאָלאָגישע פאַרענדערונגען אין די לאַ־גער־ 230—243
סטאַטיסטיק 114
סיסטעם פון טעראָר 132—153
סלאַניעיעץ, פעלזן און שאַכטן 114 161 211 212 215 216 219 227 268
סעלעקציעס 42 49 84 121 126 142—148 180 181 231 282 292 399—407
ס.ס.דאָקטוירים (זע: „קראַנקייטן״)
ס.ס.־הינט 133 136 137
ס.ס.־ווירטשאַפטספאַרוואַלטונג הויפּטאַמט 60

עדות־רשימה 394—398
עוואַקואַציע פון די לאַגערן 114 115 117 121 389—393
עסטאָניער 16 46 55 72 113 216 260—264 284—298 350 354 360 382 364 369 375 אַפּיצירן 224; בוגדים 128; וואַכמענער 55 287; זעלבסט־פאַרוואַלטונג 33; כירורג 263; עסטאָניש־סאָוויעטישע איינהייט 38; ס.ס.־לעגיאָן 14 34 38 381; ס.ס.־לייט 260 262; פאָליציי 14 350; פאַסטנס 252 343; פאַרטיזאַנער 261 263 355 361 367 407; פרויען 264 349 351 361; 374; צוואַנגס־אַרבייטער 262; גאַלאַבאַראַטאָרן 34 35 403; רעגירונג 13 14; שוועסטער 263
עסטאָניש יידנטום 32—41
„עסטלאַנד״, לאַנדסקאָמיסאַריאַט 237
עסטרייכער 237

פאַליאַקן 89
פאָלקסגעריכטן, דייטשע 118
פאָלקלאָר 255—257
פאָלקסדויטשן 245
פאַכאַרבייטער 215 246—248
פאַראַטיפוס (זע: קראַנקייטן)
פאַרברעכערס (באַרופס־, זיכערהייטס־) 245
פאַרטיזאַנער: ווילנער געטאָ 66 78 80 276; ה.ק.פ.־בלאָק 98; קאָוונער געטאָ 88 89;

פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג, יידישע אין די עסטאָנישע לאַגערן 399—407 ; „פּאַרטיזאַנער ליטווישע (קאָלאַבאָראַטאָרן 85 ; עסטאָנישע 17 261 343 355 367 371 372 375 407 ; סאָוויעטישע 17 342 343 371 ; פּאַרטיזאַנערינס 80
פּאַרלייזיקונג (זע : קראַנקייטן)
„פּאַשאַקעס" (פּאַסקאָווע זאַכן) 167
פּורים ; ווילנער געטאָ 66 ; אין די עסטאָנישע לאַגערן
פּועלי־ציון התאחדות (אונטערערדישע גרופּע אין ווילנער געטאָ) 101
פּייניקונגען 132—142
פּינישע באַראַקן 161—164
באַלט־אייל „סילאַם" 216
פּירמעס דייטשע, וועלכע האָבן עקספּלאָאַטירט די יידישע קאַצעטלער אין עסטאָניע : בעקער ראָבערט 218 ; האַן 218 ; הייניץ און העבעל 217 ; פּילצער 217 ; שרעדער 217
פּליטים, יידישע, 65
„פלעגער, ד.ה. יידישער אַרצט 196
פלעקטיפוס (זע : קראַנקייטן)
„פּערעבעזשיקי (זע : „פּערעקולשטשיקי")
"פּערעקולשטשיקי" 17 172 222 267
פּ.פּ.אָ. 69 70 80 81 98 160 276 295 341 344 352 354 356 373 410 (זע : פּאַרטיזאַנער, יידישע)
פּ.פּ.אָ. = פּ.אָ אין קלאָגע 365
פראַנטן : לענינגראַדער 59 ; באַלטישער 389 ; ווייסרוסישער 389 ; לעניגראַד־וואָלאָכאָוו 114 411 ; נאַרוועער 403
פראַנצויזישע יידן 41 378
פרייהייט־החלוץ־הצעיר 101
„פרייוויליקע" 285
„פּריינטשאַפּט־גרופּן" = חברשאַפטן, קאָלעקטיוון, קאָאָפּעראַטיוון, קאָמונעס 242
פּראָצעסן : אייכמאַן 40 103 ; אייַנזאַצגרופּן 403 ; העכינגען 149 172 285 297 329 349 370 406 ; טאַלינער 37 40 49 51 128 295 405 413 ; נירנבערג 12 19 29 ; ריגע 403
פרויען, געטאָ און לאַגערן 75 80 82 184 189 191 213 216 219 220 222 214 215 283 285—290 292—294 336 339 412 ; אונגאַרישע 239; ביסטריצער 90; ווילנער 102 341 392 ; יאַגאַלער 52—58 ; סאָוויעטישע 179 ; קאָוונער 141 ; עסטאָנישע 276 277 291 ; עסטאָניש־יידישע 35 ; פרויען־בלאָק 243 ; „פרויען־טראַנספּאָרט" 102 ; „פרויען־עלטעסטע 42 55

צוריקצוג פון עסטאָניע 115 116 377 413
„צען־פּראָצענטיקע אַקציע" 82 115 143 152 156 157 389 403 413
צופּאַסן זיך צו די לאַגער־באַדינגונגען 174—186
צווייטער באַטאַליאָן פון פּ.פּ.אָ. 81 94 325 344 347 352 355 357 361 367 410
ציגיינער 43 50 401

קאָלאַבאָראַטאָרן : עסטאָניער 13 ; גרוזינער 268 ; רוסישע 268
קאָמוניסטישע גרופּע ג׳ ווילנע 99 ; קאָמוניסטן אין די לאַגערן 340
קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע „יחיאל" 70 83 341
קאַמף פאַרן געזונט 194—199
קאָנטאַקטן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג 260—174 ; מיט פּאַרטיזאַנער 342
קאָנצענטראַציע־לאַגערן 60 63 64 (זע : לאַגערן)
„קאַצעטן־שיטה" 15 26 118 119 280 341
קאַצעטלער־דאָקטאָר (זע : קראַנקייטן)
קאַפּאָ 246 249—251
קדיש 282
קבורה 283
קדוש־השם 294
קיבוצים : באָראָכאָוו, שחריה 101 ; קיבוץ לוחמי הגיטאות 304
קייליס־בלאָק 82 275
קולטור־לעבן אין די עסטאָנישע לאַגערן 301—329 ; מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס 301—303 ;סימפּאָזיומס 301—304
קינדער 50 60 75 84 142—148 160 186 221 232 284 292 296—298 349 351 400 401 405 413 ; קינדער־טראַנספּאָרט 289
קלומפּעס 168 174 175
קלימאַט 170 174 176

קראַנקייטן 194—199 406
קראַנקע 56 231 406 (זע: קראַנקייטן)
קראַנקנשוועסטערס 202
קריגסגעפאַנגענע יידישע 25 38; גרוזינער 267; סאָוויעטישע (זע: סאָוויעטישע קריגס געפאַנגענע)

ראַטנפאַרבאַנד 211; רוסן 32 121 260 172 343 355; (זע: סאָוויעטישע קריגסגעפאַנ־גענע
ראָזענבערג־אינסטיטוט 95
רודניצקער פושטשע 83
רויטער קויל 350 352
„רויטער קרייץ 205 210
רייכסבאַן 46 48; רייכסדויטשן 245; רייכס־זיכערהייטסהאַופּטאַמט 60 64 79 120 122 123 399—407; רייכספירער־ס.ס. 64;
רייכסקאָמיסאַריאַט: אוקראַינע 33 אָסט־לאַנד 33 62 63
רעוויר 286 296
רעזשים אין די לאַגערן 118 119
רעליגיעז לעבן אין די לאַגערן 330—340: הגדות, חומשים, חזנים, חנוכה, טלית און תפילין, יאָרצייטן, יום־כיפור, ישיבה־בחו־רים„ כשרות, לוויה„ מנינים, מצות, סדרים, סידורים, ספר־תורה, פורים, פסח; קבורה 283 קדיש 282 קדוש השם 294 ראש־השנה 184 רבנים 285; שבת, שמחת־תורה, תנ"ך, תפילות.
רציחות 399—407
„שאר ישוב" 257 329 349 370 375
שארית הפליטה 390
שחיטה ביים באַלטישן ים 391
שחיטה אין קלאַגע 148 363 379—387 400 401 403 404 406 413
שחיטה אין לאַגעדי 350—379 401 413
„שטאַרקע" 258 334
שטערבלעכקייט 194—199 204
שטראָפן 132—142; שטראָפבאַפעל 133; שטראָפאיבונגען 134; שטראָפקאָמאַנדאָ 239
שיטה פון דעפּאָרטאַציעס 15 44 74
שמיץ 135—137 178 180 198 361
שנאָריטע (שנאָרערס) 137 176 188 203 270 281 284
שאַפּיראָס טאַרטאַק 74
שערן און ראַזירן 334
שרייבער פון די שורות (= ד"ר דוואָר־זשעצקי) 286 290 291
שרייבערס 282
שרייבער, זשורנאַליסטן, אַרטיסטן און קינ־סטלער אין די עסטאָנישע לאַגערן 301—329

תקיעת־כף 283 336